This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

12

1970

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פסס״ר

צענטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

מאָסקווע

12

דעקאַבער

1970

БИБЛИОТЕКА
ДОМА ЕВРЕЙСКОЙ КНИГИ
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

אינהאַלט

זײַט

75־טער געבורטסטאָג פון פּערעץ מאַרקיש. **אַף די וועגן פון דער ייִדישער דיכטונג** (אַרטיקל פון פּ. מאַרקיש) 3

אַווראָם גאָנטאַר. מיט אַלע כושים (לידער) 12

כאַיִם מעלאַמוד. אַ וועלט מיט וועלטעלעך (דערציילונג). צייכענונגען פון ג. פּאַנדאָפּולאָ 16

הירש בלאָשטיין. לידער און יאָרן (ציקל) 52

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. הייסע הערצער (ראָמאַן. סאָף). צייכענונגען פון ה. אינגער 58

איטשע באָרוכאָוויטש. מײַן קלאָרע דײַגע (לידער) 102

אַווראָם קאַהאַן (צום 70־טן געבורטסטאָג). **מיט פּעדאַצערס קאַפּעליע און אַנד. דערציילונגען** 106

וואַלענטין קאַטײַעוו. Отче наш (דערציילונג). **ייִדיש — ט. גען.** צייכענונגען פון מ. קליִאַנסקי 120

פאַרגעסענע בלעטער. **יעהודע־לייב גאַמזו. פון מײַנע זיכרוינעס וועגן שאָלעם־אַלייכעמען; בריוו צו י.־ל. גאַמזו** (אַרײַנפיר — ל. פּאָדריאַטשיק) 127

פּובליציסטיק

צוויי צײַטונגס־מאַטעריאַלן אַף איינער און דער זעלבער טעמע. **פּאַוועל ריאַבאָוו. טעג, פולע מיט אײַנדרוקן; מאַיק דײַווידאָוו. ביראָבידזשאַנער רעפּאָרטאַזש** 142

פּרעסע־איבערזיכט. **ס. ביילין. דער עמעסער טײַטש פון די ציִעניסטישע „אידענטיפיצירונגען“** 149

„דזשויִש דעפענס ליג“ — וואָס איז עס? 152

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפיע. פּראַגן פון קונסט.

אַרן ראַסקין. זשורנאַל „מאזנים“: פּראָבלעמען פון דער שאַפונג פון ייִסראָעלדיקע שרײַבער 156

ייִסראָעל סערעבריאַני. שאָלעם־אַלייכעם וועגן קינסטלערישע איבערזעצונגען 164

יעשועַ ליובאָמירסקי. זיכרוינעס וועגן דעם אַקטיאָר רודאָלף זאַסלאַווסקי 171

ווילהעלם לעוויק. אַלעקסאַנדער גלוסקין 176

ביבליִאָגראַפיע. **אַבע פינקעלשטיין. ביכער פון פּערעץ מאַרקיש** 177

כראָניק 119, 141, 148, 163, 170, 179

פאַרשיידנס 180

נאָטיצן אַפן קאַלענדאַר 182

לאָמיר זינגען נײַע לידער. **קער מיר אום צוריק מײַן פײַפל. ווערטער פון אַרן ווערגעליס, מוזיק פון לייב יאַמפּאָלסקי** 184

מוישע שאַפּיראָ. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך 186

אינהאַלט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאַרן יאָר 1970 188

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אָשעראָוויטש,

אי. באָרוכאָוויטש,

א. גאָנטאַר, נאָטע לוריע,

מ. לעוו (פּאַראַנטוו. סעקרעטאַר),

ב. מילער, י. פאַליקמאַן,

ס. פּרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.



וּם 75־טן געבורטסטאָג פונעם גרויסן ייִדישן סאָוועטישן שרײַבער פּערעץ מארקיש, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זײַנע מיטצײַטלער פאַרלייגט דעם פונדאַמענט פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, — פאַרעפנטלעכן מיר זײַנעם אַ ווייניק באַקאַנטן עסיי, וואָס דערטראָגט צו אונדז דעם מעכטיקן שוווּנג פון מארקישעס טאַלאַנט, זײַן הייסן געזעלשאַפטלעכן טעמפּעראַמענט און טיפע אַכרײַעס פאַרן גורל פון אונדזער ליטעראַטור.

דער עסיי „אַף די וועגן פון דער ייִדישער דיכטונג" (געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין זאַמלבוך „טרעפּ" — קאַטערינאָסלאַוו, 1921) איז אַ וויכטיקער ליטעראַטור־היסטאָרישער דאָקומענט, און אײַנצײַטיק זײַנען די פּראָבלעמען, וועלכע ווערן אין אים מיט אַזאַ גלאַנץ באַהאַנדלט, — אַקטועל און נאָענט פאַר דעם איצטיקן עטאַפּ פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

פּערעץ מארקיש רעדט הײַנט ווי אַ לעבעדיקער סײַ מיטן לייענער, סײַ מיטן נײַעם שרײַבערישן דאָר. די ירושה פון איינעם פון די גלענצנדיקע פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער ייִדישער קלאַסיק איז ניט נאָר אַ טייל פון אונדזער ליטעראַטור־אוצר, נאָר אויך אַ געווער אין אַרסענאַל פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

פּערעץ מארקיש

אַף די וועגן פון דער ייִדישער דיכטונג

פאַר דער ייִדישער דיכטונג שטייט איצטער די אייגענע דילעמע, וואָס איז געשטאַנען פאַר מענדעלען, בעשאַס ער האָט זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט זײַן שעפערישן אומרו.

עפּשער נאָר מיט דעם אונטערשייד, וואָס מענדעלע האָט זיך געראַנגלט מיט דער דייע: צי אויפנעמען די שאָפלדיקע קעגנוואַרט, אָדער די גרויסע פאַרגאַנגענהײַט? בײַ דער נײַער דיכטונג — צי אויפנעמען די שאָפלדיקע פאַרגאַנגענהײַט, אָדער די גרויסע קעגנוואַרט?

וויִאַזוי באַטייליקט זיך אין אַזאַ קאַמף די קונסט אַליין? פריִער פאַר אַלץ בלײַבט די קונסט טרײַ אירע אייגענע צילן, זיך אַליין, אירע קינסטלערישע געבאָטן. פריִער פאַר אַלץ נעמט זי אויף דאָס גרויסע, דאָס מעכטיקע.

בײַ מענדעלען — די פאַרגאַנגענהײַט, ווײַל דאָס גרויסע איז אין דער פאַרגאַנגענהײַטס לאַגער; אין אונדזער גרויסער רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע — די גרויסע קעגנוואַרט.

נאָר דער פּראָצעס פון דיכטערישן אויפנעמען די אָדער יענע אָביעקטיווע דערשײַנונג איז שטאַרק פאַרבונדן מיט דער אינדיווידואַליטעט פון דעם אָדער יענעם דיכטער.

ס'זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע דיכטער און פאַרשיידענע מעטאָדן פון שאַפן.

ס'זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע דיכטער, וואָס טראָגן יאָרנלאַנג אויס אין זיך איין און די זעלבע איבערלעבונג, וואָס קערן זיך אַ סאַך מאָל אום צו איינער און דער זעלבער שטימונג, און יעדער מאָל, וואָס זיי קערן זיך אום, קריצן זיי טיפער אויס, ווי מיט אַ דימענט איבער גלאָז, בײַ זיך אין האַרצן דעם אָדער יענעם געפיל. און איינמאָל, ווען די קריצן האָבן זיך שוין אַזוי טיף אײַנגעשניטן און דערגרייכן שוין יענע זײַט האַרץ און געדאַנקען, פאַלט אַראָפּ אַ צײַטיקע אויסגעטראָגענע פרוכט.

אַזעלכע מעטאָדן פון שאַפן באַהערשן די קלאַסיקער, אָדער, ריכטיקער, האָבן באַהערשט די קלאַסיקער.

קלאַסיקער, וואָס האָבן געהאַט גענוג קינסטלערישן גלײַכגעוויכט און שעפערישע רו זיך אופצוהייבן דורך טרעפּ פון אײַנגעוואָרצלטע פאַרגליווערטע טראַדיציעס אַף א הייך פון היסטאָרישע פּערספּעקטיוון, זיצן זיך אין דער זײַט, אַף ווייטע שטרעקעס פון געשעעניש, און זאַמלען קינסטלערישע דעטאַלן, ווי געניטע גערטנער — בלומען אין אייגענעם גאָרטן.

זיי זײַנען מאָנומענטאַל, ווי שטיינערנע פּאָדמורקעס, וואָס אַף זיי דאַרף זיך דורכציִען א גראַנדיִעזער בריק, און דאָס האָבן זיי אָפּגעטאָן. אָבער זיי האָבן ניט געקאָנט ווערן דער אראָפּלאָן פאַר דיכטערישע שטימונגען. זיי זײַנען צופּיל אויסגערעכנט רויִק.

האָראַצי זאָגט וועגן האָמערן: ער דרעמלט אַליין, דער גוטער האָמער, און טוט אַף אונדז א דרעמל אָן.

ס'זײַנען פאַראַן אָבער דיכטונגען (באַזונדערס אין רעוואָלוציאָנערע פּעריאָדן), וואָס קאָנען ניט ליגן אַף פּראַצענט אין הארצן באַם דיכטער און קיינעם ניט לאָזן זיך קומען פאַרבײַטן.

אין א צײַט פון רעוואָלוציאָנערן שטורעם, ווען מע ווערט פאַרכלינעט פון איבערלעבונגען, ווען איידער אַן איבערלעבונג געפינט זיך א טיקן, ווערט מען פאַרכאַפּט מיט די נעגל פון א צווייטער, נאָך א שטאַרקערער, ווען מע שטייט אין דער מיט־באַגעגעניש פון ווינטן און כוואַליעס, און יעדער רײַסט צו זיך...

דיכטער פון אזא עפּאָכע ציילן ניט, וויפל זיי האָבן און וויפל זיי וועלן האָבן, אויב זיי וועלן זיך אַרײַנטראָגן אַף פּראָצענט. זיי רעכענען ניט, זיי דיכטן.

זיי דיכטן, פּונקט ווי כוואַליעס, וואָס רײַסן אָפּ א שטיק פעלדז און, צעברעקלטערהייט שוין, באַשרײַבן מיט אים דעם ברעג, ניט געשליפן, ניט געוואָרעמט, ווילד און נאַקעט פון הוילן לײַב, און קומט א ווינט און לייענט עס איבער, אזוי ווי ס'איז אָנגעוואָרפן אין דעם טוהו־וואַבאָהישן צושטאַנד, און אזוי צעטראָגט עס איבער אַלע עקן וועלט. יעדע עפּאָכע שאַפט זיך איר אייגענעם סטיל; און דער העכסטער אויסדרוק פון איר סטיל איז — איר דיכטונג.

יעדע עפּאָכע טרעט זיך אויס אירע וועגן. שלײַפט אויס אירע פאָרמען.

אַן עפּאָכע פון שטורעם זוכט זיך פאָרמען אַזעלכע, ווי זי אַליין, זי וויל זיך ניט אונטערטעניקן די געזעצן פון טראַדיציעס. זי טוט זיי אָן שטיינער אַף די העלדזער און דערטרינקט זיי, זי אַנערקענט זיי ניט, זי דאַרף שאַפן נײַע. און דיכטער פון אזא צײַט טוען זיך אויס נאַקעט, און שטעלן זיך אוועק, ווי בערג אונטער די האָגלען, מיט הערצער, פּאַרטרויט די ווינטן, צווישן ווינטגעשלעג, צווישן שטורעם־ראַנגל, און ווערן פאַרגאָסן און פאַרכלינעט פון שטורמישע און גרוי־זאַמע איבערלעבונגען. זיי קאָנען זיך ניט אַרומטראָגן יאָרנווײַז מיט א שטימונג, ווען וואַקסנדיקע האָגלען קלאַפּן אין פענצטער פון אויבן. זיי מוזן באַפרײַען זייערע מויכעס און הערצער פאַר נײַע שטימונגען, ווי מילשטיינער מוזן זיי אַרויסוואַרפן דאָס צעמאָלטע, קעדיי אָנעמען נײַע קערנער.

און טאַקע דערפאַר קאָנען די דיכטער פון אונדזער נײַער שטורעמדיקער טקופע ניט אָפּשטעלן זיך אַף צו שאַפן מאָנומענטאַלע ווערק. זיי ברענגען ליים, זיי טראָגן ציגל, זיי האַקן וועלדער, זיי לייגן געהילץ. פאַר וועמען? פאַר נײַע טקופעס, פאַר קומענדיקע דורעס. זיי זײַנען — די טויבן, די אַרויסגעלאָזטע פון טייוועס אינמיטן מאַבל אַף ברענגען א בסורע דער וועלט. זיי זײַנען זיך צעלאָפן איבער אומוועגן, איבער מיט פעך־און־שוועבל פאַרגאָסענע און פאַרשאָטענע בעסאַלמענס פון טראַדיציעס, זיי וועלן קיין יאַבאַשע אין מויל נאָך ניט ברענגען. נאָר אויב יעדער פון זיי וועט ברענגען צו טראָגן אין מויל א בלאַט, א צווײַגל, א שטיין, וועלן זיי דען פון דער געשיכטע ניט זײַן באַרעכטיקט?

— יאָ!

און אזוינע סימאָנים האָבן זיי אונדז שוין געבראַכט!

■

שוין א צײַט, אַז מע רעדט אין דער פּרעסע: די ייִדישע דיכטונג שטייט באַ די שוועלן פון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. אָט־אָט־אָט — און זי ווערט דאָרט געבירגערט! נאָר פונדעסטוועגן שטייט זי נאָך לעסאַטע מעכוץ לעמאַכנע.

וואָס איז געשען?

די געזעצמעסיקע אָרדענונגספּולע אייראָפּע פאָדערט א ליטעראַרישן דאָקומענט באַ דער ייִדישער דיכטונג?!

זאָלן די אַלע אויסגערעכנטע קריטיקער, וואָס וועגן אָפּ אַף וואָגשאָלן יעדער אָס, וואָס האַלטן באַ יעדן געזאַנג די „שטשאָטעס" און לייגן צו אָדער נעמען אראָפּ א רינגעלע, זאָלן די אַלע באַל־כעזשבנס, וואָס באַקוקן אין מיקראָסקאָפּן יעדער בארג, זאָלן זיי אופנעמען די ייִדישע נײַע דיכטונג מיטן הארץ, אינטויטיוו, ווי מע נעמט אוף א רעגן, א ווינט, א שניי, זאָלן זיי אופנעמען די גאַנצע רעוואָלוציע מיטן געזונטן אינסטינקט. זאָלן זיי זיך אופהייבן א ביסל העכער פון די בוכהאַלטעריש־לאַבאָראַטאָרישע טישן, וועלן זיי אופהערן זען די וועלט צעביטן אַף מינץ, צעשטויבט אַף קלײנינקע ציפערלעך, זיי וועלן פאַרבלענדט ווערן באַ א פּאַנאָראַמע פון צעפלאַקערטע הרודעס מיט פעלדזן...

זיי פאָדערן זיך עקזאַמענירן און אויסהאַלטן בירגערלעכקײַט? אָ, ניין, באַ די טויערן פון [דער]

אייראָפּעיִשער ליטעראטור שטייען פּראָזיאָרן־שאדכאָנים, און די ייִדישע נײַע דיכטונג שטייט אַף איר אייגן אָרט, דאָ אין רעוואָליוציאָנערן כאָרעוו־געוואָרענעם רוסלאנד, און קלײַבט זיך אין ערגעץ ניט!

פריִער פאר אלעמען איז די ייִדישע נײַע דיכטונג א קינד פון דעם רעוואָליוציאָנערן רוסלאנד מיט אלע זײַנע אייגנשאפטן. און ארײַנגעזאפּט האָט זי אין זיך אלע זײַנע טאָעסן און דערגרייכונגען, און דאָס אליין איז שוין גאנץ גענוג, אז זי זאָל בלאנקען פונדאנען אַף אייראָפּע.

אויב די ייִדישע דיכטונג גיט א שפּרונג פון איינהאָרנען ביז האָפשטיינען, איז דאָס אזוי באַרעכטיקט, ווי די רוסישע רויטע ארמיי גיט זיך א גוואלדיקן ריס אין א מעשעך פון עטלעכע טעג פונעם קאספּישן יאם ביז דער ווייסלע.

די ייִדישע נײַע דיכטונג אין רעוואָליוציאָנערן רוסלאנד האָט זיך בא הײַנטיקן טאָג ניט וואָס צו לערנען בא דער אייראָפּעיִשער ליריק. אירע געפרעסטע, אירע געפענטעטע פערזן צעפאלן זיך שוין אליין, ווי ציינער פון פארפוילטע שארבנס.

צוזאמען מיט דער רוסישער נײַער דיכטונג וועט אויך די ייִדישע נײַע דיכטונג אופהייבן די אָנגעצונדענע פאקעלן פון רוסלאנד, אופשפּארן די רויטע טויערן פון מאָסקווע, און אָנצינדן וועט זיך אייראָפּע באם הייסן אָטעם פונעם רוסישן קלאסישן כורבן, און פארכלינען וועט זיך די גאנצע וועלט אין איר שעפערישן טויהו־וואָוויהו.

זאָלן זיי ארויפנעמען די שיך און די הענטשקעס און צום גרויסן הייליקן אָרט באָרוועסערהייט גענענען; זאָלן זיי מיט הוילע טריט באטרעטן די אופגעוועקטע רוסישע ערד און מיט דורכגעלופטערטע לונגען דערהערן דאָס קלאָפּנדיקע הארץ פון דער רוסישער רעוואָליוציע.

דאָס רעוואָליוציאָנערע רוסלאנד וועט בא זיי קיין פּאספּאָרט ניט פאָדערן. זי וועט זיי לערנען די אָנפּאספּאָרטדיקע סיסטעם פון לעבן און שאפן.

א גרויסער טורעם איז אופגעשטעלט, אינמיטן טאָג, וואָס פון זײַן הייך קאָן מען לייענען אַף יאמים און מאטעריקן. אהינצו קומען זיך צונויף אלע אומרויִקע גײַסטער פון דער שאפנדיקער מענטשהײַט. און דו, אײַנגעשטעלטער גייער, גאר זיך אָן מיט זון און מוט צו דערגרייכן דעם שפּיץ פון טורעם, דאן ביסטו געזאלבט און דערהערט פון דער גאָרער וועלט.

דאָס איז דײַן פּאספּאָרט!

דער קלאסיציזם זיצט פארבאלזאמירט אין די גלעזערנע בוד־שראנקען מיט די רוקנס צו דער שײַן און רירט ניט מיט קיין שווארצאפּל, ווי א בלינד־געוואָרענער מיט אָפענע אויגן.

דער צווישן־רעוואָליוציאָנערער פּעריִאָד 1905—1917 צייכנט זיך אויס מיט א זעלטענער פּוסטקײַט און אינהאלטלאָזיקײַט. א ווינטער, א לאנגער, פוילער ווינטער מיט פארקלעפּטע פענצטער און פארשטאָפּטע טירן איז מען זיך געזעסן אַף די אויוונס אין דער ליבער פוילער וואַרעמקײַט, שטילערהייט, ווי די טעפּערס, און געשליפן און געפורעמט קיילים, געריינקט פּאָרמען. מ׳האָט געגרייט פּאָרמען פאר דער גרויסער גערעטעניש, מ׳האָט אונטערגעשטעלט פעסער צום גרויסן שלאקס־האָגל, וואָס האָט זיך שוין אַף די האָריזאָנטן אָנגערוקט.

און דער שלאקס־האָגל איז געקומען. ס׳האָבן זיך געשפּאלטן די טריקענישן, ס׳האָבן זיך אופגעריסן אלע פענצטער פון די הימלען, ס׳האָבן זיך ארויסגעריסן אונטערערדישע קוואלן און אויצרעס פון דעם לאנגן ווינטער געדרעמלטן רוסלאנד, ווי א בער א ווײַסער אונטער די שנייען... און זיי האָבן פארזונקען און פארטרונקען דאָס אלץ, וואָס מ׳האָט געגרייט פאר זיי אין דער צײַט פון פוילער און דרעמלענדיקער רויִקײַט, און ס׳איז איבערגעפילט געוואָרן דאָס הארץ פון רוסלאנד מיט שעפע, מיט קויעך פון שעפערישן כורבן, ווי א פרילינגדיקער צעגאָס, וואָס איז אריבער די ברעגן און פארטרונקען די גרענעצן פון [דער] אלטער וועלט מיט שעפערישע צעשטערונגען און כורבוינעס.

אזוי ווערט צעשטערט א וועלט,

אזוי ווערט באשאפן א וועלט!

די לעגענדע ווייסט:

אז גאָט האָט באשאפן צום ערשטן מאָל די וועלט, איז זי אים ניט געפעלן געוואָרן. האָט ער זי כאָרעוו געמאכט און באשאפן פונדאָסנײַ. און דאָס צווייטע מאָל האָט אים ניט באפרידיקט. האָט ער זי נאָכאמאָל באשאפן. און אן אומצופרידענער, האָט ער זי ווידער צעשטערט. אזוי צוועלף מאָל באשאפן און כאָרעוו געמאכט, ביז אפן דרײַצנטן מאָל האָט זיך א שמייכל באוויזן אַף זײַן פּאָנעם...

אויב די איצטיקע וועלט־באשאפונג וועט דארפן דורכגיין נאָכאמאָל דרײַצן גילגולים פון צעשטערט ווערן און באשאפן ווערן, ווען די שעפער עס טאָן מיט אופגאנגעדיקן ברען און מיט שטורעמדיקער באגײַסטערונג, ביז דער שמייכל וועט זיך אַף דער מענטשהײַט באווײַזן.

און עפשער איז דער איצטיקער גילגל — דער דרײַצנטער?..

■

בלאָנדזשען ארום אין אונדזער ליטעראטור איינזאמע גײַסטער אין טראגישע מאנטלען מיט אָנגעצונדענע לאמטערנס אינמיטן העלער ליכטיקײַט, און מיט גרויסער קאוואָנע פון געזאלבטער שליכעס זוכן זיי... דעם נעכטיקן טאָג.

מיט פענעמער צום פאַרגאַנגענעם גייען זיי אויס אַ לאַנגן „עושה שלום במרומיו“ פון אַ טויזנטיאַריקער שעמענעסרע און זײַנען יויצע גרויסע נאַציאָנאַלע היסכייוועסן און נאָך גרעסע־רע היסטאָרישע מיסיעס.

זיי גייען אַרום איבער אַלטע בעסוילעמס פון געשטאָרבענע פאַרגאַנגענהײַטן און גראָבן אַלע יאָרצײַט אויס אַ באַרמינען, שיטן אים איבער מיט נאַפטאַלין, טוען אים נאָכאַמאָל אָפּ „רעכטס“ און מיט װווינישער באַפרידיקונג לייגן אַרײַן אין קעשענע אַן אָפּגעצאָלט װועקסל פאַר דער יידישער נאַציע.

אָ, אומבאַהאַלפענע קאַבראַנים! ס׳שמעקט שוין פון אײַערע קליידער מיט קייוורישער רו, מיטן אַלטן אײַנגעפאַלענעם בייסהאַקוואַרעס־פּאַרקן.

אָ, איינזאַמע גײַסטער אין טראַגישע מאַנטלען מיט אָנגעצונדענע לאַמטערנס אינמיטן העלער ליכטיקײַט!

די אַלטע יידישע טראַדיציעס, ניט געקוקט אַף זייער דעמערישן צאַנקען, אַף זייער לאַנגזאַמען אויסגיין, — זײַנען פאַרט געשטאָרבן עפּעס ניט מיט קיין נאַטירלעכן טויט. זיי זײַנען אומגעקו־מען שרעקלעך. דערפאַר עפּשער גיט באַ אײַך נאָכאַמאָל אַ צי דאָס הארץ צו זיי...

אוועקגעזעצטע ווי אַ בלינדע זקיינע אַף אַ שטול, אין אַ באַזונדערן כיידער, ווו ס׳האָט געשמעקט מיט שימל און מיט אַלטע צעריסענע סידורים, האָט זיך אײַך געדאַכט, אַז איינמאָל וועט מען אַרײַנגיין צו דער זקיינע, מע וועט געפינען איר קאָפּ, שלאָפנדיק אַף דער ברוסט. און אַז מע וועט צוליגן דעם אויער צו איר האַרץ, וועט זיך דאָרט שוין גאָרניט קלאַפּן! איר אָטעם וועט שוין ניט באַוועגן דאָס ביסעלע שימל־לופט, וואָס וואַרעמט זיך שטענדיק אַרום איר מויל.

נאָר ס׳איז איר באַשערט געווען אומקומען פאַרט אַף אַ טראַגישן אויפן. עס האָט זיך אין איינעם אַ באַנאַכט אַרײַנגעריסן אַ פײַער און אונ־טערגעצונדן די שטוב פון אַלע פיר זײַטן. און עפּשער האָט זיך דאָס פײַער אַרײַנגעריסן גראָדע אַ רעגע פאַר יעציִעס־נעשאָמע... אַ רעגע פאַר איר לעצטן אָטעם...

ווער ווייסט?

און זי איז אומגעקומען... און האָט נאָך זיך ניט געלאָזט קיין קאַדיש. האָבן זיך אייניקע פון „כעוורע קאַדישע“ אָנגעדונגען זאָגן נאָך איר קאַ־דיש. ס׳האָט זיך אָבער ניט געפונען איינער, ווער ס׳זאָל יאַרשענען די „נאַציאָנאַלע קרוין“ פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור — אַף ווײַטערדי־קער מעמשאָלע... ס׳קומען זיך צונויף קרוווים און „אור־אייניקלעך“ מיט טײַנעס אַף יערושע, נאָר קיינער פון די קומענדיקע ברענגען ניט קיין קויעך צו אופשטעלן דעם אײַנגעפאַלענעם „בית“ (באַיִס), די כאָרעוו־געוואָרענע דינאַסטיע פון

דער יידישער „נאַציאָנאַלער“ קולטור, וואָס האָט ניט געלאָזט קיין איין פּערזענלעכקײַט, וועלכע זאָל זײַן בעקויעך מאַניפעסטירן מיט גרויסקײַט זײַן „איך“, ער זאָל קאָנען ווערן די צוציִונגס־קראַפט פון דער ברויזנדיקער בלאָנדזנדיקער פאָלקס־ענערגיע, ער זאָל זײַן דער לאַמטערן, דער אופגעהאַנגענער אין די הייכן, וואָס זעט די וועגן אַף פאָרויס און איז בעקויעך מיט אינווײ־ניקסטער ליכט זיי באַלײַכטן. ס׳איז ניט געבליבן קיין איין פּערזענלעכקײַט, וואָס זאָל קאָנען און זאָל וועלן אויסרופן אַ רוף צו די אוועקגעגאַנ־גענע, צו די אַנטלאָפענע, צו די פאַרבלאָנדזעטע...

ס׳זײַנען ניט פאַרבליבן קיין שטורמענער אַף דער אונטערגעגאַנגענער שיף, וואָס זאָלן קאָנען, ניט אָפּטרעטנדיק פון זייער רול־אָרט, ניט אַרויס־לאָזנדיק פון האַנט די טרײַבלעך פון די אַנדראָ־טיקע טעלעגראַפן, — אָפּנעמען ראַפאָרטן און אַרויסגעבן באַפעלן:

דאָס באַפרוכפּערטע, דאָס יונגע — אַף שליופּ־קעס!

מיר וועלן מיטגיין באַגלייטן דעם אונטערגאַנג.

און ס׳האָט געטראָפן אַ נעס:

פון דער גאַנצער אונטערערד האָט זיך אַרויס־געריסן אַ מעכטיקער ריז, אַ טריסל געטאָן מיט זײַנע טיטאַנישע אייוורים און אופגעהויבן אַן ערדציטערניש. אויסגעריסן מיט די וואָרצלען דאָס גאַנצע אויסגעשטאַנענע און פאַרוואַקסענע, איבערגעבראָכן, איבערגעמאָלט, כאָרעוו געמאַכט און אויסגעטוישט אין איין גרויסן ווילדן געמיש און עס באַפרײַט פאַר יעדן, וואָס וויל עס און האָט עס בעקויעך צונעמען.

ס׳האָט אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע.

און מעמיילע, אין איר פײַערדיקן אויסבראָך האָט זי אָפּגעשאָפן פרײַער פאַר אַלץ „אייגנס“. מיט קויעך פון וואָלקנדיקן פײַער־אַרויסזעצעניש האָט זי עקספּראָפּריִירט אַלץ, וואָס זי האָט אקעגן זיך געטראָפן. דאָרט, ווו זי האָט באַגעגנט ווידער־שטאַנדן, האָט זי פאַרקלעמערט מיט גוואַלד, און דאָרט, ווו אייגנטימער זײַנען געווען אומעכטיק, האָט זי זיך געמאָלדן פאַר [אַ] געזועצלעכן פאָלקס־יוירעש.

און דאָס אייגענע האָט זיך געטראָפן מיט די רעזערוון צעשטראָמטער, צעכוואַליעטער און צע־בלאָנדזשעטער ענערגיע, וואָס האָט זיך אָנגע־זאַמלט אין דער יידישער פּאָעזיע:

עס איז פאַראַן באַ מענטשן אַ נויטווענדיקײַט אַרויסרופן, אַרויסברענגען איינמאָל איבערגע־לעבטע איבערלעבונגען און געפילן דורכן מיטל פון וואָרט־קונסט. ס׳איז דאָ אַ גרויסער פרײַער וועלט־בינשטאָק, און יעדער דיכטער, ווי אַ ביין, טראָגט אַהין די זאַפטן, וואָס ער האָט אָנגעזויגן אַף די זוניקע ניט־באַוואַכטע פעלדער, פון די פרײַע לעבנס־בלומען.

וואָס קאָנען מיר, יונגע, זאָגן בא דער בעסוילעמישער שטילקײַט פון כורווע־בערג? בא אָנגעזויפּטע יאָמישע בײַכער פון אונטערגעגאַנגענע שיפֿן? וואָס קאָנען מיר, יונגע, זאָגן אפֿן קיווער פון לעצטע זײַלן, אַף וועלכע ס׳האָט נאָך גערוט דער פּאַראַליזירטער גײַסט פון אַן אַלטער קולטור? אָט די זײַלן — ווי איבערגעבליבענע קוימענעס פון אָפּגעברענטע שטיבער, ווען די סרייפע, דער שטורעם האָבן נאָך ניט געקילט זייערע דאָרשטן...

אויסגעמישטע אין בלוט פונעם ריזיקן וועלט־כורבן, זײַנען אונדז טײַער געוואָרן אַלע צעבראָכענע שטיקער — סײַ פון אונדזערע, סײַ פון ניט אונדזערע הײַזער, — און די וועגן צו זיי זײַנען פאַרשאָטן געוואָרן אַלע...

אין דער איצטיקער וועלט־מיסטעריע קוקן מיר זיך ניט אום אַף הינטן. מיר גייען אויף ווי רויכן, ווי ווינטן, ווי פלאַמען אויפגעבראַכטע פון א מעכטיקער סרייפע...

נאָר ווייסן — ווייסן מיר, אַז קעדיי זאָלבן זיך אַף ווײַטערדיקן טראָגן און קייטלען די גאָלדענע קייט פון דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער קולטור, וועט מען מוזן קומען אהין, צו די אָפּגעברענטע הײַזער.

■

מעג דאָך א ייִדישער דיכטער זיך פאַרגינען זינגען פרײַ ווי דער ווינט; באַזינגען דעם האָגל, באַזינגען דעם האַרבסט, באַזינגען א געשלעג. באַזינגען א רעוואָליוציע דעמלט, ווען ס׳ציט אים דאָס האַרץ צו איר, און ניט מיט פאַרדאָרבענער אַסקעטישער האַכנאָע פון גויוּוער זײַן דעם „יעיצערהאָרע״, ניט מיט דערשטיקן אין זיך א לעבעדיקן געפיל, דערטויטן בא זיך אין האַרצן א לעבעדיקן גײַסטיקן פּראָצעס, אַבאָרטירן א לעבעדיק באַשעפעניש דעמלט, ווען עס רײַסט זיך אַף דער ליכטיקער וועלט, ניט מוירע האָבנדיק דערבײַ, אַז ער טרעט אָפּ פון זײַן נאַציאָנאַלן אימפּעראַטיוו, ניט שרעקנדיק זיך דערבײַ, אַז ער פאַראַט זײַנע היסטאָרישע שליכעסן און וועגן...

מיר, ייִדישע דיכטער, אָן אונטערשייד פון שפּראָך, אַף וועלכער מיר שרײַבן, מוזן דאָך איבערמאָלן אין די מילשטיינער פון הערצער און מויכעס די אָדער יענע דערשײַנונג ניט אַזוי, ווי דיכטער פון אַן אַנדער נאַציע, שוין איבער דער פּאַשעטער סיבע, וואָס צוויי מענטשן קאָנען ניט, ניט אָפּגערעדטערהייט, אין איין שטים, אין איין געמעסט און אין איין טאָן און אין איין פאָרם, אַרויסזאָגן „שאַ״, ווען מע שטערט זיי, לעמאָשל, הערן מוזיק; וואָס צוויי באַזונדערע ביימער קאָנען ניט אַרויסוואַקסן פון אַן אָרט, וואָס עס פאַרנעמט איין בוים.

נאָר ווען סאָלדאַטן, באַגײַסטערטע פון פײַערדיקן שטורעם, גווורע און העלדישקײַט, מיט שיגאָען פון סרייפעס אין די אויגן, לאָזן זיך מיט געשרייען פון לייבן אין אַטאַקע קעגן טויט, — בילדן זיי אינאיינעם א וואַלד.

אַלע דיכטער פון דער גאָרער וועלט, צונויפגענומען אינאיינעם, אַפילע ניט אָנגעצונדענע מיט איינעם און דעם זעלבן שטורעם, — בילדן אויך א וואַלד.

א וואַלד מיט ביימער פון פאַרשיידענע הייכן און ברייטן. פון אַלע קעפּ — דוכט זיך איין גרויסער ריזיקער קאָפּ. אין א שטורעם טראָגן זיך הימנען פון הונדערטער פאַרשיידענע קוילעס, אויפגעוועקטע און צונויפגעגאָסענע אין איין באַגײַסטערטן אויניסאָן. ס׳ווערט באַשאַפן א קאָסמישע סימפאָניע. נאָר אונטן בלײַבן די קוילעס פּאָרט פאַרשיידן און אַפילע איינזאַם. ווי גרויס דער שטורעם זאָל ניט זײַן, קאָנען זיך די שטאַמען ניט צונויפמישן אין איין שטאַם. זאָל זײַן, אַז אין שטורעם איז אומעגלעך צו אַנטשיידן די באַזונדערקײַט פון ביימערשע געזאַנגען, נאָר דאָס הייסט לאַכלוטן ניט, אַז זיי זײַנען אַלע גלײַך פון איין מעטאַל, פון איין קלאַנג, פון איין טאָן, פון איין רעהעסטער.

פּאָרט בלײַבט אַן אומפאַרמײַדלעכע מעכיצע פון איין בוים־פּערזענלעכקײַט ביזן צווייטן. און ס׳קאָן דאָך גאָר טרעפן, אַז ווען די גאַנצע וואַלדקאַפּעלע האָט שוין פון לאַנג געענדיקט שפּילן, סמיטשעט נאָך ערגעץ אין א זײַט אַפן באַס א ביימל, וואָס באַוועגט זיך און ווערט דערציטערט פון א מינדסטן ווינטל־אָטעם.

און ס׳טרעפט דאָך באַם וואַלד אין א זומערדיקן הייסן האַלבן טאָג, אַז ווען אַף אַלע ביימער שמעלצן זיך גאָלדענע בוטאָנען פון זון, זאָל איין בוים פון אינמיטן וואַלד עפּעס אויסבלאָנדזשען פון היץ, ווי פונעם שלאָף, און ס׳זאָל זיך אָנהייבן כאָלעמען יעדערן באַזונדער פון דער וואַלדישער געפלעפטער איידע — א גרינג, א בלאָנדזשענדיק ווינטעלע... אָדער גאָר א פאַרבלאָנדזשעט קינד...

אָ, ווער וועט אָנהענגען א באַשטימטן אינהאַלט דער ניט־ערדישער געטלעכער מוזיק פונעם יאָמישן ווילן, פון דעם וואַלדישן שווײַגן?

אַז וויפל מאָל איך זע און הער דעם יאַם, — זע איך און הער אים דאָס ערשטע מאָל... און יעדער ריר, און יעדער מיזמער פון איין מאָל ביזן צווייטן — איז פון אַן אַנדער יאַם, פון אַן אַנדער וועלט...

און פון וואָס פאַר א נאַציע איז ער, דער יאַם? אָדער דער וואַלד?..

איך זע ניט, איך פיל ניט.

און ווייסן — ווייסט קיינער גאָרניט.

איך זע, אַז טויזנטער שטורעמס שלאָפן בא אים אונטער די בריסטן און שווינדלען מיט די פּילפּיַיערדיקע רוקנס, ווי מיט כוואַליעס, אַ וואַלד האָט אַ האַרץ מיט אַנצאָליקע ריזיקע כײַעס, גרויסע ווי אופשטאַנדן, און ווײַ! זאָל זיך אַ מינדסט ווינטעלע אָנרירן אין זײַן טײַוויש לײַב, רעגט ער אוף פלינק, ווי טויזנטער נאַקעטע פּרויען, צערייצט זיך ווי טויזנטער אַנגעגליטע מידבאַרישע בורונען... און אין שטורעמס־טײַוועדיקער וואַקכאַנאַליע וויל דער יאַם צערײַסן, צעבלוטיקן די יאַבאַשע... דאָס איז זײַן פּערזענלעכע אינדיווידועלע ספּעציפישע גוורע.

דאָס נאַציאָנאַלע איז דאָס פּערזענלעכע. אַז מיר ריידן וועגן דאָס נאַציאָנאַלע — דאָס פּערזענלעכע, וואָס זונדערט אָפּ איין סוביעקט פון צווייטן, איין קאָלעקטיוו פון אַנדערן, — מיינען מיר אַפילע ניט די שפּראַך גופא, אַפילע ניט די באַוועגונג גופא, — נאָר די באַוועגונג פון שפּראַך, די פאָרם פון באַוועגונג, און ניט מער.

אָט, לעמאָשל, מיר אַלע מענטשן האָבן ליב דעם ווינט, דעם שניי, די ווײַט, די זון. דאָס אַלץ זאַפּן מיר אין זיך אַרײַן אינסטינקטיוו, אַנטראָפּאָלאָגיש, מיט דער הילף פון די אָדער יענע כושים, נאָר די פאָרם פון באַגײַסטערונג, די פאָרם פון אַרויסרופן, אַרויסברענגען נאָכאַמאָל די פרייד אָדער דעם צער פון דאָס איבערגעלעבטע, דאָס איבערגעפילטע מוז דאָך בא אונדז זײַן אַ פאַרשיידענע, ווי בא סוביעקטן, וואָס זײַנען אונטערגעוואָרפן באַשטימטע קלימאַטישע באַזונדערהײַטן, באַשטימטע היסטאָרישע באַדינגונגען און באַזונדערע אינערלעכע, אינדיווידועלע אופּנעמונגען.

ווען מענטשן זאָלן ניט האָבן אַלס מיטל איבערצוגעבן זייערע געפילן דאָס וואָרט און זאָלן דאַרפן אָנקומען צו באַוועגונגען, וואָלט דען דאָס ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע פאַרלוירן געגאַנגען? וואָלטן דאָך מײַנע באַוועגונגען באַשטימט ניט געווען גלײַך צו די באַוועגונגען פון אַ פראַנצויז, — אין אַזאַ פאַל איז דאָך דער סוביעקט אַ באַזונדערע נאַציע. איך אַליין בין אַ באַזונדערע נאַציע בענעגייע צו מײַן כאַוער. די פאָרמען, מיט וועלכע איך דריק אויס מײַן באַגײַסטערונג, זײַנען געוויס ניט ענלעך צו די פאָרמען, מיט וועלכע ס'דריקט אויס זײַן באַגײַסטערונג מײַן כאַוער.

דאָס „נאַציאָנאַלע" איז דער אָרגאַנישער אויסשפּרוך פון דעם דיכטערס פּערזענלעכקײַט און אינדיווידואַליטעט. צו וואָס פאַר אַן אוניווערסאַלן וועלט־קלאַל דער דיכטער זאָל זיך ניט פאַרקלײַבן, שלאָגט זיך דורך זײַן פאָרם, זײַן סטיל, זײַן ספּעציפישקײַט, ווי אַן אונטערערדישער קוואַל, און דאָ איז שוין באַוואָרנט דאָס אַזויגערופענע נאַציאָנאַלע.

■ פראַגן, וואָס אין אַנדערע ליטעראַטורן האָבן שוין פון לאַנג אופגעהערט צו דערמאָנט ווערן, — ווײַזן נאָך אין אונדזער ליטעראַטור באַסיכּוידישע אויגן און פעסטעקן זיך נאָך ווי קליינע קינדער.

ווער קאָן איצטער, אין אַזאַ צײַט, אָפּגעבן כאָטש איין אויגנבליק פראַגן פון פּערזענלעכער, מישפּאָכישער אָדער נאַציאָנאַלער גלײַכגילט, ווען דער גאַנצער קיידער־האָאַרעץ (ערד־קײַלעך) איז אַרומגעוויקלט אין אַ העליש־ווילדן פײַער, ווי אין אַ ליכט־פאַרפלייצונג, און טראָגט זיך אין דער וועלט אַרום דער זון, ווי אַ פלײַענדיקע סריפע?

ווער קאָן אָפּטיילן אַפילע איין רעגע אַזעלכע פראַגן, ווען ס'האָט זיך צעפלאַקערט אַ גוואַלדיקשטורמישע מילכאָמע אָףביידע „פאָלושאַריעס"? דו, מענטש, מיט פאַרלייגטע אַנגלען, רײַס זיך אָף הונדערט טיילן, אין דײַן לײַב עגבער אויס הונדערט רערן צו דײַנע לונגען, און ריי‌ניק אָפּ הונדערט וועגן דעם ווינט צו דײַן האַרץ.

ווער — אויסגעטריקנטער, אויסגעסמאַקעטער, ווי אַ כעשוועדיקע פאַרבליבענע זאַנג — וועט בײַשטיין דעם רעגנבויגיקן ניסאָיען און וועט זיך ניט אַרײַנוואַרפן אין יאַם נאַקעטערהייט, אין דעם סרייפעדיקן זון־אופגאַנג?

ווער — בלינדער — וועט בלײַבן ליגן אָפן שוועל מיטן פּאָנעם אַראָפּ און וועט ניט זעענדיק ווערן פון אָט דער גרויסער זון־געררעטעניש?

ווער איז ער, דער דיכטער, וואָס האָט ניט דערוווסט דעם הײַנטיקן טאָג, וואָס זאָגט, אַז אים גייען די שטורמישע טאָג־געשעענישן פאַרבײַ, ווי אַ סאַמום ערגעץ אין אַ ווײַטן מידבער, אַז ער איז אָף די עלנטע הייכן פונעם אָלימפּ און טרינקט דעם וועלט־שמערץ פון פלאַנדיקע שטערן? און די פלאַנעטע, אָף וועלכער ער קילט זײַן דאָרשט, ווו ער באַגײַסטערט זיך מיט יאַמים, וועלדער און שנייען און פאַרשיקערט זיך פון מענטשישן נאַקעט, — די פלאַנעטע ווייסט ער ניט, דעם טאָג אָנערקענט ער ניט. ווער איז אָט דער פאַרגרימירטער מאַנפרעד, וואָס שפּילט די ראָל פון אַ טראַגיקער אין אַ פאַרס פון אַ קליינשטעטלדיקן טעאַטער?

— ביסט קיין דיכטער ניט!

ווער איז ער, דער נאַווי, וואָס וואָרנט די בלאָנדזשענדיקע, די אַראָפּגעגאַנגענע פון גלײַכן וועג, ווער איז ער, דער פריידיקער, וואָס ליגט ערגעץ פאַרגראָבן אין די מידבאַרישע זאַמדן און היילן און רופט, מע זאָל זיך אומקערן צו הייליקער גאָט־דינסט, ווו איז ער, און מירן אים זאָגן:

— ביסט קיין נאַווי ניט!

אָ, אויסגעדאַרטע האַרבסט־בלעטער, אָ, זאַטע צופרידענע אָרעמעלײַט, — ווו ווערט ערגעץ

געבוירן דער ווינט, וואָס וועט אײַך אַראָפּרײַסן, צעשטויבן, אויסקערן און אויסמישן מיט וואָל־גערנדיקער הני און אײַך פאַרטראָגן פאַר באַוויליקטס צו די נײַ־צעגראָבענע און צעאַקערטע פעלדער?

■

די ייִדישע דיכטונג האָט שוין איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם עטאַפּ פון באַשרײַבונג און דער־נעענטערט זיך שוין צו שוועלן פון באַפרײַטן אידייִשן וואָרט, פונעם דערהויבענעם פילאָסאָ־פישן געדאַנק.

דער פּייזאַזש, דער געמעל, ווי קאָמפּליצירט ער זאָל ניט זײַן, האָט אופגעהערט ריידן צו מענטשישע הערצער און אַרויסרופן באַ זיי באַ־גײַסטערונג.

די ייִדישע דיכטונג, ווי אַ סאַך אַנדערע דיכ־טונגען, האָט שוין איבערגעלעבט איר אידיליע, איר זיס־טרויעריקן שאַבעסקוידעשדיקן אומעט און בענקשאַפט, און זי טרעט אַרײַן אין צע־אַקערטן שאַכט פון שטורעם און קאַמף.

אַף אַ גאַנץ גענוג ווײַטער שטרעקע האָט די ייִדישע דיכטונג פון אַלע זײַטן באַזונגען דעם געזאַמלטן רום פון ייִדישער עמבריאָנעלער קול־טור, די ייִדישע סאָציאַלע, עקאָנאָמישע און פּסי־כאָלאָגישע באַזונדערקײַטן, דעם קולט פון באַ־גײַסטערטע רעליגיִעזע אידעאַלן, די קינדער־וויג פון אירע טרוימען און האָפענונגען — דאָס אָפּ־געשטאָרבענע קליינע שטעטל.

די ייִדישע דיכטונג האָט הונדערט מאָל מאַ־ציִוועס דעם [שטעטל] איבערגעשטעלט, פאַר־מעקטע אָפּגעריבענע יאַרצײַטן דעם [שטעטל] איבערגעמאָלט, באַווײנט עס מיטן אויסגייענדיק טרויעריקן ניגון פונעם לעצטן באַל־טפילע און עס געלאָזט ווײַט הינטער זיך, ווי אַ ווײַטן קינ־דערישן כאָלעם.

און מיט וואָסערע מיטלען מע זאָל אויסדעלו־בען די אײַנגעשלאָפענע אידילישע רויִקײַט, וואָ־סערע אידיליש־שטילע זיכרוינעס פון קליינ־שטעטלדיקע באַטאָגן מ'זאָל ניט אופברענגען פאַרן מאָדערנעם ייִדישן מויעך, — בלײַבט עס סאַפּקאָלסאָף ניט מער, ווי געשיכטע, וואָס מ'האָט אַמאָל, אין די קינדערישע יאָרן געלערנט.

די מאָדערנע מענטשהײַט, אויסגעקאָכט און אויסגעקלאַקאָטשעט אין מילכאָמעס, אופשטאַנדן און רעוואָלוציעס, האָט אויסגעקאָכט אין זיך אַ שטיינערנע גלײַכגילטיקײַט, אַ קרענקלעכן אומגעדולד צו באַשרײַבונגען סטאַם אין דער וועלט אַרײַן. זי האָט ניט קיין צײַט און געדולד אָנשטרענגען די אויגן און דעם מויעך צו לאַנגע מעגילעס. זי קאָן מער ווי קיין „שיפרען" ניט לייענען. פאַרקירצטע, פאַרשניטענע, און פון דרײַ ווערטער — איינס. אַ נײַס אַן אופרײַסנדיקס — ווי אַ באָמבע.

די מענטשהײַט איז דאַרשטיק, זי גאַרט און וואַרט אַפן שטאַרקן בסורע־וואָרט פון אונדזע־ריקער פרייד אָדער אָנטהוימעדיקן צאַר. ווי שפּיצן פון הויכע בערג — אַף שנייען, קוקט זי אַרויס אַפן שטאַרקן אויסגעדונערטן וואָרט, וואָס מוז געזאָגט ווערן.

הייסע גלוטיקע זאַמדן בריִען די העלדזער פון דער מאָדערנער מענטשהײַט, זיי ציִען זיך צום קוואַל פונעם שלאָגנדיקן פרישן וואָרט, ווי אויס־געבראָטענע מידבאַריעס צו כמאַרעדיקע הימלען, וואָס זאָגן צו פײַכטקײַט. מע זוכט עס, דאָס וואָרט, דאָס שטאַרקע וואָרט פון טרייסט אָדער פון ייִעש — אַף די וווּנט מיט אַרויסגעהאַנגענע צעוויקלטע בלעטלעך, איינער באַם אַנדערן אין די אויגן, — גלײַך ווי יעדער טראָגט עס אַרום פאַרטײַעט באַ זיך אונטער די וויִעס און וואַרט אַף אַ גרויסער וועלט־אסיפע, און וואַרט אַפן שופר של משיח, און הערט זיך אײַן, צי גייט נאָך ניט דער גרויסער באַפעל: „אָנהייבן!" און ס'מוז קו־מען דאָס גרויסע, דאָס מעכטיקע, דאָס וואָרט מיט אופשטאַנדן, מיט אויסבראָכן, מיט רעוואָ־ליוציעס, — ס'מוז קומען. עס מוז אַראָפּגיין אַ הוראַגאַן אַף דעם טויזנטיאָריקן דאַרשט פון אויסגעבראָטענע מידבאַריעס: זיי אָפּמינטערן, אופוועקן און אָנשיקערן. ס'מוזן זיך צונויפקומען ווינטן פון אַלע פיר זײַטן וועלט און אַרײַנבלאָזן לעבעדיקן גײַסט אין די אויסגעטריקנטע ביינער.

אָ, מיר הערן שוין דעם קלאַנג פון די אַקסל־שלעסער, מיר פילן שוין דאָס פאַכען פון אופ־געהויבענע מעכטיקע הענט, מיר זעען שוין די גרויזאַמקײַט פון גרײַפנדיקע מאַכנעס אָנגעבלאָ־זענע כמאַרעס, מיר הערן שוין די פאַרטײַעטע פרייד פון מידבאַריעס, מיר הערן שוין דעם ווינט־געזאַנג פון וויכערישן, ברעכערישן האָגל.

■

אונדזער מאָדערנע פּראָזע ביז הײַנטיקן טאָג איז געבליבן אָנמעכטיק אַף די שויסן פון אָפּגאַנג.

זי האָט ניט טויִ־טאַם געוווען פון די שטאַרקע שיקערע געטראַנקען, וואָס ברויזן, וואָס בלאָנד־זשען און פאַרפּלייצן די איבער־ברעגן פון אונד־זער שטורמישער ווירקלעכקײַט.

און שווײַגנדיק, שווימט זי זיך אַף צוריקוועגס מיט די אָפּגייענדיקע וועלן פון צײַט.

זי איז געבליבן מונטער־ און קלאָר־אויסגע־רעכנט, ווי אַ „באַל־האַלוואָעניק", קלייקוידעשדיק מיטן שמעק פון זײַדענער קאַפּאָטע און זאַטן צו־פרידענעם גאַרניט־דאַרפנדיקן קליינשטעטלדיקן זוניקן שאַבעס־אינדערפרי.

די גרעסטע געשעעניש, וואָס צעבויטעט די אײַנגעשטאַנענע מויכעס פֿון רויִקײַט, איז געבליבן — אַ פֿליג, וואָס צעבוצקעט זיך מיטן קאָפּ אין אַ מיט זון־פֿאַרליאַפּעטער שויב.

דער גײַסט [פֿון אונדזער מאָדערנער פּראָזע ביז הײַנטיקן טאָג] איז געבליבן צוגעשמידט צו די אײַנגעפֿאַלענע אָנפּענצטערדיקע כוראָועלעך, צו די געגנעצדיקע שול־געסלעך און צו די דינסטיקדיקע יאַרידן.

אױפֿן ברייטן פֿאַרזוניקטן שליאַך פֿון דער וועלט־רעוואָליוציע גייט זי זיך דורך מיט אַ זײַט, אױף אַ שמאָל סטעזשקעלע, זי זאָל זיך כאָלילע ניט אָנרירן אינעם פֿריִעריקן אָטעם ווי אין אַ טומע.

אײַנגעבויגן און פֿאַרשטעלט דאָס פּאָנעם, לויפֿט זי דורך די גרויסע געפֿאַר, ווען ס׳ציִען זי אַרויס אירע פּערזענלעכע באַדערפֿענישן אין דרויסן, און באַהאַלט זיך צוריק אין שטוב, פֿאַרהאַקנדיק הינטער זיך אױף שטאַרק די טיר.

אױפֿן צעטריפֿלטן פֿאַרבליבענעם שטול פֿון ייִכעסדיקער גײַוועס און גאַדלעס (און ווירקלעכער יערידע) זיצט זי ראַבאָניש, די פּראָזע, און נעמט נאָך אָפּ באַ די קליינשטעטלדיקע קלייטניקעס און קרעמער אַ „סאַליוט“ און גיט אַרויס פֿוילע, ווי פֿליגן, אײַנגעגעסענע שאַמאָסים־קוויטלעך...

אונדזער מאָדערנע פּראָזע איז געבליבן ביז הײַנטיקן טאָג באַשרײַבעריש און דערציילעריש (זאָל געזאָגט ווערן מאָלעריש: באַשרײַבאַכץ און דערציילאַכץ). צום אידייִשן וואָרט, צום פֿילאָסאָפֿישן געדאַנק האָט זי זיך ניט דערהויבן.

צו די קלאַנגען און אָנזאָגן פֿון די גרײַפֿנדיקע געשעענישן האָט זי פֿאַרהאַקט די אויערן. פֿון דעם קלייִנעם געשטאָרבענעם שטעטל קאָן זי דאָס נײַע וואָרט ניט אויסזויגן; די בריסטן פֿון די קליינשטעטלדיקע זונטיקס און מאָנטיקס זײַנען אויסגעסמאָקעט.

דאָס קליינע שטעטל קאָן באַפֿרוכפּערן דעם גײַסט פֿון אירע דיכטער און נעוויִם מיט אויסגעלינקטן „שאַ־שטיל“ און מיט רויִקײַט פֿון פֿאַרוואַקסענע בעסאָלמענס מיט אײַנגעפֿאַלענע פּאַרקנס. און דער שטורעם — שרעקט. די הויכוווקסיקע נעגערס — די שוואַרצע פּאַטלאַטע קוימענס מיט ווילדן שאַקאַלישן בילן — טרײַבן אָן אַ מאָרעשכוירע... טויזנטברוסטיקע אופֿשטאַנדן, טויזנטגאָרגלדיקע געזאַנגען, טויזנטפֿיסיקע טריט פֿאַרטרײַבן אין די וואַרעמע באַוואָרנטע הײַזער אױף באַהעלטעניש, מ׳זאָל זיך כאָלילע ניט אָפּטרעטן די שיך, ס׳זאָל זיך ניט פֿאַרהילכן דער קינסטלערישער, רויִק־דרעמלענדיקער געהער. ס׳איז ניטאָ קיין מוט, קיין באַגײַסטערונג אַ געשריי טאָן פֿונעם גאַנצן האַרצן, אַז די לופֿט זאָל צעשפּאָלטן ווערן, — שטייט מען זיך אין דער באַוואָרנטער פֿון אָנרירעניש־ און אָנעמעריש־זײַט און מע שווײַגט אַ מיסטישן שווײַגן...

אָנגעטאָן אין מעטערלינקס יענוועלטישקײַט און אין מיסטישע קיטלען, באַשמעקט מען אָן אינדיק מיט אָנגעצונדענע ליכטלעך, מע לאָזט אים אַרויס באַנאַכט אין דרויסן און מע גיט דעם אַ נאָמען — מיסטיק. און אַז באַ אַ פּויער גיט אַ סקריפּע דער וואָגן און די רעדער קרעכצן אונטער פֿון פּאָשעטער ניט־אָנגעשמירטקײַט — איז דאָס מיסטיק. און אַז מ׳הייסט אַ קליינשטעטלדיק מיידל זיצן אין צימער און שווײַגן — איז דאָס מיסטיק. און מיט אָט די פֿון ערגעץ אָפּגעיאַרשנטע ציצענע מאַנירן — איז מען יויצע. און מע דערהייבט זיך צו אַ העכערער, נעשאָמע־יעסיירעדיקער מאַדרייגע פֿון שאַפֿן...

און וואָס טאַקע איז אינדערעמעסן אונדזער מעטושטעשע, צעקײַלטע, צעבלוטיקטע, פֿון הונדערטער, טויזנטער בריסטן צעפֿלאַקערטע ווירקלעכקײַט אין פֿאַרגלײַך מיט יענעם אינדיווידועלן, אַ ביסל גרעבלעך־פֿאַרשניצטן, קליינשטעטלדיקרויִקן פּעסימיסטיש־פֿילאָסאָפֿישן וועלט־באַנעם?

שווײַגט מען.

באַמערקט מען עס ניט, גייט מען עס פֿאַרבײַ, ווי עפּעס אַן אומפֿאַרמײַדלעכע סאַקאָנע, און מע פֿאַרשטאָפּט זיך די אויערן פֿונעם ניט־עסטעטישן כריפּעניש און גרילצן:

— העט, ס׳איז בלאָטע, אַ נעכטיקער טאָג, ס׳וועט פֿאַרבײַ...

אָ, יאָ, זי האָט זיך געהיט, די פּראָזע, ווי אַ נאָזיר, פֿון רעוואָליוציִאָנערע „שיקרעס“ און „אומווירדיקײַט“, זי איז בײַגעשטאַנען און האָט מיט קיינעם ניט געטרונקען אױף ברודערשאַפֿט דאָס בלוט פֿון דער געקרייצטער וועלט. און האָט זיך אויסגעהיט...

מיט פֿאַרשטאָפּטע אויערן און מיט פֿאַרלייגטע אַנגלען שווימט זי זיך שטיל אָפּ אױף צוריקוועגס, ווי אַן אָפּטרעטנדיקע פֿון פֿײַערדיקע אָנגריפֿן אױף די שווײַגנדיקע שיפֿן פֿון אָפּגאַנג.

די דיכטונג גייט שטענדיק פֿאָרויס דער פּראָזע. איר כאַיונע איז — דער טאָג. זי שוועבט אַרום אױף די מאַרקן פֿון טאָג־געשעענישן, ווי בינען אױף פֿעלדער, ווי פֿלעטערלעך אױף בלומען, טרינקט זיך אָן מיט שיקערע זאַפֿטן און צעטראָגט זיי, ווי ווינטן — בסורעס פֿון פֿרילינג אָדער האַרבסט.

זי לאָזט זיך אַרײַן אין טומל פֿון נעפּלדיקע געשעענישן, ווי פֿישער אין יאַם אױף געכאַפּ, גיט ווויסנדיק פֿאָרויס דעם סכאַר פֿון איר שיקערער אײַנגעשטעלטקײַט. דערפֿאַר איז די דיכטונג גיכער געניײגט צו בלאָנדזשען.

אַ נײַע שול אין ליטעראַטור איז שטענדיק מעוואַסער פֿריִער די דיכטונג. אַז די שול ווערט אָנערקענט אין דער דיכטונג, דערשײַנט זי ערשט אין דער פּראָזע.

און ווען דו וועסט, מייַן קינד,
א גרויסער ווערן,
וועסט איבכעט אין א שיינעם טאָג אוועק
אהין, ווו ס׳וואַקסן

נייַע ווייַסע בערן,
צי עפּשער גאָר אהין,
ווו ס׳מינען זיך די שטערן,
אויסטרעטן אן אויסגעטרוימטן וועג.

עפּשער גאָר פּאַרקערט

אין מאַרט בין איך געבוירן,
געבוירן כ׳בין אין מאַרט,
ווען ס׳פרירן נאָך די אויערן,
נאָר ס׳איז דער פראָסט שוין צאַרט.

עס מעג דער שניי נאָך שיטן,
נאָר שמעקן שמעקט דער שניי,
ווי ס׳וואָלט א שטראַל צעשניטן
א קאַוונע אַף צוויי.

אין קראָם, ניט ווייַט פונדאַנען,
מע לייזט שוין געלט פאַר ציץ,
גלייַך ס׳וואָלט אין גאַס געשטאַנען
א סאַרפּענדיקע היץ.

אין מאַרט בין איך געבוירן,
און כ׳ווייס אַליין ניט רעכט:
צי כ׳האָב דערפון פאַרלוירן,
צי עפּשער גאָר פאַרקערט.

אַף געוויס

כ׳האָב זיך קינדווייַז אויסגעבאָדן
אינעם גניל־אַפּיאַט,
האָט שוין מיר,
קרום אייַער שאָדן,
גאָרנישט ניט פאַרשאַט.

כ׳בין אין שווארצן יאַם געשוווּמען
און אין ווייַסן אויך.

זאָלן כוואַליעס הוליען,
ברומען
מיטן גאַנצן קויך,
ס׳וועט מיר גאָרנישט ניט
פאַרשאַטן,
כ׳ווייס דאָס אַף געוויס.
קינדווייַז אין דער גניל־אַפּיאַטקע
כ׳האָב געשווענקט די פיס.

א מייַסעלע פאַר סאשענקען

אַף א צווייַגל זיצט א פויגל
מיט צוויי פייַערדיקע אויגן.
יעדער אויג — א הייסער שטערן
און דער שנאָבל פון בורשטין.
ווען ס׳איז דאָס לעבן טייַער,
זאָל ניט טראַכטן, זאָל ניט קלערן
גאָר אַרייַנקוקן אהין.

סאשענקע, מייַן יינגעלע,
ס׳איז א גרויס געפאַר,
כ׳מוז אָבער אין סאָד אַרייַן
אָפּרייַסן א באַר.
אין א טונקל ווינקעלע
הענגט זי אַף א בוים,
אַף א גאָלדן רינגעלע
קלינגט זי, קלינגט זי קוים.

ענגע, בענגע, צענגע —
סטופּ א צענגע —

זעכצן באַרן דאָרטן הענגען,
אכט מיט רויטע פּיסקעלעך,
אכט מיט געלע בעקלעך,
ריר זיי אָן נאָר מיט א פינגער,
קלינגען זיי, ווי גלעקעלעך.
ווער ס׳וועט אָפּעסן א באַר —
דער וועט אויסוואַקסן א גוואַר.

כאַפּט זיך אויף דער בייזער פויגל
מיט די פייַערדיקע אויגן,
און ער פּיקט דיך מיטן שנאָבל,
מיטן שנאָבל מיטן גראָבן.

ווו עס זאָל די באַר ניט הענגען,
וועל איך זי מייַן אייניק ברענגען,
אז מייַן איינציקער, מייַן ליבער
אויסוואַקסן עס זאָל א גיבער.

אווראָם גאָנטאר

מיט אַלע כושים

פון אָסיען דער רייעך

א פריילעכער גיי איך
באגאָסן מיט זון,
פון אָסיען דער רייעך
מיך רינגלט ארום.

די צווײַגן מיט עפּל
זיך בייגן צום פלויט,
נאָר ס'שמעקט שוין מיט נעפּל
דער הימל, וואָס בלויט.

מיט גרינוואָרג און פרוכטן
די טעג זײַנען זאט,
דער קירבעס אין גאָרטן
איז בײַכיק און גלאט.

מיט בראָנז זײַנען בלעטער
געדיכט שוין געפארבט,
דער הארבסט דער פארעטער
האָט פײַן זיי פארנארט! —

צוגעזאָגט האָט ער
זיי גאָלדענע בערג,
איצט לאכט ער, איצט שפּאָט ער
און שלײַדערט אף דר'ערד.

א בענקשאפט א שטילע
עס נעמט מיך ארום,
און כ'ווייס ניט אפילע,
צי שײַנט גאָר די זון.

מיט גאָלד מיט פארדארטן
דער וועג איז באדעקט,
און כ'פלײַס זיך דערטראכטן,
מיט וואָס ס'האָט פארשמעקט, —

מיט נעפּל,
מיט קירבעס,
מיט עפּל באם פלויט,
מיט זקיינים אף פריזבעס,
מיט שפּינוועבס,
מיט טויט.

די קינדער פאָרן קיין סיביר

די זיידעס בלײַבן אין דער הויפּטשטאָט,
די קינדער —
פאָרן קיין סיביר.
דער ווײַסער צאָפּן
און די טונדרע
צעפּראַלן ברייט פאר זיי די טיר.

און אויב ס'איז דאָרט ניטאָ קיין טירן,
נאָר שנײַ
און הוליענדיקער ווינט,

וועט ברענגען זיי א שטוב
דער וווערטאָליאָט צו פירן
און אָפּפירן קיין מאָסקווע
אן ערשט געבוירן קינד.

און ס'וועט די באָבע ערגעץ בולבעס שיילן —
אף דער טאגאנקע
צי ארבאט
און וועט דעם איניקל
דערבײַ דערציילן:
— עס האָט די מאמע אין דער טונדרע דיך
געהאט.

אויב דו ביסט שלעכט צו מיר

אויב דו ביסט שלעכט צו מיר,
וועל איך ניט ווערן בעסער,
מײַן אויג איז שארף,
ווי שארף עס איז דײַן מעסער,

וואָס גרייט איז שעכטן מיך,
מײַן וועלט ניט שוינען —

פאר בייז וועל איך מיט בייז
דיך רעכט באלוינען.

אז דו ביסט קלוג —
וועל איך נאָך קליגער ווערן,
דאָס וואָרט, וואָס האָסט נאָך ניט געזאָגט,
וועל איך דערהערן.

קאַיאָר

— וואָס קוקסטו אין פענצטער
מיט בענקעניש טריבער,
וואָס האָסטו אזוי זיך פארטראכט?
— ס'איז גאָרניט, ס'איז גאָרניט,
מײַן בליק איז אריבער
די צוים פון דער נאכט.

— וואָס האָט דיך פארוווּנדערט,
וואָס זעסטו אין ווײַטן?
עס שלאָפט דאָך די וועלט, דער ארום.
— איך פיל, ווי דער טאָג
מיט דער נאכט קומט זיך בײַטן,
איך פיל דאָס געבורט פון דער זון.

— וואָס פלאָטערט דײַן הארץ,
האָסט דאָך גאָרניט פארלוירן,
פארוואָס שטיקט אין האלדז דיך א טרער?
— אָט באלד וועט שוין טאָגן,
די נאכט וועט ניט דויערן —
דאָס קאָל פון באגינען איך הער.

נאָר שטער ניט!
מע דארף ניט
די זעונגען יאָגן,
מײַן טרוים וועט ניט צאפלען זיך לאנג.
אָט באלד וועט אין הימל
שוין אָנהייבן טאָגן.
איך זע שוין זײַן גאנג.

● ● ●

דער שוסטער האָט מיר שיך גענייט,
דער שנײַדער האָט גענייט מיר קליידער,
דער פויער האָט מיר ברויט געזייט
טאָג־אײַן, טאָג־אויס — קעסיידער.

און איך מיט וואָס געמאכט האָב רײַך
די וועלט פאר מײַנע ברידער?
פון טיפן הארץ האָב איך פאר אײַך
געזונגען מײַנע לידער.

און אויב מײַן בײַטראָג זײַן וועט קארג,
איז זאָלט איר מיר פארגעבן.
אז איר זאָלט זײַן געזונט און שטארק,
כ'וועל אָפּגעבן דאָס לעבן.

פאַרוואָס?

דער הימל דער זעלבער,
די ערד אויכעט די —
איך זיץ אינעם לײַנער
און רויק איך פלי.

א ייִנגעלע קוקט
דורך דעם פענצטער ארויס
און טראַכט אַף געוויס איצט,
אז שיין איז און גרויס
די ערד,
וועלכע ליגט
ערגעץ דאָרט אין דער טיף...
עס טראָגט צו דעם יאַם אים
א הימלשע שיף.

די מאַמע פון לינקס
און דער טאַטע פון רעכטס —
פון אויבן — דער הימל,
פון אונטן — די ערד,
און אַלץ איז געוויינלעך
און קלאָר, ווי דער טאָג —
טראָג זיך, מײַן אָדלערל,
טראָג!

און דאָרט איבער בערג
פונעם ווײַטן וויעטנאַם
איז אויכעט דער הימל
א בלויער מיסטאַם.

מיט ברייזן געהויל
פליט א שפּאַרבער פאַרבײַ,
באַהאָגלט די ערד
מיט א מאַבל פון בלײַ.

א ייִנגעלע קוקט
מיט זײַן שמאָלינקן אויג.
און פלוצעם
עס טוט צו דער ערד אים א נויג.

ער גראַבלט זיך אײַן
מיט די פינגער אין גראָז,
און ס'טראָגט זיך צום הימל
זײַן לעצטער — פאַרוואָס?

דאָס שמאָלינקע אויג
פונעם ייִנגל רינט אויס,
און ס'רײַסט א געשריי
פון מײַן האַרץ זיך ארויס.

כ'בין קיינמאָל אין ווײַטן וויעטנאַם
ניט געווען,
אין „פּראַוודאַ" דאָס ייִנגעלע
האָב איך געזען.

אָט פליט ער, דער שפּאַרבער,
זײַן פליגל איז שמאָל,
זײַן שאָטן עס לייגט זיך
אַף בארג און אין טאָל.

אוי, ייִנגעלע טײַערס,
אוי, מיר פאַר דײַן קאָפּ...
מײַן קאָפּ מײַן פאַרשנייטער,
ער לאָזט זיך אראָפּ.

און שמעלער עס ווערן
די אויגן בא מיר,
א טרער פאַלט אראָפּ
אַפן צײַטונגס-פּאַפּיר.

און פונקט ווי דאָס ייִנגל,
וואָס ליגט אינעם גראָז,
איך שרײַ צו דעם הימל —
פאַרוואָס?!
נו, פאַרוואָס?!

פונוואַנען זאָל עס די לעוואָנע וויסן

בלאָנקעט די לעוואָנע אינעם געסל, —
וואָס האָט פּאַסירט —
זי קאָן עס ניט פאַרשטיין:
נעכטן איז דאָס פּאָרל דאָ געזעסן
אין שאָטן פון דער ליפּע אַף א שטיין.

בלאָנקעט די לעוואָנע אינעם געסל,
קוקט אין שויב צו כאַ׳מקען אַרײַן —
שויך זשע האָט ער ראָכעלען פאַרגעסן?
עס קאָן ניט זײַן!

בלאָנקעט די לעוואָנע אינעם געסל,
שטעלט זיך אָפּ באַם שוועל פון ראָכלס טיר.
ס'איז אָפּגעדרייט די קליאַמקע מיטן שלעסל, —
אווו איז ראָכעלע,
וואָס איז מיט איר?

בלאָנקעט די לעוואָנע אינעם געסל,
נאָר קיינעם זעט מען ניט.
ס'איז פּוסט ארום.
אָט באַלד וועט זי די זון פאַרלעשן
און אַלץ איז שטום.

פונוואַנען זאָל עס די לעוואָנע וויסן
(ס'איז געשען אין לוויטערן פאַרפרי),
דאָס גאַנצע געסל מ'האָט אוועקגעפירט צעשיסן
אין גערדיכטן וואַלד פון פּאָנאַרי.

אויב דו ביסט שלעכט צו מיר

אויב דו ביסט שלעכט צו מיר,
וועל איך ניט ווערן בעסער,
מײַן אויג איז שאַרף,
ווי שאַרף עס איז דײַן מעסער,
וואָס גרייט איז שעכטן מיך,
מײַן וועלט ניט שוינען —

פאַר בייז וועל איך מיט בייז
דיך רעכט באַלוינען.

אַז דו ביסט קלוג —
וועל איך נאָך קליגער ווערן,
דאָס וואָרט, וואָס האָסט נאָך ניט געזאָגט,
וועל איך דערהערן.

ק אַ י אָ ר

— וואָס קוקסטו אין פענצטער
מיט בענקעניש טריבער,
וואָס האָסטו אַזוי זיך פאַרטראַכט?
— ס'איז גאָרניט, ס'איז גאָרניט,
מײַן בליק איז אַריבער
די צוים פון דער נאַכט.

— וואָס האָט דיך פאַרוווּנדערט,
וואָס זעסטו אין ווײַטן?
עס שלאָפט דאָך די וועלט, דער אַרום.
— איך פיל, ווי דער טאָג
מיט דער נאַכט קומט זיך בײַטן,
איך פיל דאָס געבורט פון דער זון.

— וואָס פלאַטערט דײַן האַרץ,
האָסט דאָך גאָרניט פאַרלוירן,
פאַרוואָס שטיקט אין האַלדז דיך אַ טרער?
— אָט באַלד וועט שוין טאָגן,
די נאַכט וועט ניט דויערן —
דאָס קאָל פון באַגינען איך הער.

נאָר שטער ניט!
מע דאַרף ניט
די זעונגען יאָגן,
מײַן טרוים וועט ניט צאַפּלען זיך לאַנג.
אָט באַלד וועט אין הימל
שוין אָנהייבן טאָגן.
איך זע שוין זײַן גאַנג.

● ● ●

דער שוסטער האָט מיר שיך גענייט,
דער שנײַדער האָט גענייט מיר קליידער,
דער פּויער האָט מיר ברויט געזייט
טאָג־אײַן, טאָג־אויס — קעסיידער.
און איך מיט וואָס געמאַכט האָב רײַך
די וועלט פאַר מײַנע ברידער?
פון טיפן האַרץ האָב איך פאַר אײַך
געזונגען מײַנע לידער.

און אויב מײַן בײַטראָג זײַן וועט קאַרג,
איז זאָלט איר מיר פאַרגעבן.
אַז איר זאָלט זײַן געזונט און שטאַרק,
כ'וועל אָפּגעבן דאָס לעבן.

כאים מעלאמוד

א וועלט מיט וועלטעלעך

1

גוט וואָלט געווען, ס'זאָל א גאַנצן טאָג זיך ציִען און ציִען דער פריִער באַגינען... זאָל די זון טאָקע אופגייך, זאָל זי שײַנען און באַשײַנען די גאַנצע וועלט, נאָר זאָל זי זיך האַלטן פונדערווײַטנס און א ביסעלע אין א זײַט. זאָל זי ניט הענגען איבערן קאָפּ און ניט אזוי טשמעליען. נאָר מיט דער זון איז נאָך צו דערלײַדן. ערגער איז מיט די גאַסן, מיט די שטאָטישע גאַסן, אָף וועלכע די באַגינענדיקע שטילקײַט און ראַכוועסדיקײַט האַלט זיך א קנאַפּע שאָ. די דאָזיקע שאָ איז אים ליבער און טײַערער פונעם גאַנצן טאָג.

דערפאַר שטייט מאָטל אוף, ווען עס הייבט נאָר אָן טאָגן, האָדעוועט אָן און פּאָיעט אָן דעם גניאַדן, שפּאַנט אים אײַן אינעם אַרומגעוואַשענעם וואָגן מיט די נאָרוואָס אָנגעשמירטע רעדער און פאָרט אַרויס איבער דער נאָך פאַרשלאָפענער שטאָט. אין דרויסן הייבן ערשט אָן באַווײַזן זיך די הויף־ראַמער, ווער מיט א לאַנגן בעזעם און ווער מיט נאָך א לענגערער גומענער קישקע, מע קערט, מע באַגיסט, מע פּוצט צו די גאַסן, און מאָטל פאָרט שוין איבער זיי מײַסע באַלעבאָס און הערט זיך אײַן, ווי רײַן עס קלינגען די רעדער פונעם וואָגן און ווי דער גניאַדער קלאַפּט מיט די טלאָען איבער די גלאַנציקע שטיינער, איבער דעם בליאַסקעדיקן אַספאַלט, טאַנצט אויס א ניגנדל, וואָס איז פאַר אים, פאַר מאָטלען, טײַערער פון אַלע ניגונים אין דער וועלט: צאָק, צאָק, צאַק, צאַק.

ניט זעלטן, שוין נאָכן זון־אופגאַנג, גיט זיך א קײַקל איבער דער שטאָט עפּעס א גרינער נעפל. שטויסט זיך מאָטל אָן, אַז דעם נעפל האָט פאַרטראָגן אַהער פון די קאַרפּאַטן און אַז דאָס האָט ער דאָרטן, אין די געדיכטע וועלדער, זיך אײַנגעטונקען אין גרינעם. איז מאָטל צופרידן. זאָל זײַן א גרינער, אַבי א נעפל. דאָס פאַרהאַלט דעם באַגינען א ביסעלע לענגער און מאָטל קאָן רויִק אַרומפאָרן איבער די שטאָטישע גאַסן, פאַרפירן א שמועס מיטן גניאַדן און פאַרגינען זיך א שמייכל טאָן, ווען עמעצער טוט א זאָג: אָט פאָרט מאָטל באַלעגאָלע.

כאָטש וואָס פאַר א באַלעגאָלע איז ער איצט? א באַלעגאָלע מוז דאָך האָבן זײַן אייגנס א

1—2851

פערד־און־וועגעלע. און ער? דער וואָגן און דער גניאַדער געהערן דעם היגן שטייגער־קאָמבינאַט, און מאָטל איז ניט מער ווי אַן אָנטרײַבער.

פונדעסטוועגן, ווען עמעצער רופט אים אַמאָל אָן אין די אויגן צי אונטער די אויגן „מאָטל באַלעגאָלע“, קומט אים צו אַ שטיק געזונט.

מײַלע, זאָל זײַן, אַז ער איז איצט ניט קיין עמעסער באַלעגאָלע, זאָל זײַן, אַז ער איז אַ טראַנספּאָרט־אַרבעטער, ווי ער איז פאַרשריבן אין די צעטלען פונעם קאָמבינאַט. דער עיקר איז דאָס, וואָס ער איז בײַ זײַן פאַך, וואָס ער פאָרט אַרום אַ גאַנצן טאָג איבער דער שטאָט און קנאַקט מיט דער בײַטש, און וואָס ער האַלט בײַ זיך אין שטאַל אַ פערדל, זאָל עס אַפילע זײַן ניט זײַנס, און וואָס ער וווינט אויף זײַן באַליבטער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס.

...דער גרינער נעפל הייבט אָן ביסלעכווײַז בײַטן זײַן קאָליר, ווערט פון גרין גרוי, דערנאָך מיטאַמאָל ראָז, רויטלעך און פיל שיטערער. מע דערפילט שוין אויף זיך אַ וואַרעמען קיצל פון אַ שטיפערישן שטראַל. די זון טוט זיך אַירס. נאָר די שטאָט איז נאָך ניט אינגאַנצן אַרויס פונעם שלאָף, און מאָטל פילט זיך פראַנק־און־פרײַ. טוט ער אַ יאָג דעם גניאַדן פון דער שאָלעם־אַלייכעם־גאַס אויף דער וואָלגאָגראַדער, כאַפּט זיך אַרויס אויפן לענין־פּראָספּעקט, און ווײַל דער מעבל־מאַגאַזין, צו וועלכן ער איז צוגעפּעסטיקט, איז נאָך פאַרמאַכט, פאַרקערעוועט ער אויף דער רויטאַרמייער־גאַס, צום מאַרק, עפשער וועט ער דאָרטן טרעפן אַ באַלן עפּעס אָפּפירן אָדער צופירן, און אַרײַנכאַפּן אַ זײַטיק פאַרדינסטל. ער האַלט עס פאַר אַ קלײנער אַווירע, ווײַל פונעם קאָמבינאַט באַקומט ער קאָרמע פאַרן פערדל אויפן שפּיץ מעסער, און ווען ניט די זײַטיקע פאַרדינסטלעך, וואָלט דער גניאַדער געזען אַ ביסל האָבער, ווי זײַנע אויערן. דאָס פערדל אַליין ווייסט, אַפּאָנעם, אויך דערפון און יאָגט שטענדיק צום מאַרק מיט אַ טענצעלע.

צי ס׳מאַכט זיך יאָ אַ פאַרדינסטל, צי ניין, האָט מאָטל ליב יעדן פרימאָרגן דורכפאָרן דורכן מאַרק, אונטערקנאַקנדיק מיט דער בײַטש, באַזונדערס אין די זומער־כאַדאָשים, ווען דער מאַרק איז פול מיט פּרוכטן און גרינוואַרג און זייערע בונטע פאַרבן און שיקערנדיקע רייכעס זײַנען פאַר אים אָפּטמאָל בעסער, ווי אַ וואַרעם גלעזל טיי אויפן ניכטערן האַרצן. ער קען דעם מאַרק אַ היפּש ביסל יאָרן און דערקענט גלײַך, פונוואַנען זײַנען די ווײַסע עפּל, די זאַפטיקע באַרן מיט די רויטע באַקן, די גלאַנציקע שוואַרצע פלוימען און באַזונדערס די ווײַנטרויבן. ער ווייסט, וואָס איז דאָ אויפן מאַרק אייגנס, בוקאָווינער, און וואָס איז געבראַכט פון מאָלדאַוויע אָדער פון אָדעס.

דאָס שטעלכל, ווו עס שטייען די גרוזינער, וועט ער אַוואַדע ניט דורכלאָזן. אים געפעלן פּאַשעט די גרוזינער אַליין, מיט זייערע פאַרסמאַליעטע פּענעמער און געבראָכענעם רוסיש, אים געפעלן אויך זייערע מאַראַנצן. אַז ס׳טרעפט זיך אַ פאַרדינסטל, קויפט ער זײַן שוועגן אַ מאַראַנץ און האָט אַליין האַנאָע, צוקוקנדיק, ווי זי קוויקט זיך און זויגט אים אויס ביזן לעצטן ביסעלע זאַפט. פון איין מאַראַנץ קומט זיי ביידע צו אַ שטיק געזונט. ער ווייסט גוט, אַז זײַן שוועע, וואָס גייט דרײַ מאָל אין וואָך אויפן מאַרק, וועט אַליין קיינמאָל זיך ניט דערלויבן אַזאַ טײַער פאַרגעניגן.

דאָס מאָל האָט קיין זײַטיק פאַרדינסטל זיך ניט געטראָפן און מאָטלען האָט עס אַ ביסל פאַרדראָסן.

— ווי געפעלט דיר עפּעס הײַנטיקער מאַרק? — האָט ער זיך אָנגערופן צום גניאַדן און אים אַ טאָרקע געטאָן מיטן בײַטשל. ניט אויף אונטערצוויאָגן, פּאַשעט ווי איינער טוט אַ נעם דעם שאָכן פאַרן קנעפל.

דער גניאַדער גיט אַ טאַנץ אונטער און טוט אַ טרייסל מיטן רוקן. דאָס דאַרף הייסן: „קיצל ניט, ווייסט דאָך, אַז איך האָב פײַנט, אַז מע קיצלט מיך“.

דאָס קאָן אויך הייסן: „נעם זיך ניט אַזוי צום האַרצן, מירן מאָרגן האָבן אַ בעסערן מאַרק“.

האָט מאָטל פאַרקערעוועט צום מעבל־מאַגאַזין. באַלד וועט מען אים שוין עפענען, קונים וועלן אָנהייבן אַרומדרייען זיך אַרום די שאַפעס און סערוואַנטן, און גלײַך וועט עמעצער אָנהייבן זוכן אַ מאַשין אָדער אים, מאָטלען, אויף אַריבערפירן דאָס ביסל מעבל אַהיים. נאָר מאָטל האָט אַפילע ניט באַוויזן אַראָפּקריכן פונעם וואָגן. לעבן מאַגאַזין האָט אויף אים געוואַרט אַ שאָליעך פונעם קאָמבינאַט. וואָסי? דער דירעקטאָר האָט אים געבעטן אַרײַנקומען, און טאַקע שוין.

מאָטל האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין: וואָס דאַרף אים דער דירעקטאָר אַזוי דרינגענדיק? וועלכע טײַנעס קאָן ער האָבן? מיטן פלאַן איז בײַ אים שטענדיק אין פולער אָרדענונג, דער גניאַדער איז — אויף אַלע פערד געזאָגט געוואָרן. נאָר אַז דער דירעקטאָר רופט, איז דאָך ניט שײַעך... ס׳האָט אים נאָר פאַרדראָסן, וואָס באַלד וועט געוויס אָנקומען מיט זײַן וואָגן יוינע קוואַטש און אַלע ערשטע קונים וועלן מוזן אָנקומען צו אים.

דערמאָנט זיך אין יוינע קוואַטש, איז ער שוין גרייט אויסזידלען זיך. וואָס קריכט שטענדיק יוינע מיט זײַן וואָגן אַהער, צום מעבל־מאַגאַזין, אַז סאַכאַקל אַרבעט ער גאָר אין טעקסטיל־קאָמבינאַט, און זײַן אַרבעט איז אַריבערפירן פון איין פאַבריק צו דער צווייטער די פּעק מיט

בוימוואָל, די פאַרשיידנפאַרביקע באַבינעס און אַנדער קלאָפּערגעצײַג? טראָגט אים דער רויעך אָן אהער, אַלעמאָל, ווען מע דאַרף ניט.

צוריקגערעדט, האָט מאָטל איצט ניט וואָס מוירע צו האָבן. פֿריִער, ווען מעבל איז געווען ווייניק און געלט באַם אוילעם אויך קנאַפּ, האָט מען זיך געדאַרפט שלאָגן פאַר יעדן קוינע. נאָר איצט איז די קלייט פול מיט מעבל, מיט גאַרניטורן פון דער לעצטער מאָדע, און זינט מע האָט נאָך אָנגעהויבן פאַרקויפן מעבל אין קרעדיט!.. פונדעסטוועגן, וואָס פאַר אַ שײַכעס האָט יוינע צום מעבל־מאַגאַזין?

מאָטל האָט אַפילע ניט באַמערקט, ווי דער נעפל האָט אינגאַנצן ניט געסטײַעט, סײַ דער גרינער, סײַ דער גרויער, סײַ דער רויטלעכער. די זון איז מיטאַמאָל אַרויסגעשפּרונגען פון אונטער די דעכער, געבליבן הענגען איבער דער שטאָט, און פון אַלע גאַסן און געסלעך האָבן אַ יאָג געטאָן מאַשינעס מיט אַ הודזשערײַ, אַף טויב צו ווערן. עפּעס אַ מאַשין האָט שיר ניט פאַרטשעפּעט זײַן וואָגן. אַ יונגער שנעק האָט אַרויסגעשטעקט דעם צעפּאַטלטן קאָפּ דורכן פענצטערל פון דער קאַבינע און אַ זאָג געטאָן מאָטלען אַ פּאָר ווערטער, ווי מיט הייסן אָקרעפּ אָפּגעבריט.

מוז מען שוין האַלטן זיך האַרט באַם טראָטואַר און אַרומקוקן זיך. אָן עמעסע אַפּקומעניש. הייבט זיך אָן אָט דאָס הודזשען און פײַפן, דאָס מעשונעדיקע יאָגעניש, דער הו־האַ, פילט ער זיך אַף די שטאָטישע גאַסן עפּעס ווי ניט קיין היגער.

— וואָס פלוצלינג דאַרף אונדז האָבן דער דירעקטאָר? — רעדט ער צו זיך אַליין און כאַפּט אַ קוק אַף הינטן, צי עס יאָגט אים ניט אָן עפּעס אַ מאַשין.

■

דער דירעקטאָר פונעם שטייגער־קאָמבינאַט סערגיי וואַסיליעוויטש האָט באַ אַלעמען אויסגענומען מיט זײַן שטענדיקער גוטמוטיקײַט. מע האָט געזאָגט, אַז ער קאָן דורכקומען אַפילע מיטן טײַוול אַליין. טאַקע דאָס האָט געגעבן סערגיי וואַסיליעוויטשן אַ מעגלעכקײַט אין מעשעך פון פיל יאָרן האַלטן זיך אַף אַזאַ שטעלע, טראָץ די אָן אַ שיר רעאָרגאַניזאַציעס, קאָמיסיעס און רעװיזיעס. עטלעכע יאָר איז ער געווען פאָרזיצער פון געווערב־אַרטעל, וואָס האָט פאַראייניקט די זעלבע צוויי שמידערײַען, דרײַ שוסטער־וואַרשטאַטן, עטלעכע זייגערמאַכערס, אַ שערערײַ און מאָטלען מיט זײַן פערד־און־וועגעלע. שוין באַלד צען יאָר, אַז ער איז דירעקטאָר פון קאָמבינאַט.

די שטעלע פון אַ דירעקטאָר איז אים מערער צום האַרצן. ערשטנס, דער טיטל אַליין איז אַ סאַך סאָלידער, צווייטנס, דאַרף מען ניט ציטערן אַלע יאָר פאַר דער באַריכט־פאַרזאַמלונג און פאַר די וואַלן. ווער ווייסט, טאָמער, כאָלילע, קלײַבט מען אים ניט אויס. כאָטש ער האָט גוט געוווּסט, אַז קאָלזמאַן אין ראַיקאָם איז מען צופרידן מיט זײַן אַרבעט, איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן פאַר די וואַלן. האָט ער מיט אַלע קויכעס זיך געסטאַרעט, אַז זײַן אונטערנעמונג און זײַן אַרבעט זאָל אויסנעמען אומעטום. וואָס עמעס, איז עמעס. סערגיי וואַסיליעוויטש האָט געקוקט ניט נאָר אַרוף. ער האָט שטענדיק אין זינען געהאַט, אַז די אַרבעטער זאָלן פאַרדינען ניט שלעכט. ער האָט קיינמאָל קיינעם ניט געזידלט, מע האָט פון אים קיין הויך וואָרט ניט געהערט, און אַלע אַרבעטער האָבן זיך געוווּנטשן, אַז וויפל ס׳איז זיי באַשערט צו אַרבעטן, זאָלן זיי קיין אַנדער דירעקטאָר ניט האָבן, זיי זאָלן זיך עלטערן ביז דער פענסיע אינאיינעם מיט סערגיי וואַסיליעוויטשן.

אויסגעצוימט דאָס פערדל און אונטערגעוואָרפן דעם אַ ביסל היי, איז מאָטל אַרײַנגעקומען צום דירעקטאָר אין קאַבינעט מיט דער בײַטש אין דער האַנט, ווי אַ מענטש, וואָס איז ביז גאָר פאַרנומען און האָט ניט קיין צײַט פאַר זײַטיקע שמועסן. ער האָט געמאַכט בלויז איין שפּאַן פון דער טיר, זיך אָפּגעשטעלט און אָפּגעגעבן דעם גוטמאָרגן אַ ביסל צו פונדערווײַטנס.

— איר האָט מיך אַרויסגערופן, כאַווער דירעקטאָר? איר ווייסט דאָך, דער מאַגאַזין איז שוין אָפן. און יוינע קוואַטש... ער וועט מיר אַראָפּרײַסן דעם פּלאַן.

סערגיי וואַסיליעוויטש האָט ניט ווייניק געטראַכט, וויאַזוי אָנהייבן דעם שמועס מיט מאָטלען, עס זאָל אַלץ אויסזען לײַטיש, מענטשלעך, אַז מאָטל זאָל זיך ניט דערפילן באַליידיקט. איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער סאַמע וואַרעמער שמועס וועט גאָרנישט ניט ענדערן, ווײַל דער טאָך בלײַבט דער זעלבער.

— ניטאָ וווּהין צו אײַלן זיך, — האָט ער אָפּגעענטפערט, — פאַר אײַער פּלאַן בין איך שטענדיק רויִק. און וויבאַלד איר זײַט שוין געקומען, זעצט זיך צו, וועלן מיר זיך דורכשמועסן.

— נו, מיילע, — מאָטל האָט אָן איבעריקן כיישעק זיך אַראָפּגעלאָזט אָפן בענקל און ניט אויפגעהערט דרייען מיט דער רעכטער האַנט דאָס לאַנגע בײַטש־שטעקל. — אָבער נעמט ניט אַרויס די נעשאָמע.

— איר פאַרשטייט, ס׳איז געווען באַ אונדז אַ רעוויזיע. פון דער געגנט.

— איך מיין, אַז זי האָט מיך באַ קיין גניוועה ניט געפּאַקט!

— כאַליִלע, ווער רעדט דען פון אַזעלכע זאַכן. און ביכלאַל, באַ אונדז איז שטענדיק אַלץ אין פולער אָרדענונג.

— נו, דאַנקען גאָט דערפאַר. און איך האָב שוין געמיינט, אַז עס פעלט צום געשעפט אַ צען טויזנט רובל און דאָס ווילט איר, אַז איך, מאָטל, זאָל אַריַינטראָגן אַ טויזנטער.

— ניין, ניין, באַ אונדז איז גאָר אַן אַנדער איניען. ווי זאָל איך איַיך דאָס געבן צו פאַר־שטיין? די רעוויזיע האָט געפונען, אַז אַף וויפל באַ אונדז איז פאַראַן בלויז איין פערד....

— איז ווער לאָזט איַיך ניט קויפן נאָך אַ פאָר, איך וואָלט ווי־ניט־איז מיט זיי דורכגעקומען.

— איך האָב זיי אויך געזאָגט דאָס זעלבע. נאָר, איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַזאַ צײַט, האָבן זיי פאַרגעלייגט...

— וואָס זיי קאָנען שוין פאַרלייגן!..

— אָט דאָס זאָג איך טאַקע. נאָר איר נעמט זיך ניט צום האַרצן. מיט איין וואָרט, זיי האָבן פאַרגעלייגט ליקווידירן איַיער יעדיניצע.

— וועלכע יעדיניצע?

— נו, דאָס פערד און דעם וואָגן, פאַרשטייט זיך.

— דאָס פערד איז שוין באַ זיי אַ יעדיניצע? און וואָס הייסט ליקווידירן?

— נו, פאַרקויפן אָדער איבערגעבן אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע...

— פאַרקויפן? איבערגעבן? נו און איך, איך אַליין?

מאָטל האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם בענקל און אַ הייב געטאָן די האַנט. מיסטאָמע האָט ער גאָרנישט ניט געמיינט דערמיט. ער האָט פּאַשעט געדאַרפט אַ פיר טאָן מיט די הענט אַף איַינ־האַלטן, דערשטיקן דעם צעבושעוועטן צאָרן. נאָר סערגיי וואַסיליעוויטש האָט זיך, אַפּאָנעם, פאַרלוירן. ער האָט אויך אַ הייב געטאָן זיך פונעם בענקל און אָנגענומען מאָטלען פאַר דער האַנט. אַזוי זײַנען זיי געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן אַ מינוט אָדער צוויי.

מאָטלס ברייטע, קוטשעראַווע באָרד, וואָס האָט נאָך אַלץ ניט געקליבן זיך גראָוו ווערן, האָט לײַכט אונטערגעציטערט, און די אויגן האָבן געפלאַקערט מיט אָפענעם פאַרדראָס און אַנטשלאָסנ־קײַט. סערגיי וואַסיליעוויטשעס אויגן האָבן זיך געבעטן און געסטאַרעט זיך לעשן מאָטלס צאָרן. אָבער יענער האָט ניט געקאָנט זיך באַרויִקן. אַראָפּגעלאָזט די האַנט און אַרויסגעסאָפּעט, ווי פון אַ בלאָזזאַק:

— סײַדן נאָך מײַן טויט!

סערגיי וואַסיליעוויטש האָט זיך צוגעזעצט, אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן.

— נאָר ניט געהיצט זיך, — ער האָט געפּרוווט זײַן וואָס ווייכער. — איך האָב זיי דען ניט געזאָגט דאָס זעלבע? איך האָב זיי געזאָגט, אַז ניט אין דער יעדיניצע גייט עס, ניט אינעם פערד... אָבער מאָטל האָט אים ניט געלאָזט רעדן.

— וואָסי, ער עסט אײַך אַף דעם קאָפּ, דער גניאַדער? צי איך גיב ניט דעם פּלאַן?

— ניין, ווער זאָגט דען? נאָר די רעוויזיע האָט פאַרשריבן, אַז ס'איז ניט געזעצלעך.

מאָטל האָט פאַנאַנדערגענומען די פינגער פון זײַן אָנגעבראַקנטער האַנט און ווידער זיי צונויפגעפּרעסט אין אַ פויסט.

— וואָס ניט געזעצלעך, ווער ניט געזעצלעך? — האָט ער ווידער זיך צעהיצט. — דער גניאַדער איז ניט געזעצלעך, צי איך בין ניט געזעצלעך? אַדרעבע, זאָל זי קומען צו מיר, די רעוויזיע, און זאָגן, אַז איך, מאָטל, בין ניט געזעצלעך!

סערגיי וואַסיליעוויטש האָט ווידער זיך אופגעהויבן פונעם בענקל, צוגעגאַנגען צו מאָטלען — ערשט איצט האָט ער באַמערקט זײַנע געדיכטע גאָזלאָניש־צעפּאַטלטע קוטשערן און אַ טראַכט געטאָן, ווי נעבעכדיק עס דאַרף אויסזען קעגן זיי זײַן אייגענער פליכעוואַטער קאָפּ, ער האָט אויך דערזען, אַז מאָטל איז אַ סאַך העכער פון אים און ברייטער אין די אַקסלען. און ס'איז פּאַשעט לעכערלעך, ער זאָל אַ לייג טאָן די האַנט אַף מאָטלס פּלייצעס און אים נעמען באַרויִקן. אַזאַ גוואַר! און דאָך מוז ער עפּעס זאָגן:

— איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז אָן קיין אַרבעט וועט איר באַ אונדז ניט בלײַבן. איך האָב שוין צוגעטראַכט פאַר אײַך אַ שטעלע...

— וואָס פאַר אַ שטעלע? איך דאַרף ניט קיין שטעלע! פאַרוואָס ווילט איר ניט פאַרשטיין? זינט איך געדענק זיך, איר פאַרשטייט, זינט איך געדענק זיך, האָב איך צו טאָן מיט פערד. אַפילע אַף דער מילכאָמע... אין גרעסטן פײַער געפירט סנאַריאַדן, קוילן, גלײַך צו די אָקאָפּעס, אַהין, ווו קיין שום מאַשין האָט צוקומען ניט געקענט. ניט איין מאָל געפלויגן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די רעדער אַרויף. וואָס זשע, אומזיסט גיט מען אָרדענס? זאָגט איר — אַ שטעלע!

סערגיי וואסיליעוויטש האָט אים געוואָלט מיט עפּעס באַרויִקן, טרייסטן, נאָר מאַטל האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער בײַטש און זיך געלאָזט גיין.

— איר הערט? — געזאָגט, שוין נעמענדיק זיך פאַרן הענטל פון דער טיר. — איר קאָנט עס איבערגעבן די רעוויזאָרן: נאָר נאָך מײַן טויט!

דער גניאַדער איז זיך געשטאַנען לעבן דער קאָנטאָר, גלײַכגילטיק געקײַט דאָס ביסל היי און קיין אָנונג ניט געהאַט פון דעם, וואָס זײַן באַלעבאָס האָט נאַרוואָס געהאַט אויסצושטיין.

— וויאָ, ריר זיך, — האָט מאַטל אַ שמיץ געטאָן דעם גניאַדן, נאָר גלײַך כאַראָטע געהאַט און זיך אַליין אויסגעזידלט. מיט וואָס איז דאָס פערדל נעבעך שולדיק? און אָנגעהויבן אויסרעדן זיך פאַר דעם דאָס האַרץ.

— געהערט? יעדיניצע! מיר זײַנען פאַר זיי ניט מערער, ווי אַ יעדיניצע!

געאַרבעט האָט זיך אַ גאַנצן טאָג אָן איבעריקן כיישעק, אָן פאַרגעניגן. אַלץ איז אים געפאַלן פון די הענט. געדוכט האָט זיך אים, אַז די זון טשמעליעט הײַנט שטאַרקער ווי אַלע טעג. אַ צעירודערטער, האָט ער געהאַלטן אין איין אַרומקוקן זיך, געצויגן די ווישקעס אַהין און אַהער, און דער גניאַדער האָט ניט געוווּסט, וואָס מע וויל הײַנט פון אים. מאַטל אַליין האָט אויך ניט געוווּסט. ער האָט פּאַשעט מוירע געהאַט. ווײַל אויב „ניט געזעצלעך“, קאָן אינמיטן העלן טאָג צוקומען דער דירעקטאָר, אַליין, אָדער, כאַליליע, מיט אַ מיליציאָנער, און הייסן אים, מאַטלען, אַראָפּקריכן פונעם וואָגן.

שפּעט האָט זיך געכידעשט, פאַרוואָס איז הײַנט איר מאַטל אַזוי פרי געקומען אהיים און פאַרוואָס זײַנען די ליפּן בא אים ווי צוגעשלאָסן. אַז דער טאָג איז באַם מאַן געווען ניט קיין וואַזשנער, האָט זי זיך גלײַך אָנגעשטויסן: אין אַ גוטן טאָג ברענגט ער איר אַ מאַראַנץ און שענקט איר אַ ברעקעלע שמייכעלע. אַ קאַרגער אָף אַ שמייכל איז ער געוואָרן גלײַך נאָך דער כאַסענע, און זי איז שוין לאַנג געוווינט צו דעם. זי שפּאַסט אַפילע אַמאָל פון אים, ווי ער נעמט דעם שמייכל זײַנעם, צעשנײַדט אים אָף דער העלפט, דערנאָך אָף פערטלען און דערלאַנגט עס איר אַזוי, אַז מע זעט עס קוים אַרויס פון אונטער דער באָרד... זי שפּעט פון אים גוטמוטיק, ווײַל זי ווייסט אויך, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געשען. נאָר אַזאַ אופגעבראַכטן, ווי הײַנט, האָט זי אים שוין לאַנג ניט געזען.

— וואָס איז געשען? — האָט זי אים אַ פרעג געטאָן, דערלאַנגענדיק צום טיש.

— דײַנע באָנים! — האָט ער אַ בורטשע געטאָן.

האָט זי שוין אוואַדע גאַרנישט ניט פאַרשטאַנען. וואָס פאַרא באָנים, אַז זיי פאַרמאָגן אינגאַנצן איין זון, זייער זעליקן, וואָס איז מיט פינף יאָר צוריק אוועק פון דער שטוב אַ באַרויגעזער, אַ פאַרשעמטער, און פאַר די פינף יאָר האָט מאַטל אים קיין וואָרט ניט אָנגעשריבן. נאָר איבער־פרעגן איז אָן אומזיסטע טירכע. מע דאַרף שוין צוואַרטן, ביז מאַטל אַליין וועט דערציילן. אָט, זאָל ער נאָר אָפּעסן דעם ראָסלפלייש. נאָר מאַטלען איז הײַנט דאָס עסן עפּעס ניט געגאַנגען, דער ביסן האָט זיך געשטעלט אין האַלדז. ער האָט אוועקגעלייגט אינמיטנדערינען דעם גאָפּל און אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש.

— ניט געזעצלעך! פאַרשטייסט, איך מיטן גניאַדן זײַנען געוואָרן ניט געזעצלעך. איך וועל אים אָנשרײַבן, דעם טאַכשיט אונדזערן. ער פליט דאָרטן אַרום צווישן די הימלען, זוכט גליקן צווישן די קאָסמאָסן, און דאָ...

— וואָס? — האָט שעווע זיך שוין איבערגעשראָקן. — דערצייל שוין, מאַטל, וואָס איז געשען?

מאַטל האָט זיך אַ הייב געטאָן פון טיש און אַ פּאַטש געטאָן מיטן פויסט אינדערלופטן.

— סײַדן נאָך מײַן טויט, איר הערט?

2

אַ מענטשן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַסטראָנאָמיע, אַסטראָפיזיק, מוז, אַכוץ דער פייִקײַט צו מאַטעמאַטישע, ריין אַבסטראַקטע אויסרעכענונגען, נאָך אויך פאַרמאָגן אַ מעכטיקן קויעך־האַדימיען. דוכט זיך איצט זעליקן, אַז נאָך פינף יאָר פון אַרומבלאָנדזשען, אַרומוואַנדערן צווישן די נאָענטע און ווײַטע שטערנס, נאָך אַזאַ צײַט פון אַרומשפּרינגען מיט אומבאַגרײַפלעכע גיכ־קײַטן איבערן אומענדלעכן רוים, דערנענטערט ער זיך ענדלעך צו אַ פּלאַנעטע, וואָס איז מיט אַלע סימאָנים ענלעך אָף זײַן אייגענער ערד. דערווײַל איז ער נאָך ניט אינגאַנצן זיכער אין דעם. יענע פּלאַנעטע איז פאַרדעקט מיט געדיכטע וואָלקנס, און אַז מע וויל, קאָן מען דאָס אָנעמען פאַר אַ פּלאַנעטע פון אייביקן שניי.

ער איז אַזוי ווײַט פאַרפלויגן אין זײַנע געדאַנקען, אַז דער אויסגעדאַכטער קאָסמישער אַרום

האָט אים אויסגעזען, ווי עכטע רעאַליקײַט, און אַלץ, וואָס עס טוט זיך אינווייניק אין דעם לופטלײַנער, האָט אים אויסגעזען ווי ריינע פֿאַנטאַסטיק. אַ יונגע פֿרוי, וואָס איז געזעסן קעגן אים מיט אַ מיידעלע אױף די הענט, האָט מיט אַלע פּראָטים אויסדערציילט דעם אינהאַלט פֿון די סאַנאַטאָרישע קאַרטלעך, וואָס זי האָט נעכטן באַקומען פֿאַר זיך און פֿאַר איר טאַניעטשקען, טאַקע דעריקער פֿאַר איר טאַניעטשקען, ווײַל די דאָקטוירים האָבן זייער געראַטן, מאַמעש געפּאָדערט, זי זאָל פֿירן דאָס קינד צום יאַם. און גראָד קיין יעווּפּאַטאָריע... און אָט זיצן צוויי מענער, יעדערער מיט אַ פֿול אָנגעפּאַקטן פּאָרטפעל, און פֿירן צווישן זיך אַ העפּטיקן שמועס, מיסטאָמע אַ פֿאָרזעצונג פֿון דער נעכטיקער אָדער אייערנעכטיקער דיסקוסיע, אַ שמועס פֿול מיט אימפּעט, מיט אומרו, פֿול מיט היץ און פֿלאַם פֿון די זאַוואָדישע צעכן. אָן אַלטער אוזבעק אין אַ בונטן כאַלאַט האַלט לעבן זיך אַ זאַק מיט גרויסע דיניעס, וואָס האָבן פֿאַרפֿולט דעם ארום מיט רייצנדיקע רייכעס. ער האָט זיך באַרימט, אַז דאָס פֿירט ער אַ מאַטאָנע דעם זון, דער שנור און דעם אייניקל קיין מאָסקווע.

— נו, און איר? — ווענדט זיך דער אוזבעק צו זעליקן, גלײַך ס׳איז אַ מוז, אַז יעדערער זאָל אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן זיך, דערציילן, ווער ער איז, וווּהין און נאָך וואָס ער פֿאָרט.

— איך? — פֿרעגט זעליק איבער, און עס דוכט זיך אים, אַז זײַן אייגענע שטים דערטראָגט זיך פֿון ערגעץ זייער און זייער ווײַט. — וואָס איך?

אים איז זייער שווער אַרויסקלײַבן זיך פֿון זײַנע ווּנדערפֿולע זעונגען און אַרײַן אין דער אינערלעכער, ערדישער אַטמאָספֿער פֿונעם לײַנער, וואָס איז ווי געבליבן הענגען אױף איין אָרט איבער דער שנייִקער פּלאַנעטע. אים איז אַפֿילע שווער פֿאָרשטעלן זיך, אַז די הייסע דיסקוסיע אין זייער אַקאַדעם־שטעטל, בייס וועלכער ער האָט זיך קימאַט צעקריגט מיט זײַן סאַמע נאָענטן כאַווער, איז אויך פֿאָרגעקומען ערשט נעכטן אין אָוונט.

אַסטראָנאָמען מוזן געוויס זײַן טרוימער. און אַוואַדע געשטימט פֿילאָסאָפֿיש. דערפֿאַר לעבן צווישן זיך אַזוי בעשאָלעם אין זיי דאָס ריין ראַציאָנאַליסטישע און דאָס ראָמאַנטישע. און עפּשער מערער, ווי בײַ אַנדערע, איז בײַ זיי פֿאַרשאַרפֿט דער כוש צום אַרום. זיי קענען אַמאָל גאַנצע נעכט, ווען זיי זײַנען פֿרײַ פֿון זייערע טעלעסקאָפּן און לאַבאָראַטאָריעס, קריגן און איבערקריגן זיך איבער פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען, וואָס זײַנען ווײַט פֿון אַסטראָנאָמיע, פֿיזיק און אַסטראָפֿיזיק. לאָזט זיך אויס, אַז עס גייט זיי זייער אָן צו וויסן דעם איקער פֿונעם מענטשלעכן באַרוף און די סוידעס פֿונעם מענטשלעכן זײַן. שוין אָפּגערעדט, אַז פֿאַר זיי איז פּאָשעט אַ לעבנס־זאַך צו פֿאַרשטיין די פּסיכאָלאָגיע פֿונעם מענטשן פֿון דער אַטאָם־עפּאָכע. כאָטש אַלעמען — און דאָס איז עפּשער דאָס וויכטיקסטע, — זײַנען זיי אַלע נאָך יונג, און אַלץ איז בײַ זיי פֿאַרבונדן מיטן מאָרגן, מיט דער נאָענטער און ווײַטער צוקונפֿט, אין וועלכער זיי זעען זיך אַליין אַלס מיטצײַטלער. מוזן זיי דאָך וויסן, ווי וועט אויסזען דער מענטש און זײַן שטייגער אין הונדערט, אין צוויי הונדערט יאָר אַרום!

די נעכטיקע דיסקוסיע איז, ווי אַלע פֿאַריקע, אומגעריכט אויפֿגעקומען, און ווײַל אָנגעהויבן האָט זי זעליק, האָט ער שוין געדאַרפֿט מאַכן דאָס אַרײַנפֿיר־וואָרט. גאַנץ מעגלעך, אַז זײַן צוגאַנג צו דער פּראָבלעם וועגן מענטשן און זאַכן האָט אויסגעזען אַ ביסל צו אַסקעטיש.

— מיר האַלטן אין איין אויסאַרבעטן נײַע מאָדעס קליידונג, נײַ מעבל, נײַע שטייגערמאַשינעס, און דער מענטש ווענדט אָן פֿיל קויכעס אױף צו קריגן דאָס סאַמע נײַסטע, ער זאָל ניט אָפּשטיין פֿון זײַן שאָכן, פֿון זײַן כאַווער, פֿון דער מאָדע. צי פֿאַרשווענדן מיר ניט צופֿיל צײַט, ענערגיע, געדאַנק אױף דעראָבערן אַלץ נײַע און נײַע זאַכן, צי ווערן מיר ניט אַ געזעלשאַפֿט פֿון געברויכער, קנעכט פֿון אונדזערע זאַכן, און צי וועט זיך עס ניט אָפּרופֿן אױף אונדזער ווײַטערדיקער גײַסטיקער אַנטוויקלונג?

— דער ציל פֿון פּראָדוצירן איז געברויכן, — האָט אים איבערגעשלאָגן וואָלאָדיע יאַוואָרטשוק.

פֿינף יאָר, אַז ער מיט וואָלאָדיען וווינען אין איין צימער, עסן און טרינקען אין איינער און דער זעלבער צײַט, זיצן אָפּ די טעג מיט די נעכט אין איין לאַבאָראַטאָריע, און זעליקן האָט זיך אָפּט געדוכט, אַז מיט זייער אַרט דענקען, מיט זייערע געשמאַקן און אינטערעסן זײַנען זיי ענלעך אױף אַ צווילינג. ניט איין מאָל טרעפֿט, ווען נאָך אַ פּאָר שאָ אָנגעשטרענגטער שטילשווײַגנדיקער אַרבעט טוט איינער פֿון זיי אַ זאָג אַרויס אַ וואָרט, אַ געדאַנק און דער צווייטער כאַפּט זיך, אַז דאָס זעלבע איז אים געלעגן אױף דער צונג. שוין אָפּגערעדט, אַז אין אַלע דיסקוסיעס זײַנען זיי שטענדיק אַרויסגעטראָטן ווי איין צאַד.

וואָלאָדיעס רעפּליק האָט פֿאַר זעליקן אויסגעזען ווי אַ מיספֿאַרשטייעניש. ער האָט צוערשט אַפֿילע געמיינט, אַז דאָס האָט זיך אים אויסגעוויזן, און ער האָט געפּרווּוט אָפּזוכן עמעצן אַנדערש, ווער ס׳זאָל האָבן אַרויסגעזאָגט די רעפּליק. נאָר וואָלאָדיעס שמייכלענדיקער, אַרויסרופֿערישער בליק איז געווען געצילט אױף אים. האָט ער זיך אַ ביסל פֿאַרלוירן און געפּרווּוט פֿאַרענטפֿערן זיך.

— איך וויל זאָגן, אַז די שטרעבונג צו נײַע זאַכן טאָר ניט דערשטיקן, פּאַרטונקלען דעם מענטשלעכן אינטעלעקט. ניט דער מענטש דאַרף דינען די זאַכן, נאָר פאַרקערט. און ניט זיי, די זאַכן, דאַרפן זײַן דער טאָך פונעם מענטשלעכן שטאָלץ, פונעם מענטשלעכן ייִכעס...

נאָר מיט וואָלאָדיען איז, אַפּאָנעם, געשען עפּעס אומפאַרשטענדלעכס. ער האָט זיך אופגעהויבן, און מע האָט שוין געקענט פאַרשטיין, אַז ער קלײַבט זיך ניט אָפּקומען מיט אַ פּאָר ווערטער.

— ערשטנס, האָט זעליק מאָטיווירעוויטש דאָ אָפּגעווישט די גרענעצן צווישן די צוויי באַזונדערע וועלטן. בײַ אונדז האָט די דאָזיקע פּראָבלעם אירע באַזונדערקײַטן. און ביכלאַל דאַרף מען האָבן אין זינען, אַז די וואַקסנדיקע באַדערפענישן זײַנען דער יעסאָד פון ווײַטערדיקן פּראָגרעס. זאָל דער מענטש הײַנט זאָגן: „איך האָב שוין אַלץ און מערער דאַרף איך ניט", ווערט ער אויס מענטש.

— ווער איז דען קעגן די אַלץ וואַקסנדיקע באַדערפענישן? — איז שוין זעליק געוואָרן אַ ביסל אופגערעגט. — עס רעדט זיך וועגן דעם אויפן פון באַפרידיקן די דאָזיקע באַדערפענישן. איך, צום בײַשפּיל, בין זיכער, אַז בײַם קאָמוניזם וועט דער מענטש זיך אָנטאָן ראַציאָנעלער, באַשיידענער. אַז אָט די אַלע שרײַענדיקע מאָדעס וועלן אַראָפּ, ווי אַן אויסדרוק פון נידעריקער קולטור, פון שלעכטע מאַנירן.

— קאָמוניזם דענקט זיך, ווי אַ געזעלשאַפט פון העכסטער שפּע, ווילסטו, אַז מע זאָל דאַן אַרומגיין אין אויסגעקרימטע שיך?

זעליק האָט זיך דערפילט ביז גאָר באַליידיקט.

— מע טאָר דאָך ניט אַזוי, וואָלאָדיע. פאַרקריפּלסט מײַנע געדאַנקען. איך טרעט אַרויס פאַר דער האַרמאָנישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקײַט, וואָס איז פרײַ פון אויסערלעכע עפעקטן, פון פּוסטער, קליינבירגערלעכער באַרימערײַ, מיט איין וואָרט, פאַר דעם, אַז דער מענטש, דער שעפער פון די זאַכן, זאָל ווערן אויך דער הערשער איבער זיי. און איך מיין, אַז ס'איז פאַראַן אַ גרונט אַרויסזאָגן אייניקע באַמרויִקונגען...

— און איך גלייב אינעם מענטשן! — וואָלאָדיעס פולבלעך פּאָנעם האָט זיך צעפלאַמט און געגעבן אַ גרונט כוישעד צו זײַן, אַז זײַן איצטיקע אופגערעגטקײַט מוז זײַן אַרויסגערופן מיט גאָר אַנדערע, דערווײַל אומבאַוווּסטע סיבעס. — דער מענטש, וואָס ענדערט די גאַנצע וועלט, ענדערט אויך די אייגענע נאַטור, רייניקט זי אָפּ פון פאַרעלטערטע, אייגנטימערישע, קליינבירגערלעכע רעשטלעך. נאָר זאָג אַליין: אויב מיר געפעלט אַ ניילאָנענע העמדל צי אַ פּאָר שיך מיט לאַנגע נעז, אויב דאָס ברענגט מיר אַ ביסעלע פאַרגעניגן, אַ ביסעלע פרייד, זאָל איך זיך אָפּזאָגן פון דעם?

וואָלאָדיע האָט ניט באַוויזן ענדיקן, ס'האָט אויסגעבראָכן אַ הילכיקער געלעכטער. אַלע האָבן דאָך געוווּסט, אַז וואָלאָדיען איז שווער געווען אײַנרעדן, ער זאָל זיך קויפן אַ ניילאָנאָווע העמדל.

ערשט איצט האָט גענומען אַ וואָרט דער שעף פון דער לאַבאָראַטאָריע יעווגעני זאַכאַראָוויטש. ער איז ניט אָפּ אַ סאַך עלטער פון זײַנע מיטאַרבעטער, נאָר ער האַלט זיך אַ סאַך ערנסטער, געלאַסענער. ער האָט אַ טעווע טראַכטן אין דער הייך, און דערפאַר מאַכט עס דעם אײַנדרוק, ווי ער זאָל רעדן ניט פאַרן אוילעם, נאָר מיט זיך אַליין.

— וואָס ווייסן מיר וועגן אונדזערע מענטשן? — ער רעדט שטיל, און די אויגן זײַנען בײַ אים בייסמײַסע פאַריסן אָפּ אַרויף. — מיר פּרוּוון מעסטן אַלעמען מיט איין מאָס, אינדערעמעסן איז דער מענטש פיל קאָמפּליצירטער, אינהאַלטסרײַכער, און ביז גאָר פאַרשיידן. און דאָס איז, מעגלעך, אַ גרויס גליק פאַר דער מענטשהײַט. עס וואָלט געווען זייער אומעטיק צו לעבן אָפּ דער וועלט, ווען אַלע זאָלן זײַן ענלעך איינער אָפּן אַנדערן...

פון איין זײַט, האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ פּרוּוו צו מאַכן אַ פּשאָרע צווישן זעליקן און וואָלאָדיען, פון דער צווייטער זײַט — אַ פּרוּוו פאַנאַנדערצוּוויקלען די דיסקוסיע אָפּ אַ נײַעם באָדן און צוגעבן איר אַ מער רויִקערע באַדאַכטקײַט. נאָר דאָ האָט מען אַרײַנגעטראָגן זעליקן אַ בריוו, וואָס איז נאָרוואָס אָנגעקומען מיט דער אַוויאַ־פּאָסט. אַ קורץ בריוועלע, געשריבן מיט גרויסע און קרומע אויסיִעס, אין וועלכן דער טאַטע רופט אים דרינגענדיק קומען צו פאָרן אַהיים.

דערשטוינט און איבערגעשראָקן פון אַזאַ אומגעריכטן און אומפאַרשטענדלעכן בריוו, האָט זעליק אַראָפּגעכאַפּט די ברילן, לאַנג און אָנגעשטרענגט זיי געריבן מיט די ציטערנדיקע פינגער און אַ זאָג געטאָן:

— כעווריע, איך מוז דרינגענדיק פליִען אַהיים. טאַקע שוין. באַגינען. וואָלאָדיע, האָסט מיר צו לײַען אָפּ אַ בילעט?

פון יענער זײַט פענצטערל שווימט די אייביקײַט, און זעליקן דוכט זיך, אַז די נעכטיקע דיסקוסיע און דער הײַנטיקער באַגינען, ווען וואָלאָדיע האָט אים אַרויסבאַגלייט צום אַעראָפּאָרט,

איז פאַרגעקומען ווער ווייסט ווען. וואָלאָדיע האָט זיך געפילט א ביסל שולדיק און ניט אופגע־הערט פאַרענטפערן זיך:

— פאַרשטייסט, ס'האָט זיך באַקומען ניט אומיסטן. דו האָסט באַקומען א קורץ בריוועלע און איך — זייער און זייער א לאַנגן... פון איר. און ווייסט עס דער רועך, פאַרוואָס דאָס האָט מיך אזוי אופגערעגט. פאַרשטייסט? ליבע, אייפער, אנטוישונג — דאָס איז דאָך ניט מערער ווי א כימישע רעאַקציע אין מענטשלעכן מויעך. נו, פאַר געזונטערהייט און זײַ ניט באַרויגעז.

עס שאַפט זיך אַן אײַנדרוק, אז דער רעאַקטיוועך לײַנער הענגט אף איין אָרט, און אונטער אים שווימט פּאַמעלעך דורך א פּלאַנעטע, א פאַרדעקטע מיט געדיכטע וואָלקנס, אַן אײַנגעהילטע אין א זיך וויגנדיקן מילך־ווײַסן נעפּל.

און ווי זעט איצט אויס אינדערעמעסן זײַן אייגענע ערד, די שטאָט, וואָס ער האָט פאַרלאָזט מיט פינף יאָר צוריק? זאָל זײַן, אז דער טאַטע, ווען ער האָט איבערגעלאָזט א גוואַר טאַקע נאָר אף כידושים, איז שוין א טיפער זאָקן, האַלט באַם שטאַרבן און דערפאַר האָט ער אָנגע־שריבן אזא בריוו? און די מאַמע? זי איז דאָך שטענדיק געווען אזא דאַרינקע, אזא גרינגינקע, טו א בלאָז, וועט זי אומפאַלן. ווי זשע דאַרף איצט אויסזען די מאַמע? און טײַבל? טײַבעלע, צוליב וועמען ער האָט, אייגנטלעך, זיך אוועקגעלאָזט וואַנדערן איבער די גאַלאַקטיקעס... ער האָט איר דאָך צוגעזאָגט אַראָפּברענגען א שטערן פונעם הימל... זאָל זײַן, אז טײַבל האָט זיך שוין אויך געעלטערט און דאַרף שוין ניט זײַנע שטערן?..

דערווײַל האַלט ער בעסאַד־סוידעס פאַר זיך אליין, אז עס יאָגט אים אהיים ניט אזוי דעם טאַטנס ניט קלאָרער בריוו. ער האָט זיך געריסן אהיים די אַלע יאָרן, נאָר ניט געקאָנט אין זיך בײַקומען פאַרשיידענע וואַקלענישן, צווייפלען, געוואָלט זיך ווײַזן פאַר טײַבלען אזוי, ער זאָל האָבן מיט וואָס א באַרים טאָן זיך. דעם טאַטנס בריוו האָט געמאַכט א סאָף צו אַלע וואַקלענישן. די פינף יאָר זײַנען מיטאַמאָל פאַרשוונדן, און ער האָט אפסנײַ איבערגעלעבט יענע נאַכט, יענע אויסגעשטערנטע זומערדיקע נאַכט נאָכן אַרויסלאָז־אוונט אינעם אוניווערסיטעט.

די שטאָט, וועלכע זיי האָבן אַלע יאָרן געהאַלטן פאַר א גרויסער, איז מיטאַמאָל געוואָרן צו קליין פאַר זיי. לאָזט זיך אויס, אז זי פאַרמאָגט זייער ווייניק גאַסן פאַר א פאַרליבט פּאָרל. די נאַכט האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן צו קורץ. געדוכט האָט זיך אים, אז זיי שפּאַנען אַרום ניט איבער דער ערד, נאָר איבער א נײַער, נאָרוואָס אנטדעקטער פּלאַנעטע, א ווונדערבאַרע פּלאַנעטע, אף וועלכער דער מענטש פילט זיך לופטיק־גרינג, און זאָל ער נאָר ווילן, קאָן ער זיך א הייב טאָן און אָנהייבן פליִען. ער איז, אפּאָנעם, שטאַרק געווען פאַרכאַפּט מיט זײַנע טרוימען, פאַרטאָן אין זײַנע געדאַנקען, און טײַבלען האָט פאַרדראָסן זײַן שווײַגן. ווי שווײַגט מען עס אין אזא נאַכט, דער סאַמע גליקלעכסטער נאַכט אין זייער לעבן?

— וווּ שוועבסטו איצט אַרום? — האָט זי זיך אָנגערופן א ביסל באַרויגעזלעך.

— אף א נײַער, נאָרוואָס אנטדעקטער פּלאַנעטע.

— איינער אליין?

— אינצווייען.

— און ווי רופט מען זי?

— טײַבעלע... — האָט ער אַרויסגערעדט שטיל, שטיל.

— איך הער ניט...

— טײַבעלע, טײַבעלע! — האָט ער אָנגעהויבן שרײַען. — טײַ־בע־לע!

— עפּעס פיל איך דאָס ניט.

— יאָ, ביסט טאַקע גערעכט.

ער האָט זי א הייב געטאָן אף די הענט, און זי האָט אים אפּגעמעסן אויסגעזען ביז גאָר גרינג. טײַבל האָט אים אַרומגענומען אַרום האַלדז און אַרײַנגערוימט אין אויער:

— נו, זאָג עפּעס, זאָג עפּעס אזוינס!..

— איך טראַכט... וואָס זאָל איך קריגן פאַר דיר עפּעס אזוינס, וואָס בא קיינעם איז ניטאָ?

— איך וואָלט שוין געוואָלט וויסן.

— א שטערן... א שפּאָגל־נײַעם שטערן.

— וווּ זשע איז ער?

— איך זוך אים.

— און לאַנג דאַרף מען אים זוכן?

ער האָט אָפּגעענטפערט שטיל, שטיל:

— דאָס ווייס איך ניט. מעגלעך... דאָס גאַנצע לעבן!

עפּשער איז איר געוואָרן קאַלעמוטנע אפן האַרצן פון דעם, וואָס ער וועט, מעגלעך, דאָס גאַנצע לעבן זוכן פאַר איר א שטערן, און זי וועט דאַרפן זיצן און וואַרטן, וואַרטן און אַרויסקוקן...

און עפּשער איז אַזוינס איר אַפן געדאַנק ניט געקומען? גיכער פאַר אַלץ האָט זי דאָס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס. זי איז גראָד געווען געשטימט מערער פּראַקטיש.

— ווייסטו וואָס?

— נו?

— לאָמיר שוין גיין צו אונדזערע עלטערן און מעלדן.

— וועגן וואָס מעלדן?

— נו, זאָלן זיי אונדז אָפּגעבן אַ מאַזלטאָוו.

— אויב דו ווילסט אַזוי, איז קום. גייען מיר גלײַך אַרײַן צו מײַנע.

דער טאַטע איז געשלאָפן אין הויף, אַפן וואָגן, נאָר די מאַמע, וואָס האָט זיי געעפנט די טיר, איז הײַנטיקע נאַכט ניט געשלאָפן. זי האָט געשטריקט אַ זאָק און אַרויסגעקוקט אַף איר זעליקן.

— מאַמע, — האָט ער אָנגעוויזן אַף טײַבלען, — גיב אונדז אָפּ אַ מאַזלטאָוו. מיר האָבן באַשטימט... עפּשער אויפוועקן דעם טאַטן?

אײַ, קינדער, קינדער... קיינמאָל ווייסן זיי ניט, ווען ברענגען זיי די עלטערן אַ ביסעלע נאַ־כעס און ווען טיפן אַגמעסנעפּעש. באַ שוועגן זײַנען אַרויסגעפאַלן די שפּיזלעך פון די הענט.

— נו, מאַזלטאָוו, מאַזלטאָוו. — קוים אײַנגעהאַלטן אין זיך דעם פלאַטער פונעם האַרצן. — נאָר וואָס עפּעס אינמיטן דער נאַכט? און באַ דײַנע עלטערן, טײַבעלע, זײַט איר שוין געווען?

— אָט דאָס גייען מיר צו זיי.

— מע דאַרף ניט, מע דאַרף ניט, קינדערלעך. ניט אַזוי טוט זיך עס. גאַנצפרי, מירצע־האַשעם... וועלן מיר עפּעס צוגרייטן. און איר וועט אַלע קומען צו אונדז. אָדער פאַרקערט, מירן קומען צו אײַך. און אַזוי ווי באַ לײַטן פירט זיך... אין אַ גוטער שאָ...

גאַנצפרי איז טײַבל געקומען צו לויפן אַ צעפּאַטלטע, אַ פאַרוויינטע און אַרויסגערופן זע־ליקן אַף אַ סאָד. און דעם זעלבן טאָג פאַרנאַכט־צו איז זעליק אַוועקגעפאָרן. קימאַט אָן אַ זײַ־געזונט.

פינף יאָר האָט ער פאַרבראַכט באַם טעלעסקאָפּ, געגריבלט זיך אין אַלטע און געשאַפן צענדליקער נײַע מאַטעמאַטישע פאָרמולעס, אַרומגעבלאָנדזעט צווישן אַלטע און נײַע שטערן. ער האָט געהאַלטן אין איין זוכן אַ שטערן פאַר איר, פאַר טײַבלען. וואָס זשע וועט זײַן, אויב זי דאַרף אים שוין ניט? עפּשער האָט זי גאָר כאַסענע געהאַט? כאָטש יענעם גאַנצפרי האָט זי גע־זאָגט, אַז ווי אירע עלטערן זאָלן זיך ניט קעגנשטעלן, וועט זי וואַרטן אַף זײַן שטערן. אַ יאָר, פינף, צען... נאָר פאַר די פינף יאָר האָט ער איר אָנגעשריבן בלויז צוויי אָדער דרײַ בריוו. זי אים — אויך ניט מערער. און די מאַמע, דער איינציקער מענטש אין דער וועלט, פון וועמען ער האָט יעדע וואָך באַקומען אַ בריוול, האָט וועגן טײַבלען אַפילע קיין איין מאָל ניט דערמאָנט. גלײַך ס'איז קיין שום טײַבל אַף דער וועלט ניטאָ. איז דאָס ביז הײַנט פאַרבליבן פאַר אים דער גרעסטער סאָד.

3

שוווע איז שיר ניט געפאַלן כאַלאַשעס.

— ווײ איז מיר, זעליקל! ווי פון הימל אַראָפּ. פאַרוואָס האָסטו ניט געשיקט קיין טעלע־גראַמע? ווען דו קומסט אַף צען מינוט שפּעטער, טרעפסטו די טיר אַף אַ שלאָס. איך האָב זיך געקליבן אַפן מאַרק. נו, דערציי־ל שוין, זעליקל.

זי האַלט אין איין כידעשן זיך, קושנדיק און באַקוקנדיק איר בעניאָכידל.

— זע נאָר, זע נאָר, ברילן גאָר? וואָסי, די אויגן קאַליע געוואָרן?

— אָן סאַקאַנעס, מאַמע. אונדזער אַרבעט...

נאָר וואָס ווייסט זי וועגן זײַן אַרבעט? ער האָט איר דאַפקע יאָ געשריבן וועגן עפּעס אַ מיקראָ, וואָס איז אַזוי קליין, אַז דאָס איז שוווער צו באַגרײַפן, און וועגן אַ מאַקראָ, וואָס איז, פאַר־קערט, אומענדלעך גרויס. און סײַ די קליינע און סײַ די גרויסע זײַנען אַלציינס וועלטן. פרעגט זי מערער באַ אים גאָרנישט ניט, סײַווי וועט זי ניט פאַרשטיין. זי שאָקלט נאָר צו מיטן קאָפּ און באַקוקט זעליקן מיט אַ נײַ־אויפגעקומענעם אומרו.

— טו נאָר אַ קוק, ווי ער איז אויסגעוואַקסן פאַר די פינף יאָר! קיין אײַנהאָרע! נאָר אין לײַב וואָלט ער געמעגט זײַן אַ ביסל פולער. ער פאַרגעסט מיסטאַמע אָפּעסן צו דער צײַט. ס'איז דען דאָ, ווער ס'זאָל אַכטונג געבן אַף אים? און ווענדיק ער פאַרמאָגט אַזויפיל וועלטן, וואָלט

ער געמעגט זײַן אָנגעטאָן א ביסל לײַטישער. אוי, וואָס זשע שטיי איך! ביסט דאָך געוויס הונגעריק פון וועג. נו, דערצייל שוין עפּעס.

נאָר זעליק ווייסט ניט וועגן וואָס צו דערציילן. ער האַלט אין איין באַקוקן די מאַמע מיט זײַנע א ביסל קורצזיכטיקע אויגן. זי איז דאָך די ערשטע, די סאַמע נאָענטסטע, מיט וועמען ער זעט זיך. יאָ, די מאַמע האָט זיך שטאַרק געעלטערט. איר פּנים איז געוואָרן קליין און מיט טיפע קנייטשן. די הענט — ווי שטעקעלעך. און איז אײַנגעהויקערט, ווי גאַר, גאַר אַן אַלטיטשקע.

נאָר ווען ער זעט, ווי זי יאָגט ארום איבער דער שטוב, ווי א יונגע, טאַנצט ארום טיש און גיט אַלעמאָל א לויף אין קיך אַרײַן, ווערט אים א ביסל גרינגער אפן האַרצן.

זעליק באַקוקט ווי א גרויסן וווּנדער דעם אַלטן טיש, מיט די גראָבע, געשניצטע פיס, א טיש, וואָס איז געוויס פאַרבליבן נאָך פונעם עלטערזיידן. און אָט איז דער טישטעך, דער אַלטער, געלאַטעטער יערושע־טישטעך, מיט וועלכן די מאַמע האָט ניט געוואָלט זיך שיידן אפילו דאַן, ווען ס'איז מער ניט געווען וואָס אויסבײַטן אף ברויט. און מערער פאַר אַלץ האָבן אים באַוווּנדערט די גלאַנציקע לײַכטער אפן קליינעם ווינקל־טישעלע.

— מאַמע, דו בענטשסט נאָך ליכט?

— פאַרוואָס זאָל איך ניט בענטשן, נאַרעלע?

אירע קליינע אייגעלעך שמייכלען נאָך אַלץ, ווי פריִער, שמייכלען און בלישטשען, ווײַל אַלעמאָל יאָגט אָן א נײַע טרער. אַרומלויפנדיק אזוי פון קיך אין שטוב אַרײַן, גייט זי יעדע ווײַלע צו צו איר זעליקלען, קעדיי ווידער א גלעט טאָן זײַן אַקסל, א פיר טאָן מיט דער האַנט איבערן פּנים, גלײַך זי דאַרף זיך נאָכאַמאָל איבערצײַגן, אז דאָס זיצט באַם טיש טאַקע ער און ניט קיין אַנדערער.

זי איז ביז גאָר גליקלעך, וואָס זי האָט אים צוגעטראָפן מיט אירע מײַכאָלים. סאַמע דאָס, וואָס ער האָט ליב. קרעפּלעך מיט פלייש. נאָר דאָס, וואָרנט זי אים, איז נאָר א פאָרגעריכט, ער זאָל דערווײַל איבערכאַפּן. דער טאַטע וועט אינגיכן קומען, וועלן זיי עסן מיטיק. דאָס קעלישעקל איז דערווײַל אויך נאָר אף א בראָכע, דער טאַטע וועט קומען, וועלן זיי ערשט נעמען א קויסע. זי שטייט באַם טיש, פאַרלייגט די הענט און קוועלט אָן, ווי איר זעליק שלינגט די קרעפּלעך. זי טוט אַלעמאָל א וויש מיטן פאַרטעך אַן אָנגעלאָפענע טרער. און דאָס שמייכעלע אירס... פאַראַן אין דעם א ביסעלע נאַכעס און א ביסעלע טרויער. אוודע וואָלט זי געוואָלט, אז איר זעליק זאָל זיך אָפּזוכן אַן אַנדער מעלאָכע. וואָלט ער ניט געדאַרפט טראָגן קיין ברילן און וואָלט געווען א ביסל פולער אין לײַב. און ער וואָלט עפּשער געוווינט אין איין שטאָט מיט זיי, און זי וואָלט שוין עפּשער געניאַנטשעט אַן אייניקל. און ס'קומט איר אפן געדאַנק: אויב ער וועט ווידער קומען ערשט אין פינף יאָר ארום, איז ווער ווייסט...

זי וואָלט זייער געוואָלט אויספרעגן בא אים וועגן די אַלע זאַכן: ווען וועלן זיי טאַנצן בא אים אף דער כאַסענע, ווען וועט זי זיך דערוואַרטן אף אַן אייניקל. נאָר זי האָט עפּעס מוירע. באַקוקט זי אים ווידער, און איר הייבט זיך אָן דוכטן, ער וויל אַליין בא איר עפּעס פרעגן און קווענקלט זיך.

— וואָס מאַכט דער טאַטע? — האָט ער ענדלעך זיך אָנגערופן.

— ווייסט ניט? ווי שטענדיק.

— וואָס זשע פאַר א בריוו אזא אינמיטנדערינען?

— זײַנע מעשוגאַסן. מיטן פערד א געשיכטע. צי וויל מען עס אָפּנעמען, צי איבערגעבן עמעצן אַנדערש. טײַנע איך צו אים: יענער איז אזוי פאַרטאָן מיט זײַנע מיקרעס, וואָס זשע דוסטו אים א קאָפּ?

זעליק שמייכלט צופרידן. הייסט עס, אז מיטן טאַטן איז אָן סאַקאָנעס. בלײַבט פאַר אים טאַקע בלויז זײַן איינציקער סאָד.

לויט דעם, ווי זעליק האָט פלוצלינג אָנגעהויבן שאַרן מיטן גאָפּל איבערן טעלער, ווי ער זאָל דאַרטן עפּעס זוכן און ניט קאָנען געפינען, האָט שוועס זיך אָנגעשטויסן, אז מיט די געדאַנקען איז ער שוין זייער ווײַט פונעם טעלער. ווייסט זי שוין, ווי עס האַלט, און דאַרף שוין ניט וואַרטן, ביז ער וועט זי פרעגן.

— און דײַן טײַבל... שוין א מאַמע געוואָרן, זייער א ווויל מיידעלע בא איר.

דאָס דאַרף הייסן, אז איצט מעג ער אוודע אופהערן טראַכטן וועגן איר. נאָר דערזען, ווי זײַנע באַקן האָבן אָנגעהויבן פלאַמען, האָט זי זיך אביסל פאַרלוירן.

— אײַ, אײַ, א וועלט מיט וועלטעלעך... — האָט זי שטיל אַרויסגעזיפצט. און א טראַכט געטאָן מיט פאַרדראָס: האָט ער זי, הייסט עס, נאָך אַלץ ליב!

מאָטל איז אַרײַנגעפאָרן אין הויף מיט זײַן ראַשיקן צעצויגענעם „טפּר־רו“, שמײַדיק אראָפּ

פונעם וואָגן און, דערזעענדיק זעליקן, וואָס איז אים ארויסגעלאָפן אנטקעגן, ארופגעוואָרפן די ווישקעס אפן גניאדן און זיך אָנגערופן, גלײַך זיי האָבן זיך געזען ערשט מיט א שאָ צוריק.

— הײַדא, העלף אויסשפאנען.

ער וועט, פארשטייט זיך, דערנאָך אים ארומנעמען, צעקושן, באקוקן אים פון קאָפּ ביז די פיס און אפילע א שמייכל טאָן מיט א האלב מויל. יאָ, טאקע נאָר מיט א האלב, און זאָל זעליק ניט מיינען, אז ער איז בא אים א גרויסער יַיכעס. און — יאָ א גאסט, ניט קיין גאסט, קומט אים, דעם טאטן, קיבעד־אָוו. שפאנען זיי ביידע אויס דאָס פערדל, זעליק פירט עס ארײַן אין שטאלכל, און מאָטל ווארפט דעם אונטער א ביסל היי. דערנאָך נעמט זיך זעליק פארן עמער, נאָר מאָטל ווארפט אף אים א וואָרענענדיקן, בייזלעכן בליק, וואָס דארף באטײַטן: שוין פארגעסן, אז קיין איבערגעוואָרעמט פערד טאָר מען ניט פּאָיען?

— נו, וואָס מאכט עפּעס דײַן מיקראָ? — פרעגט מאָטל, ווען זיי לאָזן זיך ביידע אין שטוב ארײַן.

— א דאנק. נישקאָשע.

— נו, און דײַן מאקראָ?

— אויך דאָס זעלבע.

— איז דאָך אוואדע גוט. מעג מען זיך וואשן און נעמען צו קויסיעלעך.

דאָס דארף הייסן, אז וועגן דעם איקער וועלן זיי רעדן אָן אנדערשמאָל. דעם עמעס געזאָגט, ווייסט ער ניט, מאָטל, וויאַזוי אָנהייבן ריידן וועגן דעם. געקרעכצט איז געווען זײַן שוועע, ווען זי האָט אים געזאָגט, אז צוליב אזא נארישקײַט שרעקט מען ניט אָן קיין קינד. און דאָך איז ער צו־פרידן. מיט וואָס דען וואָלט ער אים אזוי גיך אראָפּגעבראכט צוגאסט?

ער באקוקט דעם זון מיט א שטרענגן אָפּשאצנדיקן בליק און זעט, אז זײַן זעליק איז שוין גאָרניט ענלעך אף יענעם ייִנגעלע, וואָס איז מיט פינף יאָר צוריק אוועק פון שטוב אָן א זיי־געזונט. אָן עמעסער מאנספארשוין, און ווי עס ווײַזט אויס, האָט ער, אפּאָנעם, א קאָפּ אף די פלייצעס.

זיי זעצן זיך שווײַגנדיק צום טיש, גיסן שווײַגנדיק אָן די קעלישעקלעך, און דעם „לע־כאיִם" זאָגן זיי אויך ארויס מיט א האלב מויל. מאָטלען איז דאָס בעפּירעש געפעלן. זיי ארבעטן פלײַסיק מיט די גאָפּלען און כאפּן אלעמאָל איינער אפן אנדערן א זײַטיקן קוק.

זעליק איז צופרידן־איבעראשט, וואָס נאָך אזויפיל יאָרן האָט דער טאטע זיך קימאט ניט געענדערט. פארקערט, ער איז געוואָרן נאָך קרעפּטיקער. די באקן זײַנען גלאנציק־גלאט, אָן א מינדסט קנייטשעלע. ווען ניט די באָרד, וואָלט ער אויסגעזען נאָך פיל ייִנגער. דערנאָך כאפּט זעליק א קוק אף דער האָריקער האנט, וואָס האלט פעסט דעם גאָפּל. ער קוועלט אָן, ווי דער טאטע עסט מיט גרויס אפּעטיט, נאָר אף מעקאנע צו זײַן.

— וואָס באקוקסטו מיך אזוי? — כאפּט מאָטל אוף זײַן פאָרשנדיקן בליק.

— פינף יאָר ניט געזען.

— איז אויב מע פארבענקט זיך אזוי נאָכן טאטן, איז, דאכט זיך, דאָ איצט מיט וואָס צו פאָרן...

— איך בין געווען פארנומען מיט דער דיסערטאציע. דו האָסט דאָך אויך געקענט זיך דורכפאָרן.

— אזוי מיינסטו? איבערלאָזן האקל־באקל און ארומפאָרן צוגאסט? אָט ווען אף דער וועלט וועלן מער קיין פערד ניט זײַן...

זעליק שמייכלט:

— דערווײַל האלט נאָך ניט דערבײַ.

— יאָ, אָבער באלעגאָלעס!

מאָטל, אז ער ווערט אין קאס, גיט ער א צי אויס דעם האלדז און די באָרד בלײַבט שטעקן אין דער לופט, פארשטעלט די נאָז. אין אזעלכע מינוטן, ווייסט שוין שוועע, מוז מען מיט עפּעס לעשן זײַן צאָרן.

— איך מעג שוין דערלאנגען דעם ראָסלפלייש? — טוט זי א פרעג.

זעליק, גלײַך גאָרנישט ניט באמערקט, ענטפערט געלאסן, מיט דעם זעלבן שמייכעלע.

— ניט געזאָרגט, טאטע, באלעגאָלעס וועלן שטענדיק זײַן. סײַ אף דער ערד, סײַ אפן הימל.

מאָטל שטויסט זיך אָן, וואָס דער זון מיינט, נאָר ער האָט פײַנט, אז מע הייבט אָן רעדן טאר־געם־לאָשן. כוץ דעם, איז דאָס פאר אים א קליינע טרייסט. ער קען זיי גוט, די נײַע באלעגאָלעס, וואָס יאָגן ארום אף זייערע מאשינעס און מיינען, אז די גאנצע וועלט מיט אלע אירע וועגן זײַנען נאָר פאר זיי.

דער הייסער ראָספּלייש מיט די ברוינע, צוגעפּרעגלטע קאַרטאָפליעס, פון וועלכן ס'גייט אַזאַ געשמאַקע, רייצנדיקע פּאַרע, האָט טאַקע אַ ביסל געשטילט זײַן צאַרן.

— יאָ, אָבער די פערד, — רעדט ער אַרויס מיט אַ זיפץ. — כאַטש אַף נאַסיניע איבערלאָזן. כאַטש פאַר קינאָ.

— זאָרג ניט, טאַטע. ווייסט, סאַראַ גרויסע פערד־זאַוואָדן עס זײַנען פאַראַן באַ אונדז?

— איך וואָלט בעפּיירעש געוואָלט אַ קוק טאָן.

— מעשוגענע גענדז, מעשוגענע גריזון! — רופט זיך אָן שעווע, צוקומענדיק צום טיש מיט צווי גלעזער קאַלטן קאָמפּאָט. באַגעגנט זיך אַ טאַטע מיט אַ זון נאָך אַזויפיל יאָרן, און מע האָט מער ניט וועגן וואָס צו רעדן, ווי וועגן די פערד. מיילע, זאָל זײַן וועגן פערד, זי האָט אָבער מוי־רע, מאָטל זאָל אינמיטנדערינען ניט אַרײַנפאָרן מיטן בריוו, דערמאָנען דעם צעפּאַלענעם שידעך, און עס זאָל גלײַך, באַ דער ערשטער באַגעגעניש, צעפלאַקערן זיך אַ קריג. זי ווייסט דאָך זייער גוט, אַז די גאַנצע צײַט קאָכט אין איר מאָטלען דער קאַס אַף טײַבלען מיט אירע עלטערן און ער זוכט נאָר צו וואָס צוטשעפּען זיך. שולדיק, פאַרשטייט זיך, איז זי, שעווע. אַליין צעפּויקט דאָן איבערן מאַרק. און מע האָט גלײַך אָנגעהויבן אָפּגעבן מאָטלען איין מאַזלטאָוו נאָכן צווייטן. וואָס מאַזלטאָוו, ווער מאַזלטאָוו? וואָס הייסט? באַ אים איז דאָך הײַנט אַ קנאַסמאָל, צי עפּשער גלײַך אַ כאַסענע, וויל ער עס אויסבאַהאַלטן? ווײַ, וואָס מאָטל האָט אויסגעאַרבעט, ווען זי האָט אים געמוזט אויסדערציילן, ווי ס'האָט שוין געהאַלטן אַט־אַט, ווי דערנאָך איז טײַבל געקומען צו לויפן. דער ייִכעס שטייט זיי ניט אָן! ער איז אַרומגעלאָפן איבערן הויף, ווי אַ צעדרייטער, גע־שמיסן מיט דער בײַטש איבער דער ערד, איבערן פּלויט און געשריגן: „איך וועל זיי ווײַזן ייִכעס!“

— גענוג וועגן די פערד, — רופט זי זיך אָן צו זעליקן. — קום, וועל איך דיר עפּעס ווײַזן. זי פירט אים צו צום כאַלאַדילניק, וואָס גלאַנצט אַרויס פונעם פאַרטונקלטן ווינקל מיט זײַן פינקלענדיקער ווײַסקײַט.

— ווי געפעלט דיר עפּעס מײַן מאַציוועו?

זעליק הייבט אָן פינטלען מיט די אויגן און נעמט אַפּסנײַ באַקוקן די מאַמע מיט זײַן קורצ־זיכטיקן בליק. צי דען האָט זי זיך שוין אָנגעהויבן פאַרעדן אַף דער עלטער? ער פאַרשטייט ניט, וואָס זי מיינט, און קומט אָפּ מיט אַ שמייכל. די מאַמע שמייכלט אויך.

— און אַלץ איבער דער רעפאַרמע, — דערקלערט זי אים.

פאַרשטייט ער ווידער ניט. מוז זי אים שוין דערציילן אַ גאַנצע געשיכטע. וויאַזוי זי האָט נאָך מיט צען יאָר צוריק אָנגעהויבן קלײַבן געלט אַף אַ מאַציוועו. ווײַל אַ מענטש איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש. און קיינער ווייסט ניט, ווען זײַן שאָ וועט קומען. האָט זי געקליבן, געקליבן, און פּלוצלינג איז אַוועק אַ קלאַנג: מע וואַרט אַף אַ נײַער רעפאַרמע. האָט זי זיך דערשראָקן, עס קען, כאַלילע, דאָס געלט פאַרפאַלן ווערן. איז זי אַוועק און געקויפט אַ כאַלאַדילניק. דערנאָך האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז ס'איז געווען אָן אומזיסטע שרעק.

— איז ווי געפעלט דיר מײַן שטיקל מעבל? — פרעגט זי ווידעראַמאָל, און זעליקן דוכט זיך, אַז די מאַמע שפּעט פון אים. — פאַרשטייסט, זונעניו, באַ אַזעלכע יאָרן איז יעדער טאָג אַ געשענקטער. ווי זשע מעג מען שטאַרבן, ניט ווייסנדיק, וואָס פאַר אַ טאַם עס האָט אַ קאַלטע שאַל סמעטענע, נאָרוואָס פונעם כאַלאַדילניק, איך רעד שוין ניט פון אָן אוגערקעלע. הײַנט קויפסטו זי, און מאָרגן איז זי שוין צוגעוויאַנעט. און אינעם כאַלאַדילניק בלײַבט זי האַרט, גרין און פריש, ווי נאָרוואָס אַראָפּגעריסן. טײַנע איך מיט אים די גאַנצע צײַט, מיטן טאַטן דײַנעם, זאָגט ער...

זי געדענקט שוין ניט, אייגנטלעך, וואָס האָט זי געטײַנעט צו אים און וואָס האָט ער געזאָגט צו איר. נאָר זי האַלט אין איין דערציילן און יאָגט אַרום מיט איר אומרויִקן בליק פון זעליקן צו מאָטלען אַהין און צוריק. זי דאַרף נאָר זיי אָפּפירן אַ ביסל אין אַ זײַט, זיי זאָלן פאַרגעסן, וועגן וואָס זיי האָבן נאָרוואָס גערעדט, און ס'זאָל זיך צווישן זיי ניט אָנהייבן קיין מאַכלויקעס. איר דוכט זיך, אַז דאָס האָט זיך איר אײַנגעגעבן. ווײַל אָט האָט מאָטל אַ שמייכל געטאָן. און נאָך וואָס פאַר אַ שמייכל! אַ פולער, אַ גאַנצער, ניט קיין צעביטענער. און דאָס איז באַ איר מאָטלען, וואָס איז אַזאַ קאַמצן אַף אַ שמייכל, עפּעס ווערט. זע נאָר, זע נאָר, די אויגן גלאַנצן באַ אים, די ליפּן האָבן זיך צעצויגן איינינעם מיט די וואָנצעס, און די באָרד איז געוואָרן ברייטער ווי לענגער. שטויסט זיך שוין שעווע אָן, אַז דער שמייכל האָט אַ שײַכעס ניט אַזוי צו איר „מאַציוועו“, נאָר צו זעליקן, וואָס שמייכלט אויך. איז, הייסט עס, דער רויגעז ניט אַזוי גרויס, ווי איר האָט זיך אויסגעוויזן. אויב אַזוי, איז אָן אַ סאַקאָנע און זי קען זיי רויִק איבערלאָזן אַליין.

— אוי, גאָטעניו! — גיט זי אַ קלאַפּ מיט די הענט איבערן פאַרטעכל. — איך שטיי און דערצייל זיי נאַרישע מײַסעס, און דאָרטן אין קיך סמאַליעט זיך שוין עפּעס...

4

נאָך עטלעכע יאָר פון אַרומוואַנדערן איבער די ווײַטע וועלטן האָט די אייגענע שטאָט, דאָס אייגענע הויז אים אויסגעזען אַ סך קלענער, ווי אײַנדערעמעסן. און לעכערלעך האָט אים אויך אויסגעזען דעם טאַטנס זאָרג וועגן דעם באַלעגאָלישן קיום און דער מאַמעס קוויקן זיך מיט דער סמעטענע פונעם כאַלאַדילניק. עמעס, ער האָט געמוזט אָנערקענען, אַז נאָך די בעכיפּאַזנדיקע פרישטיקן און די איבערגעשטאַנענע, ניט איבעריק הייסע מיטיקן אין דער גאָרקיך זײַנען דער מאַמעס מײַכאָלים שטאַרק געשמאַק.

ער איז געווען צופרידן, וואָס גלײַך נאָכן מיטיק האָט דער טאַטע אײַנגעשפּאַנט דאָס פערדל און אָוועקגעפאָרן, און דער ווײַטערדיקער שמועס זייערער וועט פאָרקומען ערשט אין אָוונט. די מאַמע האָט זייער געוואָלט, אַז זעליק זאָל זיך אַ ביסל צולייגן, אָפּרוען פונעם וועג, נאָר זעליק האָט ניט געפילט קיין מידקײַט און שלאָפן ניט געוואָלט.

— איך וועל בעסער אַ ביסל זיך דורכשפּאַצירן.

שעווע האָט זיך אָנגעשטויסן, וואָס ער מיינט מיטן שפּאַציר. האָט זי שטיל אַ זיפץ געטאָן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. וויבאַלד, הייסט עס, עס ציט אים אַזוי צו טײַבלען, זאָל ער גיין.

ער איז געגאַנגען און באַקוקט די גאַס, אויף וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן. זי האָט אים איבעראַשט מיט איר שמאָלקײַט, ענגשאַפט און פאַרטויבנדיקן טומל. גלײַך ער זעט צום ערשטן מאָל די שטאָטישע ווײַבער, וואָס טראָגן פולע און שווערע קאָשעקעס, און די פויערטעס פון די אַרומיקע דערפער, באַ וועמען עס קוקן אַרויס פון די קױשעלעך גאַדלעסדיקע הענער, אָנגעבלאָזענע אינדיקעס און פאַרטראַכטע, פאַרדײַגעטע גענדז. די שאָלעם־אַליכעם־גאַס, וואָס האָט אים אַמאָל אויסגעזען אומענדלעך־גרויס, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גאַס אין סאַמע מיט פון דער וועלט, איז גאָר, לאָזט זיך אויס, ניט מערער, ווי אַ געסל מיט אַלטע, אײַנגעשרומפּענע הײַזלעך. און די סעדלעך, וואָס זײַנען פאַרבליבן אין זײַן פאַרשטעלונג ווי עמעסדיקע וועלדער, קאָנען אַפילע ניט פאַרשטעלן דעם קוימען פונעם ציגל־זאַוואָד און די מאַציוועס פונעם נאָענטן בעסוילעם. נאָר מערער פאַר אַלץ האָבן אים געקימערט די ביז גאָר שמאָלע טראָטואַרן, ניטאָ ווו אַ פוס אַוועקצושטעלן. ער האָט געפּרוּווט אַראָפּ אָפן וועג און גלײַך געכאַפּט אַ פּסאַק פון אַ שאָפער.

— איי, איי, צעטראָגענער מאַלעך, אײַלסט זיך אויף יענער־וועלט?

— פאַרקערט, — האָט ער אָפּגעענטפערט מיט אַ שפּאַס. — איך קום נאָרוואָס פון דאָרטן.

שפּאַנט ער איבערן שמאָלן און איבערגעפולטן טראָטואַר, פאַרטשעפּעט זיך אַלעמאָל פאַר אַן אַנדער קאָשעק און כאַפּט אַלעמאָל אַרײַן אַ פײַנעם גאָב. נאָר סײַווי זעט ער איצט קיינעם ניט פאַר זיך, כוץ טײַבלען. ער וויל זיך פאָרשטעלן, ווי האָט זי זיך געענדערט פאַר דער צײַט און ווי זעט זי איצט אויס. נאָר טײַבל שטייט אים פאַר די אויגן אַזאַ, ווי מיט פינף יאָר צוריק, מיט איר צוגעניטעט פּענעמל, מיט איר אויסגעטאָקט נעזל און אַ ביסל צוגעזשמורעטע אויגן. זי איז געווען אַ גרויסע בעריע אויף צו פאַרוואַנדלען איר בליק אין אַ שטיקעלע רעטעניש. גיי טרעף, וואָס אין אים ליגט: לײַטזעליקייט צי אָפענער שפּאָט. דאָס איז געבליבן פאַר אים אַ סאָד ביז איצט, פּונקט ווי די גאַנצע געשיכטע מיט טײַבלען, ווי טײַבל אַליין. אָט דאָס טאַקע וויל ער איצט אויסקלאָרן. יאָ, ער דאַרף ענדלעך פעסטשטעלן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די מענטשלעכע געפילן. ווײַל אויב ליבע, אַנטוישונג, בענקעניש, פאַרדראָס זײַנען, ווי וואָלאָדיע האַלט אין איין דערווײַז, ניט מערער ווי כימישע רעאַקציעס אין דעם מענטשלעכן מויעך, קען דאָך דער מענטש אויסלערנען זיך קאָנטראָלירן און רעגולירן די דאָזיקע רעאַקציעס אַזוי, זיי זאָלן אַמווייניקסטן באַאומרויִקן. אָט וועט ער זיך זען מיט טײַבלען און איבערצײַגן זיך, אַז בענקעניש איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך. מע דאַרף נאָר אויסלערנען זיך אָנפירן מיט די אייגענע געפילן.

דערזען זעליקן, איז טײַבל רויט געוואָרן, גלײַך מע האָט זי געפּאַקט באַ עפּעס ניט קיין גוטער זאַך. איר בליק, וואָס איז שטענדיק געווען אַ סאָד פאַר אים, האָט איצט גאָרנישט ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן: סײַ איר פאַרלוירנקײַט און סײַ איר פאַרדראָס. זעליק האָט געפילט, ווי זײַן פּאָנעם פלאַמט. הייסט עס, אַז פאַר די פינף יאָר האָט זיך גאָרנישט ניט געענדערט. כאָטש באַ אים זײַנען געווען גענוג סיבעס פאַר אַנטוישונג, און באַ איר — ניט ווייניקער. און טײַבל אַליין... זי האָט גאָרנישט ניט אָנגעווירן פון איר מיידלשן גלאַנץ. זי איז אים ווי פריִער אומויסדריקלעך ליב, טײַער און האַרציק נאָענט. צו איר אַמאָליקן מיידלשן כיין, וואָס ער האָט פאַרהיט אין זיקאָרן, ביז אַ מינדסט שטריכעלע, ביז יענע קלײַנדלעך, וואָס מע האָט קוים אָנגעזען, איז צוגעקומען עפּעס נײַס, וואָס מאַכט זי נאָך שענער און געגאַרטער.

— וואָס באַקוקסטו מיך אַזוי?

זי רויטלט זיך נאָך מערער אונטער זײַן פֿאַרשנדיקן, דורכדרינגענדיקן בליק, וואָס זעט איר אויס עפּעס נײַ און אומבאַקאַנט.

זעליק שמייכלט מיט זײַן אמאָליקן, א ביסל קינדערשן שמייכל, אין וועלכן ס'איז שטענדיק געווען אַזויפֿיל איבערגעגעבנקייט און אונטערטעניקייט.

— טויזנט יאָר ניט געזען!..

— בלויז פֿינף, — פֿאַריכט זי אים.

— און אויב פּינקטלעכער, איז פֿינף יאָר, אכט און דרײַסיק טעג, זיבעצן שאָ... — געכאַפּט א קוק אפֿן זייגער און פֿאַרפּינקטלעכט. — זיבעצן שאָ מיט פֿינף און דרײַסיק מינוט.

— אַזוי האָסטו געציילט די גאַנצע צײַט?

— אַזוי!.. — ארויסגעזיפֿצט, און באַמערקט, ווי אירע אויגן האָבן א גלאַנץ געטאָן.

— בא דיר, האָב איך געהערט, זײַנען די יאָרן אוועק ניט אומזיסט...

— האָסט זיך אינטערעסירט?

ווידער איז איר בליק א סאָד פּאַר אים. וואָס האָט זי איצט געוואָלט אויסבאַהאַלטן אין אירע צוגעזשמורעטע אויגן? אָפּגעענטפֿערט האָט זי מיט אונטערגעשטראָכענעם גלײַכגילט:

— געוויינלעך.

— בא דיר, זע איך, זײַנען זיי אויך אוועק ניט אָן דערפֿאָלג.

מעגלעך, אז ער האָט דאָס ניט געדאַרפֿט זאָגן. זי האָט דאָס מאָל ניט באַוויזן צוזשמורען די אויגן, און ער האָט באַמערקט, ווי זי האָט זיך אָנגעברויגעזט. האָט ער אָנגעהויבן פֿאַרענטפֿערן זיך:

— פֿאַרשטייסט, טײַבעלע... אוי, כ'האָב גאָר פֿאַרגעסן! איך מעג נאָך איצט אַזוי זאָגן?

ער האָט אָבער ווידער, אַפֿאָנעם, געזאָגט ניט דאָס, וואָס מע דאַרף. איר פּאָנעם איז אַפּסנײַ פֿאַרפֿלאַמט געוואָרן און א רויטקייט האָט פֿאַרגאָסן אירע הענט און די צופּיל פֿאַרהוילטע ברוסט. זי האָט געמוזט אָפּקערעווען זיך און א נעם טאָן זיך מיט דער האַנט פֿאַרן ווינגעלע.

אוואדע מוז ער איצט זי באַרויקן. נאָר וויאַזוי?

— זאָג, טײַבעלע, איך טאָר ניט?

— דו מעגסט... אויב, פֿאַרשטייט זיך...

און מערער קענען זיי ביידע גאָרנישט ניט זאָגן איינער דעם אַנדערן. ביידע ווייסן ניט וווּהין אַהינטאָן די דורכגעפֿלויגענע פֿינף יאָר. ווען מע קאָן ווידער אומקערן זיך צו יענער זו-מערדיקער נאַכט און דורכמאַכן אַלץ אויף גאָר אָן אַנדער אויפֿן!.. ער, זעליק, קאָן כאָטש רופֿן צוהילף די פֿיזיק, די מאַטעמאַטיק, די גאַנצע רעלאַטיוויטעט-טעאָריע און דערמאָנען זיך אין דעם, אז ווען א קאָסמישע שיף וואָלט געפֿלויגן מיט דער גיכקייט פֿון שײַן, וואָלט די צײַט אינגאַנצן פֿאַרשווּנדן געוואָרן. וואָס זשע זאָל ער איצט טאָן? ארויסגאַנוועגען טײַבלען אינײַנעם מיטן קינד און אַריבערפֿירן זיי צו זיך? איז נאָך א פֿראַגע, צי טײַבל...

און טײַבל שטייט פּאַר אים אינגאַנצן אומבאַשיצט, מיט אירע פֿאַרויטלטע הענט און פּאָנעם, מיט איר וואַקסנדיקן פֿלאַטער, מיט איר צעבליטן ווײַבערשן כיין און מיט איר פֿאַרהלושעטער, נאָר ניט פֿאַרלאָשענער ליבע. זי איז ניט מערער ווי א יונגע פֿרוי, וואָס האָט אין א שווערער מינוט ניט געקענט בײַשטיין, בײַקומען... זאָל זײַן א ניסאָיען, זאָל זײַן דעם דרוק פֿון אירע על-טערן, זאָל זײַן איר אייגענע שוואַכקייט. און באַגאַנגען א פֿעלער, וועלכן מע קאָן ניט פֿאַריכטן. נו, איז וועמעס אייסעק איז דאָס? צאָלן דערפֿאַר וועט זי אַליין! זי האָט געפּרוּווט אײַנרעדן זיך, אז מיט דער צײַט וועט אַלץ אַריבער, ס'וועט זיך פֿאַרגעסן, ס'וועט זיך אײַנשטילן, ס'וועט זיך ווי-ניט-איז אײַנאָרדענען. לאָזט זיך אויס, אז ס'האָט זיך גאָרנישט ניט פֿאַרגעסן, גאָרנישט ניט אײַנגעשטילט און גאָרנישט ניט אײַנגעאָרדנט.

— נאָך וואָס ביסטו געקומען?.. — זי רעדט עס ארויס מיט אָפּענעם פֿאַרדראָס און האַלט קוים אײַן די טרערן.

ער הייבט אָן פֿינטלען מיט די קורצזיכטיקע אויגן און פּרוּווט ארויסשטאַמלען עטלעכע צעדרויבלטע ווערטער:

— אייניקע געלערנטע באַהויפּטן... און טאַקע מײַנער א כאַווער אויך... אז ליבע, בענקעניש, פֿאַרדראָס זײַנען ניט מערער ווי כימישע רעאַקציעס אינעם מענטשלעכן מויעך. מע דאַרף בלויז זיך אויסלערנען אָנפֿירן מיט זיי.

— דיר איז גרינג אַזוי צו זאָגן. אָבער וואָס האָב איך געזאָלט טאָן?

קומט אויס, אז דער שולדיקער איז גאָר ער. און ס'איז גאַנץ מעגלעך... יאָ, ס'איז גאַנץ מעגלעך, אז זי איז ניט אינגאַנצן אומגערעכט.

פֿון אָט דעם געדאַנק און פֿון אירע טײַנעס צו אים ווערט זעליקן א ביסל היימלעכער. עס

הייבט זיך אים אָן דוכטן, אַז עס ציט זיך נאָך יענע זומערדיקע נאַכט. ער בייגט זיך אָן איבערן וויגעלע, טוט א גלעט דאָס מיידעלע איבערן קעפּעלע, און עס כאַפּט זיך בא אים ארויס:

— ס׳וואָלט געקאָנט זײַן אונדזער טעכטערל...

— זאָלסט ניט געוועזן יאָגן זיך נאָך קיין שטערן...

ס׳האָט געמוזט אָנקומען א לאַנגע פּאוזע, עפּשער צו א לאַנגע, בייס וועלכער בײדע האָבן געדאַרפט פאַרדײַען דאָס, וואָס איז נאָרוואָס געזאָגט געוואָרן.

— דו ווייסט, טײַבעלע, איך האָב דאָך טאַקע אָפּגעזוכט.

— וואָס?

— א שטערן. א נײַעם שטערן.

— קומט דיר א מאַזלטאָוו?

— אונדז ביידן. דאָס האָב איך דאָך דיר א מאַטאָנע געבראַכט. אַזוי, ווי איך האָב צוגעזאָגט. געדענקסט?

סײַווי האָט טײַבל שוין ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן די טרערן. זיי האָבן א גלאַנץ געטאָן און שטיל אָנגעהויבן רינען איבער די פאַרפלאַמטע באַקן.

— אוי, זעליקל... — דאָס ערשטע מאָל אים אויך אָנגערופן, ווי אַמאָל. — ס׳איז שוין שפּעט. צו שפּעט!

— ס׳איז קיינמאָל ניט שפּעט! — אָפּגעענטפערט אַזוי היציק, אַזוי ארויסרופעריש, גלײַך אַט טוט ער זי א נעם, זי, מיטן קינד, מיטן וויגעלע, און פירט זיי אוועק.

וואָס זשע האָט זי געקענט ענטפערן דערויף? בלויז א שמייכל געטאָן. דעם זיפץ האָט זעליק ניט געהערט. זי האָט אים דערשטיקט אין זיך.

נאָך אַלעמען איז אים געווען גוט, זעליקן. אַלעמען אָף צולאָכעס פילט ער זיך גליקלעך. גליקלעך דערפון, וואָס טײַבל לעבט אָף דער וועלט, וואָס זי איז יונג און שיין ווי געווען, עפּשער נאָך ייִנגער און שענער, ווי פריִער. וואָס זי איז אים אַזוי ליב, ווי געווען, און עפּשער נאָך ליבער, דערפון, וואָס זי רויטלט זיך אַזוי שטאַרק און די רויטקײַט גיסט זיך פאַנאַנדער איבערן פּאָנעם און איבער די הענט. און אויך פון אירע טרערן, וואָס רינען שטיל איבער די פאַרפלאַמטע באַקן. ער וואָלט וועגן דעם אַלץ בעפּיירעש געוואָלט איר זאָגן, נאָר ארויסברענגען אַזעלכע ווערטער איז אים שווער.

— נו, דערצייל זשע, טײַבעלע, ווי לעבט זיך דיר.

אַפּאָנעם, אַז טײַבל האָט בייסמײַסע געטראַכט וועגן גאָר עפּעס אַנדערש. און דערפאַר האָט איר ענטפער אים א ביסל א שטאָך געטאָן.

— וואָלסט פריִער כאָטש געדאַרפט פרעגן, ווי מע רופט אים.

— וועמען? אַך, יאָ, אַנטשולדיק. נאָר וואָס איז די נאַפקעמינע. איז ווי טאַקע רופט מען אים?

— פעליק... און ער איז גאָר ניט אַזא שלעכטער מאַן, און פאַרדינט אויך ניט שלעכט. כאָטש ער איז ניט קיין געלערנטער און ניט קיין אינזשעניער. בלויז א טעכניקער.

— פעליק... — האָט זעליק איבערגעכאַזערט און ערשט דערנאָך גענומען איבערפרעגן: — פעליק? פעליק?

— נו, יאָ... ווייסט דאָך... זײַן טאַטע איז אָן אַפּטייקער.

— דאָס, וואָס דײַניקע האָבן געוואָלט. אַזא ייִכעס! ווו זשע ארבעט ער?

— ער איז פאַרוואַלטער פון דער לאַבאָראַטאָריע אָפן מילך־זאַוואָד.

— איז דאָך אוודאי גוט. ברענגט ער געוויס אהיים אויך א ביסל מילכיקס?

— מע דאַרף ניט אַזוי, זעליק... — זי האָט זיך דערשראָקן פאַר נײַע טרערן און א כאַפּ געטאָן דאָס טיכעלע.

טײַבל האָט דערפילט, אַז ווײַטער שמועסן אַזוי טאָר מען ניט. זיי קאָנען זיך צעקריגן. און זי וויל ניט. זי וויל זיך ניט קריגן מיט אים. זי האָט אים א שויבער געטאָן די האָר אָפן קאָפּ און א פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן ריין איבערגעראַזירטן פּאָנעם, געפּירט די פינגער פּאַמעלעך, גרינג און לאַשטשענדיק.

— גענוג, זעליקל. קום, וועל איך דיר בעסער ווײַזן אונדזער מעבל. ווײַל איך א פּאָר טעג ארום ווייסטו עס שוין ניט זען.

— פאַרוואָס?

— ווײַל פעליק האָט שוין באַשטעלט א נײַעם גאַרניטור. איך בין גראָד געווען קעגן, ווײַל בא אונדז איז גאַרניט קיין שלעכט מעבל. נאָר פעליק... עס דאַרפן אָנקומען עטלעכע דײַטשישע גאַרניטורן, און ער האָט שוין אָן אוואַנס ארײַנגעטראָגן.

זעליק האָט באַקוקט דאָס מעבל און ניט געקאָנט באַשטימען, צי עס געפעלט אים, צי ניין.

— נאָר איך פאַרשטיי ניט...

ניט פאַרענדיקט דעם געדאַנק און אַנשוויגן געוואָרן. ער האָט מוירע געהאַט ווידער מיט עפּעס באַליידיקן טײַבלען. און געכאַפּט זיך, אַז זײַן „ניט פאַרשטיין" האָט אַ שײַכעס ניט בלויז צו זייער מעבל, נאָר ביכלאַל צו זײַן קוק אויף זאַכן, וועגן וועלכע ער האָט ערשט נעכטן אין אָוונט אַזוי הייס דיסקוסירט אין זייער לאַבאָראַטאָריע. מעגלעך, אַז ער איז ניט אינגאַנצן גערעכט. אָבער דאָך... אַרויסוואַרפן נײַ מעבל און קויפן אַנדערס, און פּאַטערן אויף דעם אַזויפיל מי, ענערגיע, מיטלען... איז דאָס דאָך טאַקע, ווי ער האָט נעכטן געזאָגט: אַ מענטש מאַכט זיך אַליין פאַר אַ קנעכט פון די זאַכן. און צוליב וואָס?

— צוליב וואָס? — האָט ער אַרויסגערעדט אין דער הייך. — און מיט וואָס האָט זיך פאַר־זינדיקט אָט דאָס מעבל אײַערס?

— מײַן פעליק האַלט זייער פון מאָדעס.

— און דו? דו האַלטסט אויך פון מאָדעס?

— פאַרשטייט זיך. וואָסי, ס'איז אַ גרויסער כיסאָרן? אָט וועל איך דיר טאַקע ווײַזן...

און עפן געטאָן די שאַפע, האָט זי אַרויסגענומען פון דאָרט פאַרשיידענע וואַלענע קאָפּטלעך, פוטערנע קעלנערלעך, ניילאָנאָווע העמדלעך, און אַלץ אימפּאָרטנע, און יעדער זאַך פון גאָר אַ געהויבענער פירמע. געוויזן, גערימט און גערעדט, דערציילנדיק, ווי שווער יעדער זאַך איז אָנגע־קומען, און ווי פעליק האָט דאָס אַלץ געקראָגן דורך פאַרשיידענע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, און אַלעמאָל געמוזט מיט עפּעס אָפּדאַנקען. זי האָט אַלץ גערעדט און גערעדט, ביז זי האָט געכאַפּט אויף זיך זעליקס אַ זײַטיקן קוק, אַ קוק, וואָס האָט זי מיטאַמאָל ווי אויסגעניכטערט.

— אײַ, נאַרישקײַטן, נאַרישקײַטן, — אַרויסגערעדט און גענומען אַרײַנשטופּן די זאַכן צו־ריק אין דער שאַפע אַרײַן. — ווייסטו וואָס, זעליקל, קום בעסער מיט מיר אין קיך אַרײַן, וועל איך צוגרייטן עפּעס עסן. באַלד וועט פעליק קומען.

גראָד דאָס — זיך באַגעגענען איצט מיט פעליקן — האָט ער ניט געוואָלט. דאָס וואָלט געווען פאַר זיי אַלעמען אַ שווערע שפּיל.

— ניין, טײַבעלע, אַן אַנדערס מאָל. ערנוואָרט! איצט מוז איך שוין גיין. די מאַמע האָט מיך פון דער שטוב ניט געוואָלט אַרויסלאָזן און קוקט שוין מיסטאָמע אַרויס אויף מיר.

— גייסטו שוין אַוועק? — זי איז מיטאַמאָל בלייך געוואָרן און ביז גאָר פאַרלוירן. — מיר האָבן נאָך וועגן גאָרנישט ניט גערעדט! וואָס זשע ביסטו געקומען?

5

טאַקע, צוליב וואָס איז ער געקומען? וועגן דעם האָט ער ניט אויפגעהערט צו טראַכטן באַ־נאַכט, ליגנדיק אין דרויסן אויפן וואָגן און אָנגעשטרענגט אײַנקוקנדיק זיך אינעם הימל. כאָטש ס'איז שוין געווען סענטיאַבער, נאָר דער הימל איז געווען געדיכט אויסגעשטערנט, ווי אין די בעסטע אויגוסט־נעכט, און ער האָט געקאָנט זען זיך מיט פיל באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע שטערן, פאַרקלײַבן זיך מיט די געדאַנקען אין די ווײַטסטע גאַלאַקטיקעס. וואָס קומט איצט פאַר דאָרט, אין יענע אומבאַגרײַפלעכע ווײַטן? וועלכער שטערן ווערט געבוירן און וועלכער גויסעסט, עטעמט אויס זײַן לעצט ביסל שײַן? און ווען די שײַן וועט דערגיין צו אונדז, וועט דער שטערן אַליין שוין לאַנג ארומוואַנדערן צווישן די וועלטן אַ פאַרקילטער, אַ פאַרגליווערטער, אַ פאַרשטיינערטער. ער קוקט זיך אײַן אינעם באַנאַכטיקן הימל, אין די מיליאָנען פינטלענדיקע סוידעס, און אים ווערט אַ ביסל אומעטיק אויפן האַרצן...

ווי האָט זי געזאָגט, טײַבל? „אַ מאָדע אויף נײַע גאַרניטורן!" עד, טײַבל, טײַבעלע... און וווהין זאָל מען אַהינטאָן דאָס אַלטע, וואָס האָט נאָך ווײַט ניט אָפּגעדינט זײַנס און וויל נאָך אויך לעבן? אַ שטערן לעבט מיליאַרדן יאָרן, און פונדעסטוועגן איז אַ פאַרדראָס, ווען ער שטאַרבט אַוועק. און וואָס זאָל טאָן אַ מענטש... יאָ, וואָס זאָל טאָן אַ מענטש מיט זײַן ליבע, אויב זי וויל ניט און קאָן ניט שטאַרבן?

— נאָך וואָס ביסטו געקומען? — קלינגט אים אין די אויערן טײַבלס פראַגע, און ער זעט פאַר זיך איר מיטאַמאָל בלייך געוואָרן פּאָנעם און אויסגעלאָשענע אויגן. ענטפערן אויף דער פראַגע איז אים זייער שווער. און דאָס האָט שוין אַ שײַכעס ניט נאָר צו טײַבלען, נאָר אויך צום טאַטנס בריוו, וואָס זעט אים איצט אויס שטאַרק איבערגעטריבן. אַ סימען, דער טאַטע האָט ניט דער־מאָנט וועגן דעם ניט באַם מיטיק, ניט באַ דער וועטשערע און ניט ווען זיי האָבן גענומען אויס־בעטן זיך אויפן וואָגן. די מאַמע האָט זיך שיר ניט צעוויינט. זי האָט צוגעגרייט פאַר אים אַזאַ פײַנעם געלעגער, איבערגעצויגן די קישנס מיט ריינע, ווײַסע ציכלעך, וועט ער גיין שלאָפן

אפן וואָגן? נאָר זי האָט געמוזט ארויסטראָגן די קישנס אפן וואָגן און איבערדעקן דאָס היי מיט א ווײַסן לײַלעך.

ליגט ער אף די קישנס מיט די ריינע ציכעלעך, ליגט הארט לעבן טאטן, וואָס שלאָפט, זעט אויס, גאנץ געשמאַק, און עס קומט אים אוף א געדאנק, אז מיט זײַן ארויספליִען אהיים האָט ער פאראטן זײַנע שטערן. ווער ווייסט, וואָס ער וואָלט געקאָנט גראָד היינטיקע נאכט דערזען אין טעלעסקאָפּ? אָט האָט ווידער א העל פײַערל דורכגעשניטן דעם באנאכטיקן הימל. וואָס איז דאָס, א געווײַנלעכער מעטעאָר צי אן אופרײַס פון עפּעס א נײַעם ווײַטן שטערן?

וועט ער טאקע באגינען אוועק נאָך א בילעט און וועט דעם קומענדיקן אָוונט ווידער זיצן באם טעלעסקאָפּ. אייגנטלעך, האָט ער דאָ מער ניט וואָס צו טאָן. און דאָס, וואָס ער האָט דאָ געטראָפן, געזען און איבערגעלעבט, וועט ער אוועקפירן מיט זיך: די ניט אויסגעלאָשענע ליבע צו טײַבלען, די בענקעניש נאָך דער מאמען און דעם א ביסל געמאכטן רויגעז מיטן טאטן. זאָל זײַן אפילע, אז ליבע, בענקעניש און נאָך אזעלכע זאכן זײַנען ניט מערער ווי א כימישע רעאַק־ציע. איז דען דערפון גרינגער? און ער וויל גאָר ניט, עס זאָל אים זײַן גרינגער! זאָל דאָס שטענ־דיק זײַן מיט אים בייס אלע זײַנע זוכענישן און פאָרשונגען.

נאָר ווי קאָן מען אזוי גיך זיך זעגענען מיט דער מאמען, וואָס האָט ארויסגעקוקט אף אים טאָג נאָך טאָג די אלע פינף יאָר? גיי דערצייל איר וועגן זײַנע זוכענישן, דערצייל איר איבער דעם שמועס מיט טײַבלען... זי שלאָפט, די מאמע, און שטעלט זיך אפילע ניט פאָר, אז אין עט־לעכע שאָ ארום...

נאָר שוווע איז ניט געשלאָפן. זי האָט דאפקע געמיינט, אז נאָך אזא טאָג וועט זי אנשלאָפן ווערן, ווי נאָר זי וועט זיך צורירן מיטן קאָפּ צו איר קישעלע. נאָר דער שלאָף האָט זי דאָס מאָל ניט גענומען. מעגלעך דערפאר, וואָס ס'האָט זי א ביסל געהריזעט א פארדראָס אף זעליקן און אפן מאן, וואָס האָבן זי איבערגעלאָזט איינע אליין אין שטוב. א פּאָר מאָל איז דער שלאָף דאפקע שוין צוגעקומען זייער נאָענט, זיך א דריי געטאָן ארום איר, פארפלאָכטן עפּעס א מעשונעדיקן כאָלעם און ניט געסטײַעט אינמיטנדערינען. ליגט זי און מוז אליין ציִען ווײַטער דעם ניט דער־כאָלעמטן כאָלעם, מוז ארומבלאָנדזען צווישן כאָלעם און וואָר און ווייסט אליין ניט, ווו זי האלט אין דער וועלט.

איר לאנגער, פארפלאָנטערטער כאָלעם דרייט זיך ארום זעליקן, זי האָט פארלוירן דעם כעזשבן, וויפל איז ער אלט געווען, ווען זי איז מיט אים, נאָך פיל וואָכן וואָגלענישן, ארײַנגע־קומען אין ברעשאדער געטאָ. ווײַל אויב טאקע שוין זיבן יאָר, ווי זשע האָט זי געקענט אזויפיל מעסלעסן אים טראָגן אף די הענט?

— אוי, טאטע זיסער, זאָלסט מיך ניט שטראָפן פאר די רייד. נאָר אויב ס'איז באשערט נאָכאמאָל איבערלעבן אזעלעכס, זאָל מען שוין בעסער ניט דערלעבן.

יאָ, יאָ, איז ער שוין טאקע אלט געווען זיבן יאָר. און געווען גרינג ווי א פעדער. און קוים געדעכעט. זי האָט געמיינט, ער וועט ביז טאָג ניט דערציִען, און האָט זייער מוירע געהאט אנ־שלאָפן ווערן. מע זאָגט דאָך, אז דער מאלעכהאמאָוועס גאנוועט ארויס די נעשאמע, ווען דער מענטש שלאָפט. ווײ, ווײ, וויפל זײַנען געווען אזעלכע נעכט... הונגעריקע און שלאָפלאָזע.

איר דוכט זיך, אז מאָטל ליגט לעבן איר. גיט זי א טאָרע די קישן און רופט זיך אָן:

— דו הערסט, מאָטל, ווען די רויטע ארמיי פארשפעטיקט אף איין וואָך, אף איין טאָג, האָבן מיר שוין ניט אונדזער זעליקן. מענטשן זײַנען דאן אויסגעגאנגען, ווי ליכט. און זעליקל... ער האָט שוין אָנגעהויבן ווארגן זיך. דער מאלעכהאמאָוועס האָט אים געהאלטן אין איין דישען, נאָר איך בין ניט געשלאָפן און ניט געלאָזט. און ווייסט, מיט וואָס איך האָב אים אָפּגעראַטעוועט? ווען ס'איז ארײַן די רויטע ארמיי, בין איך אוועק צו זייער עלטסטן. האָט ער מיר געגעבן... ווייסט, וואָס ער האָט מיר געגעבן? עטלעכע טאבלעטקעס סטרעפּטאָציד. דאָס האָט אָפּגעראַטעוועט זע־ליקן פונעם טויט. מאָטל, דו שלאָפסט, מאָטל?

נייִן, מאָטל איז אויך ניט געשלאָפן. ער איז געלעגן אפן וואָגן לעבן זעליקן און... זיך דורכ־געשמועסט מיט זײַן שוועסן.

— הערסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, שוווע? עפּעס געפעלט ער מיר ניט, דער באָכער אונדזערער. עפּעס איז ער ניט ווי קיין היגער. פליט ארום צווישן די הימלען.

— נו, איז וואָס? עמעצער דארף די הימלען אויך אין זינען האָבן. האָסט א סאך אזעלכע זעליקס?

— דערפאר טאקע האָב איך מוירע...

— פארוואָס?

— כ'האָב מוירע... עפּעס דוכט זיך מיר, אז ער איז ענלעך אף יענעם יונגנמאן, וואָס האָט זיך ארומגעטראָגן מיט א ניגן... ווי מיינסטו, שוווע?

נאָר שעווע ענטפערט ניט. צוערשט דוכט זיך אים, אז שעווע איז אנשלאָפן געוואָרן, און ערשט דערנאָך כאַפּט ער זיך, אז שעווע איז דאָ אינגאנצן ניטאָ. אויב אזוי, דאַרף מען זיך דורכ־שמועסן מיט זעליקן.

— דו שלאָפסט, זעליק?

— ניין, וואָסי דען?

— גאָרניט. גלאַט אזוי. קאָנסט אַלץ זיך ניט שיידן מיט דײַנע שטערן?

— נו, יאָ. ווי דו מיט דײַנע פערד.

— פערד איז אַן אנדער איניען. פערד זײַנען א יעשע. און די שטערן וואָס? ווער ווייסט זיי, וואָס זיי זײַנען דאָרטן?..

— אָט דאָס וויל איך טאַקע וויסן...

— אוי, כ'האָב מוירע...

— פאַרוואָס האָסטו מוירע?

— האָסט געהערט די געשיכטע וועגן א יונגנמאַן מיט א ניגון?

— וועלכער ניגון?

— וואָס זשע, כ'האָב דיר קיינמאָל ניט דערציילט וועגן דעם?

— האָסט ביכלאָל מיר קיינמאָל וועגן גאָרנישט ניט דערציילט...

מאָטלען דוכט זיך, אז זעליק האָט עס ארויסגערעדט מיט פאַרדראָס. מעגלעך, אז ער איז טאַקע גערעכט. ווען ער זאָל געווען מערער האָבן צו טאָן מיט אים, וואָלט ער עפּשער געמאַכט פון אים א שטיקל מענטש. נאָר דאָס איז שוין א פאַרפאַלענע זאַך. און ווען האָט עס א באַלעגאָלע צײַט אָפּ שפּילן זיך מיט א קינד? נאָר דאָס דאָזיקע מײַסעלע מוז ער אים דערציילן, עפּשער וועט עס אים צוניץ קומען.

— געווען אמאָל א יונגערמאַן, אַן אײדעם אָף קעסט. ווייסט, וואָס דאָס הייסט? געווען אמאָל א סאַך אזעלכע. האָט מען געהאַלטן דעם איידעם א יאָר, צוויי, דערנאָך האָט דער שווער באַ־שטימט, אז מע דאַרף אים אויסלערנען עפּעס טאָן, ער זאָל אליין פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט. האָט ער אים געגעבן א ביסל געלט און אוועקגעשיקט אין א שכײַנעסדיקער שטאָט נאָך סכוירע. דעמלט זײַנען נאָך ניט געווען ניט קיין צוגן, ניט קיין אעראָפּלאַנען, און קיין אווטאָבוסן פון דאָרף צו דאָרף זײַנען אויך ניט געגאַנגען. איז ער א ביסל געפאָרן אָף א פורל, א ביסל געגאַנגען צו־פוס. גייט ער איינמאָל אזוי אין פעלד און הערט, ווי עמעצער שפּילט אָף א סאָפּילקעלע. און א ניגון אזא, אז ס'האָט אים אזש פאַרכאַפּט באַם הארצן. האָט ער פאַרגעסן אין אלע געשעפטן, פאַר־געסן, נאָך וואָס דער שווער האָט אים געשיקט, אראָפּ פונעם וועג און געלאָזט זיך גיין מיטן פעלד אהין, פונוואַנען עס האָט זיך געהערט דער ניגון. גייט ער און הערט זיך אײַן, שטעלט זיך אָפּ און הערט זיך ווידער אײַן, ביז ער האָט דערזען א בערגעלע און אפן בערגעלע א פּאַסטעכל. דאָס פּאַסטעכל זיצט און שפּילט אָף דעם סאָפּילקעלע און ארום אים פּאַשען זיך אריבער הונדערט שאָף. איז אים געוואָרן א פאַרדראָס: אזא שיינער ניגון, און מע שפּילט אים גאָר פאַר די שאָף.

— פאַרקויף מיר דעם ניגון, — זאָגט ער צום פּאַסטעכל.

דאָס פּאַסטעכל קוקט אָף אים און פאַרשטייט ניט, וואָס ער מיינט. ווי קען מען עס פאַרקויפן א ניגון? ער איז אָבער געווען ניט קיין נאַר, יענץ פּאַסטעכל.

— און וואָס וועסטו מיר באַצאָלן דערפאַר? — פרעגט ער באַם יונגנמאַן.

— אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג! — טוט ער א זאָג און נעמט גלײַך ארויס דעם בײַטל מיט געלט. — נאַ, אָט דאָס גיב איך דיר אוועק פאַר דײַן ניגון.

אָפּגעגעבן אים דאָס געלט און פאַרבליבן מיטן פּאַסטעכל אָף א וואָך, צי אָף צוויי, צי אָף א גאַנצן כוידעש. איניינעם מיט אים געגעסן טרוקן ברויט און פאַרטרונקען מיט קאַלטער וואַסער, איניינעם מיט אים געפּאַשעט און געמאָלקן די שאָף, ביז דאָס פּאַסטעכל האָט אים ניט אויסגע־לערנט שפּילן אָף דער סאָפּילקע דעם ניגון. געקראָגן אזא זעלטענע סכוירע, האָט דאָס איידעמל געהאַלטן, אז ער איז דער רײַכסטער מענטש אין דער וועלט, ווײַל אזא ניגון דאַרפן הערן ניט קיין שאָף, נאָר מענטשן. האָט ער אָנגעהויבן ארומוואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף. געגעבכטיקט, ווו ס'האָט זיך געמאַכט, געגעסן, וואָס מענטשן האָבן געגעבן, און אומע־טום געשפּילט אָף דעם סאָפּילקעלע זײַן ניגון. ער האָט שוין אינגאנצן פאַרגעסן, אז ער האָט ערגעץ איבערגעלאָזט א ווײַב, אז דער שווער האָט אים געשיקט נאָך סכוירע. ארומגעבלאָנדזעט און גע־שפּילט. און געהאַלטן, אז ער איז דער רײַכסטער און דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט. אזוי האָט ער ארומגעוואַנדערט, ביז ער האָט פאַרבלאָנדזעט צו זיך אין אייגענעם שטעטל. געקו־מען איז ער אהין אין איינער א ווינטערדיקער, פראָסטיקער נאַכט. און ערשט דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, אז ער האָט דאָ א ווײַב און שווער־און־שוויגער, און אז דאָס איז ער אמאָל אוועק פונדאַנען אײַנקויפן סכוירע. האָט זיך אים זייער געוואָלט ווײַזן אַלעמען, סאַרא גאָלדענע סכוירע

ער האָט אײַנגעקוויפּט. איז ער געגאַנגען איבער דער באַנאַכטיקער גאַס און געשפּילט, צוגעקומען צו דער אייגענער שטוב און אַלץ געשפּילט. דער פּראָסט האָט שוין דורכגענומען אַלע גלידער זײַנע, ער האָט שוין אפילו געהאַט א טראַכט געטאָן, אַז מע דאַרף אָנקלאַפּן, נאָר ער האָט מוירע געהאַט זיך שיידן מיטן ניגן. געווען זיכער, אַז עמעצער אין שטוב וועט אים דערהערן. נאָר קיינער האָט דעם ניגן ניט דערהערט. און עפּשער דערהערט, נאָר ניט פאַרשטאַנען, געמיינט, אַז דער ווינט וואָיעט. אַזוי איז ער פאַרפרוירן געוואָרן הינטער דער אייגענער שטוב, פאַרפרוירן געוואָרן אינאיינעם מיט זײַן ניגן...

...עס לאָזן זיך די שטערן איינער נאָכן אַנדערן און אַפן הימל ווערט וואָס אַמאָל פוסטער און אומהיימלעכער. אין אַזעלכע מינוטן ווערט זעליקן שטענדיק א ביסל אומעטיק אפן האַרצן, ווי בא עפּעס א שטומער געזעגענונג.

דעם טאַטנס מײַסעלע זעט אים אויך אויס, ווי געבוירן אין א פּריִען באַגינען, ווען דער הימל האָט נאָך פאַרהיט אף זיך א סאַך שטערן און ווען אין שטילן, אײַנגעשלאָפענעם אַרום קאָן מען אופכאַפּן דעם סאַמע אײדלסטן, דינסטן ניגן.

— הערסטו, טאַטע... איך מיין, אַז יענער יונגערמאַן איז געווען גאָר ניט אַזא שלימאַזל...

— וואָס דען איז ער געווען?

— א טרוימער. און די וועלט וואָלט געווען זייער אָרעם אָן אַזעלכע שלימאַזאַלים.

— ביסטו אויך פון די, וואָס ווילן אויסזינגען דער וועלט א ניגן?

— איך ווייס ניט...

— וואָס ווייסטו ניט?

— איך ווייס ניט, צי ס׳וועט זיך מיר אײַנגעבן, איך ווייס נאָר איין זאַך: אָן א ניגן איז דער מענטש קיין מענטש ניט. יעדער מענטש מוז האָבן זײַן ניגן.

— נו, דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש. אָט, אשטייגער, ווען איך פאָר ארויס מיטן גניאַדן און ער הייבט אָן אויסקלאַפּן מיט די פּידקאָוועס איבער די שטיינער צאָק, צאָק, צאָק, צאָק, איז פאַר מיר קיין בעסערער ניגן אף דער וועלט ניטאָ.

ער האָט געוואָלט זאָגן זעליקן נאָך עפּעס, געוואָלט דערווײַזן אים, אַז ניגונים זײַנען פאַרן פאַרשיידענע: אַזעלכע, פון וועלכע דער מענטש עסט ברויט, און אַזעלכע, וואָס זײַנען ניט מער ווי א מעשוגאַס, א פוסטער כאָלעם. נאָר ער האָט אויך באַמערקט, ווי דער הימל האָט אָנגעהויבן בײַטן זײַן קאָליר, און זיך א כאַפּ געטאָן:

— מע דאַרף אונטערוואַרפן דעם פערד א ביסל היי.

זעליק האָט שוין לאַנג ניט געזען דעם טאַטן אַזוי נאָענט, און איצט האָט ער מיט פאַרדראָס א טראַכט געטאָן, אַז ער קען אים זייער ווייניק. ער באַוווּנדערט דעם טאַטנס מעכטיקע, האַריקע ברוסט, וואָס עטעמט אַזוי האַסטיק, אַז עס ווערט איר ענג אין דעם ברייט צעשפּיליעטן העמד, ער באַוווּנדערט זײַנע פאַרהאַרטעוועטע, אָנגעהאָרעוועטע הענט, ווי זיי האָבן עס, ווי א פּעדערל, א הייב געטאָן דעם עמער וואַסער, און ווי ער איז צוגעפאַלן צום עמער מיט עפּעס א ניט־מענטש־לעכן דאָרשט. און דאָס קוויקעניש זײַנס, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין שטילן באַגינען, ווי א ברום פון א לייב. און דער ברייטער, צעצויגענער גענעץ, וואָס איז פול מיט פאַרגעניגן פון אָן אויס־געריטן מענטשן, כאָטש ער איז הײַנטיקע נאַכט קימאַט ניט געשלאָפן. ער האָט א פאַרגאַפטער צוגעקוקט, ווי דער טאַטע האָט אויסגעצויגן בײדע הענט, ווי פּרווונדיק די גוורע, וואָס איז אים צוגעקומען פאַר דער נאַכט.

— עפּשער וועסטו מיר העלפן דעם גניאַדן א קעם טאָן? — האָט דער טאַטע זיך אָנגערופן. — נו, פיר אים ארויס. און דאָס קעמל ליגט דאָרטן, ווו שטענדיק. דאָס קעמל מיטן בערשטל.

דער גניאַדער, לעהייפּעך צו זײַן באַלעבאָס, האָט ניט באַוויזן קומען צו־זיך פאַר דער קור־צער, זומערדיקער נאַכט. געשטאַנען ניט קיין אויסגעשלאָפענער, מיט אָן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און די אונטערשטע ליפּ איז פויל אַראָפּגעהאַנגען, ווי ניט קיין לעבעדיקער גליד. אפילו בא דער קנאַפּער באַגינענדיקער שײַן האָט מען געקאָנט באַמערקן, אַז דאָס פערדל איז שוין היפּש אָפּגעקראָכן און האָט בלויז ערטערווײַז פאַרהיט א ביסעלע האָר — נעסטעלעך פון געדיכטן שטויב און שטיקנדיקן פערדישן שוויס.

געכאַפּט דעם זונס א ביסל גרינגשעצערישן בליק, האָט מאָטל געפרווווט אָנעמען זיך פאַרן קאָוועד פונעם גניאַדן און פאַרענטפערן א ביסל זיך אַליין.

— יוינגע קוואטש האָט פאַר אָט דער צײַט דרײַ פערד פאַרמאָרדעוועט. און דער גניאַדער, קיין אײַנהאָרע, האַלט זיך. ווייסט, וויפל דאָס פערדל איז אַלט? טו אומיסטן א קוק, אויב דו פאַרשטייסט עפּעס אין פערדישע ציין. אינעם גאַנצן קאַנט וועסטו אַזא זאַקן ניט געפינען...

דער גאַנצער שמועס מיטן טאַטן, אַליין דער באַגינען, וואָס איז אָנגעקומען אף די שפּיץ פינגער, גלײַך ער האָט מוירע געהאַט עמעצן אופוועקן פאַר דער צײַט, דער גניאַדע מיט זײַנע

אויסגעקראַכענע קליבעס און אראָפּהענגענדיקער ליפּ, דאָס פאַרזשאַווערטע קעמל, אָן אַנגע־קלאַפּטס מיט פערדישע האָר, האָט אים אויסגעזען ווי עפּעס ביז גאָר לאַנגאַניקס... און ס׳איז אים דורך א גרויל איבערן לײַב פונעם געדאַנק, אַז ער מיט זײַן טאַטע־מאַמע זײַנען ביז גאָר פאַרשיידענע מענטשן. זיי לעבן יעדערער אין פאַרשיידענע וועלטן, אין פאַרשיידענע צײַטן, מיט פאַרשיידענע גיכקײַטן און מיט גאָר פאַרשיידענע אָנשווינגען. עס האָט זיך אים אַנגע־הויבן פאָרשטעלן, אַז צווישן אים און זײַן טאַטן ליגט, מעגלעך, א גאַנצער יאָרהונדערט, וואָס איז עפּעס אַף אַן אויסטערלישן אויפן ארויסגעפאַלן פון דער צײַט. געוויס האָט צווישן זיי געדאַרפט זײַן נאָך עפּעס א דאָר אָדער צוויי, און אים וואָלט א סאַך גרינגער געווען באַנעמען און אופנעמען אזא האַריקן גיבער אלס זײַנעם א זיידן אָדער עלטערזיידן. עפשער איז דאָס דער־פאַר, וואָס בעסאַראַביע איז צוריק מיט א פּאָר צענדליק יאָר ארײַן אין דער נײַער וועלט מיט אַלע אירע אַלטקײַטן?.. איז ער, הייסט עס, ארײַן אין דער נײַער צײַט און איבערגעלאָזט זײַנע עלטערן אין דער אַלטער?.. עס הייבט אזש אָן בראָטן באַם הארצן פון אזעלכע געדאַנקען.

דעם שטילן באַגינען האָבן מיטאַמאָל אופגעריסן עטלעכע שאַרפע קלאַנגען. שאַרפע און אזעלכע דינינקע, ווי עמעצער וואָלט געפּרווט ארײַנקלאַפּן צוועקלעך אין אַספאַלט. מאָטל האָט א ציטער געטאָן.

— דו הערסט? פערדישע טלאָען... צאָק, צאָק, צאָק, צאָק... עמעצער איז שוין אין וועג...

זעליק האָט זיך אויך אײַנגעהערט. נאָר ער האָט אופגעכאַפּט אין די קלאַנגען גאָר עפּעס אַנדערש. מיידלשע דינע אָפּצאַסן. און גערעדט האָבן זיי צו אים גאָר אַף אַן אַנדער אויפן. ניט צאָק, צאָק, נאָר טיק־טאַק, טיק־טאַק. פּונקט ווי א זייגער. און אַז מע וויל, קאָן מען אויך הערן, ווי אין איינקלאַנג מיט דעם קלאַפּט אויך דאָס מיידלשע האַרץ. מיסטאַמע פאַרהאַלטן זיך ערגעץ אַף א שפּאַציר און יאָגט איצט אהיים. ער וויל דערווידערן דעם טאַטן, זאָגן, אַז ער האָט א טאָעס געהאַט, נאָר עפּעס האַלט אים אָפּ.

אָן אַנדערשמאָל וואָלט מאָטל שוין אײַנגעשפּאַנט דעם גניאַדן און ארויסגעפאָרן אַף דער גאַס. ער האָט געהאַט דעם גרעסטן פאַרגעניגן פון יענע שטילע מינוטן פונעם פריִען באַגינען, ווען אַלץ ארום איז אײַנגעהילט אין א גרינעם נעפּל און ער מיט זײַן גניאַדן זײַנען די איינציקע הערשער איבער דער נאָך פאַרשלאָפענער שטאָט. דאָס מאָל האָט ער זיך ניט געײַלט. ס׳האָט זיך ניט געוואָלט שיידן מיטן זון, וואָס איז די גאַנצע צײַט פאַר אים א רעטעניש מיט זײַן אומ־פאַרשטענדלעכער אָפּגעפרעמדטקײַט און וואָס איז אויך פאַר דער הײַנטיקער נאַכט ניט גע־וואָרן אַף קיין האָר נעענטער. ס׳האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס זעליק האָט ניט ארויס־געוויזן קיין איבעריקן אינטערעס צו דעם עלטער פונעם גניאַדן. וועט מאָטל שוין ניט ארויס־פאָרן אַף דער ארבעט, ביז ער וועט א ביסל זיך ניט דורכשמועסן מיטן זון אזוי, אַז דער הײַנטיקער פרישטיק זאָל אים אויסזען א ביסל איבערגעזאַלצן...

אים איז ניט געפעלן געוואָרן, ווי זעליק קעמט און בערשטלט דאָס פערד. א נעם געטאָן באַ אים דאָס קעמל און א ביסל בײַזלעך געגומען דורכקעמען די האָר־קנוילן, כאַפּנדיק אַלעמאָל א קוק פון דער זײַט אַפן זון. זאָל ער, הייסט עס, זען, ווי מע דאַרף ריינקן א פערד. זעליקן האָט א זעץ געטאָן אין דער נאָז דער עסעריקער שטויב, און ער האָט זיך צעניסט.

— צו געזונט, — האָט מאָטל זיך אַנגערופן און דערפילט, ווי דער קאַס אַפן זון הייבט אָן פאַרשווינדן ווערן. — אָט אזוי, זון מײַנער, — געוואָלט וואָס גיכער ארויסרעדן זיך, קאָלז־מאָן ס׳איז נאָך געבליבן עפּעס פון זײַן רויגעז. — פליסט ארום אין די הימלען און פאַרגעסט אמאָל אינגאַנצן, פונוואַנען דו שטאַמסט און ווער דײַנע עלטערן זײַנען...

ווען ס׳איז א ביסעלע ליכטיקער, וואָלט מאָטל באַמערקט, ווי זעליק איז מיטאַמאָל רויט געוואָרן. אים האָט זיך געדוכט, אַז דער טאַטע האָט נאָרוואָס איבערגעלייענט זײַנע געדאַנקען.

— איך פאַרשטיי ניט, טאַטע, וואָס דו מיינסט, — האָט ער אַנגעהויבן פאַרענטפערן זיך.

— טאַקע דיך אַליין מיין איך. דעם יִכּעס דײַנעם.

— וועלכן יִכּעס, טאַטע?

— דעם באַלעגאָלישן. איבער וועלכן טײַבל האָט דיך אווועקגעוואָרפן.

— זי האָט מיך ניט אוועקגעוואָרפן. פאַרקערט...

— איז די מײַסע נאָך שענער. איך אַף דײַן אָרט!..

— וואָס וואָלסטו געטאָן אַף מײַן אָרט?

— ע, וואָס איך וואָלט געטאָן!..

מאָטל האָט, אָפּאַנעם, דערפילט, אַז ער האָט א ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. א שלײַדער געטאָן דאָס קעמל, דערנאָך דאָס בערשטל און איבעראַשט זעליקן מיט זײַן טרעפלעכן צילעווען. דאָס קעמל און דאָס בערשטל זײַנען ווי צוגעזאָטן געוואָרן צום הילצערנעם ווענטל און געבליבן

הענגען אף זייערע ערטער. דערנאָך האָט ער מיט דער רעכטער האַנט גרינג א נעם געטאָן זעליקן באם רעכטן אקסל.

— ווען איך האָב זיך געשאדכנט צו דײַן מאמען... — אים אליין איז געוואָרן גוט פון די דערמאָנונגען, און די שטים האָט געקלונגען פיל ווייכער. — מיינסט, ס׳איז געגאנגען אזוי גלאטיק? מיטן ייכעס איז אלץ געווען אין אָרדענונג. בײדע פון איין גראד. נאָר מיטן נאדן... זייער ווייניק נאדן געווען בא דײַן מאמען. און איך האָב געדאַרפט כאָטש א ביסל געלט. אוי, ווי געדאַרפט! ווײַל ווי האָט מען עס כאסענע און מע בלײַבט א שמײַסער בא יענעם? כאָטש איין פערדל דער־ווײַל! האָבן מײַנע עלטערן זיך אײַנגעשפּארט. אויב דײַן מאמעס עלטערן גיבן ניט אף קיין פערד, איז אויס מיטן שידעך. אָבער איך מיט דײַן מאמען האָבן זיך אויך אײַנגעשפּארט. אויב די על־טערן וועלן ניט אויסקומען צווישן זיך, וועלן מיר זיך אָן אייצע געבן אָן זיי. און ביז מירן פאַר־דינען אף א פערד, וועלן מיר, ווי עס רעדט זיך, אליין זיך אײַנשפּאנען. און מיר האָבן זיך אײַנ־געשפּאנט! און געשלעפּט! אוי, ווי שווער געשלעפּט! נאָר אז מע האָט ליב איינער דעם אנדערן, איז דען פאַראַן עפּעס שווערס אף דער וועלט? אָט אזוי, זונעלע, האָב איך מיט דײַן מאמען... כאָטש דאַן איז נאָך ניט געווען בא אונדז קיין ראַטנמאַכט.

— נו, דאָס איז עפּעס אנדערשס.

— פאַרוואָס אנדערשס? ווי זאָגט מען עס, די זעלבע לייע, נאָר אנדערש געשלייערט.

— וואָס זשע האָב איך געזאָלט טאָן?

— וואָס טאָן... ווייסט, ווי איך מיט דײַן מאמען האָבן געהאַט באַשטימט? אויב די עלטערן קומען ניט דורך צווישן זיך, גאַנווע איך זי אַרויס, פיר זי אַוועק אין אָן אנדער שטעטל, שטעל א שטילע כופּע, און רוף מיך קנאַקניסל. אלע באַלעגאָלע־יונגען זײַנען גרייט געווען נעמען אונטערפירערכק, און א צענדליק פאַיעטאָנדלעך זײַנען א גאַנצע נאַכט געשטאַנען אײַנגעשפּאַנט!

— דעמלט זײַנען געווען אנדערע צײַטן, טאַטע. איצט גאַנוועט מען ניט אַרויס.

— פאַרשטייט זיך, איצט איז מען אידל געפּאַצקעט. נאָר איך מיין אזוי. אָדער יענע טײַבל דײַנע האָט דיך קיינמאָל ניט ליב געהאַט אפּאנעמעסן, אָדער דו אליין ביסט א לעמעשקע. אָט אזוי, זונעניו, און האָב אף מיר קיין פאַריבל ניט. עפּשער א ביסל צו גראָבלעך געזאָגט, נאָר מיר ווייסן ניט פון קיין מיקרעס און פון קיין מאקרעס. נו, וואָס קוקסטו אזוי אף מיר? איך רעד עפּשער נאַרישקײַטן?

— ניין, פאַרקערט...

— איז דאָך אוואדע גוט. ווײַל דו מיינסט דאָך געוויס, אז מיטן טאַטן איז ביכלאָל ניט שײַעך צו ריידן וועגן אזעלכע זאַכן. וואָס ווייסט א באַלעגאָלע, וועלכער קאָן קוים א וואָרט אָנשרײַבן, און דאָס נאָר אף יידיש. באַזונדערס נאָך דעם, ווי ער האָט פלוצלינג ארײַנגעפליו־כעט אזא בריוועל, האַ? נאָר געמיינט האָב איך גראַד גאָר עפּעס אנדערש.

— וואָס זשע האָסטו געמיינט?

אזא איז שוין געווען דער הײַנטיקער, ביז גאָר אומגעריכטער, מאָדנער באַגינען, וואָס האָט אויסגעזען בא זעליקן, גלײַך אלע שטערן זײַנען מיטאמאָל אַראָפּ פונעם הימל אף דער ערד, איבערגעמישט און צעקאַליעטשעט אלע זײַנע געדאנקען און אָפּגענומען בא אים דאָס לאָשן. אף דעם טאַטנס לאַנגע דראָשעס האָט ער בלויז געקענט אָפּענטפערן מיט איין וואָרט אָדער מיט א נײַער, קורצער פראַגע.

— וואָס געמיינט... — האָט מאָטל אים איבערגעקרימט. — אָט זאָג מיר נאָר, ביסט דאָך עפּעס א שטיקל געלערנטער. צוליב וואָס איז די גאַנצע טועכץ פונעם מענטשן? נאָר צוליבן שטיקל ברויט?

אוי, האָט זיך אים געוואָלט, זעליקן, אז וואָלאַדיע און אלע מיטאַרבעטער פון זייער לאַבאָ־ראַטאָריע זאָלן שטיין דערבײַ און אויסהערן זײַן טאַטנס טײַנעס. און דער שעף זייערער אויך. וואָס וואָלטן זיי געזאָגט דערויף?

— פאַרשטייסט, טאַטע, ווי זאָל איך דיר דאָס דערקלערן?..

— איך ווייס דאָס אָן דײַנע דערקלערונגען. נאָר דער דירעקטאָר אונדזערער... א נײַע שטעלע מיר אָפּגעזוכט! אז איך דאַרף אָבער ניט קיין שטעלעס! דאָס גאַנצע לעבן בא א מענטשן איז די מעלאָכע זײַנע. נעם צו בא אים די מעלאָכע, ווערט ער אויס מענטש. אָט, טו א קוק אף מײַן פערדל. קיינער וועט פאַר דעם קיין צעבראָכענעם גראָשן ניט געבן. און נעם אפילע מיך אליין. קיינער וועט וועגן מיר קיין גוט וואָרט ניט זאָגן. א באַלעגאָלע פליט ניט אין די הימלען, און מע שרײַבט וועגן אים ניט אין די גאַזעטן. נאָר אז דו פירסט אלע טאָג ארײַן אין עטלעכע הײַזער נײַ מעבל, ווינטשעוועסט צו די באַלעבאַטים געזונט און גליק, די באַלעבאַטים שטעלן דיר דערבײַ א קוסעלע און דאנקען נאָך אַפּ, פילסטו, אז דו ביסט אויך א מענטש צווישן מענטשן,

אַז דו יאָגסט ניט אַרום אין אוילעם־האַטויהו, נאָר דרייסט זיך אַרום גלײַך מיט אַלעמען, ווי זאָגט מען איצט, אַף דער אַרביטע. נו, וואָס וועסטו זאָגן דערויף?

וואָס צו זאָגן האָט זעליק ניט געוווסט. ווײַל זינט ער געדענקט זיך, איז דאָס זײַן ערשטער ערנסטער שמועס מיטן טאַטן. דעם עמעס געזאָגט, האָט ער ביז איצט טאַקע זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז מע קאָן רעדן מיטן טאַטן וועגן אַזעלכע זאַכן. זינט ער געדענקט זיך, איז אַלץ געווען אַזוי פֿעסט פֿאַרטיילט און אָפּגעגרענעצט, — דער טאַטע מיטן פֿערד־און־וואָגן, די מאַמע אין מאַרק און אין קיך, און ער מיט די ביכער, — אַז יעדערער פֿון זיי האָט טאַקע ווי געלעבט אין אַ באַזונדער וועלט. האָט ער, הייסט עס, אַ טאָעס געהאַט?

ער שטייט, דער געלערנטער זון, פֿינטלט מיט די קורצזיכטיקע אויגן, טוט זיי אַלעמאָל אַ ריב, גלײַך ער קען זיך ניט אַרויסכאַפּן פֿונעם שלאָף. ס׳איז אים אַ ביזאָיען פֿאַרן טאַטן. און ביז גאָר פֿאַרדראָסיק. אַף זיך אַליין. זײַנען, הייסט עס, אין אַלע זײַנע זוכונגען און אויסרעכענונגען פֿאַראַן זייער ערנסטע בלויזן. און וועסט דאָס ניט אַרײַנלייגן אין קיינע סכעמעס און פֿאָרמולעס. און גאַנץ מעגלעך, אַז ער האָט דורכגעלאָזט עפּעס זייער און זייער וויכטיקס. אָט האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן עטלעכע פּאָשעטע, אַפֿילע אַ ביסל גראָבע ווערטער, און צונישט געמאַכט אַלע זײַנע פֿאָרשטעלונגען. עפּשער האָט ער טאַקע צו פֿרי זיך פֿאַרקליבן אין די הימלען און ניט באַוויזן אויספֿאָרשן און אויסקלאָרן אַ ריי ריין ערדישע זאַכן.

מאָטלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט געזאָגט עפּעס ניט דאָס, וואָס מע דאַרף, און זעליק האָט זיך באַליידיקט. מוז מען אַ ביסל פֿאַרגלעטן. ער איז דאָך אַ גאַסט!

— נו, מיילע, איר פֿליט אַרום אין די הימלען, פֿליט געזונטערהייט. מיסטאָמע איז דאָס אויך אַ נייטיקע זאַך. מע טאָר אָבער די ערד ניט פֿאַרגעסן.

געטראָפֿן, דער טאַטע. געטראָפֿן אין פֿינטל אַרײַן! עס קומט טאַקע אָפּט באַ אים אויף אַ מין ביטל־געפֿיל צו פּאָשעטע ערדישע מענטשן. און אויב זײַן אופֿריכטיק ביזן סאָף, מוז ער אָנער־קענען, אַז די גאַנצע צײַט האָט ער טאַקע זיך געשעמט מיטן טאַטן, מיט זײַן באַלעגאָלישן ייִכעס, איבער וועלכן ער האָט אָנגעווירן טײַבלען. און אַפֿילע דאָרטן, אינעם אַקאַדעמישן שטעטל, האָט ער שטענדיק, אָנרופֿנדיק דעם טאַטנס פֿאַך, שעמעוודיק אַ ביסל פֿאַראַלגעמיינערט — אַ מיטאַר־בעטער פֿון פֿראָמקאָמבינאַט. דאָס האָט געקלונגען עטוואָס פֿײַנער.

מאָטל כידעשט זיך: וואָס איז עס פּלוצלינג געשען מיט זעליקן, וואָס ער איז געוואָרן אַזוי צוגעלאָזט? אַרויסגעצויגן פֿון דער קרענעצע אַן עמער וואַסער, אופֿגעגאָסן דעם טאַטן אַף די הענט, אַרײַן אין שטוב און אַרויס פֿון דאָרטן מיט אַ פֿרישן האַנטעך, און די גאַנצע צײַט באַם פֿרישטיק ניט אופֿגעהערט צו שמייכלען מיט זײַן אַמאָליק קינדעריש שמייכעלע, וואָס האָט אים געמאַכט אַ סאַך ייִנגער, אייגענער און נעענטער. אַפֿילע די ווערטער האָבן אויך געקלונגען קינדעריש:

— טאַטע, וועסט מיך הײַנט מיטנעמען מיט זיך?

— וווּהין מיטנעמען? — האָט מאָטל ניט פֿאַרשטאַנען.

— אַף דער אַרבעט. כ׳וועל דיר העלפֿן אַ ביסל.

האָט שוין שוועע געמוזט אָנעמען זיך פֿאַרן זונס קאָוועד.

— קאָנסט ניט צוטראַכטן עפּעס שענערס? וואָס וועלן מענטשן זאָגן?

— וואָס דאַרפֿן זיי דען זאָגן? פֿאַרשטייסט, מאַמע, די דאָקטוירים האָבן געראַטן. פֿיזישע אַרבעט. און וואָס מערער אַף דער פֿרײַער לופֿט.

איז דאָס פֿאַר שוועען אַ נײַע רעטעניש. לייגט זי צו אירע קליינינקע, ביינערדיקע פֿינגער־לעך צו איר פּיצינקן גוידערל און טוט אַ זאָג צו זיך אַליין:

— אײַ, אײַ, אײַ... אַ וועלט מיט וועלטעלעך!

6

מאָטלען האָט זיך געדוכט, אַז קיין גלײַכן צו אים איז אין דער וועלט ניטאָ. און עס קימערט אים שוין ניט, וואָס די זון טשמעליעט אַזוי, ער פֿאַרגעסט אַפֿילע, אַז מע דאַרף זיך די גאַנצע צײַט האַלטן באַם טראָטואַר און היטן זיך פֿאַר די מאַשינעס, ציטערן פֿאַר עפּעס אַ שאָפֿער. ער האָט איצט פֿאַר קיינעם קיין מוירע ניט. באַנאַנד מיט אים זיצט זײַן זעליק, און אים ווילט זיך גראָד, אַז עמעצער פֿון די שאָפֿערס זאָל אים הײַנט פֿאַרטשעפּען. ער שמײַסט מיט דער בײַטש, מאַכט מיט איר פֿאַרשיידענע קונצן, ציט זי אויס, פֿאַרדרייט זי אין אַ טאַנצנדיק שלענגעלע און זינגט אויס זײַן „וויאָ“, ווי אַף אַ גרויסן יאַריד.

דער גניאַדער, דוכט זיך מאָטלען, איז פאַרכידעשט און אַ ביסל באַליידיקט. ער איז ניט געוווינט זען אויפן זיך־ברעטל אַ זײַטיקן, און נאָך מער ניט געוווינט, אַז דער באַלעבאָס זאָל די גאַנצע צײַט שמועסן מיט עמעצן אַנדערש און פאַרגעסן זאָגן אים עפּעס אַ וואָרט.

— וואָס זשע, דערקענסט ניט? — רופט מאָטל זיך אָן צום גניאַדן, סטאַרענדיק זיך שטילן זײַן אײַפער־געפיל. ער גיט אים בייסמײַסע אַ טאָרקע מיטן בײַטשל און הייבט אָן באַרימען זיך. — דאָס איז דאָך ער, מײַן זעליק. דאָס האָט דאָך ער היינט פאַרטאָג דיך אויסגעקעמט. האָסט גאָר ניט געפילט קיין נײַע הענט?

דער גניאַדער האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן ביינערדיקן רוקן.

— קיצל ניט, ווייסט דאָך, אַז איך האָב פײַנט, אַז מע קיצלט מיך...

קוינים זײַנען היינט, ווי שטענדיק, געווען ניט ווייניק, און ווי נאָר מע איז צוגעפאָרן צום מעבל־מאַגאַזין, האָט מען שוין געדאַרפט אַרויסטראָגן אַ שאַפע מיט אַ טיש און דערנאָך אַרופטראָגן זיי אויפן דריטן שטאָק. בײַ מאָטלען איז דאָס געווען אַ וואָכעדיקע זאַך, נאָר זעליק האָט טאַקע גוט צוגעשוויצט און קוים אָפּגעדעכעט. כאָטש קיינער האָט בײַ אים זיך ניט נאָכגעפרעגט, האָט מאָטל גענומען דערקלערן די באַלעבאַטים, ווער דאָס איז דער הײַנטיקער מיטהעלפער זײַנער.

— מײַן זון. אַ געלערנטער. האָט צו טאָן מיט די קאָסמאָסן. געקומען צוגאַסט אויף עטלעכע טעג.

זעליקן איז דאָס אויך געפעלן געוואָרן. אַז מע שטייט אינגאַנצן אַ פאַרשוויצטער, מע סאָפּעט הויך און האַסטיק, איז גוט, אַז עמעצער קאָן דאָס דערקלערן און פאָרשטעלן דיך אויך פון אַן אַנדער זײַט. נאָר ווען מאָטל האָט דאָס איבערגעכאַזערט איין מאָל און אַ צווייט מאָל, איז אים שוין געוואָרן פריקרע.

— מע דאַרף ניט, טאַטע, איך בעט דיך.

— וואָסי? זאָלן זיי וויסן! זאָלן זיי אָנהייבן צו פאַרשטיין, אַז אַ געלערנטער און אַ באַלעגאָלע זײַנען איצט פון איין ייִכעס.

דאָס האָט שוין גיכער געהאַט אַ שײַכעס צו טײַבלס עלטערן, וועגן וועלכע מאָטל האָט ניט געקאָנט רעדן רויִק. נאָר הײַנט האָט ער ניט געוואָלט אויפרייצן זיך, פּאַטערן זיך אַליין דעם יאָמטעוו, און דעם זון — די געהויבענע שטימונג.

זעליק האָט הײַנט אַ פאַרגאַפטער אַפּסנײַ אַנטדעקט פאַר זיך זײַן אייגענע שטאָט, באַזונדערס איר נײַעם ראַיאָן, וווּהין מע האָט געהאַלטן אין איין פירן דאָס מעבל.

ער איז שטאַרק אויסגעוואַקסן, דער נײַער טייל פון דער שטאָט, פאַר די פינף יאָר, וואָס ער איז דאָ ניט געווען. לאַנגע גאַסן, ברייטע פּראָספּעקטן, גרינע אַלייעס. מיט זייער לופטיקער ראַכוועסדיקײַט און יונגקײַט, מיט דער שפּיל פון פאַרבן און מיט זייער זוניקײַט האָבן זיי זיך געקאָנט פאַרוועטן מיט דעם אַלטן טייל. אייגנטלעך, איז דאָס אַ נײַע שטאָט, וואָס הייבט ערשט אָן איר לעבן, איר געשיכטע, ווו קיין איין גאַס איז נאָך ניט פאַרענדיקט, בויט אַלעמאָל צו פאַר זיך אַ נײַ הויז, נעמט אַרײַן אין זיך נײַע און נײַע אײַנוווינער.

ווי וועלן לעבן די מענטשן אין אָט די נײַע אויסגעבויטע גאַסן אין צען יאָר אַרום, אין הונדערט יאָר אַרום? זעליק, וואָס איז די לעצטע יאָרן געוווינט געווען מעסטן אַלץ מיט אַסטראָנאָמישע מאָסן, האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז די יונגע אײַנוווינער פון די נײַע הײַזער וועלן זען פאַר זייער לעבן אַזוינס, וועגן וואָס עס טראַכטן דערווײַל בלויז טרוימער און געלערנטע.

דאָס הויז, צו וועלכן זיי זײַנען צוגעפאָרן, האָט ערשט נעכטן זיך אויסגעשיילט פון די לעצטע רישטעוואַניעס. די טירן און פענצטער האָבן נאָך ניט באַוויזן אויסדעכען פון זיך די שאַרפע רייכעס פון פאַרבן. אויף די געלבלעכע פּאַרקעטנע דילן און אויף די טונקל־גרויע צעמענטענע טרעפּ זײַנען נאָך געווען פרישע שפּורן פון די בויער, פון זייערע הענט, פון זייער מי.

ערשט נעכטן האָט מען דאָס נײַע הויז צוגעשריבן צו דער גאַס, דערפאַר, מעגלעך, האָט זיך עס נאָך געפילט אַ ביסל פרעמדלעך צווישן דער אומבאַקאַנטער וועלט, מיט וועלכער עס דאַרף ערשט זיך פאַרייניקן, צונויפגיסן זיך. מאָרגן, איבערמאָרגן, טאָג נאָך טאָג וועט דאָס נײַע הויז, דורך די אַלע אַספאַלטירטע וועגן און סטעזשקעלעך, דורך די טעלעפאָן־ און עלעקטראָ־דראָטן, דורך די ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־אַנטענעס, פאַרייניקן זיך מיט דער גאַנצער גאַס, ווערן אַ לעבעדיקער טייל פון דער שטאָט, פון דער גאַנצער וועלט. דערווײַל איז עס געשטאַנען באַם ראַנד אַ ביסל אָפּגעזונדערט. די וועגן צו אים זײַנען געווען טיף דורכגעשניטן פון די טראַקטאָרס און בולדאָזערס, וואָס האָבן דאָ געבאַלעבאַטעוועט אַ לענגערע צײַט.

טאַקע גלײַך דערנעבן, אָפּגעטיילט מיט אַ געוויינלעכן דאָרפישן גאָרטן, איז געוואַקסן שוין ניט קיין יונגער סאָד. אויף דיביימער זײַנען געהאַנגען צײַטיקע עפּל און באַרן, וואָס האָבן בעשעפע אָנגעזעטיקט דעם גאַנצן אַרום מיט זייער האָניק־זיסן זאַפּט. פאַרפּוצט אין זײַן פריי־

האַרבסטיקער גאָלדענער קרוין, האָט דער סאָד געטעמט מיט שטילער, אײַנוויגנדיקער רו. גוט וועט זײַן די, וועמעס פענצטער עס קוקן אַרויס אין סאָד אַרײַן. זיי וועלן געניסן פון די רייכעס פונעם פרילינגדיקן צוויט, פון דער אָפּפרישנדיקער קילקײַט אין די זומערדיקע היצן, וועלן שפּיגלען זיך אין דער פאַרביקער רײַכקײַט פון די געדיכט באַהאַנגענע צווײַגן.

קיינער האָט, מעגלעך, דעם טאָג ניט געטראַכט וועגן אַזעלכע זאַכן. אַלע זײַנען געווען באַערשט פון דעם גרויסן, לאַנג דערוואַרטן כאַנוקאַס־האַבאַיִס־פיבער. די טיף אײַנגעשניטענע וועגן זײַנען געווען פאַרפולט און איבערגעפולט מיט אויטאָמאַשינעס און וועגענער, הויך־אָנגעפּאַקעוועטע מיט נײַ און אַלט מעבל. דער גאַנצער הויף, וואָס האָט נאָך דערווײַל ניט געהאַט קיין גרענעצן און אַרומצוימונגען, איז געווען פאַרוואַלגערט מיט אָן אַ שיר שטוב־זאַכן. שטימען, אויסגעשרייען — פריילעכע, אויפגערודערטע און אַ ביסל צעטומלטע האָבן זיך געטראָגן, אַרומגעשוועבט איבערן הויף און איבערגעמישט זיך אין איין פאַרטויבנדיקן גערויש.

— איציק, אָסטאָראָזשנע! וועסט צעברעכן דעם אַבאַזשור!

— כאַנע, ווו איז מײַן שטעקעלע? איך האָב דיר דאָך אָנגעזאָגט!

— גוואַלד, וואָס טוט מען, זי וויל ניט אַרײַנקריכן, די אַלטע שאַפע!

— מיכאַיִל וואַסיליעוויטש, גיכער, גיכער, עס פאַלט מיר אַרויס פון די הענט!

— מאַרינאַ, און דאָס פּלעשל! מע דאַרף דאָך דעם מאַהאַריטש צוגרייטן!

שוין ניט קיין יונגע פרוי, אַ פולבלעכע, אַ היפש צעפּאַטלטע און אַ פאַרפּאַליעטע, האָט איבערגעצויגן אינמיטן הויף אירע שטריק און אַרויסגעהאַנגען דאָס וועש, וואָס זי האָט ניט באַוויזן אויסטריקענען אױפן אַלטן אָרט. אַרויסציִענדיק פון דער מולטער אַלעמאָל אַ נײַ שטיקל גרעט און אויסוואָשנדיק די הענט אין דעם שוין נאַסן פאַרטעך, האָט זי אויסדערציילט אירע נאָך אומבאַקאַנטע שכיינים, וויִאַזוי דאָס אַלץ איז געשען:

— נעכטן נאָכן מיטיק איז מיר פּלוצלינג אַרײַן אין קאָפּ זיך שטעלן וואַשן. אײַנגעשלאָסן די וואַש־מאַשין, און שוין. כ׳האָב נאָר באַוויזן איבערדרייען דאָס ערשטע מאָל, קומט אַרײַן דער אופּראַוודאָם — איך זאָל שוין גיין באַקומען דעם אָרדער. ווײ איז מיר, און מײַן מאַן, ווי אַף צולאָכעס, איז אין אַ קאָמאַנדירונג. נאָר ס׳איז עפּעס אַ טערעץ? און וואַרטן מיטן אַריבערפאָרן טאָר מען אויך ניט. ווער ווייסט? אַ דירע וועט לאַנג ליידיק ניט שטיין. אַ גליק, וואָס איך האָב אַ שאָכן אַ שאָפער. אַ גאַנצע נאַכט געפּאַקעוועט און טאַקע באַנאַכט געענדיקט וואַשן. אַזאַ אָנשיקעניש!..

זי באַקלאָגט זיך און שמייכלט צו, און ס׳איז צו זען, אַז די דאָזיקע „אָנשיקעניש" איז איר גראָד צום האַרצן, און אפילע דאָס, וואָס זי איז די ערשטע אַרויס אינעם נײַעם הויף מיט איר וועש און האָט אַ מעגלעכקײַט זיך אָנצורעדן צו זאַט מיט די נײַע שכיינים, איז איר אויך צום האַרצן.

דער הויף איז פול געווען מיט זאַכן, וואָס זײַנען פון דער אַלטער שטוב אַרויס און אין דער נײַער ניט אַרײַן, און האָבן זיך געפילט, דעריבער, גאַנץ פרײַ אַף דער פרישער לופט. די באַלעבאַטים זייערע — אויך דאָס זעלבע: פרײַ פון דער אַלטער און ענגער דירע, פרײַ פון די אַלטע שכיינים און אַלטע קריגערײַען.

די פרוי, פאַר וועמען מאָטל מיט זעליקן האָבן צוגעפירט מעבל און אַרײַנגעטראָגן אין איר נײַער דירע, האָט זיי ניט אָפּגעלאָזט, ביז זיי האָבן ניט אויסגעהערט די גאַנצע געשיכטע וועגן איר ריי אַף דער דירע, וועגן אָרדער און וועגן דעם שמועס, וואָס זי האָט געהאַט מיטן פּאָרזיצער פון זאַווקאָם, וועמען זי האָט אַרײַנגעזאָגט אַזוי, אַז ער וועט עס פאַרגעדענקען אַף אייביק און וועט פאַרזאָגן זײַנע קינדער און קינדס־קינדער און אַלע די, וועמען ס׳איז באַשערט אויסגעקליבן צו ווערן אין זאַווקאָם...

— הערט אַ מײַסע. איך בין די הונדערט פיר־און־זיבעציקסטע. דער הונדערט דרײַ־און־זיבעציקסטער האָט מיט צוויי כאַדאָשים צוריק שוין באַקומען אַ דירע, האָב איך רעכט צו פאָדערן? זאָגט מיר דער פּאָרזיצער, אַז מע האָט מיך איבערגערוקט. וואָס הייסט איבערגערוקט? טײַנעט ער, אַז די הונדערט פינף־און־זיבעציקסטע איז אַף דער צײַט און נייטיקט זיך דרינגענדיק אין אַ גרעסערער דירע. איר הערט? און אַז מײַן סוועטע האַלט באַ אַ קאַלע ווערן און האָט ניט וווּהין דעם כאָסן אַרײַנפירן? זאָל איבער דעם זיך צעפאַלן דער שידעך? אויב אַזוינס וועט טרעפן, כאָלילע, זאָג איך אים, וועל איך אָנשרײַבן אַזש קיין מאָסקווע. יאָ, איך וועל אָנשרײַבן, אַז אַזאַ ביוראָקראַט טאָר מען ניט צולאָזן צו אַזאַ הויכן פּאָסטן. יאָ, יאָ, אַזוי האָב איך אים טאַקע געזאָגט. און נאָך האָב איך געזאָגט: מיר קלײַבן זיך אַרײַן אין דער נײַער דירע, שטעלן מיר אַרײַן אַ נײַעם גאַרניטור און פּראַוועון גלײַך אַ כאַסענע.

די צווייטע באַלעבאַטים, פאַר וועמען זיי האָבן צוגעפירט מעבל צום נײַעם הויז, איז געווען אַ יונג פּאָרפאָלק, וואָס האָט ערשט הײַנט, אין פינף יאָר אַרום נאָך דער כאַסענע, באַקומען עכטע זעלבשטענדיקײַט. איז דאָס געווען פאַר זיי אַ צווייענדיקער יאָמטעוו, און זיי זײַנען געווען גרייט

פארבעטן אף זייער סימכע דעם גאנצן הויף. ער — א שטארק צעשויבערטער און צעכראסטע־טער יונגערמאן, מיט אן אָפּענעם, פריילעכן בליק, איז גרייט געווען ארומנעמען און צעקושן זיך מיט אלע זײַנע נײַע שכיינים. זי — א יונגע פרוי, וואָס ווייסט, אז זי איז א שיינע, האָט זיך געהאלטן מיט יענעם שטאָליץ, וואָס דארף גלײַך געבן א זײַטיקן אָנצוהערן, אז קוקן מעג מען אף איר וויפל מע וויל, אָבער ניט מער. איך אָט דעם יארידימדיקן טומל און אײַלעניש האָט זי ניט פארגעסן האלטן איר ביז גאָר קאָמפּליצירטע פריזור אין שטרענגסטער אָרדענונג. אלעמאָל זי א ביסל אונטערגעקלאַפּט, ווי מע קלאַפּט אונטער א ראָשטשינע, זי זאָל זיך ניט זעצן, און איך זינען געהאט נאָכקוקן, אז די פארב אף די ליפּן זאָל זיך ניט מינערן.

— נו, ווען מיר באנעצן, — האָט דער יונגערמאן זיך אָנגערופן האלב צו דער פרוי און האלב צו די באלעגאָלעס. און, ניט ווארטנדיק אף קיין האסקאָמע, ארויסגעשטעלט א פלעשל מיט קעלישעקלעך.

— מע דארף, מע דארף, זאָרינקע, — אזא געשעעניש... העכסטער סווורעניטעט! איז זאָל זײַן אין א גוטער שאָ.

נאָכן ערשטן קעלישעקל איז ער געוואָרן נאָך מער גוטברודעריש און בארײדעוודיק.

— מיך רופט מען ניקאָלײַ, אָדער פּאָשעט — קאָליא. און דיך ווי? — געפרעגט בא זעליק, נאָר אף קיין ענטפער ניט געוואָלט ווארטן.

— אָט, האָב איך צו דיר א פראגע. ארבעטסט מיטן פורל. פארוואָס? געהאלטן און ניט אויסגעהאלטן?

— עס טרעפט, — האָט זעליק אָפּגעענטפערט מיט א שמייכל.

— איז אויב ניט אין אינסטיטוט, גייט מען אין טעכניקום.

— אויך מיר אן איניען.

— דו פאָלג מיך. איך האָב אויך געמיינט אזוי. אָבער ארומפּאָרן מיטן פורל איז ניט קיין טאכלעס. די ערשטע זאך איז — א מעלאָכע.

— און א באלעגאָלע איז ניט קיין מעלאָכע?

מאָטל איז שוין גרייט געווען אויסגיסן זײַן צאָרן. נאָר ניקאָלײַ איז געווען ניט פון די, וואָס לאָזן רעדן יענעם.

— וואָס רעדט איר, פאפאשא, הײַנטיקע צײַטן?.. אָט, קומסטו אף א זאוואָד מיט א פאָך, ביסטו שוין א שטיקל מענטש. דערנאָך — הינטער־איגיק. אָט פרעגט זי, מײַן זאָרינקען. דאָס האָט זי מיך ארופגעפירט אפן ריכטיקן וועג. ווײַל זי האָט געזאָגט: אויב ניט קיין הויכע בילדונג, מעג איך זי ארויסוואָרפן פונעם קאָפּ. איצט בין איך שוין געהילף־מײַסטער. פארשטייט זיך, מיט די עלטערן איז געווען גרינגער. זיי האָבן אונדזער טעכטערל געניאַנטשעט. אָבער א מענטש דארף זיך פילן פולקום זעלבשטענדיק. ריכטיק, פאפאשא? און דיר, ברודערקע, וועל איך זאָגן אזוי...

מאָטל האָט געריסן זיך דערציילן, ווער זײַן זעליק איז, און זאָל ער ניט מיינען, אָט דער יונגערמאן. נאָר אופגעכאַפּט דעם זונס א ווונק, איז ער אָפּגעקומען מיט א פּאָר געציילטע ווערטער:

— איך זאָג אויך אזוי. יעדער מענטש דארף האָבן א פאָך.

דאָס נײַע הויז איז געשטאַנען צעפּראַלט מיט אלע זײַנע טירן און פענצטער, גלײַך עס האָט קוים דערוואַרט זיך באגעגענען און ארײַנעמען אין זיך די נײַע אײַנוווינער מיט זייער האָב־און־גוטס, מיט דעם אלטן און נײַעם מעבל, אלע טאַטעס און מאַמעס, זיידעס און באָבעס, קינדער און אייניקלעך, — אלעמען מיט זייערע אלטע געשיכטעס און נײַע זאָרגן, מיט זייער ניט־דער־טריקנט וועש און ניט־דערכאַלעמטע כאַלוימעס... די רײַן אויסגעוווישטע פענצטער, וואָס האָבן נאָך ניט געהאט אף זיך קיין אייך פאַרהענגל, האָבן פרײַ ארײַנגעלאָזט די העלע זון, און זי האָט פארגאָסן, פארפלייצט אלע דירעס מיט אָן א שיר בלענדנדיקע שטראַלן, כאַטש נעם און באָד זיך אין זיי.

ווען זיי זײַנען ארויס פונעם הויז נאָך אָן אָרדנטלעכער יאַזדע, האָבן זיי געטראָפן אף זייער וועגעלע א נײַ פּאָרל.

— איצט וועט איר פאָרן מיט אונדז, — האָט זיך אָנגערופן די פרוי מיט אזא קאַטעגאָריש־קײַט, אז ס׳האָט זעליק פּאָשעט איבערראַשט.

— פארשטייט זיך, אויב... ביטע!.. — האָט זיך אָנגערופן דער מאַן, ווי פארענטפערנדיק זיך פארן שטרענגן טאָן פון זײַן פרוי. — איר פארשטייט, אזא טאָג... און בא אונדז אזא איניען.

— אן איניען, ווי בא אלעמען, — האָט מאָטל אָפּגעענטפערט און זיך א נעם געטאָן פאַר די ווישקעס.

— ניין, בא אונדז איז גאָר אן אנדער איניען.

— לאָז מיך, — האָט זיך אָנגערופן די פּרוי. — דאָס האָט ער דאָך מיך אָנגערופן באַר־מאַשינע.

— מע דאַרף, פונדעסטוועגן, אַנערקענען, — האָט דער מאַן געפּרוּווט שטילן איר אַגרעסיוו־קייט, — אַז דײַן אופירונג איז אויך געווען ווײַט ניט פּעדאַגאָגיש.

— קומט אויס, אַז שולדיק אין אַלעמען בין איך? — איז די פּרוי געוואָרן נאָך מער אופגע־רעגט. — הערט מיך אויס!

דער וועג פונעם נײַעם הויז צום מעבל־מאַגאַזין, וווּ זיי האָבן געדאַרפט פאַרנעמען א ביכער־שראַנק, איז א היפשער, און ס׳איז געווען צײַט אַף אויסצודערציילן און אויסהערן א לאַנגע גע־שיכטע, כאָטש ניט שטענדיק איז מאָטלען מיט זעליקן געווען קלאָר, ווער פון די צדאָדים איז סערגיי פּילימאָנאָוויטש און מאַריִא פּאַוולאָוונא און ווער פּיאָטער זאַכאַראָוויטש און פּאַיִנא דאַני־לאָוונא. פונקט ווי ס׳איז שווער געווען אײַנהאַלטן אין קאָפּ — ווער פון זיי האָט ליב קאַווע און ווער טיי. און ניט שטענדיק איז זיי געווען קלאָר, צי מאַריִא פּאַוולאָוונא דערציילט וועגן פּאַיִנא דאַנילאָוונען, אָדער פּאַיִנא דאַנילאָוונא דערציילט וועגן מאַריִא פּאַוולאָוונען.

האָבן זיך געלעבט, הייסט עס, צוויי שכיינים אַף איין קיך. געלעבט בעשאָלעם און טאַקע זייער פרײַנטלעך, און מע האָט געקענט מיינען, אַז איינער קאָן ניט לעבן אָן דעם אַנדערן קיין איין טאָג. איין אָוונט האָט מאַריִא פּאַוולאָוונא געגרייט פאַר אַלעמען טיי, און דעם צווייטן אָוונט האָט פּאַיִנא דאַנילאָוונא מעכאַבעד געווען אַלעמען מיט קאַווע. יעדן טאָג האָבן די פרויען געהאַט איינע פאַר דער אַנדערער א זאַק מיט נײַס: ווּ קען מען קריגן אַן אימפּאָרטנע קאָפּטל, ווּ האָבן זיך באַוויזן די סאַמע מאָדערנסטע, געקווייטלטע זאַקן, און וויאַזוי מע קען אַף א נײַעם אויפן, קימאַט פון סאַמע גאָרניט אָפּבאַקן דעם בעסטן לעקעך. קיין בעסערע צײַט אַף אויסדערציילן די נײַס איז ניט געווען, ווי גאַנצפרי, ווען אַף איין קאָנפאָרקע גרייט מאַריִא פּאַוולאָוונא פאַר איר מאַן, סערגיי פּילימאָנאָוויטשן, טיי, און אַף דער צווייטער גרייט פּאַיִנא דאַנילאָוונא פאַר איר מאַן, פּיאָטער זאַכאַראָוויטשן, קאַווע.

און אָנגעהויבן האָט זיך עס טאַקע איבער אָט דער קאַווע... זי איז געווען סאַמע אין יענעם קריטישן צושטאַנד, ווען מע דאַרף נאָר דערגיסן א ביסעלע מילך, לאָזן דערנאָך זי א ביסעלע א זיד טאָן, זי זאָל באַקומען יענעם טונקל־ברוינעם קאָליר און יענעם ביטערלעכן טאַם, וואָס פּיאָ־טער זאַכאַראָוויטש האָט ליב. נאָר מאַריִא פּאַוולאָוונא האָט זיך גראָד דערמאָנט אין זייער א שיי־נער געשיכטע, ווי צוויי פרויען האָבן זיך צעקריגט אַפן מאַרק איבער א קרענצל ציבעלעס, זי האָט דערציילט מיט אַזא פאַרכאַפּונג און אַזוי לעבעדיק אויסגעשפּילטביידע צדאָדים מיט זייערע קוויטשערײַען און קלאָלעס, אַז פּאַיִנא דאַנילאָוונא האָט דורכגעלאָזט די מינוט, ווען מע דאַרף אַראָפּכאַפּן די קאַווע פונעם פײַער און אַרײַנטראָגן אין צימער. פּיאָטער זאַכאַראָוויטש האָט א צי געטאָן מיט דער נאָז, דערפילט אינעם ריייעך פון דער קאַווע עפּעס ניט קיין געוויינלעכע ניואַנסן און איז אַרײַן אין קיך א ביסל אָן אופגערעגטער. דערזען ביידע פרויען אַזוי פאַרכאַפּט מיט זייער שמועס, איז ער שוין געוואָרן עמעסדיק בייז.

— אָן אומגליק מיט אײַך, מאַריִא פּאַוולאָוונא. איר האַלט אין איין גראַגערן, ווי א באַרמאַ־שינע, און איבער אײַך איז מײַן קאַווע איבערגעשטאַנען.

— און איר זײַט א בורבאָן! — האָט מאַריִא פּאַוולאָוונא אויסגעשאָסן און מיט טרערן אַף די אויגן ארויס פון דער קיך.

ווען מאַריִא פּאַוולאָוונא האָט דערקלערט דעם מאַן, וואָס איז געשען און פאַרוואָס זי איז אַזוי פאַרוויינט, האָט ער איר פאַרגעוואָרפן:

— פונדעסטוועגן דאַרף מען אַנערקענען, אַז דו האָסט זיך אויך אופגעפירט ניט פּעדאַגאָגיש. ווייסט, ווער ס׳זײַנען געווען די בורבאָנעס?

— ס׳האָט זיך בא מיר אַרויסגעכאַפּט, — האָט מאַריִא פּאַוולאָוונא זיך פאַרענטפערט. — איך האָב אים געוואָלט זאָגן — באַרבאָס!

מאָטל האָט אויסגעהערט די געשיכטע גאַנץ גלײַכגילטיק. פאַר אים זײַנען אַזעלכע קריגע־רײַען צווישן שכיינים א וואָכעדיקע זאַך. פאַר זעליקן האָט דאָס געקלונגען ווי אַן אַנטדעקונג, און דערפאַר האָט ער אַלעמאָל געמוזט איבערשלאָגן די דערציילער און אויסקלאָרן פאַר זיך, ווער זיצט בא זיי אַפן וואָגן. אַלעמאָל איבערפרעגן האָט ניט געטויגט, האָט ער געפּרוּווט דאָס פעסט־שטעלן אַף אַן אַנדער אויפן. ווען די געשיכטע האָט אים אויסגעזען ביז גאָר פאַרפּלאָנטערט, האָט ער זיך אָנגערופן:

— פּאַיִנא דאַנילאָוונא, איך וויל בא אײַך פרעגן...

— אַף מײַנע סאָנימס קעפּ, — האָט יענע אופגעזאָטן. — דאָס בין איך אײַך פּאַיִנא דאַני־לאָוונא?

— אַנטשולדיקט, איך האָב אײַך ניט געוואָלט באַליידיקן. זאָגט איר, פּיאָטער זאַכאַראָוויטש...

— פאַרקערט, סערגיי פּילימאַנאָוויטש, — האָט יענער איידל אָפּגעענטפערט.

ס'איז אויך זייער וויכטיק געווען פאַרגעדענקען, אַז ער, סערגיי פּילימאַנאָוויטש, איז אַ לער־רער, און אַז יענער, פּיאָטער זאַכאַראָוויטש, איז אַ בוכהאַלטער. אַנדערש וואָלט געווען אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעך די ווײַטערדיקע אויפֿירונג פֿון די צדאָדים.

דעם צווייטן טאָג האָט פּיאָטער זאַכאַראָוויטש אָוועקגעשטעלט אַ צווייט גאַז־אייוועלע מיט אַ באַזונדערן צײַלער. צווישן די אייוועלעך און די טישלעך האָט ער אָוועקגעשטעלט אַ ווענטל פֿון עטלעכע ברעטלעך, די ווײַבער זאָלן ניט קענען אַרײַנקוקן איינע דער אַנדערער אין די טעפּלעך. דעם דריטן טאָג איז געקומען אַ גאַנצע בריגאַדע עלעקטראָמאָנטיאָרן און מע האָט דורכגעפֿירט אַ פּאַראַלעלע ליניע אַף דער קיך, אין באַד־צימער און אין טואַלעט. אומעטום באַזונדערע לעמ־פּעלעך מיט אַ באַזונדערן צײַלער. אין עטלעכע טעג אַרום האָט סערגיי פּילימאַנאָוויטש באַקומען אַ כעזשבן פֿון דער הויז־פֿאַרוואַלטונג מיט אַ שריפֿטלעכער דערקלערונג פֿונעם שאָכן, אַז דאָס איז פּינקטלעך האַלב פֿון די הויצאָעס. איז ער אַוועק אין שפּאַרקאַסע און אָפּגעצאָלט.

— און דאָס איז פּעדאַגאָגיש? — האָט געטײַנעט מאַריִאַ פּאַוולאָוונאַ.

— וואָס דען האָב איך געזאָלט טאָן? עפּשער אײַנגעבן אין געריכט און די גאַנצע גאַס זאָל לאַכן פֿון אונדז?

די ערשטע צײַט זײַנען די שכיינים אָפּגעקומען מיט אַ טרוקענעם גוטמאָרגן, דערנאָך האָבן זיי אינגאַנצן אויפֿגעהערט באַגריסן זיך און ביכלאַל געסטאַרעט זיך אויסמײַדן איינער דעם אַנ־דערן. האָט געבערענט אין קיך איין לעמפּעלע, האָט שוין דאָס צווייטע זיך ניט אָנגעצונדן, ביז דאָס ערשטע האָט זיך ניט אויסגעלאָשן. אין דער קיך, וואָס איז שטענדיק געווען פֿול מיט פֿריי־לעכן, ווײַבערשן געלעכטער, איז געוואָרן שטיל און אומעטיק. און אַלץ האָט מיטאַמאָל אָנגעווירן דעם גאַנצן טאַם. סײַ דאָס קאָכן, סײַ דאָס עסן און אַפֿילו די קאַווע, וואָס פּיאָטער זאַכאַראָוויטש האָט איצט אָפּטמאָל געקאָכט אַליין לויט אַלע דורך אים אַליין דערפֿונדענע קלאָלים.

און אַז מענטשן ווערן בארויגעז, הייבט מען אָן זוכן איינער באַם אַנדערן די גרעסטע כעס־רוינעס. האָט מאַריִאַ פּאַוולאָוונאַ זיך דערמאָנט, אַז די שכיינע האָט געליִען באַ איר אַ קעלישעקל בוימל און פֿאַרגעסן אָפּצוגעבן. און פֿאַינאַ דאַנילאָוונאַ האָט זיך דערמאָנט, אַז די שכיינע האָט ניט לאַנג זיך געקויפֿט זאָקן פֿון הימל־קאָליר. ווער טראָגט איצט אַזעלכע זאָקן? מיט איין וואָרט,ביידע האָבן זיך געסטאַרעט, אַז דאָס אָנגעצונדענע פֿײַערל פֿון קעגנזײַטיקער סינע זאָל שטענ־דיק טליִען און ניט פֿאַרלאָשן ווערן.

וואָס עמעס, מיט דעם זײַנען איבערהויפּט געווען פֿאַרנומען די פֿרויען. די מענער האָבן ניט איבעריק זיך געסטאַרעט פֿאַרטיפֿערן דעם קאָנפֿליקט. אָפּטמאָל, איבער ביידנס צעטראָגנקײַט, האָבן זיי אַפֿילו אָפּגעגעבן איינער דעם אַנדערן אַ גוטמאָרגן.

מאַריִאַ פּאַוולאָוונאַ איז געווען ביז גאָר צופֿרידן, וואָס זי האָט אַזאַ זעלטענע געלעגנהײַט אויסדערציילן די גאַנצע געשיכטע אָן אײַלעניש. זי האָט פּינקטלעך צעטיילט די געשיכטע אַף האַלב, ס'זאָל איר סטײַען אַפֿן וועג צום מאַגאַזין און צוריק, און האָט אַלץ אויסגעשפּילט מיט אַלע טנועס, מיט אַלע פּישטשעווקעס אַזוי, אַז סערגיי פּילימאַנאָוויטש האָט זיך אַזש פֿאַרקרימט. די געשיכטע איז אים, אַפּאָנעם, שוין היפּש דערעסן.

— נו, אַ סאָף, — האָט ער ענדלעך ניט אויסגעהאַלטן.

— פֿאַרוואָס אַ סאָף? — מאַריִאַ פּאַוולאָוונאַ איז גרייט געווען פֿירן אַ קריג מיטן אייגענעם מאַן. — איך שטעל זיך פֿאָר, ווי זיי קוקן אַרויס דורכן פֿענצטער, ווי מיר קלײַבן זיך איבער, און געוויס בראָט אין זיי די קינע.

דער סאָף פֿון דער געשיכטע איז נאָך שענער פֿונעם אָנהייב. קימאַט אין איין צײַט זײַנען צוגעפֿאָרן צום נײַעם הויז צוויי פֿורלעך. מאָטל מיטן ביכער־שראַנק און יוינע קוואַטש מיט אַ פֿולן וואָגן מיט ברעטלעך און דראָטלעך, אַף וועלכע ס'האָבן אונטערגעהעצקעט שוין ניט קיין יונג פּאָרל. וועדליק מאַריִאַ פּאַוולאָוונאַ האָט זיי אויסגעמאָלט, איז זעליק געווען זיכער, אַז דאָס זײַנען טאַקע זיי, פֿאַינאַ דאַנילאָוונאַ מיט איר דרײַגאָרנדיקער פֿריזור און פּיאָטער זאַכאַראָוויטש מיט זײַן שפּיציק בערדעלע. ווען זעליק האָט דערצו נאָך באַמערקט, ווי מאַריִאַ פּאַוולאָוונאַ איז געוואָרן פֿריִער בלייך, דערנאָך רויט און האָט אַ צי געטאָן דעם מאַן פֿאַרן אַרבל, איז ער שוין געווען איבערצײַגט, אַז דאָס זײַנען טאַקע זיי.

— אוי, — האָט זי אַ היכץ געטאָן. — דו זעסט?

— נו איז וואָס? — האָט סערגיי פּילימאַנאָוויטש רויִק געפֿרעגט.

יענע האָבן זיי אויך גלײַך באַמערקט. פּיאָטער זאַכאַראָוויטש איז האַסטיק אַראָפּ פֿונעם וואָגן און מיט זײַן אונטערטאַנצנדיק גענגעלע צוגעקומען צו זיי.

— איר קלײַבט זיך אויך איבער?

— נו, יאָ. איר זעט דאָך.

— פאַרוואָס זשע האָט איר אונדז ניט געמאָלדן?
— און פאַרוואָס האָט איר אונדז ניט געמאָלדן?
— און וואָס וואָלט, אײגנטלעך, זיך געענדערט?
— פאַרשטײט זיך...
— און אַף װעלכן שטאָק איז אײַער דירע?
— אַפן דריטן.
— אויך אַפן דריטן?
— אומדערהערט! — האָט לויט איר טעווע אויסגעשריגן פּאַנאַ דאַנילאָוונא, וואָס האָט געהאַלטן איך אײן באַקוקן דעם נײַעם ביכער־שראַנק. — מאַריאַ פּאַװלאָװנא, װוּ האָט איר געקראָגן אַזאַ צירונג?.. טו נאָר אומיסטן אַ קוק, פּיאָטער...

עס טרעפן אַמאָל אַזעלכע איבעראַשנדיקע געשעענישן, ווען שטומע הייבן מיטאַמאָל אָן צו רעדן, קרומע הייבן אָן לויפן, און צעקריגטע שכנים פאַרגעסן מיטאַמאָל אין זייער רויגעז.
— וואָס זשע שטייען מיר, — האָט זיך אָנגערופן פּיאָטער זאַכאַראָוויטש. — מיר וועלן אײַך העלפן אַרופטראָגן דעם שראַנק, און איר אונדז אונדזערע זאַכן.
— זאָל זײַן אַזוי, — האָט סערגיי פּילימאָנאָוויטש גלײַך מאַסקים געווען.

נאָר קײנער האָט זיך אין זייער הילף ניט געניטיקט. אַז מאָטל מיט יוינען גיבן אַ שטעל אונטער זייערע פּלייצעס, האָט שוין אַ דריטער ניט וואָס צו טאָן. יוינע האָט הײַנט באַוויזן אַרײַנכאַפּן ניט אײן קויסע און איז געווען היפּש בעגילופנדיק.
— אַ טאָג הײַנט, האַ, מאָטעלע? — האָט ער ניט אופגעהערט באַרימען זיך. — אײנער שלעפּט צו זיך, אַ צווייטער צו זיך, כאָטש צערײַס זיך אַפּצוויייען. און ווער איז אָט דער יונגערמאַן? דײַן בענאַק?
— נו, יאָ.
— איז דיר אַוודע גוט. האָסט אַ שטיקל פּאָדמאָגע אין אַזאַ הייסער צײַט. אָבער וואָס זאָל איך טאָן?
— ווער צווינגט דיך?
— ע, זאָג ניט, ברודערקע, ווי קען מען עס אין אַזאַ טאָג?.. אָט, די קריזשעס ברעכן אַף ניט אויסצוהאַלטן. און אָוועקפאָרן ווילט זיך ניט.

זעליק האָט מיט אינטערעס באַקוקט דעם ייִדן מיטן לאַנגן האַלדז, וואָס מאַכט אים נאָך לענגער און דאַרער, ווי אינדערעמעסן. ער האָט אים פאַרגלײַכט מיטן טאַטן און געבליבן זייער צופרידן דערפון, וואָס זײַן טאַטע זעט אויס קעגן אים אַן עמעסער גוואַר.
— ווער איז ער? — האָט זעליק געפרעגט, ווען זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון דריטן שטאָק.
— וואָס זשע, קענסט אים ניט? אָט דאָס איז דאָך ער, יוינע קוואַטש!

אויסלאָדן דעם צווייטן וואָגן איז ניט אויסגעקומען. ווען אַלע זײַנען אַרויס אַפן הויף, האָט פּיאָטער זאַכאַראָוויטש אַרײַנגערוקט יוינען אַ דרײַערל און אַ זאָג געטאָן צו אים אַזוי, גלײַך שולדיק אין דער גאַנצער געשיכטע איז געווען ער, יוינע קוואַטש.
— און אָט דאָס, וואָס אַפן וואָגן, די אַלע ברעטלעך מיט די דראָטלעך, פירט וווהין איר ווילט. איר קענט עס נעמען זיך, איר קענט עס אַרויסוואַרפן.

ער איז, אַפּאָנעם, שטאַרק געווען צופרידן פון דעם אייגענעם אופטו, פון דעם גליקלעכן געדאַנק, וואָס איז אים פּלוצלינג אופגעקומען, און באַזונדערס דערפון, וואָס געשען איז דאָס אַפן הויף, אין דער אָנוועזנהײַט פון די אַלטע און נײַע שכנים.
— ווי געפעלט אײַך? — האָט פּיאָטער זאַכאַראָוויטש זיך אָנגערופן צו סערגיי פּילימאָנאָוויטשן. — אין אַ נײַ הויז מיט אַלטע שמאַטעס?

און אַז עס הייבן אָן אופקומען גוטע געדאַנקען, גייען זיי אײנער נאָכן אַנדערן.
— וועלן מיר הײַנט אַרײַנקומען צו אײַך, — האָט ער זיך אָנגערופן צו מאַריאַ פּאַװלאָװנא. — שוין לאַנג ניט פאַרזוכט אײַער טיי!

ווען עמעצער זאָל געווען אַ קוק טאָן אַף זעליקן, וואָלט ער באַמערקט, אַז ער פילט זיך הײַנט אויך גליקלעך פון דעם, וואָס ער האָט געוועט אַ גאַנצן טאָג אײנײנעם מיטן טאַטן און וואָס זיי פאַרשטייען גאַנץ גוט אײנער דעם אַנדערן, פון אָט דעם פריידיקן, יאָמטעוודיקן געווימל אַפן הויף, פון דעם, וואָס אַלע זײַנען הײַנט אַזוי גוט און אָפנהאַרציק, און פון דעם, וואָס ער איז נאָרוואָס בײַגעווען בא דעם, ווי אַ נאַרישער, לאַנגדויערנדיקער רויגעז איז אין אײן אויגנבליק צעוויייעט געוואָרן, ניט געסטײַעט. ער אַלײן איז אויך גרייט געווען מויכל זײַן דער מענטשהײַט אירע אײניקע שוואַכקײַטן. ווײַל אויב אַ שיין שטיקל מעבל, אַ סינטעטיש העמדל און אַ נײַע דירע מאַכן דעם מענטשן אַ ביסל בעסער, ווייכער, לײַטישער, איז זאָלן זיי עס באַנוצן צום גוטן.

מאָטל איז אויך געווען פאַרטאָן מיט זײַנע געדאַנקען. דערפאַר האָבן זיי ביידע לאַנג גע־

שוויגן נאָך דעם, ווי זיי זײַנען ארויסגעפאָרן פון הויף. דערנאָך האָט מאָטל א טאָרקע געטאָן דעם גניאדן מיט דער בײַטש און זיך אָנגערופן:

— ווי געפעלט עס דיר? זעסט, וואָס אף דער ערד טוט זיך?

דער גניאדער האָט פריילעך זיך צעהירזשעט און א לאָז געטאָן זיך אין גאלאָפּ, שמײַדיק אונטערוואַרפנדיק די שווערע אויסגעהאָרעוועטע פיס. עפשער האָט דער הײַנטיקער פריילעכער געווימל אים אויך דערמאָנט אין צײַטן, ווען ער איז געווען יונג, געקאָנט יאָגן און אונטערטאַנצן מיט זײַנע געזונטע פיס און הירזשען אפן פולן קאָל, ווי א יונגער לאָשעק.

7

פארשטייט זיך, ווען מאָטל זאָל געווען וויסן!.. נאָר אזוינס איז אים אפילע אפן געדאַנק ניט געקומען. צוגעפאָרן צום מאגאזין מיט א קנאַק, ארײַן אין קלייט מײַסע באַלעבאָס, א נעם געטאָן אין דער האַנט דאָס צעטל מיטן אדרעס, וואָס מע האָט אים דערלאַנגט, און א ווונק געטאָן זעליקן: דו זעסט, ניט מיר וואַרטן אף דער ארבעט, נאָר די ארבעט אף אונדז! אינצווייען האָבן זיי אפגיך ארויסגעפּעקלט דעם גאַרניטור, אײַנגעמאָסטעט יעדער זאַך ווי געהעריק, און מאָטל האָט געמוזט מוידע זײַן, אז נאָך אלעמען פארמאָגט דאָס הײַנטיקע מעבל אייך גרויסע מײַלע: ס'איז א סאַך גרינגער פונעם אלטן.

— ריכטיק, — האָט זעליק מאַסקים געווען, גלײַך ער האָט אלע יאָרן געהאַט צו טאָן מיט מעבל.

מאָטל האָט נאָך עפּעס א זאָג געטאָן וועגן נײַעם מעבל, נאָר זעליק האָט ניט געענטפערט. ער איז געווען פארטאָן אין זײַנע געדאַנקען וועגן דער מאמען, וועלכע איז, ווי ס'ווײַזט אים אויס, א ביסל בארויגעז אף אים.

פרעגט שוין, וועט זי זיך קיינמאָל ניט מוידע זײַן אין דעם. נאָר — זי האָט א פארדראָס. איר זעליקל! וועד האָט אים ארויסגעריסן באַם מאַלעכהאַמאָוועס פון די הענט, ווער האָט אים געפּעסטעט, געציטערט איבער אים, ניט געלאָזט אף אים קיין ווינטעלע א בלאָז טאָן? ווער האָט אלע פינף יאָר אים געשריבן בריוו? און איצט זעט זי אים געציילטע מינוטן באַם מיטיק און באַ דער וועטשערע, ווען ער זיצט באַם טעלער און קײַט מיט אזא אפעטיט, גלײַך ער האָט אלע פינף יאָר געהונגערט. און מיטן טאַטן געוואָרן אזעלכע פרײַנט, אזעלכע גוטעברידער!

זי האָט געוואָלט א בארים טאָן זיך פאַר די שכיינים מיט איר געלערנטן זון, געטרוימט כאָטש מיט עפּעס דעקן דעם ביזאָיען, דעם ווייטעק, וואָס זי האָט איבערגעטראָגן מיט עטלעכע יאָר צוריק, און ווײַזן טײַבלס עלטערן, וואָס פאַר א גאָלד זיי האָבן אָנגעווירן. איז ער געקומען אף עטלעכע טעג און אָנגעהויבן באַלעגאָלעווען אינײנעם מיטן טאַטן.

און נאָך אייך זאַך האָט זי פארדראָסן: אז א זון קומט דאָס ערשטע מאָל צוגאַסט אין פינף יאָר ארום, מעג ער ברענגען דער מאמען עפּעס א מאַטאָנע. זאָל זײַן, פאַר א גראָשן.

זי זאָגט עס כאָלילע ניט ארויס, און זי וועט עס אים קיינמאָל ניט ארויסזאָגן, זי וואָלט נאָר געוואָלט, איר זעליק זאָל איר דערקלערן, פארוואָס איז באַ אים אלץ ניט אזוי, ווי באַ לײַטן.

— אָט אזוי, זונעניו, פאָרט מען אין אורלויב? אין איין העמד?

— פארשטייסט, מאמע, איך האָב זיך זייער געײַלט. ווי נאָר איך האָב באַקומען דעם טאַטנס בריוו... געמוזט אפילע אף א בילעט אנטלײַען.

דאָס לייגט זיך איר שוין אינגאַנצן ניט אפן סייכל. איז ער אזא פארדינער, וואָס גייט אין איין העמד און דאַרף לײַען געלט אף א בילעט?

אָט דער א ביסל אומגעריכטער שמועס איז פאָרגעקומען נעכטן אין אָוונט, ווען זיי זײַנען געבליבן אינצווייען, צום ערשטן מאָל. זעליק האָט געוואָלט בארוּיקן די מאמע. האָט ער איר געגעבן צו פארשטיין, אז ער האָט גענוג העמדלעך, נאָך מערער, ווי מע דאַרף, ער האָט פּאַשעט ניט באַוויזן מיטנעמען. און דאָס איז ביכלאַל באַ אים קיין אורלויב ניט. אין אורלויב וועט ער ערשט קומען, און טאַקע גאָר אינגיכן.

— שאַ, מאמע, וואָס זאָל איך דיר ברענגען פאַר א מאַטאָנע? עפשער א טראַנזיסטאָר?

— נאָר אזא גראַגער פעלט מיר. דאָס ברענג בעסער דעם טאַטן דײַנעם. וועט ער אַרומפאָרן איבער דער שטאָט און הערן, ווי קלעזמער שפּילן.

— אוי, ביסט טאַקע גערעכט. און וואָס זאָל איך דיר ברענגען?

— א זײַדענע פאַטשיילע!

לויט איר דריבנע שמייכעלע ווייסט ניט זעליק, צי זי שפּאַסט, צי זי מיינט עס ערנסט.

— א פאַטשיילע גאָר?

— נו, יאָ. קומט ראַשעשאַנע...
— דו גייסט נאָך אין שול אַרײַן?
— פאַרוואָס זאָל איך ניט גייִן, נאַרעלע?
— און ס׳איז נאָך דאָ אין שטאָט א שול?
— וואָס זשע, האָסט זי קיינמאָל ניט געזען?
— עפּעס געדענק איך ניט...

שעוועך איז פאַרדראָסיק, וואָס זי פאַרשטייט ניט איר זעליקן, און זעליקן פאַרדריסט ניט ווייניקער, וואָס ער קען ניט פאַרשטיין די מאַמע. זיצט ער אפן פּורל און פּרוווט אין די געדאַנקען פאַרזעצן דעם שמועס מיט דער מאַמען. ער האָט ניט באַמערקט, ווי זיי זײַנען אַרויסגעפאָרן אף דער גאָרקי־גאַס און ווי דער טאַטע האָט ווידער אַרויסגענומען דאָס פּאַפּירל מיטן אַדרעס און איבערגעלייענט אין דער הייך דעם נומער פונעם הויז.

— וועלכער נומער? — האָט זעליק איבערגעפּרעגט.
— פיר און צוואַנציק.
— פיר און צוואַנציק? — און ער פילט, ווי ער הייבט אָן רויטלען זיך. — און די דירע וועלכע?
— נומער אַכט.
— נומער אַכט? וואָס זשע האָסטו פריִער ניט געזאָגט?
— וואָס איז די באַפעקמינע?
—אין דער אַכטער דירע וווינט טײַבל...

דער גניאַדער איז שוין געווען געוווינט, אַז אַלעמאָל לאָזט מאָטל אויס צו אים דעם קאַס. געכאַפּט א גוטן שמיץ, האָט ער אונטערגעשפּרונגען, אָנגעשפּיצט די אויערן און אויסגעקערע־וועט צום באַלעבאָס די אָנגעברויגעזטע אויגן: מיט וואָס, הייסט עס, האָב איך דאָ כויטע־בעייגל געוווען?

— אַזוי גאָר... — און מאָטל איז גרייט געווען אויסשמײַסן זיך אַליין. — וואָס זשע טוט מען? נאָר זעליק ווייסט אויך ניט וואָס צו טאָן. ער ווישט אויס מיט די פינגער דעם שטויב פון די ברילן, ווישט לאַנג, זייער לאַנג און קוקט זיך אײַן מיט די צוגעזשמורעטע אויגן אין די פענצ־טער פון טײַבלס דירע. ווען ניט דער טאַטע, דער וואָגן מיטן מעבל, לויפט ער גלײַך אַרויף אפן צווייטן שטאָק. און ער וואָלט שוין געוווסט, ווי ענטפערן אף איר פראַגע — נאָך וואָס איז ער געקומען. איצט אָבער שטייט ער ווי א געפּענטעטער. ווי יאָוועט מען זיך אַרײַן צו טײַבלען ווי א באַלעגאָלע, א טרעגער?

נאָר עפּעס האָט ער דאָך געיאַרשנט פונעם טאַטן. מיטאַמאָל האָט זיך צעשפּילט אין אים עפּעס אײַנגאַנצן אַן אומבאַקאַנטער געפיל, צעשפּילט זיך פרייליך, כוצפּעדיק און אַרויסרופעריש.

— וואָס זשע שטייען מיר? מירן דאָך ניט אָפּפירן דאָס מעבל צוריק אין קלייט אַרײַן.

מאָטל האָט מיטאַמאָל דערפּילט א שנײַדנדיקן ווייטעק אונטער דעם לעבער. א ווייטעק, וואָס ער באַהאַלט די גאַנצע צײַט אויס פון זײַן שעוועך. אף א קרעכץ איז ער נאָך קאַרגער, ווי אף א שמייכל. אין אַזעלכע פאַלן פאַרבײַסט ער בלויז די ליפּן און קערעוועט אָפּ דאָס פּאַנעם אין א זײַט, קיינער זאָל גאָרנישט ניט באַמערקן.

— הײַדאַ! — האָט ער א זאָג געטאָן צו זעליקן נאָך דעם, ווי דער ווייטעק איז א ביסל דורך. מאָטל קאָן זיך פּאַשעט ניט אָנלויבן, ווי גיך זעליק האָט געכאַפּט דעם שניט פון אַן עכטן טרעגער. שטענדיק ווייסט ער, בא וועלכער זײַט זיך שטעלן, בא וואָס אָנעמען זיך מיט די הענט, אָדער אונטערשטעלן די פּלייצע אַזוי, אַז די מאַסע זאָל צעטיילט ווערן פּינקטלעך אף האַלב.

מאָטל צעעפנט מיט זײַן ברייטער פּלייצע ביידע האַלבע טירן, רוקט זיך אַרײַן מיטן סער־וואַנט און מיט זעליקן אינעם פאַדערצימער און רופט זיך אָן מיט זײַן ברומענדיקער שטים:

— נו, באַלעבאָסטע, וווהין אַוועקשטעלן?

טײַבל האָט זיך א קערעווע געטאָן און געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט, דאָס פּאַנעם — ווי קרײַד. אָט־אָט פאַלט זי אום. נאָר פאַליק איז געווען אין שטוב, און זײַן בליק האָט זי געצוווּנ־גען זיך נעמען אין די הענט. זעליק האָט באַוויזן צו באַמערקן טײַבלס בלייכקײַט און אופכאַפּן פאַליקס בייזן בליק. טײַבל האָט זיך א לאָז געטאָן איבער דער שטוב, פון איין צימער אין צווייטן, ווי זוכנדיק אַן אָרט פאַרן סערוואַנט, כאָטש זיי האָבן ביז איצט ניט איין מאָל שוין פּלאַנירט און איבערפּלאַנירט און באַשטימט פאַר יעדער זאַך זײַן אָרט. אינמיטנדערינען געכאַפּט א בענקל און צוגעטראָגן מאָטלען.

— טײַבל! — פאַליק האָט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג, אַז זײַן שטים זאָל קלינגען פאַר א זײַטיקן וואָס ווייכער.
— באַלד, באַלד מאַך איך אָן אָרט.

מאַטל באַקוקט די, וואָס האָט געקאָנט ווערן זײַן שנור, און געפינט, אַז אַף זעליקס מעווינעס מעג מען זיך פאַרלאָזן. ווען ער פאַרמאָגט נאָך דערצו אַ ביסעלע כאַראַקטער! זעליק ווייסט, אַז אונטער די ברילן מעגן די אויגן זיך פילן פרײַ, קיינער וועט גאַרנישט ניט באַמערקן. האַלטן זיי אין איין אַריבערטאַנצן פון טײַבלען צו פאַליקן, און זעליק דערשפּירט אין זייערע בליקן יענעם וויקועך, וואָס ציט זיך, אַפּאַנעם, צווישן זיי שוין עטלעכע טעג. מעגלעך, פון דער שאָ, ווען ער איז אַזוי אומגעריכט אַהער אַרײַנגעקומען. צי האָט פאַליק דעמלט אַליין באַמערקט איר ניט געוויינלעכע אופגערעגטקײַט, צי זי האָט ניט געוואָלט מאַכן פון דעם קיין סאָד... וואָס זשע איז צווישן זיי פאַרגעקומען די לעצטע טעג? דערווײַל איז דאָס פאַר זעליקן אַ סאָד. ער האָט בלויז באַמערקט, אַז פאַליקס בליק ווערט וואָס אַמאָל בייזער און אַז דאָס גאַנצע פּאָנעם זײַנס, יעדער באַוועגונג איז פול מיט אופגעבראַכטקײַט. אַף טײַבלען, אַף אים, אַפן טאַטן, אַף דער גאַנצער וועלט. און טײַבל... פאַרוואָס איז אַף איר פּאָנעם אויסגעגאָסן אַזאַ פאַרלוירנקײַט, אַזאַ קנעכטישע אונטערטעניקײַט? עפּעס דערקענט ער זי ניט...

— אָט אַהער, — טוט זי אַ ווײַז מיט דער האַנט און בלײַבט ווידער שטיין ווי אַ געפּענטעטע.

באַמערקט, אַז פאַליק האָט זיך ערגעץ פאַרקוקט, נעמט זי דורך זעליקן מיט אַ בליק, וואָס איז פול מיט געבעט און מיט פאַרוואורף, און ווידער מיט יענער פראַגע, וואָס לאָזט זיך איצט טײַטשן פיל ברייטער:

— נאָך וואָס ביסטו געקומען? און וואָס מיינסטו דערמיט? אַ ביסל נעקאָמע נעמען אָדער אויסלאַכן?

— ערנוואָרט! — ער טוט אַף אַ ווײַלע אויס די ברילן, זי זאָל קענען איבערלייענען אין זײַנע אויגן דעם ענטפער. — ערנוואָרט, אַז ס'איז ניט אומיסטן. אַלץ האָט זיך באַקומען אַזוי צופעליק, אַזוי לעפּיש... איך וועל דיר וועגן אַלץ דערציילן...

— ווען וועסטו דערציילן? — פרעגן אירע אַנגעטערטע אויגן.

— איך וועל קומען, איך וועל קומען נאָכאַמאָל. איך וועל קומען נאָך דיר!

עפּעס האָט זי יאָ פאַרשטאַנען. ווײַל זי האָט מיטאַמאָל אַ ציטער געטאָן. דאָס פּאָנעם האָט זיך, ווי דעמלט, צעפלאַמט און די רויטקײַט האָט פאַרגאָסן אירע פאַרהוילטע הענט. זי האָט געוואָלט וואָס גיכער הערן פון אים עפּעס אַ וואָרט אָדער אַליין אים זאָגן עפּעס זייער וויכטיקס. ווען דער סערוואַנט איז ענדלעך געווען אַוועקגעשטעלט אַף זײַן אָרט און מאַטל מיט זעליקן האָבן זיך געלאָזן נאָכן איבעריקן מעבל, האָט זי זיך אָנגערופן:

— איך וועל גיין אײַך אונטערהעלפן.

פאַליקס שטרענגע שטים האָט זי ווי צוגעשמידט צום אָרט:

— מע דאַרף ניט. ס'איז פאַר אַלץ באַצאָלט.

נאָר אין זעליקן האָט שוין אויך געאַרבעט דער מאָזיק.

— ניין, נאָך ניט פאַר אַלץ! — האָט ער אָפּגעענטפערט.

געוויס איז די באַגעגעניש געווען פאַר אַלעמען אומדערוואַרט און האָט אַלעמען אויסגעזען ווי עפּעס אַ שפּיצל, וואָס עמעצער האָט אומיסטן צוגעטראַכט פאַר זיי. ניט נאָר די שאַפע, נאָר אַפילע די בענקלעך, דאָס דרײַעקיקע טישל, וואָס איז גרינג, ווי אַ פעדער, האָבן פּלוצעם ווי אָנגעגאָסן זיך מיט בלײַ, און אַלע זײַנען אָפּגעגאַנגען מיט שווייס, ביז מע האָט ענדלעך געפונען פאַר יעדער זאַך זײַן אָרט. אַלע האָבן געוואָלט, עס זאָל וואָס גיכער זיך שוין ענדיקן אָט די אומגעלומפּערטע שפּיל, אָט די שטומע שמועסן, אָט דאָס פּינטלען און אונטערווינקען מיט די אויגן, יעדערן האָט זיך געדוכט, אַז ער זאָגט ניט דאָס, וואָס מע דאַרף, און טוט ניט דאָס, וואָס מע דאַרף. נאָר וואָס, אשטייגער, האָט טײַבל געדאַרפט צוויי מאָל אַראָפּלויפן צום וואָגן און אופהייבן זיך צוריק מיט ליידיקע הענט? צוליב וואָס האָט מאַטל, וועלכער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַוועק פונדאַנען, זיך אופגעהויבן אַרוף מיט איין בענקל, ווען ער קען נעמען פיר מיט־אַמאָל? און זעליק... זעליק האָט אינמיטן וועג אַוועקגעשטעלט דאָס טישעלע אַף די טרעפּ, זיך צוגעשפּאַרט צו די פאַרענטשעס און צוגעמאַכט די אויגן. אָבער אַזוי, אַז ער זאָל קענען זען פאַליקן, וואָס פאָלגט נאָך אומעטום טײַבלען מיט זײַן בייזן היפּנאָטיזירנדיקן בליק, און טײַבלען, וואָס האַלט אין איין אַרומיאָגן אַ צערודערטע, אַן איבערגעשראָקענע.

ווען אַלץ איז שוין געווען אַרופגעטראָגן און פאַנאַנדערגעשטעלט און מאַטל מיט זעליקן האָבן אָפּגיך אָפּגעזאָגט זייערע ווינטשעוואַניעס און געלאָזט זיך אַוועקגיין, האָט פאַליק זיך אָנגערופן:

— ניין, ניין, אַזוי פּירט זיך ניט בא לײַטן. אַזאַ איניען דאַרף מען ווי געהעריק אָפּמערקן. אַנו, טײַבל, דערלאַנג...

באַמערקט, אַז טײַבל וויל, אַפּאַנעם, אָפּקומען מיט איין גלעזעלע בראָנפן און מיט אַ שטי־

קעלע צובײַסעכץ, האָט אין אים זיך נאָך מערער צעשפּילט די אומגעװײנלעכע גאַסטפֿרײַנט־לעכקײַט.

— נײן, טײַבעלע, ניט אַזױ. פֿאַרשפּרײט אַ טישטעך און שטעל אַרױס אַלץ, אַלץ, װאָס דו האָסט צוגעגרײט. און װער טרינקט הײַנטיקע צײַטן בראַנפֿן? נעם אַרױס יענץ פֿלעשל, מיט די דרײַ שטערנדלעך...

ערשט איצט נעמט זעליק רױיק באַקוקן זײַן אַמאָליקן שול־כאַװער, מיט װעמען ער האָט זיך געלערנט אין אײן קלאַס. ס'איז אים שװער צו זאָגן, פֿאַרװאָס האָבן זײ נאָך אין די שול־יאָרן ניט געהאַלטן אײנער פֿונעם אַנדערן. זעליקן איז געװען דערװידער פֿאַליקס אָנגעבלאָזענע רױטע באַקן און די קלײנע פֿעטע אײגעלעך. דאָס, װאָס ער איז געװען ניט פֿון די געהױבענע שילער, האָט מען אים געקענט מוחל זײַן. נאָר דאָס, װאָס ער פֿלעגט זיך פֿאַרוקן אין אַ װינקעלע מיט זײַנע געשמאַקע פֿרישטיקן און דערנאָך אַזױ באַרימעריש זיך באַלעקן און אַרומװישן די פֿאַר־סמאַלצעװעטע ליפּן, האָט אַרױסגערופֿן בא אַ סאַך אַ שאַרפֿן װידערגעפֿיל און אַ פֿאַרלאַנג אים אָפּטאָן עפּעס אַ שפּיצל. גײ ריכט זיך, אַז פֿון יענעם פֿאַליק װעט אַרױס אַזאַ פֿעליק. װי קומען צו אים אַזעלכע מאַנירן. זע נאָר, װי ער גיט אַ שפּרײט אױס די האַנט, װי ער מאַכט פֿאַר זײ אַ װעג, דאָס פּאָנעם שמעלצט זיך פֿון פֿאַרגעניגן און די שטים זײַנע קלינגט מיט שטאָלץ:

— ביטע צום טיש.

ער עפֿנט דאָס פֿלעשל קאָניאַק מיט עכטער געניטקײַט פֿון אַ מענטשן, װאָס האָט צו טאָן מיט דעם דרײַ מאָל אַ טאָג, און גיסט יעדן אָן אַ קױסעלע. איצט, זעט מען, איז ער אױפֿן זיבעטן הימל. ער איז אַפֿילע צופֿרידן, װאָס ס'האָט זיך אַזױ באַקומען, װאָס ער האָט געקױפֿט אַ נײַעם דײַטשישן גאַרניטור, װאָס מאָטל מיט זעליקן האָבן אים אַרױפֿגעטראָגן אױפֿן צװײטן שטאָק, און איצט איז ער זײ מעכאַבעד. און זאָלן זײ אַלע זען, װיאַזױ מע דאַרף לעבן אױף דער װעלט. און זאָל טײַבל מערער ניט פּראָװען קײן שטיק.

— פֿאַר װאָס װעלן מיר אױסטרינקען? — טוט ער אַ פֿרעג און סטאַרעט זיך אײַנהאַלטן אױפֿן פּאָנעם דעם פֿאַרגעניגן.

— פֿאַר דער יונגער באַלעבאָסטע!

מאָטל הײבט זיך אױף, שטרעקט אױס דעם קאָס צו טײַבלען און שענקט איר אַ גאַנצן, ניט קײן צעביטענעם שמײכל. די ליפּן ציִען זיך פֿאַנאַנדער, מאַכן די באָרד ברײטער װי לענגער און פֿון זײַן אָפּענעם, פֿרײלעך־צוגעלאָזטן בליק איז צו זען, אַז טײַבל איז אים בעפּײרעש געפֿעלן, אַז ער װאָלט גאָרנישט ניט געהאַט קעגן אַזאַ שנור, און אַז אַפֿילע איצט איז ער גרײט נאָכאַמאָל איבערשפּילן די שפּיל.

טײַבל זיצט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און האָט מוירע אַ ריר טאָן זיך. זי האָט מוירע כאַפּן אױף זיך פֿאַליקס בליק. זי האָט מוירע באַגעגענען זיך מיט זעליקס צוגעזשמורעטע אױגן, און מאָטלען שעמט זי זיך אַ קוק טאָן אין פּאָנעם אַרײַן.

מאָטל טרינקט דער ערשטער אױס זײַן קעלישעקל, און װעדליק ער קװיקט זיך אַזױ הײל־כיק, איז דער קאָניאַק אים געפֿעלן. ער נעמט פֿאַרבײַסן מיט אַ לעקעכל און פֿרעגט בא פֿאַליקן:

— און װוּהין װעט איר אַהינטאָן דאָס אַלטע מעבל?

— מאָרגן װעט מען קומען פֿון דער קאָמיסיאָנקע. צי עפּשער װעט איר טאַקע גלײַך עס פֿאַרנעמען מיט זיך?

— נײן... און ניט אין דעם גײט עס. ס'איז דאָך גוט מעבל, קימאַט נײַ.

— נו איז װאָס? איך האָב ליב, אַז בא מיר זאָל זײַן אַלץ פֿון דער לעצטער מאָדע.

— ס'איז ניט לאַנג אַרױס זײער אַן אינטערעסאַנטער בוך...

דאָס האָט זעליק געפּרוּװט עפּעס זאָגן, נאָר פֿאַליק האָט אים ניט געלאָזט פֿאַרענדיקן, און ס'איז געבליבן אומבאַװוּסט, קעגן װאָס איז דאָס געזאָגט געװאָרן. צי אַנטקעגן דעם, װאָס אָט גײען אַלעמאָל אַרױס נײַע ביכער און מע זעט ניט, ער זאָל זיך יאָגן נאָך זײ, צי געװאָלט אַרױס־זאָגן אײניקע געדאַנקען, װאָס ער האָט געלײענט אין יענעם אינטערעסאַנטן בוך. פֿאַליק האָט אים איבערגעשלאָגן:

— דאָס, װאָס איז אײנעם אינטערעסאַנט, איז אַ צװײטן אינגאַנצן איבעריק. ער קאָן זיך באַגײן אָן דעם...

זעליק איז געװען איבעראַשט פֿון דעם, װיאַזױ העפּקערדיק פֿאַליק־פֿעליק זאָגט אַרױס זײַנע געדאַנקען. מיט דער מינע פֿון אַ מענטשן, װאָס האָט באַװיזן אױסאַרבעטן זײַן אײגענע פֿילאָסאָפֿיע.

— יעדערער גײט זיך מיט זײַן װעג. ניט ריכטיק? אײניקע קױפֿן מעבל, אַנדערע פֿירן עס פֿאַנאַנדער. אײניקע פֿליִען אין הימל, און אַנדערע גײען פּאַשעט איבער דער ערד. עט, לאָמיר בעסער אױסטרינקען נאָך צו גלעזלעך.

נאָר ווי פֿאַליק האָט זיך ניט געסטאַרעט, האָט ער ניט געקאָנט אײַנהאַלטן אױפֿן פּאָנעם זײַן באַלעבעסלדיקע זעלבסטפֿאַרליבטקײַט. איבער דער אײגענער שטים האָט ער אױך אָנגעװוירן די שליטע. זעליק, פֿאַרקערט, איז געװוען גאַנץ רויִק. רויִק און א ביסל אָנגעצויגן, ווי אָפּטמאָל אױף זײערע דיסקוסיעס, ווען ער דאַרף אױפֿכאַפּן יעדער װאָרט, יעדער רעפּליקע פֿון זײַן אָפּאָנענט און טײקעף רעאַגירן אױף דעם. טײקעף און טרעפֿלעך. אױף פֿאַליקס גאַדלעסדיקן בליק האָט ער קײן אכט ניט געלײגט. נאָר זײַן „פֿילאָסאָפֿירן" װעגן הימל און ערד האָט ער דורכלאָזן ניט געקענט. מיט א פּאָר טעג צוריק האָט דער טאַטע געזאָגט קימאַט דאָס זעלבע. נאָר געקלונגען האָט דאָס גאָר אַנדערש.

— ריכטיק, ריכטיק, — האָט זעליק אָפּגעענטפֿערט. — ווער ס'איז געבוירן געוואָרן צו פּויזען, וועט פֿליִען ניט קענען.

— עפּעס זעט מען ניט קײן איבעריקע גליקן פֿונעם אַרומפֿליִען איבער די הימלען, — טוט א זאָג פֿאַליק, א זיכערער, אַז דערווידערן איז שוין אוממעגלעך.

טײַבל שטעלט זיך שוין פֿאַר, וואָס זעליק וועט באַלד אַרײַנזאָגן. זי קען אים! גיב אים נאָר א מעגלעכקײַט דיסקוסירן! באַזונדערס, ווען ער האָט פֿאַר זיך אַזא קעגנער. זי באַהאַלט זיך שוין ניט פֿון איר פֿאַליקן, אירע אויגן רעדן מיט זעליקן אָפֿן, פּונקט ווי אַמאָל. זי בעט זיך בא אים, ער זאָל זיך ניט היצן. נאָר אין דער ערשטער ריי האָט זי געדאַרפֿט אין זינען האָבן פֿאַליקן.

— נו, זאָג אַלײן, — טײַנעט ער צו זעליקן. — וואָס האָבן מיר דערווײַל פֿון די ספּוטניקעס און פֿונעם אַטאָם? ניט מערער — די לופֿט ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער אָנגעשטעקט מיט ראַדיִאַציע. און מײנסט, מיר ווײסן ניט, פֿאַרוואָס ס'איז שווער א גוטן הערינג צו קריגן? אַלע אָקעאַנען זײַנען פֿאַרסאַמט!

זעליק זשמורעט זײַנע קורצזיכטיקע אויגן. עס ווילט זיך שוין טאַקע ווײסן: וואָס זשע שטעלט ער מיט זיך פֿאָר, דער איצטיקער פֿאַליק? א פּאָשעטער טעמפּער קלײנבירגער, צי שוין א פֿאַרענדיקט, אויסגעפֿורעמט באַלעבעסל מיט זײַן באַגרענעצטן וועלטבאַנעם, בא וועמען ס'איז קײן העכערער אידעאַל, ווי פּעטער ווורשט מיט געררײכערטן הערינג, ניט פֿאַראַן? יאָ, דאָס איז שוין א דיסקוסיע פֿון גאָר אַן אַנדער מין! דאָ האָסטו פֿאַר זיך א לעבעדיקן פֿאָרשטײער פֿון א באַשטימטער געזעלשאַפֿטלעכער גרופּע מיט איר „פֿילאָסאָפֿיע", מיט איר וועלטבאַנעם, מיט אירע טײַנעס און פֿאָדערונגען.

פֿאָרשטײט זיך, זײ זײַנען פֿאַראַן, די אַלע פּראָבלעמען. מע דאַרף טראַכטן וועגן פֿאַרהיטן די אַטמאָספֿער פֿון געהעכערטער ראַדיִאַציע, וועגן ניט דערלאָזן אָפּסאַמען די וואַסערן פֿון די טײַכן, יאַמען און אָקעאַנען, פֿאַראַן פֿיל אַנדערע פּראָבלעמען, וואָס עס שטעלן אױפֿן טאָג־סײדער די נײַע דערגרײכונגען פֿון דער וויסנשאַפֿט און טעכניק, די ברויזנדיקע וויסנשאַפֿטלעך־טעכנישע רעוואָליוציע, וואָס אַנטדעקט און עפֿנט פֿאַר דער מענטשהײַט אַלץ נײַע און נײַע האָריזאָנטן. אָבער לײזן אָט די פּראָבלעמען וועט ניט דער פּאַכדאָנעסדיקער קלײנבירגער, וואָס ציטערט פֿאַר זײַן פֿעלכל און בא יעדער נײַער אַנטדעקונג דוכט זיך אים, אַז די וועלט גײט אונטער. און עס קימערט אים ניט אַזוי די גאַנצע וועלט, ס'איז אים בלויז א שאָד זײַן נײַער, נאָרוואָס געקראָגענער גאַרניטור. לײזן אָט די פּראָבלעמען וועט ווידער טאַקע די וויסנשאַפֿט, דער אומרויִקער מענטשלעכער געדאַנק, וואָס זוכט און וועט געפֿינען מיטלען אױף אײַנהיטן די נײטיקע האַרמאָניע אין דער נאַטור, זיכערן דאָס לעבן און די געפֿאַרלאָזיקײַט פֿאַר די קומענדיקע דורות. נאָר דאָס טוען אַזעלכע, וואָס קאָנען מאַקריוו זײַן מיט זײער לעבן אױף איבערלאָזן די מענטשן א שײנעם ניגן...

דאָס איז גאָר א נײַע, ביז גאָר וויכטיקע טעמע, און זעליקן ווילט זיך וואָס גיכער דורכשמועסן זיך וועגן דעם מיט זײַנע כאַווײרים. נאָר עס קומט אים אױפֿן געדאַנק, אַז זײערע אינערלעכע דיסקוסיעס זײַנען עפּשער גאָר ניט אַזוי וויכטיק. בא פֿאַרשײדענע ניואַנסן שטײען זײ דאָך אַלע אױף די זעלבע פּאָזיציעס. פֿיל וויכטיקער איז אַרויסטרעטן מיט די אַלע פֿראַגן פֿאַרן ברײטן עולם. אױף צעקלאַפּן די באַלעבעסלדיקע „פֿילאָסאָפֿיע" פֿון אַזעלכע פֿאַליקס!..

אוי, וואָלט ער אים איצט אַרײַנגעזאָגט! נאָר טײַבל! ער פֿאַרשטײט זײער גוט אירע ווונקען און ווײל איר ניט פֿאַרשאַפֿן קײן נײַע לײדן. און וואָס וועט ער איצט אָנהײבן דערווײַזן פֿאַליקן? מיסטאַמע ווײסט ער גאַנץ גוט, צוליב וואָס די ספּוטניקעס ווערן געשאַפֿן, וואָס פֿאַרא נוצן ברענגט שוין איצט און וועט ברענגען אין דער צוקונפֿט די אַטאָם־ענערגיע. נאָר מע דאַרף דאָך מיט עפּעס באַרעכטיקן זיך אַלײן, דעקן און פֿאַרדעקן די אײגענע קלײנלעכקײַט און אינערלעכע פּוסטקײַט. אײן זאַך מוז ער אים זאָגן:

— אָבער אײַער מילך און סמעטענע איז דערווײַל נאָך ניט אָפּגעסאַמט?

טײַבל איז געװען זיכער, אַז אַלץ האָט זיך שױן געענדיקט. באַלד װעלן די געסט אַװעק, און ס'װעט נעמען א סאָף צו אירע פּײַניקונגען, צו דער אומגעלומפּערטער לאַגע, אין װעלכער זי געפינט זיך איצט. נאָר מאָטלען, װאָס האָט די גאַנצע צײַט נאָכגעשפּירט נאָך דעם, װי די צװײ יונגעלײַט װערטלען זיך דורך, האָט זיך געדוכט, אַז דאָס מאָל האָט זעליק אָפּגעענטפערט א ביסל צו שװאַך, ניט אַזױ, װי דער פֿאַליק האָט עס פאַרדינט. האָט עס אים פאַרדראָסן. אָן שום אײַנלאַדונג האָט ער זיך אָנגעגאָסן א קעלישעקל, אױסגעטרונקען עס אין אײן אָטעם און אפילע זיך ניט צוגערירט צום פאַרבײַסעכץ.

— װײסט איר, װאָס איך װעל אײַך זאָגן? פונדעסטװעגן... יעדער מענטש דאַרף האָבן זײַן לידעלע, זײַן ניגן. אָן אַן אײגענער ליד איז דער מענטש קײן מענטש ניט. אָט אַזױ!..

אָפּגעזאָגט און א נעם געטאָן זיך פאַר דער בײַטש.

— קום, זעליק. דער גניאַדער װײסט שױן געװיס ניט װאָס איבערצוטראַכטן.

זײ האָבן זיך געלאָזט גײן מיט א שװערן גאַנג פון שטאַרק איבערגעמאַטערטע מענטשן. בא מאָטלען האָט די בײַטש זיך נאָכגעשלעפּט אַפן דיל. זעליק האָט ניט געקענט באַפרײַען זיך פונעם אומופהערלעכן שטראָם פון אַלץ נײַע, ניט אַרױסגעזאָגטע געדאַנקען, ניט געקענט שטילן אין זיך דעם פאַרדראָס אַף פֿאַליקן און דעם געפיל פון שולד פאַר טײַבלען. װי האָט ער געקאָנט אַװעקפאָרן אַף אַזאַ לאַנגער צײַט און דערלאָזן, זי זאָל אַרײַנפאַלן אין אַזעלכע הענט?

טײַבל האָט זיך געלאָזט זײ באַגלײטן. פֿאַליקס בליק האָט אָנגעװױרן זײַן גאַדלעסדיקײַט.

— װאָס װאָלט געװען, װען איך גאַנװע דיך אַרױס פונדאַנען? — האָט זעליק זיך אָנגערופן, װען זײ זײַנען צוגעקומען צום פורל און מאָטל האָט גענומען פאַרצוימען דעם גניאַדן.

טײַבל האָט זיך אײַנגעקלעמערט מיט די פינגער אין זײַן האַנט, און זעליק האָט דערפילט, װי אירע פינגער ציטערן. זײ זײַנען געשטאַנען נאָענט נאָענט אײנער לעבן אַנדערן, װי גאָר אַמאָל, און זעליק האָט געקענט טיף אַרײַנקוקן אין אירע האַלב צוגעמאַכטע אױגן.

— װיאַזױ? — האָט זי קױם אַרױסגערעדט.

— גאַנץ פּאַשעט. דיך, אײנײנעם מיטן קינד. און זאָל דאָ בלײַבן אַלץ, דאָס אַלטע מעבל מיטן נײַעם. האַ?..

זי האָט פּאַמעלעך געעפנט די אױגן, װי געװאָלט איבערצײַגן זיך, אַז דאָס איז ניט קײן כאָלעם. דאָס אָקאָרשט בלײכע פּאָנעם איז װידער פאַרגאָסן געװאָרן מיט זוניקער רױטקײַט.

— אױ, זעליקל, ס'איז גרינג צו זאָגן!..

דערנאָך, װי זיך מעיאַשעװ געװען, אַרױסגערעדט האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס:

— װען זשע קלײַבסטו זיך מיך אַרױסגאַנװענען?

— גאָר אײנגיכן. כ'װעל קומען. דו הערסט?

מאָטל האָט דאַפקע געקלערט אָפּפירן זעליקן צום אַעראָפּאָרט מיטן װעגעלע, נאָר שעװע האָט זיך אײַנגעשפּאַרט: װער פאָרט עס אַף א װעגעלע צום אַעראָפּאָרט? א ביזאָיען פאַר מענטשן. און זי װיל כאָטש אײן מאָל אין לעבן זען, װי צו איר שטוב פאָרט צו א טאַקסי, און זי װיל כאָטש אַף דער עלטער פאַרזוכן דעם טאַם פון דורכפאָרן זיך איבער דער שטאָט אַף א גלאַנציקער „װאָלגע". מאָטל האָט געװאָלט דערװידערן, נאָר, געכאַפּט אַף זיך זעליקס שמײכלענדיקן בליק, האָט ער געמוזט מאַסקים זײַן:

— מײלע, אַז דיר שטײט שױן אױך ניט אָן פאָרן אַף א װאָגן...

שעװע האָט ביז האַלבער נאַכט געקאָכט און געבאַקן און אָנגעשטאָפּט זעליקס טשעמאָדאַן מיט אָן א שיר פּעקלעך: קנישעקלעך מיט לעבער, קנישעקלעך מיט קעז, שטרודעלעך, אַזעלכע שטרודעלעך האָט זי געטרױמט באַקן אַף זעליקס כאַסענע, זי האָט אַרײַנגעלײגט אין זײ אַלע אירע קענטעניש און אײַנגעװיקלט זײ אײנײנעם מיט עטלעכע טיפע און שטילע זיפצן.

און באַגינען, װען די שטאָט איז אײַנגעהילט אין א גרינעם נעפּל און װען מאָטל האָט ליב אַרױספאָרן מיט זײַן פערד־און־װעגעלע איבער די נאָך פאַרשלאָפענע שטאָטישע גאַסן, איז צו זײער שטיבל צוגעפאָרן א טאַקסי און זיך צעפײַפט אַפן פולן קאָל. מאָטל האָט זיך געװײַלט, ער האָט געװאָלט אָפּפאַרטיקן זיך װאָס גיכער, נאָר שעװע האָט אומיסטן אָפּגעצױגן. זי איז אײן מאָל און צװײ מאָל אַרױס צו דער מאַשין און װידער זיך אומגעקערט אין שטוב אַרײַן, א קוק טאָן, צי האָט זי, קלױמערשט, עפּעס ניט פאַרגעסן, אינדערעמעסן האָט זי פּאַשעט געװאָלט, אַז עמעצער פון די שכײנים זאָל זען, װי זי גײט אָן עפן דאָס טירל פון דער „װאָלגע" און זעצט זיך אַהין אַרײַן.

שעװע האָט געמײנט, אַז דער אַעראָפּאָרט געפינט זיך ערגעץ אין אױסערײַסעניש, און זײ װעלן פאָרן אַהין דורך אַלע שטאָטישע גאַסן און געסלעך. און ס'האָט זי שטאַרק פאַרדראָסן,

וואָס איידער זי האָט זיך באַוויזן אַרומקוקן, האָט די מאַשין זיך אָפּגעשטעלט. און אָט שטייען זיי שוין אַלע אײַנעם אינעם שמאָלן דורכגאַנג לעבן טיר און מע מוז זיך שוין געזעגענען.

— נו, זעליקל, ווען זשע וועסטו קומען נאָכאַמאָל? — בעט זי זיך בא אים.

— אינגיכן, מאַמע, גאָר אינגיכן. און איך וועל דיר ברענגען אַ זײַדענע פּאַטשיילע.

טאַטע־מאַמע זײַנען געבליבן פון דער זײַט, און זעליק, מיטן שווער געוואָרענעם טשעמאָדאַן אין די הענט און מיט פרישע שפורן פון די הייסע, פּײַכטלעכע קושן אַפן פּנים, איז אַוועק צום עראָפּלאַן. אַף האַלב וועג זיך אָפּגעשטעלט און אַ קוק געטאָן אַף צוריק. יאָ, זיי שטייען נאָך אַלץ באַם טיר און מאַכן צו אים מיט די הענט. און ס'דוכט זיך אים, אַז לעבן זיי שטייט נאָך עמעצער און מאַכט אים אויך מיט די הענט... טײַבל!..

— ווען זשע וועסטו קומען מיך אַרויסגאַנווענען? — פרעגט זי בא אים.

— אינגיכן, גאָר אינגיכן!..

אַזאַ וועט זי אים שוין שטענדיק שטיין פאַר די אויגן. מיט איר צעבליטן, ווײַבערשן כיין, מיט איר אַלץ אַנוואַקסנדיקן פיבער, מיט איר פאַרפלאַמט פּנים, מיט איר פאַרלוירנקײַט און אומבאַשיצטקײַט און מיט איר איבערגעשראָקענעם, בלאָנדזנדיקן בליק. און בייס אַלע זײַנע זוכונגען וועט ער ניט אופהערן טראַכטן וועגן דעם, אַז ער מוז וואָס גיכער אַרויסרײַסן זי פון אָט דעם קליינבירגערלעכן זומפּ און אַרויספירן אַף דער גרויסער וועלט, אופהייבן זי אַ ביסל נעענטער צו די שטערן.

דער בלענדנדיק־ווײַסער לײַנער האָט מיטאַמאָל זיך צעהודעט מיט זײַנע מעכטיקע מאָטאָרן, ווי דערשראָקן אופגעציטערט און אַ יאָג געטאָן איבער דער בליאַסקענדיקער בעטאָנירטער סטעזשקע, גרינג זיך אָפּגעריסן פון דער ערד... און אָט איז שוין געבליבן פון אים בלויז אַ שוואַרץ פּינטעלע אַפן ריינעם בלויען הימל.

— ווידער אַוועק צו זײַנע מיקרעס און מאַקרעס, — האָט זיך אָנגערופן שעווע און געגומען ווישן די שטילע טרערן. — אַ כאָלעם, אַ שיינער, זיסער כאָלעם...

צום אויטאָבוס, וואָס דאַרף זיי ברענגען צוריק אין שטאָט אַרײַן, דאַרף מען נאָך דורכמאַכן אַ שטיקל וועג, איבער וועלכן עס גייען זיך צונויף די געדיכטע צווײַגן פון די קליאָנען און טאָפּאָלן. אַ וועג, וואָס האַלט לאַנג אַף זיך די באַגינענדיקע קילקײַט. ביידע גייען פאַרטרויערטע און פאַרטראַכטע. זיי וויסן ניט, וויאַזוי און פון וואָס אָנהייבן רעדן. זיי וויסן ניט, ווי אויסבאַהאַלטן איינער פאַרן אַנדערן דעם אומעט, די בענקעניש, וואָס הייבט שוין אָן צעוואַקסן זיך, און דעם געפיל פון איינזאַמקײַט, וואָס הייבט אָן באַהערשן זיי, די צוויי אַלטע לײַט.

— נו, און באַם דירעקטאָר ביסטו מיט אים געווען? — פרעגט שעווע. זי מוז, זי מוז רעדן און רעדן וועגן זעליקן.

— נאָך וואָס?

— נו, צוליב דעם, וואָס דו האָסט אים אַרויסגערופן.

— אײַ, וואָס דיר ליגט אין קאָפּ!..

נאָר אים אַליין ווילט זיך אויך רעדן. זאָל זײַן וועגן זעליקן, זאָל זײַן וועגן דירעקטאָר, אַבי זיך אויסרעדן דאָס האַרץ.

— וואָס זשע, איך האָב דיר דען ניט דערציילט? מיט אַ פּאָר טעג צוריק רופט מיך ווידער אַרויס דער דירעקטאָר. מיר איז שיר די נעשאָמע ניט אַרויס. נאָר אַז דער דירעקטאָר רופט, מוז מען גיין. און דער דירעקטאָר אונדזערער, דאַרף איך דיר זאָגן, איז זייער אַ לײַטישער מענטש. איז ער מיר אַרויסגעקומען אַנטקעגן, אָפּגעגעבן אַ ברייטן שאָלעם־אַלייכעם, מיך באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס און מיר דערלאַנגט אַ בענקל.

— נו זיצט. ווי גייט עס בא אײַך? — פרעגט ער בא מיר.

— מאַכט עס גיכער, כאָווער דירעקטאָר, — ענטפער איך אים, — און נעמט ניט אַרויס די נעשאָמע.

— וואָס איז די יאָגעניש? — באַרויִקט ער מיך. — דעם פלאַן, ווייס איך, פילט איר אויס. נעמט מיר שוין ווידער קלאַפּן דאָס האַרץ, און איך פּרוּוו זיך אַ הייב טאָן פון בענקל.

— זיצט, זיצט, — זאָגט ער מיר. — איך האָב פאַר אײַך אַ גוטע נײַס. איך האָב דאָ אָנגעשריבן און געמאָלדן קאַטעגאָריש, אַז די פּאָדערונג פון דער רעוויזיע קענען מיר ניט אויספילן, ווײַל ניט אין דער יעדיניצע גייט עס, נאָר אינעם מענטשן.

— טאַקע אַזוי אָנגעשריבן? — פרעג איך.

— נו יאָ, און נעכטן איז אָנגעקומען אַן ענטפער.

לויט דעם גוטן שמייכל זײַנעם פאַרשטיי איך, אַז דער ענטפער איז אַ גוטער, און ס'פאַלט מיר אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן.

— אַנגעשריבן איז דאָרטן אַזוי: „אַף איַער בריוו נומער אַזעלכער... האָט דער אָנפירער פון טרעסט געלייגט אַ רעזאָליוציע: „נעמען אין אכט״. איר פאַרשטייט, וואָס דאָס הייסט? עס בלײַבט ווי געווען.

— נו, — זאָג איך, — קומט טאַקע אַ גרויסן דאַנק דער רעוויזיע.

— דער רעוויזיע?

— יאָ, דער רעוויזיע, — זאָג איך. — ווען ניט די רעוויזיע, האָב איך ניט אַזאַ טײַערן גאַסט.

מאָטל האָט נאָך געוואָלט אַ סאַך דערציילן זײַן שוועגן. דערציילן וועגן זײַנע שמועסן מיטן זון באַנאַכט אַפן היי, וויאַזוי זעליק האָט אים אַף אַ נײַעם אויפן אויסגעטײַטשט די געשיכטע וועגן ניגון, דערציילן וועגן אַלץ, וואָס זיי האָבן גערעדט, אַרומפאָרנדיק איבער דער שטאָט, און באַזונדערס, ווי זיי האָבן פײַן זיך דורכגעשמועסט מיט טײַבלס מאַן... נאָר ער האָט ניט געוווּסט, וויאַזוי נעמט מען און מע פאָרט אַריבער פון דער רעוויזיע צו אַזעלכע איניאָנים. ער האָט זייער געוואָלט, אַז שוועע זאָל נאָך עפּעס פרעגן בא אים. וואָלט ער איר שוין דערציילט. נאָר פונוואַ־נען האָט שוועע דאָס געזאָלט וויסן? האָט זי בלויז אַ ביסל אויסגעמוסערט איר היציקן מאַן.

— נו, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? קעדײַ געווען אופהייבן איבער דעם אַזאַ גוואַלד, האַ?

הירש בלאָשטיין

די רעדאַקטאָלעגיע און די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש הײמלאַנד“ באַגריסן פון פולן האַרצן הירש בלאָשטיינען אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 75־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים פיל לאַנגע שעפערישע יאָרן.

לידער און יאָרן

פון ערשטע העפטן

ווײַסע נעכט

ווײַסע נעכט. איך קען ניט שלאָפן:
זון צוגלײַך גייט אויף און אונטער.
און דאָס האַרץ און אויג, ברייט אָפן,
וואַרטן שטיל אויף גליק און וווּנדער.

ס׳זינגען אַלע מײַנע לידער,
אויף מײַן רוקן שפּראָצן פליגל...
זײַ געגריסט, פאַרבענקטער ניגן,
און געפין דאָס וואָרט פאַר לידער!

קיידאַן, 1912

אין צוג

דו שטייסט באַם שויב. פון אונטער ראָד אַהינטער
עס לויפט די ערד, פאַרשווינדט דאָרט ערגעץ ווײַט
מיט ווײַסן פעלד און וואַלד. עס פליט אַזוי די צײַט!
מײַן פרײַנט! דײַן קאַלענדאַר דו הייבּ ניט אָן פון ווינטער...

די ראָד פון יאָר עס דרייען צײַטן פיר.
דו הייבּ אָן רעכענען פון די מײַאָווע רעגנס.
און קוק פאָרויס: דיר לויפט די ערד אַנטקעגן...
און דו ביסט אין דער צײַט: זי פליט פאָרויס — מיט דיר
דורך ווינטערן — צו פרילינגען צעגרינטע. — — —
מײַן פרײַנט! דײַן צײַט־כעזשבן הייב קיינמאָל אָן פון ווינטער!

קיידאַן, 1913, ווינטער

צײַט־מאָס

איז איטלעכנס פענצטער געווענדט צו דער זון דען?
איז אַלעמען אונדז דען איין צײַט־מאָס געגעבן? —
ס׳איז אָפטמאָל צו לאַנג אויך דאָס פיצל סעקונדע,
און אַלעמאָל קורץ — אויך דאָס דויערסטע לעבן!

ניט שטענדיק דער ריטם פון האַרץ פונעם צאַרטן
אין פוס גייט מיט האַרטן אַנטשלאָסענעם ווילן.
די אַלע, וואָס זוכן, די אַלע, וואָס וואַרטן,
דערציילן פון דעם מיט אַ שמייכל אַ שטילן...

קאָוונע — אַלעקסאָט, 1922

כואַן זשאַרקע רעדט...

עס רעדט דער גרויער
פינף־און־זעכציקיאָריקער
ברייטפּלייציקער, געזעצטער פישער
כואַן זשאַרקע,
וואָס האָט שוין שטורעמס צאַרנדיקע
אויף כוואַליעס און אויף גאַסן אויפגערירטע
ניט איין מאָל אויסגעהאַלטן —
און אַרויס נאָך פרישער
און מיט מערער קלאָרקייט.
שטייט ער איצט, אַ מעכטיק אַפּלאַדירטער,
און צוואַנציק טויזנט פּראָלעטאַריער אורוגווייער
וואַרפן היטלען אין דער הייך און שרייען:
— זאָל לעבן אונדזער זשאַרקע!

און זשאַרקע זאָגט
און האָט אַ סאַך צו זאָגן:
שוין פינף און זעכציק יאָר אויף פּלייצעס אויסגעטראָגן,
און מער פון פערציק יאָר שוין, זינט זיין נעץ
גייט טיף אַראָפּ טאָג־איין, טאָג־אויס
אין זודיקן געברויז
פון קאַמפן פּראָלעטאַרישע, צעשפּילטע —
און קומט צוריק מיט רייכן פאַנג
פון שטרייקן אויסגעשפּילטע
און פּערלדיקער קלאָרקייט פון געדאַנק!
דער אַלטער זשאַרקע
טראָגט אין יעדן קנייטש פון בראָנזעדיקן פּאָנעם
אַ העלדישע לעגענדע פונעם בוך,
וואָס הייסט:
דער קאַמף פון אַרבעט־קלאַס מיט זיינע סאָנים!

עס הילכן פערציק טויזנט הענט און שרייען:
— זאָל לעבן אונדזער טרייער
כאַווער זשאַרקע!
און פּלוצעם
צעקלינגט זיך דער אַנטקעגנדיקער קלויסטער
מיט אַלטן „פרומען" שעקער
אין די גלעקער.
פאַרדריקט דער אַלטער פישער ברוינע פויסטן
און שטרעקט זיי אויס אַנטקעגן
צווייִעסדיקן הימל־אונטערלעקער,
ווי האַמערס צוויי צו זעצן און צו טרעפן —
און ס'אַלטע קאָל שרייט איבער אַלע קלונגען
און דונערט מיט געוויטער פרילינגדיקן יונגן:
— היי, שוואַרצע מאַכנע, הערט!

עס קומט א טאָג
אַף אונדזער פּילגעפּרוּווטער שיינער ערד,
און כ'וועל א נעם טאָן פאַרן האַלדז דיך,
ליגנערישער גלאָק,
און קוילן וועל איך אויסגיסן פון דיר
צו שמעטערן אָט די
(די פעסטע האַנט — זי טײַטלט אַף דער פּאָליציי)
און דעם
(א ווײַז מיט פינגער אַפן „סיטי־באַנק") —
און ווי וועט זײַן צום גאָלד'נעם טכויר מיט זײַן געשטאַנק
אין אונדזער קלעם...

עס לאַכן פרײלעך צוואַנציק טויזנט בראַווע ברוסטן.
און דאָ און דאָרט
אין ריי
פון רײַטער־פּאָליציי
טראָגט דורך זיך א נערוועזיש הוסטן —
ס'האָט זשאַרקעס וואָרט
געשטעלט זיך עמעצן אין האַלדז...
און דאָ און דאָרט
א פּאָליצייִש־אָפּיצערסקע האַנט,
וואָס שפּאַרט די הענטשקע־נעט
מיט בערגלעך שמאַלץ, —
זי כאַפּט זיך פיבערדיק
צום פּיסטאָלעט...

דער אַלטער
גיבערדיק־
געפּרוּווטער
זשאַרקע
רעדט!

מאָנטעווידעאָ, 1931

באַם פינף־און־זיבעציקסטן שטאַפּל

יונגע יאָרן

כ'ווייס נישט, ווו כ'האָב זיי פאַרלאָרן,
כ'האָב געהיט זיי נישט גענוג:
ס'זײַנען מײַנע יונגע יאָרן
אָפּגעשטאַנען פון מײַן צוג...
כ'ווייס ניט ווו זײַנען פאַרבליבן
מײַנע גוטע יאָרן זיבן!

וואָלט איך זוכן זיי געגאַנגען,
איך געדענק דאָך גוט דעם וועג,
איז ער אָבער א צו לאַנגער
פאַר א לעצטן הײַפל טעג,
און די שפּורן לאַנג פאַרשאָטן,
און פאַרמעקט מײַן שלאַנקער שאָטן...

אַלץ אַרײַן אין שטומען טהאָם איז,
אין דעם טהאָם, וואָס הייסט „אַמאָל",
פריידן, צאָרעס, דרײַ מילכאָמעס —
און... א מענטש איז נישט פון שטאָל;
צווי מאָל יונג זײַן נישט באַשערט איז —
און דער וועג צוריק פאַרווערט איז.

כ'קען אַהינטער בלויז א בליק טאָן!
כ'שטיי אין בענקעניש פאַרוועבט
אַפן פינף־און־זיבעציקסטן
שטאַפּל פונעם שווערן טרעפּ.
און דאָס האַרץ — ס'האַלט אין איין צאַפּלען:
זאָל זײַן שווער — אַבי נאָך שטאַפּלען!

מיט א קוואָרט

כ׳געדענק: ס׳האָט אונדזער שטילער טײַך
אין פרילינג קראַפט דערפילט און גוורע
און איז מיט אימפּעט און מיט שטורעם
אַרײַן צו אונדז אין קעלער גלײַך...

כ׳געדענק: דער טאַטע שטייט א בלאָסער,
פאַר שרעק צעטומלט, אָן איין וואָרט.
מיט טויזנט עמערס גיסט דאָס וואַסער,
און ער צוריק גיסט — מיט א קוואָרט.

עס האָט דער סייכל אים פאַראַטן
אין יענער איימעדיקער נאַכט.

מיר האָבן נאָכדעם אָפּט דעם טאַטן
דערמאָנט די קוואָרט — און שטאַרק געלאַכט.
שוין פופציק יאָר... אָ, טאַטע ליבער,
א שטילע וואַרבע היט דײַן רו...
נאָר ס׳כאַזערט דיך דײַן זון אָפּט איבער:
ער נעמט די קוואָרט — ווי דו, ווי דו...

דאָס לעבן פלייצט מיט טויזנט שטראָמען,
פאַרפלייצט מײַן האַרץ און מײַן געמיט,
און איך... וויל אויסשעפּן די טהאָמען
מיט קליינעם קווערטל פון מײַן ליד...

מײַן קינדהײַט

מײַן קינדהײַט — א בילד, וואָס עס דאַרף
דאָס אויג בלויז פונווײַטן געניסן:
דאַן זײַנען די שטריכן ניט שאַרף,
דער לײַוונט — אָן פלעקן און ריסן...

דאַן בלײַבט בלויז א הימל אין בלוי,
און זון בא דעם הימל אין האַרצן.
און זעסט ניט דאָס פײַנלעכע גרוי,
און זעסט ניט דעם הונגער דעם שוואַרצן...

אָט איז זי, די מאַמע: פון ווײַט
זי שמייכלט אין שײַן אין צעהעלטער,
און זעסט ניט איר אומעט, וואָס שרײַט
פון פרי־אָנגעשפּרונגענער עלטער!

און אָט איז דער טאַטע... אָ, הער:
ער זינגט אזוי שיין בא דער אַרבעט —
ס׳דערגייט בלויז זײַן ניגון אהער,
דו הערסט ניט די ווערטער די האַרבע.

דו גייסט איבער שטעטל — א קינד,
און אויגן באַגלייטן דיך ליבלעך.
און הערסט ניט דעם זיפץ, וואָס דער ווינט
טראָגט אָן פון די קאַרליקעס־שטיבלעך...

מײַן קינדהײַט — א בילד, וואָס עס דאַרף
דאָס אויג בלויז פונווײַטן געניסן.
דאַן זײַנען די שטריכן ניט שאַרף,
דער לײַוונט — אָן פלעקן, אָן ריסן...

מיר, די גראָווע

די ווייניק געבליבענע דיכטער
פון מײַן דאָר — מיט ליבשאַפט

מיר — די גראָווע, די געניטע,
מיטן ווייכן גוטן שמייכל
אין די בענקענדיקע אויגן,
אין די אויגן אין די יונגע, —
ס׳איז זיך יעדער מיט זײַן שיטע,
מיט זײַן מאַזל, מיט זײַן סייכל
דורך זײַן וועלטל דורכגעפלויגן
און אין פלי א ליד געזונגען.

פול מיט צאַרטקײַט, פול מיט ווייען,
מיט א האַרץ, וואָס פלייצט אריבער
מיט זײַן ליכטיקײַט, כאָטש נעם עס
און באַטייל מיט שײַן מיט טרײַער
אַלע די, פאָרויס וואָס גייען, —
אונדזער גרויסע, גרעסטע ליבע
איז געוועזן און איז — דער עמעס,
דער באַפרײַער און באַנײַער...

ביסט מער ניטאָ

דײַן לעבן האָט געענדיקט זיך אין דער מינוט,
ווען דו האָסט זיך געזאָגט:
— גענוג געיאָגט,
נישטאָ מער וואָס צו אײַלן!

און ס׳האָט דער אומרו אופגעהערט צו קוואַליען
דײַן קיל געוואָרן האַרץ,
דײַן מויער און דײַן בלוט, —
דײַן לעבן ענדיקט זיך אין דער מינוט.

ווען דו גייסט פרײַוויליק ארויס פון קאָן
און זאָגסט:
— כ׳האָב מײַנס שוין אָפּגעטאָן.
דײַן לעבן ענדיקט זיך אין דער פאַטאַלער שאָ,
ווען דו האָסט קלוימערשט אַלע דײַנע פּלענער
שוין אויסגעפּילט —
און דו ביסט מער נישטאָ

באַם מאַכן אונדזער ערד כאַטש אַף איין טראָפּן
שענער.
דאַן שטייט דער טויט שוין פעסט
בא דיר צוקאָפּנס.
דו קענסט און ווערסט
נאָך לעבן קלוימערשט לאַנג, און גאָר ניט אַלט...
ס׳שטייט אייך א טויטער בוים
אמאָל נאָך לאַנג אין וואַלד.

געלאָזן אָפן

איך האָב אַף נאַכט מײַן טיר פאַרשפּאַרט
און שטיל געלייגט זיך שלאָפן.
נאָר כ׳האָב אומזיסט נאָך רו געגאַרט:
כ׳האָב ס׳הארץ געלאָזן אָפן!

און כ׳בין אַהין אַרײַן, באַגלייט
פון בענקלעכן געפיל מײַן —
און דאָרט א גאַנצע נאַכט געדרייט
דאָקומענטאַלע פילמען...

פאַרכאַפּט געקוקט, ווי מײַן עקראַן
אָט טונקל ווערט, אָט ליכטיק...
ס׳גייט יעדער מענטש בא וועלט אין שפּאַן
און לעבט אין איר געשיכטע.

און ס׳איז איר פרייד, איר ווי אין מיר
קיין רעגע אײַנגעשלאָפן.
כ׳האָב ערעוו נאַכט פאַרמאַכט מײַן טיר,
נאָר ס׳הארץ געלאָזן אָפן...

איך זינג דעם מענטש

איך זינג דעם אָדלער נישט קיין לויב —
איך בין פון קינדווײַז קעגן:
ער לעבט פון מאָרד, ער לעבט פון רויב,
ס׳רינט בלוט פון זײַנע נעגל.
ער לעבט אַליין, פאַר זיך אַליין
אַף קאַלטן וויסטן פעלדזנשטיין.

ער לעבט בא פרעמדע אָפן קאַרק
און וואַרפט אָן שרעק פונדאַנען.
יאָ, פליגל האָט ער, ברייט און שטאַרק —
איך בין אים ניט מעקאַנע.

איך נעם אים פאַר קיין מוסטער ניט —
מײַן ברודער־מענטש דאָך העכער פליט!

מײַן ברודער־מענטש דער ערשטער האָט
דעם קאָסמאָס אופגעריגלט
און דאָרט געמאַכט דעם ערשטן טראָט
אַף אייגן־טרײַע פליגל.

איך זינג דעם מענטש — דעם האַר אין
אים,
ווען ס׳דינען העכסטע הייכן! —
איך טראָג אין הארץ — גאַגארינען
און פיל ביז איצט זײַן שמייכל.

די, וואָס גייען אוועק

ווײנט ניט אָפן טויטן... ווײנט אף דעם, וואָס גייט אוועק
און וועט מער ניט זען זײַן היימלאַנד.

(ירמיאָהו, כ׳ב)

ניט ווײַנט אַף דעם, וואָס איז אוועק,
דעם טויטן ניט באַדוערט:
ניטאָ אַף יענעם הוילן ברעג
קיין ווי, קיין פרייד, קיין טרויער.

מע דאַרף ניט מער קיין היים, קיין רו,
ווו אומרו קיינמאָל לויערט.
און ערד ווערט אַלץ, וואָס ערד דעקט
צו, —
דעם טויטן נישט באַדוערט.

נאָר ווי איז דעם, וועמ׳ ס׳פירט זײַן וועג
צום גרויען, גלײַכגילטיקן ברעג —
צו פרעמדלאַנדס שטומע שוועלן:
ער וועט ביז סאָף פון זײַנע טעג
די טריט ניט זיכער שטעלן.

און אָפטמאָל דוכטן וועט זיך אים
אין רויש פון פרעמדע שטראָמען:
ער הערט דער מאַמעס שטילע שטים,
זי רופט מיט ווי זײַן נאָמען...

און ס׳גלעט די באַקן יענער ווינט,
וואָס רוישט אין יענע ביימער
אַף יענער ערד, וואָס אייביק גרינט,
איר צאַרטער נאָמען: היים־ערד!
אַז ווײ צו אים: ס׳איז אים באַשערט

דער ערגסטער גורל אַף דער ערד —
ער וועט אים גיך דערפילן,
דעם אומגליק, וואָס מיט אים געשען:
ער וועט זײַן היימלאַנד מער ניט זען
און וועט זײַן פּײַן ניט שטילן.

א ליד וועגן טשערנאָוויץ

כ׳האָב ליב דיך — און וואָס איז דער
וווּנדער! —
ביסט שיין, גראַציעז איז דײַן טראַט.
און מער פון אַ פערטל יאָרהונדערט
מיר לעבן צוזאַמען, מײַן שטאָט.

ביסט ראַש און געראָטן געוואַקסן,
אַזוי ווי מײַן קינד אַף מײַן שויס.
אַלץ ברייטער געוואָרן אין אַקסל,
אַלץ ברייטער דײַן שפּרײַזן פּאַרויס.

אַף פּוסטלעכע בערגלעך און טאָלן
געהויבן עטאַזש נאָך עטאַזש —
מיט נײַע קוואַרטאַלן באַמאָלן
דעם אַלטן פֿאַרבענקטן פּייזאַזש...

פיל קינדערלעך דײַנע — פון וויגל
ביז צו דער פאַבריק כ׳האָב באַגלייט!
דו האָסט זיך פאַרוועבט אין מײַן ניגן,
דו האָסט זיך פאַרבויט אין מײַן פרייד.

דו האָסט אויך נישט איין מאָל מײַן טרויער
אין צערטלעכע אָרעמס פאַרוויגט.
דײַן הימל דײַן מילדער און בלויער
אין אויג בא מײַן אייניקל ליגט...

דו שטייסט איצט אַ פרילינגדיק־גרינע
באַם טיש, ווו מײַן וואָרט איך פאַרזיי,
און ס׳דוכט זיך מיר: דו, בוקאָווינע,
סט׳געהערט אויך מײַן ערשטן געשריי...

מיר זאָל זײַן באַשערט

אוי, מיר ווילט זיך לאַנג
זײַן נאָך אַף דער ערד
מיט מײַן שטילן גאַנג,
מיט מײַן שטיל געזאַנג,
מיט מײַן בענקעניש
און געדענקעניש...

כ׳האָב אַ סאַך געזען,
כ׳האָב אַ סאַך געהערט.

ס׳קען דאָך נאָך געשען,
מיר זאָל זײַן באַשערט
ערגעץ אַף אַן אָרט
מיט אַ וואַרעם וואָרט,
מיט אַזאַ געניטס —
כאָטש מיט קורצן בליץ
דורכשטרײַפן דאָס שווארצס
פון אַ ביטער האַרץ...

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי

הייסע הערצער

(ראָמאַן)

וואָס טוט מען?

אָלגע פלעגט זעלטן באַקומען בריוו פון איר פאָטער.

ראַכילקע האָט ניט איין מאָל געפרעגט:

— שוין זשע האָט מען אין דיר פאַרגעסן אין דער היים? עפּשער איז דאָרט עפּעס געשען? וואָס האָט אָלגע געקאָנט ענטפערן? געוויינלעך איז זי אָפּגעקומען מיט אומבאַשטימטע ווערטער: „נישקאָשע, איך האָב גרוסן, מע פאַרגעסט ניט אין מיר“.

ניט לאַנג פאַר נײַ־יאָר זײַנען פון דער היים אָנגעקומען צוויי הונדערט רובל. לויטן קסאַוו אפן פּאָסט־בלאַנק האָט אָלגע פאַרשטאַנען, אַז דאָס שיקט איר א מאַטאָנע די מאַמע. עס זײַנען אויך צוגעשריבן געוווען עטלעכע ווערטער: „מיר זײַנען אָף דיר באַרויגעז, פאַרוואָס דו גיסט וועגן זיך ניט צו הערן. שוין זשע זײַנען מיר דיר געוואָרן פרעמד? מיר קושן דיך. דײַנע טאַטע־מאַמע“.

די פּלוצעמדיקע מאַטאָנע האָט אָלגען ניט דערפרייט, נאָר צוריק אָפּשיקן דאָס געלט האָט זי באַ זיך ניט געקאָנט פּויעלן. זי האָט בלויז אָנגעשריבן א גרויסן בריוו און אים אָפּגעשיקט דעם טאַטן אפן אדרעס פון זײַן אַרבעט.

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 11.

דער טאטע האָט באַקומען דעם בריוו און טייקעף געענטפערט. עס לעבט זיך אים זייער און זייער שווער, און שולדיק אין דעם איז, ווי אָלגע שטעלט זיך פאָר, די מאמע... ער האָט געשריבן, אַז ער איז אוועק פון שטוב, אַז ער מײַדט אויס דאָס געסל, וווּ זיי האָבן אָפּגעלעבט אַזויפיל יאָר. וועגן דעם, אַז די מאמע האָט איר אַרויסגעשיקט געלט, האָט ער ניט געוווסט, ווײַל ער באַגעגנט זיך ניט מיט איר. דער טאטע האָט זיך מוידע געווען, אַז ער האָט אָנגעהויבן גאַנץ אָפט אויס־טרינקען, נאָר וואָס קאָן מען טאָן, — עס הריזעט, עס טאַטשעט, אָט אַזוי פּאָשעט מאַכט מען ניט קיין סאָף צו אַלץ... און צומאָל טוט מעשוגענערווײַז באַנק, אַז ער איז גרייט מויכל זײַן די שווערע אוולעס, וואָס זײַנען קעגן אים באַגאַנגען געוואָרן.

מיט אַ באַזונדערער ביטערקײַט האָט דער טאטע באַשריבן זײַנע אַ צופעליקע באַגעגעניש מיט דער מאַמען. באַגעגנט האָט ער זי ניט אַליין — מיט יענעם, וואָס זי האָט געהאַט אַרײַנגע־בראַכט אין שטוב בייס דער עוואַקואַציע, ווען דער טאטע איז געווען אויפן פראָנט. אָלגען, דעמלט נאָך אַ קליין מיידעלע, האָט זי געדרייט דעם קאָפּ, געגנאַרט זי, אַז ס׳איז אַ פעטער אירער, דער מאַמעס אַ פעטער. נו, געדענקט זי אים דאָך, אָלגע. ער איז, ווײַזט אויס, נאָך מער גראָב געוואָרן, דער פּליך — נאָך גרעסער, נאָר מיסטאמע איז ער, דער דאָזיקער, אַלץ נאָך, ווי אין יענע שווערע יאָרן, אַ דירעקטאָר פון אַ מאַגאַזין, צי ער פאַרוואַלטעט שוין מיט עפּעס אַ באַזע — אַנדערש וואָלט גאָר די מאַמע אים ניט באַדאַרפט... אָלגע האָט געוויינלעך אַלץ געדענקט, אין איר האָט ווידער זיך דערוועקט דער ווייטעק, ווידער האָט זי ניט געקאָנט מויכל זײַן דער מאַמען. נאָר איצט שוין ניט ווי קיין אָפּגענאַרט קינד, — ווי אַ דערוואַקסענע. זי האָט פאַרשטאַנען דעם טאַטן, אַז ער האָט אַ צווייט מאָל ניט געקאָנט מויכל זײַן, און די מאמע האָט זיך דאָך אפילו דאָס ניט דערשלאָגן אויך. דער טאטע האָט געשריבן, אַז ער איז גרייט ערגעץ אוועקפאָרן. וווהין? אפילו אין אויסרײַסעניש!

און ער איז טאַקע אוועקגעפאָרן.

ערשט אין אַ יאָר אַרום האָט אָלגע אין אַ צענטראַלער צײַטונג איבערגעלייענט אַ פאַרצייכע־נונג וועגן אַ גרופּע בויער פונעם וואָלגע־דאָנער קאַנאַל. צווישן זיי איז דערמאָנט געווען אויך איר טאטע — אַנדריי וועליטשקאָ, דער אויסגעצייכנטער מוליער, וואָס זײַנע נײַע אַרבעט־מעטאָדן נעמען איצט איבער טויזנטער בויער פון לאַנד.

דער פאָטער האָט אָנגעהויבן שיקן געלט. אין איינעם אַ בריוו האָט ער געשריבן: „אויב דו קענסט — קום צו פאָרן כאָטש אויף אַ פאָר טעג, איך האָב ניט אַזאַ מעגלעכקײַט. און בענקען בענק איך נאָך דיר, אַז דאָס האַרץ גייט מיר אויס!“

ערשט דעמלט האָט אָלגע די דאָזיקע גאַנצע געשיכטע דערציילט ראַכילקען. די שטוב־באַלעבאָסטע האָט זי אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געזאָגט:

— דו טראַכסט נאָך? דאַרפסט פאָרן! ביסט דאָך בײַ אים איינע אויף דער גאַנצער וועלט!

אָלגע האָט געפאָלגט. באַקומען אורלויב און איז אוועקגעפאָרן צום טאַטן. ער איז זייער געווען צופרידן, וואָס זי פאַרשטייט אים, וואָס זי פילט אים מיט. דערנאָך האָט מען שוין אָפט געשריבן איינס דעם צווייטן. און אַזוי איז אויך איצט, ווען זי אַרבעט שוין, ווען זי פירט שוין, אַזוי צו זאָגן, אַ זעלבשטענדיק לעבן.

און אָט — עליע... פאַרשטייט זיך, זי וועט אַלץ טאָן, אָלגע, אַזוי, ווי עס זאָגט איר אונטער דאָס אייגענע האַרץ. נאָר ווען זי האָט אַ גוטע מאַמע בײַ דער זײַט, קעדיי פונדעסטוועגן הערן אויך אירס אַ וואָרט... צי פּאָשעט אָט אַזוי, אָן איבערגעפולטע מיט געפילן, פאַרניורען דעם קאָפּ צווישן דער מאַמעס קני און אויסדערציילן איר אַלץ, אַלץ, אי אַז זי איז גליקלעך, אי אַז זי צווייפלט אַ ביסל, ווײַל אַפילו פאַר דעם, ווי מאַכן אַ טראָט אַנטקעגן דעם גרעסטן גליק, צווייפלט מען אויך...

אָלגע האָט געשריבן דעם פאָטער, אַז זי האָט שוין אַ כאָסן, ווי עס דאַכט זיך איר — אַ ווױלער מענטש. וואָס טוט מען? און איידער עליע האָט נאָך באַוויזן אוועקפאָרן פון ווטשעראַש־ניע, איז מיט דער אַוויאַ־פּאָטשט געקומען דעם טאַטנס בריוו. אָלגע האָט מיט אומגעדולד געעפנט דעם קאָנווערט. אינעם קײַלעכדיקן קסאַוו האָט זי דערקענט דער מאַמעס האַנט. יאָ, דאָס האָט זי געשריבן דעם טאַטנס ענטפער:

„מײַן טײַערע טאָכטער! זאָל דיך ניט כידעשן, וואָס די דאָזיקע בריוו איז געשריבן ניט מיט מײַן האַנט. דאָס שרײַבט די מאַמע, וואָס איז געקומען צו פאָרן אַהער, ווײַל מיט מיר איז געשען אַ גרויסע צאָרע. איך האָב צעבראָכן מײַן רעכטע האַנט און ביך געלעגן אין שפּיטאָל. מע האָט איר געגעבן צו וויסן, און זי איז גלײַך געקומען צו פאָרן. זי זעט אויס גאַנץ נישקאָשע, ניט קוקנ־דיק אויף דעם, וואָס אויך מיט איר האָט פּאַסירט אַן אומגליק — מע האָט זי אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז איר באַקאַנטער איז אַ גרויסער אַפערער, אַ גאַנעוו. מע האָט אים שוין לאַנג געזוכט איבערן גאַנצן לאַנד. ער האָט אויך די מאַמע געוואָלט אַרײַנציִען

אין זייַנע געשעפטן, נאָר, גאָט צו דאַנקען, זי זיצט אַצינד לעבן מיר, באַוואַשט זיך מיט טרערן. זי בעט, איך זאָל זיך אומקערן צוריק צו איר. זי שווערט, אַז פון הייַנט אָן און אַף אייביק וועט זי מיר זייַן געטרייַ און איבערגעגעבן... איז אָט, מייַן טייַערע, האָב איך באַשטימט צום לעצטן מאָל אויספּרוּוון מייַן מאַזל — איר מוחל זייַן. איך בין זיך מודיע, טייַערינקע, אַז איך בין שוין ניט אימשטאַנד צו ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין. נאָר איך שטעל איר איין טנאַי: אין דער אַלטער דירע וועל איך זיך ניט אומקערן. אויב זי וויל, זאָל זי לעבן דאָ, מיט מיר, דאָ, ווו קיינער ווייסט ניט פון גאָרניט. שרייַב מיר אָן, טאָכטערקע, מיט דייַן מיינונג רעכן איך זיך. וואָס איז שייַעך דייַן כאַסענע, פאַרלאָז איך זיך אַף דיר. קום עפּשער צו פאָרן, אויב דו קענסט. עס וואָלט זייער גוט געווען, ווען דו קומסט".

אַף דער פּערטער זייַט מיט דעם זעלבן קסאַוו איז געווען צוגעשריבן:

„כאָטש דו וואַרטסט ניט אַף דער מאַמעס אַ בריוו, דאָך וויל איך דיר אָנשרייַבן. ערשטנס — זייַ מיר מוחל אַלע מייַנע שלעכטע גענג. איך האָב ניט געמיינט, אַז אַ בייזער דונער וועט מיך אַזוי אַ קלאַפּ טאָן... דעם קלאַפּ וועל איך געדענקען שטענדיק! איך בין איצט ווידער לעבן דייַן טייַערן טאַטן, געזונט זאָל ער אונדז זייַן! זייַ מיר מוחל, אַלגע. דייַן מאַמע".

אַלגע האָט געלייענט דעם בריוו און זיך פלוצעם פאָרגעשטעלט, ווי איר שיינע מאַמע שווימט איבערן צימער אינעם קוויטלדיקן ציגייַנער־כאַלאַט, ווי זי זינגט אירע מאָלדאַווישע לידער, ווי זי צעקעמט אירע געדיכטע געקרייַזלטע האָר, און אַלגע איז גליקלעך — באַ וועמען נאָך איז פאַראַן אַזאַ שיינע מאַמע?! און אַלגע האָט שוין ראַכמאָנעס אַף איר, און זי פילט — זי קאָן מוחל זייַן!

■

עליע האָט זיך אומגעקערט צו זיך אַהיים, אין שטאָט, אַ באַפליגלטער. דער מייַסטער האָט אים באַגריסט און איז צופרידן געווען, וואָס זייַן קאָמאַנדירונג האָט זיך אַזוי גוט פאַרענדיקט. די זאָקן־פאַבריק האָט אָנגעהויבן אַרבעטן. די דירעקציע האָט אים פייַן אַרויסגעבאַגלייט, אויסגעדריקט אַ דאַנק און פּרעמירט. ווען עליע איז מיט אַ שייַנענדיק פּאָנעם אַפּסנייַ אַדורכגעגאַנגען דעם צעך, האָבן די מאַשינעס אים באַגלייט מיט זייער זילבערנעם געזאַנג, נאָר דאָס מאָל האָבן זיי שוין געזונגען ניט „זאָקן! זאָקן! זאָקן!", נאָר „אַלגע! אַלגע! אַלגע!" ס'אַ סוואָרע, אַז אַף יעדער פאַבריק זינגען די מאַשינעס זייער באַזונדער געזאַנג און יעדער איינער הערט אינעם געזאַנג דאָס, וואָס ס'איז אים אַמיינסטן ליב...

די צוויי וואָכן, וואָס עליע האָט פאַרבראַכט מיט אַלגען, האָבן אים איבערצייַגט, אַז לעבנדיק דאָ, אין שטעטל, וועט ער ניט ווייניק קאָנען דערגרייכן אין זיין דערפינדערישער אַרבעט. אַלגע האָט ניט געוואָלט אוועקפאָרן פון דאַנען, און ער, עליע, האָט, אייגנטלעך, ניט וואָס ניט געקענט. ער האָט ניט געוואָלט באַשטייך, זי זאָל פאָרן מיט אים. אים איז געפעלן דאָ, געפעלן די פאַבריק, ווו מע האָט זיך אין אים געגייטיקט אַ סאַך מער, איידער דאָרט, אין שטאָט. מע קאָן דאָ לעבן — שטענדיק צי ניט שטענדיק — ווער קאָן עס לייזן איינמאָל פאַר אַלעמאָל?

עליע האָט דערווייַל קלאָר געוווּסט איינס: ער דאַרף זיך אומקערן אַהיים און האָבן אַ שמועס מיט דער מאַמען.

■

ווען עליע איז אַרייַנגעגאַנגען אין זייַן צימער, וועלכן ער האָט פון קינדווייַז אָן אַזוי ליב געהאַט, האָט אים אַ קלעם געטאָן באַם האַרצן. וועט ער דען קענען אָט דאָס אַלץ מיטנעמען מיט זיך? ניט דאָס מעבל, — דאָס מעבל, אויב מע וויל, קאָן מען אַפילע מיטנעמען, — אַלץ, אַלץ, יעדער קלייניקייַט, און אַפילע ניט קיין קלייניקייַט — דעם רייעך, דאָס, ווי די שייַן פאַלט פונעם פענצטער, די צווייַגן פונעם אַלטן באַרנבוים, וואָס קוקן אַרייַן אין שויב... נאַרישקייַטן, וועגן וואָס ער טראַכט גאָר! דער טאַטע איז דאָ אַרומגעגאַנגען, געזעסן, געלעגן צווישן די דאָזיקע פיר ווענט. אַרומגעטראָגן אים, עליען, אַ קלייניקן. און דאָס איז אויך מיסטאַמע אַזוינס, פון וואָס מע דאַרף זיך אַמאָל אָפּטאָן, נאָר — די מאַמע... איבערלאָזן זי דאָ, איינע אַליין?

— וואָס ביסטו אַזוי אומעטיק, זינו? — האָט געפרעגט די מאַמע אין אָוונט, ווען זי איז געקומען אַהיים.

עליע האָט איר גענוי דערציילט וועגן זייַן געשפרעך מיט אַלגען.

— פאַרשטייסט, מאַמע, מע האַלט דאָרט פון איר. זי אַרבעט אויסגעצייכנט! די פאַרוואַל־טערן, ראַיסע סאָלאָמאָנאָוונע, ליובט זי אין טאָג אַרייַן, לערנט זי, העלפט איר מיט. אַלגע איז מאַסקים, מיר זאָלן כאַסענע האָבן, אָבער מיט איין טנאַי: איך זאָל אַריבערפאָרן צו איר.

— וואָס זשע האָסטו באַשטימט? — האָט ראַכילקע שטיל געפרעגט.

זי האָט געמיינט, אַז דער זון וועט זאָגן: „דאָס וויל איך זיך אָן אייצע האַלטן מיט דיר".

נאָר ער האָט געזאָגט:

— איך בין זיכער, מאַמע, אַז דו וועסט ניט שטערן אונדזער גליק.

ראַכילקע האָט אַ זיפץ געטאָן:

— הייסט עס, בלײַב איך שוין אָן אַ מאַן און אָן אַ זון.

עליע האָט איר געוואָלט זאָגן: „מאַמע טײַערע, שוין זשע וועט דיר בעסער ליב זײַן מײַן אומעט און מײַן איינזאַמקײַט?" נאָר ער האָט איר אומגעריכט געזאָגט:

— אויב אַזוי, וועל איך איר מוזן אָנשרײַבן, אַז איך פֿאָר ניט! זאָל זײַן אַזוי, ווי דו ווילסט, ווי דיר איז ליב.

— ניין, ניין, זינו! וועסט פֿאָרן. וועסט אומבאַדינגט פֿאָרן! ווען דאָרט וואָלט זײַן אַ נייַ־פֿאַבריק, וואָלט איך עפּשער אויך מיט דיר אַריבערגעפֿאָרן.

— איך פֿאַרשטיי, מאַמע.

— זעט אויס, אַזאַ מאַזל באַ מיר. וואָס קאָן מען טאָן?!

— נאָר, מאַמע טײַערע, האָסט דאָך אַליין געהאַט געזאָגט, אַז דו וואָלסט אַ באַלן געוועזן האָבן אַזאַ טאָכטער, ווי אָליע?!

ראַכילקע האָט אים גאָרנישט ניט געענטפֿערט. ערשט ניט לאַנג, דאַכט זיך, האָט זי אים געטראָגן אויף די הענט, געבאָדן אים אין אַ הילצערנער קאָרעטע. אין די שווערע יאָרן האָט זי זיך ניט פֿאַרגינט קיין איבעריקן ביסן — אַלץ פֿאַרן זון. און אָט, ווען ער האָט זיך געשטעלט אויף די פֿיס, פֿאַרלאָזט ער זי איינע אַליין. וואָלט ער כאָטש געוווען זאָגן: מאַמע, פֿאָר מיט מיר. האָט ער אַפֿילו פֿון יוויצע וועגן ניט געזאָגט. עמעס, איר עליע האָט פֿײַנט פֿאַלשע ווערטער. ער ווייסט, אַז פֿון איר פֿאַבריק וועט זי זיך ניט אָפּזאָגן.

שווײַגנדיק איז פֿאַרבײַ דער אָפּדערנאַכט, ביידע, אי עליע, אי ראַכילקע, האָבן אַ סאַך ניט געזאָגט איינס דעם צווייטן, פֿון וואָס זיי האָבן געטראַכט.

אַ קלונג האָט אופֿגעוועקט ראַכילקען פֿון אירע מאַכשאָוועס. זי האָט דערקענט — עס קלינגט אַפֿאַנאַסי אַניסימאָוויטש, צוויי קורצע קלינג און אַ לענגערער — אַזאַ איז זײַן טעווע.

ער איז אַרײַנגעקומען אין עסצימער, צעקעמט די וואָנצעס און הויך, פֿײַערלעך געזאָגט:

— ראַכילקע, שטעל אַ האַלבן ליטער, און וואָס גיכער.

— וואָס איז אַזאַ אײַלעניש?

— ס'הייסט, דו ווייסט נעבעך ניט! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שפּיל אין באַהעלטעניש־ן?

— ס'איז נאָך אָפּן הימל אַ יאַריד, ס'איז נאָך גאָרנישט ניט באַשטימט.

— באַשטימט, באַשטימט, מיך נאַרט מען ניט אָפּ! און טאַקע צוריקגערעדט: וואָס איז דאָ צו טראַכטן — ער האָט זי ליב, זי האָט אים ליב. איז וואָס זשע זאָגט אונדז אונטער די טעאָריע אין אַזעלכע פֿאַלן? די טעאָריע זאָגט: מאַזלטאָוו!

— און איך? וווּהין וועל איך זיך אַהינטאָן?

עליע איז שוין אויך געשטאַנען אויף דער שוועל פֿון זײַן צימער אַ בלאַסער, אַ פֿאַרלאָרענער, נאָר אין זײַנע אויגן האָט זיך צעשײַנט אַ האָפֿענונג.

— איך לייג דאָך דיר פֿאָר, מאַמע: פֿאָר מיט מיר.

— און די דירע, און די פֿאַבריק? ניין, ס'איז ניט קיין פּלאַן! דײַן צימער וועט מען, פֿאַרשטייט זיך, צונעמען...

— עליעס צימער וועט מען באַ אײַך ניט צונעמען, — האָט אַפֿאַנאַסי געזאָגט קאַטעגאָריש. — איך וועל זיך אַהער אַריבערקלײַבן, אויב איר דערוווידערט ניט, פֿאַרשטייט זיך.

עליע האָט געשוויגן. ער האָט דאָך שוין לאַנג געוווּסט, אַז דער מײַסטער האָט ליב ראַכילקען, ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אַז די מאַמע האָט זיך אַלעמאָל געהאַלטן באַ אירס: קיינער וועט איר ניט פֿאַרבײַטן מייערקען.

ווען עליע איז געווען אין ווטשעראַשניע, האָט ער געהערט אַלגעס אַ געשפּרעך מיט איינער אַ לערערן, וואָס האָט אָפּגעגעבן יוליוס פֿוטשיקס אַ בוך. אָלגע האָט געפֿרעגט:

— געפֿעלן?

— זייער, זייער! און מער פֿון אַלץ — די לעצטע בריוו זײַנע צו גוסטען, זײַן פֿרוי. איר געדענקט, ווי ער שרײַבט דאָרט?

— אוודעי געדענק איך!

עליע האָט דעם בוך ניט געלייענט. ווען די לערערן איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער גענומען דעם בוך און געפֿונען דעם בריוו... פֿוטשיק האָט, ווייסנדיק שוין, אַז ער גייט צום עשאַפֿאָט, געלאָזט אַ צוואָגע זײַן ווײַב, זי זאָל ניט בלײַבן איינזאַם... פֿאַרלאָזנדיק די וועלט, וויל ער, זי זאָל אויך נאָך זײַן טויט לעבן גליקלעך. וועט דען דער געדאַנק, אַז זי וועט פֿאַרבלײַבן אין איינזאַמקײַט, אים גרינגער מאַכן דעם טויט?

— כ'וואָלט וועלן, מאמע, — האָט עליע געזאָגט, — דו זאָלסט איבערלייענען א ביכל — יוליוס פוטשיקס „געקליבענע ווערק". כ'בין זיכער, אז דאָס וועט דיר העלפן מיט נײַע אויגן א קוק טאָן אפן לעבן... און וואָס ס'איז שײַעך אײַער אריבערקלײַבן זיך אין מײַן צימער, פעטער אפאנאסי, איז דאָס א געדאנק. ערנוואָרט, א געדאנק!

שפּיל, האַרמאָניק!

ביז טיף אין דער נאכט האָט מען בא די דאווידענקאָס באגעגנט דאָס נײַע יאָר — געזונגען און געטאנצט. מער פון אלעמען האָט זיך געפרייט דער, וואָס האָט געמאכט אף נאדיען דעם אײַנדרוק פון א ביטערן מאָרעשכוירעניק, — דובאָוו.

ער האָט א סאך געטאנצט. ער האָט אפילע געזאָגט וועגן זיך אליין:

— אזויפיל האָב איך געטאנצט בלויז אפן פראָנט, ווען עס האָט זיך געענדיקט די מילכאמע.

ענדלעך האָט ער א מידער, א באדעקטער מיט דריבנע טראָפּנס שווייס, ניט צוגעזעצט זיך — אנידערגעפאלן אף דער טאכטא. נאדיע האָט אן אומרויִקע צוגעזעצט זיך לעבן אים:

— וואָס איז מיט אײַך, יעגאָר סעמיאָנאָוויטש? איר זענט אזוי בלייך געוואָרן.

— ניט געפערלעך, — האָט ער קוים אויסגערעדט, — עס טרעפט מיט מיר. דערלאנגט, איך בעט אײַך, דאָרט, אין מײַן פּידזשאַק...

ער האָט אײַנגענומען א פּראָשעק, פארטרונקען מיט וואסער.

— כ'האָב זייער ליב דאָס לעבן, — האָט ער שטיל געזאָגט, — און דער רועך ווייסט עס, פארוואָס קומט מיר אויס אָנשטאָט גוטן ווײַן טרינקען אָט די ביטערניש.

ווען ער האָט זיך געקליבן גיין אהיים, איז ער באשטאנען, דובאָוו, אז קיינער זאָל אים ניט באגלייטן. אין זײַן צימער איז געווען זייער געמיטלעך, אָבער קאלט. ער האָט בלויז אראָפּגעשלעפּט די שטיוול, פארניורעט זיך אין זײַן גרויסער בורקע, וואָס דער גענעראל קיריטשענקאָ אליין האָט אים געשענקט אינעם פערטן קאזאקישן קאָרפּוס, און איז געשמאק אנשלאָפן געוואָרן.

אופגעוועקט האָט אים קאטיע, נאדיעס געהילף, ווען עס האָט זיך שוין געשטעלט א גרויסער טאָג. נאטירלעך, אז אויסטײַטשן האָט ער עס געקאָנט אנדערש — נאדיע וויל וויסן, ווי ער פילט זיך, נאָר געקומען איז קאטיע מיט גאָר אן אומשולדיקן טערעץ: אזויווי עס שטייט אים פאָר, דעם שעף פון דער שאכטע, לייענען א לעקציע אין ביבליאָטעק וועגן דער נײַער טעכניק, און אזויווי ער איז לאנג ניט געווען הי און צײַט איז געבליבן ווייניק, האָט זי אים צוגעקליבן די נייטיקע ביכער, — אָט זײַנען זיי!

יעגאָר האָט א שמייכל געטאָן. ס'איז עפּעס גוט געווען אופכאפּן זיך אינעם נײַעם יאָר און זען פאר זיך אָט דאָס מיידל, דערפילן אָט די וואָכעדיקע און דאָך ניט קיין וואָכעדיקע זאָרג...

ער האָט פאנאנדערגעבונדן דאָס פּעקל, אפּדערגיך איבערגעקוקט די צוגעשיקטע ביכער.

— דאָס האָב איך בא זיך, — האָט ער געזאָגט. — דאָס אויך... איך האָב געמיינט — עפּעס נײַס. נאָר נישקאָשע, א דאנק.

ער האָט קאטיען באגלייט ביז צו דער טיר.

— און וואָס זאָל איך איבערגעבן?

— דער כאוועריטע אלפעריק? נאדיען? גיט איר איבער מײַן נײַיאָריקע באגריסונג און זאָגט, אז פארנאכט וועל איך זיך, מיסטאמע, ארײַנכאפּן אין ביבליאָטעק.

יעגאָר האָט אויסגעצוואָגן דעם קאָפּ, זיך ריין אויסגעראזירט און איז אוועק אף דער שאכטע. אין הויף האָט ער געטראָפן דעם פּאַרטאָרג דאווידענקאָ. אנטאָן מארטינאָוויטש וואָלט, פארשטייט זיך, געקאָנט א קלוגג טאָן אין קאָנטאָר און זיך דערוויסן, ווי ס'איז אדורך די באנאכטיקע וואכטע. נאָר ניט אזא מענטש איז ער, דער אנטאָן!

— א נײַ, גליקלעך יאָר, אנטאָן מארטינאָוויטש!

— א דאנק, יעגאָר סעמיאָנאָוויטש. ווי פילסטו זיך?

— ווי א יונגער לאָשעק!

צוזאמען איז מען אויסגעווען אין אלע ווינקעלעך פונעם גרויסן שאכטע-הויף, אין קאָנ־

טאַר, אַף דער עלעקטראָסטאַנציע. א רײַ באַצירקן זײַנען געוווען פרײַ — יאַמטעוו איז יאַמטעוו, נאָר גאָר א סאַך מענטשן האָבן דעם יאַמטעוו באַגעגנט דאָ, בא דער אַרבעט.

— אַנפּיסע האָט געהייסן, איך זאָל דיך אומבאַדינגט ברענגען אַף וואַרמעס.

— א דאַנק. אַן אַנדערשמאָל, מאַרטינאַוויטש.

דאַווידענקאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף אים ניט פאַרהאַלטן.

דובאַוו איז אַוועק צופוס. דער נײַיאַריקער שניי אַפּן וועג איז שוין געוווען ניט אַזוי ווײַס, ווי אײַנדערפרי. צענדליקער מאַשינעס האָבן געטאָן זייער טאָגטעגלעכע אַרבעט... אָט האָט זיך לעבן דובאַוון אָפּגעשטעלט א נײַע „פּאָבעדע" — דאָס איז א פּערזענלעכע פּרעמיע, מיט וועל־כער דער מיניסטער האָט אָפּגעמערקט דעם העלד פון סאָציאַליסטישער מי ניקאָלײַ בילאָשטאַנ־קאָ. פון דער מאַשין איז אַרויס אין זײַן פּאַראַדנעם מונדיר, וואָס איז געוווען באַהאַנגען מיט אָרדענס און מעדאַלן, אַן עלטערער שאַכטיאָר.

— א גוט־יאָר, כאַווער דובאַוו.

— זײַט אויך געגריסט.

— זעצט זיך עפּשער, איך קען אײַך אונטערפירן.

דובאַוו האָט זיך אָפּגעזאָגט: ס'איז א גאָלדענער וועטער!

ער איז געגאַנגען צופוס און געטראַכט, אַז ער האָט זיך ניט וואָס צו קלאָגן אַף זײַן גורל — מע האַלט פון אים, די אַרבעט גייט גוט, אין טרעסט האָט מען צו אים ניט קיין גרויסע טײַנעס. די צײַטונגען און זשורנאַלן שרײַבן אָפט וועגן דער שאַכטע „ניצאַכן", און דאָך, ווען ער בלײַבט אָט אַזוי־אָ אַליין מיט זײַנע מאַכשאָוועס, פילט ער אין האַרצן עפּעס א מאָדנע פּוסטקײַט, מיט עפּעס איז ער ניט באַפרידיקט.

אַמאָל האָט ער געמיינט, אַז דאָס קומט פון קינע. אייניקע זײַנע פרײַנט האָבן שוין הויכע ביל־דונג, דיפּלאָמען, און ער איז ניט מער ווי אַן „אַרויסגערוקטער". האָט ער זיך גענומען לערנען. ס'איז זייער שווער געוווען, נאָר יעגאָר האָט פונדעסטוועגן פאַרענדיקט דעם באַרג־אינסטיטוט. ער איז שוין א גלײַכבאַרעכטיקטער אינזשעניער — דערבײַ אַן אינזשעניער, וואָס איז פון דער פּראַקטיק געקומען צו דער וויסנשאַפט און ניט פאַרקערט. דער הויפּט־אינזשעניער פון דער שאַכטע קומט צו אים האַלטן זיך אַן אייצע. און דאָך — די זעלבע ניט־באַפרידיקטקײַט, די זעלבע נאָגעניש. עפּשער איז ער א קאַרגער, א פאַרדאַרבענער? נייך, ער קען זיך גוט. ער האָט פּאַשעט ניט ווו צו אויסגעבן זײַן הויכן געהאַלט און די פּרעמיעס, וואָס ער באַקומט פונעם טרעסט און פונעם קאָמבינאַט. אַן אַנדערער אַף זײַן אָרט וואָלט זיך אויסגעבויט אַן אייגענעם קאָטעדזש, געקויפט א מאַשין, אַרײַנגעפירט נײַ מעבל. און אים איז גוט אין דער קאָמונאַלער דירע. קיין פּערזענלעכע מאַשין דאַרף ער ניט. וואָס זשע?

טראַכטנדיק אַזוי, איז ער דערגאַנגען צום דאָרעמדיקן יִשעוו און אַוועקגעלאָזט זיך אין דער ביבליאָטעק. אַנומלטן איז ער שוין דאָרט געוווען צוזאַמען מיט קאָסטיע רודענקאָ. א ווילדע געבײַדע האָט זיך באַקומען, גאַנץ היפּש און היימלעך, און דעריקער — אַליין אויסגעבויט, אָן קיינעמס הילף, נאָר יענץ מאָל איז ער געקומען אין דער ביבליאָטעק אַלס שעף פון דער שאַכטע. און איצט גייט ער... אָך, סאַראַ נאַרישע געדאַנקען עס קריכן אין קאָפּ!

ער דאַרף זיך געגוּר צונויפרייִדן וועגן זײַן פּאַרטראַג. טאַקע אַזוי — לעמײַ איז ער ביכלאָל מאַסקים געוווען לייענען די לעקציע? צי דען ניט איבער דעם, וואָס זי, נאַדיע, האָט אים געבעטן דאָס טאָן?

אין ביבליאָטעק זײַנען געוווען א סאַך לייענער, דעריקער מיידלעך. אין ווינקל — א הויכע יאָלקע. אונטער אירע צווײַגן, באַהאַנגען מיט א קייט פון זילבער־פּאַפּיר, — דער פּעטער־שנייער. אָנשטאָט דעם זאַק מיט נײַיאַר־מאַטאָנעס האָט ער אין האַנט געהאַלטן א בינטל ביכער, און אין דער צווייטער — א מעלדונג וועגן זײַן, דובאָווס, פּאַרטראַג.

פון יענער זײַט לאַנגן טיש, א פאַרוואַלגערטן מיט ביכער, איז געשטאַנען נאַדיע, לעבן איר — דאָס קלײַנינדיקע מיידל, וואָס האָט אים הײַנט אופגעוועקט פון שלאָף.

עפּעס אַן אַלטיטשקע, וואָס האָט זיך געטאָפּטשעט בא דער טיר, האָט אומצופרידן געזאָגט, קלוימערשט צו זיך אַליין, נאָר אַזוי, אַז ער, דער שעף פון שאַכטע, זאָל דאָס הערן:

— א נײַע מאָדע, אָנשטאָט דעם, אַז אין ביבליאָטעק זאָל זײַן שא־שטיל, איז דאָ טומלדיק, ווי אַף א כאַסענע. עס פעלט נאָר, מע זאָל דאָ אָנהייבן טאַנצן.

— א גוט־יאָמטעוו, פּאָלינאַ פּעטראָוונאַ, — האָט יעגאָר סעמיאָנאָוויטש פריילעך אויסגע־רופן. — זײַט געגריסט, ביבליאָטעקערנס! — און ווידער צו דער אַלטיטשקער. — איר האָט, דאַכט זיך, געוואָלט מיר עפּעס זאָגן.

— איר זענט א מייווין? — האָט זי אויסגעווישט אירע בלויע ברילן. — ניט קיין ביבליאָ־טעק, נאָר א טאַנץ־קלאַס!

דובאָווון איז געפעלן געווען, וואָס נאַדיע פאַרענטפערט זיך ניט, קריגט זיך ניט מיט דער לייענערן, פאַרקערט, זי שמייכלט צו איר גוטמוטיק. ער האָט געגומען די אַלטישקע אונטער דער האַנט, אָפּגעפירט זי אין א זײַט און געזאָגט ווייך, נאָר מיט א שאָטנדל פון אַנטוישונג:

— איך האָב ניט דערוואַרט פון אײַך, פּאָלינאַ פּעטראָוונאַ! אַז איר, וואָס האָט אַזאַ יונגע נעשאָמע און זײַט אַזאַ אַנגאַלייענטע, זאָלט זײַן קעגן דער נײַיאַריקער יאָלקע!

— אין ביבליאָטעק?

— קיין קולטור־הויז האָבן מיר דערווײַל ניט אינעם דאָרעמדיקן ישׁוב. און די דאָזיקע געבײַדע האָבן זיי דאָך אויסגעבויט מיט זייערע הענט, די יונגע כעוורע, פּאָלינאַ פּעטראָוונאַ.

צווישן דער יוגנט, וואָס האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום דער יאָלקע, איז געווען אויך קאָסטיע רודענקאָ מיט זײַן באַיאַן. יעגאָר האָט געבעטן בא קאָסטיען א דערלויבעניש א פּרווו טאָן דעם אינסטרומענט. דער שעף פון שאַכטע האָט געשפּילט גוט, פּונקט ווי ער וואָלט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן א צען — פופצן יאָר, האָט ער מיט יונגן ברען צעצויגן די האַרמאָניקע איבער דער ברוסט און אַנגעבויגן דעם גראָוון קאָפּ צו די לעדערנע פאַלדן, אײַנגעהערט זיך אין די היליכיקע, ריינע, קלינגענדיקע קלאַנגען.

— יעגאָר סעמיאָנאָוויטש, האַקט אַרײַן א פּאָליעטשקע!

— אונדזערע, די שאַכטיאָרישע!

— ניין, בעסער די אַלטע, די פאַרגעסענע פּאָליעטשקע! — האָט זיך דערהערט א באַסאָווע שטים.

— אָ! פּלאַטאָניטש! — יעגאָר האָט דערקענט דעם אַלטן שאַכטיאָר, וואָס איז איצט שוין א פּענסיאָנער. מע האָט אַמאָל געאַרבעט צוזאַמען, ווען ער, יעגאָר, איז נאָך געווען א לערביינגל.

די מעלאָדיע איז געווען טאַקע פון א פּאָליעטשקע, נאָר באַזונדערע טאַקטן האָבן דערמאָנט א „סטראַדאַניע", וואָס איז אַזוי גוט באַקאַנט געווען דעם עלטערן דאָר שאַכטיאָרן. א געניטער אויער האָט אַפילו געקאָנט אויפכאַפּן א פּאָר שטעלן פון א וואַלס... אַזאַ איז זי, די אַלטע פּאָלקע, וואָס אויסטאַנצן זי איז קימאַט אומעגלעך. דעריבער איז טאַקע די יוגנט געשטאַנען א פאַרכידעשטע, א געפּלעפטע, געהערט די מוזיק, געשפּירט נאָך יעגאָרס פלינקע פינגער.

נאַדיע האָט זיך געסטאַרעט ניט קוקן אינעם ווינקל, ווו עס שטייט די יאָלקע, קעדיי זיך ניט טרעפן מיט יעגאָרס אויגן. וועה האָט נאָך אַזוי ווי זי פאַרשטאַנען, וואָס אין דעם שפּילן שטעקט! ווען זי שעמט זיך ניט, וואָלט זי זיך צעוויינט. און עפּשער ניט צעוויינט זיך, ניין, — נאָר וואָס זשע? וואָס וואָלט זי איצט וועלן טאָן מיט זיך? אָך, יאָ, דאָס איז דאָך קאָסטיעס באַיאַן! זי וואָרט אַף אים, נאַדיע, און האָט יעסורים, אויב ער קומט ניט. איר איז ליב צו הערן, ווען די ראַדיאָ דערמאָנט זײַן נאָמען צווישן די בעסטע אַרבעטער פון דער שאַכטע. אָן אינטערעסאַנטן בוך לייגט זי אַלעמאָל אָפּ פאַרזײַנטוועגן. איר איז טײַער יעדער מינוט, וואָס קאָסטיע פאַרברענגט אין דער ביבליאָטעק. מע זאָגט, אַז קאָסטיע רודענקאָ איז צײַטנווײַז א ביסל פּרעכלעך. מיילע, מע קאָן עס אַפילו פאַרשטיין, מויכל זײַן, ווײַל ער געפעלט איר... און אָט — יעגאָר דובאָוו. עפּעס ציט זי צו אים גאָר אַנדערש, לאַכלוטן אַנדערש.

קאָסטיע האָט אויפגעהויבן זײַן קאָפּ, א קוק געטאָן אַף נאַדיען. וואָס וויל ער איר זאָגן?

— אָט אַזוי, כאַוויירים, בעסער קאָן איך ניט, — האָט יעגאָר געזאָגט און אומגעקערט קאָסטיען זײַן באַיאַן. — א דאַנק.

— אײַך א דאַנק.

— שפּילט נאָך עפּעס!

— שפּילט, כאַווער נאַטשאַלניק!

— זאָג ניט אָפּ, יעגאָר, אַז מענטשן בעטן דיך! — האָט, איבערשרײַענדיק אַלע שטימען און צוהוסטנדיק, אויסגערופן דער אַלטער פּלאַטאָניטש.

— זאָל קאָסטיע, ער קאָן בעסער פון מיר, — האָט געזאָגט יעגאָר און געלאָזט זיך גיין צו נאַדיען.

פון א זײַטיק צימערל איז יאָמטעוודיק אויסגעקליידט אַרויסגעשפּרונגען קאַטיע. א פאַרויטלטע, האָט זי אויך זינגענדיק גענומען בעטן:

— א שאַכטיאָרישע טאַנגאָ, פאַרמײַנטוועגן, קאָסטיע!

קאָסטיע האָט געשפּילט, שמייכלענדיק צו די טאַנצנדיקע פּאָרלעך.

— א דאַנק אײַך פאַר די ביכלעך, נאַדיע... — האָט געזאָגט דובאָוו.

— א דאַנק וועט קומען אײַך, ווען איר וועט מאַכן דעם פּאָרטראָג.

— ווען כ'בין געגאַנגען אַהער, האָב איך דאַפּקע געוואָלט צוטראַכטן עפּעס א סיבע אַף אָפּזאָגן זיך. נאָר כ'האָב זיך באַטראַכט. גראַדע אײַך וויל איך ניט און איך קאָן ניט אָפּזאָגן.

— וואָס עפעס — גראדע מיר?

— ווײַל גראדע איר, נאדיע, ווי זאָל איך עס זאָגן... מיט איין וואָרט, איר געפעלט מיר, מעשוגענערווײַז געפעלט איר מיר!

נאדיע האָט פארשטאנען, וואָס ער זאָגט, בלויז דערפאר, ווײַל זי האָט געקוקט אף זײַנע ליפן. קיין ווערטער האָט זי איבער דער הילכיקער מוזיק ניט געהערט, און עס זײַנען עפשער ניט נייטיק געווען קיין ווערטער — די אויגן זײַנע האָבן גערעדט, דאָס פאָנעם האָט געלויכטן מיט צארטקײַט.

— פארוואָס לאכט איר פון מיר, יעגאָר סעמיאָנאָוויטש? — האָט נאדיע שטיל געזאָגט און געוווסט, אז זי ענטפערט ניט דאָס, וואָס זי וויל, וואָס זי דארף ענטפערן.

— איך בין שוין ניט אין יענע יאָרן, נאדינקע, ווען מע דערלויבט זיך אזעלכע שפאסן, — האָט דובאָוו געענטפערט, און זײַן פאָנעם איז געוואָרן כמורנע, אומעטיק.

נאדיע האָט ניט באמערקט, ווי קאָסטיע איז פונעם שאכטיאָרישן טאנגאָ אריבער אף א פאָקסטראָט, ניט באמערקט גאָר, אז ער קוקט אהער אף איר און אף דובאָוון.

ווען פלאטאָניטש האָט געבעטן קאָסטיען „דערלויבן דערמאָנען זיך די יונגע יאָרן" — ער וויל אָפשפילן א „סטראדאניע" וועגן א קאנאהאָן, — האָט קאָסטיע זייער גערן, אפילו מיט פארבאָרגענער דאנקבארקײַט, אים איבערגעגעבן דעם באיאן.

— שפיל, באטיא, שפיל! — קאָסטיע רודענקאָ איז אן איבערראשטער ארויס אין פראָסטיקן דרויסן, שטיין געבליבן בײַ דער טיר, און דאָ האָט אים געפונען קאטיע, וואָס איז באלד מיט אן אָנגעוואָרפענעם פאלטאָכל אף די אקסל ארויס נאָך אים.

דער שניי האָט אופגעהערט שיטן. ערגעץ ווײַט האָט דורכגעפײַפט א לאָקאָמאָטיוו; ס'האָט שוין אָנגעהויבן צעשפרייטן אירע פליגל די דאָנבאסער נאכט.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט קאָטיע געפרעגט.

— גאָרנישט. סטאם אזוי. דאָרט איז הייס.

— הייס...

קאָטיעס פלייצעס האָבן געציטערט. קאָסטיע האָט זיך אײַנגעקוקט אין איר פאָנעם — א גוטס, אן אָפנס, א באשאָטנס מיט קלײַען — ס'איז נאס געווען פון טרערן.

— פארשטייסט, קאָסטיק, — האָט קאָטיע זיך צעכליפעט. — עס פארדריסט מיך...

— וואָס פארדריסט דיך?

— שוין זשע זעסטו ניט, אז יעגאָר סעמיאָנאָוויטש...

קאָסטיע איז געוואָרן בלאס, ער האָט צונויפגעדריקט די ברעמען און געשוויגן — בייז, צערודערט.

— מיינסט, איך זע ניט? — האָט קאָטיע ווידער אָנגעהויבן, נאָר שוין אָן א כליפעניש. — מיינסט, איך פארשטיי ניט?

— מיילע, — האָט פעסט, מיט קלוימערשטן גלײַכגילט געזאָגט קאָסטיע. — מיילע! דו האָסט ביכלאל ניט וואָס איבערצולעבן. קום, דיר איז קאלט.

פלאטאָניטש האָט נאָך אלץ געשפילט. קאָסטיע האָט דערווײַל אראָפגענומען פונעם הענגער זײַן קורצן פידזשאק מיטן פוטערנעם קאָלנער און אָנגעטאָן זיך. ווען דער אלטער האָט פארענדיקט מיט א ביסל צו א הילכיקן און צו א צעצויגענעם אקאָרד, האָט קאָסטיע גענומען זיך געזעגענען. צו נאדיען און דובאָוון האָט ער שוין פון שוועל א פאָך געטאָן מיטן היטל, עפעס אזוי קורץ און פארלוירן א פאָך געטאָן, ווי ער זאָל זיך אײַלן פארשווינדן פונדאנען.

מיט קאָסטיקן זײַנען אוועק א פאָר יוגנטלעכע, צווישן זיי אויך — קאָטיע. דער באיאן האָט ערגעץ אלץ ווײַטער און ווײַטער געשפילט אין דרויסן און איז אנשוויגן געוואָרן. אײַגיכן האָבן זיך אלע גענומען פאנאנדערגיין. נאדיע און דובאָוו האָבן זיך ניט באוויזן ארומקוקן, ווי זיי זײַנען פארבליבן איינע אליין.

— עפשער וועט איר מיט מיר אויסטרינקען א גלעזל טיי? — האָט נאדיע געפרעגט, ניט ווייסנדיק ווי באגיין זיך מיטן גאסט.

— טיי וויל איך, — האָט דובאָוו אײַנגעשטימט.

מע איז ארײַן אינעם קליינינקן זויבערן צימערל, ווו נאדיע און קאָטיע האָבן געוווינט. „פון מײַן צימער, כאָטש ער איז ניט קיין גרויסער, קאָן מען מאכן דרײַ אזעלכע", — האָט דובאָוו א טראכט געטאָן. ער האָט געזאָגט:

— סארא ענגשאפט איז דאָ בײַ אײַך!

— איר ווייסט, איך האָב עס ערשט איצט באמערקט, — האָט נאדיע א שמייכל געטאָן, — באמערקט, ווײַל איר, זענט דער ערשטער, וואָס קומט אהער ארײַן צוגאסט... זעצט זיך צום טישל, באלד וועל איך אײַך מעכאבעד זײַן — איר ווייסט מיט וואָס? — מיט געפילטע פיש...

— ווי קומט צו אײַך אזא מײַכל?

— עפּעס בין איך דאָך פון א ייִדישן שטעטל. דער טאַטע פלעגט זאָגן, אז אזעלכע פיש, ווי מײַן מאַמע קאָכט, דאַרף מען עסן שטייענדיק!

— איך ווייס פון געפילטע פיש, נאָר אז איר זאָלט קאָנען קאָכן, האָב איך גאָר ניט דער־וואַרט.

— איז אָט וועט איר זיך איבערצײַגן, יעגאָר סעמיאָנאָוויטש! — און זי איז ארויס אינעם קליינעם קיכעלע.

יעגאָר האָט באַטראַכט דאָס צימערל, וואָס האָט דערמאָנט א צימער פון א סטודענטישער צוזאַמענוווינונג — צוויי שמאָלע בעטלעך, א שמאָל טישל אָף קאָזלעס, איין בענקל, אין א ווינקל — א טשעמאָדאַן, פאַרמאַסקירט מיט א בלאָוולעך טעפּיכל. אָף די ווענט — עטלעכע פאָטאָגראַפיעס. איינע איז גאָר אויסגעשניטן געוועזן פון א צײַטונג: א גרופּע שמייכלענדיקע כעוורע שאַכטיאָרן מיט לעמפּלעך אין די הענט, און דער מיט — קאָסטיע רודענקאָ. דובאָוו האָט זיך דערמאָנט: די פאָטאָ איז אָפּגעדרוקט געווען אין „פּראַוודאַ".

לענגער האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין א פּאָרטרעט, וואָס איז געהאַנגען צוקאָפּנס בא איינעם פון די בעטלעך, מיסטאָמע נאַדיעס. די פּרוי פון מיטעלע יאָרן, וואָס איז פאָטאָגראַפירט געווען אָפּן פּאָרטרעט, האָט שטאַרק געכאַפּט נאַדיעס אָנבליק. קלאָר, דאָס איז די מאַמע, און אָף דער קלײנינקער פאָטאָ, וואָס איז צוגעפעסטיקט עטוואָס נידעריקער, — איז דער טאַטע, א שטרענגער, מיט אן ארומגעשוירענער באָרד.

— אײַערע עלטערן? — האָט יעגאָר סעמיאָנאָוויטש געפרעגט, ווען נאַדיע האָט זיך אומ־געקערט.

— יאָ, מײַנע. די מאַמע איז טויט, און דער טאַטע... דער טאַטע האָט א צווייטע.

דובאָוו האָט א קוק געטאָן אָף נאַדיעס פּאָנעם. ווי זי האָט זיך עס געענדערט! אין שטוב איז זי ניט אזא, ווי אָף דער אַרבעט — ניט אזוי אָנגעשטרענגט, מער צוגעלאָזט, היימישער. ער האָט דאָס טאַקע געזאָגט איר נאָך א לענגערער פּויזע:

— וועגן אײַך האָב איך געהאַט גאָר אן אַנדער פאָרשטעלונג, כ'האָב ניט געוווּסט, אז איר זענט אזא פּאַשעטע. ס'הייסט, איך האָב עפּעס גלײַך דערפילט, נאָר נעכטן און הײַנט... ליבע האָט אירע געזעצן... דאָ קומט זייער אָפּט פאָר פּונקט קאַפּויר: מע זוכט, מע זוכט — און מע פאַרלירט. נאָר מעגלעך, אז דאָס פאַרלירן איז גאָר א גליק. איך האָב אמאָל פאַרלוירן, און איצט, איצט האָב איך געפונען...

נאַדיע האָט געשוויגן. זי האָט פאַרשטאַנען, אז אויב זי וועט אָנהייבן ריידן, וועט זי אים זאָגן, אז זי האָט געוווּסט, זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז ער איז א ווײַלער, א פּאַשעטער, א האַרציקער, אז אוואַדע וועט זײַן גליקלעך די, וואָס וועט ווערן זײַן פרוי. נאָר זאָגן דאָס אַלץ האָט זי ניט געוואָלט, ניט געטאָרט. ער האָט געפונען, און זי? פאַר אירע אויגן איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען קאָסטיע — א פאַרלוירענער, א געפעלפּעטער. שולדיק דערין איז דאָך זי, נאַ־דיע. עמעס, זי האָט אים גאָרניט צוגעזאָגט, קאָסטיען. זיי האָבן אפילו ניט גערעדט וועגן דעם. און עפּשער איז פּאַרט די עמעסע ליבע געקומען ערשט איצט, ווען יעגאָר האָט זיך אַרײַנ־געריסן אין איר לעבן? און עפּשער פאַרקערט — זי, נאַדיע, האָט פּאַשעט צערודערט זײַן איינזאַמקײַט?..

ראָיסע סאָלאָמאָנאָווע

א מאָדנער ווינטער איז אויסגעפאַלן דאָס יאָר. די מעגושעמדיקע זאַווייען מיט די אײַנ־געגעסענע פראָסט האָבן זיך פלוצעם אויסגעלאָזט מיט אָדליגעס און פריליגנדיקער וואַרעמ־קײַט.

ווטשעראַשניע איז ניט צו דערקענען! בלאָטעס און קאַליושעס אָף יעדן טראָט. די שטעטל־דיקע אַלטע לײַט האָבן גאָרניט פאַרגעדענקט אזא פריִען און אזא ראַשיקן פרילינג. אָלגע האָט דעם דאָזיקן גאָר פריִען פרילינג איבערגעלעבט מיט א באַזונדערער און טיפער פרייד. זי האָט אמאָל אי ליב געהאַט, אי ניט ליב געהאַט דעם ווינטער — ליב געהאַט, ווײַל ער איז שיין, צויבערדיק־שיין. ס'איז גאָר עפּשער א וווּנדער אָט די ווײַסקײַט, אָט די פאַרגליווערטקײַט, און ניט ליב געהאַט דעם ווינטער האָט זי פּאַשעט, ווײַל אי דאָס שוכוואַרג, אי דאָס אייבערשטע אירס האָבן ווייניק געוואָרעמט זי אום ווינטער — קאַלט, כווּשעכדיק איז געווען אין איר שטוב.

יאָ, ביטערע קינדער־יאָרן, וואָס זײַנען פאַריבער מילכאָמע־צײַט און אין גאָר ניט קיין גרינ־גע ערשטע נאָכמילכאָמעדיקע צײַטן. איצט איז זי יונג, פול מיט קויכעס, פול מיט דראנג, און — נאָכן ערשטן ווינטער, אַזאַ, ווי זי האָט אים ליב, איז געקומען דער פרילינג, אַזאַ, וואָס פילט אָן דאָס האַרץ מיט שטורמישער פרייד, און עס לאָזט זיך אויס, אַז זי האָט פּאַשעט ליב די צײַט, אין וועלכער זי לעבט, אַלגע, די צײַט, וואָס קומט און גייט אַוועק אַלעמאָל מיט עפּעס מאַ־מאַשעסדיקס.

דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם פון קאָמיוג ווענדט זיך צו איר, צו אַלגען, מיט פאַרשיידענע פראַגן, דער סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָמיטעט שטעלט זי אַרויס פאַר א מוסטער, ווען ס׳קומט אויס צו ריידן וועגן געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

אַנומלטן האָט זי איינע אַן אַלטיטשקע געפרעגט:

— וואָס ברענסטו אַזוי?!

האָט איר אַלגע געגעבן אַן ענטפער מיט די שורעס פון נאָזים כיקמעטס א ליד:

אויב איך וועל ניט ברענען,
און ער וועט ניט ברענען,
און דו וועסט ניט ברענען —
ווער זשע וועט ברענגען
דאָס ליכט אויף דער וועלט?..

אַלגע האָט אירן א קלאַל: אויב עמעצער פון די אַבאָנענטן — אינוואַלידן צי סתּם אַלטע לײַט ווערן קראַנק, קומט זי צו זיי אַהיים, ברענגט א נײַעם בוך, שמועסט זיך דורך, — ווערט ניט זעלטן דעם מענטשן גרינגער אויפן האַרצן. כאָטש די אַרבעט מאַכט זי מיד פאַרן טאָג, קאָן זי אין איר ענגן בעטל צומאָל לאַנג ניט אײַנשלאָפן ווערן. פאַר אירע אויגן גייען דורך אַן א שיר לייענער — יעדערער מיט זײַנע פאָדערונגען, מע רעדט צו איר, מע פרעגט עפּעס. אַן א שיר ביכער שטעלן זיך אויס אין א ריי מיט די פילקאָלירנדיקע טעוולעך, מיט די אָנגעבראָכענע קאַרטאָנדלעך און טײַנען:

— מע דאַרף אונדז שוין איבערבינדן! מיר וועלן ניט אַרויס פון דער ביבליאָטעק אין אַזאַ הוילעך!

א צווייטע שורע ביכער — נײַינקע, פרישע, וואָס שמעקן נאָך מיט פאַרב, האָבן צו איר אַן אַנדער טײַנע:

— דו האָסט אונדז נאָך ניט איבערגעלייענט. נעם, טײַערינקע, לייען, לייען, דו דאַרפסט דאָך די ערשטע וויסן, ווער און וואָס מיר זײַנען...

ס׳איז כאָלעם און וואָר, דער אומרוו און דאָס גליק פון לעבן. נאָר עס איז דאָך טאַקע אַזוי: עס בלײַבט איר קימאַט ניט קיין צײַט אויף צו לייענען. ס׳פלעגט טרעפן, אַז עמעצער האָט גע־פרווט א שמועס טאָן מיט איר וועגן א נײַעם ראָמאַן און אַלגע האָט א פאַרויטלטע זיך געבעטן:

— מיר וועלן אָפּלייגן אונדזער געשפּרעך אויף אַן אַנדערשמאָל, איצט בין איך זייער פאַרנומען, איר זעט דאָך...

זי פלעגט ביז שפּעט אין דער נאַכט לייענען א בוך נאָך א בוך. די אויגן קלעפּן זיך, די מידקײַט צעגייט זיך אין אירע אייוורים און פאָדערט: גענוג שוין, שלאָף, שלאָף, מאָרגן איז דאָך א שווערער טאָג, רו אָפּ! נאָר אַלגע האָט קיין רעכט ניט קומען מאָרגן אין ביבליאָטעק אַזאַ, ווי זי איז געווען נעכטן...

אין דער היים איז אויך ניט אַלץ געווען גלאַטיק.

ראַיסע סאָלאָמאָנאָווונע האָט אַלץ אָפּטער זיך געקלאָגט אויפן האַרצן. די אַלטע זאָגט, אַז זי האָט קיינמאָל ניט געוווסט, וואָס הייסט האַרצווייטיק. און איצט דערמאָנט דאָס האַרץ וועגן זיך אַלעמאָל מיט א שטאָך, מיט א קלעם און עס שרעקט: אָט־אָט וועט עס זיך אָפּשטעלן...

— וואָס זאָגסטו אויף אַזאַ נאַרישקײַט, אַלינקע! — האָט זי נעכטן אין אָוונט א זאָג געטאָן און געגומען קלאָגן זיך. — עס ווײַזט זיך מיר אַלץ אויס, אַז אָסטאַפּ נעמט מיך אַראָפּ פון דער אַרבעט אין ביבליאָטעק.

— דאָס איז אומעגלעך! — האָט זי איבערגעשלאָגן אַלגע.

— גיי, זאָגט ער, אַלטע, גיי, דאַרפסט שוין אויסרוען די ביינער.

— אַנטשולדיקט, ראַיסע סאָלאָמאָנאָווונע, נאָר דאָס איז טאַקע א נאַרישקײַט!

אַלגע האָט אויפגעזאָדן א קענדעלע אָקרעפּ, פאַרקאָכט אין דעם א ביסל ליפּאָווע צוויט, דער־לאַנגט ראַיסע סאָלאָמאָנאָווונען צום בעט. דאָס מיידל האָט צוגעטראַכט א טערעץ, אַז מע האָט זי אײַנגעלאָדן אויף א זיצונג אין ראַיקאָם, און איז אַוועק אין פּאָליקליניק אַרויסרופן א דאָקטער.

דאָס ערשטע מאָל האָט אַלגע דערזען, ווי אומבאַהאָלפן מע איז, ווען מע ווערט פלוצעם ערנסט קראַנק. געווײנלעך פלעגט ראַיסע סאָלאָמאָנאָווונע גרינג אַריבערטראָגן א פאַרקילעכץ,

קאַפּוויטעק, קיינמאָל קימאט ניט געקלאָגט זיך, ניט געלייגט זיך אין בעט. צומאָל האָט אַלגע געטראַכט: ווו נעמט זיך בא דער באַיאָרטער פּרוי אַזויפל אײַנגעשפּאַרטקײַט און לעבנס־ליבע? דער אַלטער דאָקטער, וואָס האָט גוט געקענט ראַיסען, האָט גלײַך גענומען זײַן רענצעלע און איז אוועק צו דער קראַנקער.

— אַנשלאָפן געוואָרן, — האָט אַלגע שטיל געזאָגט, דורכלאָזנדיק בא דער שוועל דעם דאָקטער אין צימער אַרײַן, — א גאַנצע נאַכט זיך געמאַטערט און איצט — אַנשלאָפן געוואָרן.

— זאָל זי שלאָפן, דאָס איז גוט! — דער דאָקטער האָט פאַרזיכטיק צוגעזעצט זיך אפן בענקל לעבן בעט. — דאָס איז גראַדע גוט, גוט.

— וואָס איז דאָ אַזוי גוט? זייער שלעכט איז עס! — האָט שטיל דערווידערט ראַיסע סאָלאָמאָנאָוונע. זי האָט קוים געעפנט די ווײַס און מיט עמעסן פאַרוואורף געקוקט אף אַלגען, — מאַטריעך געוווען דעם דאָקטער. אײַ אײַ!

— מיך איז קיינער ניט מאַטריעך געוווען, ראַיסע סאָלאָמאָנאָוונע, — האָט פאַרענטפערט זיך דער דאָקטער. — שויך זשע האָב איך ניט די רעכט צו באַזוכן אײַך? א שאָד, וואָס איר באַגעגנט מיך ניט גאָר פרײַנטלעך, און וואָס איר ליגט אף דער לינקער זײַט, ווען איך קום צו אײַך צוגאַסט.

— וואָס פאַר א כילעק — רעכטע זײַט, לינקע זײַט. א קראַנקן, ווו מע לייגט אים ניט, איז ביטער!

— פּרווט זיך פּאַוואָלינקע איבערקערן אף דער רעכטער זײַט, נו, פּאַוואָלינקע, און גיט אף מיר א קוק — עפּעס בין איך דאָך אײַער גאַסט.

ראַיסע סאָלאָמאָנאָוונע האָט פּאַוואָלינקע זיך איבערגעקערעוועט, ווי דער דאָקטער האָט געהייסן.

— נו, איז ווי זשע פילט איר זיך? נאָר דעם ריינעם עמעס, איר הערט — דעם ריינעם עמעס, ווײַל איך קען דאָך אײַך!

— פאַר א ליגנערטע?

— גאָט זאָל היטן!

ביז דער דאָקטער האָט מיט זײַן טרײַבל אויסגעהערט די אַלטיטשקע, האָט זי געשוויגן, בלויז די אויגן אירע, האַלב־אָפענע, ערנסטע האָבן אומגעדולדיק געוואַרט, ער זאָל זי לאָזן צורו. עפּעס האָבן זיי געהאַט צו זאָגן זייער וויכטיקס, אָט די צאַנקענדיקע אויגן.

ווען דער דאָקטער האָט זיך ווידער צוגעזעצט, האָט ראַיסע סאָלאָמאָנאָוונע גענומען רעדן, ניט הויך, אָפּרוענדיק נאָך יעדער פראַזע. מע האָט געזען: זי טראַכט אַרום אַלץ, וואָס זי זאָגט, ס'איז פאַר איר זייער וויכטיק, ס'איז א מין ווידוי. דערפאַר האָט דער דאָקטער זי ניט אָפּגע־שטעלט, כאָטש ער האָט זיך געכמורעט — זי וואָלט איצט ניט דאַרפן ריידן.

זי האָט שוין געזאָגט, אַז כאָטש זי איז אַלע באַוווסטזיניקע יאָרן אירע געוווען אַן עלנטע, האָט זי קיינמאָל איינזאַם זיך ניט געפילט — שטענדיק צווישן מענטשן, שטענדיק געמיט זיך פאַר זיי, שטענדיק געזוכט און געפונען דאָס גוטע אין זיי...

— מיר האָט אָפּגעגליקט, — האָט זי געזאָגט נאָך א לענגערער פּאַוזע, און א שמייכל האָט באַלויכטן איר מאַט, צערונצלט פּאָנעם, — מיר האָט אָפּגעגליקט. יאָ, איך האָב געזען לענינען אפן באַרימטן שאַבעסניק אין מאָסקווע. דאַן בין איך נאָך געוווען, ווי דו, אַלינקע, פּונקט אין דײַנע יאָרן. אָט ווער עס האָט געקאָנט לעבן ניט צוליב זיך, נאָר צוליב די מענטשן, צוליב זייער בעסע־רער צוקונפט — לענין!.. איך האָב פאַרשטאַנען אף שטענדיק: אַלץ, וואָס איך טו, מוז נייטיק זײַן ניט נאָר מיר, ניט נאָר מיר...

זי האָט געבעטן א טרונק וואַסער.

— עפּשער טיי? — האָט אַלגע זיך געכאַפּט.

— וואַסער, קאַלטע וואַסער.

דער דאָקטער האָט איר אָפּגעמאָסטן דעם בלוט־דרוק און געבעטן:

— איר טאָרט איצט ניט ריידן, ראַיסע סאָלאָמאָנאָוונע. רוט אָפּ.

— גוט. כ'וועל שווײַגן. נאָך א ביסעלע, און איך וועל שוין שווײַגן. גייט עפּשער, דאָק־טער, האַ?

דער דאָקטער האָט טאַקע געמוזט אוועקגיין. אין פּירהויז האָט ער אַלגען שטיל געזאָגט:

— איך וועל אײַך באַלד צושיקן די נייטיקע רעפּועס. לאָזט זי ניט איבער איינע אַליין. עס וואָלט, פאַרשטייט זיך, גלײַכער געוווען נעמען זי אין שפּיטאָל, נאָר איצט טאָר מען דאָס ניט טאָן.

— וואָס האָט ער דאָרט צוגעטראַכט? — האָט די קראַנקע געזאָגט, ווען אַלגע האָט זיך אומגעקערט. — איך וועל אַלציינס אין ערגעץ זיך ניט לאָזן אוועקפירן. זעץ זיך צו לעבן מיר, אַלגע, הײַנט איז דאָך בא אונדז אַן אָפּרו־טאָג. די ביבליאָטעק איז פאַרמאַכט.

אַלגע האָט זיך צוגעזעצט דאָרט, ווו דער דאָקטער איז נאָרוואָס געזעסן.

— יאָ, איך וועלֿ טאַקע שווייַגן, — האָט ראַיִסע געזאָגט. — איך וועלֿ אים פֿאָלגן און שווייַגן. אָבער הערן מעג איך דאָך? דאָרט, אין מייַן רענצלֿ, אָלינקע, לֿיגן עטלֿעכע העפֿטן. דערלֿאַנג זיי און לֿייען. מעגסט אַפֿילֿע לֿייענען אין דער הייך.

אָלגע האָט גענומען דאָס רענצלֿ, ארויסגענומען איינעם פֿון די העפֿטן, פֿאַרזיכטיק אים א מיש געטאָן און איבערגעלֿייענט:

זינדיק ניט און בעט ניט קיין ראַכמאָנעס,
ווען ס׳קומט די צייַט פֿון אומבאַדינגטער רו,
דאַן העלֿפֿט שוין ניט קיין טפֿילֿע און קיין טאָנעס,
די וועלֿט איז אייביק,
נאָר ניט קיין אייביקער אין איר ביסטו...

— ווייַטער, ווייַטער, — האָט שטילֿ געבעטן ראַיִסע סאָלֿאָמאָנאָוונע.

אָלגע האָט איבערגעמישט א פֿאָר זייַטלֿעך און געלֿייענט:

געלֿויבט איז דער, וואָס האָט פֿאַרזוכט
פֿון לֿעבנס־נויט דעם טאַם,
און ניט געקניט, און ניט געוויינט מיט הייסע טרערן,
א טייַכעלֿע א קלֿיינס געפֿינט דעם וועג צום יאַם
און שרעקט זיך ניט פֿאַר שטורעמווינטן שווערע...

עס האָט זיך דערהערט א קלֿאַפּ אין טיר. אָלגע איז זיכער געווען, אַז דאָס האָט מען געבראַכט די רעפֿועס, ערשט נייַן — עס איז אַרייַנגעקומען עלֿיע. זי האָט געדענקט, אַז ער דאַרף קומען, און אַז ער קומט אָף שטענדיק — ער האָט נאָך נעכטן אָנגעזאָגט וועגן דעם מיט א טעלֿעגראַם. נעכטן איז עס בא איר געווען א גרויסער יאָמטעוו, און הייַנט... א פֿאַרומערטע איז אָלגע אַוועק אַנטקעגן עלֿיען, וואָס איז שטיין געבלֿיבן בא דער טיר. עלֿיע האָט אַלֿץ פֿאַרשטאַנען פֿון ערשטן בלֿיק און געדריקט אָלגען ביידע הענט. בלֿויז מיט די אויגן האָט ער געפֿרעגט: „ווי האַלֿט עס?“ און אָלגע האָט געענטפֿערט מיט א שטומען שאָקלֿ פֿונעם קאָפּ: „זעסט דאָך, לֿיבער“.

ראַיִסע סאָלֿאָמאָנאָוונע, ווי זי האָט געהאַלֿטן האַלֿב צוגעמאַכט די אויגן, אַזוי האָט זי זיי ברייטער ניט געעפֿנט. אויך דאָס האָבן שטום אָפּגעשאַצט עלֿיע און אָלגע. מיטאַמאָלֿ האָט די קראַנקע זיך גענומען קערעווען אָף א זייַט, אָלגע האָט זיך אייַלֿיק אויסגעדרייט צו איר — ראַיִסע סאָלֿאָמאָנאָוונע האָט זיך ניט געטאָרט באַוועגן. דערפֿילֿט די וואַרעמקייַט פֿון אָלגעס האַנט, האָט די אַלֿטע שוואַך געעפֿנט די אויגן, מוטנע, פֿאַרלֿוירענע, און שטילֿ גענומען רעדן:

— איך זאָג דיר אָן, אָלינקע, האָב לֿיב מענטשן. האָסט דאָך נאָרוואָס געלֿייענט: א טייַכעלֿע א קלֿיינס געפֿינט דעם וועג צום יאַם... גוט...

אָלגע און עלֿיע זייַנען פֿאַרציטערטע געשטאַנען לֿעבן בעט. ראַיִסע סאָלֿאָמאָנאָוונע האָט געשוויגן א מינוט־צוויי — זי האָט שוין ניט געלֿעבט.

אַן אָפֿענער געשפּרעך

ווען יעגאָר סעמיאָנאָוויטש האָט זיך געזעגנט מיט נאַדיען, האָט ער זי פֿאַרזיכטיק צוגע־דריקט צו זייַן ברוסט. ער האָט זי געוואָלֿט א קוש טאָן, נאָר זי האָט זיך אָפּגעקערט, כאָטש זי האָט געוואַרט אָף דעם קוש.

אַרויסבאַגלֿייט האָט זי אים שווייַגנדיק, שוין דאָס האָט באַטייַט, — ער האָט דאָס געדאַרפֿט פֿאַרשטיין נאָר אַזוי, — זי האָט אָף אים קיין פֿאַריבלֿ ניט, זי איז בלֿויז פֿאַרלֿוירן און פֿאַרלֿאָזט זיך אָף אים, דעם קלֿוגן, דעם געשטעלֿטן, דעם ערלֿעכן מענטשן.

נאָך דעם, ווי יעגאָר איז אַוועקגעגאַנגען, האָט נאַדיע א סאַך געטראַכט וועגן אים. זע, געמיינט האָט זי, אַז ער איז א שטרענגער, א ביטערער, און ער איז גאָר א פּאָשעטער און צוגעלֿאָזטער. נו, איז ווען זשע איז ער געווען אַזאַ, ווי ער איז אינדערעמעסן? דעמלֿט צי

איצט? סײַ דעמלט, סײַ איצט. דאָס איז זיכער. נאָר וואָס פאַר אַ מענטש וועט ער זײַן מיט איר, מיט נאַדיען, דאָס גאַנצע לעבן?

„דאָס גאַנצע לעבן"... טראַכט זי שוין טאַקע וועגן אים ערנסט?

נאַדיע איז נאָך אין טעכניקום געווען איבערצײַגט, אַז אַ מיידל אין אירע יאָרן מעג און דאַרף זיך גרייטן צו אַזאַ וויכטיקן שריט אין לעבן. צו וואָס מאַכן אַן אָנשטעל, אַז מע איז גלײַכגילטיק צו דעם פאַמיליען־לעבן, ווי אייניקע טוען דאָס? ווי גוט איז צו קומען נאָך דער אַרבעט אַהיים און וואַרטן, וואַרטן וויפֿל מע באַדאַרף, ער, דער ליבער, זאָל שוין גיכער קומען. יאָ, עס איז אַפֿילע ניט גרינג, גאָר ניט גרינג צו נעמען אויף זיך אָט די צוגאָבלעכע לאַסט — טראַכטן וועגן אים, זאָרגן וועגן אים, קאָכן, וואַשן, פּרעסן און... וואַרטן.

נו, איז וואָס? וואַרט מען, קאָכט מען, וואַשט מען, האָט מען יעסורים, נאָר וואָס זײַנען זיי ווערט, די יעסורים, אין פֿאַרגלײַך מיט דעם גוטן געפֿיל, ווען דו ווייסט, ווען דו ביסט זיכער, אַז עמעצער זאָרגט וועגן דיר, פּונקט אַזוי ווי דו וועגן אים, ער טראַכט וועגן דיר, איז גרייט פֿאַר דיר גיין אין פֿײַער און אין וואַסער.

דאָס אַלץ איז אַזוי, דאָס אַלץ איז ריכטיק, אָבער זי דאַרף נאָך אַ סך טראַכטן, זי האָט נאָך אַלץ ניט דערטראַכט ביזן סוף, ניט אָנגענומען דעם באַשלוס, וואָס זי מוז אָננעמען, יעדנפֿאַלס פֿאַר זיך אַליין. יעגאָר... נו, און קאָסטיע, אָט דער געזונטער, ראַשיקער, פֿריילעכער יונג, פֿון וועלכן עס שפּראָצט מיט לעבן? איז וועמעס זשע וועט זי זײַן, ווער וועט זײַן אירער? אַך, יעגאָר, יעגאָר, פֿאַרוואָס ביסטו אַזוי צוריקגעהאַלטן? ליבע פֿאָדערט אַנטשלאָסנקייט. ליבע דערלויבט זיך אַזוינס, וואָס גרענעצט אַמאָל מיט אומזין. און עפּשער איז ער פֿאָרט גערעכט, יעגאָר, ער היט אָפּ איר ווירדע?

ניין, ער האָט זי טאַקע ליב, ער שעצט זי. ניט אַלץ איז דאָך אַזוי פּאָשעט אין זײַן לעבן. ער וואַרט אויף איר ענטפֿער... וואָס זשע זאָל זי אים ענטפֿערן?

■

עס איז שוין אַוועק פֿעווראַל. יעגאָר האָט געמאַכט זײַן פֿאָרטראָג אין לייענזאַל פֿון דער נײַער ביבליאָטעק. קאָסטיע איז בײַס די דעבאַטן אַרויסגעטראָטן מיט אַ וואָרט. ער האָט געבראַכט בײַשפּילן פֿון זײַן לעבן, דערציילט וועגן עטלעכע פֿאַלן, וואָס האָבן פּאַסירט מיט זײַנע כאַווײרים אין שאַכטע און אין דער אַרמיי, און האָט אַלץ באַטאָנט איינס: ווער עס איז אַ שלעכטער כאַווער, איז אַ שלעכטער מענטש.

— אַזוי איז אינעם לעבן, — האָט ער געזאָגט, — אַזוי איז אין ליבע. דײַן פֿרײַנט גייט נאָך דיר נאָך ווי אַ „קרעפּילשטשיק", ווי דער, וואָס פֿעסטיקט הינטער דיר די לאַווע; שטעלט ער באַצײַטנס דעם סלופּ, ביסטו באַוואָרנט פֿון אַ סאַקאָנע, און אויב ניט?..

נאַדיע האָט פֿאַרשטאַנען, וועגן וואָס קאָסטיע האָט גערעדט, וועמען ער מיינט. זי און יעגאָרן מיינט ער. און כאָטש דער פֿאָרטרעגער האָט זיך אָמיינסטן אָפּגעשטעלט אויף די פֿראַגן, ווי בעסער אויסנוצן די נײַע מעכאַניזמען, האָט קאָסטיע דאָך געטײַנעט, ווי אַן עמעסער קוילנגרעבער, אַז מאַשינעס זײַנען וויכטיק, נאָר נאָך וויכטיקער איז דער, וואָס שטייט בײַ די מאַשינעס, — דער מענטש. און טאַקע וועגן דעם מענטשן דאַרף מען טראַכטן און זאָרגן.

ניט לאַנג פֿאַר דעם, ווי יענער אָוונט אין ביבליאָטעק האָט זיך אָנגעהויבן, האָט קאָסטיע אָפּגעשטעלט נאַדיען אינעם נאָך פּוסטלעכן זאַל און שטיל געבעטן געבן אַ קלאָרן ענטפֿער: צי האָט ער די רעכט צו האָפֿן אויף עפּעס, צי טראַכט זי וועגן אים, צי געדענקט זי וועגן אים? זי זעט דאָך...

— איך האָב געוואָלט, דו זאָלסט זיך צו מיר גוט צוקוקן, זאָלסט דערפֿילן, אַז איך בין דײַן פֿרײַנט, מער ווי אַ פֿרײַנט.

— כ'האָב דערפֿילט, קאָסטיע.

— האָט זיך אָבער צווישן אונדז באַוויזן יעגאָר סעמיאָנאָוויטש.

— פֿונוואַנען ווייסטו?

— שוין זשע מיינסטו, אַז איך בין בלינד? אויב דו ווילסט, וועל איך אים עס זאָגן אין די אויגן. צי עפּשער מיינסטו, אַז איך וועל זיך דערשרעקן פֿאַר אים?

נאַדיע האָט בײַ קאָסטיען גענומען דאָס וואָרט, אַז ער וועט דאָס ניט טאָן.

— איך האָב אים נאָך גאָרנישט ניט געזאָגט, קאָסטיע, איך מוז נאָך גוט אַ טראַכט טאָן.

— איז ווי לאַנג וועסטו טראַכטן?

— כ'ווייס ניט.

— און איך ווייס, — האָט ווי מיט אַ קרעכץ געזאָגט קאָסטיע. — עס גייט דיר ניט אין

דעם, וואָס ער איז אַף אַ הויכער שטעלע, אַזאַ שלעכטע מיינונג בין איך וועגן דיר ניט. נאָר דאָס יאָ — ער איז מער געפּרוּווט אין לעבן, איידער איך. דאָס קאָן דיר געפעלן.

אָט די ווערטער קאָסטיעס, ריכטיקע, זייער ריכטיקע, האָבן עפּשער טאַקע אַלץ געלייזט — ער האָט איר אַליין געזאָגט, נאַדיען, וואָס עס ציט זי צו יעגאָרן. אַליין געעפנט איר די אויגן.

■

אין אָפּרו־טאָג זיינען נאַדיע מיט קאַטיען אַוועק צוגאַסט צו די קאַמאַראָווס — צו וואַליען און דאַדיקן.

ס'איז געווען פּאַרנאַכט — אַ שטילער, אַ לינדער אָוונט. מע איז געגאַנגען דורכן שאַכטיאָר־רישן יישעוו. אין אַלע פענצטער פון די צומיינסטנס איינשטאָקיקע שטיבלעך האָט געלויכטן פייער, רויטע פייערלעך האָבן געברענט אויך אַף די שאַכטע־טורעמס.

נאַדיע האָט געוווסט: טאַקע דאָ, וווּ זיי גייען, זי און קאַטיע, ערגעץ טיף אונטער דער ערד, שלענגלען זיך די לאַבירינטן פון דער שאַכטע, און ערגעץ האַקט דאָרט קוילן קאָסטיע, אַ שוואַרצער, אַ פאַרשוויצטער.

נאַדיען האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט זאָגן קאַטיען, וועגן וואָס זי טראַכט, נאָר געזאָגט האָט זי גאָר עפּעס אַנדערש:

— מיר גייען אָט אַזוי, און אונטן אַרבעטן מענטשן.

קאַטיע האָט פאַרלוירן אַ קוק געטאָן אַף נאַדיען, באַלד אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אַ פאַרויטלטע — די רויטקייט איז בוילעט אַרויסגעטראָטן פון צווישן די זומערשפּרענקלעך — געזאָגט:

— איך האָב אויך פּונקט געטראַכט וועגן דעם.

— געטראַכט?

— יאָ, איך שרייב אַ ליד...

— אויסווייניק, גייענדיק?

— איך האָב געהערט צי ערגעץ געלייענט, אַז עס טרעפט אָפּט אַזוי — מע שרייבט גייענ־דיק! אויב איר ווילט, וועל איך אייַך אַ שטיקעלע איבערלייענען.

קאַטיע האָט גענומען נאַדיען אונטער דער האַנט.

ביסט ערגעץ טיף אונטער דער ערד,
דאָס פּאָנעם — שוואַרץ,
עס גלאַנצן נאָר די ציין,
נאָר דו פאַרמאָגסט אַזויפיל כיין,
און ס'איז בא דיר אַזאַ דרייסט האַרץ...
און דיינע אויגן, ווי צוויי העלע שטערן —
זיי זוכן מיך, נאָר איך בין פון דיר וויַיט...
דו ווייסט נאָך ניט, אַז איך וועל דיר געהערן...

— ווייַטער, ווייַטער! — האָט נאַדיע געבעטן.

— ווייַטער האָב איך נאָך ניט צוגעטראַכט... איר מיינט, אַז דאָס איז אַזוי גרינג צוטראַכטן, וואָס ווייַטער וועט זיין?

— פאַרשטייט זיך, פאַרשטייט זיך! ווען האָסטו געווידמעט די ליד?

— ווי מיינט איר?

— קאָסטיען?

— פונוואַנען ווייסט איר?

— ס'איז ניט שווער זיך אָנשטויסן!

קאַטיע האָט זיך צי באַליידיקט, צי פאַרלוירן — זי האָט געשוויגן, און נאַדיע האָט אויך געשוויגן.

אין שטוב האָבן זיי געטראָפן נאָר וואַליען. איר גרויסן בויך האָט זי זיך געפּרוּווט פאַר־שטעלן מיטן ברייטן ספּעציעל אויפגענייטן קלייד. נאָר ביכלאַל האָט די שוואַנגערשאַפט איר געפּאַסט, כאָטש זי האָט אויסגעזען עלטער, וואַליע, — עס האָט זיך געשפּירט אין איר רויִקע שטאַלץ און טיפע מילדקייט.

אירע אויגן זיינען געוואָרן פאַרטראַכט, דער שמייכל — ווייכער, די באַוועגונגען — לאַנגזאַמער... דער קאָפּ איז בא איר פאַרשלייערט, ווי בא דער באַלעבאָסטע אירער — מיט אַ קנופּ איבערן שטערן. עס פּאַסט איר בא איר ניט? מילע. זי טראַכט איצט ניט וועגן דעם. דער איקער — דאָס קינד, דאָס קינד!

— זע נאַר, געסט! — האָט וואַליע אויסגערופן, דערזעענדיק נאַדיען און קאַטיען, — כאַטש נעם און צעוואַלגער די הרובע!

— ווייסט דען ניט, ווי מיר זײַנען פאַרנומען!

— איך ווייס. פאַרוואָס זאָל איך ניט וויסן?! דאַדיק ווערט אויך גאַנצנע טעג פאַרפאַלן אינעם קולטור־פּאַלאַץ.

— וואָס מאַכט ער?

— ער גרייט אַן אויסשטעלונג. אויסגעזוכט צווישן די כעוורע אוזלכע, וואָס האָבן ליב מאָלן, און האָט אָרגאַניזירט אַ סטודיע.

— און אַליין מאָלט ער עפּעס נײַס?

— צוביסלעך.

זיי האָבן גערעדט, געשפּאַסט, געוואָרטלט זיך. וואַליעס פּאָנעם האָט זיך פאַרוויטלט, און עס זײַנען נאָך מער אונטערגעשטראָכן געוואָרן די געלע פלעקן אויף איר שטערן און אויף די באַקן. נאַדיע, ווי זי האָט זיך ניט געסטאַרעט, האָט עפּעס ניט געקאָנט באַהערשן אין זיך דעם געפיל פון קינע. זי האָט געפרעגט:

— נו, און די שכיינים דײַנע, ס׳הייסט, די באַלעבאַטים, זײַ זײַנען זיכער ניט צופרידן פון דעם, וואָס עס דאַרף פּאַסירן?



— פאַרקערט! אַנטאָן מאַרטינאָוויטש זאָגט: „ביזוואַנען מיר האָבן ניט קיין אייניקל, וועלן מיר זיך קוויקן מיט אײַער יאַטל". ער דערציילט אויך, דאַווידענקאָ, אַז ער האָט געשמועסט מיט יעגאָר סעמיאָנאָוויטש וועגן אונדז, ער זאָל, הייסט עס, טראַכטן, דער שעף, וועגן אַ גרעסערער דירע פאַר אונדז.

— וואָס זשע האָט יעגאָר סעמיאָנאָוויטש געענטפערט?

— אינעם נײַעם הויז, וואָס די שאַכטע בויט, זאָגט ער, וועלן מיר זײַן מיט אים שכיינים. מיר וועלן דאָרט באַקומען אַ דירע, און ער קלײַבט זיך אויך אַריבערפאָרן אַהין, אין אַ נײַער דירע.

בא נאַדיען האָט אַ וואַרעמען צאַפּל געטאָן דאָס האַרץ: „אַ נײַע דירע וועט ער האָבן? ער, איינער?.. אָט, ער גרייט זיך...״

ביז די כאַווערטעס האָבן געשמועסט, האָט קאַטיע באַטראַכט דאָדיקס עסקיזן און צייכע־נונגען, מיט וועלֿכע עס זײַנען באַהאַנגען געווען די ווענט. אַף אַ בייגעלֿע פּאַפּיר איז אָנגעמאָלֿט געווען קאָסטיע.

אינגיכן איז געקומען דאָדיק. ווען נאַדיע האָט אים געהאַט געזען אין קולטור־פּאַלאַץ, האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז ער איז געוואָרן סאָלֿידער, אָבער דאָ, אין דער היים, לֿעבן וואָלֿיען, איז עס ווידער געווען אַ באָכערלֿ שיר ניט פון ערשטן קורס, נאָר אין די אויגן בײַ אים האָט נאַדיע באַמערקט די זעלֿבע מידקײַט פון דערוואַרטונג, וואָס בײַ זײַן וואָלֿיען.

דאָדיק איז צופרידן געווען, וואָס נאַדיע איז געקומען.

— עסט, מיידלֿעך, עסט, — איז ער מעכאַבעד געווען די געסט מיט פלוימען, — אַ ביסלֿ צוגעפּרוּוירענע, נאָר דאָך — וויטאַמינען!

— בעסער וואָלֿט איר מיר געשענקט איינע פון אײַערע צייכענונגען, — האָט גאַנץ ערנסט געזאָגט קאַטיע.

— וועלֿכע, צום בײַשפּילֿ?

— אָט אָ־די, — זי האָט אָנגעוויזן אַף קאָסטיען.

— זייער ניט קיין געלֿונגענער עסקיז! אויב שענקען, איז וועלֿ איך אײַך שענקען עפּעס בעסערס.

— ניין, ניין, מיר געפעלֿט אָט דער געמעלֿ!

נאַדיע האָט זיך באַמיט ניט קוקן אַף קאַטיען, זי האָט ניט פאַרשטאַנען: ס׳איז אַ שטאָך צי סטאַם אַזוי?

— מיילֿע, נו, אַ גאַסט זאָגט מען ניט אָפּ, — האָט דאָדיק אײַנגעשטימט, — איר באַקומט די מאַטאָנע. אַגעוו, האָב איך אים נאָרוואָס באַגעגנט אין גאַס, דעם דאָזיקן קאָסטיען, ער גייט אום מיט אונדזער שעף פון דער שאַכטע, און ביידע זײַנען זיי אַזעלֿכע ערנסטע, אָנגעבלאָזענע, זיי האָבן מיך אפילֿע ניט באַמערקט.

דאָס, וואָס קאָסטיע גייט אום אין גאַס מיט דובאָוון, האָט נאַדיען טיף באַאומרויִקט. זי האָט פאַרויסגעזען, אַז אַ געשפּרעך וועט בײַ זיי אומבאַדינגט פאָרקומען. זי האָט גענומען אײַלֿן, זי האָט שוין מער ניט געקאָנט דאָ אײַנזיצן, בײַ די קאַמעראָדוס. און כאָטש נאַדיע האָט געוווּסט, אַז ווען זי דערזעט אפילֿע פונווײַטנס אין גאַס יעגאָרן און קאָסטיען, וואָלֿט זי זיך באַהאַלֿטן, פאַרקערעוועט אין אַ זײַט, — האָט זי דאָך געוואָלֿט אַוועק פונדאַנען.

ווען נאַדיע און קאַטיע האָבן זיך אומגעקערט צו זייער שטוב, האָבן זיי באַמערקט, אַז עס שפּאַנט דאָרט אום באַם טויער עפּעס אַן אײַנגעהויקערטער מענטש אין הויכע שטיוולֿ און אין אַ רויט פעלֿצלֿ. נאַדיע האָט גלײַך דערקענט איר טאַטן, וועלֿכן זי האָט שוין ניט געזען העכער דרײַ יאָר.

— ווי קומסטו אַהער, טאַטע?

— איך וועלֿ דיר אַלֿץ דערציילֿן, טאָכטער! — ער האָט זי אַ קוש געטאָן, און נאַדיע האָט דערפילֿט, אַז עס שמעקט פון אים ווײַן.

דער טאַטע האָט קיינמאָלֿ ניט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקע זאָרג וועגן איר. ווי נאָר ער האָט דאָס צווייטע מאָלֿ כאַסענע געהאַט, האָט ער גלײַך ווי אויסגעמעקט פון זײַן האַרצן און פון זײַן זיקאָרן אַלֿע זײַנע קרויווים. צוליב דער רויטהאָריקער ווערקאָניקע האָט ער אַראָפּגענומען פון דער וואַנט דער מאַמעס פּאָרטרעט, קיין איין מאָלֿ ניט אָנגעשריבן דער טאָכטער אַ בריוו.

און נאַדיע האָט אַזוי געוואַרט אַף זײַנע בריוו!

— וויפּלֿ זשע האָבן מיר זיך מיט דיר ניט געזען, טאַטע? — האָט זי שטילֿ, פאַרטויבנדיק אין זיך דעם פאָרוווּרף, געזאָגט.

— וואָס איז דאָס פרעגן, דו ווייסט אַלֿיין.

— און ווו איז זי?

— אַוועקגעפאָרן, — האָט ער ניט געזאָגט, אויסגעקרעכצט, — אומגעקערט זיך צו איר מאַן.

— זי האָט דען געהאַט אַ מאַן?

— געהאַט... אין איין־און־פערציקסטן האָט מען אים אַרויסגעפירט ערגעץ קיין פראַנקרײַך, פון דאָרט איז ער געלֿאָפן, זאָגט ער, אין איטאַלֿיע, פון דאָרטן — נאָך ערגעץ.

— זעט אויס, יענער פויגלֿ, — האָט נאַדיע אַ שמייכלֿ געטאָן.

— אַ פויגלֿ צי ניט קיין פויגלֿ, מע איז דען בײַ זיך אין די הענט? מיט דער הילף פון אונ־דזער קאָנסולֿ האָט ער זיך, אַלֿס סאָוועטישער בירגער, אומגעקערט אַהיים.

— און וויאַזוי האָט ער אָפּגעזוכט זײַן ווײַב?

— אַז מע זוכט — געפינט מען! און כאָטש זי האָט שוין געהאַט אַ קינד, מײַן קינד, האָט ער זי צוגענומען!

— וואָס הייסט — צוגענומען? — האָט זיך קאַטיע אַרײַנגעמישט.

— צוגענומען, און פּאַטער! דער מאַן אירער, ס׳הייסט וועראָניקעס מאַן, איז גראָדע, קאָן איך אײַך זאָגן, א פֿײַנער מענטש. „איך פֿרעג בא דיר גאָרניט און האָב צו דיר גאָרניט, — האָט ער גערעדט צו איר, צו מײַנער, — איך בין, זאָגט ער, געווען אַף דער־וועלט און אַף יענער־וועלט, און אומעטום ביסטו געשטאַנען פֿאַר מײַנע אויגן". דאָס רעדט ער צו איר אַזוי. און צו מיר זאָגט ער: „האָט קיין יעסורים ניט, דאָס קינד וועל איך אויסהאָדעווען, ווי אַן אייגן קינד. זי וועט עס בא אײַך ניט איבערלאָזן, וועראָניקע". האָקלאָל, זי איז בעפּירעש געווען א פֿײַנע פֿרוי, ניט גאָר קיין שיינע, נאָר ניט אין דער שיינקײַט איז דאָך דער איקער, טאָכטער מײַנע. דער איקער איז אינעם האַרץ, אין דער נעשאָמע.

— איר זענט אַוודע גערעכט, — האָט קאַטיע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, פּונקט ווי דער אַלטער צעבראָכענער מענטש וואָלט דאָס אַלץ דערציילט איר, קאַטיען.

— נו, און איצט בין איך ווידער עלנט, ווי א שטיין. ס׳הייסט, א שטוב האָב איך, און א באַלעבאַטישקײַט אויך — זי האָט גאָרניט געוואָלט נעמען, אַלץ איבערגעלאָזט. נאָר צוליב וואָס דאַרף איך עס? אַף קאַפּאָרעס, אַף סים טישטשע קאַפּאָרעס! — אין די אויגן זײַנען אים געשטאַנען טרערן, ער איז אַנשוויגן געוואָרן.

נאַדיע האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן טאַטן. זי האָט אַף אים ראַכמאָנעס געהאַט.

ער האָט ווידער און ווידער אָנגעהויבן פֿון דעם זעלבן:

— איך האָב זי געבעטן איבערלאָזן מיר דאָס מיידעלע, וואָלט איך ניט געווען אַזוי איינזאַם. נאָר ער האָט בעשום־אויפן ניט געוואָלט. „צוגאַסט קומט צו פֿאָרן וויפֿל איר ווילט, נאָר וועראָניקעס קינד וועט לעבן דאָרט, ווו זי וועט זײַן!"

— נו, און זי, וועראָניקע, וואָס האָט געזאָגט? — האָט קאַטיע אָפּסנײַ זיך נאָכגעפֿרעגט.

— וואָס האָט זי געקאָנט זאָגן? זי האָט געהאַלטן אין איין שעפּטשען: „אַזאַ גוירל בא מיר, אַזאַ גוירל". נו, און איז אַוועקגעפֿאָרן מיט אים אַפֿן ווײַטן מיזרעך.

— הייסט עס, האָב איך שוין א קרויווע אַפֿן ווײַטן מיזרעך, — האָט נאַדיע געזאָגט מיט גאַל.

— וואָס קרויווים, ווער קרויווים, דערוויײַל זײַנען מיר מיט דיר, טאָכטער, איינזאַמע אַף דער וועלט. לאָמיר, הערסטו, פֿאָרן אהיים, האַ? זאָג מיר ניט ניין, באַטראַכט זיך.

— איך האַלט בא כאַסענע האָבן. שוין צײַט, טאַטע, ווענן זיך אַליין א טראַכט טאָן, איך בין דאָך שוין ניט די נאַדיע, וואָס פֿאַר דער מילכאָמע.

— און ווער איז ער, דער כאָסן דײַנער?

— איר וועט זיך באַקענען! כ׳בין זיכער, טאַטע, אַז ער וועט דיר געפֿעלן!

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי גערעדט — דער טאַטע מיט זײַן טאָכטער.

קאַטיע איז אַוועקגעגאַנגען שלאָפֿן אין קיך צו דער אַלטיטשקער פּענסיאָנערקע, און נאַדיע האָט ערשט דעמאָלט מעכאַבעד געווען דעם טאַטן מיט טיי. ער האָט געטרונקען א גלאָז נאָך א גלאָז, ווי שטענדיק נאָך לײַכטער שיקרעס.

דער טאַטע האָט שוין אַראָפּגעשלעפּט די שטיוול, א דערוואַרעמטער פֿון דער טיי מיט אײַנגעמאַכטס, און געקליבן זיך צוליגן אַפֿן ריינעם געלעגער, ווען עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— דו, קאַסטיע, — האָט זיך נאַדיע פֿאַרכידעשט, — פֿאַרוואָס אַזוי שפּעט?

קאָסטיע האָט באַטראַכט נאַדיעס גאַסט.

— זײַ באַקאַנט — ס׳איז מײַן טאַטע. און דאָס איז קאָסטיע.

— נאַדינקע, — האָט קאָסטיע געזאָגט, — איך האָב געזען, אַז עס לײַכט זיך בא דיר אין פֿענצטער, האָב איך באַשטימט אָנקלאַפּן. אַנטשולדיק, איך האָב ניט געקענט ניט אָנקלאַפּן. זאָלסט וויסן, ער איז זייער א פֿײַנער, זייער אַן אָנשטענדיקער, אַן עמעסער מענטש, דובאָוו. וואָס איז דאָ צו ריידן? מיר האָבן טעלעפֿאָן שאָ געשמועסט און זײַנען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען...

— ווי פֿרײַנט?

— ווי פֿרײַנט. ער האָט דיך זייער ליב, נאַדינקע. ער זאָגט, אַז דאָרט, ווו ליבע, דאָרט איז עמעס. נישקאָשע, זאָל דײַן טאַטע אויך הערן.

נאַדיע האָט אים געבעטן צוזעצן זיך, גענומען אָנגיסן אים א גלאָז טיי.

קאָסטיע האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— שפּעט! נאַדיע, שפּעט, איך גיי.

און ס׳איז ניט קלאָר געווען, וואָס מיינט ער מיטן „שפּעט", כאָטש ס׳איז קלאָר געווען — ניט נאָר די שפּעטע שאָ מיינט ער.

ער האָט ווי א בלינדער לאַנג געזוכט די קליאַמקע פֿון דער טיר, געפֿונען זי און איז אַרויס.

וואַניע און גאַלינקע

אַלגע האָט מוירע געהאַט נעמען אַף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער ביבליאָטעק אַף ניקאָליי אַסטראָווסקיס נאָמען. מע וועט דאָך אומבאַדינגט אַף יעדן טראָט פאַרגלייכן זי, אַלגען, מיט דער פאַרשטאָרבענער ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונע און זאָגן דערביי: וואָס ווילט איר? יונג, גרין, קוים זיך געשטעלט אַף די פיס.

דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם, וואַסילי פיאָדאָראָוויטש, האָט געייצעט:

— סטאַרעט זיך זיין ענלעך אַף ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונען — שפּאַרט זיך אָן אַף איר אַקטיוו. מיר וועלן אייך העלפן, און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג!

אַלגע האָט געהאַט נאָך איין זאָרג — עליע. יאָ, צוזאַמען מיט דער פרייד, דעם גליק, וואָס מע איז צוזאַמען, איז געקומען אויך אַ גרויסע זאָרג, וואָס טיף באַנומען האָט זי אַלגע עפּשער בלויז אַצינד. מע האָט אָנגעהויבן אַ נייַ, אַ געמיינזאַם לעבן. און ניט אַזוי פּאָשעט גייט עס אַלץ צו. עליע האָט פאַרלאָזט צוליב איר די גרויסע שטאָט און איז אַריבערגעפאָרן אַהער, אינעם דאָנבאַסער יִישעוו. ער האָט פאַרלאָזט צוליב איר דעם באַליבטן זאַוואָד, ווו ער איז, אייגנטלעך, געוואַקסן, געוואָרן אַ מענטש. זי, אַלגע, האָט אים צעשיידט מיט דער מאַמען, מיט אַפאַנאַסי אַניסימאָוויטשן, וואָס איז אים — מע מעג דאָס זאָגן מיט רעכט — קימאַט אַ טאַטע, ער טוט דערווייַל נאָך גאָרניט, עליע, קעדיי ווייַטער צו דערגרונטעווען זיך אין זיין דערפינדונג, — נו, איז ווי זשע וועט דאָס זיך אָפּרופן אַף אים, און ווי וועט עס זיך אָפּרופן אַף זייער ביידנס לעבן?

און עליע האָט וועגן גאָרנישט ניט געוואָלט טראַכטן. ער איז געווען גליקלעך! אַז אַ מענטש איז גליקלעך, גייט אים גאָרניט אָן. אַלגע איז דאָ, ער האָט די מעגלעכקייט ריידן מיט איר, שפּאַסן, צערטלען זי. איצט איז זי גאָר שענער, ווי פריִער, כאָטש זי האָט זיך אַ ביסל געענדערט. און ליב איז אים צו זאָרגן וועגן איר, קויפן איר עפּעס, ברענגען עפּעס אין שטוב אַרייַן. אָט איז זי הייזעריקלעך געוואָרן, ברענגט ער איר זיין פלאַש מילך, וואָס מע גיט אים אַרויס אַף דער זאָקן-פאַבריק. מע קאָן טאַקע פראָסט קויפן מילך, נאָר ס׳וועט ניט זיין אַזוי גוט, ווי ברענגען די דאָזיקע פלאַש...

באַנאַכט, ווען די לעוואָנע פלעגט זיך אַרייַנגאַנווענען צו זיי אין צימער און זיך אַוועקשטעלן צוקאָפּנס, פלעגט עליע ווי אַ פאַרגאַפטער קוקן אַף אַלגעס בלאָנדע צעשאָטענע האָר... אים האָט זיך ניט געגלייבט, אַז דאָס קען ער טאַקע צעקעמען זיי מיט די פינגער. ער פלעגט פאַרניורען זיין שוואַרצן געקרויזלטן קאָפּ אין איר גאָלדענער נעץ און גליקלעך זיין. ער האָט ליב געהאַט זיך צוהערן צו איר טיפן אָטעם. פאַרטאָג, ווען די לעוואָנע טרעט אָפּ איר אָרט די ערשטע זונען-שטראַלן, פלעגט ער אַלעמאָל דערוואַכן פון שלאָף מיט אַ געפיל, אַז ער האָט זיך נאָרוואָס אָנגעטרונקען פון אַ פרישן לויטערן קוואַל און יעדער טרונק האָט אים דערמונטערט, אָנגעפילט מיט גוורע.

אַלגע איז ניט געווען אַזאַ אומיטלבאַרע, ווי עליע. אָפט פלעגט זי ליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און שווייַגן. איר איז גוט געווען לעבן אים, אַזאַ צאַרטן, אַן איידעלן און געטרייַען. זי האָט אים פאַרשפּאָרט פרעגן, צי האָט ער זי ליב. ווערטער זייַנען ניט אימשטאַנד דאָס אויסדריקן! צי געפעלן אים די מיידלעך, וואָס אַרבעטן אַף דער זאָקן-פאַבריק? זי האָט געזען: דאָרט זייַנען פאַראַן זייער שיינע, אייניקע קומען צו איר אין ביבליאָטעק — פרייַלעכע, מיט ברענענדיקע אויגן... ניין, זי וועט באַ אים ניט פרעגן — זי פילט, אַז זי איז אים טייַערער און ליבער פון אַלעמען אין דער וועלט! אָט איז שוין אַדורך אַ כוידעש און צוויי פון זייער צוזאַמענלעבן. צי איז זי געווען גליקלעך מיט אים? געוויס!

„נו, מייַן טייַערע, — האָט זי געשריבן צו נאַדיען, — בין איך שוין געוואָרן עליע קירשטיינס ווייַב. עס לעבט זיך אונדז גאַנץ גוט. וואָס דאָס הייסט — פאַרשפּאָר איך דיר שרייַבן. ער הערט זיך צו צו מייַן יעדן וואָרט, פאָלגט מיך, פאַרלויפט מיר אַלע וועגן און היט מיך אָפּ און טראָגט מיך מאַמעש אַף די הענט. דעם עמעס גערעדט, האָב איך אַ ביסל מוירע געהאַט און טאַקע דערפאַר זיך ניט געייַלט... קאַרג בייַשפּילן האָב איך געהאַט אינעם לעבן — דו ווייסט דאָך?! האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז מיר האָבן טאַקע איינס דאָס צווייטע ליב, שטאַרק ליב. און מיר לעבן דערווייַל אויסגעצייכנט! ווערסטו מיך פרעגן: וואָס עפּעס „דערווייַל“? ווייַל אַלץ איז נאָך צו נייַ, צו פריש. ווי וועט ווייַטער זייַן, וועלן מיר זען. די וועלט זאָגט, אַז מע דאַרף צוזאַמען אויפעסן אַ פּוד זאַלץ...“

עליע פלעגט יעדן אָוונט דערציילן אַלגען נייַס פון דער פאַבריק, ווי עס אַרבעט זיך אים דאָרט. אַלגע האָט באַמערקט, אַז עליע האָט מער ליב ריידן, ווי הערן. פריִער איז ער געווען אַ שעמעוודיקער, אַ שווייַגער. און ניט ווייַל זי האָט אַליין געוואָלט ריידן, דערציילן עפּעס וועגן זיך, וועגן אירע ביבליִאָטעק־איניאַנים, האָט זי אים אַנומלטן אָפּגעשטעלט:

— ביסט צו פאַרכאַפּט, איליושע, מיט אַלץ, צו באַגייַסטערט. זע, דו זאָלסט זיך ניט אַנטוישן. אַזוינס טרעפט אַמאָל.

— אויב דיר איז ניט צום האַרצן, וואָס איך טייל זיך מיט דיר, — האָט זיך עליע באַלייַדיקט, — אויב דיר איז נימעס...

— ניין, איליושע, פאַרקערט. נאָר צי ווייַזט זיך דיר ניט אויס, אַז דו באַרימסט זיך צופיל מיט דייַנע דערפאָלגן?

— יעדער מענטש איז צופרידן, ווען מע שעצט אים אויף דער אַרבעט. וועמען זשע זאָל איך דערציילן, אויב מע שטעלט מיך דאָרט פאָרט פאַר אַ מוסטער? נאָר אויב דיר איז ניט אינטערעסאַנט, איז דערצייל דו עפּעס. מיר, צום בייַשפּיל, געפעלט מער, ווען דו רעדסט, ווי ווען דו שווייַגסט. מייַן מאַמע פלעגט זאָגן: אַ שווייַגער איז ווי אַ שטילע שוויגער; זי שווייַגט און קאָכט אין זיך. בעסער וואָלט זי שוין געשריגן! פאַרשרייַב, פאַרשרייַב, ס׳איז אַ קלוגער געדאַנק, — האָט ער זיך צעלאַכט, ווען ער האָט דערזען, ווי אַלגע פאַרשרייַבט אין איר ביכעלע ראַכילקעס אַפאָריזם.

אַלגע האָט פיל מאָל געטראַכט, פאַרוואָס איז עליע פאָרט ניט אַזאַ, ווי ער איז געווען, גאָר אַן אַנדער מענטש! עפּשער איז ער אַזאַ באַריידעוודיקער, ווייַל ער האָט מוירע, אַז איר איז מיט אים לאַנגווייַליק? און טאַקע, וואָס קאָן זייַן ערגער, ווי ווען צוויי נאָענטע האָבן ניט פון וואָס צו ריידן...

די ווערקשטעלן, דער קאָנווייער — אַלץ האָט אויף דער זאָקן־פאַבריק געאַרבעט אַזוי, אַז בעסער קאָן גאָר ניט זייַן. דער הויפּט־אינזשעניר פון דער פאַבריק האָט בעפירעש געהאַלטן פון עליען, ניט איין מאָל געייצעט זיך מיט אים. דאָס האָט באַפליגלט עליען. אַלגע האָט דאָס געקאָנט פאַרשטיין. עס האָט זי אויך געפרייט, ווען דער הויפּט־אינזשעניר האָט פאָרגעלייגט עליען באַטראַכטן, וויִאַזוי מאַכן איינע אַ צופּאַסונג, אַז די ווערקשטעלן זאָלן אַרבעטן בעסער. עליע האָט וואָרט בײַ וואָרט דערציילט אַלגען וועגן דעם דאָזיקן שמועס.

— איר זענט דאָך געווען אַ ראַציאָנאַליזאַטאָר, אַ דערפינדער אויף אַ סאַך אַ גרעסערער אונטערנעמונג, ווי אונדזערע, — האָט געזאָגט דער הויפּט־אינזשעניר, — וואָס זשע שווייַגט איר דאָ, בײַ אונדז, איליאַ מיראָנאָוויטש?! טוט אַ טראַכט, טוט גוט אַ טראַכט — אין אונדזערע באַדינגונגען איז די מאַשין ניט אימשטאַנד אויסשפּילן אַלץ, וואָס מע האָט אין איר פאַרפּראָיעקטירט. איר זענט מיט מיר מסכּים?

— מסכּים צי ניט מסכּים — ניט אין דעם גייט עס, — האָט עליע געענטפערט און איבערדערציילט עס אין דער היים מיט דער זעלבער אינטאָנאַציע, ווי ער האָט גערעדט דאָרט, באַם הויפּט־אינזשעניר אין קאַבינעט, — דער איקער איז, וואָס עס זייַנען פאַראַן פיל מעגלעכקייַטן פאַר עקאָנאָמיע. ענדערן די מאַשין — דאָס קען איך ניט, און מע דאַרף זי ניט ענדערן. נאָר זייַן אַ קנעכט בײַ איר טאָר מען ניט. און אונדזערע מיידלעך האָבן פאַר איר מוירע.

— וואָס זשע טוט מען?

— מע דאַרף זיי לערנען! מייַן געוועזענער מייַסטער פלעגט זאָגן: אַלץ איז געווענדט אין דעם, אויף וויפל דער אַרבעטער איז אַ געשולטער! און וואָס איז שייַעך צוטראַכטן עפּעס אַ צופּאַסונג, איז וועל איך, געוויינלעך, טראַכטן. עס פּיקט זיך שוין עפּעס.

און ווידער טאַקע — עס האָט האַנאָע געטאָן אַלגען, וואָס מע רעכנט זיך אויף דער פאַבריק מיט עליען, וואָס מע אייצעט זיך מיט אים, נאָר ס׳האָט זי געקאָסט געזונט, וואָס ער באַרימט זיך מיט דעם אַפילע פאַר איר. יעדנפאַלס, ווען ער זאָל שוין כאָטש האָבן עפּעס צוגעטראַכט, און דערווייַל זייַנען דאָך דאָס בלויז רייד!

איינמאָל האָט עליע דערציילט אַלגען, אַז ער האָט זיך באַקאַנט מיטן זון פונעם פאָרזיצער פון ראַיויספּירקאָם — וואַניען און מיט זייַן ווייַב גאַלינע.

— סימפּאַטישע מענטשן, — האָט ער געזאָגט.

— באַזונדערס איז זי אַ סימפּאַטישע, — אַלגע האָט עפּעס אָנגעדריקט אויפן „זי“, — ווי קומסטו צו אָט דעם פּאָרל?

— די ראַדיִאָלע איז בײַ זיי קאַליע געוואָרן, האָט מיך דער הויפּט־אינזשעניר געבעטן, איך זאָל פאַריכטן. אַ פייַן שטיקל אַרבעט! איך האָב זיך אַ פּאָר שאָ געגריבלט, צורעכט געמאַכט, פאַרדינט אַ צענערל. און פאַרוואָס זאָגסטו — אַ פּאָרל? וואָס איז דיר אין זיי ניט געפעלן?

— זיי זייַנען קלייַנבירגער, באַזונדערס טאַקע — זי.

— אָט דאָס איז גאָר?

— א פאַרדאָרבענע קלײנבירגערן! טוט זיך אָן, ווי א פּאָפּוגײַ, האָט זיך ליב אויסטײלן, מע זאָל זען, אז זי איז ניט ווי אלע.

— וואָס פאַר א שײנע פרוי וויל זיך ניט אויסטײלן?

— איז זי, הײסט עס, לויט דײַן מײנונג, א שײנע?

— יעדנפאַלס...

— איז קאָנסטו, אויב זי געפעלט דיר אזוי, לויפן צו איר מיט א וויזיט!

— ערשטנס, ניט צו איר, נאָר צו זײ, און צווײטנס, האָט מען אונדז צוזאמען אײַנגעלאַדן.

— איך האָב דאָרט ניט וואָס צו טאָן, — האָט אָלגע געענטפערט אַן אופגערעגטע.

■

בײס עליע האָט אָפּגעגעבן דעם יונגן פּאָרפּאָלק זײער ראַדיאָלע, האָט גאַלינקע מיט א זיפץ א זאָג געטאָן:

— מײַן אײנציקע טרײסט איז אָט דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל איז לעשטשענקאָ.

— וואָס פאַר א לעשטשענקאָ?

— אײנער א באַקאַנטער האָט פון אויסלאַנד געבראַכט מײַן מאַמען א גאַנצן קאָמפּלעקט לעשטשענקאָס פּלאַסטינקעס. גלײַך נאָך דער מילכאָמע. און איך האָב זײ אויסגעקליאַנטשעט בײַ איר, ווי א טײל פון דעם נאַדן... איר מעגט שוין הערן, וואָס דאָס זײַנען פאַרא לידער! קומט, אומבאַדינגט.

עליע האָט קוים אײַנגערעדט אָליען, זי זאָל גײן מיט אים. אָלגע האָט באַשטימט נאָכגעבן ניט נאָר דערפאַר, ווײַל זי האָט זיך ניט געוואָלט קריגן מיטן מאַן, אין פלוג איבער א קלײניקײַט, זי האָט געהאַט אירס אין זינען: זי וועט אַלײן א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך בײַ די דאָזיקע לײַט אין דער הײם, ווײַל מיט אײנע רײד וועסטו עליען ניט איבערצײַגן.

וואַניע און גאַלינקע האָבן געוווינט באַם טאַטן, בײַ אָסטאַפּ ספּירידאָנאָוויטשן. מע האָט זײ אויסגעטײלט דעם בעסטן צימער, מע האָט אים אויסגעשטאַט אזוי, אז די וועלט זאָל זען, ווי גרויסשטאָטיש זײ זײַנען, ווי גוט זײ פאַרשטײען, וואָס שײן און וואָס מאָדערן הײסט.

דער גרעסטער מיוון אין אַזעלכע זאַכן איז, פאַרשטײט זיך, געווען גאַלינקע. דעם געשמאַק האָט זי געיאַרשנט בײַ איר מאַמען, אָף וועלכער מע מעג זיך פאַרלאָזן. די מאַמע איז אויסגעווען א וועלט, אָף גאַלינקען געזאָגט געוואָרן!

צוזאַמען מיטן גאַנצן קאָמפּלעקט לעשטשענקאָס פּלאַסטינקעס איז אהער אַריבערגעפאָרן אויך דער רויטלעכער אַבאַזשור מיט די בלויע טײַבעלעך, וואָס האָבן אים באַזעצט. דער אַבאַזשור, ווען די שײַן האָט געברענט, האָט פאַרוואַנדלט דעם צימער אין א בודואַר, וואָס ווערט געווײנלעך באַשריבן אין די ראָמאַנען פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט. אין אַלע ווינקעלעך זײַנען געווען אויסגעשטעלט שפּילעכלעך, דאָ און דאָרט זײַנען געהאַנגען אויסגענײטע טיכעלעך, וואָס די מאַמע פלעגט קויפן אַפן טאָלטשאָק, ווען זי איז נאָך אַלײן א קאַלע געווען. אַפן טישל, פאַר דער לענגלעכער טריומאָ, האָבן מאַרשירט זיבן העלפאַנדן — די אײביקע טרעגער פון מאַזל און ווױלשטאַנד.

אין א ווינקל איז דאַפקע געשטאַנען אַן עטאַזשערקע, וואָס האָט נאָך געשמעקט מיט פרישן לאַק, אָבער קײן ביכער האָט מען אָף דער עטאַזשערקע ניט געזען — עס זײַנען דאָרט בלויז געלעגן עטלעכע מאָדע־זשורנאַלן און לידער מיט נאָטן. אין מיט פונעם טעפּיך, וואָס איז געהאַנגען איבערן פײַערלעך־פאַרשפּרײטן בעט, איז, באַצירט מיט א ראָזלעכן באַנט, געהאַנגען א גיטאַרע. אָף א זײַטיקן טישל איז געשטאַנען די ראַדיאָלע.

איוואַן אָסטאַפּאָוויטש, אָדער ווי עליע האָט אים שוין פרײַנטלעך גערופן וואַניע, האָט געהאַט א שעם אין וואָטשעראַשניע פון אַן אויסגעשפּילטן יעגער. צוזאַמען מיט זײַן טאַטן פלעגט ער ערגעץ גאַנץ ווײַט פאָרן אָף יאַגד, ווײַל בײַשכײנעס זײַנען דאָ ניט געווען קײן געדיכטע וועלדער. כוץ געיעג, פלעגט וואַניע זיך פאַרנעמען מיט פאָטאָגראַפיע. ער האָט געהאַט א טײַערן אַפּאַראַט און עטלעכע אַלבאָמען, אָף וועלכע עס זײַנען געמאַכט געוואָרן אופשריפטן: „די בעסטע מוסטערן פון מײַן פאָטאָ־קונסט“. עמעס, די מערהײַט בילדער זײַנען געווען אָדער שלעכט קאַדרירט, אָדער שלעכט אויסגעפּילט... די סוזשעטן זײַנען קימאַט אַלעמאָל געווען אײנע און די זעלבע: איוואַן און גאַלינע אָף א שפּאַציר, גאַלינע שפּילט זיך מיט איר הונט, א ליאַמע, נאָך א ליאַמע...

— וואַניע, דו געדענקסט ניט צופעליק, לעקאָווּעד וואָס זײַנען אָט דעמלט צו אונדז געקומען געסט? נו, טו א קוק, אָט אָ־דאָ, דו זעסט, ווי דו האַלטסט אזוי אַרטיסטיש די פלאַש...

— האָסט פאַרגעסן? ווען מיר האָבן דאָס צווייטע מאָל אויסגעשפּילט! — ענטפערט גאָד־לעסדיק איוואַן אָסטאַפּאָוויטש.

— טאַקע פאַרגעסן! — שיסט אויס א געלעכטער גאַלינע. — אין אַט אַ־דעם פּאַרוואַרפע־נעם ווינקל גליקט אונדז גראַדע, אין מעשעך פון אַכט כאַדאָשים האָבן מיר שוין דרײַ מאָל געוווּנען: איין מאָל — טוויזנט רובל, דאָס צווייטע מאָל — א פאָפּציקער, און דאָס דריטע מאָל — אויך עפּעס א קלייניקײַט. און איר? — פרעגט גאַלינע בא אַלגען. — איר געווינט אמאָל?

„א מאָדנע, — טראַכט גאַלינע, — אויפגעהאַנגען אפן קלייד א קאָמיוגישן צייכן. צוליב וואָס? אז מע גייט צוגאַסט, דאַרף מען דאָס אויך אונטערשטרײַכן, ווער דו ביסט?“

אָסטאַפּ ספּירידאָנאָוויטש האָט לעצטנס מיטגעהאָלפן דער ביבליאָטעק אין אייניקע גאָר נייטיקע פאַלן. ער האָט, לעמאָשל, אויסגעטיילט צוויי געדעקטע לאַסטמאַשינעס, וואָס האָבן פאַנאַנדערגעפירט איבער די קאָלווירטן די גײַסטע ביכער און אַפן אָרט באַדינט די לייענער. ער איז אפילע געוואָרן אַן אַרײַנגייער אין ביבליאָטעק, אָסטאַפּ ספּירידאָנאָוויטש, געביטן דאָרט שוין עטלעכע ביכער. גאַנץ פרײַנטלעך האָט ער באַצויגן זיך צו אַלגען און ס'איז צו זען געווען: ער שעצט דאָס, וואָס זי טוט, ער שעצט איר אַרבעט.

דער פאָרזיצער פון אויספּירקאָם איז צופרידן געווען, וואָס וואַניע, זײַן זון, האָט אײַנגע־לאַדן צו זיך די ביבליאָטעקערן מיט איר מאַן.

די געסט איז מען פײַן מעכאַבעד געווען, און טאַקע מיט די לעשטשענקאָ־לידער אויך. גאַלינע האָט באַוויזן אַלגען די מאַלבושים, וואָס די מאַמע האָט איר געשענקט. אָ, בא איר מאַמען איז אַן עמעסער געשמאַק!

וואַניע איז געזעסן, ווי ער וואָלט אַנגענומען א פול מויל מיט וואַסער. בא זיי איז אײַנגע־פירט, אז ער נעמט א וואָרט, ווען גאַלאָטשקע האָט שוין אויסגעשעפּט אַלע אירע טעמעס, אַלע אירע „באַאָבאַכטונגען פון לעבן“.

אָך, בעסער וואָלט וואַניע ניט אײַנגעלאַדן דאָס פּאָרל! און בעסער וואָלט עליע קירשטיין ניט באַזוכט אַט די שטילע וואַרעמע נעסט...

בעטעווע איז אַלגע געווען אַן אויסגעהאַלטענע. זי האָט געקאָנט צומאָל פאַרשווײַגן א נאַרישקײַט, זיך ניט אַרײַנמישן דאָרט, ווו מע וואַרט ניט אף איר אייצע. ראַיסע סאַלאָמאָנאָוו־נע האָט נאָך געהאַט באַמערקט בא אַלגען אַט דעם שטריך און געזאָגט:

— ביז ס'איז נאָך ניט שפּעט, טאָכטער מײַנע, ביז איך לעב, וויל איך זען, ווי דו זאָגסט זיך אָפּ פון אַט דעם פּרינציפּ „מאָיא כאַטאַ ז קראַיו!“ אַן עמעסער מענטש טאָר ניט בלײַבן גלײַכגילטיק דאָרט, ווו מע קען ניט שווײַגן!

מעגלעך, אז אַלגע וואָלט ניט רעאַגירט אף גאַלינעס פּלאַפּלערײַען, ווען זי וואָלט פּלוצעם ניט דערזען, ווי בא איר עליען האָבן זיך אָנגעצונדן די אויגן, ווען גאַלינע האָט אָנגעהויבן זיך באַרימען מיט איר גליק.

עליע איז מעקאַנע געווען...

— ווי גוט עס איז דאָ, האַ, אָלינקע? — האָט ער געזאָגט, אז אַלע זאָלן הערן.

— ס'איז אָפּהענגיק פון דעם, וואָס ווער עס פאַרשטייט אונטערן וואָרט „גוט“! — האָט אַלגע געזאָגט אויך אַזוי, אז אַלע זאָלן הערן.

— איך פאַרשטיי ניט, אַלגע, וואָס מיינסט איר דערמיט, — די יונגע באַלעבאָסטע האָט זיך באַמיט שמייכלען גאַנץ ליבלעך.

— איך מיין, אז מײַן מאַן איז מעקאַנע אפן באַגילדעטן סערוויז, אפן רויטן אַבאַזשור מיט די פייגעלעך און אפן הינטל, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט אופהייבן די לאַפּקעס, ווען זײַן באַלע־באָס באַפוילט אים...

— אין א צײַט אַרום וועט איר אויך אָנהייבן שטרעבן צו דעם אַלעמען, — האָט אַרײַנגע־שטעלט א וואָרט וואַניע.

— וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, איוואַן אָסטאַפּאָוויטש, — אַלגע האָט מיט א מיין אים אָנגערופן אַזוי אָפּיציעל, — בא מיר זײַנען גאָר אַנדערע באַגריפן פון שיינקייט.

וואַניע האָט אופגעהויבן א דלאָניע, נאָר באַוויזן זי ניט אַלגען — אויסגעקערעוועט די האַנט מיט די צעשפּרייטע פינגער צו עליען, געערעדט אַזוי ווי גלײַך צו אים, אונטערשטרײַכנ־דיק דערמיט, אז אויב רעכענען זיך דאָ מיט עמעצן, איז טאַקע נאָר מיט אים, מיט עליען:

— אָט אף איין האַנט זײַנען פאַראַן פינף פינגער, און אַלע זײַנען זיי פאַרשיידענע. ווי זאָגט עס איינער מײַנער א באַקאַנטער: וועמען עס געפעלט דער גאַלעך, וועמען די גאַלעכטע, און וועמען — זייער באַסיעכידע!..

— איך ווינטש אײַך מאַזל... וואָס נאָך קאָן איך טאָן! — האָט קאַלטלעך, צוריקגעהאַלטן גע־זאָגט אַלגע.

עליע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז צעקאָכט, אַז זי קאָן באַלד זאָגן עפּעס שאַרפֿס. דערפֿאַר האָט ער פֿאַרגעלייגט:

— קום אַהיים, מײַן טײַערע.

— דאָס קאָמענדיקע מאָל וועל איך אײַך אָפּפֿירן אַהיים אָף מײַן אייגענער מאַשין, — האָט וואַניע געזאָגט מיט אונטערגעשטראָכענער גוטמוטיקייט, — אײנער מײַנער א גוטער־פֿרײַנט פֿאַרקױפֿט זײַן אַלטיטשקע מאַשין. נו, וועדליק מיר זײַנען רײַך, וועלן מיר זיך באַגיין מיט אַן אַלטיטשקער.

גאַלינקע האָט אָנגעזאָגט:

— פֿאַרגעסט ניט דעם וועג צו אונדז, איר וועט שטענדיק זײַן אָנגעלייגטע געסט!

אין דרויסן האָט עליע גענומען אָלגען אונטער דער האַנט, און ביידע זײַנען לאַנג געגאַנגען שווײַגנדיק.

ערשט שפּעטער, שוין ניט ווײַט פֿון דער היים, האָט אָלגע אָנגעהויבן ריידן ווי צו זיך אַליין:

— אָט דאָס הייסט מאַזל? אָט דאָס הייסט ווויליטיק? א בליאַסק, אַז עס שנײַדט אַזש די אויגן! און וואָס איז ווערט אָט דער זיסער לעשטשענקאָ מיט זײַנע איבערגעטריבענע לײַדן?

— וואָס זשע, דו ביסט קעגן מוזיק?! — האָט זיך עליע אָנגערופֿן א כמורנער. — מיר, צום בײַשפּיל, געפֿעלט לעשטשענקאָ. פֿאַרשטייט זיך, דאָס איז ניט גאָר קיין הויכע קונסט, אָבער...

— עלינקע, זיי רעדן דאָך וועגן לעשטשענקאָן, פּונקט ווי אָף דער וועלט וואָלט ניט געווען טשײַקאָווסקי, און גריג, און בעטהאָווען...

— יעדערער האָט זיך זײַן געשמאַק, דאָס האָסטו דאָך אַליין געזאָגט, אָליע, אַז מע קאָן דאָך ניט אַזוי — אַלע זאָלן ליב האָבן נאָר דאָס, וואָס דיר געפֿעלט.

— זאָל זײַן לעשטשענקאָ! נאָר איך האָב דאָך ניט געזען אין זייער נעסטעלע קיין איין בוך. א שטוב אָן א בוך איז ווי א מענטש אָן א נעשאָמע. אָט ווערט שוין אַכט כאַדאָשים, אַז איך אַרבעט אין דער ביבליאָטעק, און גאַלינע איז נאָך אַהין קיין איין מאָל ניט אַרײַנגעקומען. זי לייענט ניט! וואַניע אויך: א געוועזענער סטודענט, צו אַלדי שוואַרצע יאָר! ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? צו מיר קומען לייענער פֿון די ווײַטסטע דערפֿער, מענטשן, וואָס זײַנען דרײַ מאָל עלטער פֿון די דאָזיקע!

— וואָס ווילסטו פֿון זיי? זײַנען זיי ניט קיין לייענער, — האָט עליע שוין קעדיי באַרויִקן זי, זיך צוגעטוליעט צו איר אַקסל, — ווען אַלע וואָלטן אַזויפֿיל לייענען, ווי דו שטעלסט זיך עס פֿאָר...

— אויך דו, אילױשע, אויך דו לייענסט ווייניקער, ווי אַמאָל. עפּשער איז דערין מײַן שולד?

— איך בין פֿאַרנומען. און ביכלאַל, אָלינקע, זע איך, אַז דו ביסט די לעצטע צײַט צו אַנ־גרײַפֿעריש. וואָס איז געשען? עפּשער ביסטו זיי פֿאַרט מעקאַנע, וואַניען און גאַלינקען, פֿאַשעט מעקאַנע.

עליע האָט זי נאָך קיינמאָל אַזוי ניט באַליידיקט. און טאַקע דערפֿאַר האָט זי געשוויגן. ביטער, טרויעריק איז געוואָרן אָפֿן האַרצן.

עליע האָט דאָס דערפֿילט, נאָר געזאָגט האָט ער ווידער ניט דאָס:

— מיר וועלן אונדזער צימער, אָלינקע, אויך אויסמעבלירן לויט דײַן געשמאַק נאָך. און בילדער וועלן בא אונדז זײַן, און אַלדאָס איבעריקע, און ביכער, ביכער, פֿאַרשטייט זיך אויך! אָלגע האָט אַלץ געשוויגן. אָט אַזוי, מיט א שווערער שטימונג זײַנען זיי ביידע געקומען אַהיים.

עליע האָט פֿאַרשטאַנען איינס: איבער א נאַרישקײַט האָבן זיי זיך הײַנט שיר ניט צעקריגט. נאָר ווידער טאַקע, איז הײַנט דאָס ערשטע מאָל אין אים אופֿגעקומען דער פֿאַרדראָס: אייגנט־לעך, פֿאַרוואָס איז ער מעכויעוו איר נאָכגעבן! ער פֿאַרשטייט דען ווייניקער פֿון איר? ס׳איז דאָך פּאַשעט אַ ביזאָיען, ווען א מאַנצבל האָט ניט קיין זעלבשטענדיקע מיינונג. ניין, מע דאַרף פֿון סאַמע אָנהייב איר געבן צו דערפֿילן, אַז ער האָט אַן אייגענעם קאָפּ אָף די פּלייצעס. אָלגעס כאַווערטע, נאַדיע אַלפֿערין, האָט אַמאָל געזאָגט: „אַן אונטערטעניקער מאַנצבל איז א שמאַטע“. ער וועט ניט זײַן קיין שמאַטע!

עליע האָט זיך דערמאָנט אין נאַדיען.

א ווױליע, א קלוגע, אויך אַן ערנסטע איז זי געווען, אָט די אַלפֿערין, ער איז איר, דאַכט זיך, געפֿעלן געווען, נאָר אָלגע האָט מיט זיך פֿאַרשטעלט די גאַנצע וועלט. אָלגע, מיט איר גאָלדענעם קאָפּ האָר, מיט אירע לויטערע אויגן, מיט איר צאַרטן און בעניִמעסדיקן שמייכל. איז אָבער ניט קיין כיִעוו אָף יעדן שריט און טריט פֿרעגן בא איר, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר ניט! אין זײַנע זאַכן פֿאַרשטייט ער ניט ווייניקער, ווי זי, אָלגע, אין אירע ביכער.

אין עטלעכע טעג ארום זײַנען צו אַלגען אין ביבליאָטעק אַרײַנגעקומען וואַניע און גאַ־לינקע. וואַניע, א צערויטלטער פון פראָסט, האָט אויסגעזען געזונט און שיין. גאַלינע, א קלײַ־נינקע, א דארע און א פארפרוירענע, איז אײַנגאַנצן בלאָוו געווען — דאָס קורצע מענטעלע, ביז די קני, האָט זי, קענטיק, ניט איבעריקס געוואַרעמט.

— א גוטן אָוונט, — האָט איוואַן אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט און מיט דער לינקער אַראָפּגענומען דאָס טײַערע קאַראַקולענע היטל.

— א גוטן אָוונט — א גוט־יאָר, — האָט אַלגע געענטפערט געלאַסן.

— איר האָט ניט געוואַרט אויף אונדז? — האָט גאַלינע געפרעגט.

— ניט געוואַרט. נאָך מער: איך האָב אפילע געפרעגט מײַן אילױשען: פאַרוואָס מע זעט אײַך ניט אין ביבליאָטעק...

— איר האָט ניט נאָר דאָס געזאָגט! — האָט קרום א שמייכל געטאָן די דערפרוירענע קלײניטשקע גאַלינע. — אײַך האָט געוווּנדערט, פאַרוואָס בא אונדז זײַנען קיין ביכער ניטאָ. עפּשער זאָג איך א ליגן?

— ניין, דאָס איז אַן עמעס. נאָר אויב איר זענט געקומען, האָט איר זיך, הייסט עס, ניט באַליידיקט.

גאַלינע האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ:

— א מענטש איז אזא באַשעפעניש, וואָס האָט ניט זייער ליב, ווען מע זאָגט אים דעם עמעס אין די אויגן.

— וואָס קאָן מען טאָן, אז איך בין אזא, ווי איך בין.

— איז בויט זיך איבער. אזוי, דאַכט זיך, זאָגט מען אויף די פאַרזאַמלונגען! — האָט אַרײַנ־געשטעלט א רעפּליק וואַניע.

אַלגע האָט קלוימערשט ניט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט. זי האָט אויף אים ניט געקוקט, זי האָט גערעדט מיט גאַלינקען. עפּעס האָט זי מיטאַמאָל דערזען, אַלגע, אז גאַלינע איז ניט נאָר פאַרפרוירן, נאָר ביכלאַל הילפלאָז און פאַרדײַגעט.

— אויב איבערבויען זיך, טײַערע, וואָלט איר דאָס דאַרפן טאָן. איך מיין דאָס ערנסט. ווי זאָגט מען: די גאַנצע ראָטע שפּאַנט מיט דעם לינקן פוס — ניט ריכטיק, און איר מיט דעם רעכטן — ריכטיק? מע דאַרף בײַטן דעם פוס...

— איך האָב שוין געפּרוווט, — האָט גאַלינע אַנגערופן זיך טרויעריקלעך, גאָר ניט אינעם פריערדיקן טאָן, — אייגנטלעך, שטאַרק געפּרוווט האָב איך ניט. איך זאָג דאָס אויך גאַנץ ערנסט...

אָט די בעפּייעשע אופריכטיקײַט, זאָל זײַן, אז ס'איז בלויז די שטימונג פון איינע עט־לעכע מינוט, איז אַלגען געפעלן, עס האָט זי גערירט. „עפּעס קומט פאָר מיט דער דאָזיקער גאַלינקען”, — האָט זי א טראַכט געטאָן.

אַלגע האָט דערלאַנגט פון דער פּאָלקע עטלעכע ביכער. אופגעמישט איינעם, א צווייטן, פאַרטראַכט זיך אויף א מינוט און האָט געזאָגט:

— איך וועל אײַך געבן זייער א גוטע זאַך צום לייענען. ווייסט איר גאָר וואָס, נעמט אָט דעם נײַעם זשורנאַל. קיינער האָט אים נאָך, כוץ מיר, ניט געלייענט. נאָר איך בעט אײַך, פאַר־האַלט אים ניט! און אײַך, איוואַן אָסטאַפּאָוויטש, וועלן מיר פאָרלייגן אזא בוך, וואָס וועט אײַך ניט לאָזן אַנשלאָפן ווערן. איך האָב אים אָפּגעלייגט פאַר מײַן אילױשען, נאָר ס'מאַכט ניט אויס — לייענט איבער, און מיר וועלן א שמועס טאָן וועגן אים.

גאַלינע האָט געקוקט אויף דער ביבליאָטעקערן מיט אָפענער קינע — א מין באַגײַסטערטע זי איז, און אײנצײַטיק — אזא פּאַשעטע, א ווילדע, א זיכערע! אזא קאָן מען זײַן, ווען מע טוט דאָס, צו וואָס מע שטרעבט.

אָך, ווי זי, גאַלינע, וואָלט וועלן אזוי זעלבשטענדיק אַרבעטן, אייצענען, פאָרלייגן, אויס־פרעגן און אפילע דערווידערן, ווי דאָס טוט אַלגע וועליטשקאָ!

— איז אָפּגערעדט? איר וועט נעמען דאָס, וואָס איך אייצע אײַך? וועלן מיר פאַרשרײַבן. אָט דאָ זײַנען אָנגעוויזן די וויכטיקסטע קלאַלים — זיי זײַנען אומבאַדינגט אפילע פאַר די בעסטע און כאָשעווסטע פרײַנט! — אַלגע זאָגט דאָס אַלץ און נעמט די אויגן ניט אַראָפּ פון גאַלינקען. יאָ, עפּעס קומט פאָר מיט דער דאָזיקער, ווי זי באַקוקט עס די טישלעך, בא וועלכע עס זיצן די לייענער — עלטערע מענטשן, יונגע, ווי עס שײַנען אנציקט אירע אויגן! כאָטש, פון וואָס איז דאָ אנציקט צו ווערן?

— אינטערעסאַנט, וואָס האָט זי דיר אַרײַנגעשטעקט? — האָט וואַניע א בורטשע געטאָן שוין אין דרויסן. — מיר האָט זי געגעבן מאָליערס קאָמעדיעס.

גאַלינקע האָט אַף אים א קוק געטאָן קאַלט, מיט פאַרוורף, נאָר געזאָגט האָט זי פרידלעך:

— ביסט דאָך אַליין געקומען. האָסט געפּלאָגט דעם טאַטן, און מיך אויך געפּלאָגט א ביסעלע. איז וואָס זשע בלאָזסטו זיך, וואַניע?

■

דער רויטער אבאזשור מיט די פייגעלעך וויגט זיך איבערן טיש — דאָס האָט א ווינטל זיך אַרײַנגעריסן אין צימער, ווען דאָס פּאָרפאָלק האָט זיך אומגעקערט פון דער ביבליאָטעק. אָט האָבן זיי זיך פאַרטיפט אינעם לייענען, זיצנדיק אַרום דעם ברייטן טיש, ווי קינדער, וואָס זײַנען געקומען פון שול און גרייטן די לימודים. מע קאָן שווערן, אז דאָס איז דער ערשטער פאַל, ווען זיי זיצן מיט א בוך צוזאַמען, און קריגן זיך ניט, און טרײַבן ניט קיין רעכילעס. וואַניע לייענט און לאַכט. ער לאַכט אַזוי, אז גאַלינקע הייבט אַף אים אויף אירע פאַרקלערטע אויגן:

— שטילער קענסטו ניט? ווער קיצלט דיך?

גאַלינקע איז ניט אימשטאַנד געווען אָפּרײַסן זיך פונעם זשורנאַל, ווו עס איז באַשריבן א פרוי, וואָס איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך אַף איר.

ווו איז דער טרוים?

אפאַנאַסי אַניסימאָוויטש האָט זיך אַריבערגעקליבן צו ראַכילקען.

אויב פריִער פלעגט ער ביז שפּעט אין דער נאַכט זיצן איבער די צײַטונגען, ביז קאָפּ־ווייטעק טראַכטן און ניט שטענדיק געפינען, א ריכטיקן ענטפער אַף די צענדליקער פראַגן, וואָס דאָס לעבן און דער זאַוואָד שטעלן פאַר אים, איז ער איצט ווי יִינגער געוואָרן. ער האָט אונטערגעשוירן די וואָנצעס, אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן מונטערע פײַערלעך.

אין איינעם אָן אָוונט, איבערקלײַבנדיק די פּאַפּירן, וואָס עליע האָט איבערגעלאָזט אין זײַן אַלקערל, האָט אפאַנאַסי אַניסימאָוויטש זיך אָנגעשטויסן אַף א צייכענונג.

— ראַכילקע, קום נאָר אַהער.

— וואָס איז געשען?

— קוק נאָר, וואָס דײַן מאַזיק האָט צוגעטראַכט. און טאַקע קלוג צוגעטראַכט! דאָס איז דאָך פונקט דאָס, וואָס מיר דאַרפן, אז די מאַשין זאָל ניט קרעכצן, נאָר זינגען.

דער דירעקטאָר פון זאַוואָד האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די צייכענונגען, וואָס אפאַנאַסי אַניסימאָוויטש האָט געבראַכט, און גלײַך פאַרשטאַנען, ווי וויכטיק עס איז די צופּאַסונג, צו וועלכער עליע האָט זיך דערטראַכט. ער האָט אַרויסגערופן דעם הויפּט־אינזשעניער, באַוויזן אים די צייכענונגען, און אין עטלעכע טעג אַרום איז דער אינזשעניער אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע באַשטעטיקן די נײַע דערפינדונג, וואָס האָט געזאָלט אַרײַנברענגען דעם זאַוואָד א היפּשע עקאָנאָמיע.

פונקט אין די דאָזיקע טעג האָט ראַכילקע באַקומען פון אָלגען א בריוו. די שנור, וואָס האָט ניט גאָר ליב געהאַט צו שרײַבן, האָט דאָס מאָל ניט געזשאַלעוועט קיין פּאַפּיר. אָלגע האָט געשריבן וועגן אַליִען, וואָס רופט אַרויס אין האַרץ בא איר א ביטערן ווייטעק.

פון דעם בריוו האָט זיך ראַכילקע דערוווּסט: עליע האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ, אז ער מוז האָבן א לײַכטע אויטאָמאַשין, אָן אייגענע, יעדער פרײַע מינוט פּאַטערט ער אַף צו געפינען ערגעץ ווו א זײַטיק פאַרדינסטל — ער פאַריכט פאַרשיידענע שטייגער־זאַכן און האַלט אין איין זוכן א מאַשין, א וואָלוועלע, א צוגעניצטע. ער וועט, הייסט עס, אַליין מאַכן פון איר א צאַצקע. צונויפגעכאַווערט האָט ער זיך מיט איינעם א וואַניע, און ביידע זײַנען זיי ווי פון זינען אַראָפּ.

„עליע איז איצט גרייט צו שלעפּן אַף זיך יעדער מין אַרבעט, אַבי פאַרדינען כאָטש אַף א ראָד צו דער מאַשין, וועלכע ער האָט נאָך ניט געקויפט. ער איז געוואָרן קאַרג, סקאָנאָעס! פריִער האָב איך דאָס אין אים ניט באַמערקט. וועגן צוגרייטן זיך, קעדיי אַרײַנטרעטן אין אָוונטיקן אינסטיטוט, טראַכט ער שוין אינגאַנצן ניט. אַלע אין זײַן עלטער לערנען זיך, ער האָט דאָך

אויך געטרוימט וועגן דעם. דאָס אַלץ קימערט מיך זייער, טײַערע מאמע, נאָר וואָס קאָן איך אים זאָגן, אַז ער וויל מיך אפילו ניט אויסהערן".

ראכילקע האָט געענטפערט אזוי, ווי זי זאָל גאָר ניט האָבן באקומען אַלגעס בריוו, נאָר די ווונטשן, וואָס זײַנען דאָרט איבערגערעכנט געוואָרן, האָבן קלאָר באוויזן, אַז זי איז זייער באומ־רויקט. זי האָט, אגעווו, אָנגעשריבן אויך וועגן דעם, אַז אפאנאַסי אניסימאָוויטש האָט געפונען עליעס צייכענונגען און אַז זיי זײַנען באגיטיקט געוואָרן. „זעסטו, ליבער זונעניו, מע דאַרף דײַן קלוגן קאָפּ, — האָט זי צוגעגעבן, — לערן זיך, טו אַלץ, אַז דו זאָלסט זיך קאָנען לערנען ווײַטער".

יענעם אָוונט איז עליע געקומען אהיים שפּעטער, ווי אלעמאָל, א מידער און א דערפרוי־רענער. ער האָט שווײַגנדיק זיך גענומען צו דער וועטשערע. די לעצטע צײַט איז צווישן אים און אַלגען שוין לאַכלוטן קיין שאַלעם ניט געווען.

„וואָס בלאָזט זי זיך? — האָט ער א כוישעכדיקער געטראַכט. — וואָס איז זי — מײַן אָפּע־קון? צי וואָס?"

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי שיין עס האָבן געלעבט צווישן זיך דער טאטע מיט דער מא־מען, ווי דער טאטע פלעגט קומען אהיים און די מאמע פלעגט אים באגעגענען מיט א שמייכל און א גוט וואָרט. זי פלעגט בא אים גאָרנישט ניט פרעגן, — כאַלילע! — ער פלעגט איר אַליין דערציילן, און ניט נאָר וועגן זײַנע דערפאָלגן. און ס'איז זיי גוט געווען! ער דערמאָנט זיך ניט קיין מינדסטן פאַל, אַז די מאמע זאָל ווען זאָגן מוסער דעם טאטן. שוין זשע איז ער, עליע, ערגער פונעם טאטן? צי עפּשער איז אַלגע וויניקער באהאוונט אינעם לעבן, איידער די מאמע? עליע האָט אופגעגעסן דעם זופּ — וואָס־וואָס, נאָר קאָכן האָט זיך אַלגע אויסגעלערנט בא ראכילקען! בעפיירעש געשמאַק איז אויך געווען דאָס צווייטע געריכט. עליע האָט גענומען זיך צום קאָמפּאָט, ווען אַלגע איז שטיל צוגעגאַנגען צו אים.

— לאָמיך דיך א קוש טאָן, — האָט זי געזאָגט מיט א שמייכל.

— וואָס איז עפּעס פאַר א נײַס?

— נא, לייען איבער! — זי האָט אים דערלאַנגט דער מאמעס בריוו. עליע האָט איבערגע־לייענט און אויך צעשמייכלט זיך:

— נו, אָט זעסט, איך וועל נאָך עפּשער באקומען עפּעס א פּרעמיע — וועט זײַן צושטײַער אַף דער מאשין...

אַלגע האָט אַף איר לעבן ניט געטראַכט וועגן געלט. די פּרעמיע, אויב ער וועט זי אפילו באקומען, איז פאַר איר געווען בלויז נאָך א סימען, אַז עליע איז א דענקענדיקער, א שעפערי־שער מענטש, און דאָס איז דאָך דער איקער!

— ניט געזאָרגט, אַליוניע, — האָט עליע זי ארומגענומען, — איך וועל דיך אויך אויס־לערנען פירן די מאשין, מיר וועלן פאָרן, ווּהין דאָס האַרץ גלוסט. צו דער מאמען אין שטאָט ארײַן, אַף קוראָרט...און טאקע סטאם אזוי, אין א פרײַער שאָ, הינטער דער שטאָט — אין סטעפּ ארײַן. הײַנט שטעל זיך פאָר אזוינס: מיר פאָרן מיט דיר אראָפּ צו דײַן כאווערטע נאדיע אלפּע־ריץ... אַף א מאשין איז עס דאָך אזוי נאָענט! פּאַרטאָג ארויסגעפאָרן, און צום ווארמעס — סקאָצל קומט — נעמט אוף געסט! און ביכלאַל זאָלסטו וויסן, אַז דער, וואָס האָט אָן אייגענע מאשין, האָט גאָר אָן אנדער ווערט. דאָס איז ניט נאָר מײַן מיינונג...

— און איך מיין, אַז מע דאַרף מיט עפּעס אנדערש דערווײַזן, וואָס מע איז ווערט אין לעבן! זיי זײַנען געלעגן אַף דער טאכטא, ביידע מיט אָפענע אויגן,ביידע אזעלכע נאָענטע, און דאָך... ערשט פאַראיאָרן האָט עליע געטרוימט וועגן אַלגען ווי וועגן דעם גרעסטן אוצער אין דער וועלט. און איצט? וואָס קומט עס פאָר?.. די לעוואָנע איז, ווי אַף צולאָכעס, געשטאַנען פונקט אנטקעגן זייער פענצטער, באלויכטן זייערע בלאַסע אָנגעשטרענגטע פּענעמער.

אַלגע האָט זיך אָפּגעקערעוועט צו דער וואנט, און ער איז געבליבן ליגן מיט די אויגן צו דער סטעליע.

— איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צוליב דיר פון אזא שטאָט און פון אזא זאוואָד, אָבער איך בין דאָך ניט פארשקלאָפט בא דיר!

— רעדסט נארישקײַטן!

— אדעראבע, דערקלער מיר!

— לעבן נאָר צוליב זיך, טראַכטן נאָר וועגן זיך, אײַנלייגן א וועלט צוליב ווייס־איך־וואָס.

— איך באקום א גוטן געהאַלט ניט אומזיסט. צוליב וואָס זשע לעבט א מענטש?! אָט וואָלט איך וועלן דיר קויפן א פוטער, ניט ערגער ווי באם הויפּט־אינזשעניערס ווײַב. און נאָך: עס וועלן דאָך בא אונדז זײַן קינדער. מיינסט, דו דאַרפסט טאקע שטענדיק ארבעטן אין דײַן ביב־ליאָטעק? איך דאַרף קאָנען פאַרדינען אפן לעבן.

— איך וועל דיר שטענדיק העלפן, אילױשע, קיין היימזיצערן וועל איך ניט זײַן. נאָר דו שטיי ניט אַף אַן אָרט, יעדנפאַלס, ביז דו ביסט יונג.

אַלגע האָט זיך ווידער אויסגעקערעוועט, זיך אָנגעשפּאַרט אפן עלנבויגן, געקוקט אַף אים — געוואָרט, וואָס וועט ער ענטפערן. און ער האָט געענטפערט:

— ווייסטו וואָס, לערן מיך ניט!

אַלגע האָט א טיפן זיפץ געטאָן, זי איז אופגעשטאַנען און איז אוועק שלאָפן אַף דער קורצער קאַנאַפּע אין ווינקל, אײַנגעדעקט זיך מיטן פלעד און מיט איר פּאַלטאָ. ווען זי וויינט זיך אויס, וואָלט איר עפּשער גרינגער געוואָרן, נאָר וויינען האָט זי ניט געקאָנט און ניט געוואָלט. זי האָט בלויז דערפילט א באַדערפעניש פאַרבלײַבן איצט אליין — זי וויל ניט, זי דאַרף ניט זײַן נאָענטקײַט... „לערן מיך ניט, לערן מיך ניט!" — אָט די ווערטער האָבן איר געפּיקט אין מויעך. ערשט פאַרטאָג, ווען ערגעץ אין דער ווײַט האָט זיך צעקרייעט א האָן, איז זי אַנשלאָפן געוואָרן.

■

וואסילי פּיאַדאַראָוויטש, דער סעקרעטאַר פון ראַיקאָם, האָט אײַנגעלאַדן צו זיך אייניקע קולטור־טוער פונעם שטעטל, קעדיי האַלטן זיך אַן אייצע, ווי בעסער דורכצופירן דעם טאָג פון קאָנסטיטוציע. געוויינלעך פלעגט זיך דערמיט פאַרנעמען דער צווייטער סעקרעטאַר, און האיאַר האָט וואסילי פּיאַדאַראָוויטש פּערזענלעך זיך פאַרנומען דערמיט.

— אָפּקומען מיט א פאָרטראָג, מיט א פײַערלעכער פאַרזאַמלונג, מיט א קאָנצערט, — האָט ער געזאָגט, — האַלט איך, איז ווייניק. עפּשער בין איך ניט גערעכט?

— גערעכט, גערעכט! — האָבן זיך אָפּגערופן די פאַרזאַמלטע.

דער צווייטער סעקרעטאַר האָט זיך אופגעהויבן פון זײַן בענקל:

— דערלויבט מיר.

— זײַט אזוי גוט!

— פּאַראַיאַרן האָב איך פאַרטרויט דעם פאָרטראָג אפן שטאַטישן אָוונט ראַיסע סאַלאָמאָגאָוונען. א גוטער פאָרטראָג געווען! און האַיאַר? ווער וועט זי פאַרבײַטן?

וואסילי פּיאַדאַראָוויטש האָט א קלער געטאָן און געזאָגט:

— איך מיין, מיר ווען בעטן די כאַווערטע וועליטשקאָ.

— קירשטיין, — האָט אַלגע שטיל אונטערגעזאָגט.

— אנטשולדיקט — קירשטיין.

— דערלויבט מיר, — האָט זיך אופגעהויבן די לערערן פון ליטעראַטור.

— ליִאַ איסײַעוונאַ? איר האָט א באַמערקונג — ביטע!

— מע וועט דאַרפן גוט צוגרייטן דעם קאָנצערט, ס'זאָל זיך ניט באַקומען, ווי פּאַראַיאָרן, ווען וואַניעס דזשאַז האָט פאַרקלאַפּט דעם קאָפּ, — מע האָט דאָך געקאָנט טויב ווערן!

— וואָס איינעם געפעלט! ס'איז א פראַגע פון עסטעטישן געשמאַק. — דאָס האָט דערוויידערט דער מאַסאָוויק פון דער היגער סאַנאַטאָריע.

— דער קאָנצערט איז אָבער געווען ווײַט פון עסטעטיק, — האָט זיך געהאַלטן בא אירס די לערערן.

— איך מיין, אז מיר ווען זיך פאַרזאַמלען אין עטלעכע טעג אַרום, — האָט געזאָגט דער ערשטער סעקרעטאַר, — אַן ערעך דעם 28־טן, בא מיר, זעקס אין אָוונט, און באַהאַנדלען שוין אַלע קאָנקרעטע פּאָרשלאָגן.

— דעם 28־טן בין איך אײַנגעלאַדן אין ראַטווירט „באָלשעוויק" אַף גאָר א וויכטיקער לייענער־קאָנפערענץ, — האָט זיך אָנגערופן אַלגע.

— ווען מיר מיט אײַך א שמועס טאָן באַלד וועגן דעם, ווי בויען דעם פאָרטראָג. די איבעריקע זײַנען פרײַ.

אַלגע איז געבליבן מיטן ערשטן סעקרעטאַר אויג־אַף־אויג. זי האָט אים, אגעוו, דערציילט וועגן אירע שוועריקײַטן, וועגן דעם, אז דער ביכער־פאָנד איז פאַרעלטערט — א סאַך ביכער זײַנען אין אזא צושטאַנד, אז מע קאָן זיי ניט אַרויסגעבן. כוץ דעם, איז איר שווער דורכצופירן אַלץ, וואָס זי האָט פאַרטראַכט, זי וואָלט דאַרפן האָבן א געהילף. די ביבליאָטעק פאָדערט צײַט און קויעך. ס'איז, אשטייגער, נייטיק אָרגאַניזירן קאָלעקטיווע פאַרלעזונגען פון דעפיציטע ביכער...

— דאָס איז אַ געדאַנק!

— דאָס איז ניט מײַן געדאַנק, — האָט באַשײדן באַמערקט אָלגע, — איך האָב באַקומען אַ בריוו פֿון מײַנער אַ כאַווערטע — נאַדיע אַלפֿעריִן, — זי האָט דאָס שוין אײַנגעפֿירט בײַ זיך אין עם שאַכטיאָרישן ייִשוב. מיר וואָלטן דאָס אויך געקאָנט דורכפֿירן אינעם ראַיאָנישן קולטור־הויז.

— נאָר דער דירעקטאָר, ווילט איר זאָגן, איז אַ פּויליאַק, און דער מעטאָדיסט איז אַ טויגעניכץ — איך ווײס וועגן דעם. אָבער איבערמאַכן אים, ס'הײסט צווינגען וואַניע גלושקאָ, ער זאָל ווערן אַזאַ, ווי מיר ווילן און דאַרפֿן, איז אומעגלעך. מע וועט מוזן זוכן אַ צווײטן אויף זײַן אָרט. אומבאַדינגט!

ווען אָלגע האָט זיך אומגעקערט פֿון דער באַראַטונג אינעם ראַיפּאַרטקאָם, האָט זי אין גאַס באַגעגנט דעם רעדאַקטאָר פֿון דער ראַיאָנישער צײַטונג, מיט וועלכן זי האָט זיך באַקענט גלײַך, ווי זי איז געקומען קײן ווטשעראַשניע.

— זעט נאָר, סאַראַ באַגעגעניש! — האָט ער איר געדריקט די האַנט. — אַזוי שפּעט? פֿונוואַנען און וווּהין?

— אַהײם פֿון אַ באַראַטונג אין ראַיפּאַרטקאָם, כאַווער סטעפּאַניוק.

— איר האָט פֿאַרגעדענקט מײַן פֿאַמיליע? נו, נו, דערצײלט זשע, ווי איר לעבט, — ער האָט זי גענומען אונטער דער האַנט.

— עס איז דאָ אַזאַ שפּריכוואָרט: איך לעב ווי אַן אָרבעס בײַם וועג...

— אויב מע לאַדט אײַך אײַן אין ראַיפּאַרטקאָם, זענט איר שוין אַ וויכטיקער מענטש אין אונדזערע קאַנטן! איך האָב, צום באַדויערן, ניט געקאָנט בײַזײַן אויף דער באַראַטונג — מיך האָט מען אויך אײַנגעלאַדן, נאָר אַ רעדאַקטאָר פֿון אַזאַ צײַטונג, ווי דער „ווטשעראַשניער עמעס“, איז אײנצײַטיק אי אַ ספּעצקאָר, אי אַ רעדאַקטאָר, און אויב איר ווילט — אויך אַ שיק־ייִנגל. וואָס לאַכט איר? עס הײבט זיך אָן דער פֿרילינג, אין רעדאַקציע בלײַבן נאָר די מאַשיניסטקעס און אַ פּאָר זעצער — אַלע זײַנען אין פֿעלד און אויף די פֿערמעס. מיט אײַך וואָרט — פֿרילינג! נו, און איר וואָס מאַכט?

— ווי איר זעט, איך ציטער — אַ עסעדיקער ווינט בײַ אײַך.

— בײַ אונדז!

— איר זענט גערעכט — בײַ אונדז. און איר, כאַווער סטעפּאַניוק, זענט, ווי איך זע, טאַקע גאָר פֿאַרנומען — זינט איך אַרבעט אין ביבליאָטעק, זענט איר קײן אײן מאָל ניט געווען בײַ אונדז...

— זע נאָר, איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אַז איר קאָנט אַזוי בײַסן!

ער האָט זי באַגלײט ביז צו איר שטוב.

— איר האָט ניט קײן פֿאָרשטעלונג, ווי איך בין פֿאַרנומען. און בײַ אײַך, אָלגע, זאָגט מען, איז פֿאַראַן אַ סך נײַס אין דער ביבליאָטעק.

— ווי אומעטום — אַ צײַט אַזאַ!

— יאָ, אַ צײַט אַזאַ, כאַווערטע...

— קירשטײן, — האָט זי אונטערגעזאָגט.

— וואַרט נאָר, וואַרט, איר האָט, געדענק איך, געהאַט אַן אַנדער פֿאַמיליע.

— יאָ, אַן אַנדערע. קירשטײן איז מײַן מאַנס פֿאַמיליע, און איצט אויך מײַנע.

— האָט איר שוין, הײסט עס, כאַסענע געהאַט! ווער זשע איז עס בײַ אונדז אַזאַ גליקלעכער? אַלע כאַסאַנים זײַנען דאָך בײַ מיר אויפֿן דיסקאָנט, — האָט סטעפּאַניוק ניט אויפֿגעהערט צו ווערטלען זיך.

— מײַנעם האָב איך אויסגעשריבן פֿון דער הויפּטשטאָט.

— נו, איז זאָל זײַן מיט מאַזל!

— מיט „מאַזל“, — האָט אָלגע ביטערלעך געענטפֿערט, כאָטש דאָס, ווי ביטער די ווערטער קלינגען, האָט זי אײנע געוווּסט.

זי האָט שוין געוואָלט אַוועקגײן, נאָר פּלוצעם זיך געכאַפּט:

— עפּשער וואָלט איר, כאַווער סטעפּאַניוק, אײַנגעגאַן אויף אַזאַ זאַך?

— אַשטײגער?

— פֿון צײַט צו צײַט אָפּדרוקן אין אײַער צײַטונג קורצע נאָטיצן וועגן די נײַע ביכער, וואָס קומען צו אונדז אָן.

— ווו וועל איך נעמען פּלאַץ דערויף?

— איין מאָל אין צוויי וואָכן א קליין ווינקעלע, כאָטש צו פּופּציק שורעלעך פאר די, וואָס לייענען מער ווי איר, צום ביישפּיל.

— ווידער מיט א שטאָך־וואָרט!

— אנטשולדיקט, דאָס האָב איך גראָדע ניט געהאַט אין זינען.

— גוט איז אייַך — איר לעבט צווישן ביכער און איר זענט בּיכלאַל ניט איינזאַם, ווי איך. אָט, איר לויפט אהיים, ווייַל איר ווייסט, אז דאָרט וואַרט מען אויף אייַך. דאָס איז גאָר א באַזונדערער פאַרגעניגן, ווען עמעצער וואַרט. און איך בין געשטראָפט. אליין, זאָגט מען, איז די נעשאָמע ריין — נאָר דאָס איז א ליגן! אליין ביסטו ווי א שטיין. איר געדענקט אזוינע שורעס?

א שטילע נאַכט באַפרייַט דאָס האַרץ פון קיינער,
און שטערן ריידן איינער צו א צווייטן...

וואָס טוט מען אָבער, ווען קיין צווייטע איז ניטאָ?

— געפינט מען זיך די צווייטע.

— עס רעדט זיך אזוי, כאָוועטע קירשטיין, אזוי, דאַכט זיך?

— אזוי, אזוי... שוין העכער א האַלב יאָר אזוי...

סטעפּאַניוק רעדט מיט איר, ווי מיט א גוטער באַקאַנטער, ער שעמט זיך ניט אופדעקן זייַן האַרץ פאַר איר. א שאָד, וואָס ער מייַדט אויס איר ביבליאָטעק. מיט אים וואָלט איר ליב געווען צו פירן א געשפרעך, ער דערמאָנט איר מיט עפּעס דעם דירעקטאָר פונעם טעכניקום. פּינכוס אבראַמאָוויטש פלעגט אויך אזוי טיף אָן אָטעם טאָן פון מאָל צו מאָל בייַ א שמועס. נאָר ער האָט זיך קיינמאָל ניט געקלאָגט אויף איינזאַמקייַט. שטענדיק אַרומגערינגלט מיט יוגנטלעכע, שטענדיק באַשעפטיקט. כאָטש, ווער ווייסט, עפּשער איז ער אויך געווען אַן איינזאַמער, פּינכוס אבראַמאָוויטש...

— ניט אַלע זייַנען דאָך אזוי גליקלעך, ווי מייַן פריינט פימע ספּעקטאָר. איר זענט צוזאַמען מיט אים באַנאַכט געקומען צו אונדז. דער פּאָטאָ־קאָרעספּאָנדענט, שוין זשע האָט איר אים ניט פאַרגעדענקט?

— אזעלכע מענטשן פאַרגעדענקען זיך!

— איז אָט, שטעלט זיך פאָר: דעם דריטן זון האָט אים זייַן פרוי געבוירן, אַן עמעסער גוואַרדייער — פיר מיט א האַלבן קילאָ, זעכציק סאַנטימעטער די לענג! מיט א פּאָר אויגן, ווי בּא אייַך, זאָל איך אזוי לעבן, שיין ווי די וועלט! דעם פינפטן מייַ, אין אונדזער פּרעסע־טאָג, באַקומען זיי א דירע. אָך, וואָס איז דאָ צו ריידן — קינדער! קינדער איז גאָר א באַזונדערע פרייד. און איך האָב די זיבן און זיבעציק פאַרגעניגנס פון מייַן צייַטונג. לויבט מען זי אין א פּרעסע־איבערזיכט אָדער אויף דער פּאַרטיי־ביוראָ, איז גוט, זידלט מען — איז ביטער. אזוי גייט דורך א יאָר נאָך א יאָר.

ניט ווייַט פון דער ביבליאָטעק האָט זיך דערהערט א שיקערע זידלערייַ. נאָך א רעגע, און עס האָבן זיך באַוויזן צוויי יונגעלייַט. איינער רייַסט זיך אַרויס באַם צווייטן פון די הענט, ער פּרוּווט לויפן, נאָר דער צווייטער דעריאָגט אים. באַ דעם, וואָס פּרוּווט אַנטלויפן, איז אַראָפּגעפאַלן דאָס היטל, ער בייגט זיך אָן, קעדיי עס אופהייבן, און ציט זיך אויס אויפן גליטשיקן טראָטואַר.

— נו, איך וועל גיין, — אַלגע האָט דערלאַנגט סטעפּאַניוקן די האַנט, — איך האָב פייַנט שיקורים.

— איך האָב זיי אויך פייַנט, — סטעפּאַניוק האָט א ביסעלע פאַרהאַלטן איר האַנט, באַלד זיך געכאַפּט און אָפּגעלאָזט זי, — גייט, גייט, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל א קוק טאָן, ווער איז עס דאָרט. טשיקאַווע... איינער פון זיי איז, דאַכט זיך, וואַניע גלושקאָ, אונדזער פאַרזיצערס זון.

דער, וואָס איז נאַרוואָס געפאַלן אויפן טראָטואַר, האָט זיך שווער אופגעהויבן אויף די פיס און איז אוועק צו דער ביבליאָטעק... אַלגע האָט אים ערשט דאָ דערקענט — עליע! זי איז צוגעלאָפן און אים אָנגעכאַפּט פאַר אַן אַרבל.

— וואָס איז געשען?

— דער רוער ווייסט אים! — האָט עליע קוים געשטאַמלט.

— וואָס פאַר א מאַנטל איז עס אויף דיר? און וואָס איז דאָס פאַר א היטל, עליושע?

— פונוואַנען ווייס איך?! ער האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מיר: טרינק!

— ווער האָט זיך צוגעטשעפּעט?

— וואניע, איוואן אַסטאַפּאָוויטש. איך זאָג אים: לאָז מיך אָפּ, איך בין שוין פאַרטיק, זעסט דאָך...

— איך זע, איך זע, — אַלגע איז שיר ניט דערוואָרגן געוואָרן פון בושע און ווייטאָק, — קום, קום אַוועק פונדאַנען.

סטעפּאַניוק איז צוגעגאַנגען, גענומען עליען אונטער דער האַנט פון דער צווייטער זײַט.

— עפשער זאָל איך אײַך מיטהעלפן, אַלגע? — האָט ער פאַרגעלייגט. — דאָס איז, זעט אויס... אײַער...

— יאָ, יאָ, אירער, — האָט עליע שיקער, פרעך צעשמייכלט זיך, — איר אייגענער און געזעצלעכער מאַן.

— קום שוין, קום! איך וועל אים אַליין אַרײַנפירן אַהיים, — האָט אַלגע א פאַרשעמטע, געזאָגט צו סטעפּאַניוקן. — אַזוינס האָט קיינמאָל ניט פּאַסירט, ס'איז עפּעס א צופעליקײַט.

סטעפּאַניוק האָט גיך דעריאָגט אָף דער גאַס וואַניע גלושקאָ. דער שיקער איז געשטאַנען לעבן א פּלויט, באַמיט זיך פאַרשפּיליען דעם מאַנטל, נאָר די פינגער האָבן ניט געפאָלגט. סטעפּאַניוק האָט אים פאַרשפּיליעט און געהאָלפן דערקלײַבן זיך אַהיים, צו דער גרויסער שטוב מיט די פאַריגלטע פענצטער.

דעם גאַנצן וועג האָט דער שיקערער געפּלאַפּלט:

— פאַרשטייסט, מיר האָבן באַנעצט די מאַשין. מײַן אייגענע, פאַרשטייסטו, מײַן פּערזענלעכע מאַשין! אויב דו ווילסט — ביטע, קום, וועל איך דיך דורכקאַטײַען, קום! אָט איז דער שליסל — באַ מיר איז דאָס איינס און צוויי! איך האָב א ביסעלע אויסגעטרונקען, א ביסעלע... און מיינסט פאַרוואָס? פון פאַרדראָס! פאַרשטייסט? איך טרינק, און ער טוט נאָר א פּרוּוו. איך טרינק. פאַרשטייסט, אַזאַ געלעגנהײַט, און ער טוט א לעק און שטעלט אַוועק דאָס גלעזל. האָב איך אים א זעץ געטאָן — כיטרעווע ניט! פאַרשטייסט? כיטרעווע ניט!

דורכגעלאָזט דעם שיקער אין הויף, צוגעוואַרט א ביסל לעבן דער קאַליטקע און איבערצײַגט זיך, אַז יענער איז שוין באַ דער טיר, אַז מע עפנט אים, איז סטעפּאַניוק אַוועק א טיף באַטריבטער. ער האָט געטראַכט וועגן אַלגען — וואָס טוט זי איצט? א מין ווייטאָק, א מין פאַרדראָס זי לעבט איבער.

■

אַלגע האָט געהאָלפן עליען זיך אויסטאָן. אויסגעבעטעט האָט זי זיך ווידער אָף דעם קורצן קאַנאַפּקעלע. זי האָט זיך ניט געריכט, אַז איר וועט אויסקומען לײַדן אַזאַ ביזאָיען. וואָס זאָל זי טאָן? ערשט נעכטן האָט זי זיך צונויפגערעדט מיטן דירעקטאָר פונעם ראַיאָנישן קולטור־הויז וועגן א דיספּוט אָף דער טעמע: „דער נײַער שטייגער אין דער סאָוועטישער פאַמיליע". אָט האָסטו, אַלגע, א נײַעם בײַשפּיל פון דײַן אייגענעם שטייגער.

אַזוי איז דורך א שאָ און צוויי. עליע איז זיך א ביסל אויסגעשלאָפן און האָט א שולדיקער געגומען רופן:

— גיי, לייג זיך, ווי א מענטש... דו הערסט, וואָס איך זאָג?

אַלגע האָט אַריבערגעטראָגן איר קישן אָף דער טאַכטאַ, אײַנגעשלאָסן דאָס נאַכט־לעמפּל צוקאָפּנס און געפּרוּווט לייענען א בוך — זי וועט דאָך סײַווי ניט אַנשלאָפן ווערן.

— לייג אַוועק דעם בוך! — האָט עליע געפּאָדערט. ער האָט זיך אַלץ מער אויסגעניכטערט און, קענטיק, ניט געוווּסט, וואָס בעסער איז — ווײַזן, אַז ער איז פאַרלוירן, דערדריקט, צי, פאַרקערט, זײַן באַ זיך זיכער, מאַכן דעם אָנשטעל, אַז גאָרנישט האָט אַזוינס ניט פּאַסירט. — וואָס בלאָזסטו זיך? איך בין, פאַרשטייט זיך, שולדיק — פאַרבונדן זיך מיט אַזאַ טיפּ, מיט אַזאַ דער־רויעד־ווייסט־וואָס. נאָר דו, פאַרוואָס פאַרשטייסטו מיך ניט?

— יאָ, — האָט אַלגע געענטפערט מיט ווייטאָק, — מיטפילן דיר! עפּשער דאַרף מען גאָר מיר מיטפילן.

— איך אַנערקען, נו, איך אַנערקען און בעט, זאָלסט מיר אַנטשולדיקן. וואָס נאָך דאַרף איך טאָן? וואָס? איך וועל טאָן אַלץ, אַליענקע, זאָלסט זײַן ווידער גליקלעך!

א פּלוצעמדיקער ראַכמאָנעס כאַפּט אָן אַלגען. וואָס זאָל זי טאָן, אַז ער איז באַ איר אַזאַ ווייכהאַרציקער? זי קערעוועט זיך אויס צו אים מיטן פּאָנעם, טוליעט זיך צו צו אים, קושט אים דעם שטערן, די אויגן.

— נו, שלאָף, שלאָף. וועסט פאַרשפּעטיקן אָף דער אַרבעט.

נאָר עליע וויל ניט שלאָפן. ער האָט אויסגעטרונקען א קוואָרט זויערן קרויט־ראָסל און מיט א ליכטיקער ניכטערקײַט אין די אויגן א קוק געטאָן אָף אַלגען.

— ווער האָט עס דיר געהאָלפֿן מיך אַרײַנשלעפּן אין שטוב?

— דער רעדאַקטאָר פֿון אונדזער צײַטונג.

— ווי האָט ער זיך פּלוצעם גענומען?

— ער האָט מיך באַגעגנט, ווען איך בין געגאַנגען פֿון דער באַראַטונג, און האָט מיך אַ ביסל באַגלייט. ס'איז דאָך אַזאַ גליטש.

— איך פֿאַרשטיי, אַ גליטש... און דו האָסט אַזוי שטאַרק מוירע געהאַט פֿאַלן? האָט ער זיך שוין, הייסט עס, צוגעקלעפּט צו דיר?

— וואָס טראַכסטו אויס? אין וואָס ביסטו מיך כוישעד? ער איז אַ ווילער מענטש, שלאָף שוין בעסער.

„וואָס טוט מען, וואָס טוט מען, — טראַכט אַלגע, ווען עליע שלאָפֿט טאַקע אײַן, — עפּשער אָנשרײַבן נאַדיען? זי וועט מיר געבן אַן אייצע. צי עפּשער אָנשרײַבן פּינכוס אַבראַמאָוויטשן, ער האָט דאָך באַם געזעגענען זיך געהאַט געזאָגט: טאָמער עפּעס אַ שווערִיקײַט — זאָלסטו מיר גלײַך אָנשרײַבן".

„ניין, קיינעם דאַרף מען ניט שרײַבן, — באַשטימט אַלגע, — מע דאַרף ניט צעפּויקן גאַרנישט. אַ שאָד, וואָס סטעפּאַניוק איז אַן איידעס — עפּשער וועט דאָס אַלץ דורכגיין, פֿאַרגעסן ווערן. עליע איז דאָך אַ גוטער, אַ גוטער, ער האָט זי ליב. אויסגעגליטשט זיך, נו, זאָל זי אים אָפּשטויסן, פֿײַנט באַקומען דערפֿאַר?"

עליע איז געשלאָפֿן שוין ניט מיט קיין שלאָף פֿון אַ שיקערן מענטשן. ער האָט געאָטעמט אַלץ רויִקער, טיפֿער. אַלגע איז שטיל אַראָפּ פֿונעם געלעגער, זי האָט געפֿונען די וואַרעמע פּוישטן, וואָס ראַיסע סאָלאָמאָנאָווגע האָט אַמאָל געטראָגן, אָנגעטאָן זיך וואַרעם און איז אַרויס אין דרויסן. ס'האָט שוין גענומען טאָגן, ס'האָט געשאָטן אַ שנייעלע און צוגעדעקט דאָס הוילע גליטשיקע אײַז אויפֿן טראָטואַר, אויף די קאַליוזשעס באַ דער זײַט.

אַלגע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין די שטאַכעטן, געקוקט אויף דער גאַס, אויפֿן שטעטל, וואָס איז געשלאָפֿן מיט צוגעמאַכטע לאָדן. אויפֿן זיבעטן איז איר געקומען באַריס סוטשקאָוו מיט זײַן פֿאַרשלאָג אַריבערשלעפּן זי צוריק אין דער הויפּטשטאָט. עפּשער איז ער געווען גערעכט? נאָר דאָ טוט אַ קלונג אין די אויערן פּינכוס אַבראַמאָוויטשס אויסדרוק: „גערעכט ביסטו, נאָר שמיץ קומט דיר!" פֿאַרוואָס זשע קומען מיר שמיץ? — קלערט אַלגע.

זי קוקט אין הימל, וואָס ווערט אַלץ בלאַסער, ליכטיקער, צעפֿליקטע וואָלקנס טראָגן זיך אום גאָר נידעריק. ווו־ניט־ווו טוט שוואַך דורכן שיטערן שניי אַ פֿינקל אַ שטערנדל. אַ הונט צעבילט זיך, ווי ער זאָל עס רופֿן יענץ שוואַכע שטערנדל.

עס איז דורכגעפֿאָרן די ערשטע פּראַכט־מאַשין און געלאָזט אַ פֿרישן שפּור אויפֿן פֿרימאָרגעדיקן שניי. און ווידער איז שטיל, ווי אין אַ זיסן שלאָף.

עס האָט אַ סקריפּע געטאָן די טיר. דאָס איז עליע אַרויס פֿון שטוב.

— נו, גענוג, גענוג זאָל זײַן, — האָט ער זיך גענומען בעטן באַ איר, — שטייסט דאָ שוין לאַנג, אַליענקע? ביסט דאָך אינגאַנצן אַ פֿאַרקאָטשעניִעטע!

נאָך דעם שטיין אין דרויסן, אויפֿן פֿרעסטל, איז אַלגע געשמאַק אַנשלאָפֿן געוואָרן און אַפֿילע ניט געהערט, ווען עליע איז אַוועק אויף דער פֿאַבריק.

אויפֿן טיש האָט ער איבערגעלאָזט אַ צעטעלע און אַריבער הונדערט רובל.

„זײַ ניט באַרויגעז אויף מיר. איך בין זייער שולדיק. נאָר דו ביסט אויך ניט גערעכט. דו ביסט דאָך מײַן פֿרײַנט, דאַרפֿסטו מיך ניט זידלען. מיט וועמען טרעפֿט עס ניט? דאָס געלט האָב איך פֿאַרדינט — געהאָלפֿן אָפּרעגולירן די אַפּאַראַטן אויף דער אַליייניצע. באַהאַלט אָדער טראָג אַרײַן אין שפּאַרקאַסע. און אויב דו ווילסט, איז קויף זיך, וואָס דו באַדאַרפֿסט. צוועלף אַזייגער זאָלסטו, אַליענקע, מיר אָנקלינגען. אויב ניט, וועל איך אַהיים ניט קומען".

אַלגע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ קלאַפּ אין טיר. אויפֿן שוועל האָט זי דערזען גאַלינקען אין איר לײַכטן מאַנטעלע און אינעם וואַרעמען שאַלכל.

— מע קאָן אַרײַנגיין?

— קומט אַרײַן.

גאַלינקע האָט זיך אַרומגעקוקט:

— ניטאָ אײַער איליושע, אַוועק ערגעץ?

— אַוועק אויף דער אַרבעט.

— שוין אַוועק. און מײַנער... ער ליגט, ווי אַ קאָלאָדע, און טײַנעט איינס — ברענג אים נאָך אַ פֿלאַש.

— נו, און איר?

— איך בין אוועק פון שטוב, אוועק צו זײַן טאַטן אױף דער אַרבעט. עס קומט דאָרט פּאַר עפּעס אַ זיצונג, האָב איך אים אַרײַנגעשיקט אַ צעטעלע. ער זאָל קומען אַהיים. וואָניע האָט פאַר אים מוירע, דאָס ווייס איך. נאָר אַליין, ווו זאָל איך זיך אַהינטאָן? בין איך אוועק צו אײַך. אַנטשולדיקט, כ׳האָב אײַך אופּגעוועקט.

— מיילע, נו, שוין אַלציינס צײַט אופצושטיין. זעצט זיך עפּשער צו, וואָס איז דאָס שטייט בא דער טיר?

אין אָלגען האָבן געקעמפט צוויי געפילן: אָט איר מאַן און זי אַליין אויך פירן אַראָפּ פון וועג עליען, זי וועט דאָס ניט דערלאָזן, אָלגע. אָבער פון דער צווייטער זײַט, זי איז איצט אַזאַ אומגליקלעכע, די דאָזיקע גאַלינקע. עפּעס האָט זי פאַרשטאַנען, אין עפּעס אַנטוישט זיך, אָט האָט זי אַנומלטן — נו, יאָ, זי — פאַרשלעפּט וואָניען אין ביבליאָטעק. און אָט איז זי געקומען אַהער. צוליב וואָס? זוכן אַ טרייסט, אַן אייצע, געפינען אַ באַהעלטעניש, אַן אָנשפּאַר? בליץ־שנעל איז דאָס אַלץ דורכגעלאָפן בא אָלגען אין קאָפּ, און זי האָט פאַרגעלייגט:

— איר האָט שוין געגעסן פרישטיק, גאַלינקע?

— אַך, ווער טראַכט איצט וועגן דעם! באומרויקט זיך ניט.

— מיילע, נו, אָבער איך וויל עסן, וועלן מיר עסן צוזאַמען.

אַפּגיך געמאַכט עסן. זיצנדיק שוין מיטן גאַסט באַם טיש, האָט אָלגע געזאָגט:

— פּרוּווט לעבן אַנדערש, גאַלינקע.

— לעמאַשל?

— לעמאַשל? נעמט עפּעס טאָן. איך וואָלט אױף אײַער אָרט אין שטוב בא זיך ניט איבער־געלאָזט אייניקע זאַכן, איר ווייסט, וואָס איך מיין, איך וואָלט מיט אַ גרינג האַרץ זיך צע־שיידט מיט דעם. נאָר דאָס איז שוין אַ צווייטע זאַך. נעמט עפּעס טאָן אַן אַרבעט. אָט דאַרף איך אַ געהילף אין ביבליאָטעק, איך האָב דאָך געזען — איר האָט ליב ביכער. קומט צו מיר. איך קאָן דאָס לײַכט דורכפירן.

— צו אײַך? אַרבעטן?

גאַלינקע האָט זיך פאַרויטלט, נאָר אָלגע האָט פאַרשטאַנען — דאָס איז געקומען ניט נאָר פון פאַרשעמטקײַט, פאַרלוירנקײַט. יעדנפאַלס אין עטלעכע מינוט אַרום איז שוין דאָס געווען אַן אויסדרוק פון פרייד און צערודערטקײַט.

— איר ווייסט! איך בין מאַסקים, איך וועל פּאַשעט גליקלעך זײַן! — האָט גאַלינקע גע־זאָגט. — אַך, ווי גוט, וואָס איך בין אַרײַן צו אײַך, אָלגע, אַך, ווי גוט!

ווידער פרילינג

ווידער איז געקומען דער פרילינג, און ווידער, ווי פאַראַיאָרן, — זייער פרי. די זון האָט פאַר עטלעכע טעג פאַרוואַנדלט דעם שניי אין טײַכעלעך, אין וועלכע עס באָדן זיך מיט עמעסן פאַרגעניגן די שפּערלעך, וואָס האָבן אַ באַזונדער כיישעק צו דער קאַלטער וואַסער, — זיי טרינ־קען זי טראָפּנווײַז, פאַרזיכטיק, ווי מענטשן אױף אַ סימכע טרינקען געשמאַקן ווײַן.

אומדערוואַרט האָט זיך אין הימל באַוויזן דער ערשטער רעגנבויגן, ווי דאָס וואָלט געווען נאָך אַ גוטן זומערדיקן רעגן.

קאַטיע, די קלײניטשקע קלײַנעדיקע קאַטיע, האָט ליב באַטראַכטן די אַרומיקע וועלט. נייך, זי האָט זיך ניט געהאַלטן פאַר קיין דיכטערן. שורע נאָך שורע פלעגן זיך אָנזאַמלען אין איר האַרצן לידער וועגן דער ערד, וועגן דעם הויכן הימל, און דעריקער וועגן די מענטשן, וואָס אַרבעטן אונטער דער ערד. און צווישן זיי איז דער נאָענטסטער, דער ליבסטער — ער, קאָסטיע. די מערהײַט לידער זײַנען בא איר אַזוי טאַקע געבליבן ניט קיין פאַרשריבענע. און די, וואָס זי האָט יאָ פאַרשריבן אין איר בלויען העפט, דערוועגט זי זיך ניט באַווײַזן קיינעם. אַפילע נאָדיען באַווײַזט זי זיי מער ניט, ווײַל אָפּטמאָל זײַנען דאָס גאָר ניט קיין לידער — אַ געשריי פון איר נעשאָמע:

קאָסטיע, קאָסטיע, קום צו מיר,
קאָסטיע, קאָסטיע, כ׳וואַרט אױף דיר!

נאָר קאַסטיע קומט ניט. דאָס לעצטע מאָל האָט ער זיך אויסגעקליבן א בוך „זשאַן קריס־טאָף" און לייענט אים שוין אזוי לאַנג. פריִער פלעגט ער דאָ אָפּזיצן גאַנצע אָפּדערנאַכטן, אין ביבליָאָטעק, און איצט... און דער פרילינג איז, ווי אָף צולאָכעס, אזא... און דער רעגנבויגן, וואָס כאַפּט ארום א האַלבן הימל, איז פונקט ווי אָנגעמאָסטן פאר איר שטימונג. — דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן בענקט זי אזוי, קאַטיע.

■

באם קולטור־פּאַלאַץ שטייט דאַדיק קאָמאַראָוו. דאַדיק איז א קינסטלער. דאַדיק קוקט אָפּן רעגנבויגן גאָר מיט אנדערע אויגן — ער וועט זיכער ערגעץ אָנמאָלן אזא הימל. נאָר אָט קערעוועט ער אויס דאָס פּאָנעם צו א מיידעלע, וואָס איז ביז די קני פאַרשפּריצט מיט בלאָטע. זי איז אינדערפרי ארויס אין גאַס מיט אירע בלישטשענדיקע גליטשערס. באַנאַכט האָט, ווי עס מאַכט זיך, געוומען א נײַ פּרעסטל און פאַרצויגן די קאַליוזשעס און די צעראַיעטע בלאָטע מיט דינעם אײַז. נאָר גיי טו עפּעס, אז קיין שניי איז ניטאָ און דאָס אײַז האָט אָפּסנײַ געוומען צעגיין!

נאַריש קינד, וואָס דו ביסט, לייג אָפּ די גליטשערס און נעם זיך בויען א שיף, און ביז די טײַכלעך זײַנען ניט אויסגעטריקנט געוואָרן, לאָז זיך שווימען אין די ווײַטע אויסגעטרוימטע לענדער. ביסט אנטוישט, וואָס די גליטשערס וועלן מוזן וואַרטן ביזן נײַעם ווינטער? זאָל דאָס זײַן די איינציקע אנטוישונג אין דײַן לעבן!

דאַדיק קאָמאַראָוון איז א סאַך שווערער, ווי דיר, מיידעלע!

עס באַגיסט אים דער זיבעטער שווייס, ביז עס באַקומט זיך דאָס, וואָס ער האָט פאַרטראַכט. אָט האָט ער אוועקגעשיקט זײַן נײַ בילד דעם באַוווּסטן קינסטלער, וואָס האָט געוומען שעפּטום איבער אים. קיין ענטפער איז ביז איצט נאָך ניטאָ. עפּשער איז זײַן מאָלערײַ גאָרניט ווערט? וואַליע, זײַן געטרײַע ווײַב, האַלט דאַפקע, אז דאָס בילד איז זייער געראָטן. איר איז ביכלאַל געפעלן אַלץ, וואָס דאַדיק טוט. דערפאַר טאַקע גיט זי אים נאָך אָף יעדן שריט און לויבט אים אין טאָג אַרײַן. טאַקע זי, וואַליע, האָט אים אײַנגערעדט, ער זאָל אָנמאָלן א גרויסן לײַוונט: „פרילינג אין דאַנבאַס". ער וועט באַווײַזן א מענטשן, וואָס גייט ארויס פון אונטער דער ערד און דערפילט מיטן ערשטן אָטעם, ווי עס שמעקט דער זוניקער שטראַל, ווי עס זינגט דאָס ווײַסע וואָלקנדל אין הויכן הימל, ווײַל דאָ, אין דאַנבאַס, איז דער הימל גאָר ניט אזא, ווי, לאָמיר זאָגן, אין קיִעוו צי אין אָדעס.

מאָרגן פאַרטאָג וועט זיך דאַדיק אראָפּלאָזן אין דער טיפסטער שאַכטע און צוריק זיך אופ־הייבן צוזאַמען מיט דער באַנאַכטיקער בריגאַדע — ער וויל אַליין דערפילן דאָס, וואָס עס פילט א שאַכטיאָר, ווען ער גייט ארויס פון דער שאַכטע. ערשט דעמלט וועט ער, דאַדיק, זיך שטעלן צום מאָלברעט.

אָבער ערשט־אָ האָט ער א טראַכט געטאָן: דאָס אראָפּלאָזן זיך אין דער שאַכטע איז נאָך גאָר־גאָר א קליינע גאַראַנטיע, אז עפּעס וועט זיך באַקומען רעכטס, — ער דאַרף געפינען אין זיך די גרויסע באַגײַסטערונג, וואָס העלפט אין שאַפונג.

דאַדיקן גלוסט זיך אָנמאָלן נאָך איין בילד, וואָס וועט הייסן: „מע וואַרט אָף א קינד". א גאַנץ געוויינלעכער סוזשעט: א יונגער טאַטע און א יונגע מאַמע אין דער שײַן פון ערשטע פרי־לינג־שטראַלן טרוימען און ריידן וועגן זייער זון, וואָס איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן. זײַן, דאַ־דיקס, זון איז שוין דאָ, דער פאַרטראַכט אָנצומאָלן אזא בילד איז שוין לאַנג געקומען, און צוגע־טראָטן צו דער ארבעט איז ער נאָך ניט...

— קינסטלער, וועגן וואָס האָט איר זיך עס אזוי פאַרטראַכט?

— וועגן אַלץ צוביסלעך, כאָווער דובאָוו.

— איז עפּשער וועט איר מיך באַגלייטן?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן!

און דער שעף לאָזט זיך גיין מיט דאַדיקן צום נײַעם הויז, ווו מע וועט וווינען בישיינעס און ווו עס ווערן שוין טאַקע פאַרענדיקט די לעצטע ארבעטן. זאָל ער אָן אייצע געבן, דער קינסטלער, וואָס פאר א קאָליר איז בעסער פאַרן קאַבינעט, וועלכער — פאַרן עסצימער.

— אָט דעם צימער, — זאָגט דאַדיק, — וואָלט איך אויסגעפאַרבט אין א העל־גרינעם קאָליר, דעם קאָליר פון פריִען פרילינג. און אָט דעם — אין העלן בעזש־קאָליר. דעם באַרדיור קאָנען שאַפן בלעטער פון קליאַנען, רויטע, ווי אין הארבסט... און דאָס קליינע צימער? דאָ וואָלט איך אײַך אייצענען א העל־בלויען קאָליר — אַלץ איז אָפּהענגיק פונעם גע־

שמאַק. איך מיין, אַז נאַדיען וועט עס אויך געפעלן, — זאָגט ער בעקיוון, קעדיי געבן צו פאַרשטיין, אַז זי, נאַדיע, דאַרף נאָך אויך זאָגן איר מיינונג.

זיי גייען אַרויס פונעם הויז דער זון אַנטקעגן, דעם פרילינג אַנטקעגן, און דאַדיק פילט ניט קיין גרויסן אונטערשייד אין זייער עלטער — ביידע זײַנען זיי אין רעשוס פון פריידיקער דערוואַרטונג.

אַט גייט זיי אַנטקעגן זייער אײַליק דער פאַרטאָרג דאַווידענקאָ. דער קאָלנער צעכראַסטעט, דאָס היטל אַף א זײַט.

— דו וואָלסט געקאָנט מיר געבן דײַן מאַשין, יעגאָר סעמיאָנאָוויטש? די טאָכטער און דער איידעם קומען צו פאָרן, וויל איך זיי באַגעגענען.

— וואָס איז דאָ צו ריידן — נעם די מאַשין!

פונעם קולטור־פאַלאַץ איז אַרויסגעגאַנגען נאַדיע אַלפעריין.

— כ'האָב נאָרוואָס באַטראַכט אײַער דירעלע, — זאָגט איר דאַדיק, — גאַנץ ווויל! נאָר צו ווײַט וועט דיר אויסקומען גיין אַף דער אַרבעט.

— מע וועט זיך שוין אָן אייצע געבן! — דובאָוו טוט שטרענג א קוק אַף דאַדיקן. ער האָט אַליין געוואָלט איר זאָגן, ווו ער איז נאָרוואָס געווען.

דאַדיק פאַרשטייט איינס — מע דאַרף אַוועקגיין.

א מאָדנע זאַך: די פאַרליבטע, ווען זיי בלײַבן אַליין, ווערן זיי אָפטמאָל אַזוי אומבאַהאָלפן... אָט דאַרף ער טאַקע ריידן מיט איר, יעגאָר סעמיאָנאָוויטש, וועגן גאָר וויכטיקן — מע מוז דאָך דאָס אַרומרעדן, — ווען אײַנגעבן די דאָקומענטן אין זאַגס, ווען צופאָרן אין דער געגנטלעכער שטאָט, עפשער אַפילע צוזאַמען, קעדיי א זוך טאָן גוט מעבל? און ביכלאַל, עפשער אַפילע ניט וועגן דעם אַלעמען דאַרף מען רעדן, נאָר וועגן דעם, וואָס מע פילט יעדער שאָ, ווען מע זעט זיך ניט, און וואָס מע פילט, ווען מע דערזעט זיך, ווען מע גייט אָט אַזוי־אָ, באַנאַנד...

— איר מאַטערט זיך? — פרעגט זי. — אײַך איז אויך אַזוי שווער, ווי מיר?

— נאַרעלע, — זאָגט ער איר צאַרט, — מיר איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי גוט און איינצײַטיק אַזוי שווער.

ער האָט זי צוגעטוליעט צו זיך, ווי ער וואָלט גאָר פאַרגעסן, אַז מע איז אין גאַס, ווו מענטשן גייען אום, מענטשן, פאַר וועלכע ער, יעגאָר דובאָוו, איז א מוסטער פון צוריקגעהאַלטנקײַט. ער האָט זי אַרומגענומען און א קוש געטאָן.

פונקט אין דער זעלבער צײַט איז פונעם שאַכטע־הויף אַרויסגעפאָרן די מאַשין, אַף וועלכער דאַווידענקאָ האָט זיך געײַלט באַגעגענען זײַן טאָכטער מיטן איידעם.

— עפשער וואָלסטו שוין אונטערוועגנס אונטערגעפירט צום יִשעוו מײַן ווײַב? — האָט דובאָוו, א גליקלעכער, אויסגעשריגן צו דאַווידענקאָן.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! — דאַווידענקאָ האָט ברייט צעעפנט דאָס טירל פון דער מאַשין.

אין דער היים האָט נאַדיע געטראָפן קאַטיען באַם טיש — דאָס מיידל האָט עפּעס געשריבן. נאַדיע האָט זי אַרומגענומען און געכאַפּט א קוק אינעם צעעפנטן העפט.

אַך, ווי גוט!
ווי עס שמעקט דער דאַניעצער סטעפּ!
און ווי ס'זינגען די פייגל
א ליבגעזאַנג זייער לעבן...

ווו דו טוסט זיך א קער,
הילט דיך אײַן
דער באַפליגלטער שטראַלן־געוועב.
אַך, ווי גוט,
אַך, ווי ליב איז די וועלט,
ווען דו פילסט לעבן זיך...

— נו, און ווײַטער? — האָט נאַדיע געפרעגט. — פאַרוואָס האָסטו ניט פאַרענדיקט די ליד?.. שוין וויפל לידער זײַנען געבליבן בא דיר ניט קיין פאַרענדיקטע!

— ווײַל מיר פעלן ווערטער, צי וואָס, עפּעס פעלט מיר...

— דיר פעלט עפשער, קאַטינקע, ליבע?

— נו, דאָ האָט איר שוין גראַדע א טאָעס! — קאַטיע האָט זיך אופגעהויבן און א שײַנענדיקע, א שמייכלענדיקע צענומען אירע הענט. — קאַסטיע קומט צו פאָרן פון די קורסן! —

האָט קאַטיע געזאָגט און אַ דריי זיך געטאָן, ווי אין טאַנץ איבערן צימער. — ער וועט ווידער אוועקפֿאָרן, נאָר אַ וואָך וועט ער דאָ זײַן צוגאַסט!

נאַדיע האָט געטראַכט: קאַסטיע לערנט זיך. דערווײַל זײַנען דאָס קורסן, דערנאָך וועט ער עפּשער אָנקומען אין בארג־אינסטיטוט. צי האָט זי, נאַדיע, אין דעם קיין קיילעק ניט? יאָ, זי האָט אַ קיילעק, און ניט נאָר מיט דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַן אינזשענער צו איר אין ביבליאָ־טעק, געהאָלפֿן זי שאַפֿן, די ביבליאָטעק, אָך, ניט נאָר מיט דעם!

מיילע, אַזוי וועט עס שוין זײַן. זי באַדויערט וועגן גאָרנישט ניט. זי איז גליקלעך, און זאָלן אויך אַנדערע גליקלעך זײַן אַף זייער אויפֿן — אָט די קאַטיע און קאַסטיע...

ביידע מיידלעך האָבן זיך געגומען מאָנטירן אַ נײַעם פּלאַקאַט פֿאַר דער ביבליאָטעק און פֿאַרטיפֿט זיך אין דער אַרבעט, ווי בלויז דאָס דאָזיקע זאָל זיי אָנגיין איצט, בלויז וועגן דעם זאָלן זיי טראַכטן.

לעבעדיקע שפּורן

„טײַערע און ליבע ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונע!

זײַט אַף מיר ניט בארויגעז, וואָס איך האָב אײַך אַזאַ לאַנגע צײַט ניט געשריבן. איך מיין, אַז אײַער פּאָטשט־קעסטל איז ניט געווען פּוסט, ווײַל כוץ מיר זײַנען דאָך געוויס פֿאַראַן הונ־דערטער אײַערע פֿרײַנט, וואָס לאָזן אײַך ניט צורו מיט זייערע בריוו. אַזאַ מאַזל האָט איר, טײַערינקע, אַזאַ אַרבעט איז בײַ אײַך, וואָס אָן אײַך איז אונדז שווער זיך צו באַגיין. דערצו זענט איר דאָך, ווי מיר איז באַוווּסט, ניט געזונט. אוי, ווי מיר פֿעלט אײַער שטרענג וואָרט, אײַער וואָרענונג, אײַער קלוגע אייצעס! צו אײַך אין ביבליאָטעק פֿלעג איך גיין ווי צו אַ פֿרישן קוואַל און בין שטענדיק זיכער געווען, אַז איך וועל זיך דערפֿרישן, שטילן מײַן דאָרשט. איך בין אײַך אַזוי דאַנקבאַר פֿאַר אַלץ, פֿאַר אַלץ!...“

„האַרציקע, ליבע ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונע! ווי גוט וואָלט געווען, ווען מיר ווינען מיט אײַך צוזאַמען. עפּשער איז שוין צײַט, איר זאָלט אַף דער עלטער זיך אַ ביסל אָפּרוען. עפּשער איז אַ פּלאַן, איר זאָלט אַריבערפֿאָרן צו אונדז? מע האָט אונדז געגעבן אַ גוטע דירע. אויב איר זענט מאַסקים, איז שרײַבט אָן, וועל איך קומען, און מיר וועלן אַוועקפֿאָרן אַהער, אַף דאָרעם, ווו דער קלימאַט און די מענטשן זײַנען גוטע, וואָס בעסער קאָן גאָר ניט זײַן!“

„כאַשעווע ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונע!

עס שרײַבט אײַך אײַערע אַ געוועזענער לייענער, וואָס וועט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן אײַך און אײַער קליינע ביבליאָטעק. איך זאָג — אײַער ביבליאָטעק, ווײַל ווען ניט איר, ווען ניט אײַער איבערגעגעבנקײַט, אײַער ליבע צום בוך, וואָלטן מיר עפּשער זיך ניט אויסגעלערנט פֿאַרשטיין אַ בוך און די גרויסע ווערט זײַנע אין אונדזער לעבן. מײַן טאָכטער פֿאַרענדיקט איצט דעם צענטן קלאַס און וויל אויך ווערן אַ ביבליאָטעקערן. איך דערצייל איר אָפֿט וועגן אײַך. מיר לעבן איצט אין דער שיינער שטאָט לענינגראַד. אויב אײַך וועט אויסקומען זײַן אין אונדזערע קאַנטן — זאָגט מיר צו, אַז איר וועט קומען צו מיר. זײַט געזונט“.

די בריוו האָבן אָבער פֿאַרשפּעטיקט...

איבערן שוואַרצן בערגעלע ערד אַף ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונעס קייווער האָבן זיך געדרייט און געצווישטשעט פֿויגלען, וואָס האָבן שוין דערפֿילט דעם פֿרילינג.

אַלגע האָט מיט אַ באַזונדער ליבע געלייענט די בריוו, וואָס פֿלעגן אָנקומען אַף ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונעס נאָמען. זי לייגט זיי צונויף אין אַ קעסטעלע און שרײַבט ענטפֿערס — די אַלטע ביבליאָטעקערן איז שוין ניטאָ, לאַנג שוין ניטאָ.

הײַנט איז אָנגעקומען אַ בריוו פֿון איינעם אַ מיליטערמאַן, וואָס אַרבעט גאָר ווײַט פֿונדאַ־נען. אין אָנהייב פֿון דעם בריוו האָט ער דערמאָנט ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונעס באַליבטע שורעס פֿון אַ ליד:

וויש אָפּ די צופֿעליקע שטריכן
און וועסט דערזען — די וועלט איז פּרעכטיק!

„צום באַדויערן, — האָט ווײַטער געשריבן דער מיליטערמאַן, — קומט אונדז צומאָל אויס זיך ערגערן צוליב די צופעליקע מיִעסע זיטן, וואָס טרעפן זיך נאָך בײַ אײניקע מענטשן. ניט יעדערער קאָן אָבער פאַרשטיין און אָפּטיילן דאָס צופעליקע, דאָס צײַטווײַליקע פונעם עמעס־דיקן, פונעם ווירקלעכן, דעם וווּנדערבאַרן, מיט וואָס עס איז גרויס אונדזער לעבן. אַ דאַנק אײַך, ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונע, איר האָט בײַ מיר דערוועקט די ליבע צו בלאָקן, צו היינען, צו לעסיע אוקראַיִנקע"...

די בריוו האָט אַלגע געגעבן לייענען אויך גאַלינען.

— מײַן מאַמע באַקומט ניט אַזעלכע בריוו, — האָט גאַלינע געזאָגט מיט אַ זיפֿץ, — אָפּ־געלעבט אַ לעבן צוליב שיינע שמאַטעס.

— אײַך וועט מען אויך, מעגלעך, גאַלינע, שיקן בריוו, און ניט אויף דער עלטער, — האָט אַלגע געזאָגט.

אַלגע איז געווען צופרידן פון איר געהילף.

■

אין ביבליאָטעק האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינווענטאַריזאַציע. דאָס ווערט געטאָן יעדן יאָר, און דעמלט בלײַבט שוין ניט קיין איין ביכל שטיין אויף דער פּאָליקע. מע טוט עס אַ בלעטער, מעווישט אָפּ דעם שטויב פון דעם, און זייער אָפט הייבט עס ערשט איצט אָן, דאָס דאָזיקע ביכל, אַ נײַ לעבן — דער ביבליאָטעקער האָט זיך דערמאָנט אין דעם, ער וועט דאָס עמעצן פאַרלייגן.

אין איינעם אַ ביכל, וואָס איז פאַרשטעקט געווען אויף אַן אונטערשטער און גאָר אַ ווײַטער פּאָליצע, האָט גאַלינקע, ווען זי האָט עס גענומען בלעטערן, געפונען אַ דינעם העפט, איינעם פון ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונעס העפטן, אין וועלכע זי האָט פאַרשריבן אירע געדאַנקען, דערציילט וועגן אירע איבערלעבונגען. ווער ווייסט, ווען די אַלטע ביבליאָטעקערן האָט געהאַלטן אָט דאָס ביכל, עפּשער אויף אַ ווײַלע אַוועקגעלייגט אַהין דעם העפט און פאַרגעסן אין אים, ווײַל אַלע אַנדערע אירע העפטן זײַנען זיך גאַנץ געוויינלעך געלעגן אין שופלאָד פון איר אַרבעטס־טישל. דער דאָזיקער האָט זיך מיט גאָרנישט ניט אונטערשיידט פון די אַנדערע, פּאַשעט דער נומער איז אויף אים געשטאַנען דער סאַמע לעצטער: 7.

אַלגע און גאַלינקע האָבן זיך צוגעזעצט, גאַלינע האָט גענומען לייענען אין דער הייך:

„איך, וואָס האָב שוין אָפּגעלעבט קנאַפּע 60 יאָר, האָב דאָס גאַנצע לעבן געזוכט אַן ענטפער אויף דער פראַגע — וואָס איז אַזוינס מאַזל? פון דעמלט, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, געדענק איך, אַז גאָר ווייניק מאַנצבלען פון אונדזער שטעטל האָבן זיך אומגעקערט אַהיים פון דער יאַפּאַנישער מילכאָמע.

מײַן טאַטע איז געקומען אָןביידע פיס, מיט עטלעכע שפּליטערס אונטערן האַרצן, בלייך, ווי דער טויט, און דאַר, ווי אַ שטעקן — הויט און ביין. האָבן די שכיינעס, די סאָלדאַטקעס, גערעדט צווישן זיך:

— אַ מאַזלדיקע ייִדענע די סאָלאָמאָניכע, אַ גליקלעכע! אַ האַלבער מאַן איז אַלציינס בעסער, ווי גאָרניט. איצט וועט מען אים שוין אויף אַ צווייטער מילכאָמע ניט נעמען!

דער טאַטע האָט זיך קוים איבערגערוקט אויף זײַן קליין וועגעלע, וואָס האָט פאַר אַ מײַל געגעבן צו וויסן: עס פאָרט סאָלאָמאָן אין זײַן פײַנעם פאַעטאָן!.. די אַלמאָנעס, די סאָלדאַטקעס, זײַנען מעקאַנע געווען אויף אונדזער מאַזל, און די מאַמע פלעגט וויינען, און געהאַט האָט זי אײַך טײַנע צו גאָט:

— גוואַלד, פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שווער, אַזאַ ביטער מאַזל?!

דערנאָך בין איך געוואָרן אַ דינסט פאַר זעקס רובל אַ יאָר, און עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס זײַנען מיר אויך מעקאַנע געווען אויף מײַן מישטיינסגעזאָגטן מאַזל.

דערנאָך האָב איך זיך געלערנט, דערנאָך געלערנט אַנדערע, באַגעגנט זיך מיט אַ האַרציקן באָכער און האָב געמיינט, אַז דאָ איז שוין מײַן ווירקלעך מאַזל. האָט אים אויך צוגענומען די מילכאָמע, שוין יענע, פון פערצעטן יאָר, און מער האָב איך אים ניט געזען אין מײַנע אויגן. אַזוי איז דערטרונקען געוואָרן מײַן מאַזל, נאָך איידער עס איז דערשווומען צו אַ ברעג.

איז, הייסט עס, אַ סאָף, אַן עק? און עפּשער קומט דאָס מאַזל אַ סאַך שפּעטער? ווער ווייסט, ווו ס'איז דער אָנהייב פונעם עמעסן מאַזל? עפּשער איז עס צו מיר געקומען נאָכן 1917 יאָר? איך בין אַלט געווען צוויי און צוואַנציק. מײַן צווייטער אָנהייב איז צו מיר געקומען אין פײַער, ווען כ'האָב מיט אייגענעם לײַב און לעבן דערפילט נעקראַסאָווס ליד:

גיי פאַר דײַן היימלאַנד אין פײַער,
פאַר דער גערעכטיקייט שטעל אײַן דײַן מוט...

כ׳האָב ניט געפילט דעם טאַם פון געוויינלעכער ערדישער ליבע, פון הייסע קושן, פון זיסער נאָענטקייט מיטן באַשערטן, און דאָך בין איך געווען גליקלעך! גליקלעך, ווען איך האָב געראַטעוועט מענטשן אָף די פּאָזיציעס, גליקלעך, ווען איך בין געווען אין קרעמל און צוזאַמען מיט לענינען-געאַרבעט אָפן שאַבעסניק, גליקלעך, וואָס כ׳האָב זיך באַגעגנט מיט קרופּסקען, וואָס כ׳בין מיט אַ סאַך אַנדערע געשטאַנען לעבן ניקאָלײַ אָסטראָווסקיס בעט אין סאָטשי, און ער — אַ בלינדער — האָט אונדז אַלעמען געזען, ער האָט געהערט, ווי עס קלאַפּן אונדזערע הערצער. און ווי איך בין גליקלעך, האָט ער אויך געזען...

איז וואָס זשע איז עס, ווי זעט עס אויס, דאָס מענטשלעכע גליק?

איך האָב ניט געהאַט קיין אייגענע פאַמיליע, ניט פאַרזוכט דאָס גליק צו ווערן אַ מאַמע. איך בין ניט פאַרשיקערט געווען מיט ליבע און ניט פאַרשטאַנען דעם פרילינגדיקן געזאַנג פון סאָלאָוויי, ווײַל געזאַנג איז פאַרשטענדלעך בלויז די פאַרליבטע. אַזאַ מאַזל האָב איך ניט געהאַט.

נאָר שוין זשע איז בלויז אין דעם דאָס מענטשלעכע מאַזל?!

און פילן, ווי מע וואַרט אָף דיר אין שוצגרוב?

און וויסן, אַז מע וואַרט אָף דיר ערגעץ אין אַ ווײַט דערפל, אָף דיר און אָף דײַן פּעקל ביכער, וואָס דו טראָגסט, אַ צונויפגעבונדנס, אין אַ זאַווייי?

און הערן גוטע מוזיק בײַ זיך אין קליינעם צימערל, אין אָוונט, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט?

און זען, ווי אַנדערע זײַנען גליקלעך, — איז דאָס דען ניט קיין מאַזל?

באַם שוועל פון מײַנע זעכציק יאָר בין איך זיך פאַר זיך אַליין מיסוואַדע: איך האָב ניט קיין טײַנעס צו מײַן גורל! ראַיִסע, זאָג איך, ביסט פיל גליקלעכער פון די, וואָס האָבן אין גיך בילק מאַזל פאַרלוירן די ווירדע, דעם געוויסן — דעם איקער, פון וואָס עס באַשטייט און וואָס עס באַטײַט דאָס וואָרט מענטש! וויי איז צו די, וואָס יאָגן זיך נאָך די גלאַנציקע שפּליטערלעך און שווימען אָפּט גאָר ניט אַהין, ווו עס וואַרט אָף זיי דאָס עמעסע ערדישע מאַזל...״

גאַלינקע האָט געענדיקט לייענען און אַ פאַרקלערטע געזאָגט צו אָלגען:

— איר ווייסט, איך האָב זי דאָ געזען אַ פּאָר מאָל. אַן אַלטיטשקע, אַ געוויינלעכע אַזאַ, עפּשער מער אַ ביסל אַן ענערגישע, איידער אַנדערע אין אירע יאָרן. יאָ, אַזאַ לעבן לוינט דורכצולעבן! און איר ווייסט, וואָס איך טראַכט, אָלגע? איך וויל פונדעסטוועגן קעמפן פאַר

מײַן גליק, פאַרן פּערזענלעכן לעבן אויך, פאַר וואַניען, ער זאָל ווערן אַ מענטש. איך דאַרף דאָס קענען טאָן, איך מוז דאָס קענען טאָן.

■

עליע האָט באַגעגנט וואַניען אין גאַס.

— כאַ! און איך טראַכט שוין, — האָט וואַניע געזאָגט מיט אַ געמאַכטן געלעכטער, — צי איז נאָך ניט געקומען די צײַט, אַז מײַן ווײַבל זאָל אַריבערפאָרן צו דיר און צו דײַן אַלגען אַף ווינעכץ?

— צו מיר און צו אַלגען? — האָט זיך עליע פאַרכידעשט.

— מײַן גאַלינקען איז ניט צו דערקענען. גאַנצענע טעג ווערט זי פאַרפאַלן אין אײַער ביבליאָטעק!

— און פאַרוואָס זאָל זי טאַקע ניט אַרבעטן?

— מיר קאָנען זיך באַגיין אָן איר אַרבעט! וואָס באַקומט זיך — איך גיי פון שטוב, איז זי שוין ניטאָ, איך קום אין שטוב — איז זי נאָך ניטאָ. באַ אַזאַ לעבן, צי ווילסטו יאָ, צי ווילסטו ניט, וועט דיך אַ צי טאָן צו דער פלאַש.

— מיילע, צו דער פלאַש, וואַניע, האָט דיך נאָך געצויגן, ביז גאַלינקע איז אַוועק אַף דער אַרבעט. ווער ווער, נאָר איך וויים דאָך!

— געצויגן, — וואַניע האָט פאַרשטאַנען, אַי אַז דער שטאָך איז אַ שטאָך, אַי אַז ס'איז פונדעסטוועגן אַ גוטמוטיקער, אַ פרײַנטלעכער שטאָך, אַ זאַג, וואָס מיינט: „איך גלייב, אַז דו וועסט אויך קומען צום זינען, וועסט זיך אַרומקוקן". דערפאַר האָט ער, וואַניע, געענטפערט מיט אַ פרידלעכן שמייכל: — געצויגן האָט מיך אַסיען־צײַט, ווינטער, און איצט ציט שוין אַפילע בייס אַ גוטן וועטער.

דער וועטער איז, אַגעוו, טאַקע געווען אָן אויסגעצייכנטער. אַ לײַכטער דאַמף האָט זיך געשפרייט אַף דער זוניקער זײַט פון דער גאַס. דער דאַמף איז געגאַנגען פון דער דערוואַכטער ערד. אַ ווינטל האָט אין דער הייך געטריבן ווײַסע וואָלקנדלעך, און דער הימל איז ענלעך געווען אַף אַ צעבושעוועטן יאַם.

— ס'איז דאָך פּאַשעט אַ פאַרברעכן ניט אויסטרינקען אין אַזאַ שאָ, באַזונדערס ווען אין קעשענע איז פאַראַן אַ פרישע קאָפּעקע! האַ, אילױשע?

עליע האָט גוט געדענקט, מיט וואָס עס האָט זיך פאַרענדיקט זייער ערשטער באַזוך אין בופעט. ניין! עליע וועט ניט טרינקען!

„ברען, ברען, מײַן שטערנדל!" — האָט זיך דערטראָגן אין גאַס די באַקאַנטע און באַליבטע ליד, וואָס דער פאַרוואַלטער פונעם בופעט שליסט אײַן, אַרײַנרופנדיק די באַזוכער.

„דײַן שטערנדל מעג ברענען, מעגסט אַליין ברענען וויפל עס גלוסט זיך דיר, — איך גיי ניט!" — האָט מיט אַן אינערלעכן שמייכל אַ טראַכט געטאָן עליע.

וואַניע איז אַוועק אַליין.

אַ באַגעגעניש מיטן שאָטן

נאַדיע איז אַריבערגעפאָרן אין דער נײַער דירע, וואָס דובאָוו האָט באַקומען. קיין נײַ מעבל האָט מען נאָך ניט אַרײַנגעפירט — ניט אַלץ ווערט באַשאַפן מיטאַמאָל!

עפּשער דערפאַר טאַקע, וואָס די צימערן זײַנען ניט געווען מעבלירט, האָבן אַזוי אויסגענומען די קאָלירן, וואָס דאַדיק קאָמאַראָוו האָט לויט זײַן געשמאַק צוגעקליבן. קאָמאַראָוו איז צופרידן געווען, וואָס נאַדיען איז געפעלן געוואָרן די שפּיל פון פאַרבן — ניט קיין שרײַענדיקע, באַשיידענע, וואַרעמע.

נאַדיע האָט פאַרבאָטן איר מאַן אַרויסרופן צוליב איר אינדערפרי די מאַשין. נישקאָשע, זי וועט צופוס אויך קומען באַצײַטנס אַף דער אַרבעט. זי וויל ניט, מע זאָל ריידן וועגן דעם, אַז די ביבליאָטעקערן, זינט זי איז געוואָרן דובאָווס ווײַב, פאַרט אַף דער אַרבעט, ווי עפּעס זייער אַ פּאַרנומענער מענטש.

הײַנט האָט זי געבעטן דאַדיקן, ער זאָל זיך אַראָפּכאַפּן צו איר אינעם דאַרעמדיקן יישעוו, העלפן איר אויספאָרמירן די אויסשטעלונג „רום דער מי!". זי איז צוזאַמען מיט יעגאָרן געגאַנ־

גען אַף דער אַרבעט — ער האָט ליב געהאַט זי צו באַגלייטן. אין די דאָזיקע אינדערפֿרי־ענדיקע שאָען איז אים גוט געווען האַלטן זיך מיט איר אַן אייצע וועגן זײַנע קאָמפּליצירטע איניאָנים.

אין איינעם אַ טאָג, גאָר אײַנגיכן נאָך דער קאַסענע, ווען יעגאָר איז געקומען צו זיך אַף דער אַרבעט, האָט ער אַפֿן גאַנעקל פֿון דער שאַכטע־פֿאַרוואַלטונג געטראָפֿן זיצן אַ פֿרוי געקליידט אין שוואַרצן. די פֿרוי איז געזעסן עטוואָס אײַנגעהויקערט, פֿאַרניורעט אין איר געשטריקטן שאַלעכל, און האָט גערייכערט, האַלטנדיק דעם סיגאַרעט אין איר קולעקל, ווי זי וואָלט מוירע האָבן, אַז עמעצער וועט דערזען, ווי זי רייכערט.

יעגאָר איז דורכגעגאַנגען פֿאַרבײַ, פֿאַרטיפֿט אין זײַנע מאַכשאָוועס. נאָר גלײַך ווי ער איז אַרײַן אין זײַן קאַבינעט און אַראָפּגענומען דעם לײַכטן מאַנטל, האָט זיך אַף דער שוועל באַוויזן די פֿרוי, וואָס האָט קענטיק געוואַרט, ער זאָל קומען. זי האָט פֿאַריכט דאָס שוואַרצע שאַלעכל, וואָס האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון אירע צעשויבערטע בלאָנדע האָר, און האָט ניט דרייסט געמאַכט אַ שפּאַן צו זײַן טיש.

יעגאָר האָט זי דערקענט. יאָ, ער האָט געוווּסט, ווער דאָס איז... נאָר ווי זי האָט זיך עס געענדערט!

— דערקענסט מיך ניט? — די פֿרוי האָט אופֿגעהויבן אירע צוגעלאָשענע אויגן.

— שווער צו דערקענען.

— דו האָסט זיך אויך גאַנץ היפּש געענדערט, — האָט די פֿרוי מיט אַ זיפֿץ געזאָגט, — גאָר ניט דער דובאָוו, וואָס אַמאָל.

יעגאָר האָט ניט געענטפֿערט — נאָך וואָס זאָל ער פֿאַרפֿירן מיט איר אַ רייד? זאָגן נאָך עפּעס, וועט זי אויך עפּעס זאָגן — בעסער שווײַגן, זאָל זי שויןריידן. וואָס דאַרף זי, ווי קומט זי אַהער.

— אַזוי, הייסט עס, באַגעגנסטו מיך?!

דובאָוו האָט אַלץ געשוויגן.

— און איך, דער נאַר, האָב זיך געריסן אַהער, געמיינט...

— אַז מע וואַרט דאָ אַף דיר? — האָט זיך באַ יעגאָרן אַרויסגעריסן ניט ווילנדיק. — מע וואַרט, קעדיי דיר באַדאַנקען פֿאַר דײַן טרײַהײַט, פֿאַר דײַן אויסגעהאַלטנקײַט, פֿאַר דײַן הייסער ליבע?

— אָך, יעגאָר, יעגאָר!

— וואָס יעגאָר, יעגאָר?! — האָט ער שוין מיט ווייטעק, מיט גאַל אונטערגעכאַפּט.

— ווי די יאָרן האָבן דיך עס געענדערט! גאָר ניט דער מענטש, גאָר ניט דער גוטער און צוגעלאָזטער מענטש. ניין, ניט אַזאַ ביסטו געבליבן אין מײַן האַרצן, אין מײַן זיקאָרן!

— וועמען גייען זיי אָן, דײַנע גוטע דערינערונגען? וואָס ביסטו געקומען?

— דו פֿרעגסט נאָך?! — האָט זי אַף אים אופֿגעהויבן אירע גרויסע אויגן, פֿולע מיט פֿאַרוווּרף און געבעט.

— יאָ, איך פֿרעג: ווער האָט דיך אַהער גערופֿן?

— דאָס האַרץ האָט מיך אַהער געשיקט. יאָ, יאָ, איך בין צו דיר געקומען מיט אַן אָפֿן האַרץ, מיט אַ האַרץ, וואָס איז גוט אָנגעמוטשעט.

— קענסט דאָס עמעצן אַנדערש דערציילן!

— איך האָב זיך גוט אָפּגעבריט דאָרט, וווּהין עס האָט מיך פֿאַרטראָגן דער שוואַרצער ווינט.

— קיינער האָט דיך ניט געטריבן — ביסט אַליין אַוועק, און גאַנץ פֿרײַוויליק אַוועק — איינע פֿון די ערשטע! און דאָס איז ניט קיין סאָד פֿאַר קיינעם!

— אַליין... פֿרײַוויליק... — זי האָט איבערגעכאַזערט זײַנע ווערטער, — אַליין, אַליין, — זי האָט ווייטעקלעך פֿאַרקרימט דאָס פּאָנעם, וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרן בייז און מיִעס, די רויטע פֿאַרב אַף אירע ליפּן האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן ניט אַזוי די בלייכקײַט, ווי די טיפֿע פֿאַרדאָרבנקײַט פֿון אָט דעם אין פֿלוג נאָך שיינעם פּאָנעם.

דובאָוו, ווי אַלעמאָל, ווען ער ערגערט זיך, האָט דערפֿילט, אַז אַלץ טריקנט איבער אין אים. ער איז צוגעגאַנגען צום טישל, אַף וועלכן ס'איז געשטאַנען דער קופּערנער סיפֿאָן, אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער, אויסגעטרונקען, ניט איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם. מיט אַלע פֿינף פֿינגער, וואָס האָבן באַ אים געציטערט פֿון קאַס, פֿון אופֿרעגונג, האָט ער פֿאַרקעמט די גראָוועשיטערלעכע האָר, און, ניט קוקנדיק אין דער פֿרויס פּאָנעם, געזאָגט:

— דו מיינסט אַוודע, אַז איך וועל אַף דיר ראַכמאָנעס האָבן, אַז דײַנע טרערן וועלן אָפּוואַשן דעם פֿאַראַט דײַנעם?

— ווידעראַמאָל: פּאַראַט! — זי האָט פאַרבראָכן די הענט. — טויזנטער אַזעלכע, ווי איך, האָט מען געצווונגען פאַרלאָזן די היים מיט אַלדאָסגוטס. און וויפל זיינען אומגעקומען — דו ווייסט עס דען ניט?!

— אומגעקומען! דיר האָט דאָס ניט געדראָעט. עס האָבן דיך באַשיצט זיכערע פליגל — וואָס איז דאָ צו ריידן?

— אוואַדע! זיכערע... וואָס זשע טו איך דאָ, אויב זיכערע? האָסט פאַרגעסן, יעגאַר, ווי דו האָסט מיך אַמאָל געזוכט, געוואַרט אַף מיר, ווי דו ביסט גליקלעך געווען, ווען איך פלעג צו דיר אַ שמייכל טאָן. איך בין די זעלבע, יעגאַר, און איצט, אַ דאַנקבאַרע, ווען איך זאָל דיר דאַרפן זיין דאַנקבאַר, אָ, יעגאַר, וואָלסט ערשט וויסן, וועלכע איך, טאַסיע, בין!..

זי איז צוגעגאַנגען צום טישל, גענומען באַ אים פון דער האַנט די גלאָז, ווידער מיט גע־בעט און מיט פאַרצווייפלונג אַ קוק געטאָן אים אין די אויגן, — ער האָט אַ קלער געטאָן, אַז זי מיינט גאָר עפשער ניט דאָס טרינקען, זי וויל וואָס נעענטער צוגיין צו אים, — אָנגעגאָסן זיך פונעם סיפאָן אַ ביסל וואַסער, האָט זי זיך אָנגעטרונקען און איבערגעלאָזט אַפן ראַנד פון דער גלאָז אַ היפשן סימען פון אירע אָנגעפאַרבטע ליפּן.

עס האָט אַ קלונג געטאָן דער טעלעפאָן. דובאָוו האָט אַראָפּגענומען דאָס טרייבל; אַף זיין פּנים האָט מען געקאָנט איבערלייענען: „אַך, ווי איך בין אייך דאַנקבאַר פאַר אָט דעם קלונג“. — ער האָט געזאָגט ניט הויך, צודעקנדיק דאָס טרייבל מיט דער דלאָניע:

— יאָ, דובאָוו. מיטן גרעסטן פאַרגעניגן! ניין, ניין, קום גלייך אַריין, איך וועל זיך באַלד באַפרייען, אין צוויי־דריי מינוט אַרום. גוט, איך וואַרט!

— הייסט עס — צוויי־דריי מינוט? — האָט געזאָגט די פרוי, ווען ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל. — נאָך צוויי־דריי מינוט, און איך קאָן גיין? טרייבסטו מיך, הייסט עס, ווי אַ פרעמדע, ווי אַ פאַרשיווע הינטעכע?

דובאָוו האָט ווידער געשוויגן. די פרוי האָט בייז אַ שמייכל געטאָן:

— עפשער רעדט דאָס זי, דיינע? כאָטש, ניין, זי וואָלסטו איצט ניט רופן אהער — אין צוויי־דריי מינוט אַרום, זי זאָל מיך ניט זען, איך זאָל זי ניט זען. און איך האָב זי געזען, נישקאָשע, אַ שוואַרצינקע. און דער איקער — אַ סאַך יינגער פון מיר, און פון דיר — נאָך מער...

— וואָס פאַר אַ שייכעס האָט דאָס אַלץ צו דיר? — יעגאַר האָט אַ קלער געטאָן און שטאַרק אַ בלאָסער צוגעגעבן: — דיין עסעסאָוועץ איז דען געווען מיט דיר אין איינע יאָרן?

— ער האָט מיך געראַטעוועט.

— און דו האָסט אים געצאָלט... לאָמיר ענדיקן אָט די לעצטע, איך מיין, אַז די לעצטע באַגעגעניש.

ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט דובאָוו צעעפנט די פענצטער, ווי ער וואָלט וועלן דורכלופ־טערן זיין קאַבינעט.

אין אַ מינוט אַרום איז אַריינגעקומען אַנטאָן מאַרטינאָוויטש, דער פאַרטאָרג. דובאָוו האָט געפרעגט:

— האָסט זי באַגעגנט?

— דיין געוועזענע? וואָס האָט זי געוואָלט?

— וואָס קאָן וועלן אַזאַ פאַרקויפטע נעשאָמע?

אָט דער טאָג, אַ פולער מיט זאָרגן און מיט פריידן, וואָס די אַרבעט ברענגט, האָט פאַר דובאָוון זיך געצויגן אָן אַן עק, און די גאַנצע צייט האָט ערגעץ טיף אין מויעך געגריבלט זיך אַ געדאַנק: צי דאַרף ער דערציילן נאַדיען וועגן אָט דער באַגעגעניש? ערשט פאַרנאַכט האָט יעגאַר פעסט באַשלאָסן: ניטאָ וואָס צו דערציילן, ניטאָ וואָס צו פאַרומערן נאַדיעס געמיט. געווען אַ שאָטן און פאַרשוווּנדן.

יעגאַר האָט אָבער ניט געוווּסט, אַז דער אינדערפרי־יעדיקער אומגעבעטענער גאַסט איז גלייך פונדאַנען, פון דער שאַכטע־פאַרוואַלטונג, אַוועק צו נאַדיען אינעם דאַרעמדיקן יישעוו.

— איר האָט כאַסענע געהאַט מיט אַ מענטשן, ס׳קאָן הייסן, שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך, — האָט מיט אַ געבראָכענער שטים געזאָגט די פרוי אין שוואַרצן נאָך דעם, ווי זי האָט זיך פאַרגע־שטעלט, — איך וויל אייך אָבער וואָרענען: ער איז אַן אַכזער, יעגאַר, יאָ, אַ שטיינערן האַרץ באַ אים.

נאַדיע האָט געהערט זייער רויִק, געדולדיק געפרעגט:

— צוליב דעם טאַקע זענט איר עס געקומען — וואָרענען מיך? און מיך האַלט איר פאַר אַ בלינדער? איך קען, הייסט עס, יעגאָרן ניט, און איר קענט אים יאָ? איך ווייס וועגן אייך, ער האָט מיר זייער קורץ, נאָר דערציילט וועגן אייך.

— דערציילט? — די פרוי האָט געוואַרט, עפשער וועט זי נאָך עפּעס זאָגן.

נאַדיע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און גענומען קוקן אין פֿענצטער: מע איז געגאַנגען אַהער, אין ביבליאָטעק, צוויי יונגע מיידלעך, לייענערנס זײַנען געגאַנגען, באַלד האָבן די מיידלעך שוין באַוויזן זיך אויף דער שוועל. נאַדיע האָט זיך אופֿגעהויבן, באַגריסט זיך מיט זיי אַ שמייכלענדיקע. און אָט דער שמייכל, און דער אויסדרוק פֿון באַשעפּטיקטקייט, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף איר יונגן ברוינעם פּנים, האָט קלאָר באַוויזן דער באַזוכערן אין שוואַרצן, אַז אויף קיין זײַטיקע געשפּרעכן האָט זי איצט מער קיין צײַט ניט.

— וועגן איינס ווייל איך אײַך בעטן, — האָט געזאָגט די פֿרוי, געזעגענענדיק זיך, — זאָגט מיר צו, אַז איר וועט אים ניט דערציילן, יעגאָרן, וועגן מײַן געשפּרעך מיט אײַך.

נאַדיע האָט געשוויגן אַ ווײַלע און צוגעזאָגט:

— ניטאָ טאַקע וועגן וואָס צו דערציילן.

■

אין אָוונט זײַנען צו יעגאָרן און נאַדיען אין זייער נײַער דירע געקומען געסט — דאָדיק און וואַליע. דאָס יאַטל שלאָפֿט, איז מען אַרײַן אויף אַ שאָ צו די שכיינים. מע האָט נאָך אַליין ניט אײַנגעשאַפֿן זיך קיין טעלעוויזאָר — וועט מען עפּשער זען עפּעס גוטס דאָ, בײַ דובאָוון.

נאַדיע האָט געוואָלט אויסשליסן דעם ראַדיאָ־אופֿנעמער, נאָר ווײַל מע האָט איבערגעגעבן רעפּובליקאַנישע קולטור־נײַעס, האָט זי פֿאַרהאַלטן אויף אַ מינוט די האַנט אויפֿן רעדעלע פֿונעם אופֿנעמער. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ הייזעריקע שטים, וואָס האָט סײַ נאַדיען, סײַ די געסט איבעראַשט און דערפֿרייט, — דאָס האָט גערעדט פּינכוס אַבראַמאָוויטש פֿעלדבליום — דער דירעקטאָר פֿון זייער טעכניקום.

— ...די נאָענטסטע טעג וועלן מיר אין טעכניקום צונויפֿזאַמלען די בעסטע פֿאָרשטייער פֿון אונדזער צעך. מיר מוזן זיך האַלטן אָן אייצע מיט די, וואָס גיבן אָפּ טאָגטעגלעך זייער האַרץ און זייער וויסן דעם לייענער...

מע האָט שוין דעם טעלעוויזאָר ניט אײַנגעשלאָסן, מע האָט גערעדט וועגן טעכניקום. און דאָ איז געקומען צו לויפֿן קאַטיע מיט אַ פֿרײדיקער נײַעס:

— זעט! מע האָט אין אײַך ניט פֿאַרגעסן!

זי האָט דערלאַנגט נאַדיען אַ געדרוקטע אײַנלאַדונג אויף דער באַראַטונג, וועגן וועלכער פֿעלדבליום האָט נאָרוואָס גערעדט.

וואַליע און דאָדיק האָבן יעדערער לויט דער ריי איבערגעלייענט די אײַנלאַדונג און שווײַגנדיק אומגעקערט זי נאַדיען. דערבײַ האָט וואַליע אין פֿאַרלעגנהײַט זיך איבערגעקוקט מיט דאָדיקן, און נאַדיע האָט פֿאַרשטאַנען אָט דעם בליק. ער האָט באַטײַט: „עפּשער וואָרט אויף מיר אויך אָן אײַנלאַדונג?“. און דאָדיק האָט געענטפֿערט מיט די אויגן: „מעגלעך, פֿאַרוואָס ניט, נאָר דו קאָנסט דאָך ניט פֿאָרן, וואַליע? דאָס יאַטל...“

פֿאַרשטאַנען דאָס אַלץ, האָט נאַדיע באַשטימט אײַ אָפּוועגדן די געסט מיט עפּעס אַנדערש, אײַ טאַקע אָט אַזוי, מיט דעם, וואָס זי וועט באַלד זאָגן, טרייסטן וואַליען.

— הײַנט האָב איך אופֿגעמישט טשעכאָווס „דרײַ שוועסטער“, — האָט נאַדיע געזאָגט קלויערשט צעשטרייט, פֿאַרבאַהאַלטנדיק די אײַנלאַדונג אין קעסטעלע פֿונעם טישל, אויף וועלכן דער ראַדיאָ־אופֿנעמער איז געשטאַנען, — באַזונדערס האָט מיך איבעראַשט — און עס האָט אַ שײַכעס צו אונדז אַלעמען — יענץ אָרט, ווו פֿראָזאָראָוו, — איר געדענקט מיסטאַמע? — זאָגט: „די שטאָט, ווו זיי לעבן, עקזיסטירט שוין צוויי הונדערט יאָר. עס וווינען דאָרט הונדערט טויזנט אײַנוווינער, און ניט פֿאַראַן איז אין איר קיין איין געלערנטער, קיין איין קינסטלער, קיין איין מער־ווייניק אָנגעזעענער מענטש. נאָר מע עסט, מע שלאָפֿט, און דערנאָך שטאַרבט מען... אַנדערע ווערן געבוירן און מע עסט, און מע טרינקט און מע שלאָפֿט. מע פֿאַרענדיקט דאָס לעבן מיט רעכילעס, בראַנפֿן, קאָרטן...“

— אָ! טשעכאָוו! — האָט זיך אָנגערופֿן דאָדיק. — טשעכאָוו האָט געקוקט ווײַט.

— יאָ, איז אָט, ווײַל איך טאַקע אונטערשטרײַכן, — האָט נאַדיע איבערגעשלאָגן, — איר געדענקט, ווי אירינע זאָגט דאָרט: „מע דאַרף אַרבעטן, מע דאַרף לעבן, בלויז אַרבעטן! אָ, ליבע מײַנע שוועסטער! אונדזער לעבן איז נאָך ניט געענדיקט... נאָך אַ ביסעלע, און מיר וועלן זיך דערוויסן, צוליב וואָס מיר לעבן, צוליב וואָס מיר לײַדן“... טשעכאָוו האָט אָבער אַ טאָעס געהאַט — אַ גליקלעכן טאָעס! — ער האָט געמיינט, אַז אויף דער גוטער צײַט, וואָס וועט אומבאַדינגט קומען, דאַרף מען וואַרטן אַ צוויי־דרײַ הונדערט יאָר, און מיר לעבן מיט אײַך שוין אין אָט דער צײַט, און מיר טוען דאָס, וועגן וואָס די שענסטע מענטשן האָבן געטרוימט...

עס האָט אַ קלונג געטאָן דער טעלעפֿאָן. נאַדיע האָט גענומען דאָס טרײַבל:

— יאָ, איך... אַלגע?! פונוואַנען קלינגסטו?! אַלינקע! פון ווטשראַשניע? דאָ זײַנען באַ מיר דאַדיק און וואַליע. פאַרשטייט זיך! אויסגעצייכנט! יאָ, נו, וואַליע קאָן ניט פאַרן. מיסטאָמע וואַרט אף איר אַן אײַנלאַדונג. דאָס פּיצל... איך וועל זײַן, — און מיט אַ שמייכל, — נייז, איך בין נאָך ניט פאַרנומען, און דו, אַלינקע? אויך ניט, האַ?

אין דער היים האָט אויך אָף דאַדיקן געוואַרט אַ פריידיקע נײַס: דער אַלטער קינסטלער, וואָס האָט גענומען שעפּטום איבערן יונגן קינסטלער, האָט אים צוגעשיקט אַ וואַרעמען בריוו מיט אַ געגויער אָפּשאַצונג פון די בילדער, וואָס דאַדיק האָט אים געהאַט אָפּגעשיקט. ניט אַלץ איז דעם אַלטן קינסטלער געפעלן, נאָר די נײַע אַרבעטן דאַדיקס באַווײַזן, אַז דאָס אַריבערפאָרן קיין דאַנבאַס וועט אים זייער מיטהעלפן אין דער שאַפונג. דעריקער, — האָט געשריבן דאַדיקס פרײַנט און לערער, — דעריקער איז — אַרבעט. נײַנציק פּראָצענט פון יעדן טאַלאַנט איז — אַרבעט! אַרבעט, כאַוער קאַמאַראַו, קוקט זיך צו צום לעבן, און איר וועט האָבן פיל שעפּעריש גליק!

הויסע הערצער

אינעם גרויסן זאַל פונעם טעכניקום האָבן זיך פאַרזאַמלט פיזקאַליקע געסט, וועלכע מע האָט אײַנגעלאַדן אָף דער באַראַטונג פון די ביבליאָטעקערס.

נאָך איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די באַראַטונג, האָט אינעם זאַל אַ קלונג געטאָן אַן אַלטע קאַמיוגישע ליד, וואָס פאַרצויגן האָט זי אַ הויכער בלאָנדער באָכער מיט אַ פײַערדיקער קוטשמע. אונטערגעכאַפּט האָט די ליד אַן עלטערע פרוי אין ברילן, ווײַל דאָס איז געווען די ליד פון איר קאָמסאָמאָלישער יוגנט. געזונגען האָט אויך פּינכוס אַבראַמאָוויטש, וואָס האָט זיך שטענדיק באַקלאָגט, אַז ער האָט קיין שטים ניט — פאַרלוירן זי ערגעץ אָפן פראָנט. און טאַקע, ווי קאָן מען ניט זינגען, ווען אַלץ אַרום ברויזט מיט יוגנט?

עטוואָס שפּעטער פון אַנדערע זײַנען אין זאַל אַרײַנגעקומען נאַדיע און אַלגע.

פּינכוס אַבראַמאָוויטש האָט זיי גלײַך דערקענט, זיך אַ לאָז געטאָן צו זיי און, דריקנדיק זיי די הענט, געפרעגט:

— ווו זשע איז אײַער דריטע, וואַליע?

— עס קומט אונדז אָלעמען אַ ביסל אַ פאַרשפּעטיקטער מאַזלטאָוו — זי האָט געבוירן אַ זון, אונדזער וואַליע! — האָט נאַדיע געזאָגט.

דער פאַרטראַג איז געווען ניט זייער קיין געלונגענער, און וועגן דעם האָט אָפּנהאַרציק גערעדט אַ יונגע בלאָנדע פרוי מיט אַן ענערגיש פּנים. זי איז, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, בייס דער מילכאָמע געווען אַ ביבליאָטעקערן אין אַ פּאַרטיזאַנישער פאַריניקונג. פון דעם האָט זי טאַקע אָנגעהויבן — וויאַזוי די פּאַרטיזאַנער פלעגן שעצן, ליב האָבן יעדן נײַעם בוך, וואָס פלעגט טרעפן צו זיי אָפט מיט זייער שטאַרק געפּערלעכע, געשלענגלטע וועגן.

— און איצט? — די יונגע פרוי האָט אַ קעם געטאָן אירע בלאָנדע קורץ־געשוירענע האָר מיט אַ גריך האַלבקײַלעכדיק קעמעלע. — איצט פאַרגעסן מיר אָפט אינעם איקער: אינעם לייע־נער. באַריכטן, צעטלען, דיסקאַנטן, מיט איין וואָרט — שרײַבערײַ! הײַנט די רעוויזאָרן מיט די קאָנטראָליאָרן, וואָס האַלטן אין איין רעווידירן די אַרבעט פון אונדזערע אומדערמידלעכע ביב־ליאָטעקערס?! אָט האָבן מיר דאָ ניט לאַנג באַקומען אַ בריוו פון דאָנבאַס וועגן איינעם אַזאַ קאָנ־טראָליאָר, אַן אמהאַרעץ, וואָס איז, ווי דער באַוווסטער כלעסטאַקאָוו, אַרומגעפאָרן און „געלערנט און קאָנסולטירט", ביז מע האָט אים ניט געגעבן פאַרנעמען זיך פון דאָרט מיט גוטן.

דער זאַל האָט אַפּלאָדירט. די פאַמיליע פונעם שלימאַזלדיקן קאָנטראָליאָר — סוטשקאָוו — איז דערטרונקען געוואָרן אין דער פליעסקערײַ. נאָר ווער ס'האָט געדאַרפט, האָט געהערט.

— די קראַפּעווע, זאָגט דאָס פאָלק, איז ניט שולדיק, וואָס זי בײַסט זיך, דער נאַר — וואָס ער רעדט נאַרישקײַטן, — האָט פאַרגעזעצט די בלאָנדע פרוי. זי איז אַרויסגעטראָטן אין נאָמען פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמיוג, — שולדיק איז דער, וואָס רײַסט ניט אַרויס די קראַפּעווע און שטעלט ניט אָפּ דעם טיפעש, ווען ער פרוווט זיך לערנען אַ קליגערן פון זיך.

דער זאַל האָט ווידער אַפּלאָדירט.

דערנאָך האָט געזעדט אַלגע קירשטיין. זי האָט קוידעמקאָל באַמאָלט, ווי עס זעט אויס איר שטעטל וווטשראַשניע און וואָס פאַרא מענטשן עס לעבן דאָרט, זי האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דאָרט איז דאָ אַ סאַך יוגנט.

— צי טרעפֿ איך זיך מיט שוועריקייטן אין דער אַרבעט? אוואַדע! נאָר די פֿרייד באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס מענטשן העלפֿן מיר שטענדיק זיי בײַקומען, די שוועריקייטן.

אין אָוונט, ווען די אָנטיילנעמער פֿון דער באַראַטונג זײַנען געווען אויף אַ קאָנצערט, האָט אַלגע זיך אָוועקגעלאָזט אויף דער אַלטבאַקאַנטער גרינער גאַס, וווּ זי האָט אָפּגעלעבט קימאַט דרײַ יאָר. גייענדיק ניט געאײַלט, האָט זי זיך פֿאַרגעשטעלט דאָס שטעטל וווטשראַשניע, מיט די הינ־טערגעסלעך, מיט דער קנאַפּער שײַן אויף די גאַסן, און — אַ מאָדנע זאַך! — עס האָט זי אָנגעכאַפּט אַ בענקשאַפֿט נאָך יענע שטעטלדיקע געסלעך, נאָך איר ביבליאָטעק, נאָך די פּילצאַליקע לייע־נער, וואָס קומען צו איר דעריקער אין די אָפּדערנאַכטן, ווי צו אַ גוטער באַקאַנטער, ווי צו אַ פֿרײַנט.

— זע נאָר, סאַרע גאַסט! — ראַכילקע האָט זי באַגעגנט מיט צעשפּרייטע אָרעמס. — מיט וועלכן צוג ביסטו דאָס געקומען, אַלינקע?

— מיטן וואַרשע־לאָוגראַדער!

— פֿאַרוואָס זשע ביסטו ניט פֿאַרפֿאָרן גלײַך אַהיים?

— איך זענט פֿון פֿאַרטאָג אָן אויף דער פֿאַבריק, איך ווייס דאָך, און איך האָב געאײַלט אויף דער באַראַטונג.

אינעם צימער, ווו זי האָט אָפּגעלעבט אַזאַ גרויסע צײַט, האָט אַלגע זיך דערפֿילט, ווי אין אַ ציכטיקן קינדער־בעטעלע. אַלץ איז דאָ זויבער־ריין, ווי אַמאָל, גאָרניט האָט זיך ניט געענדערט. און עפּשער דאַכט זיך איר עס אויס?

פֿאַר דער צײַט, זינט זי איז אָוועקגעפֿאָרן פֿונדאַנען, זײַנען דאָך געווען אַזויפֿיל פּאַסירונ־גען! ראַיִסעס טויט, עליעס אַראָפּקומען קיין וווטשראַשניע, איר, אַלגעס, כאַסענע, און טאַקע דאָס אויך — די ענדערונגען, וואָס זײַנען, צום באַדויערן, פֿאַרגעקומען אין עליעס כאַראַקטער. נאָך גוט, וואָס עליע הייבט שוין אָן פֿאַרשטיין, אַז ניט ער, נאָר זי, אַלגע, איז גערעכט. נו, און נאָך וועגן איינס ווייסט זי, — דאָס איז אַ סאָד, וואָס איז ערשט איר איינער באַוווּסט, — דאָס איז אויך, אויב ניט די ווי־כטיקסטע, די איקערדיקע ענדערונג — זי וועט ווערן אַ מאַמע...

אַמאָל, אַמאָל, נאָך אין טעכניקום, איז נאַדיע זיך מודיע געווען, אַז זי טרוימט וועגן דעם גליק — זײַן אַ מאַמע. וואָליע איז שוין באַגליקט געוואָרן מיט אַ זון. אַזוי גייט עס, דאָס לעבן. און קיינער ווייסט נאָך ניט, אַז זי, אַלגע, איז שוואַנגער, אַפֿילע עליע. עס ווילט זיך אים דערווײַל נאָך ניט זאָגן. זאָל אַוועקגיין אַ שטיקל צײַט. ער איז נאָך פֿאַרט ניט אַזאַ, ווי זי וואָלט אים וועלן זען...

אָט אַזעלכע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט בײַ אַלגען אין קאָפּ.

ווען מע איז שוין געזעסן באַם טיש, האָט אַלגע דערציילט וועגן דער באַראַטונג, וועגן איר שטעטל, וועגן איר אַרבעט.

— נו, און וואָס מאַכט עליע, ווי פֿילט ער זיך? וואָס דערציילסטו וועגן אים ניט?

— נישקאָשע, עליע איז נישקאָשע.

— וואָס הייסט — נישקאָשע? — האָט ראַכילקע איבערגעפֿרעגט, ניט קענענדיק באַהאַלטן איר כידעש.

אַלגע האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס ראַכילקע טראַכט איצט, און זי האָט דעריבער זייער פּאַרזיכ־טיק געגעבן אָנצוהערן דער שוויגער, אַז עליע האָט זיך זייער געביטן פֿאַר די כאַדאָשים, וואָס זיי זײַנען צוזאַמען, עס וועט אוואַדע זײַן אַ נײַס פֿאַר דער מאַמען, נאָר ער איז געוואָרן אַ קאָר־גער, עליע, ער זאַמלט אַלץ געלט אויף אַן אייגענער מאַשין. עמעס, ער האָט אויך געהאַט פֿאַרבונדן זיך מיט ניט גאָר קיין פֿײַנעם מענטשן, וואָס האָט ליב אויסטרינקען, נאָר דאָס האָט זיך שוין אַלגע גראַד דערשלאָגן — מע כאַוועוט זיך מער ניט.

אַלגע האָט דערזען, אַז ראַכילקע ווערט אַלע קאַליִרן, דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— האָט קיין יעסורים ניט. עליע פֿאָלגט מיך אַלץ מער. און יענעם, מיט וועמען ער האָט געהאַט געפּירט קאָמפּאַניע, האָט דער טאַטע זײַנער, אָן אָנגעזעענער מענטש באַ אונדז אין ראַיאָן, אָוועקגעפֿירט קיין לוואָוו זיך היילן פֿון שיקרעס.

— איז עפּשער וואָלט זײַן אַ פּלאַן, איר זאָלט צוריק אַריבערפֿאָרן אַהער, אין שטאָט אַרײַן? — האָט ראַכילקע פֿאָרגעלייגט. — דער זאַוואָד קאָן אים ווידער רופֿן אַהער, און דו וועסט זיך אויך געפֿינען דאָ וואָס צו טאָן?

— וועגן דעם קאָן קיין רייד ניט זײַן! איך האָב זיך קוים געשטעלט אַף די פיס, און עליע אויך — איר זאָלט וויסן, ווי מע האָלט פון אים אַף דער פאַבריק! דאָס, וואָס איך דערצייל, איז קימאַט א פאַרגאַנגענע זאַך. איך האָף, אַז עס נעמט שוין א סאָף צו די צאָרעס, עס וועט נאָך זײַן א סאַך פרייד. — אַלגע האָט זיך אַף א רעגעלע פאַרטראַכט: צי זאָל זי זאָגן דער שוויגער, אַז זי גרייט זיך ווערן א מאַמע, צי ניט? און זעענדיק ראַכילקעס באַטריבטע אויגן, האָט זי באַשטימט: „איך וועל זאָגן!"

— אָט וועט ער ווערן א טאַטע, אײַער עליע...

ראַכילקע איז שיר ניט אופגעשפּרונגען פון איר אָרט:

— אָן עמעס? וואָס זשע שווײַגסטו?! אוי, געזונט זאָלט איר מיר זײַן! ביידע! גוטע, גליקלעכע טאַטע־מאַמע זאָלט איר זײַן! און וויס, טאָכטער מײַנע, איך וועל זײַן א געטרײַע באָבע, איך וועל אַף דער ערשטער צײַט קומען צו אײַך. איך וועל קיינעם ניט דערלויבן עס וויקלען, באָדן. און ער, עליע, ווייסט שוין?

— דערווײַל נאָך ניט. וואַניע, דער כאַווער זײַנער, האָט געצוווּנגען דאָס ווײַב זיך באַפרײַען פונעם קינד, האָב איך מוירע געהאַט, אַז עליע זאָל זיך ניט אַראָפּנעמען פון אים קיין מוסטער און מיך אויך...

עס איז געקומען אַפאַנאַסי אַניסימאָוויטש און זיי דערפרייט מיט א נײַס: די צופּאַסונג, וואָס עליע האָט פאַרגעלייגט, ווערט שוין געמאַכט — מע לייגט גרויס האָפענונגען אַף איר.

— א מידע פון אַזא גרויסן טאָג, איז אַלגע אַנשלאָפן געוואָרן.

זי וואָלט זיך עפשער ניט אַזוי גיך אופגעכאַפּט, ווען ראַכילקע וואָלט זי ניט געהאַט א טאַרע געטאָן — איידל, ווי א מאַמע קען:

— טאָכטערקע, שטיי אוף, איך מוז מיט דיר צוגיין אין איינעם אַן אָרט...

ראַכילקע האָט באַשטימט באַווײַזן די שנור א באַקאַנטן דאָקטער — זאָל ער איר זאָגן, ווי זי דאַרף זיך אופירן אין דער איצטיקער לאַגע, אַז דאָס קינד, איר, ראַכילקעס, אייניקל, זאָל קומען אַף דער וועלט א געזונטס.

אַפן צווייטן טאָג, ווען אַלגע איז אַרײַנגעגאַנגען אין זאַל, האָט דער דירעקטאָר געמאָלדן:

— א וואָרט בעט באָריס סוטשקאָוו.

— מע דאַרף ניט! — האָבן זיך דערהערט אויסרופן פון פאַרשיידענע ערטער. — צי לוינט דערוף פאַטערן צײַט?

— וואָס הייסט? — האָט אַן אופגעבראַכטער געשריגן סוטשקאָוו. — איך בעט א וואָרט צוליב א דערקלערונג!

א דערקלערונג האָט ער געמאַכט, נאָר קיינעם האָט זי ניט איבערצײַגט.

ביסן איבעררײַס איז אַלגע מיט נאַדיען אוועק זיך דורכשפּאַצירן אין דעם אַלטן פּאַרק, וואָס באַם טעכניקום. אַף דער ברייטער אַליי איז צו זיי צוגעגאַנגען פּינכוס אַבראַמאָוויטש. ער האָט ביידן געראַטן אָנגעבן מעלדונגען אינעם הינטער־אויגיקן ביבליאָטעק־אינסטיטוט. צו אַלגען האָט ער געזאָגט:

— איר זענט דאָך קימאַט א שטאָטישע, איך האָב געהערט, אַז אײַער מאַן איז א היגער. אײַך וואָלט גרינג געווען אַריבערפאָרן אַהער. ווי, ווען מע לייגט אײַך פאָר א שטעלע באַ אונדז, דאָ, אין טעכניקום? צי אַזוינס — ווערן אַן אינספּעקטאָר אַנשטאָט סוטשקאָוון?

— ביז כ'וועל ניט ווערן קיין עמעסער פאַכמאַן, וויל איך אַפילע ניט טראַכטן וועגן אוועק־גיין פון מײַן ביבליאָטעק! — האָט אַלגע געענטפערט קאַטעגאָריש.

אַלגעס ענטפער איז, צו זען, דעם דירעקטאָר געפעלן געוואָרן. ער האָט אופמערקזאַם א קוק געטאָן אַף איר, און געווען איז אין זײַן בליק שטאָלץ. מער איז ער שוין אַף זײַן פאַרשלאָג ניט באַשטאַנען.

די קאָנפערענץ האָט זיך געענדיקט פאַרנאַכט. מע וואָלט געקאָנט נעכטיקן אין שטאָט און אַרויספאָרן מאָרגן, נאָר סײַ אַלגען, סײַ נאַדיען האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער קומען אהיים. אהער, אין שטאָט, איז מען געקומען מיט פאַרשיידענע צוגן, צוריק האָט מען באַשטימט פאָרן צוזאַמען און כאָטש אָנרעדן זיך א ביסל אין וועג — בייס דער קאָנפערענץ האָט מען ווייניק געשמועסט, כאָטש געזעסן איז מען די גאַנצע צײַט באַנאַנד.

ראַכילקע האָט אויך אַרויסגערופן זיך פאָרן קיין וויטשראַשניע מיט דער שנור. ווי לאָזט מען זי אין אַזא לאַגע איינע אַליין אין וועג! אָנקומען אַפן אָרט דאַרף זי שפּעט באַנאַכט, מאַלע וואָס עס קאָן זיך טרעפן. און טאַקע דאָס אויך: מיט דער שנור געזען זיך און מיטן זון — ניט?

ראַכילקע האָט זיך צוגעלייגט אַף דער אונטערשטער פּאָלקע, און די כאַווערטעס, אַלגע און נאַדיע, זײַנען אַרויס אינעם טאַמבור — דאָ האָט מען געקאָנט רעדן, וויפל דאָס האַרץ גלוסט.

נאַדיע האָט דערציילט וועגן איר יעגאָרן: א מאַן איז ער א גוטער — ער היט זי אָפּ, ער טראָגט זי מאַמעש אף די הענט. קאָסטיע האָט זי, נאַדיען, צופיל אידעאַליזירט. ער וואָלט זיך עפשער גאָר איינגיכן אנטוישט אין איר. און יעגאָר, דער זעט זי און פארשטייט זי און האָט זי ליב אזא ווי זי איז.

באַנאַכט איז אָלגע מיט איר שוויגער אראָפּגעגאַנגען פונעם צוג אפן קליינינקן פּאָלוסטאַנעק ווטשעראַשניע. ס'איז גראָדע געווען א מאַשין פון ראַיוספּירקאָם. דער שאָפער האָט אליין זיי אײַנגעלאַדן זעצן זיך און צוגעפירט זיי גלײַך צו דער ביבליאָטעק. ראַכילקע האָט אים געוואָלט באַצאָלן, נאָר דער שאָפער האָט זיך באַליידיקט:

— איר מיינט, איך ווייס ניט, וועמען איך האָב ארופגענומען אף מײַן מאַשין? וואָס זשע, מיר לייענען ניט קיין ביכער?

קעדיי צוקומען צו דער טיר, וואָס פירט אין צימער, ווו אָלגע און עליע וווינען, האָט מען געדאַרפט פאַרבײַגיין איינעם פון די פענצטער פון דער ביבליאָטעק, — יענץ, ווו עס שטייט דאָס טישל, באַ וועלכן מע גיט ארויס די ביכער און ווו עס געפינט זיך געוויינלעך די ביבליאָטעקערן.

כאָטש עס איז געווען נאַכט, האָט מען געזען, אז אין פענצטער זײַנען פון דרויסן ארײַנגעשטעקט עטלעכע דינע גלײַכע צווײַגעלעך. דאָס זײַנען אקוראַט געווען ווערבע־צווײַגעלעך מיט סאַמעטענע בערדעלעך. ראַכילקע האָט די ערשטע באַמערקט די ווערבע־צווײַגעלעך און א פאַר־כידעשטע געפרעגט:

— וואָס איז עס, אָלינקע, וואָס שטעקט עס דאָרט?

אָלגע האָט א קוק געטאָן אפן פענצטער, אָפּגעשטעלט זיך און א לענגערע צײַט געשוויגן, ווײַל זי האָט געוווּסט, וואָס דאָס באַטײַט — פרייד און ווייטעק האָבן איינצײַטיק ארומגעכאַפּט איר האַרץ. איינע אַן עלטערע לייענערן פלעגט אזוי פון יאָר צו יאָר באַגריסן ראַיִסע סאָלאָמאָנאָווּנען מיטן אָנקום פון פרילינג — דאָס איז געווען אַן אײַנגעשטעלטער מינהעג, אז אין איינעם אַן אינדערפרי זאָל די ביבליאָטעקערן דערזען אין שויב אָט די וויכע צווײַגעלעך, ווי א צייכן פון ווידערגעבורט, פון לעבן, פון באַנײַונג...

איצט האָט מען די צווײַגעלעך געבראַכט אהער שוין צוליב איר, צוליב אָלגען.

— ווערבע־צווײַגעלעך, — האָט זי שטיל געזאָגט, — געוויינלעכע ווערבע־צווײַגעלעך זײַנען דאָס... קומט, קומט!

איטשע באָרוכאָוויטש

מײַן קלאָרע דײַגע

◇ ◇ ◇

אָט דאָ, באַם אויסטערלישן גלאַנץ
פון שווערע —
נאָכן רעגן —
גראָזן,
כ׳וואָלט וועלן אונדזער ערד פארלאָזן,
דאָס לעבן אונדזערס, דאָס פארגאַנצטס.
און ערדיש וועט ער קלינגען דעמלט,
דער זיפץ פון קאָסמישן ניט־זײַן,

וואָס, עפשער, איך האָב עס באַשײַנט
מיט ליכט פון אויג,
און אין א רעמל
פון דינע יאָדלעס אײַנגעפאַסט,
מיט זאָרג מיט מענטשישער באַשלאָגן, —
זי זאָל ניט קרײַזן פוסט־און־פּאַס,
די זון, וואָס מיר אין הארצן טראָגן.

◇ ◇ ◇

און ליב איז מיר אין אײַליקײַט פון צײַט
אָן קיין שום מיין פּאַמעלעך זיך פארטראַכטן,
ווי דאָרפישע פארכאָלעמטע פארנאַכטן
פּאַוואָלינקע צערינען אין דער ווײַט.
די אומרויִקע שאַרפקײַט פון דער זון
א רויִקײַט — אזא געבענטשטע! — פורעמט;

אַף שאָטנס זיך צעפּאַלט דעם וואָלקנס טורעם
און זינקט בא ב׳היימעס פיס אין גרינעם זומפּ.
ווי פײַכט, ווי שאַרף די אייביקײַט פארשמעקט!
ווי הויך — ביז שטערן־דרויב — די ערד זיך צייכנט!
און גוט איז, וואָס אהער, צום בלויען הייכל פון נאכט,
ניט יעדערער געפינט א וועג.

◇ ◇ ◇

איך קאָן אײַך טאָן צוליב, דערציילן, ווי עס קײַקלט
א דינער זונען־שטראָל צום בלאט א טראָפּן טוי.
זײַן ליכטיקער פארטראַכט, זײַן שווונג, זײַן קלאָרע דײַגע,
זײַן פלײַס — אַף אונדז געזאָגט!
(אוי, וואָלט עס אונדז געטויגט!)

אזא מין ווײַטן וועג דער שטראָל האָט דורכגעמאַכט
נאָר צוליב דעם, קעדיי א פרעמדן בלאט באַפײַכטן,
אז דאָרטן, ווו עס ענדיקט זיך זײַן העלע מאַכט —
אין שאָטן־זײַט —
דאָס טויעלע זאָל לײַכטן!

◇ ◇ ◇

באנאכט האָט די פרישקייַט געצוואָגן דעם וואַלד,
דערנאָך האָט א ווינטל די צווייַגן צעפעכערט,
און טוי האָט גערונען פון הימלשן בעכער
אף גראָז, פארזונקען אין שלאָף נאָך אף האַלב.

און ריין איז געוועזן דאָס פאָנעם דער ערדס,
באַכיינט און באַהעלט פונעם זוניקן שפּיגל;
דעם איינציקן שאָטן ט׳געוואָרפן א פליגל —
דאָס האָט זיך א פויגל אהיים אומגעקערט.

◇ ◇ ◇

אדורך דער יאָמטעוו זוניקער, באַזוימט
מיט ווייַסע וואָלקנדלעך, מיט אויסשפּרייט
גרינעם...
פון יעדער צווייַג, צעשפּיזטער אינעם רוים,
ווי פון אן אָדער קאַלטע ווינטן רינען.
א ציטער שווימט אין לופט —
אין פליגל-פּאָך,
אין ריר פון בלאַט, וואָס ציט זיך שוין צו נידער.

און ווידער נעמט די וועלט אף זיך דעם יאָך
פון טריבער וואָך — פון הארבסטיקער,
און ווידער
א פראָסט זיך טוט א גליטש איבער דער ערד,
מייַן הויט באַרירט און הייס באַפּייַכט די וויִעס.
אַזוי, ווייַזט אויס, דעם געלן בלאַט באַשווערט
א טויִעלע —
ס׳זאָל גרינג אים זייַן זייַן פליִען.

◇ ◇ ◇

זיך אָפּגעוווינט פון הערן שטילקייַט,
איך גיי אריַין אין זאַנגען-וועלט,
ווו מילדער שאָרך מיט גאָרער
מילדקייַט
ציט לאַנג דעם איידעלן געוועט.

איך שטיי.
אין הייסן קרייַז פון שטראַלן
מייַן גרייַזער קאָפּ זיך רויכערט קוים.
און איידער שטיין —
איז בעסער פאַלן
אין אָט דער שטילקייַט ווי א בוים...

◇ ◇ ◇

כ׳האָב גאָרנישט אָפּגעשפּאָרט — איך קאָן זיך שווערן! —
פון יענער היציקייַט, פון יענעם בראַנד,
וואָס הייַנט-צו-טאָג זיי בריִען נאָך מייַן האַנט,
ווי כ׳וואָלט זיך צוגערירט צום פלאַם פון שטערן.

אָט זעט: ער בלינצלט קוים פון הימלס הייך,
דער שטערן, וואָס מייַן לעבן האָט פארסאַרפּעט.
צו אייַך זייַן קאַלטער אָפּגלאַנץ נאָר דערגרייכט,
און איך, עס טרעפט, — כ׳הענג אויף אף אים מייַן האַרפע...

◇ ◇ ◇

דער קאָפּ אַלץ גרייַזער ווערט פון טאָג צו טאָג,
די עלטער פירט איר שפּיל אָן שפּאַס, אָן קונצן.
זי נעמט מיך בא דעם אַקסל: „ווייַז קאָרשט, קונדעס,
ווי האַלטסטו אין דער וועלט? ביסט, כ׳זע, פארזאָרגט,

וואָס כ׳טרעט ניט אָפּ פון דיר,
איך בין דען שולדיק?
אף דיר געוואַרט כ׳האָב, ערנוואָרט, געדולדיק.
דו האָסט זיך ניט געייַלט, מישטיינסגעזאָגט.

נאָר טרעפן זיך מיר דאַרפן סייַוויסיי,
טאָ לאָמיר ערלעך זייַן פאר זיך און לייַטן...“
אַזאַ מין העפלעכקייַט — ניט צו פארלייַדן;
נאָר עפּעס אַנדערשן כ׳בין שוין ניט פרייַ...

◇ ◇ ◇

מײַן ייִנגלשער נאָמען מײַן קורצער
קלינגט פֿרעמדלעך און שנײַדיק אַצינד,
אַזוי ווי אַ שמים פֿונעם ווינט
פֿון ווײַטער פֿאַרגעסענער אורצײַט.

אַ לעבן אַדורך — ניט באַמערקט...
און איצטער, אין האַרבסטיקן ציטער,
כ׳שטעל אויף, ווי אַ שורש, פֿאַרביטערט
דעם נאָמען, וואָס גרינג כ׳האָב פֿאַרמעקט.

דערמאָנונג

דער טײַך האָט אָנגעלענט זײַן פֿײַכטן
עלנבויגן
אָף ברעג אָף זאַמדיקן, אָף סטויגן היי;
זײַן דופֿט זײַן קילע האָט זיך דין געצויגן
ביז סאָמער זון, וואָס האָט געאָטעמט הייך.

כ׳געדענק זיי:
יענעם פּרי, זײַן צאַרטקײַט אָנגעגליטע,
מײַן אַקסל ייִנגלשן, באַזוימט מיט טאַמעז־היץ,
די ליפּן טרוקענע —
דעם דורשט נאָך פֿרישע לידער,
וואָס, ליידער, ניט געשטילט איז נאָך ביז איצט!

◇ ◇ ◇

אַזאַ מין אײַלעניש, אַזאַ מין האַסט —
גיי פּרוּוו דאָס לעבן פֿאַרן צײַמל נעמען!
די רו געבענטשטע זעלטן קומט צוגאַסט,
זי סטאַרעט זיך אַלץ זײַן באַ דעם,
באַ יענעם...

כ׳האָב זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין דעם יאָרן־בײַט —
זיי שיטן זיך, ווי אַרבעס פֿונעם הויפֿן,
און רום און קאָוועד ווו?
עס לאַכט די צײַט:
אַ מענטש, אויב נאָר ער לעבט, דאַרף ווײַטער
האָפֿן...

◇ ◇ ◇

פֿון אַלדאָס שענסטעס, וואָס איך האָב,
איך טייל דיר אויס דאָס בעסטע.
מיר וועט ניט שווער זײַן אָט די גאָב,
אויב אָפּנעמען זי וועסטו.

אוואַדע זאָגן כ׳וואָלט געקאָנט,
אַז דיר איך שענק מײַן לעבן,
נאָר כאַנפֿענען מיר שטייט ניט אָן:
אויב געבן —
איז געגעבן.

◇ ◇ ◇

פֿון יענעם יונגן זון־און־שאָטנדיקן צווילינג
פֿאַרבליבן נאָר אין ברוסט אַ שאַרפֿע קעלט,
ווי פֿון אַ הויכן וואַסער־קאַם אום פֿרילינג,
ווען ס׳גייט אַרויס פֿון ברעגן גאָר די וועלט.
ניטאָ קיין מוט זיך אומקוקן אַהינטער,
די ווײַט אַ מעסט טאָן — קויעך שוין פֿאַרפֿעלט:
דער האַרבסט פּאַוואָליע זיך פֿאַרשפּינט אין
ווינטער,
און אויפֿן האַרצן — גאָר אַן אַנדער קעלט.

א לידעלע

די אַלטע שפּיל — זי דויערט נאָך,
זי טרויערט נאָך, א יונגע...
א ווינט א שטיפער טוט א פּאָך —
דער שײַטער שפּריצט מיט פונקען.

דער הימל — ווי א בלויע זיפּ,
פון שטערנדלעך צעלעכערט...
איך בענטש אָן אופהער אָדעמס ריפּ
פאר מיידלשן געלעכטער,

פאר אָט דער זיסער גענעם-נאכט
באם ראנד פונעם גאניידן...
— שוין טיר-און-טויער צוגעמאכט, —
דו זאָגסט, —
מע דארף זיך שיידן.

זיך שיידן, שיידן — שיידים וואָס!
ס'איז פרי נאָך — זיך בארעכן...
— דער טאטע וועט דיר אויס פארדראָס
די ריפּן גוט צעברעכן...

אָט דאָס איז שוין אן אנדער זאך —
איז זײַ געזונט, געטרײַע!
די נאכט פארשטופּט אין שווארצן זאק
דאָס לעצטע ביסל פײַער.

דײַן הערצל אײדלס — טיאַך, טיאָך,
טיאָך —
פונוויַיטן גריסט, פון טונקל.
די אַלטע שפּיל, זי דויערט נאָך,
זי טרויערט נאָך, א יונגע...

◇ ◇ ◇

די זון זאָל לעבן, לעבן זאָל די זון! —
זאָל ליכטיק זײַן!
אזא איז זי, מײַן אײנציקע קאַוואָנע.
די פינצטערניש,
און גרין זאָל בלײַבן גרין,
און בלוי זאָל רינען אף א ווײַסן בלימל,
אף בלאָנדן קאָפּ, אף רוקן פון א ביז,
אף ברוינער ערד,
איך ווייס גענוי דערפון,
פון לאנג — אָן אופהער — בענטשן מײַנע
סאָנים.
ווען זי פארשעפּט דעם הימל.

◇ ◇ ◇

די ווארעמקײַט צערינט. אָן אשיקער פארנאכט
זיך שארט פון בוים צו בוים געהיים, פאראקשנט.
א פויגל — האלב אין שלאָף — באַרירט מײַן
אקסל:
אים האָט, ווײַזט אויס, מײַן שטיל זײַן אָפּגענארט.

ניט שרעק זיך, נארעלע, —
אין גרינער וועלט
פון צווײַגן און פון גראָז כ'בין ניט קיין פרעמדער
(נאָך אונדז עס בענקען ניט קיין ווײַטע
לענדער), —
מיט איר כ'צעבלי, מיט איר, דו זעסט, איך וועלק.

אווראָם קאַהאַן

מיט פּעדאָצערס קאַפּעליע

אַף איינער פון די בערדיטשעווער גאַסן האָט געוווינט דער קלעזמער כאַלאַדענקאָ, וועלכער איז באַקאַנט געווען לויטן נאָמען פּעדאָצער. זײַן קאַפּעליע איז באַרימט געוואָרן אין גאַנץ וואָלין. אַ וווּנדערלעכער פידלער, האָט ער אויך געשריבן מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס. צוליב דעם אָרעמען שטיקל ברויט איז ער געווען געצוווּנגען צונויפשטעלן אַ קאַפּעליע און שפּילן אַף כאַסענעס און פאַרשיידענע אַנדערע סימכעס.

בא פּעדאָצערן אין שטוב איז געשען אַ גרויסער אומגליק — אַ קינד זײַנס האָט געהאַלטן באַם שטאַרבן. אַ פאַרקלעמטער איז דער פּאָטער געשטאַנען באַם זון צוקאָפּנס און ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פונעם ייִנגלס פּאָנעם. ס׳שטאַרבט זײַן ליבלינג, אַף וועמען ער האָט געלייגט אַזויפיל האָפענונג, אין וועמען דער פידלער האָט געזען דעם יורעש פון זײַן עמעסן רום, פון זײַן קלעזמערישער אַווידע.

צו די פענצטער האָט אַ שוואַרצע זיך געקלעפּט די נאַכט און אָנגעוואָרפן אַ מאַרעשכוירע. די קליינע, אויסגעדײַוועטע פרוי — פּעדאָצערס ווײַב — טוט אומגעריכט אַ געשריי: ס׳האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז איר קינד הערט אויף צו אָטעמען.

— שטילער, — קוקט שטרענג אַף איר פּעדאָצער, — ווײַסט אים אופוועקן, ער שלאָפט.

און אַלייך האָט דער פידלער, ניט באַנעמענדיק וואָס ער טוט, אַראָפּגענומען דעם פידל פון דער וואַנט און זיך דורכגעגאַנגען איבער אים מיטן סמיטשעק. געדאַכט האָט זיך, די קלאַנגען צעטראָגן די נאַכט-כאַשכעס און אַז אין צימער איז ליכטיק געוואָרן. געדאַכט האָט זיך, די פידלקלאַנגען ציטערן אַף דעם ייִנגלס האַלב-צונויפגעצווייגענע ווײַעס און גויסעסן צוזאַמען מיט אים. די אומגליקלעכע מוטער פון דעם שטאַרבנדיקן קינד פירט איבער איר בליק פונעם מאַן, וועלכער האָט אַ דולער זיך געטוליעט צום פידל, אַפן זון און פונעם זון אַפן מאַן. מיט אַ ציטערנדיק-צונויפגעדריקטער פויסט פאַרמאַכט זי דאָס מויל, דערשטיקנדיק די זיפצן, וואָס רײַסן זיך פון איר ברוסט.

מיטן ציקל דערציילונגען, וועלכע מיר פאַרעפנטלעכן אינעם הײַנטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד", מערקן מיר אָפּ דעם זיבעציקסטן געבורטסטאָג פון אווראָם קאַהאַן — איינעם פון די ערשטע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער.

אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקײַט נאָך אין די יאָרן פון בירגערקריג, איז א. קאַהאַן געווען שעפעריש פּרוקטבאַר ביז די לעצטע טעג פון זײַן לעבן.

און הינטער דער טיר, אין שכײנעסדיקן צימער, איז א גרייטע געזעסן די קאַפּעליע. נאָך נעכטן אָפּדערנאַכט איז אהערצו געקומען א שטאַפּעט פֿון דעם שליאַכטיטש פֿאַן אָלשעווסקי: אים איז באַפֿוילן געוואָרן אוועקפֿירן מיט זיך פּעדאָצערן מיט זײַן קאַפּעליע א ווערסט צוואַנציק פֿון שטאָט אין דעם פֿריצישן גוט צו דער מאַרגעדיקער כאַסענע פֿון זײַן טאָכטער.

אין א ווינקל האָט געדרעמלט דער פֿלייטיסט — א מענטש א כאָלעש, מיט קורצזיכטיקע אויגן אונטער גראָבע ברילן־גלעזלעך; לעם אים איז געזעסן דער וויִסהאָריקער טרובאַטש — א באַיאַרטער פּאַרשוין, וואָס האָט עפּעס געמורמלט אונטער דער נאָז און פֿון שלאָף געשאָקלט מיטן ציגענעם בערדל. דער פּויקער איז ניט געווען — ער איז אוועק אהיים מיט דער פֿולער זיכערקײַט, אַז ביז אײַנדערפֿרי וועט די קאַפּעליע זיך ניט לאָזן אין וועג — אזא אומגליק בא פּעדאָצערן.

און דער אַלטער פּויקער האָט קיין טאָעס ניט געהאַט. ווען ער איז גאַנצפֿרי צוריק געקומען, איז פּעדאָצער געשטאַנען מיטן פֿידל אין דער אָנמעכטיק פֿאַרגליווערטער האַנט, קוקנדיק אין איין פּונקט. אויף דער צאַרגע פֿונעם בעט איז געזעסן זײַן ווײַב און אירע בלויע ליפּן האָבן געשעפּטשעט: „וואָס וועט זײַן, וואָס וועט זײַן?" דעם ייִנגלס אויגן זײַנען געווען שטײַף צוגע־מאַכט, ער האָט שווער געאָטעמט.

נאָכן פּויקער איז אַרײַן דער שטאַפּעט פֿון דעם פּאַרעץ אָלשעווסקי און האָט גלײַך גענו־מען אופּטאָרען די דרעמלענדיקע קלעזמער.

— קלײַבט זיך אין וועג אַרײַן! — האָט ער זיי געמינטערט.

די קלעזמער האָבן אָנגעוויזן אויף דער צוגעמאַכטער טיר, הינטער וועלכער פּעדאָצער און זײַן ווײַב היטן דעם טויט, וואָס גאַנוועט זיך אהערצו אונטער.

א צי געטאָן שטאַרק דאָס טיר־הענטל, האָט דער שטאַפּעט זיך אַרײַנגעריסן אין צימער און געזאָגט, אַז אָן דער קאַפּעליע וועט ער ניט אוועקפֿאָרן — אזא איז דעם פּאַרעצעס ווילן. ער האָט געדראָעט, אַז אַט לאָזט ער זיך צוריק אין גוט און וועט מיט זיך ברענגען מענטשן און מע וועט די קלעזמער אוועקפֿירן מיט גוואַלד.

פּעדאָצער האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט, געשטאַנען ווי א סטאַטוע לעם בעט און געקוקט אויפֿן זון.

מיט ראַכמאָנעס־אויגן האָט פּעדאָצערס ווײַב געקוקט אויף דעם פּאַרעצעס שטאַפּעט, געוויזן אויפֿן שטאַרבנדיקן קינד, אויפֿן מאַן, וועלכער איז געשטאַנען אין פֿאַרגליווערטער שרעק. נאָר דעם שטאַפּעט האָט קיין ראַכמאָנעס ניט גענומען. ער איז אַרויס צו די קלעזמער, שטרענג באַפֿוילן זיך אָנטאָן — פּעדאָצער וועט די מינוט אַרויסגיין. די קלעזמער האָבן זיך א ריגעווע געטאָן, זיך גענומען צו די אינסטרומענטן.

אין דער צײַט האָט לעם פּעדאָצערס שטוב זיך אָפּגעשטעלט א דראָשקע. דער מענטש אין ברילן און מיט א שטעקל אין דער האַנט, וועלכער איז אַראָפּ פֿון דער דראָשקע, האָט זיך נאָכ־געפֿרעגט, צי דאָ וווינט פּעדאָצער. דערזען די קלעזמער מיט זייערע קיילים, האָט ער געפֿרעגט:

— וווהין לאָזט איר זיך גיין?

— מיט מיר! — האָט געענטפֿערט אָלשעווסקיס שטאַפּעט.

ווען דער מענטש מיט די ברילן האָט זיך דערוווּסט, אַז בא פּעדאָצערן האַלט א קינד באַם שטאַרבן און מע וויל אים מיט גוואַלד אָפּרײַסן פֿונעם זונס בעט, איז ער אופּגעבראַכט געוואָרן. דער שטאַפּעט האָט האַסטיק א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז נעלעם געוואָרן.

— ווו איז פּעדאָצער? — האָט זיך נאָכגעפֿרעגט דער געקומענער און פֿאַרזיכטיק זיך גע־לאָזט אין שכײנעסדיקן צימער, וווהין דער פּויקער האָט אים אָנגעוויזן. ער איז אַריבער די שוועל און שטיל צוגעגאַנגען צום קינדס בעט. אויף א רעגע האָט דאָס קינד עטוואָס אופּגעעפֿנט די אויגן, א שמייכל געטאָן. פּעדאָצער האָט אופּגעלעבט, אָפּגיך אוועקגעלייגט דעם פֿידל, זיך צוגע־זעצט אויף דער צאַרגע פֿונעם בעט און אַרײַנגענומען דעם ייִנגלס האַנט אין זײַנע הענט.

— דו זעסט מיך, זונעניו?

דאָס ייִנגל האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. דער דערפֿרייטער פֿאָטער האָט זיך אויסגע־קערעוועט צום ווײַב און דערזען א פֿרעמדן מענטש.

— ווער זענט איר און וואָס ווילט איר פֿון מיר?

— מײַן נאָמען איז שאָלעם־אַלייכעם, איך בין א שרײַפֿשטעלער. געקומען פֿון קיִעוו זיך באַקענען מיט אײַך... כ'האָב ניט געוווּסט, אַז בא אײַך איז אַן אומגליק... עפּשער קאָן איך מיט עפּעס אײַך באַהילפֿיק זײַן?

— איך דאַרף א דאָקטער. פֿאַרוואָס האָט איר קיין רעפֿועו ניט געבראַכט? — האָט פֿאַר־צווייפֿלט געטײַנעט דער קלעזמער.

— ווען איך זאָל געווען וויסן, — קנייטשט אין פאַרלעגנהייט דער שרייבער מיט די אַקסלען און גיט גלייך צו: — ערגערט זיך ניט, איך וועל זען ברענגען אַ דאָקטער.

אפילו אין אַזא היפּשער שטאָט, ווי בערדיטשעוו, איז אין יענע יאָרן שווער געווען צו קריגן אַ גוטן דאָקטער. דערוווּסט זיך אין אַפּטייק, וווּ עס וווינט דער גאַרניזאָן-דאָקטער פון דער מיליטערישער טייל, וואָס שטייט אָפּ קוואַרטיר אין שטאָט, האָט שאָלעם-אַליכעם געדונגען אַ פאַעטאָן און זיך אַוועקגעלאָזט אופזוכן דעם דאָקטער. און אַקעגן אַ שאָ אַרום האָט שאָלעם-אַליכעם צוגעקנאַקט אָפּ אַ פאַעטאָן צו פעדאָצערס שטוב.

דערזען אַ מענטשן אין מיליטערישע מאַלבושים, האָבן די קלענזמער אָנגעהויבן זיך בוקן פאַר אים, נאָר דער דאָקטער האָט פאַרדראָסיק אַ מאַך געטאָן אָפּ זיי מיט דער האַנט און איז אַריין אין צימער צום קראַנקן. ער האָט פּאַרזיכטיק און אופמערקזאַם אויסגעהערט דאָס ייִנגעלע, געקלאַפּט מיט די פינגער איבער זיין לייב און אויסגעטאַפּט בא אים יעדן אייווער. גלעטנדיק די היפּשע וואָנצעס, האָט דער דאָקטער לאַנג געקוקט אָפּ פעדאָצערן און אָפּ זיין ווייב. דערנאָך איבערגעפירט זיין בליק אָפּ שאָלעם-אַליכעמען.

— אייגנטלעך, וואָס קערט איר זיך אָן מיטן ייִנגעלע? — האָט דער דאָקטער אַ פרעג געטאָן באם שרייבער.

— הם... הם... איך בין זיינער אַ שטיקל קאָרעוו, — האָט שאָלעם-אַליכעם זיך ניט פאַרלוירן.

— אָן אייגענער, אַ נאָענטער? — פרעגט איבער דער דאָקטער.

— יאָ, אָן ערעך אַזוי...

— איז אָט, הער אייגענער... — דער דאָקטער האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט און אין דער באַגלייטונג פון שאָלעם-אַליכעמען זיך געלאָזט גיין אין צווייטן צימער. דאָ האָט ער אויסגעשריבן אַ רעצעפּט און איבערגעגעבן שאָלעם-אַליכעמען. — באַשטעלט אָט די דאָזיקע רעפּוע אין אַפּטייק און גיט אים איין יעדע צוויי שאָ אַ דעסערט-לעפעלע. אַ שווערע לונגען-אָנצינדונג באם קינד, קאָן זיך שלעכט ענדיקן.

— אַ האָפענונג איז דאָ? — פרעגט אומרויִק שאָלעם-אַליכעם.

— האָפענונג טאָר מען קיינמאָל ניט פאַרלירן, — ענטפערט דער דאָקטער און טוט אָן די שינעל. אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, האָט ער זיך געלאָזט צו דער טיר. שאָלעם-אַליכעם האָט געפּרוּווט אַריינלייגן אין דאָקטערס האַנט אַן אַסיגנאַציע, נאָר יענער האָט בייז אויסגעריסן די האַנט און געזאָגט מיט ווירדע:

— מיין ליבער הער, זייט וויסן, אַז איך האָב געאַרבעט אונטער ניקאָליי איוואַנאָוויטש פּיראָגאָווס אָנפירונג, און איר... גיט אָפּ דאָס געלט די עלטערן פונעם קראַנקן קינד. ריר זיך! — האָט ער באַפוילן דעם פורמאַן.

— אַנטשולדיקט, זייער איידלמוטיק פון אייער זייט... — האָט שטיל געזאָגט שאָלעם-אַליכעם.

ער איז אַפּגיך אַוועק אין אַפּטייק און געבראַכט די רעפּוע. דעם ייִנגעלע איז צו יענער צייט ערגער געוואָרן. פון זיין אָפּגעשוואַכטער ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שווערע כריפּעריי, אָן אָנזאָג פון דער אָנקומענדיקער גסיסע.

מיט אַ ציטערדיקער האַנט טראָגט צו די מאַמע די רעפּוע דעם ייִנגעלע, נאָר זיינע ציין זיינען געווען פאַרקלעמט, דאָס מויל האָט זיך ניט געעפנט און די רעפּוע איז צעגאָסן געוואָרן.

שאָלעם-אַליכעמען האָט פאַרקלעמט פאַרן האַרצן, אים איז שווער געווען צוזען די ליידן פונעם קינד און זיינע עלטערן.

אין שכיינעסדיקן צימער איז געוואָרן טומלדיק — דאָס האָט ווידער זיך באַוויזן אָלשעווסקיס שטאָפּעט און מיט אים נאָך דריי פאַרשוין.

— ווו איז ער? — האָט בייז געפרעגט דער שטאָפּעט, ווען שאָלעם-אַליכעם איז אַרויס זיך דערוויסן, וואָס עס קומט דאָרט פאָר. — ווו איז ער, אייער קאַפּעלמייסטער? — און ער האָט גלייך געפּרוּווט זיך דורכשטופּן צו פעדאָצערן. נאָר דער שרייבער האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— אַהין טאָר מען נישט, — האָט שטרענג געוואָרנט שאָלעם-אַליכעם. — דאָרט איז טויט.

— וואָס בעלעבעטשעסטו, מיין הער! — כויזעקט דער שטאָפּעט.

ער האָט אָפּגעשטויסן דעם שרייבער פון דער טיר און זיך אַריינגעריסן אין צימער, ווו ס'איז געלעגן דאָס קראַנקע קינד. געכאַפּט דעם פידל, האָט ער גענומען שלעפּן פעדאָצערן צו דער טיר.

— וואָס ווילט איר פון מיר, אויסוורפּן! — האָט אויסגעשריגן דער פידלער. — איר זעט דאָך, דער זון גייט אויס.

— ער וועט אָן דיר אויסגיין! — שרײַט אים איבער דער שטאפּעט.

אָן אויסגעמאַטערטער פון די שלאָפּלאָזע נעכט באַם זון צוקאָפּנס, האָט פעדאָצער אָנגעווירן די קראַפט זיך קעגנצושטעלן. ווייטעקפול און מאַכטלאָז האָט ער זיך אונטערגעוואָרפן דעם פרעמדן ברוטאַלן ווילן.

די מענטשן, וואָס זײַנען געקומען מיטן שטאפּעט, האָבן ארײַנגעשטויסן פעדאָצערן מיט זײַנע קלעזמער אין א גרויסן פורגאָן, וואָס איז געשטאַנען לעם דער שטוב. עמעצער פון זיי האָט ארײַנגעלייגט שאָלעם־אַלייכעמען די מעשענע טאַצן אין די הענט.

אוואדע האָט שאָלעם־אַלייכעם ניט געקאָנט איבערלאָזן פעדאָצערן אין אַזאַ צושטאַנד! איז ער אויך ארײַנגעקראָכן אין פורגאָן.

— איר וועט מיר צודזשימדזשען און אונטערשפּילן צום טאַקט, — האָט דער אַלטער פּויקער א שעפּטשע געטאָן.

שאָלעם־אַלייכעם האָט ביטער זיך צעשמייכלט. אין פינצטערן פורגאָן, וואָס האָט אונטערגעטאַנצט אף די בערגלעך און אף די הרודעס, האָט ער קוים געזען פעדאָצערן.

— סאַראַ קאָוועד פאַר אײַך, הער קאַפּעלמייסטער, — טוט לעפּיש א שפּאַס דער שטאַפּעט. — פּאַן אָלשעווסקי האָט פאַר אײַך געשיקט זײַן אייגענעם געדעקטן פורגאָן.

די דאָזיקע ווערטער זײַנען ניט דערגאַנגען צו פעדאָצערן. דער קלעזמער איז געזעסן מיט צוגעשלאָסענע אויגן, פאַרמאַטערט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— צי ווייסטו, אף וואָס פאַר א כאַסענע דו פאָרסט, הער קאַפּעלמייסטער? — האָט ניט אופגעהערט צו כאָכמענען זיך דער שטאפּעט. ער איז שטאַרק געווען צופרידן, וואָס סאָפּקאָלסאָף האָט זיך אים אײַנגעגעבן אויסשפּילן דעם באַפעל פון זײַן באַלעבאָס. — נאָר געדענק, דעם פּאָרעצעס טאָכטער טאַנצט בלויז די לעצטע מאָדנע טענץ. צי וועט דײַן צעפּאָרענער אָרקעסטער קאָנען צופרידנשטעלן די פּאַניענקע?

קיינער האָט זיך מיט קיין וואָרט ניט אָפּגערופן. אין טונקעלן פורגאָן האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך אומגעקערט צו זײַנע געדאַנקען: ער איז דאָך געקומען צו פעדאָצערן, קעדיי נעענטער זיך באַקענען מיטן קלעזמער־לעבן. אין קאָפּ בא אים האָט שוין דעמאָלט געבלאָנקעט דער סוזשעט פון זײַן קינפטיקן ראָמאַן „סטעמפּעניו“, דעם ראָמאַן וועגן א גרויסן פידלער און זײַן קישעפדיק שפּילן, און אָט מיט וואָס ער האָט זיך גאָר באַגעגנט.

„ווי אַכזאָריעסדיק דאָס לעבן איז! — האָבן טרויעריקע געדאַנקען געמאַטערט דעם שרײַבער. — א שאָפּלדיק לעבן באַם אָרעמען קלעזמער, בא דעם, וואָס דאַרף מיט זײַן מוזיק ברענגען פרייד און סימכע פאַר מענטשן! צי וועל איך קאָנען וועגן דעם דערציילן? און צי וועל איך קאָנען באַווײַזן די יידישע קלעזמער, זייער אייגנאַרטיק לעבן“...

אין א שאָ צוויי אַרום איז דער פורגאָן ארײַנגעפאָרן אין א הויף מיט א הויכן פּלויט אַרומגעצוימט. די קלעזמער האָט מען ארײַנגעפירט אין א צימער, ווו ס׳איז געשטאַנען א געגרייטער טיש צום עסן. פעדאָצער האָט זיך צו גאָרנישט ניט צוגערירט. דערפאַר האָבן די איבעריקע קלעזמער זיך אַרופגעוואָרפן אפן צובײַסעכץ, אפן ווײַן.

— פאַרוואָס עסט איר ניט? — האָט דער טרובאַטש מיטן ציגענעם בערדל זיך געווענדט צו שאָלעם־אַלייכעמען. — עסט, וועט איר קויעך האָבן צו קלאַפּן אין די טאַצן.

אָנגענומען אף א טעלער פאַרשיידענע מײַכאָלים, האָט שאָלעם־אַלייכעם זיי צוגעטראָגן פעדאָצערן.

— לענט אונטער דאָס האַרץ, א גאַנצע נאַכט דאַרפט איר שפּילן!.

די דינער האָבן ארײַנגעטראָגן אין צימער א קעראָסין־לאָמפּ און געהייסן די קלעזמער זיך צוגרייטן: יעדע מינוט קאָן מען זיי רופן אין זאַל ארײַן. און אָט איז די מינוט געקומען.

פעדאָצער, וועלכער האָט פאַר דער גאַנצער צײַט קיין האַלב וואָרט ניט אַרויסגעבראַכט, האָט גענומען דעם פידל, צוגעדריקט אים צו דער ברוסט, ווי דאָס סאַמע באַליבטסטע וועזן זײַנס, און מיט א שטאָלץ פאַרהויבענעם קאָפּ זיך געלאָזט פאָרויס דער קאַפּעליע אַהין, פון אויבן, אין די פּריצישע פּאָקאָיעס.

ווי נאָר דער אָרקעסטער האָט זיך באַוויזן אין זאַל, איז צו פעדאָצערן צוגעגאַנגען דער גראָוועער, וואָנצעדיקער פּאַן אָלשעווסקי אַליין.

— הער כאַלאָדענקאָ, פאַרוואָס זע איך ניט דײַן אַלטן באַס? — האָט ער געפרעגט, באַטראַכטנדיק די קלעזמער.

— דער אַלטער באַס האָט זיך געפעלט, יאַסנאָוועלמאָזשנע פּאַן, — האָט פאַר פעדאָצערן געענטפערט דער פּלייטיסט.

— און ווער איז אָט דער נײַינקער? — ווײַזט אָן אָלשעווסקי אף שאָלעם־אַלייכעמען. — עפּעס זעט ער מיר נישט אויס אַזוי ווי אַלע איבעריקע. גאָר ניט ענלעך, גאָר ניט...

— ענלעך, ענלעך, — דערווידערט דער פּליטיסט. — עמעס, ער איז נאָך יונג, אָבער ער וועט נאָך באַווייזן צו באַקומען אַ הויקער...

פעדאָצער טוט הערשעריש אַ פּיר מיטן סמיטשעק איבערן פידל, און דער פאַן אָלשעווסקי איז געצוווּנגען אופצוהערן שטעלן זײַנע פּראַגעס. אוועקגעשטעלט זיך אין אַ זײַט, האָט ער מיט אַ מערקבאַרן פאַרגעניגן זיך אײַנגעהערט אין די ווונדערלעכע קלאַנגען. דער באַלעבאָס פונעם גוט האָט אויך באַמערקט, ווי דער נײַער קלעזמער, דער לאַנגהאָריקער, מיט די ברילן, קלאַפּט מיט באַזונדער האַסמאָדע אין די טאַצן און ווי דער פּויקער ווינקט צו אים כיטרע אונטער מיטן אייגל. נאָר דער פאַן אָלשעווסקי האָט ניט קיין איבעריקע צײַט אָפּ צוקוקן זיך צום אָרקעסטער: פון הינטער די קאַלאָנעס אינעם ראַכוועסדיקן זאַל, וואָס איז באַגאָסן מיט העלער שײַן, האָבן זיך באַוויזן טאַנצנדיקע, שווינדלענדיקע פּאָרלעך.

נאָך דעם, ווי די קאַפּעליע האָט אָפּגעשפּילט עטלעכע טענץ, האָבן די געסט זיך אוועקגעזעצט אין די ווייכע שטולן צווישן די קאָלאָנעס. ס'איז שטיל געוואָרן. איבערן זאַל האָבן זיך צעגאָסן פידל־קלאַנגען. די באַלעבאַטים און די געסט האָבן צוערשט ניט געלייגט קיין אַכט אָף דער מוזיק, נאָר ביסלעכווײַז האָבן די פידל־קלאַנגען אַלעמען פאַרקישעפט. צענדליקער אויגן זײַנען געווען געווענדט צום שוואַרצבערדיקן פידלער מיטן וווּנדערלעכן אינסטרומענט אין דער האַנט. זײַן פּאָנעם איז קימאַט געווען אומבאַוועגלעך. בלויז די פינגער פון די נאָזלעכער האָבן זיך צענומען, גלײַך דעם דאָזיקן מענטשן האָט אויסגעפעלט לופט...

דער פידל האָט געוויינט וועגן שווערן גוירל פון אַ קלעזמער, דער פידל האָט זיך געראַנגלט מיטן טויט, געבייזערט זיך, געקרעכצט, גערופן צוהילף...

פּלוצעם איז די מוזיק איבערגעריסן געוואָרן, פאַרטונקלט איז געוואָרן דעם פידלערס פּאָנעם, די האַנט מיטן סמיטשעק האָט זיך מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזט.

— פאַרוואָס ביסטו שטיל געבליבן? — האָט דער פאַן אָלשעווסקי זיך צעשריגן אָף פעדאָצערן. — שפּיל, נאָר עפּעס פריילעכערס! דאָ איז ניט קיין לעווייַע.

פעדאָצער האָט זיך אָפילע קיין ריר ניט געטאָן.

— פאַן אָלשעווסקי... — האָט זיך אײַנגעשטעלט דער לאַנגהאָריקער קלעזמער אין די ברילן, — אַ גרויסער אומגליק האָט אים געטראָפן — זײַן זון איז געשטאָרבן...

— ביסטו געקומען אַהערצו אים באַוויינען! — האָט אָלשעווסקי זיך געבייזערט. ער איז צוגעלאָפן צו פעדאָצערן, אַרויסגעריסן באַ אים דעם פידל פון דער האַנט און אים דערלאַנגט שאָלעם־אַלייכעמען.

— איז שפּיל דו, אויב ער קאָן נישט.

— ווען איך זאָל קאָנען אַזוי שפּילן! — האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן שאָלעם־אַלייכעם.

— וואָס, איר איזדיעקעוועט זיך איבער מיר! — איז אָלשעווסקי אַרײַן אין גרימצאָרן. — אויב איר זײַט ניט אימשטאַנד צו שפּילן און פאַרווײַלן מײַנע געסט, טאָ פאַרנעמט זיך פונדאַנען! איי, מענטשן, טרײַבט זיי אַרויס פונעם הויף!

...שפּעט באַנאַכט האָבן די קלעזמער זיך דערשלעפּט אין שטאָט אַרײַן. שאָלעם־אַלייכעם האָט באַגלייט ביז דער שטוב דעם אויסגעמאַטערטן פעדאָצערן, וואָס איז קוים געשטאַנען אָף די פיס.

אָף דער שוועל האָט פעדאָצערן באַגעגנט זײַן ווײַב. אין גרויס פאַרצווייפלונג האָט זי געבראָכן די הענט.

— זײַט שוין באַהיט פון צאַר, פעדאָצער, איר וועט געפינען טרייסט אין אײַער שפּיל! — האָט שטיל געזאָגט שאָלעם־אַלייכעם.

אין צירק *

אין שטאָט איז אַמאָל אַראָפּגעקומען אַ וואַנדער־צירק. אָף אַ זײַטיקער גרינער גאַס צעשטעלט הויכע סלופּעס, איבערגעצויגן זיי מיט אַ ברעזענטענעם דאַך, אים פאַרקרעמפּעוועט מיט שטריק און ברעטער, און באַקומען האָט זיך אַ געבײַדע, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַן אומגעהייער גרויסער ציבעלע.

איבער דער גאַנצער שטאָט האָבן זיך באַוויזן גרויסע אַפישן, אָף וועלכע עס זײַנען געווען אויסגעמאָלט פאַרשיידענע פּאַיאַצן — שפּרינגענדיקע, קריכנדיקע, קאָפּויר־שטייענדיקע — אין

רויטע, גרינע, בלאָווע מײַטקעס, לאַנגע שיך מיט שאַרפֿע נעז. זיי האָבן געראָפֿן, די דאָזיקע אָפּישן, אין צירק אַרײַן.

זונטיק גאַנצפֿרי האָט זיך באַוויזן אויף די גאַסן אַ קליין אייזעלע, אָנגעטאָן אין אַ גאַרניטער פֿון קאָלירלײַ קאָלירן. ס'איז געווען געשפּאַנט אין אַ פּיצלעך וועגעלע, אויף וועלכן ס'איז געזעסן אַ לילּיפּוט מיט אַ צעקנייטשט פּאָנעם און מיט יונגע בלישטשענדיקע אויגן.

אַז מויני האָט דערזען דעם דאָזיקן אַרויספֿאָר, האָט אים אַזש פֿאַרכאַפּט דער אָטעם, דאָס פּאָנעם האָט גענומען פֿלאַמען, די אויערן ברענען. ער האָט זיך אײַנגעגראָבן מיט די אויגן אין דעם אייזל, אין וועגעלע און אין פּאַסאַזשיר, וואָס איז אין דעם געזעסן.

וויאַזוי ס'איז געשען, אַז דעם צווייטן זונטיק איז אָנשטאָט דעם לילּיפּוט געזעסן אויפֿן וועגעלע מויני און האָט אָנגעטריבן דאָס אייזעלע, איז פֿאַר אַלעמען געווען אַ סאָד. ווען שכיינישע יינגלעך און עלטערע באַקאַנטע האָבן געפֿרעגט באַם צופֿרידענעם מויני, ווי קומט ער אויפֿן וועגעלע פֿאָר אַן אַנטרײַבער, האָט דער יונגאַטש מיט גאַדלעס געענטפֿערט:

— מע קומט שוין, אַז מע דאַרף! וואָס אַרט אײַך!

גאַנץ מעגלעך, ווען מע וואָלט געפּאַדערט בא מויניך, ער זאָל גענוי דערציילן, ווי ער קומט אין צירק אַרײַן און וויאַזוי ער האָט זיך עס דערשלאָגן צו פֿאַרנעמען דעם לילּיפּוטס אָרט, וואָלט ער ניט געקאָנט ענטפֿערן. ווײַל ער איז געווען אַזוי אויפֿגערעגט פֿון גליק, אַז אַלץ האָט אים אויסגעזען, ווי אין אַ כאָלעם. ער געדענקט, מויני, ווי ער איז אַרײַנגעקומען אין צירק, מ'האָט גראָדע דעמלט געהאַלטן אין שפּאַנען דאָס אויסגעפּוצטע אייזעלע, און ער האָט זיך אוועקגעשטעלט לעם דעם און גענומען עס אַזוי גלעטן און קעכלען, אַז דער באַלעבאָס פֿון צירק האָט אים אין אַ שפּאַס געפֿרעגט:

— יינגעלע, ווילסט האָבן אַזאַ לאָשעקל? ס'איז אָבער ניט קיין לאָשעקל, נאָר אַן אייזל.

— איך ווייס, — האָט מויני אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

אין עטלעכע רגעס אַרום האָט מויני דערהערט:

— עפּשער ווילסטו אַ ביסל זיך דורכפֿאָרן?

— ווער, איך?

— יאָ, דו, — האָט דער באַלעבאָס צו אים אַ ווונק געטאָן און דערבײַ זיך אַ קלאַפּ געגעבן מיטן דינעם כליסט איבערן פֿוס.

ניט לאַנג געקלערט, האָט מויני דרייסט געענטפֿערט:

— איך וויל אוודע, אַבי איר זאָלט נאָר וועלן.

ס'האָט ניט געדויערט קיין צען מינוט, ווי מע האָט מויניך אָנגעפּרינדעט אין עפּעס מאָדנע בונטע קליידער, אַרײַנגעשטעקט אים אין דער האַנט אַ לאַנגע בײַטש און אַוועקגעזעצט אויפֿן וועגעלע. אָנגעזאָגט האָט מען אים, ער זאָל נאָר פּאַכן מיט דער בײַטש, ניט דערוועגן זיך אַראָפּלאָזן זי אויפֿן אייזעלע, אַניט וועט עס זיך צעפּלאָשען, אים אַראָפּוואַרפֿן און איבערקערן דאָס וועגעלע. מויני האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער ווייסט, אַ טרײַב געטאָן דאָס אייזעלע און אַרויסגעקנאַקט אויף דער גאַס.

ווער איז דאַן געווען גלײַך צו דעם דאָזיקן יינגל!

מויני האָט אַפֿילע ניט באַמערקט, ווי צענדליקער כוורע לויפֿן אים נאָך, בעטן זיך, ער זאָל זיי אַרופֿנעמען אויפֿן וועגעלע. ער איז אַ שײַנענדיקער געזעסן און ניט אויפֿגעהערט צו פּאַכן מיט דער בײַטש.

אויסגעלאָזט האָט זיך די געשיכטע זייער טרויעריק: פֿון ערגעץ האָט זיך באַוויזן מויניס פֿאָטער — אַ דאַרער מענטש מיט אַ צעשויבערטער באָרד — און גענומען שרײַען אויף מויניך, ער זאָל גלײַך אַראָפּ פֿונעם וועגעלע. אים איז אַ ביזאָיען, האָט ער געשריגן, פֿאַר לײַטן, אַז זײַן בעניאַכיד זאָל ווערן אַ צירקאַטש. טאָמער קריכט ער ניט אַראָפּ, מאַכט ער אים גלײַך דעם טויט אָט דאָ אויפֿן אָרט אינמיטן גאַס. אָבער דאָס יינגל האָט אַפֿילע קיין קוק ניט געטאָן אויפֿן טאַטן, ער האָט געהאַלטן אין איין פּאַכן מיט דער בײַטש און טשמאָקען מיט די ליפּן. דאָס אייזעלע האָט געצוקט מיט די אויערן, ווי אײנער רעדט: איך פֿאַרשטיי, וואָס מע מיינט. וואָס האָרעוועסטו אַזוי מיט דער בײַטש?

נאָך מויניס טאַטן זײַנען שוין איצט נאָכגעגאַנגען מערער מענטשן, ווי נאָכן וועגעלע מיטן אייזעלע. עמעצער האָט געייצעט דעם פֿאָטער, ער זאָל מויניך מיט גוואַלד אַראָפּשלעפּן און פֿאַרטרײַבן אָט די נימעסע פֿאַרפּוצטע כײַע מיט די לאַנגע אויערן. דערווײַל האָט זיך אָפּגעזוכט אַ גוטערפֿרײַנט און האָט געבראַכט אַהער אויך מויניס מאַמע. דערזען די פּראָצעסיע, האָט די יידענע גענומען ברעכן די הענט, שעלטן און קלאָגן. מויני איז צעמישט געוואָרן, ער האָט פֿאַרגעסן אין שטרענגן אָנזאָג פֿונעם צירק־באַלעבאָס און דערלאַנגט עטלעכע שמיץ דעם אייזעלע.

האָט דאָס אייזעלע זיך צעיאָגט און אין איין אויגנבליק איבערגעקערט דאָס וועגעלע, אויסגעשאָטן דעם פאסאזשיר און אליין אנטלאָפן.

אזוי האָט זיך פארענדיקט מויניס ערשטער פרווו אָנצוקומען אין צירק. אָבער דאָס האָט אים ווייניק־וואָס געארט; ניט געקוקט דערויף, וואָס זײַנע עלטערן האָבן זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, זייער איינציק זינדל זאָל זיך ארויסשלאָגן פון קאָפּ דאָס מעשוגאַס, האָט זיי גאָרנישט ניט געהאָלפן און מויני איז פארבליבן טאקע אין יענעם וואנדער־צירק, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אף דער זײַטיקער גרינער גאס בא זיי אין שטאָט.

און אָט זײַנען אריבער עטלעכע יאָר זינט יענער געשיכטע. מויני האָט געארבעט אין צירק, וואָס איז ווידער געקומען אף גאסטראָלן אין זײַן היימשטאָט.

ס׳איז געווען גאָר א הייסער טאָג. די שטאָט האָט דעמלט פארכאפּט דעניקין, און די אָפּיצערן האָבן געשיקערט, געהוליעט און געפּײַניקט די אײַנוווינער. באזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט דער קאָמענדאנט פון שטאָט פּאָלקאָווניק קרעטשיק, דאָ האָט מען אים א נאָמען געגעבן פּאָלקאָווניק קרעציקער. דאָס איז געווען א שטאלטנער פארשוין מיט ספּירטקאָלירענע אויגן, וואָס האָבן אין זיך אויסבאהאלטן גיפטיקע בייזקײַט און כויזעק. די שווארצע וואָנצעס זײַנען בא אים שטענדיק געווען פארדרייט אף ארויף מיט דינע שפּיצן, פּונקט ווי די מענטשעלעך אף די שילדן פון וואָלוועלע שערערײַען.

פארנאכט האָט מען געקאָנט באגעגענען דעם פּאָלקאָווניק אף דער הויפּט־גאס מיט א דינעם סטעק אין דער האנט, אף וועלכן ס׳איז געווען צוגעפּעסטיקט א זילבערן שלענגל מיט א גרויסן קאָפּ — דער קאָפּ אליין גרעסער פונעם גאנצן שלענגל־קערפּער. דעם סטעק האָט דער דעניקינעץ קונציק געדרייט אין דער האנט און דערמיט צוגעצויגן די אויפמערקזאמקײַט פון די פארבײַגייענדיקע. זיי האָבן מער געקוקט אפן שווינדלענדיקן שטעקל אין דער האנט, איידער אפן הויכן שווארצוואָנצעדיקן פּאָלקאָווניק אליין.

נאָך קרעטשיקן איז שטענדיק נאָכגעלאָפן א קליין הינטעלע — א נידעריקס, א ווארפנדיקס, מיט א קורץ עקעלע. אפן האלדז בא דעם — א סטענגעלע, יעדן טאָג פון אן אנדער קאָליר. פון צײַט צו צײַט האָט דער פּאָלקאָווניק זיך אויסגעקערעוועט צום הינטל, אונטערגעשטעלט דעם סטעק, דאָס הינטל זאָל איבערשפּרינגען. קרעטשיק ווארפט א בייזן קוק אף דעם נעפּעש, דאָס הינטל פארדרייט דעם קאָפּ אין א זײַט, טוט א גלאנץ מיט די קנעפּלעך־אייגעלעך, דער פּאָלקאָווניק טוט א הייב אוף דעם סטעק אין איין האנט און מיטן ווײַזפינגער פון דער צווייטער סטראשעט ער דאָס הינטל.

קימאט יעדן אָוונט פלעגט דער קאָמענדאנט קומען אין צירק. ער האָט דאָרט געהאט זײַן שטענדיק אָרט אין דער ערשטער ריי. און אויב ער פלעגט ניט קאָנען קומען, איז אף זײַן אָרט רויִק געזעסן דאָס הינטל אף די הינטערשטע פיסלעך און גלײַכגילטיק געקוקט אף דער פּאָרשטעלונג. דער עולעם איז שוין געווינט געווען צו זען אין דער ערשטער ריי אָדער דעם הויכן שווארצוואָנצעדיקן פּאָלקאָווניק מיט די גאָלדענע עפּאָלעטן, אָדער זײַן הינטל, וואָס האָט מיטן ארײַנגעצויגענעם קאָפּ אין די אקסל אויסגעזען, ווי עפּעס אן אונטערגעוואָרפן קלומעקל.

אין איינעם אן אָוונט, ווען אָנשטאָט דעם שטאָט־קאָמענדאנט קרעטשיק איז געזעסן דאָס הינטל און גלײַכגילטיק געקוקט אף דער פּאָרשטעלונג, האָט זיך פארשפּרייט א קלאנג, אז אפן פראָנט האלט מיט די דעניקינצעס שלעכט: די רויטע ארמיי טרײַבט זיי אין האלדז־און־נאקן. דעריבער טאקע איז דער פּאָלקאָווניק ניט געקומען, געווען פארנומען מיט וויכטיקע איניאָנים. אפן צווייטן טאָג איז אין שטאָט קלאָר געוואָרן, מיט וואָס ער איז ווירקלעך געווען פארנומען: א גאנצע נאכט האָט מען גענישטערט אין דעם ראיאָן, ווו ארבעטער האָבן געוווינט, ארעסטירט מענער און פרויען. דרײַ ארעסטירטע האָט מען אופגעהאנגען ניט ווײַט פון דער טפיסע.

די באפעלקערונג איז געווען אופגעבראכט, באזונדערס האָט מען געוואָלט זיך נויקעם זײַן אין דעם שטאָט־קאָמענדאנט, אין דעם פּאָלקאָווניק קרעטשיק, וועלכער איז געווען דער שולדיקער אין שרעקלעכן מאָרד.

צווישן דעם עולעם, וואָס איז געשטאנען ניט ווײַט פון דעם פּלאץ, ווו ס׳האָבן זיך געוויגט די טויטע קערפּערס, איז געווען אויך מויני, וואָס איז געקומען אין שטאָט אף גאסטראָלן מיטן צירק.

דעם זעלבן אָוונט איז דער שטאָט־קאָמענדאנט געזעסן אף זײַן באשטענדיק אָרט אין צירק אף דער פּאָרשטעלונג. אף זײַנע קני — דאָס כיינעוודיקע הינטל, וואָס האָט געקוקט אף אלץ מיט די פארבלאָזענע אייגלעך.

פון הינטער די קוליסן האָט ארויסגעקוקט מויני, אופגעזוכט דעם פּאָלקאָווניק און געוואָרפן אף אים צאָרנדיקע בליקן. אים האָט זיך געדאכט, אז יעדער איינציקער פונעם עולעם, וואָס זיצט דאָ, דארף זיך אופהייבן, צוגיין צום בלוטיקן פּאָלקאָווניק און אים אומברענגען אפן אָרט.

דערויף האָט ער טאַקע אַרויסגעקוקט: אָט־אָט וועט עמעצער צוגיין צום הענקער הינטן־אַרום און אים פּלעטן דעם קאָפּ, אָבער דאָס איז ניט געשען. מויני האָט באַמערקט, ווי הינטן און פון ביידע זײַטן אַרום דעם פאַלקאָווניק זיצן די געוויסע פאַרשוינען אין די באַרימטע אין שטאָט אַרבעסקאָלירענע מאַנטלען, ער האָט גלײַך זיך אָנגעשטויסן, ווער זיי זײַנען, די דאָזיקע פאַרשוינען. דאָס האַרץ האָט העפטיקער געקלאַפּט, דאָס בלוט האָט שטאַרק געשלאָגן אין די שלייפן. ער האָט ניט געקאָנט זיך באַהערשן. עמעס, אַלעמאָל פאַרן אַרויסטרעטן איז ער אויפגערעגט, אָבער אַזוינס האָט ער נאָך קיינמאָל ניט איבערגעלעבט, הענט און פיס האָבן בײַ אים געציטערט.

מויני איז צוגעגאַנגען צו זײַן באַליבט פערד — אַ ברוינס, מיט אַ ווײַסן פלעק אויפן שטערן. די פעל האָט בײַ דעם געגלאַנצט אַנטקעגן דער עלעקטרישער שײַן. ער האָט ניט ווי געוויינלעך אַרײַנגערוקט דעם פערד דאָס שטיקל צוקער צווישן די ציין. דאָס פערד האָט ווי דערפילט אין מויניס גלעטן, אַז די האַנט איז אויסערגעוויינלעך אומרויִק — ס׳איז ניט דאָס גלעטן, וואָס שטענדיק. דאָס פערד האָט אַזש אויפגעהויבן אַ פוס, און בײַ דער דיך איז דעם דורכגעלאָפן אַ ציטער, ס׳האָט געקוקט אויפן באַלעבאָס, גלײַך ס׳האָט געוואָלט פאַרשטיין דעם רײַטערס אומרו.

עס האָט זיך דערנעענטערט די צײַט, ווען מויני האָט געדאַרפט דעמאָנסטרירן זײַן רײַטער־קונסט. אַן אוניפאָרמיסט אין אַ גרינבלעכן קאָסטיום מיט גלאַנצנדיקע קנעפּ האָט מויניען דערמאָנט, ער זאָל זיך גרייט מאַכן.

— שוין? — האָט מויני ווי זיך אויפגעכאַפּט פון זײַן פאַרקלערטקײַט. — מײַן אויפטריט?

— יאָ, — האָט ער דערהערט די טרוקענע שטים פון דעם אוניפאָרמיסט. — גרייט זיך צו. די מאַלפּעלעך אַרבעטן איצטער, איר הערט, אָט פאַרענדיקן זיי, מע אַפּלאָדירט שוין.

מויני האָט גאָרנישט ניט געהערט. ער האָט אַראָפּגעצויגן די הויזן, וואָס זײַנען שטײַף צוגעשטאַנען צום שטאַלטנעם לײַב, גענומען די רוט אין דער האַנט, איז אַרויף אויפן פערד און אַרויס אויף דער אַרענע. דעם רײַטער האָט מען באַגעגנט מיט אַפּלאָדיסמענטן. ווי געוויינלעך, האָט ער עטלעכע מאָל דורכגעקרײַזט איבערן מאַנעזש, דערבײַ פלינק זיך איבערגעבראָכן, בייס דאָס פערד האָט גאַלאָפּירט. דער רײַטער האָט קיינמאָל ניט געאַרבעט מיט אַזאַ פלײַס, ווי הײַנט. דאָס פערד האָט דערפילט, אַז צום רײַטער האָט זיך אומגעקערט זײַן רויִקײַט און פעסטקײַט. דאָס פערד איז אַלץ לײַכטער און לײַכטער געלאָפן. מ׳האָט שטאַרק אַפּלאָדירט, נאָר מויני האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. יעדעס מאָל, ווען ער איז פאַרבײַגעפאָרן דאָס אָרט, ווו ס׳איז געזעסן דער פאַלקאָווניק מיטן הינטעלע, האָט דאָס פערד דערפילט אַ שטײַפן צי פונעם רײַטערס האַנט, גלײַך ער וויל מיטאַמאָל פאַרקערעווען.

די אוניפאָרמיסטן זײַנען שוין אַלע געשטאַנען דאָרט, ווו עס צעשפּרייטן זיך די פליגלען פונעם באַריער, גרייט געווען אַרויסלאָזן דעם רײַטער פונעם מאַנעזש, אָבער מויני איז נאָך אַלץ אַרומגעלאָפן, ווי אַ דולער. ער האָט שוין באַוויזן אַלע קונצן, שטייענדיק, זיצנדיק און ליגנדיק אויפן פערד. און דאָס פערד פליט אַלץ פײַל־אויסן־בויגן.

פלוצעם האָט דער רײַטער סאַמע איבערן פאַלקאָווניקס שטול אויפגעריסן דאָס פערד אויף די פאָדערשטע פיס און מיט דער גאַנצער קראַפט פון זײַן יונגן שטאַרקן קערפּער זיך אָנגעלייגט אויפן האַלדז פון זײַן באַליבט פערד, אַ קיצל געטאָן עס, און ס׳האָט האַסטיק אַראָפּגעלאָזט די פיס איבערן פאַלקאָווניקס קאָפּ.

דאָס הינטל איז אַראָפּ פונעם פאַלקאָווניקס קני און מיט איבערגעשראָקענע גלעזערנע אויגן געקוקט אויפן ליגנדיקן פאַלקאָווניק און אויפן ריטשקעלע בלוט, וואָס איז גערונען פון אים.

אינעם טומל איז דער רײַטער מיטן פערד פאַרשוווּנדן. ער איז אַוועק אין דער זומערדיקער נאַכט העט־ווײַט צום גרינבלעכן האָריזאָנט, ווו עס האָבן געפינקלט אויסגעשליפענע זילבערנע שטערן.

מ׳האָט דערנאָך דערציילט, אַז דער רײַטער מיט זײַן פערד האָט זיך דורכגעשלאָגן אין אַ טייל פון דער רויטער אַרמיי און איז דאָרט פאַרבליבן.

די יעַרושע *

הײַנט איז פאַר פאַניע סאָלאָמאָנאָווגען ענדגילטיק קלאָר געוואָרן, אַז זי מוז זיך געזעגענען מיט דער שול, מיט איר פּראָפעסיע.

אָפּגעאַרבעט אַלס לערערן קימאַט דרײַסיק יאָר, און דאָ — נאַ דיר גאָר! „אויב אירווילט נאָך לעבן אַ ביסל, איז גענוג לעקציעס“ — אַזוי האָט דער האַלדז־דאָקטער שטרענג זי געוואָרנט.

פאניע סאָלאָמאָנאָוונע האָט גוט פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש וועגן איר שרעקלעכער האַלדז־קראַנקײַט. כאָטש זי האָט שוין לאַנג וועגן דעם געוווּסט, האָט זי נאָך אַלץ געמאַכט זיך טאַמעוואַטע, געוואָלט אַליין זיך טרייסטן. טיף אין דער נעשאָמע האָט זי געוואַרעמט א האָפענונג, אַז עפשער וועט פאָרט אָפּגעשטעלט ווערן דער פּראָצעס...

קימאַט אַלע יאָר איז פאניע סאָלאָמאָנאָוונע געפאָרן צום יאַם, געהיילט זיך מיט פאַרשיידענע רעפּועס. אַנומלטן האָט א פרײַנט איר צוגעשיקט פון טשעכאָסלאָוואַקיע א נײַעם פּרעפּאַראַט, וואָס וועדליק דעם שעם פון די דאָזיקע פּילן, וואָלט זי געדאַרפט אינגאַנצן געזונט ווערן. אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפן. די קרענק האָט מעסוקן פּראָגרעסירט.

איז פאניע סאָלאָמאָנאָוונע אַהיים געקומען, אַוועקגעלייגט דעם פּאָרטפעל אַפן טיש. אַליין ניט געוווּסט צוליב וואָס, האָט זי גראָד גענומען קוקן אַף דער לעצטער פאָטאָגראַפיע, ווו זי איז געווען פאָטאָגראַפירט מיט איר פּאַראַיאָריקן אַרויסלאָז־קלאַס. אָט איז קלאַוודיע גאָוואָרענקאָ מיט איר שטענדיק פרײַנטלעכן שמייכעלע אַף די ליפּן; און אָט איז וואַסקע ראַשבאַ — דער ווײַסקעפּיקער יונג, וועלכער האָט שטאַרק ליב סאַטירישע לידער און בא יעדן פאַל ברענגט ער א פּאַסיקע ציטאַטע; און אָט שטייט אין דער לעצטער ריי גוסטע שטאַרקמאַן — א זאָרגזאַם מיידל, די פּיאָנער־וואָזשאַטע. בא גוסטען זײַנען דאָס פּאָנעם און די הענט אָפּגעשאָטן מיט זומער־שפּרענקלעך, זי שעמט זיך דערמיט. און דאָרט לינקס אין דער צווייטער ריי זיצט וויקטאָר בעלסקי, וועלכער שטרעבט צו ווערן אַן אַוויאַ־קאָנסטרוקטאָר. דער לערערקע דאַכט זיך, אַז דער גוטמוטיקער באָכער ווינקט צו איר. אין די אויערן קלינגט זײַן שטאַרקע שטים: „פאניע סאָלאָמאָנאָוונע, איר וועט נאָך פליִען פון קיִעוו קיין לענינגראַד אַף א מאַשין פון מײַן קאָנסטרוקציע“. און כעוורע אַרום לאַכן פון אים און רייצן זיך: „דערפאַר ביסטו אין ליטעראַטור שוואַך, און דאָס טרייסט ווייניק פאניע סאָלאָמאָנאָוונען“.

זיי זײַנען זיך צעפלויגן, אָט די כעוורע, ווער וווּהין, און זי, פאניע סאָלאָמאָנאָוונע אַבלאָווא, זיצט איצט א דערשלאָגענע, א צעבראָכענע פון דעם אורטייל, וואָס איר האָט אַרויסגעטראָגן דער האַלדז־דאָקטער. זי מאָלט זיך ניט אויס איר לעבן אויסער דער שול. „כעוורע, כעוורע, ווען איר ווייסט, ווי מיר איז שווער צו פאַרלאָזן די שול!..“

אין צימער איז קיינער נישטאָ, איז זי געבליבן זיצן אין שווערע מאַכשאָוועס אָפּהענטיק און שווײַגנדיק. וויפל האָט זי אַליין געטײַנעט צו די שילער, אַז מע טאָר זיך קיינמאָל ניט פאַרלירן, אין קיין שום פאַל נישט. שטענדיק איז פאַראַן אַן אויסוועג. ווי א לערערן פון ליטעראַטור, האָט זי ליב געהאַט צו ברענגען אַלס א בײַשפּיל קאָראָלענקאָס באַרימטן עטיוד „פײַערלעך“. זיי רופן ערגעץ, די פײַערלעך, און זאָגן צו האָפענונג. האָפענונג?.. פאַר איר איז שוין איצט גאָרנישט געבליבן אין לעבן...

צי איז דאָס א טאַכלעס פאַר איר — אַוועק אַף פּענסיע אַלס אינוואַליד און זיצן און וואַרטן... אַף וואָס? אויס קלאַס, אויס קינדער, אויס אַרבעט, אויס פרייד, אויס טומל. זאָל זײַן, זי וועט דאָס שוין קיינמאָל ניט איבערלעבן?

אויס! האָסטו, הייסט עס, פאניע סאָלאָמאָנאָוונע, פאַרענדיקט דײַן וועג...

זי שטייט אַנטקעגן דעם שפּיגל און קוקט אַף זיך אַליין מיט מיטלײַד. ניט קיין גוט געפיל — ראַכמאָנעס האָבן אַף זיך אַליין. אַפילע ראַכמאָנעס האָבן אַף יענעם דערנידעריקט סײַ דיך, סײַ יענעם, ווער שמועסט נאָך אַף זיך אַליין? און אָט די בײַטעלעך אונטער די אויגן, וואָס זעען אויס בלוילעך־גרינלעך? מעגלעך, אַז עס באַקומט זיך אַזוי פון די דינע אָדערלעך אונטער דער אָפּגעצויגענער הויט. און די האָר אַפן קאָפּ זײַנען נאָך, עמעס, נישט אינגאַנצן גראָוו, אָבער זיי הייבן שוין אָן אַרײַנפאַלן אין א קאָליר פון אַש, וואָס איז נאָך ניט ענדגילטיק איבערגעברענט.

פאַרשטעלט זי, פאניע סאָלאָמאָנאָוונע, די אויגן מיט דער האַנט, און אין זיקאָרן שווימען אויף פאַרשיידענע בילדער: דער מאַן איז גלײַך אַפן צווייטן טאָג נאָך דעם, ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, אַוועק אַפן פראָנט און איבערגעלאָזט אַף אירע הענט צוויי קינדער — דעם עלטערן, סאַשען, איז דעמלט געווען צוועלף, א יונגאַטש, וועלכער איז איצט שוין אַלט אַכט און צוואַנציק יאָר. נאָכן פאַרענדיקן דעם בוי־אינסטיטוט איז ער לויט זײַן אייגענעם פאַרלאַנג אַוועקגעפאָרן אַף די נײַע ערד־שעטאָכים אין קאַזאַכסטאַן. פאניע סאָלאָמאָנאָוונע איז געבליבן מיט וויטען, וועלכע פאַרענדיקט אָט־אָט דעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. וויטע איז ייִנגער פון סאַשען מיט פיר יאָר. ביידע אירע קינדער האָבן נאָך ניט כאַסענע געהאַט, סאַשע וויל אַפילע ניט הערן וועגן א פאַמיליען־לעבן. ער האָט צײַט, טײַנעט ער; דאָרטן, אַף דער צעלינאַ, זײַנען פאַראַן מיידלעך איינס אין איינס, שרײַבט ער דער מאַמען, אָבער מ'איז פאַרנומען איבער די אויערן. און וויטע — זי איז גאָר א מיידל אַן אַנטיק. איר גייט עס ניט אין קאָפּ, כאָטש יונגען דרייען זיך אַרום איר, ווי בינען אַרום האָניק.

צוערשט, ווען וויטע האָט פאַרענדיקט די מיטלשול, האָט זי ניט געוואָלט אַפילו הערן וועגן פּעדאַגאָגישער אַרבעט — ס'איז אומעטיק און מע דאַרף האָבן דערצו געדולד און טראָגן גרויסע אַכרייַעס. וויטע האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן, ווי די מוטער מאַטערט זיך אַמאָל מיט אַ „שווער" קינד, וואָס וויל זיך ניט לערנען און קריכט אַפן קאָפּ אַלע לערער. און כאָטש פאַניע סאָלאָמאָנאָוונע האָט געהאַלטן פונעם קלאַל, אַז „ס'זייַנען ניטאָ קיין שלעכטע קינדער — פאַראַן שלעכטע לערער", פלעגט זי דאָך אַמאָל אָפּגיין מיט בלוט, ביז זי האָט געשטעלט אַף אַ וועג אַ ביטער קינד, און דאָס האָט אין איר פּעדאַגאָגישער פּראַקטיק געטראָפן ניט איין מאָל.

וויטע האָט אָפט געצווייפלט, צי ס'איז קעדייַ אויסצוויילן דעם לערער-וועג. ניט איין מאָל האָט זי אין אַזעלכע פאַלן גערעדט דער מאַמען אין דער גאַל אַרייַן:

— איז וואָס זשע, ניט פעסטאַלאַצי און ניט אַפילו דער גאַנצן מאַקאַרענקאָ קאָנען דיר ניט העלפן.

פאַניע סאָלאָמאָנאָוונע האָט דעמלט מיט פאַרדראָס געקוקט אַף דער טאָכטער און באַדויערנ־דיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— זאָלסט אָבער וויסן, טאָכטער, ווי זיס עס איז דאָס געפיל, ווען מע האַלט שוין באַם גענויסן פון די פּאַרטיקע פּרוכטן.

— כ'האָב דאָס שוין געהערט ניט איין מאָל, מאַמע. און דאָך ווילט זיך ניט ווערן קיין שקראַב.

— באַדענק זיך, וויטע, דאָס איז אַן אַלט, שוין לאַנג אָפּגעלעבט וואָרט אין אונדזערע קרייַזן.

— איך זע דאָך, ווי דו לייַדסט.

און אַפילו ווען די טאָכטער האָט שוין געהאַט געפּועלט באַ זיך אָנצוקומען אין פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און איז אויסגעצייכנט אַריבער פון איין קורס אַפן צווייטן, איז זי נאָך אַלץ ניט געווען פעסט באַ דער דייע, צי וועט זי פאַרבלייַבן אַ לערערקע, און אָפט געטייַנעט:

— אַפילו פונעם לעצטן קורס, דאַכט זיך מיר, וועל איך אַנטלויפן אין בוי־אינסטיטוט, ווו סאַשע האָט געלערנט, אין ערגסטן פאַל — אין פּאָליטעכניקום.

הייַנט, ווען וויטע האָט געטראָפן די מאַמע באַם שפּיגל מיט דער האַנט אַף די אויגן, האָט זי נערוועז און האַסטיק זיך אַ לאָז געטאָן צו איר:

— וואָס איז געשען, מאַמע?

— גאָרנישט. — פאַניע סאָלאָמאָנאָוונע האָט געלאָזן זיך אוועקגעזעצט און שטיל געזאָגט:— שוין... אויס...

די טאָכטער קוקט אָנגעשטרענגט.

— וואָס הייסט?

— דו ווייסט דאָך וועגן מייַן אומגליק. פאַרבאָטן. מער טאָר מען ניט ציִען.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיט אַזאַ צעבראָכן געמיט און טיפן ווייטעק, אַז וויטע האָט דער־פילט: זי מוז מיט עפּעס מיטהעלפן דער מוטער, לינדערן איר בראָך. יאָ, איצט איז געקומען דער מאָמענט.

— דו ווייסט, מאַמע, — צעשמייכלט זיך וויטע, און דאָס פּאָנעם ווערט באַשטראַלט מיט אַ רויִקער שייַן, — איך האָב פעסט באַשלאָסן נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט זיך בעטן אַף אַרבעט אין דייַן שול אַף דייַן אָרט.

— אַף מייַן אָרט? — האָט אופגעלעבט פאַניע סאָלאָמאָנאָוונע, און אירע הענט האָבן אָנגעהויבן ציטערן פאַר פרייד. — ס'איז טאַקע אַן אייַנפאַל, — זאָגט זי און נעמט שפּאַנען איבערן צימער, — גוט צוגעטראַכט, טאָכטער. מאָרגן וועל איך גיין צו אונדזער דירעקטאָר און אים זאָגן, ער מוז זיך רעכענען מיט מיר, — און זי האָט זיך צערעדט, ווי אַ גוטער אַקטיאָר, וועלכער האָט אויסגעצייכנט אויסגעלערנט זייַן ראָל, — וועסט זייַן אַ גוטער „סאָאַוועסניק", איך קען דיך. קום אַהער, וויטאַטשקע, — זי נעמט אַרום די טאָכטער און דריקט זי צו צום האַרצן. — דאָס וועט זייַן מייַן יערושע פאַר דיר. און וויסן זאָלסטו, ווי גוט ס'איז דערציִען קינדער אין גייַסט פון מענטש־לעכקייַט. אַזאַ פאַרגעניגן פאַרגין איך נאָר מייַנע עמעסע פרייַנט. דערציִען אַ מענטשן, ער זאָל פאַרשטיין, וואָס גוט און וואָס שלעכט איז, וואָס עמעס און וואָס פאַלש איז — דאָס איז אַ דער־הויבענער כויוו.

— טאָרסט אַזויפיל נישט רעדן, מאַמע.

— איצט מעג איך שוין. די יערושע איז אין זיכערע הענט...

א ריכטיקער גאַנג *

די דאָזיקע געשיכטע האָב איך זיך דערוווּסט אין מײַן היימשטאָט, ווּהין כ'בין געקומען גלײַך, ווי ס'האָט זיך פאַרענדיקט די מילכאָמע. ביז איצט האָב איך זי ניט געקאָנט פאַרשרײַבן — אַלע מאָל, ווען כ'האָב זיך גענומען פאַר דער פּען, איז בײַ מיר ווי אָפּגענומען געוואָרן די האַנט. איצט האָב איך זיך געזעצט צום טיש און איך אײַן אָטעם זי פאַרשריבן.

געלעבט האָט אין מײַן היימשטאָט איינער אַ שטילער מאַן מיטן נאָמען שיִע־העשל שפּרעכער. געווען אַלע יאָרן אַ „מענטש" בײַ יענעם — געדינט בײַ שניטקרעמער אַלס בוכהאַלטער, אָדער ווי מע פּלעגט זאָגן — געווען אַ שרײַבער. פּערזענלעך האָב איך זיך באַקענט מיט אים ערשט נאָך דער רעוואָליוציע, ווען קיין פּריוואַטע שניטקרעמער זײַנען שוין ניט געווען, ער האָט דאַן געדינט אין אַ קאָאָפּעראַטיוו און זיך געטאָן זײַן אַרבעט פלײַסיק און אַכרײַעספול.

באַקענט האָב איך זיך מיט אים, ווײַל אין שטאָט האָט ער געשעמט פאַר אַ גוטן שאָך־שפּילער. און מאַכמעס איך האָב פון קינדווײַז אָן ליב געהאַט שאָך, איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז מיך האָט אינ־טערעסירט שיִע־העשל שפּרעכער, וועגן וועמענס שאָך־שפּיל ס'זײַנען אומגעגאַנגען מאַמעש לע־גענדעס.

נאָך אין די צוואַנציקער יאָרן איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט אים אין איינער אַ שטוב, ווּ איך פלעג אָפט אַרײַנקומען, נאָר שפּילן מיט אים האָט זיך מיר ניט אײַנגעגעבן, — שפּרעכערן האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז איך בין פאַר אים צו אַ שוואַכער פּאַרטניאָר.

דעמלט איז ער שוין געווען אַ מענטש אונטער די פופציק, מיט גראָווע שטײַפע האָר פאַר־קעמט אַף אַרויף. ער פלעגט מיך דורכנעמען מיט אַ שאַרפן דורכדרינגענדיקן בליק פון זײַנע טיף אַרײַנגעזעצטע, אַ ביסל פאַרזשמורעטע אויגן. מיך האָט אַלעמאָל עטוואָס אָפּגעשראָקן דער איראָ־נישער שמייכל זײַנער, וואָס האָט געשוועבט בײַ אים אַף די דיקע, ניט לויט די יאָרן, רויטע ליפּן. די פרישע ליפּן האָבן אים געמאַכט פיל ייִנגער, שיִע־העשל איז געגאַנגען מיט אַ זײַטל, און ס'האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ער איז עטוואָס סטוליעוואַטע. אָבער אינדערעמעסן איז דאָס געווען אַן אופגעלייגטער מיטלוואָקסיקער מענטש מיט לעבעדיקע מעיושעוודיקע באַוועגונגען.

טאַקע אין יענער שטוב, ווּ מיר האָבן זיך דעמלט באַגעגנט, האָט מען מיר דערציילט, וויאַזוי שיִע־העשל האָט שיר־שיר ניט געווונען אַ פּאַרטיע בײַם באַרימטן גראָסמייסטער עקיבאַ רובינשטיין, וועלכער איז אַמאָל געקומען צוגאַסט צו זײַנעם אַ באַקאַנטן אין אונדזער שטאָט. דער גראָסמייסטער, דערציילט מען, האָט קוים־קוים געמאַכט רעמי מיט שיִע־העשלען און האָט קלוימערשט געזאָגט: „איר וואָלט געקאָנט מאַכן אַ בעסערע קאַריערע אַלס שאָך־מײַסטער, ווען איר זאָלט געווען צו דער צײַט אוועקוואַרפן די ציפערן". די פּאַרנאָסע־אָנגעלעגנהײַטן האָבן אָבער צוגעקלעפּט שיִע־העשלען צום בוכהאַלטער־בענקל, און ער האָט קיין קאַריערע אין דער שאָך־וועלט ניט געמאַכט. זײַן שעם פון אַ שטאַרקן שאָך־שפּילער איז ווײַטער פון דער שטאָט, ווּ ער האָט געוווינט, ניט אַוועק.

מיר איז טאַקע ניט אויסגעקומען צו פאַרמעסטן זיך מיט עקיבאַ רובינשטיינס פּאַרטניאָר. דערפאַר איז אָבער, צום אומגליק פאַר שיִע־העשלען, צום סאָף פון זײַן לעבן אים אויסגעקומען צו שפּילן אין שאָך מיט ניט גאָר קיין ליבהאַרציקן פאַרשוין, אַף וועלכן ער וואָלט אַפילע ניט געוואָלט אַ קוק טאָן, ניט נאָר שפּילן מיט אים. דאָס איז געווען דער קאָמאַנדיר פון איינער אַ דײַטשיש־פאַשיסטישער דיוויזיע, וועלכע האָט פאַרנומען די שטאָט. דער קאָמאַנדיר איז געווען אַ שטיקל ליבהאָבער פון דער אוראַלטער שאָך־שפּיל, און ווּהין ער איז ניט אַרײַן מיט זײַנע כאַיאָלעס, האָט ער צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג געזוכט באַרימטע שאָך־שפּילער, מיט וועלכע ער זאָל קאָנען זיך פאַרמעסטן.

דער דאָזיקער אָפיצער האָט זיך באַרימט, אַז ער איז לאַנגע יאָרן געווען אַ לערער פון ספּאָרט אין איינער פון די מינכענער גימנאַזיעס און אַז די פרײַע צײַט האָט ער אָפּגעגעבן זײַן לײַדנשאַפט — דער שאָך־שפּיל.

שיִע־העשלס ביידע זין מיט זייערע פאַמיליעס האָבן באַוויזן באַצײַטנס זיך עוואַקויִרן פון דער שטאָט — זיי זײַנען אַוועקגעפאָרן אַף מיזרעך אין דער טיף פונעם הינטערלאַנד. נאָר שיִע־העשל מיט זײַן פרוי און זײַן איינינקל לייבעלע — אַ פופצניאָריק ייִנגל — זײַנען ניט אַוועק־געפאָרן. זיי האָבן געהאָפט איבערקומען די שווערע צײַט דאָ אַף אַן אָרט. ווי פיל אַנדערע אײַנוווינער, וואָס זײַנען פאַרבליבן אין דער אָקופּירטער שטאָט, האָט שיִע־העשל ניט געקלערט, אַז עס וואַרט אַף אים אַזאַ שרעקלעכער גוירל.

ס'איז שוין געווען געמאָלדן, אַז די ייִדן דאַרפֿן זיך צונויפֿזאַמלען דעם און דעם טאָג אױפֿן גרינעם באַרג, ניט װײַט פֿון שטאָט. דער פֿאַכער האָט אײַנגאַנצן פֿאַרגליווערט די פֿאַרמישפּעטע צום אומקום. דעריבער איז ניט שווער זיך פֿאָרצושטעלן די איבעראַשונג אין שיִע-העשלס שטוב, ווען ס'איז פּלוצעם אַרײַנגעקומען אַ באַוואָפֿנטער דײַטש און געפֿרעגט: „ווער איז שיִע-העשל שפּרעכער?"

— איך, — האָט דער אַלטער מאַן זיך אױפֿגעהויבן פֿון זײַן געלעגער, ווו ער איז די לעצטע צײַט געלעגן אַ קראַנקער.

— דו? קום מיט מיר! — האָט באַפֿוילן דער דײַטש.

שיִע-העשלס ווײַב איז אַרויס מיט אַ געוויין.

— וויין ניט, אַלטע, — האָט זי באַרויִקט דער דײַטש. — דײַן מאַן וועט שפּילן אין שאָך מיט אונדזער העראָבערסט. ביסט אַ גוטער שפּילער, זאָגט מען.

שיִע-העשל און זײַן פֿרוי האָבן לײַכטער אָפּגעאָטעמט.

— גיי מיטן זיידן! — טוט די פֿרוי אַ ווונק צום אייניקל. — מע טאָר אים אַליין ניט אָפּלאָזן.

לייבעלע האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס שאָך-ברעטל, וואָס איז געשטאַנען אױפֿן טישל.

— דו, קנאַבע, — האָט געפֿרעגט דער סאָלדאַט, — שפּילסט אויך?

— נאָך אַ מין שפּילן! — ענטפֿערט פֿאַר אים די אַלטע פֿרוי. — ער געווינט שוין באַם זיידן.

— זאָל ער אויך מיטגיין, — זאָגט דער סאָלדאַט, — נאָר די פֿיגורקעס דאַרף מען ניט מיטנעמען. באַם אָבערסט איז פֿאַראַן, ווי-דען?

אָן כיישעק האָט לייבעלע אַוועקגעלייגט דאָס שאָך-ברעטל אױפֿן טיש, אָנגעטאָן, ווי דער זיידע, אָן אייבערשט, און צוזאַמען זײַנען זיי אַוועק נאָכן סאָלדאַט.

פֿאַרפֿירט האָט מען זיי הינטער דער שטאָט, אַהין, ווו ס'זײַנען געשטאַנען קאַזאַרמעס פֿאַר די מיליטער-טיילן.

דער סאָלדאַט, וואָס האָט געפֿירט שיִע-העשלען מיטן אייניקל, איז געווען ניט קיין באַרייעדעוודיקער. ער האָט געקוקט פֿון מאָל צו מאָל אױפֿן הימל און געבורטשעט עפּעס וועגן אַ רעגן. אין יענעם אָנהייב-האַרבסטיקן טאָג איז אַפֿילע קיין סימען ניט געווען פֿון קיין רעגן. דער דײַטש האָט אָבער אָפּטמאָל אונטערגעשטעלט די דלאָניע, גלײַך אָט-אָט וועלן נעמען פֿאַלן טראָפּנס.

שיִע-העשלען האָט מעסוקן געטריקנט אין מויל, אַפּאָנעם, פֿון ערגערניש, פֿון ניט וויסן, צוליב וואָס מע פֿירט אים אָט דאָ-אָ אַרויף אַ באַרג, ווו ס'הייבן זיך שוין אָן די רייען פֿון די דרײַשטאָקיקע קאַזאַרמעס און ווו עס לויפֿן אָן אופֿהער פּראַכט-מאַשינעס.

שווער אָטעמענדיק, האָט שיִע-העשל אומרויִק געשפּאַנט, אָפּטמאָל זיך אָנגעשפּאַרט אױפֿן אַקסל פֿון זײַן ווּקסיק אייניקל.

ווען זיי זײַנען צוגעקומען צו אײנער אַ געבײַדע, וואָס איז געווען יאָמטעוודיק פֿאַרפּוצט מיט פֿאַשיסטישע פֿענער, האָט טאַקע אָנגעהויבן מאַראַקען אַ רעגנדל. אָבער ס'האָט גלײַך אױפֿגעהערט און די האַרבסטיקע זון האָט זיך צוריק אַרויסגעקײַקלט פֿון אונטער די צעריסענע וואָלקנס און מיט טריבער שײַן באַגאָסן די גאַנצע אומגעגנט.

לייבעלען איז קאַלט ניט געווען, נאָר דער זיידע, האָט ער געפֿילט, ציטערט אין זײַן דעמיסעזאָנע פּאַלטאָ און זוכט אַ שטיצע באַ אים. דעריבער האָט לייבעלע גענומען דעם זיידן אונטערן אָרעם און אים טאַקע געלאָזט פֿילן, אַז ער איז דאָ דערנעבן.

— ווי די באָבע האָט עס געוויינט, — האָט שטיל געזאָגט שיִע-העשל, — און ווי זי קלערט איצט איבער...

אין דער רעגע האָט דער סאָלדאַט זיי געהייסן פֿאַרקערעווען און אָנגעוויזן, וווהין אַרײַנצוגיין.

שיִע-העשלען מיט לייבעלען האָט מען דורכגעפֿירט דורך עטלעכע צימערן, ביז מ'האָט זיי געבראַכט אין אַ רײַך-באַפּוצטן קאַבינעט, ווו ס'איז איבערן טיש געהאַנגען דער באַקאַנטער פּאָרטרעט פֿונעם מענטשן מיט דער קורצער, קימאַט פּירקאַנטיקער נאָז און מיט אַ קליין טשוביקל אַראָפּגעלאָזט איבערן שטערן, דער פּאָרטרעט פֿונעם געוויסן פֿאַרשוין, וועמענס נאָמען עס האָט געמאַכט ציטערן זקיינים אױף די געלעגערס און קינדער אין די וויגן. אױפֿן טיש זײַנען פֿון דער רעכטער האַנט געלעגן פֿאַרשיידנקאָליריקע פֿאַפּקעס, און באַ דער לינקער האַנט זײַנען אױף אַ גרויסער שאָך-ברעט געווען צעשטעלט פֿיגורן פֿון זעלטענעם העלפֿאַנדביין.

— זע, — האָט לייבעלע זיך ניט אײַנגעהאַלטן און אָנגעוויזן דעם זיידן אױף די פֿיגורן.

דער זיידע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אין זײַנע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן יענץ פײַערל, וואָס פלעגט אַלעמאָל זיך באַווײַזן, איידער שיִע־העשל איז צוגעטראָטן שפּילן אַ פּאַרטיע.

פון אַ זײַטיקער טיר איז אַרײַנגעקומען אַ הויכער אָפיצער מיט אַן אָנגעבלאָזן פּאָנעם. צו זײַנע אָנגעשטרענגטע אויגן האָבן זיך געצויגןביידע שפּיצן פון די צום הימל שטאַרצנדיקע וואָנצעס. מיט צוויי לאַנגע פינגער האָט ער גענומען דרייען דעם לינקן וואָנץ און שפּאַסנדיק אַ זאָג געטאָן:

— הער, יודע, ביסטו גרייט צו פירן אַ שלאַכט מיט אַ דײַטשישן אָפיצער?

שיִע־העשל האָט אָפּגעמאָסטן זײַן פּאַרטנײאָר מיט אַ האַלב־דערשלאָגענעם און האַלב־ביטלדיקן בליק און אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ.

— ביטע, זעצט זיך, — באַווײַזן דעם דײַטשס לאַנגע פינגער אַפן טיש, — און ווער איסט דיזער קנאַבע?

— דאָס איז מײַן אייניקל, אויך אַ שאָך־שפּילער.

— זאָ, — דערפרייט זיך דער דײַטש און הייסט אויך דעם יינגל זיך צוזעצן באַ דער זײַט.

און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּיל — אַ שווערע און אַ לאַנגזאַמע. אָנגעהויבן האָט זי זיך פּאַרנאַכט, ווען ס׳איז נאָך געווען ליכטיק, און אַרײַנגעצויגן זיך אין אָוונט. אין קאַבינעט האָט מען שוין אָנגעצונדן אַלע לעמפּלעך, וואָס אַף דער סטעליע און אַף די ווענט.

באַ דער העלער שײַן האָט לייבעלע געזען, ווי באַם דײַטשישן אָפיצער שוויצט דאָס פּאָנעם. דער אָפיצער קנייטשט דעם שטערן און קנייטשט זיך אַליין. אָט האַלט ער שוין באַם פּאַרלירן אַ פערדל, דערנאָך נאָך איינס, און דער לויפער איז אויך אין געפאַר. לייבעלע פאַרשטייט, וואָס עס באַטײַט דער איראָנישער שמייכל אַפן זיידנס ליפּן, — ער קען גוט דעם זיידן — און ווייסט שוין, אַז דאָס האָט דער זיידע פאַרקלערט אַ שאַרפע קאָמבינאַציע. און ווירקלעך, די שוואַרצע, מיט וועלכע ס׳האָט געשפּילט דער זיידע, זײַנען פּלוצעם מאַקריוו די מאַלקע אַליין. דער אָפּי־צער גלייבט ניט זײַנע אויגן. ער ציט אויס זײַנע לאַנגע פינגער, כאַפּט אַראָפּ די שוואַרצע מאַל־קע פון דער ברעט און מיינט, אָט־אָט פאַרשפּאַרט ער שוין דעם שוואַרצן מיילעך, וועלכער איז פאַרבליבן אָן זײַן שטאַרקסטער שוץ — אָן דער מאַלקע. נאָר דאָ כאַפּט ער זיך גאָר, אַז אין דרײַ צוגן אַרום וועט דער מיילעך זײַנער באַקומען שאַך און מאַט.

דער דײַטש איז געוואָרן אַלע קאָלירן, פון די אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פונקען. אָנ־געגאָסן מיט בלוט, האָט זײַן פּאָנעם באַקומען אַן אויסזען פון אַ צעקנייטשטן רויטן פּאָמידאָר. און די צוויי נאַרישעוואַטע, גרויס געוואָרענע אויגן האָבן לעפּיש זיך אַרומגעקוקט. פון זײַן אָפן מויל מיט די גאָלדענע ציין איז אַרויסגעקומען אַזאַ מאָדנער מעגושעמדיקער ברום, אַז דער סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען פון יענער זײַט טיר, איז אַרײַנגעלאָפן און געפרעגט, וואָס וויל דער אָבערסט.

וואָס זאָל ער ווילן, דער אָבערסט? ער האַלט פאַרקלעמט די שוואַרצע מאַלקע צווישן זײַנע באַרינגלטע פינגער און שמייכלט אומבאַהאָלפן.

— יודע, האָסטו געהערט פון אַזאַ באַרימטן שאָך־מײַסטער, ווי האַנס קמאָך? — האָט פּלוצ־צעם געפרעגט דער אָפיצער.

— האַנס קמאָך? — כאַפּט אונטער לייבעלע. — איך האָב געהערט. ער האָט געשפּילט אין מאָסקווע מיט מיכאַיל באָטווינקן און פאַרשפּילט.

— ער האָט פאַרשפּילט. און איך האָב באַ האַנס קמאָכן געוווּנען באַ אונדז אין מינכען.

ער הייבט זיך אויף, דער אָבערסט, שפּאַנט זיך דורך איבערן קאַבינעט, דערנאָך זעצט ער זיך ווידער אַוועק, שטעלט אַליין אויס די פיגורן אַפן שאָך־ברעטל און טוט אַ ווונק צו שיִע־העשלען, וועמען ער האָט דאָס מאָל געגעבן צו שפּילן מיט די ווײַסע, ער זאָל מאַכן דעם ערשטן גאַנג.

מיט ציטערנדיקע פינגער מאַכט שיִע־העשל דעם ערשטן גאַנג און קוקט שמייכלענדיק צו זײַן אייניקל.

אין אַ צען־צוועלף גענג אַרום זײַנען שוין די שוואַרצע געשטאַנען צעפּאַטלטע און זייער פּאָזיציע האָט שוין פאַרמאָגט פיל שוואַכע פונקטן, אַף וועלכע די ווײַסע פערדלעך האָבן זיך אַרופגעוואָרפן און געמאַכט אַ פּאַניק צווישן די שוואַרצע פיגורן. יאָ, אויך אין דער צווייטער פּאַרטיע האָט דעם אָבערסט ניט אָפּגעגליקט.

באַלד דערהערט זיך ווידער דעם אָבערסטס מעשוגעדיק ברומען. דאָס מאָל איז דער סאָל־דאַט האַסטיקער אַרײַן אין קאַבינעט, און ווי ס׳זאָל זײַן אָפּגערעדט שוין פון לאַנג, טוט דער

אָבערסט א בייזן ווּנק מיט די אויגן צום סאָלדאט, וועלכער איז גלײַך צוגעלאָפן צום זיידן, אָנגענומען אים פארן קאָלנער און מיט רעציכע אים ארויסגעשלעפּט.

לייבל איז געבליבן זיצן א צוגעקלעמטער צום אָרט און מיט א קלאפנדיק הארץ געקוקט צום אָבערסט, וועלכער האָט מיט א געמאכטער זיסלעכער שטים געמורמלט:

— שרעק זיך ניט, קנאבע. שטעל אויס, קנאבע, די פיגורן.

די פיגורן זײַנען געפאלן פונעם ייִנגלס הענט, אָבער ער האָט עטלעכע מאָל אופגעשטעלט זיי און אײַנגעמאָסטעט אף זייערע ערטער.

הינטער דער טיר האָט זיך דערהערט א פארדומפּענער שאָס...

— דו, קנאבע, שרעק זיך ניט, מאך א גאנג.

די ווײַסע פיגורן נעמען בלאָנקען פאר לייבעלעס אויגן. דעם ייִנגלס אלע איִוורים זײַנען פארגליווערט. ער זיצט אומבאוועגלעך און פארטאמט.

— נו, דו, קנאבע, מאך א גאנג! — וועקט אים פרעך דער אָבערסט.

— באלד, — האָבן לייבעלעס ליפּן געשעפּטשעט, — באלד מאך איך דעם נייטיקן גאנג.

פאר די ייִנגלשע אויגן האָט זיך א וויג געטאָן די שאָך־ברעט מיט די פיגורן. ער כאפּט איבער דעם אָטעם. אין זײַן רעכטער האנט דערפילט ער דעם שווערן פרעס, וואָס איז געשטאַנען אפן טיש. אלע קויכעס, אלע זאפטן פון זײַן יונג פופּצניאָריק לעבן האָבן זיך צונויפגעזאמלט אין דער האנט מיטן פרעס, וואָס האָט זיך פארהויבן און מעכטיק אראָפּגעלאָזט זיך איבערן אָבערסטס שארבן...

ווען דער סאָלדאט האָט זיך באוויזן אף דער שוועל, איז דער לאנגער, אומגעלומפּערטער דײַטשישער אָבערסט געלעגן טויט אפן דיל און ארום אים די צעשאָטענע שאָך־פיגורן.

כראָניק

מייער יעלין באלוינט מיט אן ערן־גראמאָטע

אין די צענטראלע צײַטונגען פון ליטע „טיעסא" און „סאָוועטסקאיא ליטווא" איז פארעפנטלעכט אן אוקאז פונעם פּרעזידיום פון אויבער־סאָוועט פון דער ליטווישער רעפּובליק פארן 2 אָקטיאבער 1970 וועגן באלוינען דעם שרײַבער מייער יעלין, אין צוזאמענהאנג מיט זײַן 60־טן געבורטסטאָג און פאר זײַן ליטעראַרישער און געזעלשאפטלעכער טעטיקײַט, מיט אן ערן־גראמאָטע פונעם פּרעזידיום פון אויבער־סאָוועט פון דער ליטווישער ססר.

●

וואלענטין קאטײַעוו

ОТЧЕ НАШ

— איך וויל שלאָפן. עס איז מיר קאַלט.

— גאָט מײַנער! איך וויל אויך שלאָפן. טו זיך אָן. און הער אוף קאַפּריזעווען. גענוג. טו אָן דעם שאַרף. טו אָן דאָס היטל. טו אָן די וואַליקעס. ווּ זײַנען די הענטשקעס? שטיי רויִק, דריי זיך ניט.

ווען דאָס ייִנגל האָט זיך שוין אָנגעטאָן, האָט זי אים גענומען פאַר א האַנט, און זיי זײַנען אַרויס פון שטוב. דאָס ייִנגל איז נאָך געווען פאַרשלאָפן. ער איז אַלט געווען פיר יאָר. ער האָט זיך געהויקערט און געציטערט פון קעלט. עס האָט נאָרוואָס אָנגעהויבן שאַריִען אף טאָג. אין דרויסן איז געווען א בלויער פראָסטיקער נעפּל. די מוטער האָט פעסטער פאַרבונדן דעם שאַרף אפן ייִנגלס האַלדז, פאַריכט דעם קראַגן און א קוש געטאָן דאָס פאַרשלאָפענע קאַפּריזנע פּאָנעם פונעם זון.

די טרוקענע שטענגלעך פון די ווילדע ווײַנטרויבן, וואָס זײַנען געהאַנגען אף די הילצערנע גאַלערייען מיט די אויסגעבראָכענע שויבן, האָבן פונעם פראָסטיקן טוי אויסגעזען געמאַכטע פון צוקער. עס איז געווען א פראָסט פון פינף און צוואַנציק גראַד. פונעם מויל איז געגאַנגען א געדיכטע פּאַרע. דער הויף איז געווען פאַרגאָסן מיט פאַרפרוירענעם שמוץ.

— מאַמע, וווּהין גייען מיר?

— איך האָב דיר געזאָגט: שפּאַצירן.

— צוליב וואָס זשע האָסטו גענומען דעם טשעמאָדאַנטשיק?

Отче наш — א קריסטלעכע טפילע.

— ווײַל אַזוי דאַרף מען. און שווײַג. רייד ניט. פאַרמאַך דאָס מויל. וועסט זיך צוקילן. זעסט, סאַראַ פראָסט. קוק גוט אונטער די פיס, זאָלסט זיך ניט אויסגליטשן.

באַם טויער איז געשטאַנען דער הויף־וועכטער, אין אַ פעלץ, מיט אַ ווײַסן פאַרטעך, מיט אַ בלעכל אויף דער ברוסט. די פרוי איז דורכגעגאַנגען פאַרבײַ אים און זיך ניט אומגעקוקט, ער האָט שווײַגנדיק פאַרמאַכט נאָך זיי דאָס טירל און עס פאַרלייגט מיט אַ גרויסן אײַזערנעם האָקן. זיי זײַנען אַוועק איבער דער גאַס. קיין שניי איז ניט געווען, בלויז אײַז און פראָסט־טוי, אָדער עס האָט אַרויסגעסטאַרטשעט גלאַטער שטיין און ערד, אויך האַרטע און גלאַטע, ווי דער שטיין. זיי זײַנען געגאַנגען אונטער די נאַקעטע שוואַרצע בעז־ביימער, וואָס האָבן הילכיק־שטײַף אונטערגעקלונגען אויפן פראָסט.

די מוטער מיטן זון זײַנען געווען קימאַט אַלצײַנס געקליידט: אין גאַנץ גוטע פעלצלעך פון קינסטלעכער מאַלפּע־פעל, אין געלבלעכע וואָליקעס און בונטקאָלירִיקע וואָלענע הענטשקעס. נאָר די מוטער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ געקעסטלט טיכל, און דער זון — אַ קײַלעכיק מאַלפּע־היטעלע מיט אויערן. אויפן גאַס איז געווען פּוסט. ווען זיי זײַנען צוגעגאַנגען צום ראָג, האָט דער ראַדיאָ־הויכריידער אַזוי הויך אַ קנאַל געטאָן, אַז די פרוי האָט אויפגעציטערט. זי האָט אָבער גלײַך זיך דערמאָנט, אַז דאָס איז די פרימאָרגנדיקע ראַדיאָ־טראַנסליאַציע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן, ווי געוויינלעך, מיטן קרייען פון אַ האָן. דער האָן האָט זייער הויך, מוזיקאַליש אַ קריי געגעבן אויף דער גאַנצער גאַס, אָנזאָגנדיק דעם אָנקום פון אַ נײַעם טאָג. דאָס ייִנגל האָט אַ קוק געטאָן אויפן קעסטל פונעם הויכריידער.

— מאַמעלע, דאָס איז אַ הענדל?

— יאָ, קינד מײַנס.

— אים איז דאָרט ניט קאַלט?

— ניין, אים איז דאָרט ניט קאַלט. און דריי זיך ניט, קוק אונטער די פיס.

דערנאָך האָט אינעם קעסטל ווידער אַ טרישטשע געטאָן, אַ ווײַלע האָט דאָרט עפּעס געזשומעט, און אַ צאַרט קינדערש קול האָט דרײַ מאָל איבערגעכאַזערט אין נוסעך פון אַ מאַלעכל פון הימל:

— גוט־מאָרגן! גוט־מאָרגן! גוט־מאָרגן!

דערנאָך האָט דאָס זעלבע קול, ניט־געײַלט, מיט גרויס פּאַשטעס און געפיל געזאָגט אַ טפילע:

— אָטשע נאַש! פאָטער אונדזערער, וואָס דו זיצסט אין די הימלען! זאָל געהייליקט זײַן דײַן נאָמען, זאָל אָנקומען דײַן אייביקע הערשאַפט, זאָל דער ווילן דײַנער...

אויפן ראָג האָט די פרוי אויסגעקערעוועט זיך מיט דער פּלייצע צום ווינט און, נאָכשלעפּנדיק דאָס ייִנגל, קימאַט געגומען לויפן איבערן געסל, פּונקט ווי עס וואָלט זי פאַרפאָלגט דאָס דאָזיקע צו הויכע און צו צאַרטע קול. אינגיכן איז דאָס קול אַנשוויגן געוואָרן. די טפילע האָט זיך געענדיקט. דער ווינט האָט געבלאָזן פון יאַם איבער די פאַרײַזטע קאָרידאָרן פון די גאַסן. אינדערווײַטנס, אַרומגענומען מיט אַ טונקל־רויטן נעפּל, האָט געברענט אַ שײַטער, באַ וועלכן עס האָט זיך געוואַרעמט אַ דײַטשישער פּאַטרול. די פרוי האָט זיך אויסגעדרייט און אַוועק אין דער אַנדערער זײַט. דאָס ייִנגל איז געלאָפן באַנאַנד מיט איר, געטופּעט מיט די קליינע געלע וואָליקעס. זײַנע באַקן האָבן זיך צערויטלט, ווי ווײַמפּערלעך, אונטערן נאָז איז געהאַנגען אַ פאַרפרוירענער טראָפּן.

— מאַמע, מיר שפּאַצירן שוין?

— יאָ, מיר שפּאַצירן שוין.

— איך האָב ניט ליב צו שפּאַצירן אַזוי גיך.

— האָב געדולד.

זיי זײַנען אַרײַן אין אַ דורכגאַנגס־הויף און פון דאָרטן אַרויס אויף דער אַנדערער גאַס. עס איז שוין געווען ליכטיק. דורך די העל־ און טונקלבלויע וואָלקנס און דורכן פראָסט־טוי האָט ניט־זיכער געלויכטן אַ ראָזעלעכע פרימאָרגן־שײַן. זי איז געווען אַזאַ קאַלטע, אַז פון איר ראָזעווען קאָליר האָט צוזאַמענגעפרעסט די קינבאַקן, ווי ס׳פּרעסט זיי צונויף, ווען עס ווערן אײַלניק די ציין. אויף דער גאַס האָבן זיך באַוויזן עטלעכע מענטשן. זיי זײַנען געגאַנגען אין איין ריכטונג. קימאַט אַלע האָבן מיט זיך געטראָגן זאַכן. אייניקע האָבן די זאַכן געפירט, שטויסנדיק פאָרויס אָדער שלעפּנדיק הינטער זיך וועגעלעך און שליטלעך, וואָס האָבן שטאַרק געראַצט דעם הוילן ברוק.

אינעם דאָזיקן פרימאָרגן האָבן אַזוי ווי מורעשקעס פון אַלע עקן שטאָט לאַנגזאַם, אין איין ריכטונג, זיך געשלעפּט מענטשן מיט פּעקלעך. דאָס זײַנען ייִדן געגאַנגען אין געטאָ. די געטאָ האָט מען געמאַכט אויף דער פּערעסיפּע, אין יענעם אומעטיקן, נידעריקן טייל שטאָט, וווּ אויף איין ניוואָ מיטן יאַם שטייען אָפּגעברענטע נאַפט־ציסטערנעס, ענלעכע אויף בײַדלעך פון וואַנדערצירקן. עטלעכע שמוציקע קוואַרטאַלן האָט מען דאָ אַרומגערינגלט מיט צוויי רייען פאַרזשאַווערטן שטעכדראָט און איבערגעלאָזן איין אַרײַנגאַנג, אַזוי ווי אין אַ מויזן־פּאַסטקע. די ייִדן זײַנען געגאַנגען איבער די גאַסן, וואָס האָבן געניידערט צו דער פּערעסיפּע. זיי זײַנען געגאַנגען אונטער די אײַזנבאַן־בריקן, איבער די גליטשיקע טראָטואַרן. צווישן זיי זײַנען געווען זקיינים, וואָס האָבן ניט געקאָנט גיין, און קראַנקע אויף פלעקטיפוס. מע האָט זיי געטראָגן אויף בעטלעך. אייניקע זײַנען געפאַלן און געבליבן ליגן אויפן אָרט, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן רוקן צו אַ סלופּ

אָדער האלטנדיק ארומגעכאפּט מיט די הענט א טשוהונענע טומבע פון דער גאס. קיינער האָט די ייִדן ניט באגלייט. זיי זייַנען געגאנגען אליין, אָן שום קאָנוואָי. זיי האָבן געוווּסט, אז דער, וואָס וועט בלייַבן אין שטוב, וועט ווערן דערשאָסן. דערפאר זייַנען זיי געגאנגען אליין. פאר אויס־באהאלטן א ייִדן איז אויך געקומען טויט־שטראָף. פאר איין אויסבאהאלטענעם ייִדן האָט מען גע־זאָלט צעשיסן אפן אָרט אלע איינוווינער פון דער דירע, אָן אויסנאם. די ייִדן פון דער גאנצער שטאָט האָבן צו דער געטאָ זיך גערוקט איבער די שטיילע אראָפּנידערונגען, אונטער די אייַזנבאן־בריקן, שטויסנדיק פאָרויס די וועגעלעך און פירנ־דיק פאר א האנט די קינדער. צווישן די הייַזער אוןביימער, באדעקטע מיט פראָסט־טוי, זייַנען זיי גע־גאנגען איינער נאָכן צווייטן, ווי מורעשקעס. זיי זייַנען געגאנגען פארבייַ פארשלאָסענע טירן און טויערן, פארבייַ רויכיקע שייַטערס, בא וועלכע עס האָבן זיך געוואַרעמט דייַטשישע און רומע־נישע סאָלדאטן. די סאָלדאטן האָבן ניט געקוקט אף די ייִדן און זיך געוואַרעמט, טופּענדיק מיט די שטיוול און רייַבנדיק מיט די הענטשקעס די אויערן.

דער פראָסט איז געווען א שרעקלעכער, אפילע א צו שטארקער פאר א צאָפנדיקער שטאָט, און פאר אָדעס איז ער פּאָשעט געווען אָן אומגעהער־טער. אזעלכע פרעסט טרעפן אין אָדעס איין מאָל אין דרייַסיק יאָר. אין די געדיכט־בלויע, לילאָווע און גרינבלעכע נעפּל־קנוילן האָט שוואך דורכ־געלויכטן דער קליינער קרייַז פון דער זון. אפן ברוק זייַנען געלעגן פארגליווערטע פייגעלעך, וועלכע דער פראָסט האָט געטייט אינדערלופטן. דער יאַם איז געווען פארפרוירן ביזן סאמע האָ־ריזאָנט, ער איז געווען א ווייַסער. פון דאָרטן האָט געבלאָזן א ווינט.

לויטן אויסזען איז די פרוי געווען ענלעך אף א רוסישער. דאָס זעלבע אויך דאָס ייִנגל. זייַן פאָטער איז געווען א רוס, נאָר דאָס האָט ניט געשפּילט קיין ראָליע: די מוטער איז געווען א ייִדישקע, און זיי האָבן געדארפט גיין אין געטאָ. דעם ייִנגלס פאָטער איז געווען אָן אָפיצער פון דער רויטער ארמיי. די פרוי האָט צעריסן איר פּאס און אים אינדערפרי ארויסגעוואָרפן אין קלאָזעט, וואָס איז געווען באדעקט מיט אייַז. זי איז מיטן זון ארויס פון שטוב, האָבנדיק בעדייע ארומצוגיין אזוי לאנג איבער דער שטאָט, ביז די מעהומע וועט זיך אייַנשטילן. זי האָט געהאָפט ווי־עס־איז איבערקומען און דורכשטופּן דעם ביי־טערן טאָג. גיין אין געטאָ איז אָן אומזין. דאָס באטייַט א זיכערער טויט. און זי האָט גענומען ארומשלעפּן זיך איבער דער שטאָט, באמיִענדיק זיך אויסמייַדן די מער באלעבטע גאסן. דאָס ייִנגל, מייַנענדיק צוערשט, אז זיי שפּאצירן, האָט געשוויגן, נאָר אינגיכן האָט ער אָנגעהויבן קאפּ־ריזעווען.

— מאמע, צוליב וואָס גייען מיר די גאנצע צייַט?

— מיר שפּאצירן.

— אזוי גיך שפּאצירט מען ניט. איך בין פאר־מאטערט.

— זונעלע, איך בין אויך פארמאטערט. אָבער איך קאפּריזעווע דאָך ניט.

זי האָט באמערקט, אז זי גייט טאקע צו גיך, זי לויפט קימאט, ווי מע וואָלט נאָך איר זיך גע־יאָגט. זי האָט זיך געצווונגען גיין לאנגזאמער. דאָס ייִנגל האָט א קוק געטאָן אף איר און זי ניט דערקענט. ער האָט מיט א גרויל דערזען א געשוואָלן צעביסן מויל, א פּאסמע האָר, גראָוו פון פראָסט, און אומבאוועגלעכע, גלעזערנע אויגן מיט שארפע שווארצאפּלען. אזעלכע אויגן זייַנען בא די פּליושענע און אנדערע צאצקעס.

זי האָט געקוקט אפן זון און אים ניט געזען. צונויפדריקנדיק זייַן קליין הענטל אין איר האנט, האָט זי אים געשלעפּט נאָך זיך. דאָס ייִנגל האָט זיך פון שרעק צעוויינט.

— איך וויל אהיים. איך וויל פּיפּי.

זי האָט אייַליק אים אָפּגעפירט הינטער אן אפישן־טומבע, א באקלעפּטער מיט דייַטשישע באפעלן. ביזוואנען זי האָט אים אָפּגעשפּיליעט און פארשפּיליעט די הייזעלעך און פארשטעלט פונעם ווינט, האָט ער ניט אופגעהערט צו וויינען, ציטערנדיק פון קעלט. דערנאָך, ווען זיי זייַנען אוועק ווייַטער, האָט ער געזאָגט, אז ער וויל עסן. זי האָט אים ארייַנגעפירט אין א מילכיקס־פּאווי־ליאָן, דאָרטן האָבן געפרישטיקט צוויי רומענישע פּאָליציייַען אין ברייטע פּעלצן מיט הינטישע קראגנס, און מאכמעס זי האָט ניט געהאט קיין דאָקומענטן און מוירע געהאט, אז מע קען זיי ארעסטירן און אוועקטרייַבן אין געטאָ, האָט זי געמאכט דעם אָנשטעל, אז זי איז אלפּי־טאָעס ארייַן ניט אין דעם מאגאזין, וווּ זי דארף. זי האָט זיך אנטשולדיקט און אייַליק פארמאכט די טיר מיטן גלעקל. דאָס ייִנגל, גאָרניט פאר־שטייענדיק, איז איר נאָכגעלאָפן און געוויינט. אין א צווייטן מילכיקס־פּאוויליאָן איז קיינער ניט געווען. זיי האָבן מיט א פארגרינגערטן געמיט איבערגעטראָטן די שוועל, אף וועלכער עס איז געווען צוגעשלאָגן א פּידקאָווע. זי האָט געקויפט דעם ייִנגל א פלעשעלע קעפיר און א בייגל. קאָלזמאן דאָס פארקוטעטע ייִנגל איז געזעסן אפן הויכן שטול און געטרונקען קעפיר, וואָס ער האָט זייער ליב, האָט זי פיבערדיק געטראכט: וואָס זשע טוט מען ווייַטער? זי האָט גאָרניט געקאָנט צוטראכטן. אינעם פּאוויליאָן האָט זיך געהייצט אן אייַזערן אייוועלע און מע האָט געקאָנט זיך דער־וואַרעמען. אָבער דער פרוי האָט זיך אויסגעוויזן, אז די באלעבאָסטע פון געשעפט קוקט אף איר

עפּעס צו אופמערקזאם. זי האָט זיך פאנאנדערגעצאָלט. די באַלעבאָסטע האָט אומרויִק א קוק געטאָן אין פענצטער און פאָרגעלייגט דער פרוי זיצן נאָך א ביסל באם אויוון. דאָס איוועלע איז געווען אָנגעגליט, עס איז געווען קימאט פון ווײַנשל־קאָליר, נאָר א ביסל טונקעלער. עס זײַנען אומגעלאָפן איבער אים פונקען. די היץ האָט צעמאָרעט דאָס ייִנגל. זײַנע אויגן האָבן זיך צוזאמענגעקלעפּט. נאָר די פרוי האָט גענומען זיך אײַלן. זי האָט באדאנקט די באַלעבאָסטע און געזאָגט, אז זי האָט קיין צײַט ניט דאָ צו פארהאלטן זיך. פונדעסטוועגן זײַנען זיי אָפּגעזעסן קימאט א שאָ צײַט. דאָס פארשלאָפענע און זאטע ייִנגל האָט קוים זיך געהאלטן אף די פיס. זי האָט אים א טרייסל געטאָן בא די אקסל, פאריכט אים דעם קראגן און לײַכט א שטופּ געטאָן צו דער טיר. ער האָט זיך פארטשעפּעט אָן דער פידקאָווע אפן שוועל. דערנאָך האָט ער איר דערלאנגט זײַן הענטל, און זי האָט אים ווידער אוועקגעפירט אין גאס. עס זײַנען דאָ געוואקסן אלטע פלאטאנען, די אײדעלע געפּינטלטע קאָרע זייערע איז געווען ווײַס פון פראָסט.

— איך וויל שלאָפן, — האָט געזאָגט דאָס ייִנגל, זשמורענדיק די אויגן פון אײַז־קאלטן ווינט.

זי האָט זיך געמאכט ניט הערנדיק. זי האָט פארשטאנען, אז זייער לאגע איז א פארצווייפלטע. קיין באקאנטע אין שטאָט האָבן זיי קימאט ניט געהאט, זי איז געקומען אהער צו פאָרן מיט צוויי כאדאָשים פאר דער מילכאָמע און געבליבן דאָ שטעקן. זי איז געווען אינגאנצן עלנט.

— בא מיר זײַנען פארפרוירן די קני, — האָט געכניטשעט דאָס ייִנגל.

זי האָט אים אָפּגעפירט אין א זײַט און פאנאנדערגעריבן די קני. פּלוצעם האָט זי זיך דערמאָנט, אז אין שטאָט האָט זי יאָ פונדעסטוועגן איינע א באקאנטע מישפּאָכע, זיי האָבן זיך באקאנט אפן דאמפער „גרוזיע“, אפן וועג פון נאָוואָראָסיִיסק קיין אָדעס. דערנאָך האָבן זיי עטלעכע מאָל זיך באגעגנט דאָ, אין שטאָט. ס׳איז א יונג פּאָרפאָלק. זיי האָבן ניט לאנג כאסענע געהאט, זײַן פאמיליע איז פּאווּלאָווסקי. ער איז א דאָצענט אין אוניווערסיטעט, זי האָט נאָרוואָס געהאט פארענדיקט א בוי־טעכניקום. זי הייסט ווערא. ביידע פרויען זײַנען שטארק נויסע־כיין געווען איינע בא דער אנדערער, און נאָך ביז דער דאמפער איז געקומען פון נאָוואָראָסיִיסק קיין אָדעס, האָבן זיי באוויזן גוט זיך צו באפרײַנדן. א מאָל צוויי זײַנען זיי איינע בא דער אנדערער דערנאָך געווען צוגאסט. די מאנצבלעך האָבן זיך אויך באפרײַנדעט. איינמאָל האָבן זיי אפילע צוזאמען זיך אָנגעטרונקען. אָן אנדערס מאָל זײַנען אלע צוזאמען — די פרויען מיט די מענער — געגאנגען אף א פוטבאָל־מאטש כארקאָוו — אָדעס. די פּאווּלאָווסקיס האָבן „געוויִיטעקט“ פאר אָדעס. זי מיטן מאן — פאר כארקאָוו. אָדעס האָט אויסגעשפּילט. גאָטעניו אין הימל, וואָס עס האָט זיך דאן אָפּגעטאָן אפן רייזיקן נײַעם סטאדיִאָן באם ברעג יאם! וואָס פארא

געשרייען, אפילע א געשלעג! הײַנט דער שטויב, וואָס האָט זיך אופגעהויבן! זיי גופע האָבן דאַן אפילע אויך שיר ניט זיך צעקריגט. אָבער איצט איז געווען אָנגענעם צו דערמאָנען זיך וועגן דעם. פאוולאָווסקי איז אין שטאָט איצט ניטאָ, ער איז אין דער רויטער ארמיי. ניט לאנג צוריק האָט זי געזען ווערען אפן אלעקסאנדראָווער מארק, און זיי האָבן אפילע בעכיפאָזן א רעד געטאָן. פארהאלטן זיך אפן מארק איז געווען געפערלעך. די דײַטשן מאכן קימאט יעדן טאָג אָבלאוועס. די פרויען האָבן גערעדט אפילע ווייניקער פון פינף מינוט, און פון דעמלט אָן האָבן זיי זיך ניט באגעגנט. נאָר געוויס איז ווערא אין שטאָט. זי האָט דען ווו זיך אהינצוטאָן? די פאוולאָווסקיס זײַנען רוסישע, מע קאָן פרווון איבערוווארטן בא ווערען. אין עקסטן פאל וועט מען קאָנען בא איר איבערלאָזן דאָס ייִנגל. די פאוולאָווסקיס האָבן געוווינט גאנץ ווײַט, אף פיראָגאָווסקי, באם ראָג פונעם פראנצויזישן בולוואר.

— מאמע, וווהין גייען מיר? אהיים?

— ניין, קליינטשינקער מײַנער, מיר גייען צוגאסט.

— צו וועמען?

— די מומע ווערא פאוולאָווסקאיא געדענקסטו? מיר גייען צוגאסט צו דער מומע ווערא פאוולאָווסקאיא.

— גוט, — האָט געזאָגט דאָס ייִנגל א באַרויִקטער. ער האָט ליב געהאט גיין צוגאסט.

נאָכן סטראָגאָנאָווער בריק זײַנען זיי ארוף אף דער גאס, וואָס פירט צום האפן. די גאס האָט געהייסן קאראנטיני ספוסק. אונטן זײַנען געשטאנען אומעטיקע פירקאנטיקע הײַזער פון זאמד־שטיין. אייניקע הײַזער זײַנען געווען פארוואנדלט אין הרודעס מיסט, אנדערע זײַנען געווען ארומגעברענט. אין עק גאס האָבן געשטארצט די פארקײַלעכיקטע קאָנסטרוקציעס פון דער אנדערער בריק. הינטער דער בריק האָבן זיך ארויסגעזען די ווינקלדיק־שארפע רויִנעס פונעם האפן. נאָך ווײַטער, פון אויבן, איבער די אָפגעברענטע אײַנגעוואלגערטע דעכער, איז געלעגן דער יאם — א ווײַסער, א פארפרוירענער ביזן האָריזאָנט. אפן האָריזאָנט איז געווען אָנגעצייכנט דער געדיכט־בלויער פאס פון ניט־פארפרוירן וואסער. בא די ווײַסע רויִנען פונעם באַרימטן אָדעסער לײַכטטורעם זײַנען געשטאנען עטלעכע רומענישע טראנספאָרטן, פארקאָוועטע אין אײַז, אלע אויסגעפארבטע אין בלײַ־גרויער פארב. אינדערווײַטנס, אפן בארג, האָט דורך די ראָזלעכע און צארט־בלויע נעפל־קנוילן זיך ארויסגעזען דער בלויער קופאָל פונעם שטאָטישן טעאטער, אָן ענלעכער אף א שיסל. אונטן זײַנען איבערן קאראנטינער ספוסק געגאנגען מענטשן מיט עמערס. דאָס וואסער האָט זיך געפליעסקעט פון די עמערס, טייקעף געוואָרן פארפרוירן אפן ברוק, און בא דער מוטנער שײַן פון דער ראָזעווער זון האָט עס געגלאנצט ווי גלאָז. אלץ צוזאמען האָט דאָס אויסגעזען גאנץ שיין. סאָפקאָלסאָף קאָן מען איבערזיצן בא דער פאוולאָווסקאיא, און ווײַטער וועט מען זען.

זיי זײַנען געגאנגען זייער לאנג. דאָס ייִנגל איז געווען פארמאטערט, נאָר ער האָט ניט קאָפריזעוועט. ער האָט גיך געטופעט מיט די קליינע געלע וואָליקעס, קוים באוויײַזנדיק נאָכגיין נאָך דער מאמען. אים האָט זיך געוואָלט גיכער קומען צו דער מומע ווערא. ער האָט ליב געהאט גיין צוגאסט. אין וועג האָט די מאמע עטלעכע מאָל אים געריבן די ווײַסגעוואָרענע בעקלעך. לעבן הויז, וו עס האָבן געלעבט די פאוולאָווסקיס, האָט אפן טראָטואר געברענט א שײַטער און ס׳האָבן ארום אים זיך געווארעמט סאָלדאטן. דאָס הויז האָט געהאט א גרויסן הויף — עטלעכע קאָרפוסן צוזאמען, די טויערן זײַנען געווען פארמאכט אף א קייט. ס׳איז דאָ פאָרגעקומען אָן אָבלאווע. בא אלעמען, ווער עס איז אהער ארײַנגעקומען אָדער פונדאנען ארויסגעגאנגען, האָט מען קאָנטראָלירט די דאָקומענטן. מאכנדיק זיך, אז זי אײַלט שטארק, איז די פרוי דורכגעגאנגען פארבײַ דעם טויער. קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אף איר. דאָס ייִנגל האָט ווידער גענומען קאפריזעווען. דאַן האָט זי אים גענומען אף די הענט און געלאָזט זיך לויפן, טופענדיק מיט די פיס איבער די בלויע פליטקעס, מיט וועלכע ס׳איז דאָ געווען אויסגעלייגט דער טראָטואר. דאָס ייִנגל האָט זיך באַרויִקט. זי האָט ווידער גענומען אומקרײַזן איבער דער שטאָט. ס׳האָט זיך איר געדוכט, אז צו אָפט באווײַזן זיי זיך אין איינע און די זעלבע ערטער און אז מע האָט שוין געוואָרפן אף זיי אָן אויג. דאַן איז איר ארופגעקומען א געדאנק, אז מע קאָן עטלעכע שאָ פארברענגען אין קינעמאטאָגראף. די סעאנסן הייבן זיך אָן פרי, ווײַל שפעטער פון אכט אזייגער פארנאכט טאָר מען זיך ניט באווײַזן אף דער גאס.

אינעם דושנעם, שטיקנדיקן זאל האָט זי געיִבלט און ס׳האָט איר געשווינדלט דער קאָפ. דער זאל איז געווען אָנגעפראָפט מיט סאָלדאטן און פראָסטיטוטקעס, וועמען דער פראָסט האָט פארטריבן אהער פון דער גאס, פונקט ווי ער האָט פארטריבן זי. דאָ איז כאָטשבי געווען ווארעם און מע האָט געקאָנט זיצן. זי האָט פאנאנדערגעלאָזן באם ייִנגל אפן האלדז דעם שארף, און דאָס ייִנגל איז טייקעף אײַנגעשלאָפן, האלטנדיק מיט ביידע הענט ארומגעכאפט איר האנט העכער דעם עלנבויגן. זי איז אָפגעזעסן אין זאל צוויי סעאנסן נאָכאנאנד. זי האָט זייער שוואך באנומען, וואָס עס קומט פאָר אפן עקראן. מע האָט געוויזן א קריגסכראָניק און דערנאָך א קאָמעדיע אָדער עפעס וואָס אנדערש פון דעם מין: זי האָט ניט געקאָנט אָנכאפן דעם פאָדעם. אלץ האָט זיך געפלאָנטערט.

פריִער האָט דעם גאַנצן עקראַן פאַרנומען דער קאָפּ פון אַ פּייַנינק מיידל מיט העל־בלאָנדע קוטשערלעך האָר; די פרייַלן האָט זיך צוגעדריקט מיט דער באַק צו דער פלאַכער ברוסט פון אַ הויכן מאַנצבל, וואָס זייַן קאָפּ האָט מען ניט געזען, און זיי ביידע, אין אַ דועט, האָבן אונטער מוזיק געזונגען אַ לידל. שפּעטער האָט דאָס זעלבע מיידל זיך אַרייַנגעזעצט אין אַ נידעריטשקן ספּאָרטיוון אויטאָמאָביל, אין אַ רעגע אַרום זייַנען שוין געפלויגן אין דער הייך שוואַרצע פאַנטאַנען פון נאָכאַנאַנדיקע אופרייַסן — איינער, צוויי, דרייַ, פיר. עס האָט געטראַסקעט, ווי מע וואָלט מיט איין מוירעדיקן ריס צעריסן דאָס גאַנצע בלעך פון אַ דאַך אויף לאַנגע פּאַסן — איינעם, צוויי, דרייַ, פיר פּאַסן, און ווי אַ האָגל זייַנען געפאַלן שוואַרצע שטיקער ערד, זיי האָבן געפּויקט איבערן בלעכענעם באַראַבאַן. איבער דער ערד, אַן אופגעאַקערטער פון די סנאַריאַדן, האָבן געפּויזעט טאַנקען מיט טרויער־צײלעמס. זיי האָבן געגרילצט, די טאַנקען, און געזונקען, און אַרויסגעוואָרפן פון לאַנגע האַרמאַטן נאָך לענגערע פייַער־צינגער און ווירבלענדיקע קנוילן ווייַסן רויך.

אַ דייַטשישער זעלנער אין אונטערגענייטע וואָליקעס און אין אַ רוסישן פּוטערן היטל האָט שווער זיך אָנגעוואַלגערט אויף דער פרויס פּלייצע און מיט זייַן גרויסן שמוציקן פינגער גענומען קיצלען באַם ייִנגל דעם האַלדז, ער זאָל ניט שלאָפן. דער דייַטש האָט גוטמוטיק געהירזשעט און נאָכאַנאַנד איבערגעכאַזערט: „שלאָף ניט, בובע. שלאָף ניט, בובע“.

דאָס ייִנגל האָט זיך ניט אופגעכאַפּט, נאָר געדרייט מיטן קאָפּ און געכניטשעט אין שלאָף. דאַן האָט דער דייַטש אַוועקגעלייגט דעם שווערן קאָפּ אויף דער פרויס פּלייצע, אַרומגענומען זי מיט איין האַנט, און בייסמייַסע מיט דער צווייטער ניט אופגעהערט צופּן דעם ייִנגלס פּאָנעם. די פרוי האָט געשוויגן, מוירע געהאַט צו דערצאָרענען דעם סאָלדאַט, ער קען נאָך הייסן ווייַזן די דאָקומענטן. פונעם דייַטש האָט, כוץ אַלעמען, געטראָגן אַ רייעך פון פאַרלעגערטן געוויאָנדזלטן הערינג. עס האָט זי געמלאָשנעט. זי האָט געמאַכט גוואַלדיקע אָנשטרענגונגען אייַנצוהאַלטן זיך און ניט מאַכן אַ סקאַנדאַל. זי האָט זיך געצוווּנגען זייַן רויִק. סאָפּקאָלסאָף האָט דער דייַטש קיין גרויס שלעכטס איר ניט געטאָן. פּאָשעט, אַ גראָבער נעפעש. אָבער ביכלאַל אַ גאַנץ שטילער דייַטש, מע קאָן צולייַדן. איבעריקנס, איז דער דייַטש אויך אײנגיכן אייַנגעשלאָפן בײַ איר אויף דער פּלייצע. זי איז געזעסן און זיך קיין ריר ניט געטאָן. דער דייַטש איז געווען זייער אַ שווערער. נאָר גוט, וואָס ער שלאָפט.

די פרייַלן מיט די העל־בלאָנדע קוטשערלעך האָט ווידער זיך געריקט איבערן עקראַן, און צוזאַמען מיט איר האָט דורכן גאַנצן זאַל זיך איבערגערוקט אַ לאַנג בינטל ווייַסע און שוואַרצע שטראַלן. און ווידער מיט אַן אייַזערנער טראַסקערייַ זייַנען אופגעפלויגן שוואַרצע פאַנטאַנען, און ס׳האָבן געפּויזעט טאַנקען, און דייַטשישע באַטאַליאָנען האָבן מאַרשירט איבערן זאַמד פונעם מידבער, און אויפן אייפעל־טורעם האָט זיך אופגעהויבן אַ ריזיקער פאַשיסטישער פלאַג, און היטלער מיט אַ שאַרף נעזל, מיט אַ ווייַבערשן קין און ווייַבערשן הינטן האָט געבילט פון עקראַן, ער האָט געהאַלטן אויסגעגלאָצט די אויגן און זייער גיך פאַרמאַכט און געעפנט דאָס מויל. ער האָט אַזוי האַסטיק פאַרמאַכט און געעפנט דאָס מויל, אַז דער קלאַנג האָט עטוואָס פאַרשפּעטיקט: האַוו, האַוו, האַוו, האַוו...

די סאָלדאַטן זייַנען אינדערפינצטער געקראָכן צו די מוידן, און יענע האָבן געקוויטשעט. עס איז געווען זייער הייס, דושנע, עס האָט געשמעקט מיט קנאָבל, געוויאָנדזלטע סקומבריע, ספּירט, שווייס, רומענישע פאַרפום „שאַנואַר“. פונדעסטוועגן איז דאָ געוויס געווען בעסער, איידער אויפן פראָסט. די פרוי האָט אַ ביסל זיך אָפּגערוט. דאָס ייִנגל איז זיך אויסגעשלאָפן. נאָר אָט האָט דער לעצטער סעאַנס זיך פאַרענדיקט, און מע דאַרף ווידער אַרויסגיין אויף דער גאַס. זי האָט גענומען דאָס ייִנגל פאַר אַ האַנט, און זיי זייַנען אַוועק. אין שטאָט איז געווען שטאַרק פינצטער. אַ געדיכטער פראָסטיקער נעפּל האָט זיך געקנוילט צווישן די פאַרפינצטערטע הייַזער. פונעם נעפּל האָבן זיך צוזאַמענגעקלעפּט די ברעמען. אויף די גאַסן האָבן געברענט רויכיקע שייַטערס, דער פראָסט האָט זיי קימאַט דערשטיקט. ערגעץ־ווו האָבן זיך געהערט איינצלנע שאָסן. איבער די גאַסן זייַנען געגאַנגען פּאַטרולן. עס איז געווען די נייַנטע שאָ. זי האָט גענומען אויף די הענט דאָס קינד, אַ שווערן פון שלאָף, און זיך געלאָזט מיט אים לויפן, זי האָט שיִער ניט געכאַלעשט בלויז פונעם געדאַנק אַליין, אַז עס קאָן זיי אָפּשטעלן אַ פּאַטרול. זי האָט אויסגעקליבן די סאַמע טויבע געסלעך. די פּלאַטאַנען און בעז־ביימער, באַדעקטע מיט פראָסט־טוי, זייַנען געשטאַנען לענגאויס דער גאַס, אַזוי ווי געשפּענסטער. די שטאָט איז געווען פּוסט און כוישעכדיק. מיטאַמאָל האָט אין דער פינצטערניש זיך צעעפנט אַ טיר, און צוזאַמען מיטן העלן פּאַס ליכט, וואָס האָט פּלוצעם באַלויכטן די שטייענדיקע באַם אַרייַנגאַנג פאַרפרוירענע אויטאָמאָבילן, האָט פון אינווייניק אויף אַ רעגע זיך אַרויסגעריסן אַ לייַדנשאַפטלעך־דורכדרינגלעך געשריי פון אַ פידל. די פרוי איז בעשאָלעם דערלאָפן ביזן פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו אויף שעווטשענקאָס נאָמען. דער גרעסער פּאַרק האָט זיך געצויגן לענגאויס דעם יאַם. דאָ איז געווען רויִק און שטיל. באַזונדערס שטיל איז געווען אונטן, צופוסנס דעם באַרג־אָפּריס, און שטיל איז

געווען דער יאַם, אַ פאַרגליווערטער ביזן האָריזאָנט. די שטילקײַט אפן יאַם איז געווען אַ שווערע, אַזוי ווי אַ וואַנט. עטלעכע גרויסע שטערן האָבן געפינקלט פון אויבן איבער די ווײַסע צווײַגן פון די ביימער. איבער די שטערן האָט זיך געגליטשט אַ בלויער שטראַל פון אַ פּראָזשעקטאָר.

זי איז אַוועק איבער דעם ברייטן אַספאַלטירטן וועג. לינקס איז געווען דער סטאַדיאָן, דער זעלבער, וווּ זיי האָבן צוזאַמען מיט די פּאַוולאָווסקיס געקוקט דעם פוטבאָל־מאַטש אָדעס — כאַרקאָוו. הינטער די רויִנען פונעם סטאַדיאָן איז געווען דער יאַם. אין דער פינצטער האָט מען אים ניט געזען, נאָר מע האָט אים געפילט לויט דער דאָרטיקער פאַרגליווערטער שטילקײַט. רעכטס האָט זיך געצויגן דער פּאַרק. דער ברייטער אַספאַלטירטער וועג האָט בײַ דער שײַן פון די שטערן געפינקלט אַזוי ווי נאַזשדאַק־פּאַפּיר. די פרוי איז געגאַנגען און האָט אין וועג דערקענט די מינים ביימער. דאָ זײַנען געווען קאַטאַלפּן מיט לאַנגע שויטן, וואָס הענגען אַראָפּ ווי שטריק, קימאַט ביז דער ערד, דאָ זײַנען געווען פּיראַמידאַלער בעז, פּלאַטאַנען, טויעס, עסיק־ביימער — אַלע באַדעקט מיט אַ געדיכטן פראָסט־טוי, האָבן זיי זיך צונויפגעגאָסן צוזאַמען און געהאַנגען איבער דער ערד, אַזוי ווי וואָלקנס. זי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און לאַנגזאַמער גענומען גיין לענגאויס דער אומענדלעך־לאַנגער ריי פּוסטע בענק. אויף איינער אַ באַנק איז עמעצער געזעסן. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ איז זי דורכגעגאַנגען פאַרבײַ. די טונקעלע פיגור האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אפן ווענטל פון דער באַנק און זיך קיין ריר ניט געטאָן. די פרוי האָט באַמערקט, אַז דער מענטש איז ביז האַלב באַדעקט מיט פראָסט־טוי, ווי אַ בוים. איבערן שוואַרצן קופּאָל פון דער אָבסערוואַטאָריע, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן צווישן די ווײַסע וואָלקנס פונעם סאָד, האָבן געציטערט די דיק־געשליפענע שטערן פון דער גרויסער בעריכע. עס איז געווען אויסערגעוויינלעך שטיל און גאָר ניט שרעקלעך. עפּשער דערפאַר ניט שרעקלעך, ווײַל די פרוי איז געווען זייער מיד.

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען עס איז נאָך ניט אינגאַנצן געווען ליכטיק, זײַנען איבער דער שטאָט אומגעפאָרן לאַסטמאַשינעס און אונטערגעקליבן די מענטשן, וואָס זײַנען באַנאַכט פאַרפרוירן געוואָרן. איין לאַסט־אויטאָמאָביל איז לאַנגזאַם דורכגעפאָרן איבער דעם ברייטן אַספאַלטירטן וועג אין פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו אויף שעווטשענקאָס נאָמען. די מאַשין האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט צוויי מאָל, איין מאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער באַנק, וווּ עס איז געזעסן אַ פאַרפרוירענער אַלטער מאַן. דאָס אַנדערע מאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער באַנק, וווּ עס איז געזעסן אַ פרוי מיט אַ ייִנגל. די פרוי האָט דאָס ייִנגל געהאַלטן פאַר אַ האַנט. זיי זײַנען געזעסן צוגעטוליעט איינער צום צווייטן. ביידע זײַנען געווען קימאַט אַלצײַנס געקליידט: אין גאַנץ גוטע פעלצלעך פון קינסטלעכער מאַלפּע־פעל, אין געלבלעכע וואָליקעס און בונטקאָלירִיקע וואָלענע הענטשקעס. זיי זײַנען געזעסן אַזוי ווי לעבעדיקע, נאָר זייערע פּנימער, וואָס זײַנען אין מעשעך פון דער נאַכט אַרומגעוואַקסן מיט פראָסט־טוי, זײַנען געווען אינגאַנצן ווײַס, ווי באַדעקט מיט אַ ווייכן פוך, און די ברעמען זײַנען געווען ווי אײַז־ליכטלעך. ווען די סאָלדאַטן האָבן זיי אויפגעהויבן, האָבן זיי זיך ניט אויסגעגלײַכט. די סאָלדאַטן האָבן ביידן פונאַנדערגעהוידעט און זיי מיט די אונטערגעבויגענע פיס אַרײַנגעוואָרפן אין דער מאַשין. די פרוי האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין דעם אַלטן מאַן, אַזוי ווי אַ הילצערנע. דערנאָך האָבן די סאָלדאַטן פונאַנדערגעהוידעט און גרינג אַ וואָרף געטאָן דאָס ייִנגל. ער האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין דער פרוי, אַזוי ווי אַ הילצערנער, דערבײַ אַפילו אַ ביסל אונטערגעשפּרונגען.

ווען די לאַסטמאַשין האָט גענומען אָפּפאָרן, האָט אינעם קעסטל פונעם הויכריידער אויף דער גאַס אַ קרייע געטאָן דער האָן, אָנזאָגנדיק דעם אָנקום פון אַ נײַעם טאָג. דערנאָך האָט אַ צאַרט קינדעריש קאָל דרײַ מאָל איבערגעכאַזערט אין נוסעך פון אַ מאַלעכל פון הימל:

— גוט־מאָרגן! גוט־מאָרגן! גוט־מאָרגן!

ווײַטער האָט דאָס זעלבע קאָל, ניט געײַלט, מיט גרויס פּאַשטעס געזאָגט די טפילע:

— אָטשע נאַש! פּאָטער אונדזערער, וואָס דו זיצסט אין די הימלען! זאָל געהייליקט זײַן דער נאָמען דײַנער, זאָל אָנקומען דײַן אייביקע הערשאַפט...

ייִדיש — טעוויע גען



ל. פּאָדריאַטשיק

יעהודע=לייב גאַמזו

יעהודע־לייב גאַמזו

באַם אופשטעלן די גאָלדענע קייט פון דער יִדישער דיכטונג דאַרף מען אין זינען האָבן אויך די העברעיִשע פּאָעזיע — שוין דערפאַר אַליין, וואָס סײַ די יִדישע ליטעראַטור סײַ די העברעיִשע איז אַ פּראָדוקט פון איינער און דער זעלבער נאַציִאָנאַלער סוויווע. פאַראַן אין זיי ניט נאָר אַ געמיינזאַמע טעמאַטיק, נאָר אויך אַ בעשוטפעסדיקע בילדער־ און אַסאָציִאַציע־וועלט, שוין אָפּגערעדט פון זייער געמיינזאַמען היסטאָרישן גורל.

ניט די שפּראַך האָט באַשטימט דעם אַנטאַגאָניזם אין דער יִדישער סוויווע. פאַרשיידענע קלאַסן און שיכטן האָבן ביידע שפּראַכן אויסגענוצט פאַר זייערע אידייִשע און קולטור־אינטערעסן. עס איז דאָך אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז די סאָציִאַליסטישע פּרעסע און ליטעראַטור איז צוערשט אַנטשטאַנען אין העברעיִש. זייערע זוימען האָבן פאַרזייט אַזעלכע פּובליציסטן, דיכטער און פּראָזאַיִקער, ווי א. ליבערמאַן, א. צוקערמאַן, יעהאַלעל, י. קאַמינער און אויך דער זיידע פון דער סאָציִאַליסטישער ליטעראַטור אין יִדיש — מאָריס ווינטשעווסקי.

אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער יִדישער פּאָעזיע זײַנען די ווערק פון די שעפער, וואָס האָבן געווירקט אין ביידע שפּראַכן. דאָס איז ניט נאָר שײַעך מענדעלען, ביאַליקן און אַנדערע, נאָר אויך אַ גאַנצע ריי שריפטשטעלער, וועלכע האָבן, אַזוי צו זאָגן, צעאַקערט דעם באָדן פאַר דער מאָדערנער יִדישער דיכטונג. וועגן איינעם פון זיי, וועגן יעהודע־לייב גאַמזו (12 דעקאַבער 1869 — 31 דעקאַבער 1941) וועלן מיר דאָ דערציילן אַ ביסל אויספירלעכער.

י.־ל. גאַמזו געהערט, ווי ער אַליין זאָגט וועגן זיך, צו יענע „לינקע העברעיִסטן", וועלכע האָבן ערנסט געשטרײַט פאַר פולער גלײַכבאַרעכטיקונג פון יִדיש, זײַענדיק איבערצײַגט, אַז קעדיי אויפקלערן די ברייטע שיכטן פון פאָלק, מוז מען מיט זיי ריידן אַף זייער מוטערשפּראַך. „איך בין, — דערציילט י.־ל. גאַמזו, — אַרויסגעטראָטן אין עטלעכע אַרטיקלען מיט האַרבע שטראָפרייד קעגן יענע העברעיִשע יאַכסאָנים, וועלכע שעמען זיך מיט זייער אייגענעם מאַמעלאָשן. איך בין געווען איינער פון דעם קרײַז העברעיִשע שרײַבער, וועלכע האָבן זיך גענומען ערנסט און גינציק אויך פאַר דער יִדישער ליטעראַטור. און כאָטש מע האָט דערפאַר, לויטן מעליצישן אויסדרוק, „פאַרלאָרן לײַטזעליקײַט אין די אויגן" פון די פּוריסטישע העברעיִסטן, האָבן מיר דאָך געאַרבעט לעטויוועס האַקלאַל, צוליב די פאָלקסמאַסן, געאַרבעט אויך אין „זשאַרגאָן" (אין „וועקער, „הויז־פרײַנד", „יודישע פאָלקס־ביבליִאָטעק", „יִדישע ביבליִאָטעק" אדג.)".

דאָס ווערטפולע אין י.־ל. גאַמזוס אַרטיקלען זײַנען ניט אַזוי זײַנע „האַרבע שטראָפרייד", ווי דער פאַרשאַרפטער געפיל זײַנער צו דעם „צײַטגײַסט", זײַן רעאַליסטישער צוגאַנג צו דער יִדישער ווירקלעכקײַט. כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט איז זײַן אַרטיקל „תשובה כהלכה" („המליץ" נומ. 119, 2/6 1889) אין שײַכעס מיט דער דיסקוסיע וועגן דער יִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס האָט זיך דעמלט אָנגעהויבן אין

י.־ל. גאמזו מיט זײַן זון עמאנויל אין סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן

עמאנויל לוואָוויטש גאמזו, לויטן פאַך אן אָנגעזעענער ארכיטעקטאָר, האָט איבערגעגעבן אין רעשוס פון אונדזער רעדאקציע די ליטעראַרישע ירושע פון זײַן פאָטער. ע. גאמזו איז פּריצײַטיק געשטאָרבן אין אַפּרעל 1970.

דער העברעיִשער פּרעסע, נאָך דעם דערשײַנען פון שאָלעם־אַליכעמס „יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק" (1888—1889). ארויסטרעטנדיק קעגן דעם שרײַבער עלכאָנאָן־לייב לעווינסקי (1858—1910), וועלכער האָט געקלאָגט אין זײַן ארטיקל „יוחנן הסנדלר לפנים ועתה" („המליץ" נומ. 113, 23/5 1889) וועגן דעם, אז שאָלעם־אַליכעמס זאמלבוך פארמיִעסט בא יוּכענען דעם שוסטער דאָס לייענען דעם רעליגיִעזן בוך „מנורת המאור", שרײַבט י.־ל. גאמזו, צווישן אנדערן, פאָלגנדעס: „...איך בין זיכער אין דעם, אז לעווינסקי ווייסט גאנץ גוט, אז די אמאָליקע שוסטערס זײַנען שוין פארשוווּנדן פון דער וועלט און אז די זון פון דעם „מנורת המאור" איז אונטערגעגאנגען, ניט ווײַל עס האָט אופגעשײַנט די זון פון שאָלעם־אַליכעמס און זײַן זאמלבוך, נאָר מאכמעס דעם נײַעם צײַט־גײַסט, וואָס הערשט די לעצטע צײַט אין פאָלק".

י.־ל. גאמזו האָט מערער געשריבן אין העברעיִש, אָבער דאָס ווייניקע, וואָס ער האָט באוויזן צו שאַפן אין יידיש, געהערט צו דעם גרונטפאָנד פון אונדזער ליטעראטור. זײַן פּאָעמע „יאָסל בערס און יאָסל שמײַעס" (געדרוקט אין י.־ל. פּערעצעס „יודישער ביבליאָטעק", 1892) איז נאָך הײַנט־צו־טאָג פון די בעסטע מוסטערן אין דער יידישער דיכטונג פון 19־טן יה. אין מ. באסינס אנטאָלאָגיע „פינף הונדערט יאָר יידישע פּאָעזיע" (ניו־יאָרק 1917) ווערט דאָס דאָזיקע ווערק באגלייט מיט פאָלגנדע ווערטער: „די פּאָעמע איז אָן צווייפל איינע אין יידיש מיט איר שפּילעוודיקײַט פון וואָרט און בייגונג פון דער דערציילונג, און הויפּטזאכלעך מיט איר עפּישער פאָרם. אין מאנכע שטעלן דערגרייכט אין איר דער דיכטער מיט זײַן שווּנג און דער אומבאגרענעצטער פרײַקײַט און באהערשונג פון פאָרם די גרויסקײַט פון א בײַראָן. שוין אָפּגערעדט פון שפּראַך און ריטם. וויפל מוזיק און גראַציע פאַרמאָגן נאָר די דאָזיקע צוויי שורעס:

„יאָסל בערס און יאָסל שמײַעס — ביידע גלײַכע, פּונקט ווי ברידער", וואָס וועבן זיך אזוי אָפּט דורך אין דער פּאָעמע".

י.־ל. גאמזו טיילט זיך אויס פון זײַן דאָר שרײַבער מיט זײַן כוש, ווי מיר וואָלטן זיך הײַנט אויסגעדריקט, צו דער נײַער טעמע. עס באשעפּטיקט אים דעריקער דער גערַאנגל צווישן „דאָר־אויס און דאָר־אײַן". דער אָפּגאנג פון א דאָר באקומט זיך בא אים ניט ווייניקער דראמאטיש, איידער דער אופגאנג. לויט דער שפּראַך און לויט דעם געשיכטלעכן מאטעריאַל, וואָס ער באהאנדלט אין זײַנע ווערק, גייט זיך זײַן שאַפן פאנאנדער אין צוויי פּאראַלעלע ליניעס: אין די העברעיִשע ווערק באנוצט ער זיך דעריקער מיט ביבלישע בילדער און אין די יידישע — מיט מאָטיוון און סוזשעטן פון רעאַלן לעבן. י.־ל. גאמזו האָט סײַ אין זײַנע העברעיִשע ווערק, סײַ אין די יידישע געזוכט ניט נאָר די נײַע טעמע, נאָר אויך די נײַע פּאָעטישע שפּראַך און די פאָרמען אָף אויסצודריקן זי. זײַן באליבט קינסטלעריש מיטל איז דער קאָנטראַסט. „יאָסל בערס און יאָסל שמײַעס גלײַך אין וווּקס, אין איינע יאָרן, זײַנען אָבער ניט געווען מיט איין זינען גלײַך געבאָרן". שוין קינדווײַז „האָבן זיי צעטיילט זיך ביידע, דער אין קלערן, דער אין גלויבן".

יאָסל בערס פלעגט טאמעוואטע
אָף קיין קקירעס זיך ניט הייבן:
וואָס דער רעבע זאָגט, איז עמעס
און וואָס עמעס — דאַרף מען גלייבן...
אָבער מיט דעם יאָסל שמײַעס
פלעגט עס טרעפן גרויסע וווּנדער,
ער פלעגט נעמען איבערקלערן
יעדעס מײַסעלע באזונדער...

אין י.־ל. גאמזוס ווערק דאַרפן מיר ניט זוכן דעם צוזאמענשטויס פון קעגנזעצלעכע כאראַקטערן, אויך ניט קיין טרוקענע באשרײַבונגען פון קאָנקרעטע שטייגער־בילדער. די שטאַרקע זײַטן אין זײַן שאַפן איז דער אידייען־געפעכט פון די העלדן. יאָסל בערס האָט געפאָלגט, וואָס דער טאַטע, וואָס די מאַמע און וואָס אלע פרומע לײַט האָבן אים געלערנט. יאָסל שמײַעס איז אָבער געווען א בונטאַר. ער האָט געטרוימט צו ווערן א נײַער מוישע מענדעלסאָן, א שלוימע מײַמאָן. ער האָט געגלייבט, אז מיט דער הילף פון בילדונג וועט זיך אײַנגעבן אָפּשאפן דעם אנטאגאָניזם צווישן מענטשן און פעלקער.

יאָסל שמײַעס האָט מיט קקירע
זיך צו כאָכמע אָפּגעגעבן:

„אָן דעם סײכל, — פלעגט ער קלערן, —
וואָס קאָן טויגן אונדזער לעבן?
יעדער מענטש איז דאָך געשאַפן
מיט א געטלעכער נעשאָמע,
וואָס מער כאָכמע, וואָס מער סײכל,
דאַרף דאָך בעסער זײַן, מיסטאָמע...“
אָט אזוי פלעגט יאָסל שמײַעס
פאַנטאַזירן פיל נעכאָמע,
אין דער צוקונפט אין דער ווײַטער
איז געלעגן זײַן נעשאָמע...

די אָביעקטיווע ווירקלעכקײַט האָט אָבער צו־נישט געמאַכט יאָסל שמײַעס שײנע און ליכטיקע טרוימען. עס איז שווער צו זאָגן, צי האָט דער אווטאָר שוין דעמלט באַנומען, אַז ניט בלויז אין בילדונג בײַטיקן זיך די מענטשן, נאָר דעריקער אין א ראַדיקאַלן איבערבוי פון זײער געזעל־שאַפט, אָבער דער טראַגישער גורל פון זײַן העלד פירט דעם לײענער אַרויף אַף אַזעלכע גע־דאַנקען:

מיט א מוירעדיקן פּאָנעם,
מיט מעשוגענע האָוויַעס
אין דער הױפּטשטאָט פון רומעניען
לויפט אַרום דאָרט יאָסל שמײַעס...
מיט א היטל א סטודענטסקע
און צעפליקטע אַלטע קלײדער
לויפט ער נעבעך א געשטערטער
אין די גרויסע גאַסן ק׳סײדער;
יִינגלעך לויפן פון די זײַטן,
און עס ווערט שוין אַן אָבלאַווע.
א מעשוגענער באַ לײַטן
איז דאָך שטענדיק א זאַבאַווע...
מיט א מוירעדיקן פּאָנעם
לויפט ער נעבעך א געשטערטער;
פון די אויגן קאַפּען טרערן,
פון די ליפּן שיט זיך ווערטער:
— „פיל מיזבײכעס, פיל כאַלאָפן
און קאָרבאָנעס גאָר א ריבוי![1] —
אין דעם נײַנצנטן יאָרהונדערט
ווערט געדאַרשנט „מענטשן־ליבע“...
ווילדע מענטשן, קלוגע כײַעס,
פיל געלערנטע מעשוגאָים —
איר, געבילדעטע, זײַט ערגער
פון די אַפריקאַנער פּראָים...
זעט נאָר... אין די „גוטע הערצער“
ליגן האַרטע גענעם־שטײנער...
דורך די זיסע „האָניק־ליפּן“
זעט די בײזע שאַרפע צײנער...
פיל מיזבײכעס, פיל כאַלאָפן
און קאָרבאָנעס גאָר א ריבוי...
אין פּוסטיניעס וויל איך לויפן,
לויפן פון דער „מענטשן־ליבע“...

די קאָנטראַסטן און ווידערשפּרוכן צווישן דעם אידעאַל און ווירקלעכן, די אַנטוישונגען און די טראַגיק, וואָס עס רופן אַרויס ניט פאַרווירקלעכטע אילויזיעס, זײַנען אויך די טעמע פון י.־ל. גאַמזוס רוסישן בוך „די געשיכטע פון א פּאַ־מיליע“ (פּעטערבורג, 1911, פאַרלאַג ב. פּ. אָסט־ראָווסקי). שטרענג און געוויסנהאַפט, ניט זשאַ־לעווענדיק ניט זיך און ניט אַנדערע, דערצײלט י.־ל. גאַמזו, ווי ער דריקט זיך אויס, „די מעטאַ־מאָרפאָזע פון דעם לעבן, גײַסט און געדאַנק“ פון דרײַ דורות. אין דעם פּאַטריאַרכאַלן לעבן פון דעם זײדן איז ניט פאַראַן קײן אײַנרײַס צווישן שטוב און גאַס. זײַן גײַסטיקע וועלט באַוועגט זיך אַרום דער טריאָ: גאָט, ייִד און טוירע. א דיס־האַרמאָניע אין זײַן וועלט קאָן שאַפן נאָר דער פּאָרעץ, וועמען ער דינט געטרײַ און קנעכטיש. ער באַמיט זיך אים מיט גאָרניט צו דערצערנען. און דער פּאָרעץ, וואָס פּראַוועט רײַכע סודעס בײס עס גיט זיך אים אײַן אויסצובײַטן דרײַ פּויערים פאַר אײן הונט, האַלט טאַקע פון זײַן שמערקע און וועט אים אפילע פאַר דרײַ הינט ניט פאַרבײַטן. דאָס לעבן פון דעם זון איז שוין אָבער מיט סטירעס. ער פירט א דאָפּלדיקן כעזשבן מיט דער וועלט. אין שטוב איז ער א ייִד און אַף דער גאַס — א מענטש. דער דריטער דאָר, דאָס אײניקל, אין וועמעס נאָמען עס פירט זיך די דערצײלונג, שטרעבט צו א סינטעז. ער וויל, אַז דאָס, וואָס איז מענטשלעך, זאָל ווערן ייִדיש, און דאָס, וואָס איז ייִדיש, זאָל באַטראַכט ווערן פאַר מענטשלעך. זײַן אידעאַל איז: אין דער גאַנצער וועלט זאָל הערשן שאָלעם, ברידערלעכ־קײַט און פרײַהײַט. די פּאָגראָמען אין די 80־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָבן צונישט גע־מאַכט זײַנע אילויזיעס. און אויך ער ווערט, פּונקט ווי יאָסל שמײַעס, פאַרביטערט. פול מיט גאַל זײַנען זײַנע ווערטער קעגן דער פאַרדאָרבענער בורזשואַזער וועלט, וואָס שאַפט אינקוויזיציעס אין נאָמען פון „גלויבן“ און „יוישער“ און דער־פירט דעם אײנפאַכן און געזונטן מענטשלעכן זין צו וואַנזין.

קײן אויסוועג פון דעם פּלאָנטער, אין וועלכן זײַנע העלדן זײַנען אַרײַנגעפאַלן, האָט י.־ל. גאַ־מזו ניט געזען. קײן ענטפער אַף די אויפגעהויבענע פּראָבלעמען האָט ער ניט געהאַט און איז, זעט אויס, אויך ניט געווען בעקויעך אים צו גע־פינען. זײַן פאַרדינסט באַשטײט אָבער אין דעם, וואָס ער האָט די פראַגן אוועקגעשטעלט און אַזוי־אַרום איבערגעלאָזט א דאָקומענט וועגן דעם אידײיִשן געראַנגל און וועגן די פּראָבלעמען, וואָס האָבן געמוטשעט זײַן דאָר.

אינטערעסאַנט איז אויך די פאָרם פון דעם בוך. אַף אַלע 117 זײַטלעך באַגעגענען מיר לירישע מאָנאָלאָגן, וועלכע ווערן נאָכאַנאַנד איבערגעריסן דורך לײַדנשאַפטלעכע מאָנאָדיאַלאָגן, וואָס דער דערצײלער פירט מיט זיך אַלײן. ער בויט וועלטן און צעשטערט זײ גלײַכצײַטיק. ער שטעלט זיך אַלײן פראַגן, ענטפערט און דערווידערט זיך

[1] צענדליקער טויזנטער.

גלײַך אפֿן אָרט. איבער דעם גאַנצן בוך הערשט א זוכנדיקער און אומרויִקער גײַסט.

דער אינהאַלט פֿון דעם ווערק האָט געפֿאָדערט, ער זאָל איבערגעגעבן ווערן אין א ספּעציפֿישן זשאַנער, און י.־ל. גאַמזו האָט אויסגעקליבן דעם נוסעך פֿון פּובליציסטישער, אויב מע קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, בעלעטריסטיק, לויט דעם מוסטער פֿון היינריך היינעס פּראָזע.

מיט די פּראָבלעמען, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין דער „געשיכטע פֿון א פֿאַמיליע", האָט י.־ל. גאַמזו זיך אינטערעסירט אַלע יאָרן. אין א בריוו (8/12 1929) צו דעם רעדאַקטאָר פֿון זשורנאַל „דאָרעם־אַפֿריקע" י. פֿעלדמאַן טרעט י.־ל. גאַמזו שאַרף אַרויס קעגן די אָנפֿאַלן פֿון דער בירגערלעכער פּרעסע אויף דעם באַוווּסטן פּובליציסט רוווּן ברײַנין פֿאַר זײַנע סימפּאַטיעס צום סאָוועטנפֿאַרבאַנד. ריידנדיק וועגן די געשיכטלעכע ענדערונגען, וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען אין ייִדישן לעבן אין די נײַע סאָוועטישע באַדינגונגען, שרײַבט דאָרטן י.־ל. גאַמזו, צווישן אַנדערן, פֿאָלגנדעס:

...„דער פֿאַקט, אַז די ייִדישקײַט, אין רעליגיעזן זין, פֿאַלט וואָס ווײַטער אַלץ מער, — דאָס איז גאָר ניט קיין נײַס. נאָך א יאָר פֿופֿצן פֿאַר דער רעוואָלוציע אין אונדזער לאַנד און נאָך איידער מע האָט גאָר בײַ אונדז געוווּסט דאָס וואָרט „באָלשעוויזם", האָב איך אַליין אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן מײַן רוסישן בוך „א געשיכטע פֿון א פֿאַמיליע", אין וועלכן איך האָב געניט אילוסטרירט די עוואָלוציאָנעלע גענג פֿון דער ייִדישקײַט, ווי זי דאַמפּט זיך אויס און דערגייט שוין קימאַט ביז צו גסיסע...

די ייִדישקײַט האָט זיך נאָך קוים־קוים געהאַלטן בײַ אונדז נאָמינאַל, אויף דעם אַבסטראַקט, אויף דעם הוילן געדאַנק, אויף דעם גײַסט פֿון נאַציאָנאַליזם; דער נאַציאָנאַליזם איז אָבער געווען ניט אַזוי פֿיל נאַטירלעכער, זעלבשטענדיקער, אינערלעך־דערוואַקסענער, ווי איבערהויפּט נאָר א קינסטלעכער, אָן אָנגעצויגענער, א רעפֿלעקסירטער, אַלס זעלבשוץ, אַלס קעגנגעוויכט אַנטקעגן דער ייִדישער רעכטלאָזיקײַט, אַנטקעגן די פּאָגראָמען און די ייִדן־פֿאַרפֿאָלגונגען. אונדזערע ייִדן האָבן זיך געמוזט האַלטן אין דעם נאַציאָנאַליזם, אַלס א סוראָגאַט, א מין מעמאַלע־מאָקעם פֿון ייִדישקײַט, אַזוי ווי א מענטש מיט פּאַראַליזירטע פֿיס מוז זיך נעבעך האַלטן אין זײַנע קוליעס, קאָלזמאַן ער קאָן אָן זיי ניט אויסקומען.

נאַטירלעך, אַז אין די סאָוועטישע באַדינגונגען איז געפֿאַלן דער קוסטאַרישער נאַציאָנאַליזם, אויף וועלכן די ייִדישקײַט איז געווען אָנגעשפּאַרט"...

י.־ל. גאַמזו האָט זײַנערצײַט געדרוקט אויך א סאַך פּובליציסטישע אַרבעטן וועגן ליטעראַרישע און געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן. כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט זײַנען די אַרטיקלען זײַנע בײַס דער אויבנדערמאָנטער דיסקוסיע וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור. אין פֿופֿציק יאָר אַרום, אין 1939, שרײַבנדיק זײַנע זיכרוינעס וועגן שאָלעם־אַליכעמען, האָט ער אויך וועגן דעם דאָזיקן עניִען אינפֿאָרמירט אײַנקורצן:

„געווען איז עס גראָד אין יענער הייסער צײַט, ווען אין דער ייִדישער פּרעסע האָט זיך צעקאָכט און צעזידט די מילכאָמע צווישן „העברעיִסטן" און „זשאַרגאָניסטן", דה. דער שטרײַט צווישן דער אַריסטאָקראַטישער העברעיִשער שריפֿטלעכער שפּראַך, וועלכע האָט געהייסן „לאָשן קוידעש" (הייליקע שפּראַך), און דער דעמאָקראַטישער מינדלעכער ייִדישער פֿאָלקס־שפּראַך, וועלכע האָט זיך דענסטמאָל אָנגערופֿן „זשאַרגאָן". א גרויסער טייל העברעיִשע שרײַבער, בײַפּראַט די לייב־גוואַרדיע פֿון לאָשנקוידעש, דערזענדיק די אופֿשטײַגונג און די פּראָגרעסירונג פֿון דער נײַער „זשאַרגאָנישער" ליטעראַטור, וועלכע האָט צוגעצויגן צו זיך אויך היפּשע פֿון די העברעיִשע ליטעראַטן, זײַנען שטאַרק בייז געוואָרן, זייער צעהיצט זיך און אָנגעפֿאַלן אויף דעם זשאַרגאָן מיט שימפּערײַ און זידלערײַ, איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל — זשאַרגאָן איז א שפּראַך בלויז „פֿון מאַרק און קיך" און ער דאַרף ניט און טאָר גאָרניט פּרעטענדירן אויף קיין עכטער ליטעראַטור. פֿון דער אַנדערער זײַט אָבער, האָבן די זשאַרגאָנישע און אויך היפּש העברעיִשע שרײַבער פֿעסט אײַנגעשטעלט זיך פֿאַר די נאַטירלעכע פֿולע רעכט פֿון זשאַרגאָן, אופֿווײַזנדיק, אַז לויט דעם, וואָס זשאַרגאָן איז דאָך פֿאַקטיש אווירקלעכע לעבעדיקע פֿאָלקס־שפּראַך, מעג ער און מוז האָבן אויך זײַן אייגנטימלעכע ליטעראַטור..."

י.־ל. גאַמזו האָט אין יענע יאָרן געהאַט דעם מוט אַרויסצוטרעטן קעגן דער „לייב־גוואַרדיע" פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור פֿאַר איר נעגאַטיווער באַציִונג צו דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. עס האָט אים אויך ניט באַפֿרידיקט אַפֿילע שאָלעם־אַליכעמס פּאָזיציע. אין זײַן אַרטיקל: „צור שפּראַכן־פֿראַגע" (לשאלת השפה, „המליץ", 1889, נומ. 80) האָט שאָלעם־אַליכעם, לויט י.־ל. גאַמזו, באַדאַרפֿט אַרויסגיין אין אַן אָנגריף קעגן די פֿאַרלוימדער פֿון ייִדיש און ניט אָפּקומען בלויז מיט פֿאַרענטפֿערן זיך: „להצדיק את עצמו בקשט אמרי אמת אחדים, כי מעולם לא עלה על דעתו להסיג גבול אלמנה בשפת עבר ומעולם לא כפה הר כגיגית על ראש סופרינו להניח את זה ולאחוז בזה" („המליץ", 1889, נומ. 119)[1].

י.־ל. גאַמזו האָט ניט געשוינט אויך י.־ל. פּערעצן. „אַפֿילע דער גרויסער פּערעץ, — שרײַבט ער מיט יאָרן שפּעטער, — האָט אין זײַן אַרטיקל

„בילדונג“ (1891) פארטיידיקט די זשארגאָן־ליטעראטור דערמיט, וואָס זי איז נייטיק פארן פאָלק מער ניט אלס אַם, אלס ניאנקע. מע האָט יאָרנלאנג אפילע ניט באדענקט וועגן דער אומזיניקײַט פון דעם עצעם אויסדרוק „זשארגאָנישע ליטעראטור“.

אונדזער ליטעראטור־פאָרשונג האָט ארויסגעלאָזט פון אויג אָט די אייגנארטיקע און ביז גאָר וויכטיקע דיסקוסיע[2]. זי איז אינטערעסאנט ניט נאָר אלס היסטאָרישער פאקט, ווי די ערשטע ברייטע און ערנסטע פּאָלעמיק וועגן דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראטור, נאָר אויך דערפאר, וואָס אין איר זײַנען אופגעהויבן געוואָרן וויכטיקע טעאָרעטישע פּראָבלעמען, ווי, צום בײַשפּיל, די פראגע פון פּאָזיטיווע און נעגאטיווע געשטאלטן אדג.

עס איז, אין טאָך, געווען א שטרײַט צווישן דעם פּראָגרעסיוון און רעאקציאָנערן לאגער, צווישן ראָמאנטיזם און רעאליזם. די קלעריקאלע קרײַזן איז ניט געווען צום הארצן דער קריטישער רעאליזם און די פּאָרגעשריטענע דעמאָקראטישע טענדענצן אין דער ייִדישער ליטעראטור.

פיל פון זייערע טײַנעס האָבן אין די לעצטע יאָרן זיך ווידעראמאָל געלאָזט הערן ארום דער אזוי־גערופענער מענדעלע־רעוויזיע. באזונדערס האָבן זיך אין דעם פּראט אויסגעטיילט אייניקע העברעישע ליטעראטור־קריטיקער. מיט דעם אונטערשייד נאָר, וואָס דעמלט זײַנען די פײַלן אויסשליסלעך געצילט געווען קעגן דער ייִדישער ליטעראטור, און הײַנט ווערט ניט נאָר מענדעלע שיִר ניט דערקלערט אלס אנטיסעמיט, נאָר אויך אזעלכע העברעישע שרײַבער, ווי יעהודע־לייב גאָרדאָן, מיכע־יויסעף בערדיטשעווסקי, אפילע יויסעף־כאַים ברענער. בעקיצער — די שרײַבער, וואָס האָבן ווען־עס־איז געוואגט שילדערן אין זייערע ווערק אויך די שאָטן־זײַטן אין ייִדישן לעבן.

בענעגייע אייניקע פון די פּרינציפּן, וועלכע י.־ל. גאמזו האָט פארטיידיקט אין סאָף אכציקער, אָנהייב נײַנציקער יאָרן פון נײַנצנטן יה., איז ער געבליבן געטרײַ זײַן גאנץ לעבן. ער האָט זיך אומגעקערט צו זיי אין זײַן גרעסערער ארבעט: „א בריוועל צו אידען וועגען אידיש מיט א הקדמה, מיט א המשך צו דער הקדמה, מיט א מיטטען צווישן דעם אָנהויב און דעם אויסלאָז, מיט א עפּילאָג צום סוף און דערצו נאָך מיט א שטיקל חד־גדיא „אומזיסט“, געשריבן צום לאכן אין אמאָליגער אידישער אָרפאָגראפּהיע, פון גמזו־לטובה“.

די ארבעט האָט י.־ל. גאמזו געשריבן אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן, ווען עס איז בא אונדז פאָרגעקומען די דיסקוסיע ארום דעם נײַעם סאָוועטישן אויסלייג. י.־ל. גאמזו, ניט זײַענדיק קיין פּראָפעסיאָנעלער לינגוויסט, האָט באהאנדלט די טעמע דעריקער פון א קולטור־היסטאָרישן שטאנדפּונקט. ער מאכט דערבײַ זייער אינטערעסאנטע ליטעראַרישע אנאלאָגיעס, מאָטיווירט זײַנע געדאנקען מיט בײַשפּילן פון ייִדישן שטייגער און פאָלקלאָר. פארטיידיקנדיק דעם אלטן אויסלייג פון די העברעישע ווערטער אין ייִדיש, מאכט י.־ל. גאמזו, צווישן אנדערן, די פאָלגנדיקע באמערקונג:

„...מע דארף דערצו אופמערקזאם מאכן אָף דער אויסנעמלעכקײַט, דער באזונדערקײַט, מיט וועלכער דער היסטאָרישער גאנג פון ייִדיש האָט זיך אָריגינעל אויסגעצייכנט קעגן דעם גאנג פון אנדערע ליטעראטורן. אלע ליטעראטורן האָבן געמאכט זייערע עטאפּן, זייערע גענג פון אויבן אראָפּ צום אונטן; זיי הייבן זיך אָן פון די העכערע קלאסן (געלערנטע און אינטעליגענץ) און נאכער, אין פארלויף פון דער צײַט, דערגייען זיי ביז צו די נידעריקע סטויפן, צו די פאָלקסמאסן. דער ייִדיש אָבער האָט געמאכט זײַן הילוך, זײַן מארשרוט, פּונקט קאפּויר, דיאמעטראל פארקערט: אָנגעהויבן האָט ער זיך פון באָווע־מײַסעס, פון צענטורא־ווענטורא אדג. אין די פארייכערטע קיכן בא דינסטמיידלעך און אין די כאלופּקעס בא באלמעלאָכעס, און איז מיט דער צײַט צוביסלעך ארויף ביז אין די „הויכע פענצטער“ ארײַן. לויט דעם דאָזיקן צושטאנד האָבן דאָך אייגנטלעך די העברעישע ווערטער אין זייער העברעישער אָרטאָגראפּיע געדארפט אמאָליקע צײַטן זײַן פיל מער שווער פאר די לעזער, וועלכע זײַנען באשטאנען מייסטנס פון געמיינע, קליינוויסנדיקע דינסטמיידלעך און באלמעלאָכעס, וואָס לאָשנקוידעש איז זיי געווען גאָר גאנץ פרעמד. זעען זעט מען אָבער, דאָס דער לאָשנקוידעשדיקער אויסלייג האָט זיי ניט געשטערט און זיי פלעגן אין לייענען לײַכט פארשטיין די העברעישע ווערטער אפילע אָן נעקודעס“.

ביכלאל טרעט י.־ל. גאמזו ארויס ניט קעגן דעם פּרינציפּ פון רעפאָרמען, נאָר קעגן דעם אויפן, ווי זיי ווערן געמאכט. מע קאָן ווי מע וויל רעפאָרמירן און ענדערן די שפּראך אין שריפט און אויסדרוק, האלט י.־ל. גאמזו, מע דארף אָבער זי ניט אויסטאָן אינגאנצן הויל און נאקעט. ווי שטרענג מע זאָל זיך ניט האלטן בא דעם פאָנעטישן פּרינציפּ, וועט שטענדיק עקזיסטירן אָן אונטערשייד צווישן דער רייד־שפּראך און דער שרײַב־שפּראך. די שריפט־שפּראך איז, לויט י.־ל. גאמזו, אין טאָך סטאטיש, אײַנגעשטעלט לויט באשטימטע טראפארעטן און גראמאטישע פאָרמען און איז ניט אימשטאנד איבערצוגעבן אלע עמאָציאָנעלע ניואנסן פון דער רייד־שפּראך.

ניט אלע דערווידערונגען, וועלכע י.־ל. גאמזו האָט ארויסגעשטעלט קעגן דעם נײַעם אויסלייג, זײַנען גערעכטע. ווי פּאראדאָקסאל זײַנע ארגו־

מענטן זאָלן, ערטערווײַז, ניט קלינגען, זײַנען זיי אָבער אייגנארטיק און אינטערעסאנט.

ער האָט, לעמאָשל, געהאלטן, אז אין ייִדיש, פּונקט ווי אין העברעיִש, זײַנען די צײַטווערטער אין דער אינפיניטיוו־פאָרם צווייטראפּיק, מיט דעם אונטערשייד, וואָס אין העברעיִש זײַנען זיי יאמביש און אין ייִדיש כאָרייִש. אָט דער פּרינציפּ באשטימט, לויט אים, דעם כאראקטער פון דער שפּראך. און אויב מע צעשטערט אים, באטײַט עס שעדיקן איר ריטם און מוזיקאלישקײַט. אונדזערע לינגוויסטן, האלט י.־ל. גאמזו, האָבן באם צונויפשטעלן די קלאָלים פון דעם נײַעם אויסלייג פארזען אָט דעם וויכטיקן פּרינציפּ. „ארויסווארפנדיק דעם „ע“ פון דער ענדונג „ען“, ווערן אלע צײַטווערטער ווי אמפּוטירט, ווי כאָלילע מיט אונטערגעהאקטע פיס; לויט ווי זיי ווערן איצט געשריבן, זײַנען זיי אלע איינזילביקע (געבן, לאכן, עסן) און מע דארף, אלזאָ, אין ריידן די ענדונג אזוי האסטיק אײַנשלינגען, ווי מע פלעגט לייענען, מיט איין אָטעם, די אסערעס בניי האמאָן אין דער מעגילע“...

הײַנט־צו־טאָג איז נאָך ניט מעגלעך צו געבן אן אויסשעפּנדיקע אָפּשאצונג וועגן י.־ל. גאמזו. כוץ זײַנע צוויי דראמאטישע ווערק אין העברעיִש („אברבנאל“, ווארשע 1894. „עזרא“, ניעזשין 1898) און דעם פריִער דערמאָנטן רוסישן בוך, איז דער גרעסטער (און בעסטער) טייל פון זײַנע ייִדישע און העברעיִשע שאפונגען צעשפּרייט אין פארשיידענע זאמלביכער און זשורנאלן, וואָס זײַנען הײַנט שוין א ביבליִאָגראפישע זעלטנהײַט. עס איז אויך קימאט ניט פאראן ווו צו געפינען אויספירלעכע ביִאָ־ביבליִאָגראפישע יעדיִעס. אין דעם לעקסיקאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראטור (ניו־יאָרק, 1956) לייענען מיר: „וואָס מיט גאמזון האָט פּאסירט נאָך די 90־ער יאָרן, איז אונדז, צום באדויערן, ניט באקאנט“. עס איז, פארשטייט זיך, צו באדויערן, וואָס די מעכאברים פון דעם לעקסיקאָן זײַנען ניט אימשטאנד געווען צו געבן כאָטש א קורצע ביבליִאָגראפיע פון י.־ל. גאמזוס שאפן. זיי האָבן אפילע ניט דערמאָנט דעם רוסישן בוך, האגאם עס איז אין אים פאראן א סאך אווטאָביִאָגראפישעס און ער איז זייער טיפּיש צו גאמזוס כאראקטעריסטיק.

ווי מיר האָבן שוין באמערקט, האָט י.־ל. גאמזו א סאך געשריבן אין העברעיִש. אונדז איז אָבער ניט באוווסט קיין איין אויספירלעכע ארבעט וועגן דעם. דאקעגן ווייסן מיר, אז אין דער העברעיִשער ליטעראטור־פאָרשונג קורסירט ביז הײַנט־צו־טאָג די אלטע ווערסיע, אז י.־ל. גאמזוס „אברבנאל“ איז ניט מער ווי אן איבערזעצונג פון מוישע כאשקעסעס (1830—1906) א דראמע. ווען ליטעראטור־פאָרשער וואָלטן זיך גענומען די מי אפסנײַ צו באקענען זיך מיט דעם מאטעריאל, וואָלטן זיי זיך איבערצײַגט, אז מיר האָבן פאר זיך ניט קיין איבערזעצונג, נאָר אן אָריגינעל ווערק, וואָס י.־ל. גאמזו האָט געשאפן לויט די מאָטיוון פון מ. כאשקעסעס רוסישע ווערק. דאָס באשטעטיקט, אגעוו, אויך י.־ל. גאמזו אין זײַנע ניט געדרוקטע זיכרוינעס וועגן שאָלעם־אלייכעמען:

„מײַן העברעיִשער „אברבנאל“, וואָס דעם סוזשעט האָב איך גענומען פון כאשקעסעס ניט קיין געדרוקטע, נאָר מאנוסקריפּטישע רוסישע שריפט, איז קימאט דורכויס מײַנער אן אייגענער אָריגינאל, און כאשקעס האָט אין אים אפילע קיין הונדערטכיילעק ניט...“

די ליטעראטור־פאָרשער האָט פארפירט י.־ל. גאמזוס א באמערקונג אף דעם שארבלאט פון דער ערשטער אופלאגע. און ווײַטער פון דעם שארבלאט זײַנען זיי, זעט אויס, ניט אוועקגעגאנגען.

אונדזער הײַנטיקע פּובליקאציע איז דער ערשטער פּרווו צו דערציילן וועגן יעהודע־לייב גאמזו — איינעם פון די פּיִאָנערן פון דער מאָדערנער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראטור. און קעדיי דער הײַנטיקער לייענער זאָל אים נעענטער דערפילן, האָבן מיר מיט א קיווען אים געלאָזט אָפּט ריידן אליין.

א קלאָרער בילד וועגן אים וועלן מיטהעלפן צו שאפן די בריוו פון זײַנע מיטצײַטלער, וועלכע ווערן איצט צום ערשטן מאָל פארעפנטלעכט. כוץ זייער אלגעמיין ליטעראטור־היסטאָרישן ווערט, זײַנען אין זיי פאראן פיל שטריכן צו דער כאראקטעריסטיק פון י.־ל. גאמזו.

א באזונדערן אינטערעס שטעלט מיט זיך פאָר דער קורצער פראגמענט פון י.־ל. גאמזוס זיכרוינעס וועגן שאָלעם־אלייכעמען, וואָס איז אײַנגעשלאָסן אין דער הײַנטיקער פּובליקאציע (דער פולער טעקסט געפינט זיך אין רעשוס פון דער רעדאקציע „סאָוועטיש היימלאנד“). י.־ל. גאמזו פארזיכערט, אז גלײַך נאָך דעם ווי שאָלעם־אלייכעם האָט, אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט, אים באזוכט אין דעם שטעטעלע ראָמני (פּאָלטאווער געגנט), האָט ער „באשריבן אויספירלעך און פּינקטלעך“ זייער גאנצן דיִאלאָג.

די אויסשליסלעך ביבליִאָגראפישע פאקטן, וואָס זײַנען פארצייכנט אין דעם דיִאלאָג, זײַנען ניט ווײַניקער וויכטיק, איידער די פּראָטים צו דער גענעאלאָגיע פון דעם „פארקישעפטן שנײַדער“. אינטערעסאנט איז דער פּרינציפּיִעלער שטרײַט, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן ביידע שרײַבער ארום דער פראגע וועגן דער מאָראלישקײַט פון אויסנוצן סוזשעטן, וועלכע זײַנען שוין באהאנדלט געוואָרן דורך אנדערע שרײַבער.

י.־ל. גאמזו באשולדיקט שאָלעם־אליייכעמען שיר ניט אין פּלאגיִאט. ער ווארפט אים פאָר, אז ער האָט אָן איבעריקע צערעמאָניעס אויסגענוצט אין זײַן שאפן סוזשעטן פון מוישע־ארן שאצקעס (1825—1899), מענאכעם־מענדל דאליצקי (1856—1931) און פון אנדערע ייִדישע שרײַבער. שאָלעם־אליייכעם פארענטפערט זיך, אז א שרײַבער האָט עטישע און יורידישע רעכט זיך צו באנוצן מיט פרעמדע סוזשעטן. דעריקער איז ווי ער רעאליזירט זיי קינסטלעריש. זײַן געדאנק איליוסטרירט שאָלעם־אליייכעם מיט בײַשפּילן פון דער וועלט־ליטעראטור. צי זײַנען דען, ווײַזט ער אָן, געטעס „פאוסט“, שעקספירס „ליר“ און „האמלעט“ ניט געבויט לויט פרעמדע סוזשעטן!

גראָד זייער מעטאמאָרפאָזע, דער אויפן, ווי זיי ווארײַירן געדאנקלעך און קינסטלעריש אין דעם שאפן פון פארשיידענע שרײַבער, — איז אינ־טערעסאנט און באלערנדיק.

די פּאָלעמיק לייענט זיך מאמעש פארכאפּנדיק. י.־ל. גאמזון האָט זיך אײַנגעגעבן איבערצוגעבן די לײַדנשאפטן און דעם הייסן טעמפּעראמענט פון בײדע אָפּאָנענטן.

דער פראגמענט פון די זיכרוינעס וועגן שאָ־לעם־אליייכעמען וועט באשטימט בארײַכערן אונ־דזער ביז איצטיקע פאָרשטעלונג וועגן דעם מיט אומרעכט פארגעסענעם ייִדיש־העברעיִשן שרײַבער יעהודע־לייב גאמזו.

■

[1] מיט עטלעכע צירלעכע און עמעסע ווערטער זיך אליין פארטיידיקן, אז עס איז קיינמאָל אים אפילע אפן זינען ניט געקומען צו פארשמעלערן די גרענעצן פון דער העברעיִשער שפראך און אז ער האָט אויך קיינמאָל זיך ניט ארופגעלייגט ווי א בארג אפן קאָפּ פון אונדזערע שרײַבער, זיי זאָלן פארלאָזן די (העברעיִשע) און אונ־טערהאלטן די (ייִדישע) שפראך.

[2] די פּאָלעמיק האָט באשטימט פארדינט אן אלזײַטיקע אויספאָרשונג. מיר וועלן, לעסאטע, ברענגען בלויז א קורצע ביבליִאָגראפיע, פון וועלכער עס איז שוין צו זען איר ברייטן פארנעם:

1) ע. ל. לעווינסקי. די העברעיִשע שפראך און די גערעדטע ייִדישע שפראך (שפת עבר ושפת יהודית המדוברת. „המליץ“, 1889, נומ. 58, 59).

2) שאָלעם־אליייכעם. צו דער שפראכן־פראגע (לשאלת השפה. „המליץ“, 1889, נומ. 80).

3) י. כ. ראווניצקי. צי איז פאראן א באדערפעניש אין דער זשארגאָן־ליטעראטור? (היש צורך בספרות הזשארגאנית? „המליץ“, 1889, נומ. 96, 97, 98).

4) ע. ל. לעווינסקי. אייביקײַט און צײַטווײַליקײַט (חיי עולם וחיי שעה. „המליץ“, 1889, נומ. 104, 105, 106).

5) ע. ל. לעווינסקי. יויכענען דער שוסטער אמאָל און הײַנט (יוחנן הסנדלר לפנים עותה. „המליץ“, 1889, נומ. 113).

6) י.־ל. גאמזו. א געהעריקער ענטפער (תשובה כהלכה. „המליץ“, 1889, נומ. 119).

7) י.־כ. ראווניצקי. נאָך אין זכוס פון דער פאָלקס־ליטעראטור (עוד בזכות ספרות־העם. „המליץ“, 1889, נומ. 130, 131).

8) דר. שלוימע־צווי סקאָמאָראָווסקי. אויך איך וועל ענטפערן מײַן כיילעק (אענה אף אני חלקי. „המליץ“, 1889, נומ. 133).

9) ע. ל. לעווינסקי. דער אָל און די ליטעראטור (המרצע והספרות. „המליץ“, 1889, נומ. 183).

10) לעווינסאָן פון ריגע. א שטורעם אין א טעלער וואסער (סער בצליחת מים. „המליץ“, 1899, נומ. 189).

■

יעהודע־לײב גאמזו

פון מײַנע זיכרוינעס
וועגן שאָלעם־אלייכעמען

— הערט זשע, מײַן ליבער שאָלעם־אלייכעם, — האָב איך זיך צו אים געווענדט, — די מײַסע דערפון איז אזוי. זידלען זיך איז טאקע זייער רעכט, און האלעווײַ וואָלט איך נאָר זײַן זעלבשטענדיקער און גײַסטרײַכער, וואָלט איך קעסיידער טאָג און נאכט אלעמען געזידלט, ביפראט גוטעפרײַנט דארפן צײַטנווײַז גוט דורכזידלען זיך, אזוי ווי אין פּאָסעק שטייט: „בעסער אָפענע שטראָפרייד, איידער פארבאָרגענע ליבע“, נאָר וואָס דען? די זידלערײַען דארפן זײַן קעגנזײַטיק, מיט גלײַכבארעכטיקונג פארביידע צדאָדים. לויט דעם אָבער, וואָס איר זענט דאָך איצט דאָ בא מיר א גאסט, און גאָר א געהויבענער גאסט, און דער קאָדעקס פון דערעכערעץ דערלויבט דאָך ניט צו באליידיקן א גאסט און צו טראקטירן אים מיט געזאלצענע שטראָףווערטער און מיט פעפערדיקע נאָטאציעס, — קאָן דאָך די זידלערײַ זײַן נאָר אן איינזײַטיקע. אָט ווען איך וועל אײַך טרעפן אמאָל בא אײַך אין קיִעוו אָדער — נאָך בעסער — ערגעץ־ווו אין טיפן וואלד, וועט איר שוין כאפּן פון מיר א רעכטן ביילעק.

— אדערעבע, פּאָזשאלויסטאָ! — האָט שאָלעם־אלייכעם פארכאפּט לאכנדיק, — וואָס דארפט איר זיך מאטריִען זײַן שלעפּן זיך צו מיר אין קיִעוו, אָדער וואָס דארפט איר ווערן גאָר א וואלדגאזלען, אז — ווי מע זאָגט — „האָ גאוורא וויהאָ טריאסקאָ“, אָט זײַט איר און אָט בין איך דאָ, און איך פּיל זיך דאָ בא אײַך אזוי היימיש, אז איר מעגט און קאָנט מיר ארויסגעבן וואָס פאר א ביילעק איר ווילט...

— אויב אזוי, — האָב איך אָנגעהויבן מײַן דעביוט, — אויב אײַער עקסעליאַנס דערלויבט מיר וואָרט־פרײַהײַט, ווילט זיך מיר טאקע אײַך ניט פארשווײַגן. אָט, לויטן אמאָליקן מעליצעאויסדרוק, „פארגארטל איך מײַנע לענדן“ און איך נעם זיך א ביסל צו אײַך. איר זאָגט, אז איך בין א פוילער, א לאָדער, א שאָך־שפּילער, א גאָרנישט און קימאט גאָר א „הויפּט־אינספּעקטאָר“. זענט איר עפּשער א ביסל גערעכט. איר זאָגט, אז איך שטיי אָפּ פון דער וועלט און ליטעראטור און איך בלײַב הינטערשטעליק, זענט איר אוואדע גערעכט. איר דארפט אָבער וויסן דעם קלאל, אז קיין מענטש קאָן ניט זײַן אָן קיין פעלער, און וואָס דער מענטש איז גרעסער, זײַנען אלץ גרעסער זײַנע פעלערן. איך וויל ניט אָנרירן כאלילע אײַער קאָוועד, נאָר איך וויל מער ניט זאָגן, אז איר זענט גאָר א גרויסער מענטש...

— הייסט עס, מיט נאָך גרעסערע פעלערן, — האָט שאָלעם־אלייכעם אונטערגעכאפּט, — אָבער וועלכע, וועלכע? ציט ניט די אצאָמעס, זאָגט שוין, וואָס פאר פעלערן.

— ניט קיין פעלער, כאסוועשאָלעם, נאָר גאָר א פּאטאלאָגישע דערשײַנונג, עפּעס א מין קראנקהײַט, ניט פאר קיינעם געדאכט — א מין כאלאס, וואָס אין מעדיצין רופט זיך דאָס קלעפּטאָמאניע.

— ווי, קלעפּטאָמאניע? גנייווע? — האָט ער זיך אופגערעגט.

— ע, ווער בעט אײַך ווערן אן איבערזעצער, — האָב איך זיך אָף אים א בייזער געטאָן, — איר קאָנט גאָר די מעלאָכע ניט. איך האָב באנוצט אן איידל, שיין וואָרט קלעפּטאָמאניע, און איר איבערזעצט און פארטײַטשט אים מיט אזא גראָב, העסלעך וואָרט ווי גנייווע. עס רעדט זיך ניט וועגן דירעקטער גנייווע, עס רעדט זיך נאָר וועגן דעם, אז בא אײַך איז עפּעס — ווי זאָל איך אײַך זאָגן? — עפּעס אזא אינסטינקטיווע נייגונג, א לײַדנשאפט, א שטיקל יעיצערהאָרע, א געפּיל פון געלוסט צו פרעמדע זאכן. מיילע, אזא זאך ווי דער פּאָרטסיגאר, איז דאָס — ווי איר זאָגט — א צאצקע, אזא פּוצשטיק, וואָס קאָן זיך פארגלוסטן, האָט זיך דאָס אײַך שטארק פארגלוסט, און איר האָט אים אָפּגענומען אין א פאָרם פון א געשענק. אָבער אין אײַער ליטערארישן שאפן דארפט איר דאָך אייגנטלעך ניט אָנקומען צו אזעלכע ניט־ווילדערוואָרבענע געשענק. איר און אײַער הויכער טאלאנט זײַנען דאָך געבענטשט און באגליקט דערמיט, וואָס איר זענט ספּעציִאליזירט אָף קאָמישע נאָוועלן — אָף מאָלערײַ פון אזעלכע בילדער, וואָס איר האָט זיי

בּאַרעכהאַשעם באַ זיך אין ייִדישן קרײַז טאָגטעג־לעך געגעגנט אויף יעדן שריט און טריט. פאַר אײַערע ליטעראַרישע ווערק דאַרפט איר ניט גיין ערגעץ־ווו זוכן מאַטעריאַל, — איר האָט זיי אַרום זיך פון אַלע זײַטן. ווו איר גיט זיך נאָר אַ קער, — אין הויז, אין מאַרק, אין גאַס, — שעפּט איר און פאַנגט אומעטום גיך און גרינג לעבעדיקע צאַפּל־דיקע ייִדישע טיפּן און אַלערלײַ בילדער איבער־געגנוג. איר דאַרפט זיי באַ קײנעם ניט לײַען, ניט באַרגן, ניט אָפּנעמען. וואָס זשע דען? פאַרוואָס פאַרכאַפּט איר אַמאָל אַ פרעמדן סוזשעט? מיס־טאָמע מוז דאָס זײַן אַזוי: ווען איר לעזט עמעצנס אַ ווערק, ווערט דאָס באַ אײַך אין מויעך פאַר־נאָטירט אין בלאָקנאָט פון אײַער זיקאָרן, און נאָכדעם אין פאַרלויף פון צײַט פאַרגעסט איר גאָר, אַז דאָס איז פרעמדס און איר רעכנט דאָס אַרײַן אין אקטיוו פון אײַער אייגענעם אייגנס. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז אַזאַ ניט־ווילגעבאָ־רענער אייגנס קאָן עפּשער טאַקע באַשטעטיקן פּרודאָנס באַוווּסטע באַשטימונג, אַז „אייגנס איז — גנייווע“.

— דעהײַנו? — האָט שאָלעם־אַלייכעם זיך אָנגעשטויסן. — רופט דאָס ווי איר ווילט, אָבער זאָגט שוין אָפן, דײַטלעך, קאָנקרעט, וועגן וואָס רעדט זיך דאָס?

— דעהײַנו, — האָב איך רויִק געענטפערט, — אָט, לעמאָשל, די קלײנע נאָוועלן אײַערע, וועלכע האָבן דאָ אונדז איצט פאַרשאַפט גרויס פאַרגע־ניגן. מײַלע, אַז אײַער ערעוופיסעכדיקע באַשרײַ־בונג שמעקט אַ היפּש ביסל מיט שאַצקעסעס אייגנס („דער ייִדישער ערעוו־פּייסעך“) — דאָס וועט אפילע שאַצקעס אַליין ניט אָפּלייקענען, נאָר אַז איר האָט זיך דערלויבט אָפּצונעמען באַ דעם אָרעמען דאַליצקי זײַן אײן־אײנציקע ציג, — דאָס, רעכן איך, וועט איר אַליין ניט לייקענען.

— וואָסער ציג, וואָסער דאַליצקי? — האָט שאָלעם־אַלייכעם, ווי באַווונדערט, אַ פרעג געטאָן.

— אָט אײַער קאָזאָדאָיעווקער ציג, זאָל געזונט זײַן, — האָב איך אים גאַנץ געלאַסענערהייט געענטפערט, — אָט נעמט די געשיכטע מיט אײַער קאָזאָדאָיעווקער ציג. איך געדענק גאַנץ גוט, אַז אין אײנעם פון די אַלטע בלעטלעך „האַ־מײליץ“, וועלכע געפינען זיך נאָך איצט באַ מיר, איז פאַראַן מ. מ. דאַליצקיס אַ פעליעטאָן „שימשון־האַגיבער“, אַ קאָמישע דערציילונג וועגן אַ כסידישן „גוטן־ייִדן“, וואָס ווען ער איז שטאַרק קראַנק געוואָרן און דאָקטוירים האָבן געהייסן געבן אים טרינקען יעדן טאָג פרישע ציגן־מילך, האָט מען האַסטיק געשיקט אין דער נאָענטסטער שטאָט קויפן אויפן מאַרק אַ גוטע ציג, און אײנער אַ קונדעס, אַ לעץ, האָט אין וועג קעסיידער גע־ביטן די ציג אויף אַ באָק און דעם באָק אויף אַ ציג, — פונקט ווי ער וואָלט האָבן געלעזן אײַער מײַסעלע



די ערשטע זײַט פונעם קסאָוויאַד פון י.־ל. גאַמזוס זיכרוינעס וועגן שאָלעם־אַלייכעמען

מיט דער קאָזאָדאָיעווקער ציג. פרעגט זיך דאָך: וויאַזוי קומט דאָס? וואָרשײַנלעך, ווען איר האָט זיך אַמאָל דורכשפּאַצירט אין דאַליצקיס פעליע־טאָן, איז אײַך אין אים געוויס זייער געפעלן געוואָרן אַזאַ מין „אַנדרויגענעס“, אַזאַ הערמאָ־פראַדישע פערזאָן, ווי זײַן פענאָמענאַלע ציג, וועלכע ווערט אַמאָל אַ ציג און אַמאָל אַ באָק, און באַקענענדיק זיך דאַן מיט דער ציג, האָט איר באַ זיך אין סײַפער־האַזיכרוינעס פאַרעגיסטרירט זי צווישן אַלע אַנדערע גוטע באַקאַנטע פערזאָנען און סוזשעטן; נאָכדעם, אַפּאַנעם, ווען עס איז גע־וואָרן די גזיירע אַרויסשיקן אַלע ייִדן פון מאָסק־ווע, און דער מאָסקווער דאַליצקי האָט זיך אַרויס־געריסן קיין אַמעריקע, האָט מיסטאָמע זײַן עלנט געבליבענע ציג דערקליבן זיך צו אײַך אין קאָזאָ־דאָיעווקע, און איר האָט זי אָנגענומען מיט קאָ־וועד ניט בלויז ווי אַ גוטע באַקאַנטע, נאָר גאָר ווי אַן אייגענע קרויווע, און ביפּראַט ווײַל דערצו איז דערווײַל דאַליצקיס „גוטער־ייִד“ געוואָרן באַ אײַך מעגוּלגל אין אַ גילגל פון אַ פּראָסטן שנײַ־דער, איז שוין בעמײלע דאַליצקיס מעטאַמאָרפאָ־זישע ציג געוואָרן באַ אײַך גאָר אַן אייגענע. האַ, עפּשער ניט אַזוי?

איך האָב געמיינט, אַז אַזאַ סאַרקאַסטיש אויס־געדריקטע דירעקטע באַשולדיקונג אין פּלאַגיאַט וועט אים געוויס זייער אופּרייצן, און ער וועט זיך צעבייזערן אָדער כאָטש נעמען פאַרענטפערן זיך, — ערשט ער שמייכלט זיך רויִק, גיט אויף מיר אַ ווײַלע אַ קוק און זאָגט זיך גאָר קאַלטבלוטיק:

— נו, גאַנץ רעכט, אָבער איר מיינט אַוודע, אַז אונדזער ייִדישע פייסעכדיקע ציג, די באַרימ־

טע כאַד־גאַדיע פון דער פייסעכדיקער האַגאָדע בא אונדזערע ייִדן, איז שוין גאָר אַזאַ ריין־קאָשערע ציג? איר ווייסט דען ניט, אַז אין פיל פייסעכדיקע האַגאָדעס איז אָף דער מייַסע מיט דער ציג, אָף דער כאַד־גאַדיע, דייַטלעך אָפּגעצייכנט, אַז קאַבאַליסטיש „איז אין דעם דאָ אַ סעקרעט“ (שי בזה סוד), — איז וואָס הייסט דאָס? דאָס הייסט, אַז וויבאַלד אַזוי שפּעט בא דער נאַכט עפּעס אַ ציג, סאַכאַקל פאַר צוויי גילדן, און דערצו נאָך עפּעס אַ סעקרעט, — פאַרשטייט זיך דאָך אַליין, אַז געוויס איז דאָס ניט אַנדערש ווי אַ געגאַנוועטע. הייַנט אויב איר זענט שוין יאָ אַזאַ סטראַפּטשע אייַנצושטעלן זיך פאַר געגאַנוועטע ציגן, וואָס זשע האָט איר דאָס יאָרנלאַנג גאָר פאַרשוויגן די פייסעכדיקע ציג, און איצט מיטאַמאָל זיך אַזוי אופגערעגט פון דער קאָזאָדאָיעווקער ציג?

איך האָב אַ לאַך געטאָן, אָבער איך בין געוועזן ניט צופרידן, וואָס ער וויל זיך אַרויסדרייען מיט אַ זייַטיקן גלייַכווערטל, און איך האָב אים אָפן געזאָגט:

— ניין, מייַן טייַערער, אופגערעגט בין איך ניט פון די ציגן, ניט פון דער פייסעכדיקער און ניט פון דער קאָזאָדאָיעווקער, נאָר פון די מאַרקהענדלער, וואָס כאַפּן פרעמדע ציגן און פאַרקויפן זיי פאַר אייגענע. דאָס איז ערשטנס, און צווייטנס — דער שאַכער־מאַכער פון דער פייסעכדיקער כאַד־גאַדיע האָט דאָך אָף דער ציג זייַן נאָמען ניט אויסגעשטעלט, געבליבן אַנאָנים, און מע קאָן אים ניט כאַפּן, אָבער בא דער קאָזאָדאָיעווקער ציג איז דאָך אָף די הערנער אויסגעקריצט דער עטיקעט פון דער פירמע „שאָלעם־אַלייכעם“.

די עטלעכע ווערטער האָבן אים, ווי עס שייַנט, ווירקלעך עטוואָס פאַרבייזערט. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן און כאָטש עפּעס צוגעשמייכלט, אָבער שאַרף געזאָגט:

— איר זאָלט קיין פאַריבל ניט האָבן, נאָר מיר געדענקט זיך, אַז עמעצער אייַער אַן אָפּאָנענט, דאַכט זיך אין „האַצפירא“ אָדער אין „האַאַסיף“ האָט אַמאָל זיך אויסגעדריקט וועגן אייַך, אַז איר, רעב לייב, זענט אַפילע טאַקע אַ לייב, אָבער מיט קעצישע נעגל. וואָלט איך נאָך דערצו זאָגן, אַז אויך דער זיקאָרן איז בא אייַך אַ ביסל אַ קעצישער. בא אייַך זיצט מיסטאַמע אַ קאַץ אין קאָפּ, וויבאַלד איר האָט געקאָנט פאַרגעסן דעם גאַנצן שולכאָן־אָרוך, די גאַנצע יוריספּרודענץ וועגן אייגנטום־רעכט אין ליטעראַטור און קונסט, און איר געדענקט ניט אַפילע, אַז פיל גרויסע קלאַסישע ווערק, ווי, צום בייַשפּיל, זאָגאַר געטעס „פאַוסט“, שעקספּירס „האַמלעט“ און „ליר“ און נאָך אַנדערע זייַנען געבויט אָף פרעמדע סוזשעטן, און פונדעסטוועגן הייסן זיי ניט געגאַנוועטע ציגן.

דאָ בין איך שוין געוואָרן עטוואָס בייז און איך האָב אים גלייַך דערלאַנגט אַזאַ אויסגאַב:

— אַנטשולדיקט, איך האָב עפּשער געהאַט אַ טאָעס אין דעם, וואָס איך האָב געמיינט, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז ניט געטע און קאָזאָדאָיעווקער ציג איז ניט פאַוסט. אויב אַזוי, בעט איך דערפאַר מעכילע. אָבער אין עצעם שייַלע ביכלאַל האָב איך די טוירע ניט פאַרגעסן. בא מיר קומט אויס, ערשטנס, אַז צווישן סוזשעטן איז פאַראַן עפּעס אַ כילעק, און ניט אַלע סוזשעטן זייַנען גלייַך: אויב דער סוזשעט איז געגרינדעט אָף אַ היסטאָרישער פּערזאָן אָדער אָף אַ ווירקלעכן פאַקט, איז ער מער העפקערדיק, מער אַלגעמיינשאַפטלעך, מער פרייַ דערגרייכבאַר פאַר יעדערן צו באַנוצן אים אין פאַרשיידענע פאָרמען; אויב אָבער דער סוזשעט איז אַ פּראָדוקט פון אייגענער פאַנטאַזיע, אַ דערקלערטער געדאַנק זעלבסט פון זייַן פאַרפאַסער, ווערט שוין אויך גרעסער און שטרענגער זייַן אייגנטום־רעכט. צווייטנס, באַנוצן עמעצנס אַ סוזשעט צו באַשאַפן און באַאַרבעטן פון אים גאָר אַ נייַ זעלבשטענדיק ווערק, — דאָס איז זיך איינס, אָבער נעמען אַ מייַסעלע, איבערזעצן פון העברעיִש אָף זשאַרגאָן (ייִדיש), עפּעס אַ ביסל איבערניצעווען און אַרויסגעבן דאָס פאַר אַן אייגנס, — דאָס קוואַליפיצירט זיך שוין עפּעס גאָר אַנדערש. און דאָס קראַץ איך אייַך, ניט ווייַל בא מיר זייַנען — ווי זאָגט איר — קעצישע נעגל, נאָר ווייַל איך אַליין אין דער הינזיכט האַלט זיך טאַקע זייער „שטרענג קאָשער“. אָט, לעמאָשל, אין מייַן העברעיִשער „עזרא“ געפינען זיך עטלעכע געלייִענע ווערטער, זייַנען זיי אָפּגעצייכנט אַלס ציטירטע. אָדער אָט מייַן העברעיִשער „אַברבנאַל“, וואָס דעם סוזשעט האָב איך גענומען פון כאַשקעסעס ניט קיין געדרוקטער, נאָר מאַנוסקריפּטישער רוסישער שריפט, איז קימאַט דורכויס מייַנער אַן אייגענער אָריגינאַל, און כאַשקעס האָט אין אים אַפילע קיין הונדערטכיילעק ניט, און פונדעסטוועגן איז ער געדרוקט אַלס ווי אַן איבערזעצטער פון כאַשקעס. פאַרוואָס? ווייַל די נעגל, כאָטש קעצישע, אָבער דער יוישער איז בא מיר ניט קיין קעצישער צו קאָנען נאַשן פון פרעמדע טעפּ. דאָסגלייַכן אָט אין די עטלעכע מייַנע מאַנוסקריפּטישע ייִדישע לידער, וועלכע איר האָט אָקאָרשט דאָ בא מיר דורכגעקוקט, הייבט זיך אָן איין ליד מיט די ווערטער „באַם פענצטער שטייט די מוטער, אין בעטל ליגט די זון“, און ווייַל גראָד צופעליק פונקט אַזוי הייבט זיך אָן אויך בא היינען זייַן ליד „די וואַלפאַהרט נאַך קעוולאַאַר“, האָב איך די צוויי שורעס באַצייכנט מיט אָנפירונגס־צייכן אַלס ניט אייגענע, נאָר ציטירטע, קעדיי מע זאָל ניט כוישעד זייַן, אַז היינע האָט אַרויסגעכאַפּט צוויי שורעס פון מייַן ליד, ביפּראַט נאָך, וואָס — ווי מיר געדענקט זיך — גראָד צו דעם ליד זייַ־

נעם האָט מײַן הײַנע געמאַכט ניט ווי אײַער שאַ־לעם־אַלייכעם: ער האָט צוגעשריבן א באַמער־קונג, אז דער סוזשעט איז ניט זײַן אײגענער. אָט קאָנט איר, אגעוו, זען, אז דער זיקאָרן איז בא מיר נאָך ניט גאָר קיין קעצישער.

שאָלעם־אַלייכעם האָט א רײַב געטאָן דעם שטערן און גיט מיר א זאָג:

— אוי, זענט איר דאָס א פּאַרביסענער!

וואָס הייסט דאָס וואָרט „פּאַרביסענער" און וואָס האָט ער דערמיט געמיינט, — צי געלויבט, צי געטאַדלט, האָב איך דײַטלעך ניט פאַרשטאַנען. נאָר אָפּשווײַגנדיק א צוויי־דרײַ מינוט, האָט שאָ־לעם־אַלייכעם ווידער געווענדט זיך צו מיר און האָט געזאָגט:

— קאָן זיך דאָך אײַך כאַלעמען, אז איר זענט גאָר גערעכט, — זענט איר פּאָרט ניט גערעכט. מיילע, וועגן שאַצקעסעס „יִדישער ערעוו־פּיי־סעך", וועלכן איר האָט דאָ אָנגעוויזן, איז גאָר נישטאָ וואָס צו ריידן. דער יִדישער ערעוו־פּיי־סעך געהערט צו שאַצקעסן ניט מער ווי צו מיר און צו אײַך און צו אַלע יִדן פון א גאַנץ יאָר. דער יִדישער ערעוו־פּייסעך איז ניט קיין פרײַ־וואַטער, נאָר א קאָהאָלשער געבענטשטער פאָלקס־אייגנס, וואָס יעדער ייד ווערט פון אים געענוג אַרויסגעצויגן און יעדער ייד איז אָף אים אזא באַלעבאָס, אזוי ווי שאַצקעס מיט שאָלעם־אַלייכעמען צוזאַמען. דער יִדישער ערעוו־פּיי־סעך באַזיצט א גאַנצע גאַלערייע פון אַלערליי פּילפּאַרביקע בילדער, וואָס יעדער קאָן און מעג זיי מאָלן און איבערמאָלן ווי ער וויל, אזוי ווי יעדער פון די באַרימטע רוימישע מאָלער האָט געמאָלט די אַלוועלטלעכע „הייליקע מויד" ווי אים האָט זיך געוואָלט. ווײַטער, בענעגייע צו דער קאָזאָדאָיעווקער ציג, דאַרפט איך וויסן, אז אזא מײַסע ציג איז גאָר ניט מעכוּיעוו צו שטאַמען אורשפּרינגלעך פון דאַליצקין אָדער פון שאָלעם־אַלייכעמען אָדער ביכלאַל פון עמעצנס א פאַנ־טאַזיע. גאַנץ מעגלעך, אז שטאַמען שטאַמט זי אויך פון ווירקלעכער פּראַקטיק, פון עטוואָס אָן ענלעכן צופאַל, וועלכער האָט געקאָנט אמאָל — דורך קונדייסערײַ אָדער דורך א טאָעס — טאַקע ערגעץ־ווו טרעפן, און בעמיילע מיט דער צײַט האָט זי זיך פון מויל צו מויל, נאַטירלעך, אויס־געבילדעט אין א מאַטעריאַל פאַרן פאָלקסטימ־לעכן קאָמיזם. אזא פאַבל קאָן יעדער שרײַבער און מאָלער באַנוצן און קאָנסטרויִרן, טראַנספּאָר־מירן און וואַריִירן אָף וועלכע „אָרט און ווײַזע" ער וויל, לויט די באַדינגונגען פון אָרט און צײַט. א ציג, דאַרפט איר וויסן, האָט זיך אויך איר מאַזל. אײַער דאַליצקין איז אויסגעקומען צו שלעפן די ציג צו כסידים און צו זייער „גוטן־יִדן"; מיר איז אויסגעקומען צו שלעפן די ציג צו אַן אָרעמען שנײַדער, און די באַוווּסטע כעלע־מער כאַכאָמים איז אויסגעקומען צו שלעפן די הונגעריקע ציג אין דער הייך אָף א דאַך מיט שטרוי. יעדנפאַלס איז אזא ציג א קאָהאָלשע ציג. דאָ, בא דער קאָזאָדאָיעווקער ציג, דאָס הייסט בא מיר, איז אין גרונט וויכטיק ניט אזוי אַליין די גרויסע כאָכמע פון דעם פאַרבײַטן די ציג אָפּן באָק און דעם באָק אָף דער ציג, ווי איבערהויפּט דאָס רעאַלע בילד פונעם קליינשטעטלשן יִדישן לעבן. די קאָמישע מעטאַמאָרפאָזן פון דער ציג זײַנען דאָך מער ניט ווי געווירצן צו א געקעכטס אָדער גאָר ווי א האָמען־קלאַפּל צו דער מעגילע. די גאַנצע מײַסע ציג איז דאָ מער ניט ווי א קאַנ־ווע, ווי א וועב־זײַד, אָף וועלכע עס ווערט גע־וועבט און געמוסטערט א בילד פון א גאַנצן יִדישן קרײַז מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון זײַן מאַטעריעל און קולטורעל טראַגיקאָמיש לעבן. איך האָב נאַיִוו געמיינט, אז דאָס, וואָס עס פאַר־שטייט זיך זעלבסט, וועט איר געוויס אַליין אויך פאַרשטיין, און אינטערעסירן וועט אײַך נאָר די באַארבעטונג פון דער קינסטלערישער זײַט. ערשט וואָס טוט איר, רעב לייב? איר נעמט און הייבט גאָר אָן טאַפּן און מעלקן די ציג. פע, פע! כלעבן, איר זענט דאָך עפּעס א מענטש מיט א נאָמען, עפּעס א מענטש, וואָס קאָטאָרי, — פע, וואָס פאַר אַן אייסעק איז דאָס פאַר אײַך צו דריגענען זיך מיט א ציג.

איך האָב זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, און ער האָט אויך מיטגעלאַכט. דערווײַל האָט זיך מײַן פרוי אַרײַנגעמישט מיט א באַמערקונג, אז כאָטש אקאַ־דעמיש האָט אונדזער דיספּוט געוויס א באַוווּ־סטע ווערט, אָבער אונדזער ווערטלעכער באָקס פאַרציט זיך צו לאַנג, און דער געסטלעכער טיש בלײַבט באַלײַדיקט דערמיט, וואָס מיר פאַרזוכן ניט פון דעסערט־שפּײַז. האָט זי אונדז אָנגעגאָסן גלעזלעך ליקיאָר, אַלס שאָלעם־גלעזלעך, און מיר האָבן זיך ביידע געזאָגט לעכאַיִם. מיר האָבן פאַרבראַכט נאָך א היפּשע ווײַלע, ווידער א ביסל געפּילפּלט זיך, דערמאָנט און קריטיזירט עטלעכע העברעיִשע און יִדישע שרײַבער, אָנגערירט אויך די צאָרעסדיקע „יִדישע פּראַגע" ביכלאַל, און ווײַל עס איז שוין געוואָרן צו שפּעט, האָט שאָ־לעם־אַלייכעם זיך א כאַפּ געטאָן און אָנגעהויבן נעמען אָפּשייד. ער האָט זיך געזעגנט מיט אונדז זייער פרײַנטלעך. איך און מײַן פרוי האָבן אים אויסגעדריקט א הערצלעכסטן דאַנק פאַר זײַן פרײַנטלעכן וויזיט, און ער האָט אונדז זייער באַ־דאַנקט פאַר דער גאַסטפרײַנטלעכער אופנאַמע. איך האָב אים, אגעוו, געבעטן איבערגעבן פון מײַן נאָמען א הערצלעכן גרוס מײַנע באַקאַנטע ליטע־ראַטן אין קיִעוו יעהאַלעל, ווײַסבערגן און שול־מאַנען.

באַגלייט אים אין קאָרידאָר ביז צום אויסגאַנג, האָבן מיר ווידער פרײַנטלעך געדריקט זיך די הענט. שוין גאָר באַם טיר האָט ער זיך געווענדט צו מײַן פרוי און האָט איר געזאָגט:

— און אײַך, פרוי גאמזע, בעט איך זייער, ניט לאָזן אײַער ליבן מאן זיך באַלעווען — ער זאָל ניט אָפּשטיין פון דער ליטעראַטור און ניט פאַרוואַרפן זײַן פעדער.

— ספּאַסיבאָ! — האָב איך זיך אָנגערופן. — צוליב אײַך וועל איך שוין זען צו זײַן גוט און פרום, און איך וועל שוין, ווי נאָר עס איז מעג־לעך, נעמען זיך א ביסל צו שרײַבערײַ, ביפראַט וואָס צוערשט האָב איך דאָך איצט שוין א פאַר־טיקן רײַכן מאַטעריאַל — צו באַשרײַבן שאָלעם־אַלייכעמס וויזיט בא מיר.

— גליייבט מיר, — האָט ער געזאָגט, — שאָ־לעם־אַלייכעם אַליין ווינטשט אײַך בעסערע און וויכטיקערע מאַטעריאַלן. זײַט געזונט!

— גליקלעכע רײַזע!

בריוו פון שאָלעם־אַלייכעמען צו י.־ל. גאמזון[1]

1242 **(1889 — 25/4)**

כאָשעוועער הער!

שיין האָט איר געפרעגט; איך צווייפל אָבער ניט, אז איר האָט געזען דעם הער לעווינסקיס ארטיקל אין „המליץ״ און אויך מײַן ענטפער (נומ. 80)[2].

איר האָט פאָרגעלייגט גוטע און אויסגעצייכנטע זשאַרגאָן־לידער. דערויף ענטפער איך אײַך: שיקט, מײַן הער, צו נאָך, לאָמיר אויך זען אײַערע אנדערע גוטע און אויסגעצייכנטע לידער; פאַר די, וועלכע איך וועל קאָנען אײַנשליסן אין דעם צווייטן נומער פון דער „ביבליִאָטעק״, וועל איך אײַך מיט פאַרגעניגן צאָלן פון צען ביז צוואַנציק קאָפּ. פאַר יעדער שורע, אויב זיי זײַנען, ווי איר זאָגט, גוטע.

אײַער שאָלעם־אַלייכעם

1289 **(1889 — 8/5, באָיארקע)**

מײַן כאָשעוועער הער!

אײַער אויסגעצייכנטע ליד האָב איך באַקומען און געפונען אין אײַך א גוטן טאַלאַנט. און איך זע, איר ווייסט, אז ס׳איז פאַראַן א געזעץ, וואָג און מאָס, אויך פאַר זשאַרגאָן־לידער, כאָטש אין עטלעכע ערטער זינדיקט איר קעגן די דאָזיקע געזעצן און דינים, און עס איז ארויס א „יאַמב״ אַנשטאָט א „כאָריי״.

נאָר ס׳איז נאָך דאָ אָרט און צײַט צו פאַריכטן דעם פעלער. אָבער וועגן דעם עצעם אינהאַלט פון דעם ליד קאָן איך ניט מאַסקים זײַן מיט אײַך, ווײַל ווער וועט אין די איצטיקע ביטערע צײַטן קומען ריידן הארבע רייד מיטן ראָוו פון שטאָט און אָפּלאַכן פון זײַנע בגאָדים און פון זײַנע לאַנגע פּייעס? אָבער פון דער אנדערער זײַט, האָט איר זייער גוט געטאָן, וואָס איר דעקט אויף אָפּן די שאַנד פון דעם ראָוו, וועלכער זיצט אַף זײַן ראַבאָנעס, ווי א הון אַף אירע אייער.

מײַן הער! מיר טוט באַנק דאָס דאָזיקע שיינע ליד אײַערס, און איך אייצע אײַך, אויב איר וועט מיך נאָר וועלן פאָלגן: טרעט ארויס מיט אײַערע פײַלן אנטקעגן ביידע ראַבאָנים מיטאמאָל, דעם שטאָט־ראָוו און דעם „קאַזיאָנעם״ ראָוו. מיט איין סטיל, מיט איין וואָג און מאָס, און רופט אָן אײַער ליד „צווייערליי ראַבאָנים״. און דעם אייַ־ראָפּעיִשן ראָוו זאָלט איר דערלאַנגען א גאָב, א צווייענדיקע פּאָרציע. און איר זאָלט קורץ און שאַרף דערציילן זײַן געשיכטע און ביִאָגראַפיע און וועגן דער טעטיקײַט פון דעם דאָזיקן הער, וועלכער ליגט אַף די מעטריקעס און רײַסט פון לעבעדיקע און טויטע. דאַן וועט זיך באַקומען גאָר א ווונדערלעכער עפעקט. און גאָט זאָל אײַך געבן א האַרץ צו פאַרשטיין און וויסן, אז בלויז אײַער טויווע וויל

אײַער קנעכט שאָלעם אַלייכעם

1344 **(1889 — 28/5, באָיארקע)**

מײַן טײַערער הער!

וויסנדיק פאָרויס, אז איר וועט באַוויליקן מײַן פאָרשלאָג, וואָס איך האָב אײַך מיטגעטיילט אין מײַן פּאָסט־קאַרטל נומ. 1341, שיק איך דאָ אײַך אָפּ אײַער ליד מיט די סימאָנים און באַצייכענונ־גען, און איר דאַרפט דאָס ליד אומקערן אויסגע־בעסערט, פאַרשענערט און באַפּוצט, אזוי גוט ווי אײַער דיכטערישע האַנט איז דאָס אימשטאַנד. איר האָט דאָס רעכט צוגעבן אָדער אַראָפּנעמען דערפון, נאָר איך בעט אײַך, איר זאָלט ניט פאַר־געסן, אז לויט מײַן מיינונג איז דער סוביעקטי־ווער עלעמענט (די ביִאָגראַפיעס פון די ראַבאָ־נים) ניט גאָר געלונגען און אנטשפּרעכט ניט דעם אָביעקטיוון געדאַנק, אַף וועלכן עס באַזירט זיך דאָס ליד. דעריבער וועט גאָרניט לײַדן, אויב מע וועט אָפּוואַרפן די דאָזיקע (איבעריקע) פע־דערן.

דאָסגלײַכן בעט איך אײַך, מײַן הער, אכטונג געבן אַף דער אָרטאָגראַפיע, איך זאָל ניט דאַרפן ווידער איבערשרײַבן דאָס ליד, וואָרעם אײַער האַנטשריפט איז ריין און שיין אַף כידושים. אויב איר וועט פאָלגן מײַן אייצע, וועט ארויס בא אײַך אַן אויסגעבעסערטע און פּאַסיקע זאַך, און איר זאָלט מיר אנטשולדיקן, וואָס איך האָב זיך דער־לויבט ארײַנטראָגן אויסבעסערונגען אין אײַערע ווערטער, איידער איך האָב באַקומען אײַער האַס־קאָמע, ווײַל די צײַט איז קורץ און ארבעט האָב איך זייער פיל.

מיט אכטונג און גרוס,

אײַער שאָלעם־אַלייכעם

רעדאקציע פון דער „יודישער פאָלקס־ביבליאָטעק״
אָדעס, 1892 — 10/8, תרנ״ב.

כאָשעוור הער!

שיקט צו, וועלן מיר זען. איר זענט גערעכט מיט אײַער אורטייל וועגן דעם באוווּסטן רעדאקטאָר, וואָס פארשטייט גאָרניט אין פּאָעזיע און מאכט לידער אין די טויזנטער און צענטויזנטער![3]

אײַערע לידער אין דעם „בית העקד״[4] האָב איך געזען, און, ווי מיר דאכט, זענט איר איינער פון די ווייניקע, וועלכע ווייסן, אז לידער האָבן זייערע געזעצן און פּאָעזיע אירע באפוצונגען.

אויב איר וועט אונדזער ביטע ניט פארעכענען ווי א פארמינדערונג פון אײַער קאָוועד, וואָלטן מיר אײַך פאָרלייגן, איר זאָלט אונדז באשרײַבן דעם צושטאנד און דעם לעבנסשטייגער פון די ייִדן אין אײַער שטאָט, אין דער „פאָלקס־ביבליאָטעק״ האָבן מיר געעפנט א ספּעציעלן אָפּטייל פאר קלאָרע און געלײַטערטע קאָרעספּאָנדענצן.

דער אָפּטייל פאר פּאָעזיע אין דער „פאָלקס־ביבליאָטעק״ איז פול און איבער די ברעגעס אָנגעלאָדן, נאָר פונדעסטוועגן וועט איר גאָרניט אָנווערן, סײַדן די פּאָסט־מארקן, אויב איר וועט אונדז צושיקן אײַערע כאָשעווע לידער.

מיט גרוס שאָלעם־אליכעם

---

[1] איבערזעצט פון העברעיִש.

[2] ס׳האנדלט זיך וועגן דער פּאָלעמיק איבער דער ייִדישער שפּראך און ליטעראטור, וואָס האָט זיך געפירט אין 1889 אף די שפּאלטן פון דער העברעיִשער צײַטונג „המליץ״. וועגן דעם איניען שרײַבט י.־ל. גאמזו אין זײַנע זיכרוינעס וועגן שאָלעם־אליכעמען פאָלגנדעס: „...נאָך אין 1889 יאָר אין איינעם פון מײַנע בריוו צו שאָלעם־אליכעמען האָב איך אים מיט אן אויסרייד אָנגעפרעגט, פארוואָס עפּעס טרעט ער דאָס ניט ארויס אנטקעגן די שאָוויניסטישע העברעיִסטן, וועלכע באשיטן דעם זשארגאָן מיט פעך און שוועבל, און אין זײַן בריוו צו מיר פון 25/4 1889 האָט מיר שאָלעם־אליכעם געענטפערט, אז אונטערדערסן האָט ער שוין אין נומער 80 פון דער העברעיִשער צײַטונג „האמייליץ״ טאקע מעכאבעד געווען די אנטיזשארגאָניסטן ווי געהעריק.

ווען דער באוווּסטער ליטעראט לעווינסקי האָט אָפּגעדרוקט אין „האמייליץ״ זײַן סאטירישן ארטיקל „יוחנן הסנדלר לפנים ועתה״ קעגן שאָלעם־אליכעמען און ראוווניצקין, בין איך אין זעלביקן „האמייליץ״ (נומ. 119 פון 1/6 1889) ארויסגעטראָטן מיט מײַן ארטיקל „תשובה כהלכה״, אין וועלכן איך האָב כויזעק געמאכט פון לעווינסקין און דערלאנגט אים א גאָב אזוי ווי ער איז ווערט געווען.

אין יענער צײַט, זײַענדיק שוין באוווּסט אין דער העברעיִשער ליטעראטור, האָב איך געפּרוּווט אָנהייבן שרײַבן אויך זשארגאָניש. איך האָב געשיקט שאָלעם־אליכעמען מײַנע זשארגאָנישע לידער, וועלכע זײַנען אים כאָטש געפעליק געווען, נאָר דאָך האָט ער מיר דערקלערט און געלערנט ווי און וואָס מע דארף זיי אויסבעסערן...״.

[3] אין א בריוו צו שאָלעם־אליכעמען האָט י.־ל. גאמזו קריטיקירט י.־ל. פּערעצן און זײַן צוגאנג צו פּאָעזיע. דער בריוו איז שאָלעם־אליכעמס אן ענטפער וועגן דעם. אין יענע יאָרן זײַנען די באציִונגען צווישןביידע קלאסיקער געווען אָנגעשטרענגט. שאָלעם־אליכעם איז דעמלט באזונדערס געווען אופגעבראכט אף דעם „באוווּסטן רעדאקטאָר״ (פּערעץ), פארוואָס ער האָט זײַנע ליטערארישע זאמלביכער אויך אָנגערופן „ייִדישע ביבליאָטעק״. אין זײַנע זיכרוינעס וועגן שאָלעם־אליכעמען פארצייכנט י.־ל. גאמזו אזא מין עפּיזאָד:

„צווישן מײַנע מאנוסקריפּטן האָט זיך גראָד פארוואלגערט מײַנע אן אלטע ליד „אין דריבישקער קלײַזל״, וואָס אין יאָר 1891 האָב איך זי געשיקט פּערעצן און ער האָט זי ניט אָנגענומען... וויסנדיק, אז שאָלעם־אליכעם איז געווען אָנגעשטרענגט קעגן פּערעצן און דערמאָנענדיק זיך, אז אין איינעם פון זײַנע בריוו צו מיר (פון 10/8 1892) האָט שאָלעם־אליכעם מיר געשריבן, אז פּערעץ „פארשטייט גאָרניט אין פּאָעזיע״, האָב איך דערלאנגט דאָס ליד שאָלעם־אליכעמען און דײַטלעך אָנגעוויזן אים פאָרויס, אז דאָס איז א ליד, וואָס פּערעץ האָט פארבראקירט. איך האָב גערעכנט, אז צו לעהאכעס פּערעצן וועט שאָלעם־אליכעם געוויס נאָך גרעסער און העכער שעצן און לויבן דאָס ליד. ערשט — ניט געטראָפן. שאָלעם־אליכעם האָט דורכגעלעזן דאָס ליד זייער אופמערקזאם, אָפּגעשטעלט זיך אף עטלעכע ערטער, באטראכט, און ענדלעך גיט ער א זאָג:

— איר ווייסט וואָס? אײַער דאָזיקע ליד, כאָטש פּערעץ האָט זי פארבראקירט, אָבער — זי טויג טאקע ניט.

דערצו האָט ער מיר גלײַך אָנגעוויזן אף עטלעכע גאנצע סטראָפן און האָט מיר דערקלערט זייערע אינערלעכע און אויסערלעכע, סטיליסטישע און מאָלערישע פעלערן״...

כאראקטעריסטישע שטריכן וועגן פּערעצן ביכלאל און זײַן באציִונג צו דעם דאָזיקן ליד ביפראט ווערט דערציילט אין דעם זייער אינטערעסאנטן בריוו פון יאנקעוו דינענזאָן, וואָס מיר פארעפנטלעכן אין דער הײַנטיקער פּובליקאציע.

[4] „בייס אייקעד״־ביבליאָטעק. א העברעיִשער ליטערארישער זאמלבוך, דערשינען אין 1892 אין קיִעוו. אין דעם זאמלבוך זײַנען געווען געדרוקט יעהודע־לייב גאמזוס צוויי העברעיִשע לידער.

א בריוו פון י. דינעזאָן צו י.־ל. גאמזו[1]

ווארשע, 26 יול 1891.

כבוד הסופר המצוין נעלה ומאד נכבד וכו׳ מו״ה יהודה לייב גאמזו נ״י!

אײַער טײַערע ליד „אין דריבישקער קלײַזל״ איז ארײַנגעפאלן צו מיר אין די הענט נאָך פריִער ווי אין די הענט פון הער פּערעץ, ווײַל מײַן פרײַנט איז ניט געווען אין דער היים און ער האָט מיך באפולמעכטיקט צו דערהאלטן די בריוו, וואָס קומען צו אים אָן, זיי עפענען און ענטפערן אף זיי. און אז איך האָב איבערגעלעזן אײַערע גינ־

גאָלדענע ווערטער, האָב איך, אין פּולן זינען פון דעם וואָרט, געהאַט אַ גײַסטיקן פאַרגעניגן. איך האָב זיך טײַקעף געײַלט און געבראַכט אײַער ליד צו מײַן פרײַנט ה״ש[2], וואָס איז דאָ דער מעלוכע־צענזאָר. אויך ער האָט זיך דערפרייט מיט אײַער ליד ווי מיט אַ געפונענעם טײַערן אוצער. און ווי אַ באַווײַז, אַז אַלע אײַערע ווערטער זײַנען אים ליב און אָנגענעם, האָט ער זיי געשאָנעוועט און אַפילו ניט אויסגעמעקט דאָס וואָרט „פּאָגראָמען", וואָס מע טאָר ניט דערמאָנען אַפילו ווען מע באַנוצט עס לעגאַבע אויסלאַנד. ער האָט מיט זײַן אייגענער האַנט פאַריכט, וואָס ער האָט פון אָנפאַנג געקלערט צו פאַריכטן, און האָט מיט רױטן טינט אָנגעצייכנט דעם אַס „Ф" אַלס צייכן, אַז ער האָט עס דערלויבט צו דרוקן.

אונדזער פרײַנט אָבער, דער הער רעדאַקטאָר, האָט זיך גראָד אין יענעם טאָג אומגעקערט פון לובלין, און ווען איך האָב אים, מיט אַן אינערלעכער פרייד, געוויזן אײַער שיינע ליד, איז אָף אים אַרופגעפאַלן עפּעס אַ שלעכטער גײַסט. איך פאַרשטיי ניט, וואָס עס איז מיט אים געשען, פאַרוואָס ער איז בייז און צאָרנדיק געוואָרן. (...)

קאָרעוו אַ וואָך צײַט האָב איך באַ זיך נאָך געהאַלטן אײַער ליד, געהאָפט, אַז ער וועט זיך צוריקציִען פון זײַן קרומען אורטייל און עס אָננעמען צום דרוק. ביז הײַנט אָבער האַלט ער זיך באַ זײַן ווידערשפּעניקײַט. און דערפאַר וועל איך שוין מער ניט לאָזן רוען די אוולע אין מײַן געצעלט און שיק אײַך אָפּ די ליד מיט מײַנע בראָכעס און פאַרזיכערונגען שטענדיק צו בלײַבן אײַער עמעס איבערגעגעבענער פרײַנט, וואָס שעצט אײַך אין יעדער צײַט

יאַקאָוו דינעזאָן

---

[1] איבערזעצט פון העברעיִש. געקירצט.

[2] ה״ש — הער שאַלאַם, פּסעוודאָנים פון אוורום־שאָלעם פרידבערג, דעם העברעיִש־ייִדישן שרײַבער און איבערזעצער. אין די יאָרן 1888—1891 איז ער געווען אין וואַרשע דער מעלוכע־צענזאָר.

אַ בריוו פון אוורום רייזען צו י.־ל. גאַמזו[1]

ניו־יאָרק, 9 פעוורואַל 1936

זייער געשעצטער און פּילגעערטער קאָלעגע און פרײַנט י.־ל. גאַמזו!

איך פּיל זיך שולדיק קעגן אײַך: אָף אײַער בריוו מיט אַזויפּיל אינטערעסאַנטע היסטאָריש־ליטעראַרישע פּראַטים האָב איך אַזוי לאַנג ניט געענטפערט. ס׳איז שוין אָבער אַזאַ צײַט — און עפּשער אַזאַ לאַנד — מע איז שטענדיק פאַריאָגט — אַפילו שרײַבער, מיר גייען אַלע אין שפּאָן פון דער צײַט, האַגאַם דער גרויסער פּושקין האָט זיך שוין אָף דעם מיט 100 יאָר צוריק באַקלאָגט — אין זײַן ליד „טעליעגאַ זשיזני" — לויט איך געדענק עס נאָך פון מײַן פּריסטער יוגנט.

אײַער בריוו איז ווי היינע זאָגט — אַ גאַנצער מאַנוסקריפּט. ס׳איז טאַקע קענטיק, אַז איר זענט אין דער ייִדישער ליטעראַטור פאַרליבט. איז אַ סימען, אַז איר זענט נאָך יונג. עמעס, עס קומט אײַך ניט קיין דאַנק: ווו נאָך קען מען דען זיך, אידייִש און גײַסטיק, אַזוי פילן יונג, ווי אין לאַנד פון סאָוועטן. איך בין דאָרט געוועזן פון אָנהייב יאָר 1929 — ביז מאַרט, און האָב מיך אין די עטלעכע מאָנאַטן דערפילט ייִנגער אָף יאָרן, ניט געקוקט אָף מאַנכעס, וואָס האָט מיך ווייט געטאָן, ווי, לעמאָשל, די עמלטיקע לאַגע פון אַ צאָל נאָך דעקלאַסירטע ייִדן. איצט וואָלט איך זיך שוין געפילט דאָרטן אינגאַנצן יונג און גליקלעך — די לאַגע איז אַזוי געבעסערט. (...)

עס פרייט מיך זייער, וואָס איר האָט געלייענט אין דריטן טייל „עפּיזאָדן פון מײַן לעבן" מײַנע עטלעכע וואַרעמע צײַלן וועגן דעם שטאַרקן אײַנדרוק, וואָס אײַער ליד, געדרוקט אין פּערעצעס „ייִדישע ביבליאָטעק", 1892, האָט אָף מיר געמאַכט[2]. אויך אײַער פּאָעמע „יאָסל בערס און יאָסל שמײַעס" אין דער זעלביקער פּערעץ־ביבליאָטעק האָט מיך אין יענער צײַט שטאַרק באַגײַסטערט. זי איז נאָך טיילווײַז הײַנט, לײַדער, אַקטועל אין געוויסע לענדער, ווי אין פּוילן, דײַטשלאַנד און רומעניע. אין דעם ליכטיקן סאָוועטנפאַרבאַנד וועט זי שוין דער יונגער דאָר ניט פאַרשטיין אָן דערקלערונגען פון עלטערן לערער.



אוורום רייזענס בריוו צו י.־ל. גאַמזו

אײַער קאָפּיע פון דינעזאָנס בריוו צו אײַך וועגן פּערעצן איז גוואַלדיק אינטערעסאַנט. דער אָריגינאַל איז ווערט אַן אוצער. איך גלייב, אַז דער קיִעווער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט וואָלט אײַך פאַר אַזאַ בריוו פײַן באַדאַנקט. ווער רעדט דער „ייִוואָ" וואָלט אים „פאַרצוקערט", ווי מע פלעגט זיך אַמאָל אויסדריקן באַ אונדז אין ווײַס־

רוסלאַנד וועגן אַ זאַך, וואָס מע קען ניט אַזוי גרינג באַקומען.

ווענדט זיך צו קאַלמען מאַרמאָר אין קיִעוו[3].

אַוווּכיין נאָכאַמאָל: מײַן טיפסטן דאַנק אײַך פֿאַר אײַער וווּנדערלעכן אינטערעסאַנטן בריוו צו מיר און פֿאַר דער קאָפּיע פֿון דינעזאָנס בריוו. און פֿאַרגיט מיר, וואָס איך האָב אײַך ביז הײַנט ניט געענטפֿערט.

איך האָף, אַז מײַן בריוו וועט אײַך טרעפֿן אין דער בעסטער געזונטהײַט און אין אַ פֿריידיקער דיכטערישער שטימונג. איך געדענק אַפֿילע אײַערע העברעיִשע שירים פֿון אַמאָל און איך ווייס, וויִאַזוי צו שעצן אײַך, טײַערער קאָלעגע.

אײַער עמעסער פֿרײַנט און קאָלעגע

אַווראָם רייזען.

---

[1] געקירצט.

[2] אַ. רייזען האָט דאָ אין זינען י.־ל. גאָמזוס ליד „אַ ייִד איז געבוירן".

[3] קאַלמען מאַרמאָר (1879—1956) — שרײַבער און געזעלשאַפֿטלעכער טוער פֿון אַמעריקע, וואָס האָט זיך דעמלט פֿאַרנומען מיט וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען אין קיִעוו.

כראָניק

די עלטסטע געדרוקטע העברעיִשע שריפֿטן

עס ווערט 500 יאָר, זינט מע האָט אָנגעהויבן דרוקן ביכער אין דער העברעיִשער שפּראַך. אין שײַכעס מיט דער דאַטע האָט די ביבליאָטעק פֿונעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס אָרגאַניזירט אין וואַשינגטאָן אַן אויסשטעלונג פֿון זעלטענע העברעיִשע שריפֿטן.

דאָס ערשטע בוך אין העברעיִש איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 1475 אין קאַלאַבריע (איטאַליע).

י.־ל. פּערעצעס דערציילונגען אין דײַטש

דער בערלינער פֿאַרלאַג „פֿאָלק אונד וועלט" (דײַטשישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק) האָט אַרויסגעגעבן אַ באַנד פֿון י.־ל. פּערעצעס דערציילונגען אין דער דײַטשישער איבערזעצונג פֿון אַלעקסאַנדער עליאַסבערג און לידוויג שטראַוס.

די אויסגאַבע אַנטהאַלט אַריבער 300 זײַטן און שליסט אין זיך אײַן 25 דערציילונגען, זי איז פּראַכטפֿול אויסגעפֿורעמט מיט 50 ליטאָגראַפֿיעס פֿונעם באַוווּסטן סאָוועטישן ייִדישן קינסטלער טאַנכום קאַפּלאַן.

אין אַרײַנפֿיר־וואָרט ווערט צווישן אַנדערס געזאָגט: „י.־ל. פּערעץ איז געשטאָרבן אין 1915. מיט אים איז אַוועק ניט נאָר אַ באַדײַטנדיקער בעלעטריסט, דיכטער און עסעיִסט, נאָר אויך אַ גרויסער הומאַניסט און האַרציקער מענטש, וואָס האָט אומדערמידלעך געוועקט און גערופֿן דאָס פֿאָלק צו סאָציִאַלער און גײַסטיקער באַפֿרײַונג..."

נײַע אויסגאַבע פֿונעם „מעשה־בוך"

די ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט באַם אַרגענטינער „ייִוואָ" האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן דאָס באַרימטע „מעשה־בוך", געדרוקט לויט דער ערשטער אויסגאַבע אין אַלט־ייִדיש, וועלכע איז דערשינען אין באַזעל אין 1602.

נאָכן „בבא־בוך" (1541) און „שמואל־בוך" (1544) איז דאָס איינס פֿון די וויכטיקסטע ווערק פֿון דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור.

פובליציסטיק

צוויי צײַטונגס־מאַטעריאַלן אַף אײנער און דער זעלבער טעמע

מיר ברענגען דאָ צוויי צײַטונגס־מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן א שײַכעס צו אײנעם און דעם זעלבן איניען און זײַנען בײדע א פּויעל־יויצע פון א באזוך פון אן אמעריקאנער זשורנאַליסט אין ביראָבידזשאַן.

דעם לײענער וועט פון אָנהײב אויסזען גאַנץ אומגעריכט, וואָס עס זײַנען זיך אין אונ־דזער זשורנאַל „צונויפגעקומען" אזעלכע צוויי פארשײדענע צײַטונגען, ווי „דײלי אואָרלד" — די צענטראַלע טריבונע פון די פּראָגרעסיווע קרײַזן אין פּשא — און די צײַטונג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט „ביראָבידזשאַנער שטערן". די זאַך איז אָבער א גאַנץ פּאָשעטע. אין דער פאַרצײכענונג „טעג, פולע מיט אײַנדרוקן" דערצײלט דער קאָרעספּאָנדענט פון טאַסס אין כאַבאַראָווסקער קאַנט פּאַוועל ריאַבאָוו וועגן דעם אמעריקאנער זשורנאַליסט מאַיק דײווידאָוו און וועגן דער רײַזע זײַנער קײן ביראָ־בידזשאַן, און אין „ביראָבידזשאַנער רעפּאָרטאַזש" באַקאַנען מיר זיך מיט דעם אויפן, וויאַזוי דער זשורנאַליסט פון אמעריקע האָט געזען פון זײַן קוק־ווינקל דאָס לעבן אין ביראָבידזשאַן.

פּאַוועל ריאַבאָוו
קאָרעספּאָנדענט פון טאַסס (כאַבאַראָווסק)

טעג, פולע מיט אײַנדרוקן

מײַן רײַזע־באַגלײטער איז אויך א זשורנאַליסט. א פולבלעכער, מיט גראָווע האָר, איז ער נאָך אָבער זײער באַוועגלעך פאַר זײַנע 57 יאָר. ער שײדט זיך אַף קײן מינוט ניט מיט זײַן רעפּאָר־טיאָרישן בלאָקנאָט, פאַרצײכנט אין אים אַלץ, וואָס ער זעט און הערט. ער פאַרשיט מיך מיט פראַגן. אײניקע פון זײ זעען מיר אויס זײער נאַיִוו, נאָר דאָס איז לײַכט צו פאַרשטײן. איך בין אויס־געוואַקסן אין אָט דעם קאַנט, אַלץ איז מיר דאָ קלאָר און פאַרשטענדלעך. ער אָבער, דער מאָס־קווער קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „דײלי אואָרלד" — דעם אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ פון די פּשא — מאַיק דײווידאָוו איז אַפּן ווײַטן מיזרעך צום ערשטן מאָל.

מיר פאָרן קײן ביראָבידזשאַן. ביז דעם האָט מאַיק פאַרבראַכט עטלעכע טעג אין כאַבאַ־ראָווסק. פאַרבײַ דעם וואַגאָן־פענצטער שוועבן דורך סטויגן הײ אַף די לאָנקעס, בערעזע־וועלד־לעך.

אַף מײַן פראַגע — וואָס וועט מאַיק צום אַלעם ערשטן טאָן אין ביראָבידזשאַן, ענטפערט ער:

— זיך באַגעגענען מיט אן אינטערעסאַנטן מענטשן.

דער ערשטער מענטש, מיט וועמען ער האָט זיך באַקענט אין ביראָבידזשאַן, איז דער דירעק־טאָר פונעם רעסטאָראַן באַם נײַעם האָטעל אראָן לײבאָוויטש באָבראָווסקי. בײסן אָונטברויט האָט ער אונדז באַקאַנט מיט דער קונסט פון גרײטן

פּובליציסטיק

צוויי צײַטונגס־מאַטעריאַלן אַף איינער און דער זעלבער טעמע

מיר ברענגען דאָ צוויי צײַטונגס־מאַטעריאַלן, וועלכע האָבן אַ שײַכות צו איינעם און דעם זעלבן איניען און זײַנען ביידע אַ פּויעל־יוצע פון אַ באַזוך פון אַן אמעריקאַנער זשורנאַליסט אין ביראָבידזשאַן.

דעם לייענער וועט פון אָנהייב אויסזען גאַנץ אומגעריכט, וואָס עס זײַנען זיך אין אונדזער זשורנאַל „צונויפגעקומען" אַזעלכע צוויי פאַרשיידענע צײַטונגען, ווי „דיילי וואָרלד" — די צענטראַלע טריבונע פון די פּראָגרעסיווע קרייזן אין פּשאַ — און די צײַטונג פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט „ביראָבידזשאַנער שטערן". די זאַך איז אָבער אַ גאַנץ פּאַשעטע. אין דער פאַרצייכענונג „טעג, פולע מיט אײַנדרוקן" דערציילט דער קאָרעספּאָנדענט פון טאַסס אין כאַבאַראָווסקער קאַנט פּאַוועל ריאַבאָוו וועגן דעם אַמעריקאַנער זשורנאַליסט מאַיק דייווידאָוו און וועגן דער רײַזע זײַנער קיין ביראָבידזשאַן, און אין „ביראָבידזשאַנער רעפּאָרטאַזש" באַקאַנען מיר זיך מיט דעם אויפן, וויאַזוי דער זשורנאַליסט פון אַמעריקע האָט געזען פון זײַן קוק־ווינקל דאָס לעבן אין ביראָבידזשאַן.

פּ א ו ו ע ל   ר י א ַ ב אָ ו ו

קאָרעספּאָנדענט פון טאַסס (כאַבאַראָווסק)

טעג, פולע מיט אײַנדרוקן

מײַן רײַזע־באַגלייטער איז אויך אַ זשורנאַליסט. אַ פולבלעכער, מיט גראָווע האָר, איז ער נאָך אָבער זייער באַוועגלעך פאַר זײַנע 57 יאָר. ער שיידט זיך אַף קיין מינוט ניט מיט זײַן רעפּאָר־טיאָרישן בלאָקנאָט, פאַרצייכנט אין אים אַלץ, וואָס ער זעט און הערט. ער פאַרשיט מיך מיט פראַגן. אייניקע פון זיי זעען מיר אויס זייער נאַיִוו, נאָר דאָס איז לײַכט צו פאַרשטיין. איך בין אויס־געוואַקסן אין אָט דעם קאַנט, אַלץ איז מיר דאָ קלאָר און פאַרשטענדלעך. ער אָבער, דער מאָס־קווער קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „דיילי וואָרלד" — דעם אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פּשאַ — מאַיק דייווידאָוו איז אַפּן ווײַטן מיזרעך צום ערשטן מאָל.

מיר פאָרן קיין ביראָבידזשאַן. ביז דעם האָט מאַיק פאַרבראַכט עטלעכע טעג אין כאַבאַ־ראָווסק. פאַרבײַ דעם וואַגאָן־פענצטער שוועבן דורך סטויגן היי אַף די לאָנקעס, בערעזע־וועלד־לעך.

אַף מײַן פראַגע — וואָס וועט מאַיק צום אַלעם ערשטן טאָן אין ביראָבידזשאַן, ענטפערט ער:

— זיך באַגעגענען מיט אַן אינטערעסאַנטן מענטשן.

דער ערשטער מענטש, מיט וועמען ער האָט זיך באַקענט אין ביראָבידזשאַן, איז דער דירעק־טאָר פונעם רעסטאָראַן באַם נײַעם האָטעל אַראָן לייבאָוויטש באַבראָווסקי. בייסן אָונטברויט האָט ער אונדז באַקאַנט מיט דער קונסט פון גרייטן

מאיקס פאָטער האָט אין 1912 זיך אוועקגעלאָזט קיין אמעריקע נאָך א בעסער לעבן. ווען אין עטלעכע יאָר ארום איז געקומען צו אים זײַן מישפּאָכע און מיט איר אויך דער פּיריאָריקער מאיק, האָט דער אָרעמער פאָטאָגראַף זיי קוים געקאָנט אויסהאלטן.

מיט גרויס מי פארענדיקט די שול, האָט מאיק זיך אײַנגעאָרדנט אלס שווארצארבעטער פאר צען דאָלער א וואָך. אין די אָוונטן האָט ער זיך געלערנט אין קאָלעדזש. אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן, ווען אין אמעריקע האָט זיך פארשפרייט א מאסן־ארבעטסלאָזיקײַט, איז מאיק געווען צווישן די, וואָס האָבן אָרגאניזירט דעם קאמף פון די ארבעטער פאר זייערע רעכט. ער איז ארײַנגעטראָטן אין דער קאָמוניסטישער פארטיי. אָפט פלעגט אים אויסקומען קעמפן אין אונטערערד. מיט צען יאָר צוריק האָט ער אָנגעהויבן ארבעטן אין „דיילי אוואָרלד", וואָס דערשײַנט אף מיטלען, וועלכע מע זאמלט צווישן די אמעריקאנער ארבעטנדיקע.

א לענגערע ווײַלע האָבן מיר שווײַגנדיק געררייכערט, קוקנדיק אין וואגאָן־פענצטער. מאיק האָט זיך אָנגערופן:

— פון ערשטן אויגנבליק קאָן זיך אויסדאכטן, אז דאָס לעבן אין אמעריקע איז וווייל און פײַן, אָבער נאָר פון ערשטן אויגנבליק. אָט לאָמיר, אשטייגער, נעמען בילדונג. ניט יעדער יונגער אמעריקאנער קאָן זיך עס דערלויבן. די לערע אין קאָלעדזש באטרעפט 3000 דאָלער א יאָר. אין לאנד זײַנען פאראן בענק, וואָס ספּעציאַליזירן זיך אף פארקנעכטן די קינפטיקע אינזשעניערן, דאָקטוירים, יוריסטן. פאר פּראָצענטן גיבן זיי ארויס די סטודענטן די נייטיקע סומעס. נאָר נאָכן פארענדיקן דעם קאָלעדזש ווערן די ארויסלאָזניקעס אף פיל יאָרן קאָרבאָנעס בא די פּראָצענטניקעס.

דייווידאָוו ווייסט וועגן דעם גוט, ווײַל אף אזא אויפן האָט באקומען בילדונג זײַן עלטערער זון, — מע רופט אים אויך מאיק, — וועלכער פירט אָן אצינד מיט דער קאָמוניסטישער אָרגאניזאציע אינעם שטאט אינדיאַנא.

מאיק דערציילט וועגן דער פּראָגרעסיווער באוועגונג אין פשא, וועגן דעם, ווי דאָס אמעריקאנער פאָלק קעמפט פאר זײַן פרײַהײַט, וועגן דער פירנדיקער ראָל פון די קאָמוניסטן.

— עס איז זייער וויכטיק, — זאָגט ער, — צו דערציילן דעם אמעריאקנער פאָלק דעם עמעס וועגן סאָוועטנפארבאנד.

■

קיין מאָסקווע איז מאיק דייווידאָוו געקומען מיט 16 כאדאָשים צוריק צוזאמען מיט זײַן פרוי און דעם ייִנגערן זון. ער איז שוין געווען פאר אָט דער צײַט אין אוזבעקיסטאן, ווײַסרוסלאנד, קאזאכסטאן, לענינגראד און אָנגעשריבן עטלעכע סעריעס פארצייכענונגען און ארטיקלען וועגן דער פאָלקס־בילדונג אין סאָוועטנפארבאנד, וועגן קאָמיוג, וועגן די קאָלווירטן, וועגן די וואלן אין אויבער־סאָוועט פון פססר. פיל לייענער געדענקען געוויס זײַנע רעפּאָרטאזשן אין „ליטעראטורנאיא גאזעטא" וועגן העראָישן וויעטנאם, וועגן דער ארבעט פון דער מאָסקווער מיליציע אא.

— דאָס אלץ, — זאָגט מאיק, — זײַנען קאַפּיטלען פון מײַן קינפטיקן בוך וועגן אײַער מערקווירדיק לאנד, וואָס איך קלײַב זיך אָנשרײַבן. א באדײַטנדיק אָרט וועלן פארנעמען אין אים די מאטעריאלן פון מײַן איצטיקער רײַזע איבער סיביר און דעם ווײַטן מיזרעך.

ער זאָגט:

— איך וועל אף לאנג פארגעדענקען די טעג, וואָס איך האָב דאָ פארבראכט אין בירּאָבידזשאן, די טעג, פולע מיט וויכטיקע געשעענישן און מיט טיפע אײַנדרוקן...

„בירּאָבידזשאנער שטערן"

פון רוסיש — ב. מילער

מאיק דײַווידאָוו

קאָרעספּאָנדענט פון „דיילי אוואָרלד" (ניו־יאָרק)

בירּאָבידזשאנער רעפּאָרטאזש

ייִדן אין קאָלווירטן און אף זאוואָדן

ארבעטן אף די פעלדער, אף דער ערד — אָט וואָס פאר א טרוים עס האָבן געבראכט מיט זיך קיין בירּאָבידזשאן די אויסגעהונגערטע נאָך פּראָדוקטיווער מי ייִדן, ווען זיי זײַנען באפרײַט געוואָרן פון צארישן טכום. אין רעזולטאט פון פירן א געצוווּנגען לעבן פון „לופט־מענטשן", האָבן אייניקע צו יענער צײַט ביכלאל ניט געהאט קיין פאך און קיין פּראָפעסיע.

אין דעם וואלדהיימער קאָלווירט, 9 קילאָמעטער פון דער שטאָט בירּאָבידזשאן, פארנעמען

זיך ייִדן העכער פערציק יאָר מיט הויכפּראָדוקטיווער ערדארבעט. דער קאָלווירט און דער ייִשעוו וואלדהיים זײַנען מאמעש ארויסגעריסן געוואָרן פון דער טײַגע.

הײַנט־צו־טאָג איז וואלדהיים א מוסטערהאפטע ווירטשאפט, איינע פון די סאמע בליִענדיקע אפן סאָוועטישן ווײַטן מיזרעך. פאָרזיצער פון קאָלווירט איז וולאדימיר פעלער, א לעגענדארער העלד פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, א דעפּוטאט פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר. בעשאס מײַן באזוך אין בירָאָבידזשאַן איז פעלער געווען אין מאָסקווע אף דער זיבעטער סעסיע פונעם אויבער־סאָוועט. די ווירטשאפט פונעם קאָלווירט האָט מיר באוויזן דער הויפּט־זאָאָטעכניקער פונעם קאָלווירט שימען כאָדאָס, זייער אן אינטערעסאנטער מענטש.

אײַנדרוקספולע סטאטיסטיק

כאָדאָס האלט אין איין ברענגען ציפערן. 70 טראקטאָרן, 18 קאָמבײַנען, 45 פראכט־אווטאָס, 9 פוראזש־קאָמבײַנען; עלעקטרישע אויסשטאטונג פאר 3000 העקטאר אקער־ערד; 2500 שטיק פי; די ווירטשאפט באדינען 560 מענטשן (די גאנצע באפעלקערונג אין ייִשעוו באטרעפט 800 נעפאשעס).

מאיק דייווידאָוו (אין צענטער) צווישן בירָאָבידזשאנצעס

אין מעשעך פון די לעצטע פינף יאָר איז די פּראָדוקציע פון מילך אין וואלדהיים אויסגעוואקסן אין 2,5 מאָל, פון פלייש — אין 4 מאָל, פון ווייץ — אין דרײַ מאָל, פון קארטאָפל — אין 2,5 מאָל, פון גרינס — אין 1,5 מאָל. וואלדהיים פארמאָגט איר אייגענעם שפּיטאָל, פיר קינדער־גערטנער, א צעניאָריקע שול, א היפּשע ביבליאָטעק פון רוסישע און ייִדישע ביכער, א קולטור־הויז.

די געשיכטע פון וואלדהיים דערציילט אונדז אין דער שול איר דירעקטאָר פרישקאָלניק. ער איז געקומען קיין וואלדהיים פון אוקראיִנע מיט 34 יאָר צוריק, געענדיקט א ייִדישן טעכניקום און שפּעטער — דעם כאבאראָווסקער פּעדאגאָגישן אינסטיטוט.

די וואלדהיימער שול האָט די סאמע מאָדערנע אויסשטאטונג, ניט ווייניקער פון די בעסטע מאָסקווער שולן. 25 לערער, 350 שילער. די פּעדאגאָגן זײַנען באזאָרגט מיט באקוועמע אומזיסטע דירעס.

רעכענענדיק זיך מיט די באדערפענישן פונעם קאָלווירט, גיט די שול־דירעקציע אָפּ א באזונדערע אופמערקזאמקײַט די אגראר־לימודים. פון זײַן זײַט איז דער קאָלווירט פאר די שילער א נאטירלעכע לאבאראטאָריע צוליב פּראקטישע לימודים.

מיט א באזונדערן שטאָלץ שטעלט זיך פרישקאָלניק אָפּ בא א וואנט־דיִאגראם. „איר ווילט וויסן, וואָס עס איז ארויס פון אונדזערע שילער פאר די לעצטע 30 יאָר? 62 זײַנען געוואָרן אינזשעניערן, 85 טעכניקער, 81 אגראר־ספּעציאַליסטן, 58 לערער, 14 דאָקטוירים, 9 קולטור־

טוער, 16 טראקטאָריסטן, 12 בוכהאלטערס, 255 קוואליפיצירטע ארבעטער און 160 אָנגעשטעלטע אין מעלוכישע און געזעלשאפטלעכע אנשטאלטן...״

א גרויסארטיקער סאכאקל

אויסער דער דיִאגראם, שפּיגלט אָפּ די געשיכטע פון וואלדהיים און פון דער שול א סעריע פאָטאָ־בילדער, אייניקע שוין עטוואָס אָנגערירט פון דער צײַט. פרישקאָלניק רופט אָן די נעמען פון זײַנע שילער: „אָט איז פאניע פײַנמאן. איצט איז זי בא אונדז אן אויסגעצייכנטע גרינסציכטלערן, א מיטגליד פונעם ראט פון די סאָוועטישע פרויען. און דאָס איז ראָכל פריידקין. ראָכל איז געווען דעפּוטאט פונעם אויבער־סאָוועט. און אָט איז פּעלער, אונדזער פאָרזיצער, דאָס בילד איז געמאכט געוואָרן אפן פראָנט, ווען פּעלער האָט געשלאָגן די נאציס. ער איז באלוינט מיט אלע דרײַ „אָרדענס פון רום״.

און וואָס איז געשען מיט די איבערוואנדערער, וועלכע זײַנען ניט פארבליבן אין קאָלווירט? אייניקע פון זיי האָבן אין דער שטאָט ביראָבידזשאן געהאָלפן בויען פארשיידענע אונטערנעמונגען, לעמאָשל דעם זאוואָד „דאלסעלמאש״, וועלכער איז באוווּסט אין גאנצן סאָוועטנפארבאנד און אין פארשיידענע לענדער מיט די קאָמבײַנען, וועלכע ער לאָזט ארויס. אייניקע פון די דאָזיקע מאשינעס, ספּעציִעל צוגעפּאסטע פאר שטארק פײַכטער ערד, ארבעטן איצט אָף די רײַז־פעלדער אין קובא און אין דער וויעטנאמער דעמאָקראטישער רעפּובליק.

א סאָוועטישער ייִד ענטפערט

די צוויי מיט א האלבן טויזנט ארבעטער פונעם „דאלסעלמאש״ זײַנען מענטשן פון פיל נאציִאָנאליטעטן. 28 פּראָצענט פון זיי זײַנען ייִדן. „וואָס הערט זיך בא אײַך אין לאנד?״ — האָבן די ארבעטער זיך אָנגעפרעגט בא מיר. איך האָב זיי דערציילט, אז אין אמעריקע האָבן ציִעניסטישע פּראָפּאגאנדיסטן פאנאנדערגעוויקלט א פארלוימדערישע אנטיסאָוועטישע קאמפּאניע, אין וועלכער סע ווערט באהויפּטעט, אז די סאָוועטישע ייִדן נייטיקן זיך, מע זאָל זיי „ראטעווען״, און זיי ווילן ארויספאָרן קיין ייִסראָעל.

ס׳איז געשטאנען א שטוינענדיק שווײַגן.

איינער פון די אמערסטן געשעצטע מענטשן אפן זאוואָד, יאנקעוו קול, האָט געזאָגט:

— פיר יאָר בעשאס דער נאציסטישער אָקופּאציע האָב איך געלעבט אין אוקראיִנע. שווער זיך פאָרשטעלן א גרעסערן גרויל. איך בין דעמלט געווען א ייִנגל, נאָר זייער גיך ווערט מען פון צאָרעס אלט. איך טראכט אמאָל, אז עפּשער האָט מען געדארפט אזוי לײַדן, קעדיי צו פארשטיין, וואָס פאר א וועג מיר זײַנען דורכגעגאנגען. אָבער אייניקע זאכן מוזן דאָך קלאָר זײַן פאר אלעמען, אפילע פאר די, וואָס פארשפּרייטן אזעלכע שרעקלעכע ליגנס. יעדער איינער, און דעריקער יעדער ייִד, ווייסט, ווער סע האָט געראטעוועט די ייִדן. יאָ, אויך אין אמעריקע ווייסט מען וועגן דעם גוירל, וואָס איז אויסגעפאלן אָף די ייִדן פונעם צארישן טכום, וועלכע האָבן דערצו נאָך איבערגעלעבט די היטלער־מעמשאָלע. צי עפּשער האָט מען עס שוין בא אײַך פארגעסן?

איר זעט אליין, אז נאָך אזויפיל שווערע אויספּרוּוון לעבן מיר אין פרידן און פון יאָר צו יאָר אלץ בעסער. איר זעט אונדז דאָ אין ביראָבידזשאן צווישן מענטשן פון אלערליי פעלקער — אין איין מישפּאָכע. מיר ווילן ניט אָנמאָלן פאר אײַך קיין אידיליע. אין יעדער מישפּאָכע, בא יעדן מענטשן, דערהויפּט בא א קאָלווירט, בא א גאנצער געגנט, אין א געזעלשאפטלעכער סוויווע זײַנען פאראן פּראָבלעמען, מע פרייט זיך מיטן אָפּגעטאָנענעם, מע האָט שוועריקײַטן. בא אײַך, בא די אמעריקאנער ייִדן, זײַנען שוין דען געלייזט אלע פּראָבלעמען און ס׳בלײַבט בלויז צו פארנעמען זיך מיט אונדזערע? צי עפּשער מיינען טאקע אפּאנעמעסן די ציִעניסטן, אז אָנשטאָט דעם סאָוועטנפארבאנד וועלן זיי אונדז אונטערשטופּן אן אנדער היימלאנד? זאָגט מיר, וואָס ווילן פון אונדז די דאָזיקע לײַט? פארוואָס שטייט זיי אונדזער פרידלעך לעבן ווי א ביין אין גאָרגל?

א שפּאציר איבער דער שאַלעם־אלייכעם־גאס

אין דער שטאָט ביראָבידזשאן האָב איך אָפּט שפּאצירט אָף דער שאָלעם־אלייכעם־גאס. די שיינע ברייטע מאגיסטראל איז ארומגעזוימט מיט רייען גלײַכע ביימער. איך האָב געאָטעמט מיטן ראכוועס פון דער געגנט, און פאר די אויגן איז געשטאנען די געטאָ, וועלכע ס׳האָט געשילדערט דער אומשטערבלעכער ייִדישער קינסטלער. שאָלעם־אלייכעמס ביטער־זיסער געלעכטער האָט דאָ אָף טריט און שריט זיך אָנגעשטויסן אינעם אומרויִקן גײַסט פון אָפּטימיזם און גלויבן אין דעם מענטשנס צוקונפט. יאָ, דער גײַסט פון אָפּטימיזם לעבט אין ביראָבידזשאן.

די, וואָס בענקען נאָכן לעבן אין די ענגע געטאָ־געסלעך און מעסטן דעם ייִדישן מאצעוו מיט די באגריפן פון אָפּגעזונדערטקײַט, וועלן באוויינען דעם גוירל פון די ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד. גאָר אנדערש דענקען די ביראָבידזשאנער ייִדן.

זיי זײַנען שטאָלץ מיטן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פֿון זייער שטאָט. אַ פֿילנאַציאָנאַלע באַפֿעלקערונג איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַלע סאָוועטישע שטעט. די באַהעפֿטונג פֿון פֿעלקער און נאַציעס איז דאָ האַרמאָניש און נאַטירלעך, ניט ווי אין אונדזערע אַמעריקאַנער שטעט. ס'זײַנען ניטאָ אין בירָאָבידזשאַן (אָדער ערגעץ־וווּ אַנדערש אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד) קיין אָפּגעצוימטע נאַציאָנאַלע קוואַרטאַלן, קיין דורכוויסיקע ייִדישע, רוסישע, אוקראַיִנישע רייען הײַזער. אין בירָאָבידזשאַן לעבן שאָלעם־אַלייכעמס זין און טעכטער אין פֿרידן און האַרמאָניע מיט די זין און טעכטער פֿון פֿערצן פֿעלקער. קאָרעוו צו דרײַסיק פּראָצענט פֿון דער 56־טויזנטיקער באַפֿעלקערונג פֿון דער שטאָט זײַנען ייִדן. אַ גלײַכע צאָל באַטרעפֿן רוסן. די מערהײַט פֿון די 25.000 ייִדן אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט וווינט אין בירָאָבידזשאַן, האַגאַם ניט קיין קליינע צאָל געפֿינט זיך אין 22 סאָוכאָזן און אין צוויי קאָלווירטן.

דער קראַן — אַ סימבאָל

ווי אומעטום אין סיביר און אויפֿן ווײַטן מיזרעך, איז אויך דאָ דער קראַן אינעם הימל — דער סימבאָל פֿון אומופֿהערלעכער בויונג. אויף יעדער גאַס זעען זיך נײַע וווינונגס־געבײַדעס, נײַע שולן, נײַע און רעקאָנסטרויִרטע אונטערנעמונגען.

בירָאָבידזשאַן איז אַ מאָדערנע סימפּאַטישע שטאָט מיט באַגרינטע ריינע גאַסן. ווי אין אַנדערע הײַנטצײַטיקע שטעט, לעבט זיך דאָ צונויף אַלטס און נײַס. קרעפּטיקע רוסישע הילצערנע הײַזער, געבויטע פֿון די ערשטע איבערוואַנדערער, שטייען זײַט־בײַ־זײַט מיט מויערן פֿון דעם מין, וועלכע מע בויט איצט אין מאָסקווע (האַגאַם ניט אַזעלכע הויכע).

בירָאָבידזשאַן איז אַ שטאָט פֿול מיט לעבן. איר ראָליע אַלס געגנטלעכער אַדמיניסטראַטיווער און קולטורעלער צענטער איז זייער אַ גרויסע.

דער פּאַרוואַלטער האָט זיך „אומגעקערט אַהיים“

פֿאַראַיאָרן האָט מען אין בירָאָבידזשאַן אויסגעבויט אַ פּרעכטיקן האָטעל מיט 176 צימערן און מיט אַ רעסטאָראַן, וועלכער איז ספּעציאַליזירט אויף ייִדישע מײַכאָלים.

דער פּאַרוואַלטער אַרן באָבראָווסקי האָט גערעדט מיט מיר ייִדיש. געקומען איז ער קיין בירָאָבידזשאַן מיט 32 יאָר צוריק מיט אַ גרופּע פֿון אַרגענטינע. ער איז געבוירן אין צאַרישן רוסלאַנד, און, ווי פֿיל אַנדערע רוסישע ייִדן, האָט ער בעשאַס די פּאָגראָמען אויסגעפּרוּווט פֿיל לענדער, בעסוויכעם פֿראַנקרײַך, איטאַליע, אַרגענטינע. דערנאָך האָט ער זיך „אומגעקערט אַהיים“, קיין ראַטנפֿאַרבאַנד, און האָט זיך באַזעצט אין בירָאָבידזשאַן.

ווי פֿילט ער זיך איצט? אַרנס קלוגע אויגן הייבן אָן צו שײַנען: „וויאַזוי זאָל איך זיך פֿילן? מײַנע קינדער זײַנען כאָשעווע אינזשעניערן אין דער שטאָט. מײַן פֿאָטער איז געווען אַ באַלעגאָלע. איר זעט דאָך — מיר לעבן ווי סע דאַרף צו זײַן. איר זעט אונדזער שטאָט, דעם האָטעל. אַמאָל איז דאָ געווען טײַגע!“

בירָאָבידזשאַן, וואָלט איך געזאָגט, איז אַ סאָוועטישע שטאָט מיט אַ הײַנטצײַטיקן פֿײַנעם ייִדישן קאָלאָריט.

וואָס הערט זיך מיקויעך קולטור

פֿאָרנדיק פֿון כאַבאַראָווסק, האָט זיך מײַן צוג דאָס ערשטע מאָל אָפּגעשטעלט אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט בײַ אַ ייִשעוו אין, וועמעס נאָמען אין רוסיש און אין ייִדיש איז אָנגעצייכנט אויף דער סטאַנציע־פּלאַטפֿאָרם. ייִדיש און רוסיש זײַנען די אָפֿיציעלע שפּראַכן פֿון דער געגנט. אין גאַס הערט מען ייִדיש. אָבער אויף ייִדיש רעדט צומערסטן דער עלטערער און טיילווײַז דער מיטלער דור. די געגנטלעכע ראַדיאָסטאַנציע גיט איבער יעדן אָוונט אויף ייִדיש די טאָג־נײַס, שאַבעס — אויך קאָנצערטן פֿון ייִדישע לידער און סקעטשן און זונטיק — ליטעראַרישע טראַנסליאַציעס.

די געגנטלעכע ביבליאָטעק אויף שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען, ווי ס'האָט מיר מיטגעטיילט איר דירעקטאָר באָריס בערגער, פֿאַרמאָגט אַ רײַכן פֿאָנד פֿון 140.000 ביכער. ווען איך בין אַרײַנגעקומען אין לייענזאַל, האָב איך, אויסער עטלעכע ייִדן מיט „סאָוועטיש היימלאַנד“ און „בירָאָבידזשאַנער שטערן“ פֿאַר די אויגן, געזען, ווי בײַ אַ טישל זיצט אַ טאָטעריש ייִנגל און לייענט שאָלעם־אַלייכעמס אַ בוך אין רוסיש.

דעם „בירָאָבידזשאַנער שטערן“ זעט מען אין די צײַטונגס־קיאָסקן, אין די היימען און אויף די אונטערנעמונגען אינאיינעם מיט זײַן רוסישן צווילינג „בירָאָבידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ“. דער רעדאַקטאָר פֿונעם „שטערן“ האָט מיר דערציילט, אַז פֿאַר דער לעצטער צײַט האָט די רעדאַקציע באַקומען הונדערטער בריוו פֿון ייִדן פֿון אַלע עקן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד מיט אַ באַקאָשע אַרויסשיקן זיי די צײַטונג. דער „בירָאָבידזשאַנער שטערן“ וועט אין יאַנוואַר פֿונעם קומענדיקן יאָר

אָנהייבן ארויסגיין פינף מאָל אין וואָך אף פיר גרויסע זײַטן און וועט אויסזען אזוי, ווי עס זעען אויס אלע סאָלידע סאָוועטישע צײַטונגען.

א דיסקוסיע און א קאָנצערט

ארום דער טעטיקײַט פונעם בירָאָבידזשאנער ייִדישן פאָלקס־טעאטער און וועגן די פראגן פונעם ייִדישן קולטור־לעבן אין בירָאָבידזשאן איז אנומלטן פאָרגעקומען א קורצע, אָבער לעבהאפטע דיסקוסיע. אין א צימער פונעם קולטור־פאלאץ, מיט וועלכן עס באנוצן זיך סײַ ייִדישע, סײַ רוסישע קולטור־קרײַזלעך, זײַנען דאָס מאָל בײַגעווען דער קינסטלערישער אָנפירער פונעם ייִדישן פאָלקס־טעאטער מוישע בענגעלסדאָרף, דער שרײַבער בוזי מילער — פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר פונעם „בירָאָבידזשאנער שטערן" און מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד", דער דיכטער איציק בראָנפמאן, דער דירעקטאָר פונעם קולטור־פאלאץ בעלא מאזאָ, דער קאָמפּאָזיטאָר מאקס עפשטיין אא.

בענגעלסדאָרף האָט דערציילט וועגן דער פּאָפולערקײַט פונעם ייִדישן פאָלקס־טעאטער, וועלכער שטעלט דראמעס פון שאָלעם־אליכעמען און פון אנדערע ייִדישע קלאסיקער, ווי אויך פון הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע אווטאָרן.

איצט ווערן באטראכט פּלענער פון אויסברייטערן די טעטיקײַט פונעם ייִדישן פאָלקס־טעאטער און פון פארוואנדלען אים אין א פּראָפעסיאָנעלן. פאראן א פאָרשלאָג צו שאפן א קאָמבינירטן רוסיש־ייִדישן פּראָפעסיאָנעלן טעאטער, וואָס זאָל פארברייטערן זײַן רעפערטואר און שטעלן פּיעסעס אין ביידע שפּראכן.

אזוי ווי דער קאָלעקטיוו האָט זיך געפונען אף זומער־אָפּרו און פיל ארטיסטן זײַנען נאָך געווען אין אורלויב, איז צום סאָף פונעם שמועס אָרגאניזירט געוואָרן אן אימפּראָוויזירטער קאָנצערט. די אָרטיקע זינגערן כײַע באָריסאָווּנע עפּשטיין איז ארופגעגאנגען אף דער בינע, איר מאן, דער קאָמפּאָזיטאָר מאקס עפּשטיין, האָט זיך געזעצט צו דער פּיאנע. אין דער ליד האָט זיך געפילט דער אָטעם פון די ערשטע פּיאָנערן, וועלכע האָבן געשאפן די פּרעכטיקע שטאָט אין דער טײַגע. ס'איז געווען א ליד וועגן א פאָלק, וואָס האָט דוירעסלאנג „געלאכט דורך טרערן" און איצט פרייט עס זיך מיט זײַן שאפנדיקן קויעך.

שאָלעם־אליכעם וואָלט זיך געפרייט צוזאמען מיט דער בירָאָבידזשאנער זינגערן.

„דיילי וואָרלד"
פון ענגליש — א. פריבלודע

בראָניק

צום 40־יאָריקן יובילײ פון „בירָאָבידזשאנער שטערן" און „בירָאָבידזשאנסקאיא זוועזדא"

אין צוזאמענהאנג מיטן 40־טן יאָרטאָג, זינט עס האָבן אָנגעהויבן דערשײַנען די צײַטונגען „בירָאָבידזשאנער שטערן" און „בירָאָבידזשאנסקאיא זוועזדא", האָט דער פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון רספסר אין זײַנע אוקאזן פון 9 נאָיאבער 1970 באלוינט זיי מיט ערן־גראמאָטעס.

מיט ערן־גראמאָטעס זײַנען אויך אָפּגעמערקט דער רעדאקטאָר פון „בירָאָבידזשאנער שטערן" נאום קאָרטשמינסקי, די מיטארבעטער פון „בירָאָבידזשאנסקאיא זוועזדא" איליא יעווגראפאָוו, גריגאָרי מיצעל און ראָמאן סקורלאטאָוו; דער טיטל פארדינסטפולער קולטור־טוער פון רספסר איז צוגעייגנט דעם פאראנטוואָרטלעכן סעקרעטאר פון „בירָאָבידזשאנער שטערן" בוזי מילער, די מיטארבעטער פון „בירָאָבידזשאנסקאיא זוועזדא" אלא אוודאָשינא, יאקאָוו גורעוויטש.

פּרעסע-איבערזיכט

דער עמעסער טייַטש פון די ציִוניסטישע „אידענטיפיצירונגען"

די פּראָגרעסיווע ייִדישע פּרעסע פון אויסלאַנד ציט צו די אופמערקזאַמקייַט פון דער עפנטלעכקייַט צו דער נייַער אנטיסאָוועטישער קאַמפּאַניע, וואָס עס צעבלאָזן די אָנפירנדיקע קרייַזן פון ייִסראָעל און די ציִוניסטישע קלאַל-טוער אין פאַרשיידענע לענדער. עס ווערט דערבייַ באַטאָנט, אַז צו דינסט דער העצע קעגן ראַטנפאַרבאַנד ווערט געשטעלט ניט נאָר דאָס גאַנצע פּראָפּאַגאַנדיסטישע קלאָפּערגעצייַג — די רעאַקציאָנערע פּרעסע, ראַדיאָ, טעלעוויזיע, — גופא די ייִסראָעל-רעגירונג טרעט ארויס אַלס אומיטלבאַרער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם שיידים-טאַנץ. דאָס באַטייַט, אַז דער אנטיסאָוועטיזם איז אין ייִסראָעל דערפירט צו דער מאַדרייגע פון א רעגולערער רעגירונגס-פּאָליטיק. דער מיניסטאָרן-ראַט איז געוואָרן א קאָאָרדיניר-צענטער, וואָס פאָרמולירט די הויפּט-צילן פונעם אנטיסאָוועטישן קורס, פּלאַנירט די צייַט, דאָס אָרט און דעם כאַראַקטער פון די אַקציעס קעגן ראַטנפאַרבאַנד און פירט אָן מיט דער דאָזיקער שענדלעכער טעטיקייַט פון די מעלוכע-אינסטיטוציעס און פון פאַרשיידענע קאָמיסיעס און קאָמיטעטן, וועלכע זייַנען צוליב אָט דעם צוועק געשאַפן געוואָרן.

וועגן דעם גלאָבאַלן כאַראַקטער פונעם אנטיסאָוועטיזם ווערט גענוי דערציילט אינעם ארטיקל פון רוט ליוביטש „דער אנטיסאָוועטיזם — א רעגירונגס-ליניע", וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין דער צייַטונג „דער וועג" (טעל-אוויוו).

דער אווטאָר שרייַבט: „די רעגירונג וויל האָבן אַן עפעקטיוון קאָנטראָל און קאָנצענטראַציע פון דער גאַנצער אנטיסאָוועטישער טעטיקייַט אין אירע הענט. מע קאָן פילן די גוט-אָרגאַניזירטע טעטיקייַט קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, וואָס ווערט געפירט מיטן אָנטייל פון דער ייִסראָעל-רעגירונג, אין ייִסראָעל, לאָנדאָן, ניו-יאָרק און פּאַריז".

און איצט לאָמיר א קוק טאָן, ווי עס זעט אויס די דאָזיקע „קאָנצענטראַציע" און „קאָנטראָל". רוט ליוביטש דערציילט ווייַטער: „די רעגירונג פון ייִסראָעל איז זיך צונויפגעקומען אף א ספּעציעלער זיצונג, קעדיי צו באַהאַנדלען פאַרשיידענע איניציאַטיוון, וואָס ווערן געמאַכט פאַר די ייִדן פונעם ראַטנפאַרבאַנד" (מייַן קורסיוו. — ס.ב.).

מיר לייענען אין דער ייִסראָעלדיקער פּרעסע אַזאַ מיטיילונג: „די רעגירונג האָט דערקלערט א „וואָך פון אידענטיפיצירונג" (מייַן קורסיוו. — ס.ב.) אין דער פּרעסע, אף מיטינגען און אין ראַדיאָ...".

אויב פון אָט די „קייַלעכיקע פאָרמולעס" אראָפּנעמען דעם קאָמופלאַזש און פאַרטייַטשן זיי מיט פּאָשעטע ווערטער, באַטייַט עס בלויז איינס: אָנהייבנדיק א נייַע העצע קעגן דעם ראַטנפאַרבאַנד, זאָרגן די ייִסראָעל-רעגירער וועגן דעם, אַז דער גאַנצער אנטיסאָוועטישער כאָר זאָל גרילצן אף איין קאָל.

און דעם טאָן ווער פאַרגיט? עס גלייבט זיך קוים, אָבער ס'איז ניט איבערגעטריבן: דעם טאָן אין דער פּרעצעדענטלאָזער העצע קעגן א צווייטער מעלוכע — קעגן א גרויסמאַכט! — פאַרגיט אָף די יאַרידן פון אומפאַראַנטוואָרטלעכקייַט דער אָנפירער פון דער רעגירונג גופא! „דער פּרעמיער לאָזט ניט דורך קיין איין צונויפקום אָדער פאַרזאַמלונג, — שרייַבט רוט ליוביטש, — ניט מאַכנדיק דאָרט רעגירונגס-דערקלערונגען, אַז דער ראַטנפאַרבאַנד איז „דער סוינע פונעם ייִסראָעל-פאָלק, פון מעדינאַס-ייִסראָעל, פונעם ייִדישן פאָלק..."

בייס דער „וואָך פון אידענטיפיצירונג" זייַנען אף פאַרזאַמלונגען אין די שטעט און קיבוצים פון ייִסראָעל ארויסגעטראָטן מיניסטאָרן און דעפּוטאַטן. מיט דער אידעאָלאָגישער פאַרגיפטיקונג פונעם פאָלק, מיט פּלאַנצן סינע צום ראַטנפאַרבאַנד זייַנען אין ייִסראָעל, ווי מיר זעען, באַשעפטיקט די העכסטע רעגירונגס-באַאַמטע. „אין די שולן, — שרייַבט רוט ליוביטש, — אונטערן פּראָטעקטאָראַט פונעם בילדונגס-מיניסטעריום, קלייַבט מען אונטערשריפטן קעגן... ראַטנפאַרבאַנד. מע אָרדנט אייַן אויסשטעלונגען מיט ליגנערישע דאָקומענטן פון נידעריקסטן סאָרט".

אין א צווייטער נאָטיץ לייענען מיר, אַז דער ראַבינאַט פירט איצט דורך ספּעציעלע אנטיסאָוועטישע טפילעס אין די באַטעמעדראָשים און באַם קויסל מאַאַראַווי.

דער פּראָוואָקאַציאָנעלער ציִוניסטישער לאָזונג „שיק מייַן פאָלק" איז געוואָרן דער לייטמאָטיוו אין דער אנטיסאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע און

פארייניקט אין אן איינהייטלעכן לאגער אלע רעאקציאנערע קויכעס פון ייסראעל.

רוט ליוביטש שרייבט: „ניט געקוקט דערויף, וואס די גאנצע אנטיסאוועטישע טעטיקייט ליגט אין די הענט פון דער רעגירונג, זיינען אויסגעוואקסן גרופּעס, ארגאניזאציעס און פּערזאנען, וועלכע האבן געעפנט קרעמלעך פאר זיך, ארויסגייענדיק פון דער האנאכע, אז עס איז פאראן א קאניונקטור פאר דער דאזיקער געמיינער סכוירע...״

א „קרעמל פאר זיך״ האט געעפנט דער קנעסעט־דעפּוטאט כאים לאנדוי. ווי עס פּאסט פאר אן עקסטרעמיסט, גייט לאנדוי אן אפענעם איין־און־צוואנציק: „מע דארף אופהייבן א טומל אין דער גאנצער וועלט״... בא א צווייט קרעמעלע שטייט דער סעקרעטאר פון דער „ארבעט־פּארטיי״ ל. עליאוו. ער טיינעט, אז מיט טומלעריי וועט מען קיין סאך זיך ניט דערשלאגן. די ייסראעל־רעגירונג דארף נעמען אונטער איר קאנטראל דאס פארווירקלעכן דעם רוף „שיק מיין פאלק״. „באלד נאך דער זעקסטאגיקער מילכאמע (מיר ציטירן עליאווס זאג לויט רוט ליוביטשעס ארטיקל) האב איך אין „דאוואר״ ארויסגעזאגט זיך וועגן דאזיקן איניען, און איך האב מיין מיינונג ניט געענדערט. איך בין פאר דער פולער פארשטעלונג פון דער טראגעדיע פונעם איניען אין זיין גאנצער הארבקייט, צוגלייך בין איך איבערצייגט, אז די אקציע דארף זיין אונטער א קאנטראל״.

וועגן וואס פאר א „קאנטראל״ עס טרוימט עליאוו, איז צו זען פון זיינע ווייטערדיקע ווערטער: „ווען מיר וואלטן היינט־צו־טאג געהאט אן אמבאסאדאר אין רוסלאנד, וואלטן מיר געהאט גאנץ אנדערע אויסרעכענונגען״. וואס פארא אויסרעכענונגען? אט הערט: „איך קאן זאגן, אז ס׳איז דארטן (אין דער ייסראעל־אמבאסאדע אין מאסקווע. — ס.ב.) געמאכט געווארן אזא ארבעט, וואס מע ווייסט קוים עטוואס דערפון... אין וועלכן ס׳איז ארט האט עמעצער געגעבן לערנביכער, לעקציעס אף איווריט, ראדיא־טראנסליאציעס. איך וויל ניט און קאן ניט ארייננגיין אין איינצלהייטן פונעם איניען...״

דער הער עליאוו מעג זיך ניט מאטריען זיין: פאר דער סאוועטישער געזעלשאפטלעכקייט זיינען ניט קיין סאד אט די „פּיקאנטע״ איינצלהייטן, וואס עליאוו געפינט פאר נייטיק צו פארשווייגן. רוט ליוביטש שרייבט מיט פולער רעכט, אז „עליאוו דעקט בלויז עטוואס אוף פון דעם פארגאנגענעם. אבער דערמיט באשטעטיקט ער די גערעכטע טיינעס, וואס די מאכט־ארגאנען פונעם ראטנפארבאנד האבן געהאט לעגאבע דער אונטערגראבערישער טעטיקייט פון דער ייסראעל־אמבאסאדע אין מאסקווע... קעגן דעם אלעם האט זיך אופגעשטעלט די סאוועטישע געזעלשאפטלעכקייט, דערונטער די יידישע מאסן״.

און אט איז נאך איין קרעמעלע, פון וועלכן עס שרייט ארויס... מוישע סנע. „לויט זיין מיינונג, — שרייבט רוט ליוביטש, — דארף מען קוידעמקאל פירן די פּראפּאגאנדע אזוי, מע זאל זי ניט אויסטייטשן, אז זי ווערט געמאכט פאר די באדערפענישן פון דער גלאבאלער מילכאמע... סנע לייגט פאר דער רעגירונג צו זוכן פארבינדעטע פאר איר אנטיסאוועטישער פּראפּאגאנדע צווישן די פריינט פון ראטנפארבאנד — צווישן די קאמוניסטישע פּארטייען״.

דער אווטאר פונעם ארטיקל אין דער צייטונג „דער וועג״ קומט צו א געזעצמעסיקן אויספיר: „אזויארום, זעען מיר א פּארטיילונג צווישן די שוטפים אינעם אנטיסאוועטישן לאגער״.

אן אפשאצונג פון די אנטיסאוועטישע פּראוואקאציעס פון די רעגירער פון ייסראעל גיט אין זיין ארטיקל אין דער צייטונג „אונדזער לעבן״ (בוענאס־איירעס) דער דיכטער און פּובליציסט יאסל גאלדבערג: „די קאמפּאניע וועגן די סאוועטישע יידן, וואס ווערט געפירט דורך די ציוניסטן... איז א שווארצער רויך־פארהאנג, פול מיט גאז און טשאד, און ער צילט צו פארשטעלן זייערע אייגענע פארברעכנס״.

פון אונדזער זייט וועלן מיר צוגעבן, אז די דאזיקע קאמפּאניע איז אויך א מיטל צו פארמינערן דעם איינדרוק פונעם דורכפאל, וואס דער ציוניסטישער לאזונג „שיק מיין פאלק״ האט איצט גופע אין ייסראעל. אין שייכעס מיט דעם שרייבט „דער וועג״: „די אנטיסאוועטישע „וואך״ איז געקומען אין איין צייט מיטן פארמערן זיך פון די ידיעס וועגן דער פארביטערונג פון די אוילים, וועלכע זיינען געקומען פון ראטנפארבאנד, און וועלכע באקלאגן זיך אף זייער איינזאמקייט, אף דעם, אז זיי באקומען ניט קיין געהעריקע ארבעט, און אויך אף זייערע גרויסע כויוועס און אפן יאקרעס״. און ווייטער דערציילט „דער וועג״ וועגן אן ארטיקל פון איינער אן אליגאן אין דער ציוניסטישער צייטונג „מאאריוו״, אין וועלכן זי באשרייבט איר באזוך פון אייניקע מישפּאכעס, וואס האבן זיך פארשריבן צו פארן צוריק אין ראטנפארבאנד. „...איר באזוך, ווי זי שרייבט, האט געהאט דעם ציל אפּריידן זיי פון אומקערן זיך אין „סאוועטישן געהענעם״. „אבער די דאזיקע מענטשן, — קאנסטאטירט אליגאן מיט באדויערונג, — זיינען אויסגעוואקסן און דערצויגן געווארן אינגאנצן אין אן אנדער אטמאספער. זיי זיינען צוגעווינט צו באקומען אלץ פון דער מעלוכע...״

וואס עמעס — איז עמעס, די יידן פון ראטנפארבאנד, ווי דאס גאנצע סאוועטישע פאלק, זיינען געווינט, אז די רעגירונג זאל זיך זארגן וועגן זייער וווילזיין. ניט אומזיסט זיינען זיי אזוי צוגע־

בונדן צום סאָוועטישן ארט לעבן, און די אָנפאלן אַף זייער סאָציאַליסטיש היימלאנד רופט בא זיי ארויס דעם שארפסטן פּראָטעסט.

און ניט נאָר די סאָוועטישע ייִדן, אויך די פּראָגרעסיווע ייִדישע מאסן אין אנדערע לענדער פון דער וועלט פארורטיילן די שענדלעכע העצע קעגן דעם ראטנפארבאנד. אזוי, לעמאָשל, לייענען מיר אין דער צײַטונג „אונדזער פרײַנט“ (מאָנטעווידעאָ) וועגן א מאסעווון פּראָטעסט־מיטינג, וואָס עס האָט דורכגעפירט אין דעם זשיטלאָווסקי־טעאטער פון דער אורוגווײַישער הויפּטשטאָט דער ייִדישער קולטור־פארבאנד פון אָט דעם לאנד. אפן מיטינג זײַנען אָנגענומען געוואָרן א פּראָטעסט־רעזאָליוציע, געווענדט צו דער רעגירונג פון ייִסראָעל, און א ווענדונג צו די סאָוועטישע ייִדן. אָט איז דער געקירצטער טעקסט פון די דאָזיקע צוויי וויכטיקע דאָקומענטן.

צו דער רעגירונג פון מעדינאס־ייִסראָעל

דעם איניאָנים־אָנפארטרויטן פון דער געזאנדשאפט פון מעדינאס־ייִסראָעל ה׳ גידעאָן טאָדמאר.

דער ייִדישער קולטור־פארבאנד אין אורוגווײַ ווענדט זיך צו אײַך, קעדיי דורך אײַער פארמיטלונג צו וויסן געבן דער רעגירונג פון מעדינאס־ייִסראָעל:

מיר באטראכטן די אנטיסאָוועטישע פּאָליטיק, וואָס עס פירט אײַער רעגירונג, ווי א קעגנערישע צו די נאציאָנאלע אינטערעסן פון ייִסראָעל און פון איר פאָלק. דער ראטנפארבאנד האָט געשפּילט און שפּילט א באַרויִקונגס־ראָל אין דער קאָמפּליצירטער סיטואציע אפן מיטעלן מיזרעך, ער איז מערערע מאָל ארויסגעטראָטן לעטויוועס א פרידלעכער לייזונג פונעם סיכסעך צווישן ייִסראָעל און די אראבישע לענדער און שטעלט דעריבער פאָר מיט זיך א פאקטאָר, וועמענס קאָנטאקט די ייִסראָעלישע רעגירונגס־לײַט וואָלטן באדארפט זוכן און אָפּהיטן, ווי א בריק פארן נייטיקן דיאַלאָג צווישן די שטרײַטנדיקע צדאָדים מיטן צוועק צו דערגרייכן דעם אזוי שטארק געגארטן מיצאד די פעלקער פונעם ראיאָן שאָלעם.

די קאמפּאניע, וואָס עס אינספּירירט די ייִסראָעל־רעגירונג אונטערן לאָזונג „שיק מײַן פאָלק“, כאָטש דעם, וואָס זי גיסט וואסער אַף די רעדער פון „קאלטן קריג“ קעגן דעם ראטנפארבאנד, איז זי גרונטלאָז צוליבן פאקט, וואָס אירע פריידיקער פּרעטענדירן צו ריידן אין נאָמען פון די דרײַ מיליאָן ייִדישע בירגער פונעם ראטנפארבאנד, וועמען קיינער פארפאָלגט ניט און דיסקרימינירט ניט.

מיר וואַרפן אָפּ די באשולדיקונגען, וואָס ווערן פארשפּרייט פון די רעגירונגס־קרײַזן פון ייִסראָעל, אז יעדער איינער, וועלכער שטימט ניט אײַן מיט דער אָריִענטאציע פון דער דאָזיקער רעגירונג, ווי אויך ניט מיט די אידעאָלאָגישע קאָנצעפּציעס פונעם ציִעניזם, איז אן אנטיסעמיט און א סוינע־ייִסראָעל.

אין איצטיקן מאָמענט מוזן די מאקסימאלסטע אָנשטרענגונגען פון דער ייִסראָעל־רעגירונג געמאכט ווערן, קעדיי בײַצושטײַערן דאָס אָנהאלטן דעם פײַער־אָפּשטעל, וואָס איז ארײַן אין קראפט דעם 7 אווגוסט — וואָס דאָס ייִסראָעלישע פאָלק האָט יובלדיק באגריסט, — ווי אויך צו דערגרייכן פּאָזיטיווע רעזולטאטן אין די אונטערהאנדלונגען, וועלכע פירן זיך מיט דער פארמיטלונג פונעם אמבאסאדאָר גונאר יארינג, קעדיי צו פארווירקלעכן די פּאָסטולאטן פון דער רעזאָליוציע פון זיכערהײַטס־ראט פון 22 נאָיאבער 1967.

צו די סאָוועטישע ייִדן

רעדאקציע פון זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“. מאָסקווע, קיראָוו־גאס, 17.

אַף אן עפנטלעכן מיטינג, פארופן דורכן ייִדישן קולטור־פארבאנד אין אורוגווײַ, באשליסן מיר איבערצושיקן אײַך א ווארעמע באגריסונג, וואָס מיר ווילן, אז זי זאָל דורך אײַער פארמיטלונג דערגיין אויך צו אלע געזעלשאפטלעכע טוער, קינסטלער, וויסנשאפטלער, שרײַבער, מיליטער־לײַט, דעפּוטאטן, טעכניקער, ארבעטער און קאָלווירטניקעס — סאָוועטישע ייִדן.

מיר באוויליקן אײַער טרײַשאפט צו דער זאך פון פעלקער־פרײַנטשאפט און אײַער שטאָלצע פּרינציפּיעלע פּאָזיציע, אן אויסגעשפּראָכן אינטערנאציאָנאליסטישע, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אײַער שטעלונג קעגן דער אנעקסיאָניסטישער פּאָליטיק פון די רעגירונגס־לײַט פון ייִסראָעל, וועלכע רעפּרעזענטירן ניט, פארשטייט זיך, די עמעסע שטרעבונגען, ווי אויך די לעבנס־אינטערעסן פונעם שאָלעם־ליבנדיקן ייִסראָעלישן פאָלק.

די סאָלידארישקײַט פון די פּראָגרעסיווע ייִדישע פאָלקסמאסן בענעגייע צום ראטנפארבאנד, זײַן פּאָליטיק פון שאָלעם און פעלקער־פרײַנטשאפט וועט אָן ספק צונישט מאכן די קאָלערליי אנטיסאָוועטישע קאמפּאניעס, און עס וועלן דאָ אויך ניט העלפן קיינע ציִעניסטישע „אידענטיפיצירונגען“ און „קאָנצענטראציעס“.

ס. ביילין

שלוימע ראַבינאָוויטש

„דזשויִש דעפּענס ליג“—וואָס איז עס?

די דאָזיקע פראַגע שטעלן אונדז אין זייערע בריוו לייענער פון פאַרשיידענע שטעט פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

צי קאָנען אמעריקאַנער ייִדן שלאָפן רויִק?

מיט א פּאָר יאָר צוריק האָב איך אין איינער אַן אמעריקאַנער ייִדישער צײַטונג זיך אָנגעטראָפן אָף צוויי נאָטיצן: אין איינער ווערט דערציילט, וויאַזוי א כאָפּטע בויִאַנעס האָבן אונטערגעצונדן א סינאַגאָגע אין ברוקלין (ניו־יאָרק), אין דער צווייטער — אַז אין אמעריקע איז געשאַפן געוואָרן די „דזשויִש דעפּענס ליג“ (אָף מאַמעלאָשן „ליגע צו פאַרטיידיקן די ייִדן“). דער קאָמענטאַטאָר פון דער צײַטונג האָט אָנגעזאָגט, ניט קאָנענדיק אײַנהאַלטן דעם שמייכל, אַז פון איצט אָן מעגן שוין די ייִדן אין אמעריקע שלאָפן רויִק, די „ליגע“ וועט זיך צערעכענען מיט די אַנטיסעמיטישע וואַנדאַלן, וואָס זייער צאָל וואַקסט פון טאָג צו טאָג.

אינדערעמעסן אָבער האָט זיך גאָרנישט ניט געענדערט. די אָנפאַלן אָף ייִדן אין די אמעריקאַנער שטעט האָבן ניט אופגעהערט, סינאַגאָגעס ווערן אַטאַקירט ווי פריִער. ווי עס האָט געשריבן די ניו־יאָרקער „מאָרגן־פרײַהײַט“, זײַנען די „ליגע“־לײַט נאָך קיינמאָל ניט אַרויסגעטראָטן קעגן אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס אין אמעריקע גופע, אַזעלכע, ווי „מיניטמען“, בווירטשערס“ אאַ.

מיט א צײַט צוריק האָט דער אמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס פאַרעפנטלעכט א באַריכט פון דער ניו־יאָרקער פּאָליציי, אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז אין 1969 זײַנען אין דער שטאָט פאַרעגיסטרירט געוואָרן מער פון טויזנט איבערפאַלן אָף ייִדישע געזעלשאַפטלעכע און רעליגיעזע בינייאָנים. א צווייטע אויספאָרשונג באַווײַזט, אַז בלויז פאַר די ערשטע כאַדאָשים פון 1970 זײַנען אין די פאַרייניקטע שטאַטן באַגאַנגען געוואָרן דרײַצן ברוטאַלע אַנטיסעמיטישע פאַרברעכנס: דאָ און דאָרט וואַרפט מען אַרײַן באָמבעס אין די שולן, מע פאַרפּאַטשקעט זיי פון אַלע זײַטן מיט האַקנקרייצן און אויפשריפטן, וואָס זײַנען פול מיט פאַשיסטישן גיפט, אָף ייִדישע בעסוילעמס ווערן אומגעוואַלגערט און געשענדט די מאַצייוועס.

דער פּרעזידענט פונעם אמעריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט פיליפּ האָפמאַן האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז ניט וועגן אַלע וואַנדאַלישע אַקטן פון די אַנטיסעמיטן ווערט באַוווּסט דער עפנטלעכקייט, אייניקע פאַלן ווערן פאַרשוויגן, קעדיי „ניט צו פאַרשטאַרקן די פּאַראַנאָנעע געשפּאַנטקײַט“.

אַנטשטייט, אַלזאָ, א געזעצלעכע פראַגע: מיט וואָס זשע פאַרנעמט זיך די „דזשויִש דעפּענס ליג“, אויב עס גייט איר לאַכלוטן ניט אָן דאָס לעבן און די געפאַרלאָזיקייט פון די אמעריקאַנער ייִדן?

די „ליגע“ און איר אַטאַמאַן

„דזשויִש דעפּענס ליג“ איז אַנטשטאַנען אין 1968, איר אַטאַמאַן איז מייער קאַהאַנע, א געוועזענער ראַוו און א געוועזענער זשורנאַליסט, וועמענס אָפּגאָט עס איז דער „גרונטלייגער“ פון פאַשיזם אין דער ייִדישער סוויווע זשאַבאָטינסקי. מענאַכעם בעגין, וואָס איז נאָך זשאַבאָטינסקיס טויט געוואָרן דער אָנפירער פון דער יִיסראָעלדיקער אולטראַרעאַקציאָנערער פּאַרטיי „כערוט“ (טאַקע מיט אָט דער פּאַרטיי האַלט אונטער דעם ענגסטן קאָנטאַקט מייער קאַהאַנע), האָט אַמאָל געזאָגט: „שוין צען יאָר, ווי מיר זוכן א ייִדישן מוסאָליני. העלפט אונדז געפינען אים. מוסאָליני איז יענער, וואָס האָט די מענטשהײַט געראַטעוועט פונעם קאָמוניזם“. פאַר אָט דער ראָליע האָט די ייִדישע רעאַקציע אָפּגעזוכט דעם ראַוו קאַהאַנע...

די שטאַב־קוואַרטיר פון דער „ליגע“ געפינט זיך אין ניו־יאָרק אָף דער פינפטער אַוועניו, 156, און איז גיכער ענלעך אָף א „מאַלינע“. דאָ זײַנען אומעטום אויסגעהאַנגען זשאַבאָטינסקיס פּאָרטרעטן, פּלאַקאַטן, וואָס רופן צו לערנען זיך, וויאַזוי זיך צו באַגיין מיט הייס און קאַלט געווער. בא די יונגען פון דער „ליגע“ גייט אָף דעם אוועק פינף שאָ טעגלעך. דאָס זעלבע לערנט מען די יוגנטלעכע אין עלטער פון 13 ביז 21 יאָר אין די זומער־לאַגערן, וואָס די „ליגע“ האָט

אָרגאַניזירט אין די קעטסקילסער בערג. אין מעשעך פון כאַדאָשים גייען די „ליגע"־יונגען אויך דורך א קורס פון „אידעאָלאָגישער צוגרייטונג". אַף די לעקציעס און סעמינאַרן באַקאַנט מען זיי מיט די קלאָלים פון קאָנספּיראַציע, מיט דער טוירע, וויאַזוי צו אָרגאַניזירן און דורכפירן פּאָגראָמען לויט דער אָנווײַזונג פונעם „פיורער".

וואָס איז די „קרעדאָ" פון דער „ליגע"?

גלײַך פון די ערשטע טעג פון איר עקזיסטענץ האָט די „ליגע" געמאָלדן, אַז שולדיק אינעם אַנטיסעמיטיזם אין די פאַרייניקטע שטאַטן זײַנען... די נעגערס און ספּעציִעל די נעגערשע אָרגאַניזאַציע „שוואַרצע פּאַנטערעס", וועלכע קעמפט אַקטיוו קעגן דער ראַסיסטישער און נאַציִאָנאַלער אונטערדריקונג.

דער קאָרעספּאָנדענט פון דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי" אין ניו־יאָרק שרײַבט, אַז אים האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו ריידן מיטן אַטאַמאַן פון דער „ליגע", ער איז אָבער באַקאַנט מיט א סאַך זײַנע אַרויסזאָגונגען און — „איך קאָן, שטעלנדיק ווי פונדערווײַטנס פּראַגעס, קריגן אַף זיי אַן ענטפער אין די אינטערוויוען, וואָס קאַהאַנע האָט געגעבן. די צײַטונגען מיט אָט די אינטערוויוען ליגן אַף מײַן טיש..."

אָט זײַנען די פראַגן און די ענטפערס.

— פאַרוואָס האַלט איר פאַר דער הויפּט־סיבע פונעם אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע די אָרגאַניזאַציע „שוואַרצע פּאַנטערעס"?

— דערפאַר, וואָס זיי זײַנען פול מיט האַס צו די ווײַסע און צו ייִדן.

— אָבער די „שוואַרצע פּאַנטערעס" אַרבעטן דאָך צוזאַמען מיט די ווײַסע, און דער קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם איז איינער פון די פונדאַמענטאַלע פונקטן פון זייער פּראָגראַם.

— זיי אַרבעטן צוזאַמען מיט די ווײַסע דערפאַר, וואָס זיי קריגן געלט פון די לינקע און פון די קאָמוניסטן.

— וועלכע זײַנען אײַערע באַציִונגען מיט דער פּאָליציי?

— מיר האָבן מיט איר ניט קיין אומאָנגענעמלעכקײַטן. זי פאַרשטייט, וואָס מיר טוען. (די דאָזיקע ווערטער האָט קאַהאַנע געזאָגט דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער צײַטונג „מאַנהעטן טריביון" מיט עטלעכע כאַדאָשים צוריק, נאָך די כוליגאַנישע אַקציעס פון דער „ליגע" אַף די קאָנצערטן פון די סאָוועטישע מוזיקער).

— פאַרוואָס טרעט איר אַרויס פאַר דער מילכאָמע אין וויעטנאַם?

— ווען מיר וואָלטן אַרויסגעטראָטן קעגן איר, וואָלטן מיר פון דעם ווייניק־וואָס געהאַט...

אַגעוו, דער פאַרטיידיקונג פון דער מילכאָמע אין וויעטנאַם האָט קאַהאַנע געווידמעט א בוך, וואָס איז מיט א געוויסער צײַט צוריק דערשינען אונטער דרײַ כסימעס: מייער קאַהאַנע, מאַיקל קינג און דזשאָזעף טשאַרבאַ. מאַיקל קינג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז דער פּסעוודאָנים פון דעם זעלביקן קאַהאַנע. וואָס שײַעך דזשאָזעף טשאַרבאַ, איז דער דאָזיקער דזשענטלמען א פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט פון דער שטאָט מאָנטגאָמערי (אינעם שטאַט אַלאַבאַמאַ), וווּ ער פאַרנעמט זיך מיט פּראָבלעמען פון דעם נאָענטן מיזרעך און אַרבעט מיט אינעם זשורנאַל „אידייען", וואָס געהערט צו דער „ייִדישער געזעלשאַפט פון אַמעריקע", א רעאַקציאָנערער אָרגאַניזאַציע, וועלכע גייט אַרײַן, מיט די רעכט פון א קאָלעקטיוון מיטגליד, אין דער „געזעלשאַפט דזשאָן בוירטש" (די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז ספּעציעל געגרינדעט געוואָרן דורך די בוירטשיסטן, קעדײַ אָפּצוּווענדן פון זיי די באַשולדיקונגען אין אַנטיסעמיטיזם).

אַזויאַרום, באַטאָנט דער קאָרעספּאָנדענט פון דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי", האָט די „ליגע צו פאַרטיידיקן ייִדן" דירעקטע פאַרבינדונגען מיט די אַמעריקאַנער פאַשיסטן. איך ווייס ניט, צי האָט מייער קאַהאַנע באַציִונגען אויך מיט די „מיניטמענס". אָבער מיט דער אָרגאַניזאַציע „אימפּעריִאַל" אין ניו־דזשערסי געפינט ער זיך אין א פּערזענלעכן קאָנטאַקט. גאָר ניט לאַנג צוריק האָט דער אַטאַמאַן פון די „אימפּעריִאַלן" אָנגעקלונגען אין שטאַב פון דער „ליגע" און פאָרגעלייגט אַן אַליאַנס פון ביידע אָרגאַניזאַציעס. הייסט עס, אַז שטיצן די מילכאָמע אין וויעטנאַם און פרײַדיקן ראַסיזם זײַנען דאָס, וואָס פאַרייניקט אַלע אולטראַרעאַקציאָנערע קוּיכעס אין אַמעריקע. און נאָך געמיינזאַמס איז דאָ צווישן זיי אַלעמען: דער אַנטיסעמיטיזם, ווײַל א וויכטיקע אויפגאַבע פון דער „ליגע", ווי אויך פון דער „געזעלשאַפט דזשאָן בוירטש", פון „אימפּעריִאַל" אַדג. איז אָפּווענדן די האָרעפּאַשניקעס פון דעם קאַמף קעגן דער צעפּלאַקערונג אין פּשאַ פון סינע בענעגייע די נאַציִאָנאַלע מינדערהײַטן, אַרײַנגערעכנט די ייִדן.

מייער קאַהאַנע דערציילט אין זײַנע אינטערוויוען, אַז זײַן „ליגע" נעמט אַרײַן טויזנטער יונגעלײַט אין 18 שטעט פון די פאַרייניקטע שטאַטן. שווער אויסצוטיילן, אַף וויפל די דאָזיקע באַהויפּטונג איז א ריכטיקע. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז קאַהאַנעס דעמאַגאָגיע האָט טאַקע איבערגעצויגן אַף זײַן זײַט א געוויסע צאָל יוגנטלעכע. אָבער ניט לאַנג צוריק האָט די צײַטונג „מאַנהעטן טריביון" דורכגעפירט אַן אַנקעטע אין ברוקלין, קווינס און אין עטלעכע אַנדערע ערטער, וווּ, לויט קאַהאַנעס ווערטער, אָפּערירן אַקטיוו פּאַט־

רופֿן „אַף צו פּאַרטייִדיקן די ייִדישע באַפֿעלקע־
רונג". עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רויב־
איבערפֿאַלן און עקסצעסן מערן זיך, און זיי ווערן באַגאַנגען ניט בלויז קעגן ייִדן, נאָר אויך קעגן נעגערס, איטאַליענער, פּאָליאַקן, אירלענדער, און אַפֿילע קעגן בירגער פֿון אַנגלאָזאַקסישער אָפּ־שטאַמונג.

וואָס שײַעך „קאַהאַנעס פּאַטרולן", האָט וועגן זיי דאָרט קיינער ניט געהערט.

געיעג נאָך סקאַנדאַליעזער פּאָפּולערקײַט

קעדיי צו דערלאַנגען סקאַנדאַליעזע פּאָפּולער־קײַט, האָט מייער קאַהאַנע אַ וואָרף געטאָן אַלע קויכעס פֿון זײַן „ליגע" אַף די אַנטיסאָוועטישע אַקציעס.

אָט ווי עס איז באַשריבן געוואָרן אין די אַמע־ריקאַנער צײַטונגען דער אָנפֿאַל פֿון די „ליגע"־פֿאַגראָמשטשיקעס אַף דער קאָנטאָר פֿון דער סאָוועטיש־אַמעריקאַנישער קאָמפּאַניע „אַמטאָרג טריידינג קאָרפּאָריישן". אַרום צוויי אַזייגער באַ־טאָג האָבן אין פּאַיע פֿונעם הימלקראַצער, וואָס געפֿינט זיך אַף דער לעקסינגטאָן־אַוועניו, 355, זיך פֿאַרזאַמלט אַ גרופּע פֿאַרדעכטיקע יונגען. זיי האָבן פֿאַרכאַפּט צוויי שנעל־ליפֿטן און אופּגע־הויבן זיך אַפֿן 19־טן און 20־טן שטאָק. גלײַך ווי די טירן פֿון די ליפֿטן האָבן זיך צעעפֿנט, זײַ־נען די יונגען מיט ווילדע געשרייען זיך צעלאָפֿן איבער די קאָרידאָרן, אַרײַנגעריסן זיך אין די קאַבינעטן פֿון די מיטאַרבעטער פֿון „אַמטאָרג", אוועקגעשלעפּט זיי פֿון זייערע אַרבעטס־ערטער, געשלאָגן און באַוואָרפֿן זיי מיט זידלערײַען.

מייער קאַהאַנע האָט זײַן „ליגע" געשיקט דורכ־צופֿירן אַנטיסאָוועטישע דעמאָנסטראַציעס פֿאַרן לאָקאַל פֿון דער פֿאַרשטייערשאַפֿט פֿון פֿסר אין דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס. ער האָט אָרגאַניזירט אַן אָנפֿאַל אַף די פֿאַר־שטייערשאַפֿטן פֿון „אַעראָפֿלאָט", „אינטוריסט" און טאַסס. טרעטירנדיק אַף אַ גראָבן אויפֿן די דיפּלאָמאַטישע אומבאַרירלעכקײַט, האָבן די פּאָ־גראָם־לײַט, באַ דער מיטווירקונג פֿון די אַמערי־קאַנער מאַכט־אָרגאַנען, מיט אַ געוויסער צײַט צו־ריק אומגעזעצלעך אַרײַנגעריסן זיך אין דער זו־מער־רעזידענץ פֿון דער שטענדיקער פֿאַר־שטייערשאַפֿט פֿון פֿסר באַ דער אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס. זיי האָבן דורכגע־בראָכן דעם פּאַרק, צעוואָרפֿן איבער דער טערי־טאָריע פֿון דער זומער־רעזידענץ מעטאַלענע שטעכלקעס. אַפֿן אַספֿאַלטירטן וועג אינווייניק אין דער רעזידענץ האָבן זיי אָנגעשמירט אַנטיסאָוועט־טישע אויפֿשריפֿטן. די אָרגאַניזאַטאָרן פֿונעם פּראָ־וואָקאַציאָנעלן אָנפֿאַל האָבן פֿאַרשפּרייט אַ מעל־דונג, אַז די „ליגע" האָפֿט צו ווערן באַלעבאָס פֿון אָט דעם לאָקאַל.

ניט לאַנג צוריק איז אין איינעם פֿון די גרעסטע קאָנצערט־זאַלן פֿון טשיקאַגאָ אופֿגעטראָטן דער באַרימטער סאָוועטישער טאַנץ־אַנסאַמבל אונטער דער לײַטונג פֿונעם פֿאָלקס־אַרטיסט פֿון פֿסר איגאָר מאָיִסייעוו. עס זײַנען בײַגעווען דרײַ מיט אַ האַלבן טויזנט מענטשן. פּלוצעם זײַנען פֿונעם באַלקאָן אַראָפּגעוואָרפֿן געוואָרן צוויי באָמבעס, אָנגעפֿילטע מיט שטיקעדיקן גאַז. עטלעכע מענטשן האָט מען געמוזט אָפּפֿירן אין שפּיטאָל. דער קאָנצערט איז איבערגעריסן געוואָרן. די טשיקאַגער פּאָליצײַ האָט, ווי שטענדיק, געמאָלדן, אַז איר האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו כאַפּן די פֿאַרברעכער. אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די באַנדיטן פֿון דער „דזשויִש דעפֿענס ליג" זיך באַרימט, אַז דאָס איז געווען זייער שטיקל אַרבעט.

ווי ס׳איז שוין געזאָגט געוואָרן, עקזיסטירט די אַמעריקאַנער „דזשויִש דעפֿענס ליג" בלויז צוויי יאָר. אָבער לויט דער צאָל אַנטיסאָוועטישע פּראָ־וואָקאַציעס, וועלכע זי האָט אָרגאַניזירט, מעג זי מאַמעש פּרעטענדירן אַף דער ראָליע פֿון אַ רעק־אָרדסמען צווישן די אַנטיקאָמוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס אין פֿשא.

אַף אַ מיטינג אין טשיקאַגאָ האָבן די „ליגע"־לײַט היסטעריש געגוואַלדעוועט, געפּאַטשט מיט זייערע פּאָליצייִשע דובינקעס און געשווירן, אַז דאָס וועלן זיי, טאַקע נאָר זיי, און ניט קיין אַנ־דערער, „באַפֿרײַען די דרײַ מיליאָן ייִדן פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד".

יאָ, באַהיט זאָל מען ווערן פֿון אַזעלכע „באַ־פֿרײַער"!

די „ליגע" — אַ שאַנד־פֿלעק

„דזשויִש דעפֿענס ליג" איז שאַרף פֿאַרדאַמט געוואָרן פֿון פֿיל ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע אַלס אַן אולטראַרעאַקציאָנערע באַנדע, וואָס ברענגט בלויז שאָדן און כאַרפּע דעם ייִדישן פֿאָלק. לעמאָשל, דער פֿאָרזיצער פֿונעם פֿאַרבאַנד פֿון די קעהילעס פֿון די אַמעריקאַנער ייִדן מאָריס אייזנדראַט איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ דערקלערונג, אַז „די ייִדן, וועלכע טרייסלען מיט בייסבאָל־פּלעקענער און מיט וועלאָסיפּעד־קייטן, שטייענדיק, ווי באַנדעס גאַרגלשנײַדער, באַ די באָטעמעדראָשים, רופֿן אַרויס פּונקט אַזאַ געפֿיל פֿון עקל, ווי קוקלוקס־קלאַנאָווצעס אין באַלאַכאָנען און קאַפּיושאָנען".

מיט אַזעלכע פֿרײַנט, ווי „דזשויִש דעפֿענס ליג", האָט געשריבן די „מאָרגן־פֿרײַהײַט", דאַרף שוין דאָס ייִדישע פֿאָלק קיין סאָנים ניט האָבן. די „ליגע"־לײַט, שטרײַכט זי אונטער, איז ניט נאָר אַ שאַנד־פֿלעק אַפֿן ייִדישן יישעוו פֿון אַמעריקע,

נאָר אויך א גרויסע געפאר. מע קאָן דערוואַרטן, אז די ייִדישע פאשיסטן זאָלן באלד זיך אָנשליסן אין די „קאָנסטרוקציע־ארבעטער“ מיט די הארטע היטעלעך און שלאָגן פרידלעכע שאָלעם־דעמאָנסטראַציעס. דער ייִדישער יישעוו בא אונדז אין לאנד מוז אָנעמען מיטלען, אז די אומפאראנטוואָרטלעכע יונגען מיט די האלב־מיליטערישע וניפאָרמען און דובינקעס אין די הענט זאָלן ניט האָבן קיין אָנהאלט אין ייִדישן לעבן. זאָל דער שאנד־פלעק אראָפּגענומען ווערן פון דעם ייִדישן יישעוו, — פירט אויס די צייַטונג.

מייער קאהאנע קריכט פון דער הויט, קעדיי צו פארשפרייטן זייַן סאם אויסער די גרענעצן פון פשא. אין טאָראָנטאָ (קאנאדע) האָט זיך אים ניט איַינגעגעבן צו שאפן אן אָפּטיילונג — מע האָט אים פּאָשעט דורכגעטריבן. געלונגען איז אים דאָס צו טאָן אין א צווייטער קאנאדער שטאָט — אין מאָנטרעאל. די קאנאדער „וואָכנבלאט“ האָט געשריבן, אז „קאהאנעס בויאנעס האָבן שוין געבראכט געגנוג ביזאָיען און שאָדן דעם ייִדישן יישעוו ניט נאָר פון מאָנטרעאל, נאָר פון גאנץ קאנאדע“. די צייַטונג טיילט מיט, אז די גרעסטע ייִדישע אָרגאניזאציעס פון לאנד האָבן אויסגעדריקט זייער שארפן פּראָטעסט קעגן דער ווילדער טעטיקייַט פון קאהאנעס אגענטן אין קאנאדע.

די פּאריזשער „נייַע פּרעסע“ שרייַבט: „דזשויִש דעפענס ליג“ האָט זיך טרויעריק בארימט געמאכט מיט אירע כוליגאנישע מייַסים, וואָס זייַנען שארף פארורטיילט געוואָרן דורך די מערסטע ייִדישע אָרגאניזאציעס, פארשידנסטע ייִדישע פערזענלעכקייַטן און אויך מיצאד ייִדישע צייַטונגען“. פארשטייט זיך, ניט מיצאד אלע. די „נייַע פרעסע“ טרעט שארף ארויס קעגן דער פאריזשער ציִעניסטישער צייַטונג „אונדזער וואָרט“, וואָס איז פול מיט ליבגעזאנגען פאר די לייַט פון דער „ליגע“. לויט „אונדזער וואָרט“ קומט אויס, אז די שלעגער פון „דזשויִש דעפענס ליג“ זייַנען די סאמע פייַנסטע מענטשן און אז זייער אקטיוויטעט באשטייט אין... לאָזן הערן דעם „קויל קויל יאנקעוו“ און אין „טאָן אוועקשטעלן פרידלעכע פיקעטן“ (אזוי הייסן בא „אונדזער וואָרט“ די כוליגאנישע אנטיסאָוועטישע מאניפעסטאציעס פון די לייַט פון דער „ליגע“).

אין קעלבערנער היספּייַלעס פאלט אריַין אויך דער ניו־יאָרקער „ייִדישער קעמפער“, ווען ער רעדט וועגן דער „ליגע“. דער דאָזיקער, מישטיינסגעזאָגט, נאציִאָנאל־ייִדישער זשורנאל האלט, אז ס'איז בעפּיירעש גאָרניט קיין אוולע, ווען „ייִדישע יונגעלייַט“ — מיט קויעך און מיט ייִדישע הערצער — איבן זיך אין פארשיידענע שלאָג־מיטלען...“

דער אוואנטיוריזם און די העפקיירעס פון דער „דזשויִש דעפענס ליג“ איז צום הארצן די געוויסנלאָזע דינער פונעם קאלטן קריג. ס'איז אָבער, צו האָפן, אז די ייִדישע געזעלשאפטלעכקייַט פון די פארייניקטע שטאטן פון אמעריקע וועט לאנג אָט די מיִעסע בריִע נישט דולדן.

אנומלטן, נאָך א קאָנצערט פונעם סאָוועטישן אָרקעסטער אין ברוקלין (ניו־יאָרק), ווו מייער קאהאנעס באנדיטן האָבן געבושעוועט און בויאנעט, איז צום דיריגענט קיריל קאָנדראשין צוגעגאנגען א יונגערמאן און אזוי געזאָגט:

— איך וויל, אז איר זאָלט וויסן, אז מיר פילן זיך שטארק געטראָפן פון אָט די העסלעכע מייַסים פון די בויאנעס. איך בין אויך א ייִד, אָבער איך האָב קיין שום געמיינזאמס ניט מיט דער דאָזיקער קנופיע. די דאָזיקע מענטשן ווארפן א שאנד־פלעק אף אונדזער פאָלק.

עס איז באקאנט, אז פיל אמעריקאנער בירגער האָבן צוגעשיקט צו דער סאָוועטישער אמבאסאדע אין וואשינגטאָן און צו דער שטענדיקער פאָרשטייערשאפט פון פססר בא דער אָרגאניזאציע פון די פארייניקטע נאציעס אין ניו־יאָרק צאָרנדיקע בריוו, אין וועלכע זיי טאדלען אפן שארפסטן אויפן די אנטיסאָוועטישע פּראָוואָקאציעס פון דער „דזשויִש דעפענס ליג“.

די „קאָמסאָמאָלסקאיא פּראוודא“ האָט דעם 5 סענטיאבער ד. י. געשריבן:

דער היסטערישער, סקאנדאליעזער כאראקטער פון די ארויסטרעטונגען פון מייער קאהאנע און פון זייַן „ליגע“ איז ניט קיין צופעליקע דערשייַנונג. זעענדיק דעם נישטיקן עפעקט, וואָס עס מאכן אף דער עפנטלעכער מיינונג די זאָרגזאם צוגעגרייטע ארויסטרעטונגען וועגן דער קלויםערשטער „ייִדן־פראגע“ אין פססר, האָבן די רעדלפירער פון די ציִעניסטישע אָרגאניזאציעס, די הינטערקוליסן־אָנפירער פונעם אנטיקאָמוניזם, געפונען פאר ווינטשנסווערט ארויסצולאָזן אף דער ארענע די מעסער־יונגען.

אָט דאָס איז דער עמעס!

ליטעראַטור־קריטיק ‖ ביבליאָגראַפיע ‖ פראגן פון קונסט

ארן ראסקין

זשורנאַל „מאזנים“: פּראָבלעמען פון דער שאַפונג פון ייִסראָעלדיקע שרײַבער

מיר האָבן בעדייע צו באַקאַנען אונדזערע לייענער מיט די לעצטנס דערהאַלטענע צוויי נומערן (פאַר אַפּרעל־מײַ און יוני 1970) פונעם כוידעשלעכן זשורנאַל „מאזנים“ („די וואָג“), אָרגאַן פונעם פאַרבאַנד פון העברעיִשע שרײַבער אין ייִסראָעל. באַ דער געלעגנהײַט וועלן מיר פּרוּוון, אויף וויפל ס׳וועט זײַן אין אונדזערע מעגלעכקײַטן, זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין אייניקע פּראָבלעמען פון דער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג אין ייִסראָעל.

„מאזנים“ איז לויט זײַן כאַראַקטער א ליטעראַריש־קינסטלערישער, ליטעראַטור־קריטישער זשורנאַל, נאָר זײַן פּראָפיל, אזוי צו זאָגן, באַשטימט די ליטעראַטור־פאָרשונג און די קריטיק, וועלכע פאַרנעמען דעם אויבנאָן. וועלן מיר אין אונדזער איבערזיכט טאַקע ווידמען די הויפּט־אויפמערקזאַמקײַט אָט די דאָזיקע זשאַנרען.

אין די ליטעראַריש־קריטישע אַרבעטן ווערן הויפּטזאַכלעך באַרירט פראַגן פון דער הײַנטצײַטיקער העברעיִשער ליטעראַטור אין ייִסראָעל. פון צײַט צו צײַט ווענדט זיך דער זשורנאַל אויך צו דער ליטעראַרישער ירושה. א באַזונדער ראָליע שפּילט אין דעם פּראַט די ספּעציִעלע בײַלאַגע „גנאָזים“ („אַרכיוו־מאַטעריאַלן“), וועלכע דער־שײַנט פּעריִאָדיש און אין וועלכער ס׳ווערן פּובליקירט מאַטעריאַלן פון די ליטעראַרישע אַרכיוון. אינעם אָפּטייל „ידיעות פון דער ליטעראַטור־וועלט“ ווערן די לייענער אינפאָרמירט וועגן די וויכטיקסטע געשעענישן אינעם ליטעראַטור־לעבן פון ייִסראָעל.

אינעם אַפּרעל־מײַ־נומער פונעם זשורנאַל פאַרנעמט פיל פּלאַץ די סעריע אַרטיקלען, געווידמעט דעם 70־יאָריקן יוביל פון אַווראָם שליאָנסקי. די דיכטערין לייע גאָלדבערג, געוועזענער פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור אין ירושאַלאיִמער אוניווערסיטעט (געשטאָרבן אין 1969), איז יאָרנלאַנג געווען באַפרײַנדעט מיט שליאָנסקין, זי האָט צוזאַמען מיט אים אַרויסגעגעבן די העברעיִשע אַנטאָלאָגיע פון דער רוסישער דיכטונג. איר אַרבעט וועגן שליאָנסקין, „א. שליאָנסקיס דיכטונג“, כאָטש זי איז געווען געשריבן מיט 20 יאָר צוריק און ווערט איצט איבערגעדרוקט פון דער „גאָלדענער קייט“, האָט ניט פאַרלאָרן איר ווערט.

ל. גאָלדבערג באַטאָנט די גרויסע ווירקונג, וואָס עס האָט געהאַט אויף שליאָנסקין די אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, די דיכטונג פון בלאָקן און מאַיאַקאָווסקין. „ער האָט מיט־געבראַכט פון רוסלאַנד, — שרײַבט לייע גאָלדבערג, — די מעלאָדיע פון דער יונגער דיכטונג, דעם באַגער „אומ־צוּוואַרפן די געטער פונעם אָוואַר, דעם נאָענטן און ווײַטן, און אָוועקשלײַדערן זיי טיף אין יאַם אַרײַן“, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט דער דיכטער פון דער רוסישער רעוואָ־לוציע וו. מאַיאַקאָווסקי. ער האָט פון דאָרט מיטגעבראַכט נײַע פאָרמען, נײַע פערז־מאָסן און ריטמען פון נײַע צײַטן, וואָס קלאַפּן זיך אין טיר“.

ל. גאָלדבערג פּאָלעמיזירט מיט יענע קריטיקער, וועלכע האָבן אין שליאָנסקיס שפּעטערדיקע לידער, צום בײַשפּיל אין דער זאַמלונג „אבני בוהו“ („די שטיינער פון כאָאָס“, 1933), אויסגעפונען מאָטיוון פון דעקאַדאַנס, פון פּעסימיזם און „וועלט־שמערץ“. זי באַווײַזט, אַז אין די דאָזיקע לידער האָט געפונען אַן אויסדרוק דאָס דיכ־טערישע פאָרגעפיל פונעם היטלער־קאָשמאַר, די שרעק פאַר אים. שליאָנסקיס שפּראַך, באַמערקט גאָלדבערג, איז געוואָרן רײַכער, באַקומען נײַע פאַרבן, אָבער די ליד איז איצט געוועזן ווייניקער „קאָנסטרוקטיוו“, די צייכנס פון כורבן האָבן אַרופגעלייגט אויף איר זייער שטעמפּל.

דער קריטיקער באַווײַזט, אַז שליאָנסקי איז אין די דרײַסיקער יאָרן ניט אַרײַנגעפאַלן אין פּעסימיזם. אין דער סאַמע מיט פון כורבן האָט זיך געלאָזט הערן זײַן שטים פון האָפענונג און גלויבן. ס׳איז געווען אַן אָנזאָג אויף נײַע אָפּטימיסטישע טענער, וועלכע וועלן זיך שפּירן אין די לידער פון סאָף דרײַסיקער און פערציקער יאָרן.

„דער דיכטער פון זײַן עפּאָכע“ — אזוי איז געווען אָנגענומען צו כאַראַקטעריזירן שליאָנסקין. דער דאָזיקער געדאַנק גייט דורך ווי א רויטער פאָדעם אויך אין דער אַרבעט פון ל. גאָלדבערג. אָבער אין א צווייטן אַרטיקל,

אינעם זעלבן נומער „מאזנים“, מערקט זיך א טענדענץ די דאָזיקע מיינונג אָפּצורופן. די ארבעט פון הילעל בארזעל „דער זייגער אָדער דער דאָרנקוסט?“ שטעלט מיט זיך פאָר א גרינטלעכע שטודיע פון שליאָנסקיס דיכטונג, אין וועלכער ס׳זיַינען דאָ באאָבאכטונגען און האשאָרעס, וואָס פארדינען אופמערקזאמקיַיט.

ארן ראסקינס ארטיקל אין היַינטיקן נומער „סאָוועטיש היימלאנד“ פארעפנטלעכן מיר, ווען אונדזער כאָשעווער ליטעראטור־פאָרשער איז אלט געוואָרן 60 יאָר. מיר באגריסן הארציק ארן ראסקינען און ווינטשן אים נייַע גרויסע שעפערישע אופטוען אין אונדזער סאָוועטישער יִידישער ליטעראטור־וויסנשאפט.

פארופנדיק זיך אף דער דורכויסיקער נייגונג פונעם דיכטער צו פילאָסאָפישער, פאראלגעמיינערנדיקער סימבאָליק, באהויפּטעט בארזעל, אז שליאָנסקי איז גליַיכגילטיק צום איבערגייענדיקן, צום ציַיטלעכן, פון וועלכן ער „קליַיבט אויס נאָר דאָס אייביקע“, און האגאם ער האָט באַרירט אין זיַין שאפן אייניקע געשעענישן פון זיַין ציַיט, צום ביַישפּיל דעם קאטאקליזם פון דער היטלערציַיט, די פארטיידיקונג פון סטאלינגראד, די בלוטיקע געשעענישן אינעם לאנד אדג., האָט ער עס געטאָן בלויז אויס נויט עפּעס צו זאָגן, נאָר ס׳איז ניט ארויסגעדרונגען פון זיַין אינערלעכער באדערפעניש. „דער דיכטער פון זיַין טקופע איז ער ניט“, — רעזיומירט בארזעל.

פארקערט, לויט דער מיינונג פונעם קריטיקער, איז שליאָנסקיס דיכטונג „איבער טקופעס און איבער זמאנים“. נאָך מער: זי איז אויסער און איבער אָרט. אויב שליאָנסקי מאָלט יאָ ייִסראָעל־פּייזאזשן אָדער בילדער פון אנדערע לענדער, שטעלן זיי מיט זיך קלאל ניט פאָר אן אָפּשפּיגלונג פון א באשטימטער רעאליטעט, וויַיל ניט דאָס איז דער דיכטער אויסן, זיי זיַינען בלויז סימבאָלן פאר ברייטערע פאראלגעמיינערונגען, וועלכע ער איז אויסן צו מאכן. בארזעל ציטירט אייניקע באוווסטע שליאָנסקיס לידער, וואָס אָטעמען מיט ערד, מיט פעלד, און ער וויַיזט אָן: „סערפּ און פעלד זיַינען דאָ ניט ארויס פון זייער סימבאָלישער באדיַיטונג, פון זייער געפינען זיך איבער קאָנקרעטער לאנדשאפטלעכקיַיט, און גאָט איז ניט אומגעוואָרפן געוואָרן פון זיַין הערן־שטול“.

„גאָט“ איז דאָ ניט צופעליק. בארזעל געפינט עלעמענטן פון מיסטיציזם אין שליאָנסקיס צוגאנג צו דער נאטור, צו זאכן און געגנשטאנדן. ער פּאָלעמיזירט מיט עלי שאבידן, וועלכער האָט אין זיַינער אן ארבעט וועגן שליאָנסקין אָנגעוויזן, אז דער דיכטער האָט אין זיַינע לידער אָפּגעוואָרפן די ראבאָניש־יודאיִסטישע קאָנצעפּציע, וועלכע באציט זיך נעגאטיוו צו דער געפילן־וועלט פונעם מענטשן, צו זיַינע כושים. דער קריטיקער האָט טיַינעס צו שאבידן, האלעמיַי ער האָט פארזען שליאָנסקיס נעטיִע צום כאסידיזם, צו דער כסידישער טעווע צו „פארהייליקן פּאָשעטע געגנשטאנדן“, צו מיסטישער אופאסונג פון דער נאטור און פון דער ארומיקער ווירקלעכקיַיט. בארזעל האלט, אז אויך שליאָנסקי „מאכט בראָכעס אף דער ערד, אף איר ברויט, אף איר גערעטעניש, אף איר באמיסטיקונג, ווי אף הייליקע, געטלעכע קערפּערס“. נאָך מער: „דער דיכטער איז אינגאנצן פארטאָן אין אנטפּלעקן דעם יעסאָד, די באשטענדיקיַיט פון מיַיסע בריישיס. עפּשער דערפאר זינגט ער ניט וועגן ליבע צווישן מאן און פרוי מאכמעס איר ציַיטוויַיליקיַיט... די ליבע, וועלכע ער שילדערט, איז מיטאָלאָגיש. פיל עכטערע אייביקיַיט אין דער ליבע געפינט ער אין די שטיקער ערד, וואָס לעכצן נאָך רעגן, וועלכער באפרוכפּערט זיי“.

אינטערעסאנטע באאָבאכטונגען איבער די באזונדערקיַיטן פון שליאָנסקיס דיכטונג אינעם פריִען פעריִאָד געפינען מיר אין ארטיקל פון גידעאָן קאצענעלסאָן „די קינסטלערישע מאָדעל און אירע באוועגונגען“. דער פאָרשער מאכט א פארגליַיך צווישן צוויי בילדער פון א שטורעם בא ביאליקן אין „הברכה“ און בא שליאָנסקין אין דער ליד „בחופזי“ — און דערוויַיזט, ווי שטארק עס איז געווען דער דראנג פונעם פריִען שליאָנסקי צו געשטאלטלעכקיַיט, וואָס ווערט דערקלערט מיט דעם גרויסן איַינפלוס אף אים מיצאד די אימאזשיניסטן.

ווי באוווסט, איז דער אידייִשער מאָקער פון די אימאזשיניסטן געווען די פילאָסאָפיע פון אינטויִטיוויזם, די עסטעטישע טעאָריעס פון די סימבאָליסטן, פון דער גרופּע „פּארנאס“ אין פראנקריַיך, וואָס האָט געפּריידיקט „קונסט לעשעם קונסט“. די אימאזשיניסטן האָבן געפּאָדערט פונעם דיכטער, ער זאָל אומיטלבאר אויסדריקן זיַינע סוביעקטיווע איַינדרוקן און, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער לאָגיק, אָנהויפּן איינס אף ס׳אנדערע די בילדער, וואָס קומען אוף אין זיַין פאָרשטעלונג. די ליד האָט זיך אזויארום פארוואנדלט אין א מין „קאטאלאָג פון בילדער“.

מיט פאכמענישער געניטקיַיט, נאָכפאָלגנדיק שורע נאָך שורע און וואָרט נאָך וואָרט, באוויַיזט דער פאָרשער דעם אונטערשייד אין דער קינסטלערישער מאניר פון ביידע דיכטער. אין ביאליקס בילד פון שטורעם זעען מיר, ווי עס אנטשטייט דאָס בילד, ווי עס אנטוויקלט זיך, ווי איין פּראט דרינגט ארויס פונעם צווייטן און אלע צוזאמען בילדן זיי איין גאנצעס — א בילד, וואָס פארמאָגט א כוטהאשעדרע, אן אינהאלט. דאקעגן, איז בא שליאָנסקין די קינסטלערישע מאָדעל זעלבשטענדיק לעגאבע דעם בילד, וואָס איז אופגעפּאסט פון אויסן. די איינצלנע פּראָטים האָבן ניט קיין פארבינדונג צווישן זיך און בילדן ניט עטוואָס גאנצעס.

דער פאָרשער דערקלערט דעם אונטערשייד אין דער פּאָעטישער מאניר בא ביידע דיכטער מיט דער פארשיידנקיַיט פונעם מאסשטאב, פונעם קריטערי, פונעם צוגאנג. די דאָזיקע פארשיידנקיַיט ווערט געוויס באשטימט מיט

דעם אונטערשייד אין דער וועלט־אנשויונג, דער לעבנס־אויפאסונג. און וועגן דעם האט מען, ווארשיינלעך, געדארפט זאגן.

אינעם ארטיקל „באטראכטונג פון א. שליאנסקיס דיכטערישן ווערטערבוך" באטראכט דער פארשער יאנקעוו באהעט שליאנסקיס קינסטלערישן מעטאד און באזונדערס זיין פאעטישן לעקסיקאן. ווערטפול איז דער פרווו צו באווייזן די עוואליוציע פון שליאנסקיס שרייבערישער מאניר, פון זיין שעפערישן מעטאד.

„אין זיינע ערשטע לידער־זאמלונגען, — רעזיומירט יאנקעוו באהעט, — האט אונדזער דיכטער קאנצענטרירט זיין גאנצע ענערגיע און טאלאנט אף צו באווייכערן די טעמע מיט רעמאזים און אסאציאציעס, אזוי אז צייטנווייז האט זיך געדאכט, אז דער אינהאלט אינטערעסירט אים קלאל ניט, און דעריבער האט ער אויסגעמיטן די פינקטלעכקייט אינעם איינפאכן פארשטיין דעם באגריף. אין זיינע לעצטע לידער־זאמלונגען... באמיט זיך דער דיכטער צו מאכן זיין שפראך לויטער און פינקטלעך אזש צום באווונדערן, אן קיין שום פארנעפלטקייט און טונקלקייט, אן וועלכער־ס'ניט־איז אומקלארקייט".

ריכטיק איז, אז די לעצטע לידער־זאמלונגען (באזונדערס „משירי הפרוזדור הארך" — „פון די לידער פונעם לאנגן פארצימער", וואס איז דערשינען צו שליאנסקיס יובילײ) צייכענען זיך אויס מיט קלארקייט פון ווארט און בילד. אבער עס רופט ארויס צווייפל דער אויספיר, וואס דער מעכאבער מאכט, אז מיר האבן דא צו טאן מיט אן אונטערשייד, וואס איז געגליכן צו דעם „כילעק צווישן דעם פאעטישן לעקסיקאן בא די סימבאליסטן און בא די מאדערניסטן". אונדז דאכט, אז עס קאן גיין א רייד וועגן א געוויסער אנשטרענגונג מיצאד שליאנסקין זיך צו באפרייען פון סימבאליסטיש־מאדערניסטישע האשפאעס.

אונטער דער רובריק „צוויי, וואס זיינען פון אונדז אוועק" טרעפן מיר אינעם זעלבן נומער אנדענק־ארטיקלען נאך די פארשטארבענע אוויגדאר האמעירי און נאטאן אלטערמאן.

אינעם ארטיקל „דער זון פון דער צוקונפט" קאנסטאטירט דער קריטיקער איטאמאר יעוז קעסט, אז אין אלע זשאנרען, אין וועלכע האמעירי האט געפרווט זיינע קויכעס, פארנעמט דאס וויכטיקסטע ארט דער אווטאביאגראפישער מאטיוו. באזונדערס איז עס קאנטיק אין זיינע ראמאנען „דער גרויסער שיגאען" און דער „גענעם שעל מאטא", וואס זייער קראפט שטעקט אינעם אייגנארטיקן אויפן איבערצוגעבן דעם מילכאמע־גרויל, נעמלעך — אין דער סארקאסטישער טאגבוך־מאניר, וועלכע צעשטערט די מעכיצע צווישן שרייבער און לייענער.

דער קריטיקער שטרייכט אונטער האמעיריס רעאליזם, זיין דעמאקראטישקייט, זיין שטרעבונג צו צוגענגלעכקייט:

„מיר וועלן ניט מעגאזעם זיין, — שרייבט קעסט, — ווען מיר וועלן זאגן, אז האמעירי איז דער ערשטער שרייבער, וואס זעט שטענדיק פאר די אויגן די מאסע, פאר וועלכער ער שרייבט און וועלכע וועט אים קיינמאל ניט מויכל זיין די זינד פון זיין לאנגווייליק. דעריבער איז די שפראך פון זיין פראזע א טאגטעגלעכע, בעקיוון קימאט אן ענלעכע צום צייטונג־לאשן. דער טראפ ווערט געשטעלט מער אף דער פארכאפנדיקער האנדלונג, ווי אף דער אנטבלויזונג פון דער געפילן־וועלט".

פון די מאטעריאלן וועגן נאטאן אלטערמאן איז קעדיי צו באטאנען יענע, וואס זיינען געגעבן אין יון־נומער פון זשורנאל אין פארבינדונג מיט די שלוישים נאך דעם דיכטערס טויט. דאן מיראנס „דער אויסגאנג־פונקט" איז געווידמעט דעריקער דעם דיכטערס ערשטער לידער־זאמלונג „כוכבים בחוץ" („שטערן אין דרויסן"). דער פארשער ווייזט ארויס ראפינירטקייט סיי אין דעם אנאליז פון באזונדערע לידער, סיי אין דער כאראקטעריסטיק פון אלטערמאנס שאפן ביכלאל.

אנאליזירנדיק די לידער פון „כוכבים בחוץ", געפינט דאן מיראן, אז דער יונגער דיכטער איז דא פארכאפט פון דעם „דיבוקישן קויעך" פונעם „ניגן", פון דער פאעטישער פארם, „מוזיקאלישער ריטמישקייט", וועלכע העלפט אים (מיט איר קראפט פון ארדענונג און הארמאניע) זיך אפצווועגדן פון דער „ניט־געארדנטער", דיסהארמאנישער „וואר".

ער שטרייכט אונטער, אז „די באטאנטע ריטמישקייט פון אלטערמאנס לידער" איז צום אלעם ערשטן א רעזולטאט „פון אנערקענען דעם „דרויסנדיקן" און אווטאנאמען מעהוס פון דער דיכטונג אין איר באציונג צום „לעבן". „דער דיכטער, ווי עס איז אים טויפעס דער יונגער אלטערמאן, דורך אינסטינקטן און פארשטאנדיקייט גלייכצייטיק, איז „פארכאפט" פונעם ניגן, פארשקלאפט און געבונדן צו הארמאניע און סיידער ווי צו באפעל. אף אזא אויפן ווערט אים דערמעגלעכט צו שאפן א דיכטערישע וועלט, א באפרייטע פון דעם ניט־געארדנטן לעבנס־ריטם, וואס עס פארמאגט די דרויסנדיקע וואר; א וועלט, וואס איז אין א געוויסער מאס „שענער" און „שטארקער" פון דער וואר"[1].

אין דער דאזיקער פונעם דיכטער געשאפענער אין זיינע פריע לידער וועלט פעלט, לויט דעם קריטיקער, יעטווידע רעאליטעט, עס זיינען דא נאר סימבאלן, מיט וועמעס הילף אלטערמאן „שאפט איבער אפסניי די וואר".

„אלטערמאנס מארק און די פארשטעט, — שרייבט דאן מיראן, — זיינען סימבאלן פון מענטשלעכער מעגלעכקייט און ניט קיין רעאלע לעבנס־פייזאזשן; זיי זיינען כאלאקים פונעם דיכטערס א מין פריוואט „דיסניילענד", פונקט ווי דאס לאשן, אין וועלכן זיי ווערן באשריבן, איז זייער ווייט פון האבן א מאמאשעסדיקע שוטפעס מיט אוועלכער־ס'ניט־איז רײדנדיקער שפראך... אלטערמאנס מעטאפארישע שילדערונג פארענדערט קעסיידערדיק יעדן בראכטייל פון א וואר, אין וועלכער ער כאפט זיך אן, ער קנעט זי, פארדרייט און פארשענערט זי און שאפט זי איבער אפדאסניי".

אין זיין ווייטערדיקן שאפן, — באמערקט דאן מיראן, — איז אלטערמאן דאפקע געווען געניגט „זיך אפצוקערן פון דעם דאזיקן אויסגאנג־פונקט אדער וויניקסטנס זיך באציען צו אים מיט דעמאנסטראטיווער קריטיק, דאך איז ער געבליבן סיי אפן, סיי פארשטעלט אין צענטער פון זיין קיעם..."

דער דיכטער האט, לויט דער מיינונג פונעם פארשער, זיך געפונען אין א שטענדיקן געראנגל „צווישן אונטערגעבן זיך דעם ניגן און אפווארפן אים". אין זיינע שפעטערדיקע לידער איז קענטיק געווען, „אז ער וויל ניט די וואר, וואס האט זיך אנגעקליידט אין „העמד פון שפיל און

---

1 דעם דאזיקן און אנדערע אויסצוגן פון דאן מיראנס ארטיקל גיבן מיר אין דער איבערזעצונג פון ד. שארגעל, געדרוקט אין „דער גאלדענער קייט", נומער 69—70, 1970.

קלאַנג" און וואָס איז פון אים „פאַרשענערט געוואָרן", ער וויל זיך דורכרייסן צו יענער זייט פון די איבעראַשנדיקע פאַראַלגעמיינערונגען און אָנרירן דאָס האַרץ פון די געשעענישן".

דאָס האָט זיך אים, לויט דאַן מיראָן, ניט איינגעגעבן. „די מאגישע שוועל צום „וואַנדערוועג" און דער „ניגון" האָבן אים געשטערט זיך אָרגאַניש צו פאַרבינדן מיט די „זאַכן" גופא, מיט דער רעאַלערווירקלעכקייט.

אין די אַרטיקלען וועגן אַלטערמאַנען, ווי אויך וועגן שליאָנסקין, ווערט גאָרניט געזאָגט וועגן דעם, אַז ביידע דיכטער האָבן אין די לעצטע יאָרן, נאָך דעם זעקסטאָגיקן קריג, פאַרנומען א פּאָזיציע, וואָס גרענעצט אין א געוויסער מאָס מיט שאָוויניזם.

אין די באַהאַנדלטע נומערן פון „מאזנים" זיינען פאַרעפנטלעכט מאַטעריאַלן, געווידמעט דעם אָנדענק פון עם וועטעראַן פון דער העברעיִשער מאָדערנער פּראָזע ש.־י. אגנאָן.

ס'איז קיין ספק ניט, אַז אגנאָן געהערט צו יענער פּלעיאַדע שרייבער־רעאַליסטן פון אונדזער יאָרהונדערט, וואָס זעצן פאָר די טראַדיציעס פון דער רעאַליסטישער ליטעראַטור פון דער פאַרגאַנגענהייט. גלייכצייטיק איז ער געווען געבענטשט מיט א פיינעם כוש און א שאַרפן אויער פאַר דער ווירקלעכקייט פון זיין צייט. באַם באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע האָט ער, ריידנדיק וועגן פאַרשיידענע השפּעות אויף אים און באַזונדערס וועגן די השפּעות פון דער אַלט־העברעיִשער ליטעראַטור, באַמערקט מיט דעם פאַר אים אייגנטימלעכן גוטמוטיקן הומאָר:

„און אַנדער השפּעה האָב איך באַקומען פון יעדער מאַן, פון יעדער פרוי, פון יעדן קינד, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן, סיי ייִדן, סיי ניט־ייִדן. די שמועסן און דערציילונגען וועגן זייערע מעשׂים האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין האַרץ און זיינען אויפגענומען געוואָרן פון מיין פען..."[1]

דאָס לעבן איז טאַקע געווען זיין לערער, דער וויכטיקסטער מקור פון השפּעה. מערקווירדיק איז דערביי זיין פולשטענדיקער גלייכגילט און אפילו אומצוטרוי צו וועלכע־ניט־איז מאָדערניסטיש־דעקאַדענטישע שטרעמונגען אין דער פּראָזע פון זיין צייט. ער האָט, צום ביישפּיל, קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן דעם פּרוּוו צוצושרייבן אים א געוויסע באַיינפלוסונג מצד פראַנץ קאַפקאַן. „איך בין ניט געוואָרן מושפּע פון קאַפקאַן, ווי עטלעכע פאָרשער און ליטעראַטור־קריטיקער זאָגן, — האָט אגנאָן ניט אָן איראָניע דערווידערט, — איך האָב געלייענט בלויז זיין „מישפּעט", און דאָס ווען איך בין געלעגן קראַנק. מיין פרוי, זאָל לעבן, פּרוּווט מאַשפּיע זיין אויף מיר צו לייענען זיינע ביכער, אָבער ער איז ניט פון מיין שורש נשמה. ער איז א גרויסער דיכטער, אָבער מיר איז ער פרעמד..."[2]

די מאַטעריאַלן, וועלכע ס'ברענגט אין זיין אַרטיקל „אגנאָנס בוטשאַטש" אין אַפּרעל־מיי־נומער פון „מאזנים" אגנאָנס א בען־איר, דער דיכטער און ליטעראַטור־פאָרשער ייִשׂראל קאַהאַן, באַשטעטיקן דאָס איבערגעזאָגטע. קאַהאַן דערציילט וועגן שרייבערס דערציִונג, וועגן דער אַטמאָספער, פון וועלכער אגנאָן האָט געצויגן זיין יעניקע, און ווייזט דייטלעך, ווי ווייט דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף דער פאָרמירונג פון זיין וועלטבאַנעם און פון זיין שעפעריש געשטאַלט.

אין דעם יובל־נומער, אין דער ביילאַגע „גנזים", זיינען פּובליקירט אינטערעסאַנטע אַרכיוו־מאַטעריאַלן, באַזונדערס בריוו פון דעם גרויסן שרייבער. אין איינעם א בריוו, דאַטירט 1966, שרייבט אגנאָן:

„אַז איך קלייב זיך אָנשרייבן א דערציילונג, נעם איך זיך ניט צו דער מלאָכה, ביז די אַלע העלדן פון מיין סיפּור שטעלן זיך ניט אויס פאַר מיר ווי אויף דער סצענע, זיי מיט זייערע רייד, מיט זייער אָרט, מיט די קליידער, אין וועלכע זיי זיינען אָנגעטאָן, און איך מייד אויס זיי אַריינצולייגן אין מויל, וואָס איך אַליין וואָלט געזאָגט, דאָס הייסט איך לייג אַריין יעדן מענטשן אין מויל ווערטער נאָך זיין נאַטור נאָך, כאָטש צייטנווייז רעדט מיך איין דאָס האַרץ אַרויסצוזאָגן מיינע אייגענע ווערטער פון זיין קעל אַרויס".

די דאָזיקע ווערטער קאָנען געבראַכט ווערן אַלס מאָטאָ צו אגנאָנס שאַפן.

■

די אַלע ביז איצט פון אונדז באַהאַנדלטע אַרבעטן זיינען געווידמעט די שרייבער פון עלטערן דור, פון וועלכע א טייל איז שוין ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. אין ביידע נומערן „מאזנים" זיינען דאָ אויך אַרטיקלען, וואָס זיינען נעגייע שרייבער פונעם ייִנגערן דור. דאָס זיינען הויפּטזאַכלעך רעצענזיעס אויף נאָרוואָס דערשינענע לידער־זאַמלונגען, נאָוועלן, ראָמאַנען, פּיעסן. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף דער רעצענזיע פון אָרן מאזי אויף דער לידער־זאַמלונג פון אוורהם ברוידעס, ווייל זי וואַרפט א שיין אויף אייניקע פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער העברעיִשער דיכטונג און אויף די שטרייטן, וואָס קומען פאָר אין און אַרום איר.

א. מאזי געפינט אין ברוידעסעס נייער זאַמלונג „תחנה ודרך" („די סטאַנציע און דער וועג") געוויסע סימאָנים פון נאָוואַטאָרישקייט סיי אינעם אינהאַלט, סיי אין דער פאָרם, נאָר, ווי אין די פריִערדיקע לידער, בלייבט ברוידעס טריי זיין אייגענעם דעוויז: „מיט פּאָשעטע ווערטער אַרויסשעפּן פון די טיפסטע טיפענישן דעם ביטערן עמעס".

אין זיינע נייע לידער רעדט ברוידעס מיט גרויס פאַרדראָס וועגן דעם „מענטשלעכן און מאָראַלישן דעקאַדאַנס", וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די מייִרעוו־וועלט. אינעם ציקל לידער „פון אַן אַנדער ברעג", אין וועלכן דער דיכטער טיילט זיך מיט זיינע איינדרוקן פון א באַזוך אין פּשא, רעדט ער מיט ווידערגעפיל וועגן דעם דאָזיקן באַסטיאָן פון דער מייִרעוו־„ציוויליזאַציע". שוין בא דער ערשטער באַגעגעניש מיט דער פרייהייט־סטאַטוע האָט אויף דעם דיכטער א ווייע געטאָן מיט קאַלטער גייווע. אומעטום האָט ער דאָ געזען איין „גרויסן געיעג נאָך באַרייכערונג", אַן עפנטלעכע דעמאָנסטראַציע פון „ווערגנדיקער פּעטקייט". אין דעם דאָזיקן לאַנד פילט זיך דער דיכטער פרעמד און עלנט, וואָרעם „ווער דאַרף דאָ לידער און כאַלוימעס?"

אין א צווייטן ציקל לידער דריקט א. ברוידעס אויס זיין אומצופרידנקייט מיט דער מאָדערנער פּאָעזיע, וואָס קאָקעטירט מיט אומפאַרשטענדלעכקייט, פאַרנעפּלטקייט און רעמאָזימדיקייט, אויף וועלכער ס'לויערט די געפאַר פאַרזונקען צו ווערן אין דער אייגענער „פינצטערער נישטיקייט", אין פּעסימיזם און אויסזיכטלאָזיקייט.

דער אוטאָר פון דער רעצענזיע אָרן מאזי טיילט מיט ברוידעסן די זאָרג איבערן צושטאַנד פון דער הייַנטצייַ־

[1] „די גאָלדענע קייט", נומ. 69—70, 1970, ז. 47;
[2] דאָרטן.

טיקער העברעיִשער דיכטונג, וואָס ווערט אַלץ מער באַווירקט פון פאַרשיידענע מאָדערניסטישע שטרעמונגען, וועלכע גייען פון מײַרעוו. ארן מאזי קאָנסטאטירט מיט באַדויערונג, אַז „אין די טפוצעס פון דער פּאַרנעפּלטער און קאַליידאָסקאָפּישער פּאָעזיע, וואָס איז פול מיט רעטענישן און קראָסוואָרדן“, איז געוואָרן אַ זעלטנהײַט אַזאַ „לויטער און קלאָר ליד“, ווי דאָס ליד פון אווראָם ברוידעס“.

יאָ, די יונגע דיכטונג אין ייִסראָעל איז שטאַרק אָנגעשטעקט מיט די מאָדערנע כאַלאַסן. און ניט נאָר די דיכטונג. אָט די דאָזיקע דערשײַנונג רופט אַרויס גרויס זאָרג בײַ דער ייִסראָעלדיקער ליטעראַרישער געזעלשאַפטלעכקײַט. זי האָט געפונען איר אויסדרוק, ווי מיר האָבן געזען, אויך אויף די זײַטלעך פון „מאזנים“. מיר קענען אָנרופן נאָך אייניקע אַרבעטן, ווו דער אומרו ווערט אַרויסגעזאָגט.

אין איינער אַן אַרבעט פון הילעל באַרזעל[1] ווערן אַנאַליזירט זיבן ראָמאַנען, וואָס זײַנען אַרויס דאָס לעצטע יאָר, און אין זיי אַלע מערקן זיך בולטע סימאָנים פון דעפּאַרמאַציע און דעהומאַניזאַציע — אַן אויסדרוק פון דער „לעצטער מאָדע“ אינעם מײַרעוו־ראָמאַן. אין די דאָזיקע ווערק פּרעוואַלירט די אַלעגאָריע און פאַנטאַסטיק, די העלדן זײַנען דאָסראָוו מאַקסימאַל דערווײַטערט פון געוויינלעכן טיפּ, בעדערעך־קלאַל זײַנען זיי באַשאָנקען מיט אַ פּאַטאָלאָגישער פּסיכיק, זײַנען גײַסטיק איזאָלירט, פילן זיך עלנט, איינזאַם, אָפּגעפרעמדט אאוו.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקײַט פאַרדינט די אַרבעט פון שאָלעם קרעמער „שירתנו הצעירה“ („אונדזער יונגע דיכטונג“). דער קריטיקער אַנאַליזירט די נאָרוואָס דערשינענע (1969) אַנטאָלאָגיע „יונגע דיכטונג“, אין וועלכער ס'זײַנען אײַנגעשלאָסן לידער פון פאַרשיידענע פּאָעטן, באַזונדערס פונעם ייִנגערן דאָר. דער קריטיקער קאָנסטאַטירט מיט צופרידנקײַט: „אונדזער יונגע דיכטונג עקזיסטירט, אַנטוויקלט זיך און בילדעט אַ בעקאָוועדיקן מאַסיוו צו דער יערושע פון דער העברעיִשער ליד“. דאָך האַלט ער פאַר נייטיק זיך געגנוי אָפּשטעלן אויף אַ ריי סימפּטאָמען אין דער אַנטוויקלונג פון דער יונגער דיכטונג, וועלכע רופן אַרויס זאָרג און באַדויערונג. ער שטעלט קוידעמקאָל פעסט, אַז אַנאַליזירן די דאָזיקע לידער פונעם שטאַנדפּונקט פון זייער אידייִשן אינהאַלט איז קימאַט אומעגלעך, ווײַל זיי האָבן קלאַל קיין אידיי ניט. כוץ דעם, פעלט אין זיי אַוועלכע־ניט־איז נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקײַט, אַפילע אַ מינדסטער סימען פון צײַט און אָרט.

„די דאָזיקע דערווײַטערונג פון געזעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע איניאָנים, — שרײַבט קרעמער, — איז ניט בלויז פּראָגראַמאַטיש. זי איז טיף פאַרוואָרצלט אין דער נעשאָמע פונעם דיכטער פון אונדזער צײַט, עפּעס פּונקט ווי די געזעלשאַפט, אין וועלכער ער לעבט, איז ניט זײַן געזעלשאַפט, די קולטור, אין וועלכער ער נייטיקט זיך און וועמעס פּרוכטן ער געניסט, — איז ניט זײַן קולטור... ער אַנערקענט ניט, אַז ער האָט עפּעס באַקומען פון די פאָריקע דוירעס, און ער פילט זיך מיט גאָרנישט פאַרפליכטעט לעגאַבע די קומענדיקע דוירעס. און ניט נאָר מיקויעך פאַרבינדונגען מיט דער געזעלשאַפט און מיט דער קולטור גייט דאָ אַ רייד. עס האַנדלט זיך וועגן דער אָפּוועזנהײַט פון אַוועלכן־ניט־איז געפיל פון אײַנבירגערן

[1] הלל ברזל. „צורה ובשרה ברומן הישראלי“. „מאזנים“, אַפּרעל־מײַ 1969, זז. 365—371.

זיך אין דער וועלט ביכלאַל. דער דיכטער, אויף וויפל ער איז אַ דיכטער, פילט זיך פרעמד און אָפּגעפרעמדט לעגאַבע דער סוויווע, דער צײַט און אַפילע דעם אָרטיקן לאַנדשאַפט. די וועלט איז ניט זײַנע, און ער איז ניט דער וועלטס“[1].

דער קריטיקער קאָנסטאַטירט ווײַטער, אַז דעם יונגן דאָר דיכטער איז אייגנטימלעך „דאָס געפיל פון אָפּגעריסנקײַט און אָפּגעפרעמדטקײַט אויך אינעם היימלאַנד“.

ווײַטער טאַדלט קרעמער די יונגע פּאָעזיע פאַר דעם, וואָס זי פאַרשליסט זיך אינעם קרײַז פון ענגע, אינטימע געפילן, קולטיווירט נאָר דעם אינטים־לירישן זשאַנער, ווײַזט אַרויס אַ בולטע שטרעבונג צו „ריינער קונסט“, יאָגט זיך נאָך אויסטערלישע, פאַרנעפּלטע בילדער און אויסדריק־מיטלען, איז צײַטנווײַז מאַנירלעך און אומפאַרשטענדלעך.

ער שרײַבט:

„די יונגע פּאָעזיע האָט לעגאַמרע פאַרוואָרפן אַנדערע זשאַנרען און אַנדערע אויסדריק־מעגלעכקײַטן, און פון דעם ווערט פאַראָרעמט אונדזער ליטעראַטור. און ווו איז די היסטאָרישע און לירישע פּאָעמע, דער עפּאָס, די אידיליע, די באַלאַדע און דער ראָמאַנס? אין דעם פּראַט האָבן די דיכטער געשלאָסן יאַדאַכאַס מיט די קריטיקער. די דיכטער האָבן אויסגעקליבן פאַר זיך און די קריטיקער פאָדערן פון זיי דעם אויסערסט סוביעקטיוויסטישן אויסדריק“...

און דער רעזומע:

„די אָפענע צוגעבונדנקײַט צו בלויז ריינער קונסט פאַרמאָגט אין זיך אַזעלכעס, וואָס איז גוירעם די פאַראָרעמונג פון אונדזער ליטעראַטור. דאָס דערווײַטערן זיך פון יעטווידן געזעלשאַפטלעכן און אידייִשן אינהאַלט קאַסטרירט אונדזער ליד. פּאָעזיע איז דאָך אויך אַ גרויסע מענטשלעכע דעראָבערונג און ניט נאָר אַ קונסט־פּראָדוקט. אַלקאָלפּאָנעם האָט די דיכטונג אין איר היסטאָרישער אַנטוויקלונג בײַ אונדז און בײַ אַנדערע פעלקער קלאַל ניט מעתּאַטער געווען אויף איר מענטשלעכן יעסאָד. אין דער דיכטונג זוכן מיר אויך דעם גײַסט און דעם רייעך פונעם מענטשן, זײַן שטרעבונג צום גוטן און דערהויבענעם...“

קרעמערס טײַנעס צו דער יונגער העברעיִשער דיכטונג זײַנען אַבסאָליוט גערעכטע. נאָר קעדיי צו היילן די אָדער יענע קרענק, דאַרף מען אויפדעקן די סיבעס, וועלכע האָבן זי אַרויסגערופן.

אונדז דאַכט, אַז ס'זײַנען דאָ אַ ריי סיבעס, אי אַלגעמיינע, אי ספּעציפיש־ייִסראָעלדיקע. דאָס זײַנען פאָלגן פון היסטאָרישע פּראָצעסן, וואָס זײַנען אייגנטימלעך דער מײַרעוו־וועלט. דערצו דאַרף צוגערעכנט ווערן דאָס געיעג נאָך דער „מאָדע“. אין ייִסראָעל, דאַרף מען מוידע זײַן, איז מען זייער פילבאַר צו אַלץ, וואָס קומט פון „דרויסן“.

אַ ביז גאָר וויכטיקער פאַקטאָר, אַזוי צו זאָגן — אַן „אייגענער“, אַ ייִסראָעלדיקער, איז, לויט אונדזער מיינונג, די מילכאָמע־אַטמאָספער, וואָס הערשט אין לאַנד. די געשפּאַנטקײַט אין די באַציִונגען צווישן מעדינאַס ייִסראָעל און אירע אַראַבישע שכיינים דויערט ניט איין יאָר. זינט דער מילכאָמע פון 1967 איז זי באַדײַטנדיק פאַרשאַרפט געוואָרן. דער מילכאָמע־צושטאַנד לייגט, נאַטירלעך, אַרויף זײַן שטעמפּל אויף דעם קולטור־לעבן אין לאַנד.

דאָס ווידערגעפיל לעגאַבע דעם קריג און די בענקשאַפט נאָך דעם פרידן באַקומען זייער אָפּשפּיגלונג אין

[1] „מאזנים“, אָקטיאַבער 1969, ז. 354.

דער ליטעראַטור סײַ דירעקט, סײַ אומדירעקט. מאָטיוון פון גלײַכגילט צו געזעלשאַפטלעכע אָדער נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, אַן אויסגעשפּראָכענע טענדענץ זיך האַלטן אַף אַ דיסטאַנץ פון דער אַקטועלער פּראָבלעמאַטיק, בעסויכאָם אויך פון דער מילכאָמע־טעמע[1], די נייגונג זיך פאַרשליסן אינעם אייגענעם „איך", שטימונגען פון סקעפּסיס און פּעסימיזם, וואָס לאָזן זיך דאָ און דאָרט פילן אין דער יונגער דיכטונג און פּראָזע, — דאָס אַלץ, דאַרף מען רעכענען, איז אין אַ געוויסער מאָס באַווירקט פון דער געשפּאַנטקײַט, וואָס הערשט אין לאַנד.

וועגן דעם האָט מיט אָפנריכטיקײַט און פאַרדראָס זיך אַרויסגעזאָגט שלוימע ניצאַן אין אַ האַלב־לירישן עסיי, „די, וואָס גייען אַוועק, און די, וואָס פאַרבלײַבן".

מיר וועלן זיך דערלויבן אייניקע אויסצוגן:

„דעם ערשטן טאָג אין דער וואָך, ווען איך גיי אינדערפרי אַף דער אַרבעט, קומען מיר אַנטקעגן אַף דער גאַס, וואָס פירט אַהינטער דער שטאָט, זעלנער, וועלכע קערן זיך אום פונעם סאָפּוואָך־אורלויב צו דער מילכאָמע... דאָס איז אונדזער דויערנדיקער טאָג־אײַן — טאָג־אויס: די שווערד איז אַנטבלויזט, און די שייד איז פאַראָסטעט.

איך ווייס, אַז דאָס דאָזיקע בילד, דאָס בילד פון אַ שייווער, וואָס האַלט מילכאָמע [...], איז באַרופן אויפצוּוועקן אין פיל מענטשלעכע הערצער היספּײַלעס און ענטוזיאַזם.

אָבער ס'איז דערלויבט און ס'איז נייטיק צו פרעגן: וווּהין פירט אונדז דער דאָזיקער ענטוזיאַזם — אַ פראַגע, וואָס איז קוידעמקאָל געווענדט צו אונדזער אייגן געשטאַלט אין די אויגן פון אונדז אַליין...

...עפּשער איז די פונקציע פון אַ פּאָליציי־מאַן אין אַן אַראַבישן דאָרף, דאָס צעשטערן הײַזער פון דיווערסאַנטן באַרעכטיקט פון זיכערקײַט־שטאַנדפּונקט... ס'איז אָבער אַ באַרעכטיקונג, וואָס איז אין גרונט פּרוכטלאָז... דאָס אָנערקענען דעם דאָזיקן גערעכט איז מער אַן אָנערקענונג פון פאַסט־פאַקטום, פון ניטאָ קיין אַנדער ברירע, נאָר ניט קיין אָנערקענונג, וואָס באַטײַט אידענטיטעט...

מיר לעבן אינעם זכוס און אַדאַנק דער אָנערקענונג פון דעם דאָזיקן גערעכט, אָבער אויך אינעם שאָטן פון דעם, וויאַזוי דאָס אַלץ ווערט פאַרווירקלעכט אין שכעם, אין די געסלעך פון ירושאָלאַיִם, אין צעטרײַבן דעמאָנסטראַציעס, אין אויפרײַסן הײַזער פון דיווערסאַנטן. די אָנערקענונג פון דעם דאָזיקן גערעכט, ווי געזאָגט, ציט ניט קיין יעניקע פון אַן עמאָציאָנעלער פּרוכטבאַרער קראַפט, וואָס קען גילטן אַלס באָדן פאַר לידער און דערציילונגען...

עמעס, קריגס־פאַנפאַרן הערן זיך ניט אַף אונדזערע גאַסן. דער, וואָס לייענט די פאַרשיידענע „אינטערוויוען", ווייסט גוט, מיט וואָס פאַר אַ געמיט די זעלנער גייען צו די שלאַכטן און שוצגראָבנס: מיט דעם געפיל פון „אין ברירע", פון וואַקלען זיך, מיט דער שטאַרקער דרינגענדיקער און אומופהערלעכער באַדערפעניש נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל בוידעק זײַן, אַף וויפל די טאַט איז באַרעכטיקט, ניט נאָר פון נאַציאָנאַלן, נאָר אויך פון מאָראַלישן שטאַנדפּונקט...

און דערווײַל איז אונדזער קולטור — אַ קולטור פון צעשטרייען זיך און פון „כאַדאַשאָט" („נײַעס")[2]"...

---

[1] צום בײַשפּיל, אין דער פּראָזע און דיכטונג, וואָס ווערט געדרוקט אין „מאזנים", ווערט די מילכאָמע־טעמע בעדערעך־קלאַל קימאַט אינגאַנצן אויסגעמיטן.

[2] „מאזנים", אָקטיאַבער 1969, זז. 307—308.

ש. ניצאַן דריקט אויס דעם געמיט־צושטאַנד פון פיל שרײַבער און דיכטער אין ייִסראָעל, און גלײַכצײַטיק דעקט ער אויף איינע פון די סיבעס, וואָס האָבן גורעם געווען צו די אויבנדערמאָנטע דערשײַנונגען אין דער מאָדערנער יונגער ליטעראַטור פון ייִסראָעל.

אַזוי זעט עס אויס מיט אייניקע פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקער העברעיִשער ליטעראַטור, וואָס ווערן באַרירט אַף די זײַטן פונעם זשורנאַל „מאזנים".

■

און ווי האַלט עס מיט דער ירושע?

אין דאָזיקן געביט הערשן אויך געוויסע כלוקעדייעס אין דער ייִסראָעלדיקער ליטעראַרישער געזעלשאַפטלעכקײַט.

יויסעף אָרען, דער מעכאַבער פונעם אַרטיקל „די רעכט אַף נאָוואַטאָרישקײַט און פאַרוואַנדלונגען", דריקט אויס זײַן נעגאַטיווע שטעלונג צו דער פאַרשפּרייטער אין דער ייִסראָעל־קריטיק טענדענץ אומצוּוואַרפן טראַדיציאָנעלע אײַנשטעלונגען. אָרען לאַכט אויס „די קלוימערשטע רעוואָליוציע", וואָס איז לעצטנס אויסגעבראָכן אין דער פאָרשונג פון ביאַליקס פּאָעזיע און וואָס גייט וועגן זיך באַזונדערס צו וויסן אין צוויי אַרטיקלען, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין די זשורנאַלן „עכשיו" (1966) און „הספרות" (1968—1969). זייערע מעכאַברים, די ליטעראַטור־פאָרשער מענאַכעם פּערי און יויסעף עפראַטי, האָבן גרויסע טײַנעס צו דער ביז־איצטיקער ביאַליק־פאָרשונג. איר גרעסטע „זינד" באַשטייט, לויט זייער מיינונג, אין דעם, וואָס זי האָט באַם באַטראַכטן ביאַליקס דיכטונג אָפּגעגעבן צופיל אָרט „דעם געדאַנקלעכן און ביִאָגראַפישן אַספּעקט", „דער פּראָבלעמאַטיק פון דער זעלישער און גײַסטיקער וועלט פונעם דיכטער", דאָס הייסט — דער וועלט־אָנשויונג פון כ.־נ. ביאַליק און דער פּראָבלעמאַטיק פון זײַן שאַפן. דעריבער פּראָקלאַמירן זיי אַ „נײַעם עטאַפּ" אין דער ביאַליק־פאָרשונג. אָנשטאָט דעם אידייִש־קינסטלערישן אַנאַליז פון דעם דיכטערס גאַנצן שאַפן, לייגן זיי פאָר אַ פאָרמעל־קינסטלערישן אַנאַליז פון איינער אַ ליד זײַנער („לא זכיתי באור מן ההפקר"), און אַף דעם סמאַך מאַכן זיי אַ ריי ווײַטגייענדיקע אויספירן וועגן דער „נאָוואַטאָרישקײַט אין דער פּאָעטיק פון ביאַליקס דיכטונג".

אָפּערירנדיק מיט אַ פאַכמענעריש דורכגעפירטן פאַרגלײַך צווישן ביאַליקס ווערק און דער פּאָעזיע פונעם באַרימטן העברעיִשן דיכטער פון מיטלאַלטער שלוימע איבן גווירל, אַף וועלכן ס'פאַרופן זיך די מעכאַברים פון אָט די צוויי אַרטיקלען, וואַרפט י. אָרען אָפּ אַלע זייערע האַנאָכעס, ווי אויך דעם עצעם מעטאָד פון זייער באַטראַכטונג. ער דערווײַזט, אַז מע קען ניט אויפדעקן די אייגנאַרטיקײַט אָדער נאָוואַטאָרישקײַט פון דעם אָדער יענעם דיכטער אַפן סמאַך פון אַ ריין פאָרמעלן אַנאַליז פון איינער אַ ליד, מע מוז אומבאַדינגט אויפקלערן די וועלט־אָנשויונג פונעם פּאָעט, זײַן טעמאַטיק, די פּראָבלעמען, וועלכע ער באַרירט, אאַוו.

„די אייגנאַרטיקײַט פון אַ דיכטער, — פירט אויס י. אָרען, — דאַרף אויפגעדעקט ווערן אַפן סמאַך פון זײַן טעמאַטיק, פון זײַן באַזונדערער זעלישער און גײַסטיקער פּראָבלעמאַטיק, פון דער וועלט פון זײַנע סימבאָלן און פּאָעטישע בילדער — אַפן סמאַך פון די אַלע פאַקטאָרן, וועלכע פּערי און עפראַטי האָבן אויס געיעג נאָך סענסאַציע און אויס לײַכטזין מעוואַטל געמאַכט מיט איין מאַך

פֿון דער האַנט, קעדיי אַף זייערע רויִנען צו פּראָקלאַמירן אַ נײַע ריכטונג אין דער פֿאָרשונג פֿון ביאַליקס דיכ־טונג"[1].

ווי שאַרף עס זײַנען די שטרײַטן אַרום דער ליטעראַרי־שער ירושע, ווערט אונדז קלאָר, ווען מיר באַקענען זיך מיט דעם אַרטיקל פֿון רוֺוון ראַבינאָוויטש „עטרת ושלשלת" („די קרוין און די קייט"), געווידמעט דעם ליטעראַטור־פֿאָרשער אַווראָם קאַריִוו צו זײַן 70־יאָריקן יוביל.

אַווראָם קאַריִוו איז באַקאַנט אויך אַלס דיכטער, און דער מעכאַבער פֿונעם יובּילײ־אַרטיקל באַטאָנט, אַז אין קאַריִווס קריטישע אַרבעטן שפּירט מען דאָס פֿענדזל פֿון אַ קינסט־לער.

אין קאַריִווס אַרבעטן קויפּט אונטער זײַן שאַרף־קרי־טישע באַציִונג צו די מאָדערניסטישע און אַנדערע נײַמאָ־דישע שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור, ווי אויך צו די אַנטפּלעקונגען פֿון ניהיליזם לגבי דער ליטעראַרישער מסורה.

ער לאַכט אויס די טענדענץ נאָכצוטאַנצן „פֿרעמדע מאָ־דעס": „אַלדאָס פּוסטע און נישטיקע, וואָס איז דאָ אין דער גרויסער וועלט, — האָבן מיר זיך אָן דעם אָנגעהאַנגען, יעדער שטרוי, וואָס עס קײַט די וועלט, — איז פֿאַר אונדז אַ טײַער מײַכל, יעדע פּלאָג, מיט וועלכער ס'ווערט גע־שטראָפֿט דער מאָדערנער מענטש, — ווערט פֿון אונדז אײַנגעזאַפּט אין אונדזער גוף"[2].

וועגן דעם יונגן דאָר אין ייִשׂראל זאָגט קאַריִוו, אַז ער איז „אָן לוכעס, אָן שליכעס, אָן גלויבן", און דאָס אייבער־שטע פֿון שטייסל זײַנען פֿאַר אים פֿאַרווײַלונגען: פֿוטבאָל, האָליוווּד־פֿילמען אוקעדוימע.

ווי עס איז צו זען, זײַנען די קריטישע באַמערקונגען קאַריִווס באַגרינדעטע און גערעכטע. די צאָרע איז אָבער אין דעם, וואָס די שאַרפֿע קריטיק פֿון די „הײַנטיקע קינ־דער" ווערט געפֿירט פֿון רעכטס, פֿון רעליגיִעז־נאַציאָנאַ־ליסטישע פּאָזיציעס. די גרעסטע „זינד" פֿונעם דאָר און זײַנע שרײַבער באַשטייט, לויט קאַריִוון, אין דעם, וואָס זיי האָבן „צונישט געמאַכט די אידיי פֿונעם אויסדערווייַלטן פֿאָלק, וואָס איז שטענדיק געווען דער גרונטשטיין פֿונעם ייִדישן באַוווּסטזײַן"[3].

קאַריִוו רופֿט דעם יונגן דאָר זיך ווענדן צו דער פֿאַר־גאַנגענהײַט, ווײַל נאָר זי קען דינען אַלס שוץ פֿון די „וועלט־ווינטן". אינעם אָוצר דאַרף מען אויסגעפֿינען יענע נאַציאָנאַלע ווערטן, אין וועלכע ס'האָט זיך פֿאַרהיט „די שכינע פֿונעם ייִדישן מענטשן, זײַן צניִעסדיקע שיינ־קײַט, זײַן אייביקע קרוין", און די מאָדערנע ליטעראַטור דאַרף די דאָזיקע ווערטן ממשיך זײַן און „באַקרוינען מיט זייער אוראַלטער קרוין".

אַרויסגייענדיק פֿון אָט דער האַנאָכע, מאַכט קאַריִוו דורך אַ ראַדיקאַלע רעוויזיע פֿון דער אײַנגעשטעלטער טראַדי־ציע לגבי דער „ירושע", וואָס האָט זיך זײַט יאָרן אײַנגעבירגערט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור־געשיכ־טע. אַזוי, צום בײַשפּיל, האַלט ער, אַז די העברעיִשע לי־טעראַטור פֿונעם 19־טן יה. איז אין איר גרעסטן טייל ניט אָנעמבאַר אַלס ירושע פֿאַרן איצטיקן דאָר, ווײַל זי האָט ניט געזוכט אין ייִדישן לעבן „דאָס פֿאַרבאָרגענע ליכט פֿון ייִדישקײַט", זי האָט זיך נאָר באַמיט אויפֿצודעקן בלויז אינעם ייִדישן לעבן און אינעם ייִדישן מענטשן.

---

[1] מאזנים, אַפּרעל־מײַ 1970, ז. 464.

[2] א. ק ר י ב. נרתק את השלשלת, ז. 58; [3] דאָרט, ז. 40.

דאָס זעלבע איז שײַעך אַ היפּשן טייל פֿון דער ליטעראַטור פֿון אונדזער יאָרהונדערט.

אין דער ערשטער ריי גרײַפֿט קאַריִוו אָן די האַסקאָלע־ליטעראַטור. דער פֿאָרשער איז גרייט זי אינגאַנצן אויס־מעקן פֿון דער ליטעראַטור־געשיכטע. יעהודע־לייב גאָרדאָן, דער גרעסטער דיכטער פֿון דער האַסקאָלע־טקופֿע, ווערט אָפּגעוואָרפֿן, ווײַל אין זײַן שאַפֿן איז „דער ייִד פֿאַרשטויסן געוואָרן פֿאַר דעם מענטשן", ס'איז „צעטרייסלט געוואָרן די וועלט פֿון טראַדיציע און ייִדישער ריינקײַט". די האַס־קאָלע־ליטעראַטור איז, לויט קאַריִוון, דער ערשטער שטאַפּל פֿון ירידע. דעם צווייטן שטאַפּל בילדעט דאָס שאַפֿן פֿון מענדעלע מויכער־ספֿאָרים. קאַריִוו אַנערקענט, אַז מענדעלע „האָט געעפֿנט אַ נײַ בלעטל אין דער העב־רעיִשער פּראָזע" און זײַנע אויפֿטוען אין געביט פֿון דער העברעיִשער שפּראַך זײַנען זייער באַדײַטנדיק, אָבער זײַן שאַפֿן טאָר ניט געיאַרשנט ווערן, ווײַל מיט זײַן סאַטירע „האָט ער געטראָפֿן ניט נאָר דעם ייִדן, נאָר אויך דעם מענטשן אינעם ייִד", האָט צעטרייסלט די וועלט פֿון „ייִדישקײַט", האָט זי געוויזן אין אַזאַ געשטאַלט, אַז „דער, וואָס קוקט אַף צוריק, אינעם שפּיגל פֿון מענדעלען, וועט קומען צום אויספֿיר, אַז ניט נאָר ער האָט ניט וווּהין אומ־צוקערן זיך, נאָר אַז ס'איז בכלל ניטאָ נאָך וואָס צו בענקען"[1]. מענדעלעס שאַפֿן ווערט פֿון קאַריִוון פֿאַרגליכן צו אַ גראַנדיִעזער כופּע, וואָס בײַס דעם גרויסן פּאַראַד פֿון צוגרייטונג צו איר האָט מען ניט באַמערקט, „אַז ס'איז פֿאַרשוווּנדן די קאַלע, דאָס הייסט די קנעסעס ייִשׂראל אין איר גאַנצער פּראַכט, און אָנשטאָט איר האָט מען, ווי בײַס דער כופּע פֿון „פּישקע דעם קרומען", געלאָזט אונ־טערפֿירן אַ וויסטע קאַליקע, אַ האָרבאַטע"[2].

קאַריִווס געדאַנקענגאַנג איז מער ווי קלאָר. מענדעלע געפֿעלט אים ניט טאַקע דערפֿאַר, ווײַל ער האָט מיט זײַן שאַרפֿער סאַטירע אויפֿגעדעקט אַלע בלויזן און פֿאַרקריפּ־לונגען אינעם ייִדישן לעבן, אויסגעלאַכט די אָפּגעשטאַ־נענע, מיטלאַלטערלעכע פֿאָרמען פֿונעם ייִדישן שטייגער, באַוויזן אָן פּניִעס דעם ייִדישן דאַלעס און סאָציִאַלן אומ־רעכט, אומגעוואָרפֿן די לעגענדע פֿון „קהל ייִשׂראל כּאַ־ווײַרים", געוויזן די „קנעסעס ייִשׂראל" אָן באַפּוצונגען. אַזאַ מענדעלע לאָזט זיך ניט אײַנשליסן אין קאַריִווס ירו־שע־קאָנצעפּציע, ווי אויך די האַסקאָלע־ליטעראַטור, ווײַל סײַ מענדעלע, סײַ די האַסקאָלע־שרײַבער האָבן „געפֿירט פֿונעם ייִדן צום מענטשן", איצט אָבער שטייט פֿאַר דער ליטעראַטור „אַ פֿאַרקערטער וועג... אַ וועג פֿונעם סטאַם־מענטשן צו דעם מענטשן, וואָס זײַן נאָמען און זײַן שיינ־קײַט הייסט ייִד"[3].

אַזוי, ווי אַף מענדעלען, ווערט אַרופֿגעלייגט אַ ירושע־וועטאָ אויך אַף אַ ריי שרײַבער פֿון מענדעלעס דאָר און פֿון די שפּעטערדיקע דורעס, וועלכע זײַנען אַף דעם אָדער יענעם אופֿן געווען פֿון מענדעלען באַאײַנפֿלוסט, צום בײַשפּיל אַף ד. פֿרישמאַנען, וועלכער האָט „אַרײַנגעבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור די פּאָן פֿון אייראָפּע", און דאָס האָט באַטײַט „אָן אײַנרייס מיט דעם ייִדישן מאָקער"; אויך אַף י.־כ. ברענערן, ווײַל ער האָט „צעטרייסלט אונ־דזער פֿאָלק באַם סאַמע וואָרצל", אַזוי אַז עס איז אַרויס פֿון אונטער זײַן פֿען „באַליידיקט און באַרויבט".

איז וואָס זשע בלײַבט פֿון דער ירושע?

---

[1] „מאזנים", יוני 1970, זז. 51־52.

[2] דאָרטן; [3] א. ק ר י ב. עטרה ליושנה, ז. 245.

קוידעמקאָל און דעריקער — דער טאנאך: „מיר דארפן געפינען פארן באגריף „ייִדישער גייַסט" א מער ברייטערן, א מער אלגעמיינעם אינהאלט, און, נאטירלעך, דארפן מיר אים זוכן קוידעמקאָל אינעם טאנאך"[1].

אלדאָס איבעריקע — אין באשטימטע דאָזעס און לויט א באזונדער דערלויבעניש...

מע דארף אָפּגעבן דאָס רעכט ר. ראבינאָוויטשן. ער האָט זייער געוויסנהאפט אופגעזאמלט קאריווס ארויסזאָגונגען וועגן פראגן פון ליטעראטור־יערושע און געבראכט זיי צו א לאָגישער, קאָנסעקווענטער סיסטעם. א שאָד נאָר, וואָס ער האָט ניט ארויסגעזאָגט זייַן אייגענע שטעלונג צו דער דאָזיקער קאָנצעפּציע. מיר ווייסן ניט, צי איז דער מעכאבער מאסקים מיט קאריוון אָדער ניט. אפן סמאך פון די באמערקונגען אינעם טעקסט — „לויט קאריוון", „לויט קאריווס מיינונג", קאָן מען אָנעמען, אז דער קריטיקער גרענעצט זיך אָפּ פון קאריווס געדאנקענגאנג. מעגלעך, אז דער כאראקטער פון א יובילײ־ארטיקל האָט אים אָפּגעהאלטן פון פּאָלעמיק.

[1] דאָרט, ז. 258.

און ניט נאָר אין ראבינאָוויטשעס ארטיקל וועגן קאריוון, אויך אין אייניקע אנדערע ארבעטן, וואָס דרוקן זיך אין „מאזנים", שפּירט מען אן אייַנגעהאלטנקייַט לעגאבע פּאָלעמיק און וויקוכים. עס שאפט זיך דער אייַנדרוק, אז דעם זשורנאל פעלט אין א געוויסער מאָס די אטמאָספער פון דיסקוסיע, וועלכע וואָלט אים געוויס געווען זייער נוצלעך.

און נאָך איין זאך, דאכט אונדז, וואָלט געווען געווונטשן: דער זשורנאל „מאזנים" זאָל ארויסווייַזן מער אינטערעס צו דער ליטעראטור אין העברעיִש און אין ייִדיש, וואָס אנטוויקלט זיך אין אנדערע לענדער, אויסער ייִסראָעל.

כראָניק

טעאטער און עסטראדע

ייִדישע זינג־לידער אפן פערטן אלפארבאנדישן קאָנקורס פון עסטראדע

„אויב ס'איז עמעס, אז די קונסט פון געזאנג איז א באגריף, וועלכער נעמט אין זיך אריין ניט בלויז קלאנגען, נאָר אויך דאָס הארץ און די נעשאָמע, וואָס ווערן מיט זיי באהעפט, — איז דאָס געווען אזא געזאנג..." — אזוי האָט די צייַטונג „מאָסקאָווסקי קאָמסאָמאָלעץ" געשריבן וועגן דער אָנטיילנעמערן פון דעם פערטן אלפארבאנדישן קאָנקורס פון עסטראדע פּאָלינע אייַנבינדער.

אין דער אויספילונג פון דער יונגער ייִדישער זינגערן האָבן באזונדערס אויסגענומען לייב קאָגאנס „באלאדע וועגן א ייִנגעלע און זייַן פידל" (ווערטער פון ב. דובראָווין), לייב יאמפּאָלסקיס „וואָקאליז" און ל. בירנאָווס ליד „א רעגנדל" אף די ווערטער פון י.־ל. פּערעץ.

אין עטלעכע טעג ארום נאָכן קאָנקורס איז פּ. אייַנבינדער ארויסגעטראָטן אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" מיט אירן א קאָנצערט. די צושויער האָבן פון פולן הארצן באדאנקט די טאלאנטפולע זינגערן, ווי אויך איר שוועסטער סוועטלאנע אייַנבינדער, וועלכע האָט אויסגעפילט דעם אקאָמפּאנעמענט.

צוויי קאָנצערטן אין מאָסקווע

לעצטנס איז אין מאָסקווע ארויסגעטראָטן מיט צוויי קאָנצערט־פּראָגראמעס דער פארדינסטפולער ארטיסט פון רספסר יויסעף קאָלין.

דער ערשטער קאָנצערט, אין לאָקאל פונעם רוסישן דראמאטישן טעאטער אף פּושקינס נאָמען, איז געווען געווידמעט שאָלעם־אלייכעמס ווערק. י. קאָלין האָט מייַסטעריש אויסגעפילט „דרייַ אלמאָנעס" און אייניקע מאָנאָלאָגן פון „טעוויע דער מילכיקער". אין דעם קאָנצערט האָט זיך אויך באטייליקט די באקאנטע שוישפּילערן לייע קאָלינע, וועלכע האָט אין אן אָריגינעלער אינטערפּרעטאציע געלייענט פראגמענטן פון „בלאָנדזנדע שטערן".

מיט גרויס דערפאָלג איז אויך דורכגעגאנגען די ארויסטרעטונג אין דער געבייַדע פונעם דראמאטישן טעאטער אף קליין־בראָנע־גאס. עס איז באוויזן געוואָרן די ליטעראריש־מוזיקאלישע קאָמפּאָזיציע, געבויט אף די טעקסטן פון אָ. שווארצמאן, ד. האָפשטיין, פּ. מארקיש, אי. כאריק, א. ווערגעליס, מ. גרוביאן, מ. טייף, א. גאָנטאר.

צוזאמען מיט י. קאָלינען באטייליקן זיך אין דער קאָמפּאָזיציע די זינגערן מארינע גאָרדאָן, די שוישפּילערן לייע קאָלינע, דער סאָלאָ־פידלער סעמיאָן מעלניק און דער פּיאניסט מיכאיל גינזבורג.

ווילנער פאָלקס־טעאטער אין האָמעל

אין האָמעל האָט גאסטראָלירט דער ווילנער ייִדישער פאָלקס־טעאטער, וועלכער איז אופגעטראָטן אינעם שטאָטישן קולטור־פּאלאץ פון די אייַזנבאנער מיט צוויי ספּעקטאקלען: מענדעלעס „מאסאָעס בינימין האשלישי" און ז. קאגאנס „ניט פארגעסן".

ביידע פאָרשטעלונגען האָבן שטארק אויסגענומען בא די האָמליער צושויער.

ד. כאיעט

ייסראעל סערעבריאני

שאָלעם־אלייכעם וועגן קינסטלערישע איבערזעצונגען

„אָך, ווען איך זאָל קאָנען אַרויסשווימען אינעם אָקעאַן פון דער רוסי־שער ליטעראַטור! דאָס וואָלט אומבאַדינגט פּאַרקומען. ס׳איז אָבער אַ שאָד, איך וועל שוין דאָן ניט זײַן. און עפּשער וועל איך יאָ זײַן, ווער ווייסט? כ׳וועל זײַן! כ׳וועל זײַן!“[1].

זײַן גאַנץ לעבן האָט שאָלעם־אלייכעם זיך פאַרנומען מיט איבערזעצונגען. שוין פון די ערשטע ליטעראַרישע טריט זײַנע איז אים אויסגעקומען גלײַכצײַטיק צו אָפּערירן מיט דרײַ שפּראַכן: העברעיִש, רוסיש און ייִדיש (אויף וועלכער ער האָט, לויט זײַן אויסדרוק, „געטראַכט“): עס פלעגט טרעפן, אַז געשריבן האָט ער אויף העברעיִש און אַליין איבערגעזעצט דאָס ווערק אויף רוסיש אָדער אויף „זשאַרגאָן“; אַמאָל האָט ער גלײַך געשריבן אויף רוסיש און דערנאָך איבערגעזעצט אויף איינער פון די דערמאָנטע שפּראַכן. און אַפילו דאַן, ווען ער האָט זיך ענדלעך פאַרפעסטיקט אויף ייִדיש, אויף זײַן באַליבטן „זשאַרגאָן“, האָט ער אָפּט איבערגעזעצט סײַ זײַנע אייגענע, סײַ פרעמדע ווערק אויף רוסיש, העברעיִש, רעדאַגירט פרעמדע איבערזעצונגען, געגעבן קאָנסולטאַציעס פאַרשיידענע איבערזעצער אאַוו.

שאָלעם־אלייכעם האָט באַהערשט אויסער די דרײַ אויבן אָנגערופענע שפּראַכן, אויך אַ רײ אַנדערע. צוליב זײַן ניט־שטאַנדהאַפטיקן געזונט־צושטאַנד און אַ רײ אַנדערע „פּאַטעפּאַלגאַסטן“ איז אים, ווי באַוווּסט, אָפּט אויסגעקומען צו לעבן און הײלן זיך אין אויסלאַנד, אין פאַרשיידענע „וואַרעם־בעדער“. ער איז געווען אין דײַטשלאַנד, איטאַליע, שווייצאַריע, פראַנקרײַך, ענגלאַנד, אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער. אויף די פּאַרווערפן פון אייניקע לייענער און פאַרערער זײַנע, פאַרוואָס מע רעדט באַ אים אין שטוב ניט אויף ייִדיש, פלעגט ער דערקלערן, אַז באַ אים אין דער היים רעדט מען אויף ייִדיש, רוסיש, איטאַליעניש, העברעיִש און אויף אַנדערע שפּראַכן. ער קאָן אָבער דערצו גאָרנישט מאַכן. אין דעם איז שולדיק זײַן נאַווענאַד לעבן. ער אַליין סימבאָליזירט מיט זיך דעם ייִדישן „גאָלעס“ — די פילשפּראַכיקײט. און די עצעם שפּראַך אַליין, אויף וועלכער ער שרײַבט, נעמט אין זיך אַרײַן די שפּראַכן פון די לענדער פון דער גאַנצער וועלט — „זשאַרגאָן“!..

מעגלעך, אַז דאָן טאַקע איז געבאָרן געוואָרן איינער פון שאָלעם־אלייכעמס באַוווּסטע אַפאָריזמען:

„עס איז ניטאָ קיין ערגערס פאַר אַ מענטשן, ווי ניט האָבן קיין פאַטערלאַנד און וואַנדערן פון איין אָרט אויף אַנדערן“ (אזוי זאָגט האַמער). און איך זאָג: עס איז ניטאָ קיין ערגערס פאַר אַ מענטשן, ווי האָבן אַ פאַטערלאַנד, און דאָך זײַן געצוווּנגען צו וואַנדערן פון איין אָרט אויף אַנדערן אין פרעמדע לענדער“[1].

עס איז קעדײַ אָפּצומערקן, אַז שאָלעם־אלייכעם האָט אויסגעצייכנט „אַרומגעשפּילט“ די דאָזיקע „פרײַלעכע“ מאָטיוון — זײַן לעבנסוועג און די אייגנשאַפטן פון דער ייִדישער שפּראַך. פיל פון זײַנע נעגאַטיווע העלדן (די אויפגעקומענע גווירים און „אַריסטאָקראַטן“) פאַרמיסטיקן און קאַליעטשען די ייִדישע שפּראַך מיט פאַרשיידענע האַמעטנע פרעמדווערטער; דער פאַלקסמענטש, דאַקעגן, אין שאָלעם־אלייכעמס ווערק איז אַ גרויסער איבערקלײַבער, און אַז ער פאַסט שוין אַרײַן אַ „גאַיִש“ וואָרט אָדער ווערטל אין זײַן שפּראַך, ווערט עס באַ אים אַן עמעס „טוירע־וואָרט“. און דעריבער האָבן זיך אַזוי אײַנגעוואָרצלט אין דער ייִדישער שפּראַך אַזויפיל שאַרפזיניקע גלײַכווערטלעך, לידלעך, אַפאָריזמען מיט די ווערטער פון פרעמדע שפּראַכן, וועלכע ווערן אָרגאַניש אַרײַנגעפלאָכטן אין דער ייִדישער שפּראַך און שאַפן אָן אַ שיר אומגעריכטע פרישע קינסטלערישע עפעקטן.

זעלטן ווער האָט אַזוי ווי שאָלעם־אלייכעם געוווּסט און געפילט די אייגנשאַפטן און סודעס פון דער ייִדישער שפּראַך, וועלכע ער פלעגט איבערגעבן זײַנע איבערזעצער און טאַלמידים.

מיט איבערזעצונגען האָבן זיך אויך פאַרנומען שאָלעם־אלייכעמס קינדער. דערבײַ איז דער פאָטער געווען זייער באַגײַסטערטער אָנפירער און קאָנסולטאַנט. צו דער דאָזיקער אַרבעט האָט שאָלעם־אלייכעם צוגעצויגן אַ סאַך גע־בילדעטע, אינטעליגענטע מענטשן פון דער צײַט, ווײַל ער האָט צוגעגעבן אַ גרויסע באַדײַטונג דער פּאָפּולאַריזאַציע פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, איבערהויפּט צווישן די רוסישע לייענער.

---

1 שאָלעם־אלייכעם. אויסגעוויילטע בריוו. מאָסקווע, 1941, ז. 201.

1 שאָלעם־אלייכעם. מאָטל פייסי דעם חזנס אין אַמעריקע. צווייטער טייל. מאָסקווע, 1948, ז. 2.

די רעדקאָלעגיע און די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ באַגריסן פון פולן האַרצן י. סערעבריאַנין אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן זיבעציקסטן געבורטסטאָג.

מיר ווינטשן י. סערעבריאַנין, ער זאָל אויך אַף ווײַטער זיך פּרוכטבאַר מיִען צוגונסטן אונדזער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

נאָך אין 1889 יאָר שרײַבט ער אין אַ בריוו צו בערטע לוואָוונע פּלעקסער — די שוועסטער פונעם רוסישן קריטיקער אַקים לוואָוויטש וואָלינסקי (פּלעקסער, 1863—1926):

„מיר איז אינטערעסאַנט צו וויסן, צי קענט איר אויך ייִדיש? איר זײַט דאָך, ווי איך פאַרשטיי, אַ געבילדעטע, אינטעליגענטע פרוי; איר מעגט זיך שעמען, איר זאָלט מיר מויכל זײַן, ניט וויסן אײַער אייגענע (родного) שפּראַך, איך רייד, פאַרשטייט זיך, ניט וועגן דער העברעיִשער, וואָס איז לאַכלוטן ניט צוגענגלעך פאַר אונדזערע הײַנטצײַטיקע פרויען. איך מיין, ווייניקסטנס, דעם זשאַרגאָן. די זאַך באַשטייט אין דעם, וואָס אַ פרוי מיט אײַער בילדונג וואָלט זייער נוצלעך געווען אונדזער פאָלק אין געביט פון אונדזער נײַסטער פאָלקס־ליטעראַטור. אַנטשולדיקט מיך גרויסמוטיק, וואָס איך האָב זיך דערלויבט צו זאָגן אײַך אַ ביסל מוסער...“[1]

ווען גאָרקי איז אין 1901 צוגעטראָטן צו דער צוגרייטונג פון אַ זאַמלונג דערציילונגען פון ייִדישע בעלעטריסטן, האָט שאָלעם־אַליכעם מיט באַפרידיקונג געשריבן ב. יערושימזאָנען (אַ שרײַבער פון בעלאָצערקאָוו):

„פון מײַנע זאַכן איז שוין באַ זיי פאַרטיק „דאָס טעפּל“ (דאַפּקע), „די פאָן“, „ריאַבטשיק“ און נאָך דעם „זיידנס“ שטיקלעך זאַכן זעץ איך אַליין איבער אין רוסיש“...[2].

שאָלעם־אַליכעם לערנט זײַן עלטערן זון:

„פאַרנעמען זיך מיט איבערזעצונגען איז אַ גאַנץ קאָמפּליצירטער עניִען. מע קאָן פונדעסטוועגן ניט וויסן אַפּריִער — ווער וועט גוט און ווער וועט שלעכט איבערזעצן. פּיל איז געווענדט אין טאַלאַנט, נאָר נאָך מער אין געווינשאַפט. און לויט מײַן מיינונג איז אַלץ געווענדט אין

[1] אויסגעוויילטע בריוו, ז. 97. [2] דאָרטן, ז. 117.

פאַרלאַנג. אַפילו דאָס, וואָס מענטשן זעען אין מיר טאַלאַנטפולס, רוף איך אָן בלויז פאַרלאַנג, שטאַנדהאַפטיק וועלן“.

ענלעכע אַרויסזאָגונגען וועגן טאַלאַנט טרעפן מיר אויך באַ גאָרקין.

שאָלעם־אַליכעם זעצט פאָר זײַן בריוו צום זון און גייט וואָס ווײַטער אַלץ נעענטער צו צום עניִען: „אָן איבערזעצער דאַרף, אויסער דעם, וואָס ער קען און פאַרשטייט ביידע שפּראַכן, בלויז וועלן גוט איבערזעצן. אַף צו וועלן פאָדערט זיך באַמיִונג. מע דאַרף זיך אַרײַנטראַכטן קוידעמקאָל אין אָריגינאַל. נאָך דעם ווי די איבערזעצונג איז שוין געמאַכט, דאַרף מען זאָרגעוודיק דורכקאָנטראָלירן יעדע פראַזע, צי רעדט מען אַזוי, צי שרײַבט מען אַזוי אין רוסיש? יעדער שפּראַך האָט אירע אידיִאָמען, וועלכע מע קען ניט צומאָל איבערזעצן. דאַרף מען זוכן די אַנטשפּרעכיקע עקוויוואַלענטן. בײַשפּילן זײַנען פאַראַן אין די טויזנטער. איך וועל ברענגען ווייניקסטנס איינעם.

ייִדיש: פון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס.

רוסיש: Тише едешь, дальше будешь.

אָדער נאָך אַ בײַשפּיל:

ייִדיש: אָט האָסטו דיר!

רוסיש: Вот тебе на!

און נאָך, ייִדיש: אַ פאָלג מיך אַ גאַנג.

רוסיש: Попал пальцем в небо.

ייִדיש: עס הייבט זיך גאָר ניט אָן!

רוסיש: Ничуть не бывало!

באַ שווערע אידיִאָמען בין איך שטענדיק גרייט דיר צו דינען. הייב אָן! מיר וועלן נאָך ניט איין מאָל שמועסן וועגן דער קונסט פון איבערזעצן. מיך וועט עס פרייען ניט נאָר צוליב פאַרדינסט, נאָר איבער פּיל אַנדערע מאָטיוון. די טעג וועל איך דיר צושיקן עפּעס־וואָס פאַרן ערשטן דעביוט...

נ. ב. קוידעמקאָל שטעל איך אַ באַדינג: שטענדיק, אַפּילע אין די טשערנאָוויקעס, שרײַבן דײַטלעך און קלאָר. אָט די קלאָרקײַט ווערט אויך איבערגעגעבן דעם געדאַנק. פאַרשטיי זשע עס[1].

די זעלבע פאָדערונגען שטעלט שאָלעם־אַליכעם אַרויס אויך צו דעם פּעטערבורגער יונגן איבערזעצער, מ. אָסטראָווסקי. אויסער דעם, שטעלט ער אַ באַדינג, דער איבערזעצער זאָל נעמען פאַר זײַן אַרבעט אַ ווערק, וואָס איז אים באַזונדערס געפעלן געוואָרן. שאָלעם־אַליכעם שרײַבט אין זײַן ענטפער־בריוו צום איבערזעצער:

„אײַער אופריכטיקײַט האָט מיך גערירט. דערלויבט מיר אײַך אויסוואַרפן נאָר איין זאַך, — דאָס אומקלאָרע קסאַוו און די נאַכלעסיקײַט פונעם שרײַבן. סטאַרעט זיך שרײַבן פּאַמעלעכער, דאַן וועט פון זיך אַליין אַרויס שענער. נאָך מײַן מיינונג נאָך, זײַנען די געדאַנקען פאַרבונדן מיטן קסאַוו. פאַראַן, לאָזט זיך אויס, אַ פאַרבינדונג צווישן דעם פּראָצעס פון שאַפן און דעם פּראָצעס פון שרײַבן. מע דאַרף שיין שרײַבן, שיין דענקען, שיין שאַפן. יעדעס ווערק מײַנס, באַ זײַן גאַנצער אומרײַפקײַט, איז זאָרגעוודיק איבערגעשריבן און איבערגעאַרבעט דורך מיר ניט ווייניקער ווי 6—7 מאָל. מערער אַ ביסל געדולד, יונגערמאַן! — הײַנט שרײַב איך אויס פאַר אײַך פון וואַרשע אַלץ, וואָס געפינט זיך באַ מײַן הויפּט־פאַרלעגער (לידסקי).

[1] אויסגעוויילטע בריוו. ז. 197.

אז איר וועט איבערלייענען, און אויב עפּעס וועט אײַך געפעלן, זאָלט איר אומגעזאַמט מיר אָנשרײַבן וועגן אײַער ווונטש איבערצוזעצן, און איך וועל אויך אומגעזאַמט אײַך ענטפערן, צי עס איז קעדײַ איבערזעצן, צי ניין. אַף יעדער אײַער איבערזעצונג וועט איר אזויארום האָבן א באַזונדער דערלויבעניש, אנדערש גייט עס ניט... כ'וועל זײַן זייער צופרידן, אויב כ'וועל מיט עפּעס־וואָס אײַך נוצלעך זײַן[1].

שאָלעם־אַלייכעם פאָדערט פון זײַן זון, ער זאָל אים צושיקן קאָפּיעס פון זײַנע איבערזעצונגען, איידער ער שיקט זיי אַף אין רעדאקציע. ער מאכט אים א פאַרוואורף, ווען ער פּילט עס אמאָל ניט אויס:

„א שאָד, וואָס דו האָסט מיר ניט צוגעשיקט א קאָפּיע פון דײַן איבערזעצונג, איידער דו האָסט זי אָפּגעשיקט אין רעדאקציע"[2].

שאָלעם־אַלייכעם האָט זיך זייער ערנסט באַצויגן צו די איבערזעצונגען פון זײַנע אייגענע ווערק, נאָר באַזונדערס האָט ער געפילט גרויסע אכרײַעס, בײַס ער האָט אליין איבערגעזעצט אַף יידיש די ווערק פון די רוסישע קלאַסיקער (טאָלסטאָי, קאָראָלענקאָ, טשעכאָוו, גאָרקי).



אין צוזאמענהאנג דערמיט וועלן מיר דאָ ברענגען אייניקע אויסצוגן פון שאָלעם־אַלייכעמס בריוו צו ל. נ. טאָלסטאָי, אין שײַכעס מיט דער איבערזעצונג פון זײַנע דרײַ מײַסעלעך, ספּעציעל אָנגעשריבענע פאַר דער יידישער זאמלונג „הילף", וואָס איז דערשינען אין ווארשע אין 1903. די דאָזיקע זאמלונג איז, ווי באַוווּסט, געווען געווידמעט די יידן, וועלכע האָבן געליטן פונעם קעשענעווער פּאָגראָם. די גאנצע קאָלעקציע בריוו צו טאָלסטאָיען געפינט זיך אין דעם מאָסקווער טאָלסטאָי־מוזיי און איז צום ערשטן מאָל פּובליקירט געוואָרן אין א יידישער איבערזעצונג אין דעם אלמאנאך „סאָוועטיש" נומער 12, וואָס איז געווען געווידמעט שאָלעם־אַלייכעמען. מיר ברענגען דאָ א רעפּראָדוקציע פונעם ציטירטן אָריגינאַל נומ. 1148.

אין פּראָצעס פון איבערזעצן טאָלסטאָיס מײַסעלעך פאַרגיט שאָלעם־אַלייכעם טאָלסטאָיען א רײַ פּראַגן, וועלכע דאַרפן קלאָר מאכן דעם אינהאלט, די אַלגעמיינע אידײַי און באַזונדערע דעטאַלן, מאָטיוון און געשטאַלטן פון די צוגעשיקטע ווערק. און ל. נ. טאָלסטאָי שרײַבט דעריבער א באַזונדער בריוו, וואָס דרוקט זיך ווי אַן אַרײַנפיר צו די מײַסעלעך. דעם דאָזיקן בריוו גיט שאָלעם־אַלייכעם אין אָריגינאַל, אָן אַן איבערזעצונג אין יידיש, צוליב מער איבערצײַגעוודיקייט. שאָלעם־אַלייכעם פּויעלט אויך בא טאָלסטאָיען, ער זאָל די דאָזיקע מײַסעלעך אין ערגעץ ניט פּובליקירן, קאָלזמאַן עס וועט ניט דערשינען די יידישע זאמלונג, וואָס וועט אזויארום פאַרגרעסערן איר דערפאָלג פאַר דער וועלט.

אין דעם בריוו שרײַבט טאָלסטאָי:

„כּאָשעווער הער סאָלאָמאָן נאָומאָוויטש, איך האָב פאַרגעסן צושיקן אײַך עטלעכע ווערטער, אלס פאָרעדע צו מײַנע מײַסעלעך.

דער פאַרטראַקט פון דעם מײַסעלע „דער קייסער אסאַרכאַדאָן" געהערט ניט מיר, איך האָב עס גענומען פון א מײַסעלע פון אַן אומבאַקאַנטן אווטאָר, וואָס איז געווען געדרוקט אין דײַטשישן זשורנאַל „טעאָסאָפישער וועגווײַזער", נומער 5 פון 1903 יאָר, אונטערן נאָמען „דאָס ביסטו".

וואָס איז שײַעך דעם מײַסעלע „דרײַ פּראַגן", קאָן אויפקומען א פאַרקערטע מיספאַרשטייעניש. בא לעסקאָווען איז פאַראַן א געדרוקט מײַסעלע אַף דער דאָזיקער טעמע, און עס קאָן זיך אויסדאכטן, אז איך האָב אויסגענוצט דעם הויפּט־געדאנק פון זײַן מײַסעלע. אינדערעמעסן אָבער איז לעסקאָווען געפעלן געוואָרן מײַן געדאנק, וואָס איך האָב ארויסגעזאָגט און אָפּגעדרוקט מיט 15 יאָר צוריק אין דעם „צוועטניק" (אלמאנאך) פונעם פאַרלאַג „פּאָסרעדניק", און ער האָט אים אויסגענוצט, באַקומענדיק אַף דעם מײַן האַסקאָמע".

דאָ האָבן מיר, אגעוו, א זייער באַלערעוודיקן בײַשפּיל און מוסטער פון די זויבערסטע ליטעראַרישע זיטן פון טאָלסטאָיען און זײַן סוויווע.

די דרײַ מײַסעלעך פון טאָלסטאָיען אין שאָלעם־אַלייכעמס איבערזעצונג זײַנען אַרײַן אין זאמלבוך „הילף". אונטערגעטראָגן זײַנען זיי אזוי:

קאַפּ. 7. דרײַ מײַסעס: א) האַקדאָמע. ב) אסאַרכאַדאָן דער קיניג פון אשור. ג) האַרעוואַניע, שטאַרבן און קראַנק זײַן. ד) דרײַ זאכן. געשריבן ספּעציעל פאַר דעם זאמלבוך „הילף" לעוו טאָלסטאָי, יאַסנע פּאָליאַנע, 19 אווגוסט 1903. איבערזעצט פון אָריגינאַל — שאָלעם־אַלייכעם.

דערצו גייט נאָך א באַמערקונג פון רעדאקציע מיט א וואָרענונג פאַר אייניקע לעזער — איבערזעצער, וועלכע וועלן האָבן כיישעק איבערזעצן די „דרײַ מײַסעס" פון ל. נ. טאָלסטאָי אַף רוסיש, אז זיי זאָלן „זיך ניט מאַטריעך זײַן, וואָרעם, ערשטנס, וועלן זיי אין דער בעסטער איבערזעצונג פון יידיש צוריק אַף רוסיש קיינמאָל ניט אויסקומען אזוי ווי זיי זײַנען געשריבן פון גראַף טאָלסטאָי אליין, און צווייטנס, דער קאָוויאַד פון ל. נ. טאָלסטאָי אין רוסיש וועט זיך אָפּדרוקן אין אַן אנדער אָרט און וועט מיט דער צײַט ארויסגיין אין א באַזונדער בוך. די ערשטע צוויי מײַסעס דרוקן זיך גלײַכצײַטיק אין פאַרשיידענע צײַטונגען און ביכער, אין פאַרשיידענע שפּראַכן, נאָר די דריטע געפינט זיך נאָר אין „הילף".

ווי מיר זעען, האָט זיך דאָ שאָלעם־אַלייכעם גוט באַוואָרנט פון אייניקע פּיפיקע, ניט געבעטענע איבערזעצער פון טאָלסטאָיס ווערק אַף יידיש. שפּעטער וועלן מיר זען, ווי ער ראַנגלט זיך און פירט מילכאָמע מיט א רײַ ניט געבעטענע איבערזעצער און „איבערדיכטער" פון זײַנע אייגענע ווערק.

וואָס איז שײַעך זײַן איבערזעצונג, וועגן זײַן אייגענעם צוגאנג און פּרינציפּן אַף דעם געביט, טיילט זיך שאָלעם־אַלייכעם גאנץ גענוי אין זײַן פאָרלויפיקן בעאַריכעסדיקן בריוו צו טאָלסטאָיען פון דעם 25 אווגוסט 1903, פון וועלכן מיר ברענגען א גרעסערן אויסצוג. שאָלעם־אַלייכעם אַרגומענטירט דאָ זײַנע אָפּווײַכונגען פון טאָלסטאָיס אָריגינאַל אַף פאָלגנדיקן אויפן:

---

1 ש אָ ל ע ם ־ אַ ל ײ כ ע ם. זאמלונג קריטישע ארטיקלען. קיעוו, 1940, ז. 283.

2 „אויסגעוויילטע בריוו", ז. 199.


P.S.

Лев Николаевич

Глубоко преданный Вам

א זייַט פון שאָלעם־אַלייכעמס
בריוו צו ל. נ. טאָלסטאָי

„....איך פאַרשטיי גאָר אַנדערש דאָס וואָרט „איבערזעצונג". פאַרהיטנדיק דעם זין, דעם גייַסט און דעם בוכשטעבלעכן אינהאַלט פון אייַערע מייַסעלעך, האָב איך זיך באַמיט זיי צוצוגעבן די שיינקייַט, וואָס עס פאַרמאָגט אונדזער ביז גאָר פּאָשעטע און גלייַכצייַטיק בילדערישע פאָלקס־שפּראַך. דעריבער האָב איך אין אייניקע ערטער זיך געמוזט אָפּזאָגן פון געוויסע אויסדרוקן פון אָריגינאַל און פאַרבייַטן זיי מיט זאַפטיקע, ריין־יִדישע אויסדרוקן און ריידנסאַרטן. אַלס אילוסטראַציע וועל איך אייַך ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן פון דעם ערשטן מייַסעלע. איר זייַט דאָך אַזוי גוט באַקאַנט מיט די אייראָפּעיִשע שפּראַכן, אַז איר וועט געוויס פאַרשטיין — זאָל זייַן אַפילו בלויז מיטן כּוש, אַלס גרויסער קינסטלער — דעם יִדיש־דייַטשישן זשאַרגאָן.

אָט זייַנען די ביישפּילן:

זייַט 1. «Пировать с моими друзьями» דאָס וואָרט «פּיר» ווערט אין זשאַרגאָן פאַרביטן מיטן העברעיִשן וואָרט „סודע", דעריבער איז «пировать» אין זשאַרגאָן ניט פאַראַן. דעריבער איז מיר אויסגעקומען צו פאַרבייַטן עס מיט אַ גאַנצער פראַזע: „לעבן אַ גוטן טאָג" — בוכשטעבלעך «жить хороший день» דאָס הייסט פריילעך פאַרברענגען די צייַט, וואָס באַטייַט מער ווי «пировать».

זייַט 1. издохнет — האָט אויך אַ העברעיִש וואָרט „פּייגער — פּייגערן" — האָב איך פאַרביטן מיט דער פראַזע: „ביז די קאָשערע נעשאָמע (душа) וועט אים אויסגיין" — пока «каширная» душа его не отлетит. קאָשערע נעשאָמע — благочестивая душа — איז אַן אַלעגאָרישע און איראָניש־פאַראַכטנדיקע פאָרם.

זייַט 4.

Лаилэ страдает... и бессильной злобы. Он чувствует себя бессильным и т. д.

דאָס וואָרט «бессилие» איז אין זשאַרגאָן ניטאָ, דערצו כאַזערט זיך עס דאָ איבער צוויי מאָל. עס איז אויסגעקומען פאַרבייַטן די קאָנסטרוקציע אויף אַזאַ אופן: לאַיליע לייַדט ניט אַזוי פון הונגער און פון וויטעק, ווי פון ביזאָיען (стыд, гебр.) און פון קאַס (злоба, гебр.) (а вместе с предыдущим — бессильная злоба)

עס ברענט אים, נאָר ער פילט, אַז ער איז ניט אימשטאַנד זיך רעכענען מיטן סוינע (враг, гебр.), אָפּצאָלן אים פאַר אַלצדינג, וואָס ער טוט מיט אים. און ווייַטער:

«Одно, что он может, это то, чтобы не доставить своим врагам радости видеть и т. д.»

איז אין דער איבערזעצונג געענדערט אַזוי: „איין זאַך, וואָס ער קאָן אים אָפּטאָן (отплатить, отомстить), איז נאָר דאָס, וואָס מאַקעס (болячки, гебр.) וועט דער סוינע (враг, гебр.) וויסן (פאַרמעקט) אאַוו. אין רוסיש (אויף דער פאָלקס־שפּראַך) וואָלט עס געקלונגען אַזוי:

«Черта с два он будет знать» אאַוו.

«К залитому кровью месту казней».

—место казней האָט מען געמוזט שטאַרקער באַטאָנען צום גוטן אָרט, וואָס איז באַשפּריצט מיט בלוט.

זייַט 5. דאָס וואָרט גוטן (хороший) איז אָנגעווענדט אינעם זעלבן אַלעגאָרישן זין — צום פאַרבלאָטיקטן פּלאַץ.

זייַט 5.

«Лаилэ догадывается, что кол этот освободили для его казни»

און לאַיליע שטויסט זיך אָן, אַז דער גוטער פּלאַקן (кол) איז אָנגעגרייט (פאַרבערייַטעט) פון זייַן קאָוועד וועגן — для его чести. אין רוסיש איז דער אויסדרוק עפּשער ניט צום אָרט, אָבער אין יִדישן זשאַרגאָן, — איז וויבאַלד מע האָט אָנגעגרייט, איז עס אומבאַדינגט פון זייַן קאָוועד וועגן.

זייַט 5.

«Два палача подхватывают и т. д. и хотят опустить на кол»

אין דער איבערזעצונג: און די צוויי טאַליאָנים (палачи, гебр.) כאַפּן אונטער דאָס דאָזיקע לייַב פאַר די דאַרע פיס, הייבן אויף און ווילן אים אַרופזעצן אויפן גוטן שפּיציקן פונעם גוטן (פאַרמעקט) פּלאַקן. אין רוסיש וואָלט עס געקלונגען אומגעגלומפּערט:

«На добрую вершину доброго кола».

אָבער אין יִדיש איז עס פונקט אָנגעמאָסטן.

וואָס אָנבאַלאַנגט די העברעיִשע ווערטער, וואָס זייַנען דאָ, ווי איר זעט, פול פיל אין מייַן איבערזעצונג, מוז איך אייַך דערקלערן, אַז דער זשאַרגאָן דער יִדישער, וואָס רייַכער ער איז מיט העברעיִשע סובסטאַנטיוון און ווערבן, אַלץ שענער איז ער; אַ מאַסע אַזעלכע ווערטער האָבן

שוין לאַנג זיך אײַנגעבירגערט אין ייִדיש און דאָס פאָלק איז שוין לאַנג מיט זיי באַקאַנט. פאַר אײַערע מײַסעלעך איז אַזאַ (העברעיִזירטע) פאָרם אַמערסטן צוגעפּאַסט.

אין אַלגעמיין דאַרף איך זאָגן, אַז אין דער איבערזעצונג האָבן די מײַסעלעך זיך באַקומען אַזוי, גלײַך ווי איר וואָלט זיי געשריבן אין ייִדיש. קיינע סימאָנים פון איבערזעצונג איז אין זיי ניט צו באַמערקן".

אַלזאָ, די געדאַנקען, וועלכע שאָלעם־אַלייכעם זאָגט דאָ אַרויס וועגן די פּרינציפּן פון איבערזעצן, ווי אויך די בײַשפּילן, וואָס ער ברענגט דאָ, שטייען אויף דער הייך פון די הײַנטצײַטיקע נײַסטע פאָדערונגען צו דער קולטור פון איבערזעצן און זײַנען אויך באַזונדער באַלערעוודיק פאַר די הײַנטצײַטיקע איבערזעצער פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין רוסיש.

צו די איבערזעצונגען פון זײַנע ווערק אין רוסיש איז שאָלעם־אַלייכעם געווען באַזונדערס אויפמערקזאַם. ס'איז גענוג צו דערמאָנען זײַנע פילצאָליקע בריוו פון 1910—1913 צו זײַן ערשטן רוסישן איבערזעצער יולי יאָסיפאָוויטש פּינוסן און זײַן אייגענע אַרבעט איבער דער צוגרייטונג צום דרוק פאַר דער רוסישער איבערזעצונג פון זײַן „פאַרקישעפטן שנײַדער". דאָ האָט דער אַוטאָר געהאַט צוויי הויפּט־פאָדערונגען: 1) פאַרקירצן ווי ווײַט מעגלעך פּסוקים און מאָמענטן פונעם ייִדישן רעליגיִעזן שטייגער, וואָס איז ניט אינטערעסאַנט און וועט ניט דערגיין צום ניט־ייִדישן לייענער; 2) ווי ווײַט מעגלעך פאַרקירצן און אַרויסוואַרפן יענע ספּעציפישע, אידיאָמאַטישע אויסדרוקן, די שפּיל פון קלאַנגען און אָנדײַטן, וועלכע זײַנען שווער איבערצוזעצן און פאַרלירן דעם הומאָריסטישן טאַם בײַ דעם ניט־ייִדישן לייענער.

דער אינטערעס צו שאָלעם־אַלייכעמס שאַפן איז בײַ אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד ביז גאָר גרויס, און זײַן פאַרזענלעכע אַרבעט איבער אַ ווערק פאַר דער רוסישער איבערזעצונג קאָן האָבן אַן אינטערעס פאַר די רוסישע איבערזעצער.

עמעס, ניט אַלץ, וואָס שאָלעם־אַלייכעם רוקט אַרויס, דאַרף איצט אומבאַדינגט אָנגענומען ווערן. ווי צו יעדער היסטאָרישער דערשײַנונג, דאַרף דאָ זײַן אַ קריטישער צוגאַנג, ווײַל דעם שרײַבערס שפּעטערישע פּראַקטיק איז דאָך ענג פאַרבונדן מיט דער צײַט און געזעלשאַפט פון יענע יאָרן. עס זײַנען פאַראַן, אַשטייגער, ענדערונגען און קירצונגען צוליב צענזור־טײַמים, וועלכע האָבן איצט גאָר אַ פאַרקערטע באַדײַטונג. דער סאָוועטישער איבערזעצער דאַרף עס, נאַטירלעך, נעמען אין אַכט.

וועגן די איבערזעצונגען פון זײַנע אייגענע ווערק האָט שאָלעם־אַלייכעם געשריבן, אַז ער איז מער ווי זיכער, אַז ווי גוט זיי זאָלן ניט זײַן, וועלן זיי מער געפעלן ווערן דעם ניט־ייִדישן לייענער, ווי דעם ייִדישן, וועלכער איז באַקאַנט מיטן אָריגינאַל.

דער ערשטער, ווער עס האָט עס פאַרשטאַנען, איז געווען מאַקסים גאָרקי, וועלכער האָט באַלד דערפילט, אַז אויף רוסיש איז „שווער איבערגעבן דעם טרויעריקן און הארציקן הומאָר פון אָריגינאַל, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די איבערזעצונג איז געמאַכט מײַסטערהאַפט און מיט ליבע צום אַוטאָר"[1].

[1] פון גאָרקיס באַרימטן בריוו צו שאָלעם־אַלייכעמען וועגן דעם ערשטן באַנד פון זײַנע געזאַמלטע ווערק אין רוסיש — וועגן „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" («Дети черты»).

דאָס זעלבע מערקט אויף אויך דער רוסישער שרײַבער־הומאַניסט אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש קופּרין, וועלכער האָט שפּעטער געשריבן שאָלעם־אַלייכעמען:

„אַנדערע לאַכן, לייענענדיק אײַער טרויעריקן הומאָר, און איך וויין..."[1].

מיט דעם דערקלערט זיך אויך אין אַ היפּשער מאָס, וואָס גאָרקי — דער גרויסער ענטוזיאַסט און באַגײַסטערטער פרײַנט פון די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, האָט אַ לאַנגע צײַט זיך ניט אַנטשלאָסן אַרויסצוגעבן די זאַמלונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, ווי אויך אַלגעמיינע זאַמלונגען פון ייִדישע בעלעטריסטן, וועגן וועלכע עס האָט זיך געפירט אַ לעבהאַפטיקער אויסטויש צווישן גאָרקין, שאָלעם־אַלייכעמען, גאָרקיס מיטאַרבעטער, אין משך פון די יאָרן 1900—1903. גאָרקין, ווי עס איז שוין גענוי באַוווּסט פון אַ רײ אַלטע און נײַע קוועלן, האָט ניט באַפרידיקט די קוואַליטעט פון די איבערזעצונגען, און ער האָט אַלץ געטרוימט, אַז „פאַרן אַרויסגעבן זאַמלונגען פון די נאַציאָנאַלע שרײַבער זאָל זיך נעמען ניט קיין פירמע פון פּריוואַטע פאַרלעגער מיט קאָמערציאָנעלע צילן, נאָר אַ קאָלעקטיוו פון גרויסרוסישע שרײַבער"[2].

עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צו מיינען, אַז שאָלעם־אַלייכעם האָט געהאַלטן פאַר אוממעגלעך צו איבערזעצן זײַנע ווערק אין רוסיש, באַזונדערס אַזוינע פאָלקסטימלעכע ווערק, ווי דער „פאַרקישעפטער שנײַדער". פאַרקערט, ער הערט ניט אויף צו קלערן און טרוימען וועגן דעם און זעט אײַן דערין ניט בלויז אַ ליטעראַרישע, נאָר אויך אַ געוואַלדיקע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַדײַטונג. דאָס זעט מען אָנשוילעך פון זײַן באַוווּסטן פאָרוואָרט צום ערשטן באַנד פון דער ערשטער סיסטעמאַטישער און דאָס־מאָל אַוטאָריזירטער אויסגאַבע אין פּינוסעס איבערזעצונגען פאַרן פאַרלאַג „סאָווערמעניִע פּראָבלעמי". אויך פון אַ רײ אַנדערע אַרויסזאָגונגען זײַנע. שאָלעם־אַלייכעם ווײַזט בלויז אָן, מיט אַ געוויסער באַדויערונג, אויף די שוועריקײַטן בײַם איבערזעצן, זוכט מעגלעכקײַטן פאַר אַ געלונגענער רעאַליזאַציע פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג. שאָלעם־אַלייכעם, ווי באַוווּסט, האָט באַזונדערס שטאַרק איבערגעלעבט זײַן „ערשטן אַרויספאָר" פאַר דעם „ניט־ייִדישן פּובליקום". מיט דער איבערזעצונג פון זײַנע ווערק האָט ער געהאָפט מיטהעלפן צעשטערן די „טויבע וואַנט", וואָס איז טויזנטער יאָרן קינסטלעך געשאַפן געוואָרן צווישן דעם ייִדישן פאָלק און אַנדערע פעלקער.

מיט באַפרידיקונג קאָנען מיר איצט קאָנסטאַטירן, אַז פון נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז די קולטור פון די איבערזעצונגען פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, ניט געקוקט אויף אַ רײ בלויזן און אַפילע דורכפאַלן, שטאַרק אויסגעוואַקסן. „דער פאַרקישעפטער שנײַדער" אין שאַמבאַדאַלס איבערזעצונג איז געמאַכט אָן קופּיורן, כאָטש עס זײַנען ניט אויסגעמיטן געוואָרן אייניקע פאַרדריסלעכע בלויזן און ליאַפּסוסן[3]. פאַרשטייט זיך, אַז די

[1] ציטירט פון דער העברעיִשער איבערזעצונג פון א.־ד. בערקאָוויטש אין זײַנע געזאַמלטע ווערק. ב. 9, ז. 70: „אחרים צוחקים למקרא הומור־היגונים שלך, ואני בוכה".

[2] זע איליאַ גרוזדעוו. „גאָרקי", פ״ג „יונגע גוואַרדיע", 1958, ז. 298—299.

[3] זע דעם דערמאָנטן אַלמאַנאַך „סאָוועטיש" נומ. 12 וועגן דעם „פאַרקישעפטן שנײַדער".

איבערזעצונגען פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק נייטיקן זיך נאָך אין ווײַטערדיקער פארפּולקומונג[1]. אָבער שוין איצט קאָנען מיר זאָגן, אז די איבערזעצונגען פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק ווערן זייער וואַרעם אופגענומען פון די לייענער פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן און אפילע פון יענע ייִדישע לייענער, וועלכע זײַנען „באקאנט מיטן אָריגינאַל“.

שאָלעם־אלייכעם האָט זיך זייער שטרענג באצויגן צו זײַנע איבערזעצער. אייניקע האָט ער דערלויבט (אויב מע האָט בא אים ביכלאל געפרעגט) און אנדערע האָט ער קאטעגאָריש פארבאָטן צו איבערזעצן זײַנע ווערק אין רוסיש. עס זײַנען אויך געווען ניט דערלאָזבארע פאלן פון אנארכיע און העפקיירעס — אייניקע אומגעבעטענע פארלעגער און איבערזעצער האָבן, ניט רעכענענדיק זיך מיט שאָלעם־אלייכעמס ווילן, פּובליקירט שלעכטע און פארקריפּלטע איבערזעצונגען.

עס איז קעדײַ צו ברענגען אן אויסצוג פון שאָלעם־אלייכעמס א בריוו פארן 23 פעווראל 1906 יאָר צו איינעם אן אמעריקאנער, דאָקטער פישבערג, וועלכער האָט רעקאָמענדירט שאָלעם־אלייכעמען ווענדן זיך צו א ייִדיש־ענגלישן זשורנאליסט — צו איינעם א ב. ריטשארדס, וועלכער זאָל זיך פארנעמען מיט אײַנאָרדענען שאָלעם־אלייכעמס איניאָנים אין אמעריקע. שאָלעם־אלייכעם האָט ענדלעך באקומען א בריוו פון דעם דאָזיקן ריטשארדסן אליין, וואָס האָט אים מאמעש ארויסגעבראכט פון די קיילים. ער ווענדט זיך מיטן דאָזיקן בריוו צום דאָקטער פישבערג, ווי ער איראָניזירט גאליק איבער דעם רעקאָמענדירטן רעטער ריטשארדסן.

„דעם ריטשארדס בריוו — אָסער אויב איך פארשטיי; עפּעס שרײַבט ער מיר וועגן מײַן דיספּוט מיטן „טאָג־בלאט“. ווען האָב איך דיספּוטירט מיטן „טאָג־בלאט“? נאָך שרײַבט ער מיר, אז ער האָט איבערזעצט מײַן דערציילונג „דעם בלינדן כאזנס טאָכטער“ אף ענגליש. זאָל דער בלינדער כאזן אזוי וויסן פון זײַן טאָכטער, און די טאָכטער זאָל אזוי וויסן פון איר בלינדן טאטן, ווי איך הייב אָן צו וויסן, וואָס דאָס איז פאר א דערציילונג?! איך האָב קיינמאָל אזעלכעס ניט געשריבן!“[2].

שאָלעם־אלייכעמס ווערק האָט מען אָנגעהויבן איבערזעצן פארהעלטניסמעסיק פרי, און אף פארשיידענע שפּראכן. אין 1903 יאָר שרײַבט ער ראווניצקין:

„פון מײַנע ווערק זײַנען איבערגעזעצט א סאך אין רוסיש, אויך אין פּויליש, אין דײַטש און איצט אין ענגליש“[3].

לײדער, האָבן די איבערזעצונגען פון שאָלעם־אלייכעמס ווערק ביזן 1910 יאָר געטראָגן א צופעליקן כאראקטער, און אים איז שווער געווען נאָכצופאָלגן אלע איבערזעצונגען, אָנפירן מיט זיי אָדער ביכלאל רעאגירן אף זיי. דעם גרעסטן אינטערעס שטעלן פאר אונדז פאָר די שוין ניט איין מאָל דערמאָנטע פּינוס־איבערזעצונגען.

שאָלעם־אלייכעמס „קאָנטראקט“ מיט דעם פארלאג „סאָוורעמעניִע פּראָבלעמי“ האָט אים געדינט אלס אָנשפּאר אין קאמף מיט אומפאראנטוואָרטלעכע איבערזעצער, וווּלגאריזאטאָרן פון זײַנע ווערק.

---

[1] זע מוישע מײַדאנסקי. „צו ווײַטערדיקער פארפּולקומונג“ („ס. ה.“ 1968, נומ. 11).

[2] שאָלעם־אלייכעם. אויסגעוויילטע בריוו, ז. 169—170.

[3] דאָרטן, ז. 139.

צו דער צײַט געהערט זײַן בריוו פארן 9 יול 1910 יאָר צו איינער אן אָרלאָנסקע. דעם בריוו האָט אָנגעשריבן די טאָכטער, לויט דעם שרײַבערס אָנווײַזונג:

„גנעדיקע פרוי אָרלאָנסקאיא!

לויטן אופטראָג פון מײַן פאָטער, שאָלעם־אלייכעם, האָב איך די ערע ווענדן זיך צו אײַך מיט פאָלגנדיקן בריוו:

אין דער „קאָפּעקע־צײַטונג“ טרעפן מיר אָפּט איבערזעצונגען פון שאָלעם־אלייכעמען, אונטערגעשריבענע מיט אײַער פאמיליע. צום באדויערן, דארפן מיר זיך מודע זײַן, אז די דאָזיקע איבערזעצונגען מאכן אף אונדז א שוידערלעכן אײַנדרוק. אין נומ. 26 פון זשורנאל „איסקאָרקי“ האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אף איינעם פון אײַערע שעדעווורען „קינדער“. פאר מײַן פאָטער איז עס געווען אן עמעסע פּײַניקונג צו לייענען אײַער ארבעט.

וואָס איז עס פאר א שפּראך!.. איר ווײַזט ארויס אן אומבעראכמאָנעסדיקע, אכזאָריעסדיקע באציִונג צו דער בידנער רוסישער שפּראך, וועלכע איז בא אײַך פארוואנדלט געוואָרן אין עפּעס א נײַעם זשארגאָן. איר ווייסט מיסטאמע, אז שאָלעם־אלייכעם האָט געשלאָסן א קאָנטראקט מיטן פארלאג „סאָוורעמעניִע פּראָבלעמי“ וועגן אן אויסגאבע פון זײַנע ווערק אין רוסיש. דעריבער ווענדט זיך צו אײַך שאָלעם־אלייכעם מיט א גנעדיקער ביטע ניט איבערזעצן אים מער; אין קעגנפאל וועט ער זײַן געצווּנגען זיך ווענדן צום געריכט פון דער געזעלשאפטלעכער מיינונג דורך א פּובליקאציע אין די צײַטונגען מיטן ציל צו פארטיידיקן זײַנע אינטערעסן אלס שרײַבער און קעדיי צו באוואָרענען זיך פון אזא אומפארשעמטן באגיין זיך מיט זײַנע ווערק...“[1]

שאָלעם־אלייכעם האָט זיך א סאך מאָל ארויסגעזאָגט וועגן די פּרינציפּן פון איבערזעצן פון ייִדיש אף רוסיש און פארקערט, נאָר אין א באשטימטער סיסטעם האָט ער זײַנע ארויסזאָגונגען געבראכט אין די פּילצאָליקע בריוו צו זײַן ערשטן ערנסטן, גראָד ניט פּראָפעסיִאָנעלן, איבערזעצער אף רוסיש, י. פּינוסן.

מע דארף דערבײַ אָפּמערקן, אז וואָס איז שײַעך די איבערזעצונגען אף רוסיש, האָט זיך שאָלעם־אלייכעם ניט פארלאָזן ניט אף זיך, ניט אף זײַנע רוסיש־ייִדישע איבערזעצער און אפילע ניט אף די אווטאָריטעטע קאָנסולטאנטן, ווי, אשטייגער, דער ייִדישער היסטאָריקער מארעק, וועלכער האָט פון אָנהייב אָן אקטיוו אָנטיילגענומען אין רעדאגירן פּינוסעס איבערזעצונגען. שאָלעם־אלייכעם, ווי באוווּסט, האָט געפאָדערט, אז פּינוס זאָל ווײַזן זײַן ארבעט רוסישע מענטשן, רוסישע שרײַבער. די זעלבע ביטע כאַזערט ער איבער אין א בריוו פון 11 מײַ 1909 צום פּראָפעסיִאָנעלן רוסיש־ייִדישן שרײַבער ד. אײַזמאן:

„...גלײַכצײַטיק שיק איך אײַך אייניקע געדרוקטע זאכן (מײַנע), שוין לאנג (און שלעכט) איבערגעזעצטע אף רוסיש. כ'וואָלט אײַך געבעטן דורכקוקן 2—3 פון זיי און אויך ווײַזן אמפיטעאטראָוון, וואָס וועט ער זאָגן, אלס ניט־ייִד, דאָס הייסט, צי קאָנען אזעלכע זאכן זײַן וויפל ס'ניט־איז אינטערעסאנט פארן רוסישן לייענער־פּובליקום?“[2].

אין א פּאָר כאדאָשים ארום שרײַבט שאָלעם־אלייכעם צו דעם זעלבן אדרעסאט:

---

[1] ציטירט פון א קאָפּיע אין דער פּינוס־קאָלעקציע.

[2] שאָלעם־אלייכעם. זאמלונג קריטישע ארטיקלען. קיִעוו, 1940, ז. 253.

„אגעוו, האָט זיך מיר געמאכט אן איבערזעצער, און דאפקע אין אדעס, דאָרט, ווו מע אקט אף „רישעס", זאָל זיך גאָט דערבארעמען (די לעצטע, פאַראַדירטע, פראזע שרייַבט שאָלעם־אלייכעם אף ייִדיש, מיט רוסישע אויסיעס). ער זעצט איבער אלע מייַנע נייַע אייַזנבאן־געשיכטעס. אָט מיט זיי וואָלט איך וועלן דעביוטירן אין א רוסישן זשורנאל... אייַך וועט דאָך גרינגער זייַן צו דערקלערן (די מיטארבעטער פון דער רוסישער רעדאקציע), אז אויב ס׳איז שוואכלעך, איז אין דעם א סאך שולדיק די שפראך, אף וועלכער איך שרייַב"[1].

אין אן אנדער בריוו:

„מייַנע „אייַזנבאן־געשיכטעס" בעטן זיך, ווי מע פארזיכערט מיך, מע זאָל זיי איבערזעצן אין רוסיש"[2].

שאָלעם־אלייכעם שרייַבט א. פעטרישטשעוו, איינעם פון די אָנפירער פונעם זשורנאל „רוסקאָיע באָגאטסטוואָ":

„אין פאל, ווען מייַן ראָמאן וואָלט דורך אייַך אָנגענומען ווערן („דער בלוטיקער שפּאס". — י. ס.), וואָלט איך שטארק געבעטן זאָרגעוודיק צו באארבעטן די איבערזעצונג, מאכן די נייטיקע קאָרעקטיוון אינעם סטיל פון דער רוסישער שפראך"[3].

אינעם בריוו פון 3 סענטיאבער 1911 (פון קאָלעקציע) שרייַבט שאָלעם־אלייכעם פינוסן:

„די טעג פארענדיקט דעם ראָמאן „בלאָנדזנדע שטערן" — 50 דרוקבויגן. עס בעט זיך איבערגעזעצט צו ווערן אף רוסיש. כ׳וועל עס אָבער טאָן בלויז בא איין טנאַי: איר זאָלט איבערזעצן, און די איבערזעצונג זאָל דורכקוקן א רוסישער ליטעראט, וועלכן איך וועל אָנווייַזן".

[1] דאָרטן, ז. 258; [2] דאָרטן, ז. 257; [3] דאָרטן, ז. 251.

אזוי שרייַבט שאָלעם־אלייכעם זייַן אויסדערוויילטן איבערזעצער, וועלכער האָט זיך שוין אזוי גוט פארעקאָמענדירט מיט גוטער פראקטישער ארבעט!

אָבער דאָס איז נאָך ווייניק, שאָלעם־אלייכעם שרייַבט (עמעס, אין א שפּאס, אָבער מיר ווייסן דאָך, וואָס עס באטייַט שאָלעם־אלייכעמס א שפּאס) אין זייַנעם א בריוו צו אייַזמאנען:

„דאָס בעסטע וואָלט געווען, אז אלע רוסישע רעדאקטאָרן און קריטיקער זאָלן זיך אויסלערנען ייִדיש. דעמלט וועלן זיי פארשטיין שאָלעם־אלייכעמען"[1].

און נעמען נעמט זיך עס אלץ דערפון, וואָס שאָלעם־אלייכעם איז געווען שטארק פארליבט אין דער ייִדישער שפראך און האָט געהאט וועגן איר זייער א הויכע מיינונג. אין דעם „שאָלעם־אלייכעם־בוך" איז געבראכט אפילע א ספּעציעלער „לינגוויסטישער" עטיוד (אויך אין א שפּאס) פון שאָלעם־אלייכעמען, ווו ער פארגלייַכט ייִדיש מיט א ריי אנדערע שפּראכן, אפילע מיט... דער „קירצסטער שפּראך אין דער וועלט — עספּעראנטאָ". ער קומט צום אויספיר, אז „קיינער פון זיי קומט ניט צו אונדזער ייִדיש". זייַן הויכע מיינונג וועגן דער ייִדישער שפּראך האָבן מיר אויך טיילווייַז געזען פון דעם אויבנדערמאָנטן בריוו צו טאָלסטאָיען.

טאקע פון דער גרויסער ליבע און אָפּשייַ צו דער ייִדישער שפּראך שטאמען שאָלעם־אלייכעמס הויכע פאָדערונגען צו די איבערזעצונגען פון זייַנע אייגענע ווערק און אויך פון די ווערק פון אנדערע ייִדישע שרייַבער.

[1] זאמלונג קריטישע ארטיקלען, ז. 258.

כראָניק

אויסשטעלונג פון היסטאָרישע עקספּאָנאטן אין ווין

די דירעקציע פונעם באוווסטן עטנאָגראפישן מוזיי אין ווין האָט ניט לאנג צוריק אייַנגעאָרדנט אין אירע זאלן אן אויסשטעלונג פון ייִדישע היסטאָרישע בילדער און אויך פון פארשיידענע מינים עקספּאָנאטן, וועלכע זי האָט אויסגעליִען באם ייִדישן מעלוכע־מוזיי אין פּראָג.

א נייַער נומער פון דער ייִדישער צייַטשריפט „ביולעטין"

אין ווארשע איז דערשינען דער נייַער (74) נומער פון דער צייַטשריפט „ביולעטין", וועלכן עס גיט ארויס דער ייִדישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין פּוילן. דער דאָזיקער נומער איז געווידמעט דער אלטער און נייַער געשיכטע פון די ייִדן אין פּוילן.

קאָנפערענץ פון ייִדישע ביבליִאָטעק־טוער

אין בריסל (בעלגיע) איז פאָרגעקומען א קאָנפערענץ פונעם פארבאנד פון ייִדישע און העברעיִשע ביבליִאָטעקן אונטערן פאָרזיץ פון דר. עדעלמאן, וועלכער האָט אָפּגעגעבן א באריכט וועגן דער צוגרייטונג פון אן אלגעמיינעם קאטאלאָג פאר ייִדישע און העברעיִשע ביבליִאָטעקן אין אייראָפּע. לויט א באשלוס פון דער קאָנפערענץ וועט די ביוראָ פון דעם פארבאנד אריבערגעפירט ווערן קיין לאָנדאָן.

אונטערגעצונדן א ייִדישע ביבליִאָטעק אין מעלבורן

אין מעלבורן (אוסטראליע) זייַנען פון א סרייפע, וואָס איז אויסגעבראָכן אין ייִדישן קולטור־צענטער „קאדימאָ", פארברענט געוואָרן בא 300 ביכער, צווישן זיי אוניקאלע און אלטערטימלעכע אויסגאבעס פון גרויסן ווערט.

ס׳איז פאראן א פארדאכט, אז די אונטערצינדונג איז ספּעציעל אָרגאניזירט געוואָרן. דער איניען ווערט געפאָרשט דורך דער מעלבורנער פּאָליציי.

יעשוע ליובאָמירסקי

זיכרוינעס וועגן דעם אַקטיאָר רודאָלף זאַסלאַווסקי

רווון (רודאָלף) זאַסלאַווסקיס שפּעריש לעבן איז אַ קייט פון גוואַלדיקע אָנשטרענגונגען אַף באַרײַכערן דעם רעפּערטואַר פונעם ייִדישן טעאַטער מיטן טראַגעדיע־זשאַנער, און טאַקע מיט די סאַמע אָנגעזעענסטע ווערק פון דער אייראָפּעיִשער דראַמאַטורגיע. ס׳איז באַוווּסט, אַז רודאָלף זאַסלאַווסקי האָט דער ערשטער אין רוסלאַנד אויפגעפירט אַף דער ייִדישער בינע שעקספּירס „האַמלעט“, איבסענס „די געשפּענסטער“, סטרינדבערגס „דער פאָטער“, דיומאַס — „קין“.

שפּילנדיק די צענטראַלע ראָלן אין די אָנגעוויזענע און אין אַנדערע פּיעסן, פלעגט זאַסלאַווסקי זיי דערהייבן צו אַ באַדײַטנדיקער ראָמאַנטישער הייך. אויך זײַנע פּאַרטניאָרן פלעגן אין אַ היפּשער מאָס מיטגעריסן ווערן מיט זאַסלאַווסקיס ענטוזיִאַזם. אָבער ניט אַלעמאָל איז עס געלונגען. עס האָט אָפט פּאַסירט אויך אַזוי, אַז זאַסלאַווסקי שפּילט מיט העכסטן טעמפּעראַמענט, שפּריצט מאַמעש מיט פײַער, און דער מיטשפּילער זײַנער, אָנשטאָט אונטערכאַפּן אָט די פונקען און זיי צעבלאָזן, דערטרינקט זיי אין מוטנעם שטראָם פון כאַלטורנעם באַלמעלאָכישן „אָפּקנאַקן די ראָל“.

לײַדער, האָט זאַסלאַווסקי ניט פאַרמאָגט די געהעריקע אויסגעהאַלטנקײַט און טאַקט אַף איבערדערציִען אַן אַקטיאָר, אַף אַרויסרײַסן אים פון זײַן אינערציע. אָבער מויכל זײַן אַן אַקטיאָר זײַן נאַכלעסיקײַט, זײַן העפקיירעס בעשאַסן שפּילן — דערוף איז זאַסלאַווסקי ניט קאַפּאַבל געווען. אַ מענטש מיט אַ ביז גאָר היציקן טעמפּעראַמענט, האָט ער, קעדיי זיך קילן דאָס האַרץ, אַוועקגעלאָזט זיך אַפן גליטשיקן וועג פון נאַיִווע קונדייסישע שפּיצלעך, וואָס זייער ציל איז געווען „אָנלערנען“ דעם נאַכלעסיקן אַקטיאָר.

אַ געוויסע דערקלערונג פון די מעשונעדיקע סטירעס אין זאַסלאַווסקיס כאַראַקטער קאָן אונדז געבן אַ קורצע עקסקורסיע אין זײַן ביִאָגראַפיע.

ער איז געווען אַ זון פון אַן אומאַניער קלייןהענדלער, וואָס איז געווען מוזיקאַליש באַגאַבט און וועלכן עס האָט געצויגן צו געזאַנג, צו כאַזאָנעס. אָט די מוזיקאַלישקײַט און לעכצעניש צו מוזיק האָט רודאָלף זאַסלאַווסקי געיאַרשנט בא זײַן טאַטן, וואָס פלעגט אים נעמען מיט זיך אין שול אַרײַן הערן באַרימטע כאַזאָנים און האָט אַרײַנגעצויגן דעם זון אין אַ כאַזאָנישן כאָר.

זאַסלאַווסקי האָט גאָר אַ קנאַפּע בילדונג באַקומען. דרײַ יאָר — אין כיידער, אַ פּאָר יאָר האָט מיט אים אין דער היים געקנעלט אַ לערער.

ווען זאַסלאַווסקי איז נאָך געווען אַ קליין ייִנגל, זײַנען די עלטערן אַריבערגעפאָרן פון אומאַן קיין אָדעס. דאָ גיט מען אים אָפּ אין דער היגער האַנטווערקער־שול. מיט אומגעדולד האָט דער קליינער רווון אַרויסגעקוקט, ווען וועט ער שוין ענדיקן די שול, האַגאַם ער נעמט שוין דאָ אַן אָנטייל אינעם אַמאַטאָרישן שול־קרײַז, ווו מע פירט אויף גאָגאָלס „די כאַסענע“, באַטייליקט זיך אינעם קינדער־כאָר אין דער אָפּערע „פּיקאָוואַיאַ דאַמאַ“. פון דעמלט אָן האָט שוין דער טעאַטער־קישעף פונעם קליינעם זאַסלאַווסקי זיך ניט אָפּגעטאָן. ער לערנט זיך אַן ערעך אַ האַלב יאָר אין אַ דראַמאַטישער שול און טרוימט וועגן אָנקומען אין אַן עכטן פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער.

ווען ער איז קוים פופצן יאָר אַלט, הייבט זיך אָן זײַן פײַנלעכער נאָוונאַד מיט פאַרשיידענע נעבעכדיקע ייִדישע וואַנדער־טרופּעס, וואָס אָט ווערן זיי געבאָרן און אָט צעפאַלן זיי זיך. די אָנפירערס פון אָט די וואַנדער־טרופּעס ווײַזן זיך אָפּט אַרויס ווי אומבעראַכמאָנעסדיקע עקספּלואַטאַטאָרס: זייערע אַקטיאָרן הונגערן, „עסן טעג“ בא באַרעמהאַרציקע באַלעבעסלעך, גייען אום אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן. און דעריקער — זיי ווערן דאָ לאַכלוטן דעמאָראַליזירט. ווי אַנדערש האָט עס געקאָנט פאָרקומען מיט מענטשן, וועלכע מע האָט פאַרוואַנדלט אין שנאָרערס און פאַרשוועכט זייער מענטשנווירדע? שוין אָפּגערעדט פון דעם, וואָס מע האָט זיי געפּילנעוועט מיט שונד־רע־

פּערטואר. פארשטייט זיך, אז אין אזא אטמאָספּער איז זאסלאווסקין געווען שווער זיך אָפּהיטן פון גײַסטיקער פארדאָרבנקײַט און צעכראסטעטקײַט.

זאסלאווסקי האָט בעכוש דערשפּירט, וואָס פאר א געפאר עס דראָעט אים, און ער רײַסט זיך אין דער גרויסער שטאָט.

אפילע אין אזעלכע שווערע באדינגונגען האָט א בליץ געטאָן זאסלאווסקיס טאלאנט אין דער ראָל פון אווישאָלעם (אין גאָלדפאדנס „שולאמיס"). אים גיט זיך אויך אײַן דעביוטירן אין איינעם פון די ווארשעווער יִדישע טעאטערן, וווּ ער צייכנט זיך אויס אין דער ראָל פון בארקאָכבא, און עס ווערט קלאָר, אז אָט דער יונגער אקטיאָר איז א גרויס געווינס פארן יִדישן טעאטער.

אָבער אָנשטאָט אים דערמוטיקן צו ווײַטערדיקע שעפערישע דערפאָלגן, מיטהעלפן אים אײַנפונדעווען זיך אין אָט דעם טעאטער, האָבן די ווארשעווער אקטיאָרן קיין גרויס ווען פון זאסלאווסקין ניט געמאכט (אייניקע פון זיי האָבן געקוקט אַף אים, ווי אַף א געפערלעכן קאָנקורענט!), און זאסלאווסקי איז געווען געצווונגען זיך ווידער אראָפּגליטשן אין דער פּראָווינץ. ס'האָט אים אָבער דאָ א שפּיל געטאָן דאָס מאזל: מע האָט אים אײַנגעלאדן אין דער וואנדער־טרופּע, וווּ עס האָט געשפּילט עסטער־ראָכל קאמינסקע און וווּ מע האָט שוין זיך ניט באנוגנט מיט די אמעריקאניש־יִדישע אָפּערעטן, נאָר געשטרעבט צו רעאליסטישער דראמע. אין אָט דעם קאָלעקטיוו האָט מען אויך זיך אָפּגעגעבן א דינ־ווערכעזשבן, אז ס'איז ניט דערלאָזבאר זיך פארשליסן אין די דאלעדאמעס פון ריין־יִדישן רעפּערטואר.

שווימט אויף די פארדראָסלעכע פראגע: פארוואָס האָט זאסלאווסקי זיך ניט אײַנגעגלידערט אין דער טרופּע פון עסטער־ראָכל קאמינסקע? פארוואָס האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אָפּן וועג פון ווערן אליין א באלעבאָס פון א טרופּע, וואָס איז דאָסראָוו באשטאנען פון טאלאנטלאָזע פּראָווינציִעלע אקטיאָרן?

די זעלבע פראגע שווימט אויף, אגעוו, ווען מיר לייענען אין דער געשיכטע פונעם רוסישן טעאטער וועגן דעם גוירל פון אזא אויסטערלישן טאלאנט, ווי מאמאָנט דאלסקי.

ווי א וויכער, פלעגט דאלסקי זיך טראָגן פון שטאָט צו שטאָט, אפגיך צונויפשקראבען טרופּעלעך, לאכלוטן ניט איבערקלײַבן, ניט דײַגען וועגן אנסאמבל. און אז מע פלעגט אים שטעלן די פראגע: „ווי קאָנט איר, אזא גרויסער אקטיאָר, זיך דערלויבן האָבן צו טאָן אַף דער בינע מיט וויסטע קאליקעס?", פלעגט ער דערויף ענטפערן: „וואָס פינצטערער די נאכט, אלץ העלער פינקלען די שטערן!"

און ער איז דאָך געווען איינער פון די סאמע אָנגעזעענע אקטיאָרן פונעם בארימטן פּעטערבורגער אלעקסאנדרינער טעאטער, וווּ עס האָבן געשפּילט אזעלכע געוינים, ווי ווארלאמאָוו, יוריעוו, סאווינא, קאָמיסארזשעווסקאיא.

יאָ, סײַ דאלסקין, סײַ זאסלאווסקין האָט מיט אן אומגעהייערער קראפט געשטויסן אין אָפּגרונט די אנארכאָ־אינדיווידואליסטישע סטיכיע, וואָס האָט געבושעוועט אין זייערע ניט־געצוימטע נאטורן.

זאסלאווסקי איז שטארק געווען באאײַנפלוסט פון אזעלכע בארימטע רוסישע אקטיאָרן, ווי פּאַוועל אָרליעניעוו, מיטראָפאן איוואנאָוו־קאָזעלסקי און מאמאָנט דאלסקי, און ווען עס געלינגט אים צו באאָבאכטן זייער שפּיל, דערוועקט עס בא אים א הייסן פארלאנג אויסצופּרוּוון זײַנע קויכעס אַף אזעלכע וועלט־שעדעוורען, ווי אוריִעל אקאָסטא, האמלעט, קין, אָסוואלד (אין איבסענס „געשפּענסטער"), און זיי אײַנבירגערן אַף דער יִדישער בינע. זאסלאווסקי האָט דאָך טאקע פארמאָגט די אייגנשאפטן, וואָס זײַנען נייטיק פאר אזעלכע ראָלן. דער אקטיאָר און טעאטער־טוער כ. ניסענצווײַג האָט אין זײַנערצײַט געשריבן וועגן זאסלאווסקין: „אין זײַן האלדז האָט זיך געפונען אזא צארטער אינסטרומענט, וואָס איז בעקויעך געווען אויסצושפּילן די לירישסטע און איידלסטע געפילן און אויך די טיפסטע טראגישע איבערלעבונגען". עס איז קעדײַ זיך דערמאָנען, ווי ער האָט געשפּילט טעוויע דעם מילכיקן, און אין פלוג פארגלײַכן זײַן טעוויען מיט דעם טעוויען, וואָס מיכאָעלס האָט אויסגעדיכטעט.

מיר אלע ווייסן, אז מיכאָעלס האָט דערהויבן זײַן טעוויע־געשטאלט צו א באדײַטנדיקער פאראלגעמיינערונג — ער האָט אין טעוויען באטאָנט די כאָכמע און די ווײַטזעעוודיקײַט פון א פאָלקסמענטש. אין מיכאָעלסעס פאָרשטעלונג האָט טעוויע פארקערפּערט די דוירעסדיקע לײַדן און דעם טראגישן גוירל פונעם יִדישן פאָלק און אין דער זעלבער צײַט — זײַן אומויסשעפּלעכע ענערגיע, געדולד און לעבנספייִקײַט. מיכאָעלסן האָט מער פארכאפּט דער טראגישער מעהוס פון דעם דאָזיקן געשטאלט. די הומאָר־וועווריקלעך פלעגן זיך ארײַנכאפּן אין דעם טראגישן געוועב אָט פּונקט, ווי עס טוט פלוצעם א בליץ א ליכטשטראל פון אונטער א געדיכטער כמארע. מע דארף ניט פארגעסן, אז אין דער צײַט, ווען מיכאָעלס האָט געגרייט זײַן סצענישע טעוויע־פארקערפּערונג, האָבן שוין די פינצטערע כמארעס פון פאשיזם פארשווארצט דעם הימל פון אייראָפּע.

רודאָלף זאסלאווסקי, פון זײַן זײַט, האָט אין טעוויען אויך דערזען ניט קיין יִדן פון א גאנץ יאָר, נאָר א דערהויבענע פיגור פון א יִדישן האָרעפּאשניק, פאר וועמען עס האָבן זיך אָן עפּן געטאָן ברייטע האָריזאָנטן און ער האָט אָנגעהויבן

באגרײַפן געשיכטלעכע פּראָצעסן, וואָס זײַנען פאר אים יאָרנלאנג געווען פארבאָרגן. זאסלאווסקי האָט טעוויען אין א געוויסער מאָס אידעאליזירט, אים געשילדערט אין א ראָמאנטישער באלויכטונג. שטרעבנדיק וואָס מער סימפאטיעס ארויסרופן באם צושויער, האָט זאסלאווסקי אויסגענוצט די מוזיקאלישקײַט, וואָס די נאטור האָט אים, דעם אקטיאָר, געשענקט. ער פילט אָן דעם רוים פונעם בינע־כאָלאָל מיט טרעלן פון א סאָלאָווי, מיט די ראכוועסדיקע קלאנגען פון א הארמאָניק, וואָס רופן ארויס באם צושויער אסאָציאציעס פון אן אוקראַיִנישער נאכט. די אייגנארטיקײַט פון זײַן טעוויע איז באשטאנען אין דער אונטערגעשטראָכענער טעוויעס לעבנסלוסטיקײַט, אין דער באטאָנונג פון טעוויעס הומאָריסטישער סטיכיע. אזויארום פלעגט העל באלויכטן ווערן דאָס האמוינישע אין זײַן טעוויען, דאָס אָפּטימיסטישע. ער פלעגט אזוי קונציק אויסנוצן די קאָנטראסטן פון מינאָר און מאזשאָר אין זײַן טעוויע־פארטיטור, אז דאָס געשטאלט פלעגט אדאנק דעם ווערן פארביקער, רײַכער. טעוויע איז אים געווען אזוי אײַנגעבאקן אין הארצן, אז ער האָט יאָרנלאנג ניט אויפגעהערט צו פארטיפערן דאָס דאָזיקע געשטאלט, און דאָס האָט אים אלץ ענגער פארבונדן מיטן מאסעווון יידישן צושויער. אָט די סימפאטיע צום יידישן פאָלקסמענטש האָט אין זאסלאווסקין אמשטארקסטן זיך אנטפלעקט אינעם פעריאָד פון זײַן רײַפקײַט אלס סצענע־מײַסטער. דאָס האָט זיך געלאָזט שפירן אויך אין זײַן יענקל דעם שמיד פון ד. פינסקיס פיעסע, אין זײַן פורמאן יויעל פון ליבינס דראמע „די שרעקלעכע נעקאָמע“, אין זײַן הערשעלע דובראָוונער פון גאָרדינס „גאָט, מענטש און טײַוול“.

נאָך אין די יונגע יאָרן, ווי געזאָגט, האָבן זאסלאווסקיס אויפמערקזאמקײַט מיט א מערקווירדיקער קראפט צוגעצויגן אזעלכע העלדן פון דער וועלט־דראמאטורגיע, ווי אוריעל אקאָסטא, האמלעט, קין. שוין אין זײַן אווישאָלעם־פארקערפערונג (אין גאָלדפאדנס „שולאמיס“) האָט זיך געשפירט דער דראנג צו ראָמאנטיק, צו העראָיִק. דאָס איז פון איין זײַט. פון דער צווייטער זײַט, האָט אים זייער געצויגן טיף ארײַנדרינגען אינעם מענטשנס נעשאָמע.

דעריבער איז אים געווען אזוי צום הארצן אקאָסטא, וואָס פארמאָגט א מערקווירדיקע ראכוועס פאר שטורמישן פראָטעסט און העראָיִק. דער מעכאבער פון דער דאָזיקער טראגעדיע קארל גוצקאָוו האָט אוריעלן באטראכט ווי א העלד. און בעעמעס: אקאָסטאן איז באשערט געווען צו קעמפן קעגן א סוינע, וועלכער האָט פארמאָגט אָן ערעך מער קרעפטן, ווי ער.

זאסלאווסקיס דראנג צו שפילן אקאָסטאן האָט געשטאמט פון זײַן באנעמען אוריעלן ווי א דרייסטן קעמפער, ווי א העלד. און אזא איז אקאָסטא אין זאסלאווסקיס סצענישער פארקערפערונג. וויפל שטאָלץ, וויפל זעלבסטווירדע האָט זיך געשפירט אין זײַנע דיאלאָגן מיט דע־סילווא! און דאָך האָט זאסלאווסקין זיך ניט אײַנגעגעבן אויסראָטן פון אָט דעם סצענישן געשטאלט דעם בײַגעשמאק פון פעסימיזם.

די לעכצעניש צו העראָיִק, צו פסיכאָלאָגיש־פארטיפטע געשטאלטן האָט אומפארמײַדלעך געשטויסן זאסלאווסקין צו שעקספירן, און באזונדערס צו דער קרוין פון שעקספירס דראמאטורגיע — צו „האמלעט“.

זאסלאווסקי האָט מיט אזא אימפעט זיך א נעם געטאָן צו דער אויפירונג פון דער דאָזיקער טראגעדיע, אז עס האָט אים ניט געקלעקט קיין געדולד צו באשאפן די נייטיקע פאָרבאדינגען פאר דער געהעריקער לייזונג פון אזא אויפגאבע. די איבערזעצונג האָט ער פארטרויט עפּעס א יונגנמאן, וועלכער האָט לאכלוטן דערצו ניט געטויגט און האָט פארקריפלט שעקספירס טעקסט. ניט לייגנדיק קיין אכט אף אזא כילעל־האשעם ווי די דאָזיקע איבערזעצונג, האָט זאסלאווסקי בעכייפאָזנדיק, הענדעם־פענדעם א וואלגער געטאָן אָט דעם ראכמאָנע־ליצלאָן „האמלעט“ אף די בינע־ברעטער... טאקע מאמעש אף לײַטיש געלעכטער. אָבער נאָך דעם, ווי דאָס איז געשען — ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבן א קלאָרן דין־וועכעזשבן, וואָס ער האָט געמאכט פון שעקספירס שעדעווער, האָט ער פארקאטשעט די ארבל און ערשט איצט גענומען שוין מיטן געהעריקן ערנסט זיך פארטיפן אין „האמלעט“.

אין א צײַט ארום האָט שוין די געזעלשאפטלעכקײַט געקאָנט זיך דערלויבן פאָזיטיוו אָפּשאצן זאסלאווסקיס שפיל אין „האמלעט“. וועגן דעם זאָגט איידעס דער אָפּרוף וועגן ספעקטאקל אין „לאָדזער טאגעבלאט“, אינעם נומער 120 פונעם יאָר 1913. אָט וואָס מיר לייענען דאָ:

„דער ספעקטאקל איז געווען א ווירקלעכער יאָמטעוו ניט נאָר פאר די ארטיסטן, נאָר אויך פאר אלע פרײַנט און ליבהאָבער פון יידישן טעאטער. „האמלעט“ איז אויך אף דער יונגער יידישער בינע אין אלגעמיין אויסגעפירט געוואָרן גוט, ערנסט, אָנשטענדיק. די הויפּט־ראָל — דער פרינץ האמלעט אין דער אויספירונג פון זאסלאווסקין — איז געווען אויסגעצייכנט און האָט באפרידיקט אויך געניטע און דערפארענע טעאטערבאזוכער“.

די דאָזיקע אָפּשאצונג איז עפשער אפילע איבערגעטריבן. זאסלאווסקי גופע האָט געוווּסט, אז אין אָט דער סצענישער שאפונג פעלט אים נאָך א היפש ביסל צו שליימעס.

די געשיכטע פון טעאטער דערציילט אונדז וועגן א שלאל מוסטערן פון סצענישע האמלעט־פארקערפערונגען. ס׳איז אן אומופהערלעכער פארמעסט פון געניאלע און ניט געניאלע שוי־

שפּילער: ווער וועט ריכטיקער באַנעמען דאָס דאָזיקע אויסטערלישע געשטאַלט, וואָס איז פול מיט סטירעס.

אין האַמלעטן קומט שטענדיק פאָר אַ פאַרביטערטער קאַמף, אַ געראַנגל מיט זיך אַליין. עס מוטשען אים ספּייקעס, און עס ווערט אונטערגעריסן די פאַרהאַרטעוועטקייט פון זײַן ווילן. דאָס אַלץ מוז דער אַקטיאָר אין זײַן סצענישער פאַרקערפּערונג וואָרהאַפטיק שילדערן. דערבײַ קומען אויף אַ ריי פראַגן: וואָס איז וויכטיקער באַטאָנען אין האַמלעטן — דעם דענקער, צי דעם נעקאָמענעמער? דעם איבערגעגעבענעם זון, וועלכער טרוימט מיט אַזאַ ייִראַס־האַקאָוועד וועגן זײַן אומגעקומענעם פאָטער, צי דעם גרויזאַמען נעקאָמענעמער, וועלכער שטעכט די מוטער מיט זײַנע גאַליקע פאָרווורפן, ווי מיט שפּיזן? דעם האַרציקן פרײַנט און פאַרערער פון אָפעליע, צי דעם מערדער פון איר פאָטער?

פון בעלינסקיס גענויער באַשרײַבונג, וויאַזוי דער גרויסער רוסישער אַקטיאָר מאָטשאַלאָוו האָט געשפּילט האַמלעטן, איז אונדז באַוווּסט, אַז מאָטשאַלאָוו האָט אין דער סצענע, ווו ער דעמאַסקירט דעם קיניג (קימאַט ווי געכאַפּט באַ דער האַנט דעם מערדער פונעם פאָטער!), ניט געהאַט צו זיך קיין גלײַכן — אַזוי געניאַל האָט ער דאָ געשילדערט האַמלעטן דעם נעקאָמענעמער. אָבער וואָס שײַעך דעם צענטראַלן מאָנאָלאָג „זײַן אָדער ניט זײַן", ווו האַמלעט דערשײַנט פאַר אונדז ווי אַ גרויסער דענקער, האָט מאָטשאַלאָוו (לויט בעלינסקיס גוויִעס־אייִדעס) זיך באַוויזן נידעריקער פון זײַנע מעגלעכקײַטן... מאַשמאָעס, אַז אופאַסן און פאַרקערפּערן ריכטיק דעם גאַנצן קאָמפּלעקס, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס האַמלעט־געשטאַלט, איז אומגעהייער שווער.

ס'איז באַוווּסט אַן אַלטער אַפאָריזם: „תפסת מרובה — לא תפסת, תפסת מועט — תפסת" (טאָפּאַסטאָ מערובאָ — לוי טאָפּאַסטאָ, טאָפּאַסטאָ מואָט — טאָפּאַסטאָ). דאָס באַטײַט: „האָסטו זיך פאַרמאָסטן באַנעמען אַ סאַך — וועסטו גאָרניט פויעלן. פּרוּוו באַנעמען ווייניק — וועסטו יאָ עפּעס פויעלן".

זאַסלאַווסקין האָט זײַן אינערלעכער כוש אונטערגעזאָגט, אַז האַמלעטן איז פאַר אים מעגלעך שילדערן בלויז אין אַ געוויסן אַספּעקט: בלויז אין דער באַלויכטונג, וואָס איז אים מער צום האַרצן געווען און וואָס איז מער אייגנטימלעך פאַר זײַן אַקטיאָרישער סטיכיע.

יאָ, האַמלעט דער נעקאָמענעמער האָט, ווײַזט אויס, ניט אָנגעצונדן זאַסלאַווסקיס אַקטיאָרישן טעמפּעראַמענט... דאָס לירישע, דאָס געדאַנקלעכע — אָט וואָס זאַסלאַווסקין האָט אין דער דאָזיקער ראָל געריירט און באַגײַסטערט! אין אָט די מאָמענטן פון האַמלעטס וועלט־באַטראַכטונג פלעגן באַ זאַסלאַווסקין אויסוואַקסן פליגל...

די פּראָגרעסיווע אידייען, די אָנגעגליטע לײַדנשאַפטן, מיט וועלכע עס זײַנען אָנגעזעטיקט אַזעלכע פּיעסן, ווי „האַמלעט", „אוריִעל אַקאָסטאַ", „די געשפּענסטער", „קין", סטרינדבערגס „דער פאָטער", פלעגן אָפט ניט זײַן צוטריטלעך פאַר אייניקע שיכטן צושויער. דעם ייִדישן טעאַטער האָט צומיינסטן באַזוכט דער מיטעלער קלאַס קלײנהענדלער, באַלמעלאָכעס, „האַלב־אינטעליגענטן".

דעריבער איז אין די פּראָווינציִעלע שטעט זאַסלאַווסקין ניט אַלעמאָל געלונגען צו האָבן אַ פולן זאַל צושויער אויף די ספּעקטאַקלען, ווען ער פלעגט אופירן פּיעסן פון דער קלאַסישער דראַמאַטורגיע. ס'איז באַוווּסט, אַז אַן אַקטיאָר, וועלכער איז מיט לײַב און לעבן איבערגעגעבן דער טעאַטער־קונסט, קימערט זיך מער מיקויעך דעם, צי איז דער צושויער־זאַל געפּאַקט, ווי וועגן דער קאַסע. זאָל דער צושויער־זאַל אויף צוויי דריטל זײַן פול מיט אומזיסטיקע צושויער, אַבי ס'איז דאָ אַ גרויסער עולעם.

זאַסלאַווסקי פלעגט שפּילן טעמפּעראַמענטפול, ווען ער האָט געוווּסט, אַז אינעם צושויער־זאַל זיצן זײַנע „כסידים", וואָס שעצן הויך זײַן קונסט.

זאַסלאַווסקי האָט לײַדנשאַפטלעך געשלעפּט די ייִדישע מאַסע צו הויכער, פּראָבלעמענרײַכער דראַמאַטורגיע, און אַ היפּשער טייל צושויער, וועלכע זײַנען געלאָפן זיך קוויקן מיט „כינקע־פינקע", „מאַלקעלע סאָלדאַט", „ווערלוול עסט קאָמפּאָט" אוכדוימע, זײַנען ווייניק אָנגעגאַן די ערנסטע פּיעסן, וואָס זאַסלאַווסקי האָט זיך באַמיט מיט זיי דערהייבן דעם רעפּערטואַר פונעם ייִדישן טעאַטער. פלעגט ער טיילמאָל זײַן געצוואונגען פאַלן אויף כיטרע האַמצאָעס, ביכדיי צו „פאַרנאַרן" דעם עולעם אויף אַן ערנסטן ספּעקטאַקל. וועגן איינעם אַזאַ פאַל האָט מיר דערציילט דער אַקטיאָר מ. בראַודע.

טרעפט זיך אַזאַ מײַסע: זאַסלאַווסקי קומט מיט זײַן טרופּע קיין מאָהילעוו. מע צעהענגט אַפישן, ווו מ'איז מודיִע דעם עולעם, אַז אין די ערשטע צוויי אָוונטן שפּילט די טרופּע גאָרדינס „גאָט, מענטש און טײַוול" און „אוריִעל אַקאָסטאַ" מיטן אָנטייל פון ר. זאַסלאַווסקי. עס איז געבליבן איין שאָ ביז אופהייבן דעם פאָרהאַנג, און בילעטן האָט די קאַסע פאַרקויפט סאַכאַקל — זעקס. האָט מען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געמוזט אָפּשאַפן דעם ערשטן ספּעקטאַקל. צומאָרגנס כאַזערט זיך איבער די זעלבע געשיכטע. זאַסלאַווסקי זאַמלט צונויף זײַן איבערגעשראָקענע כעווּרע אַקטיאָרן און מעלדעט זיי:

— אָט וועט איר זען, אַז מאָרגן וועט אונדזער צושויער־זאַל זײַן פול. — און ער באַפעלט צעהענגען אַן אַפישע, ווו עס ווערט געמאָלדן, אַז מע שפּילט „אוריִעל אַקאָסטאַ" און אַז דער ארײַנגאַנג איז פרײַ.

און קאַכהאָווע: ס׳איז געבליבן אַ האַלבע שאָ ביזן עפֿענען דעם פֿאָרהאַנג, און דער צושויערזאַל איז פֿולגעפּאַקט!

די אַקטיאָרן גרימירן זיך, בלויז זאַסלאַווסקי גופֿא האָט אַפֿילו ניט אָנגעהויבן זיך גרימירן. ער גייט אַרויס אַף דער אַוואַנסצענע באַ אַ פֿאַרמאַכטן פֿאָרהאַנג, הייבט אויף די רעכטע האַנט אין דער הייך און הייבט אָן שמועסן מיטן עולם:

— וואָס מיינט איר, — זאָגט ער, — רודאָלף זאַסלאַווסקי וועט אײַך שפּילן אַקאָסטאַ, און איר וועט זיך מאַכן ניט וויסנדיק און קיין קאָפּעקע זיך ניט לאָזן קאָסטן? ווי שעמט איר אײַך ניט? אַ בולקע, אַז איר גייט קויפֿן אין קלייט, קומט אײַך אַפֿילו אַפּן געדאַנק ניט אַרוף, אַז איר וועט זי אומזיסט קריגן, און דאָ, וווּ מענטשן גיבן אײַך אָפּ בעשאַסן שפּילן אַ שטיק האַרץ, ווילט איר ניט אַ טראַכט טאָן, אַז דאָס זײַנען ניט קיין מלאָכים און אַז נאָכן שפּילן באַדאַרפֿן זיי וועטשערע עסן. גייט, זײַט מוחל, שטעלט זיך אַוועק אין דער ריי, קויפֿט בילעטן, און אין אַ שאָ אַרום וועלן מיר אויפֿהייבן דעם פֿאָרהאַנג, און איר וועט אַזעלכעס דערזען און דערהערן, אַז איר וועט קיינמאָל אָט דעם אָוונט ניט פֿאַרגעסן.

די ווענדונג פֿון זאַסלאַווסקין האָט געהאַט די געווּנטשענע ווירקונג, דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן קויפֿן בילעטן. זאַסלאַווסקי איז אַוועק זיך גרימירן.

פֿון דעם טאָג אָן איז אַוועק ניט קיין שלעכטער באַזוך פֿון די ספּעקטאַקלען, און די שטימונג באַ די אַקטיאָרן איז געוואָרן אַ געהויבענע.

וועגן רודאָלף זאַסלאַווסקין פֿלעגט מען צומאָל זאָגן, אַז דאָס איז אַ שווערער מענטש. צוריקשמועסנדיק, קאָן מען אים זייער פֿיל מוחל זײַן, ווען מע דערמאָנט זיך, וויפֿל האַרץ, וויפֿל נשמאָמע האָט אָט דער אַקטיאָר אָפּגעגעבן, בכדי צו באַשאַפֿן אַזאַ אויסטערלישע פֿיגור, ווי זײַן טעוויע דער מילכיקער. וויפֿל ליבשאַפֿט און דרך־ארץ צום ייִדישן האַרעפּאַשניק האָט באַדאַרפֿט ברויזן אין זאַסלאַווסקיס גאַנצן וועזן, אַז עס זאָל באַשײַנען די ייִדישע בינע אַזאַ קונסט־ווערק, ווי זײַן טעוויע!

ניט אומזיסט האָט ער פֿאַרן טויט געבעטן, אַז מע זאָל אים באַהאַלטן אין זײַן סצענישן טעוויעלעוווש... אַפֿילו מיט טעוויעס בײַטש!

טרויעריק איז געווען דער לעצטער אַקאָרד פֿון זאַסלאַווסקיס לעבנס־סימפֿאָניע. צום סאָף פֿון זײַן לעבן איז ער געוואָרן אָן עמעסער יוירעד. אין אַלע הינזיכטן. די סיבעס זײַנען קלאָר פֿאַר יעדן, ווער עס האָט אויפֿמערקזאַם דורכגעלייענט אונדזער אָפּהאַנדלונג. צו פֿרי, פֿאַר דער צײַט, האָט זאַסלאַווסקי זיך געזעגנט מיטן לעבן. אָט פּונקט, ווי מאַמאָנט דאַלסקי (פּיאָדאָר שאַליאַפּינס לערער!) איז פֿאַר דער צײַט אומגעקומען... עס האַנדלט זיך ניט וועגן זײַן קאַטאַסטראָפֿאַלן פֿיזישן אומקום, נאָר וועגן דער גײַסטיקער יערידע אינעם לעצטן פּעריאָד פֿון זײַן לעבן. אַזאַ איז אויך געווען דער שאָפֿדיקער אונטערגאַנג פֿון אַזאַ געניאַלן אַקטיאָר, ווי מיכאַיל טשעכאָוו, וועמעס טאַלאַנט עס האָט אַזוי זיך פֿאַנאַנדערגעבליט, קאָלזמאַן ער איז געווען ענג פֿאַרבונדן מיטן מאָסקווער קינסטלערישן טעאַטער.

יעדערער פֿון אָט די דרײַ האָט בעשײַטע זויכע געווען שטײַגן צו די העכסטע באַרג־שפּיצן פֿון קונסט. פֿאַר יעדן פֿון זיי איז געווען אָפֿן אַ ברייטער שליאַך צו פֿאָלקס־אָנערקענונג, צו אומפֿאַרגעסלעכקײַט... און יעדערער פֿון אָט די דרײַ מעכטיקע טאַלאַנטן האָט זיך פֿאַרבלאָנדזשעט אַף די וועגן און אומוועגן פֿונעם אַנאַרכאָ־אינדיווידואַליזם. און אויב אין אַמעריקע און אין אייניקע אייראָפּעיִשע לענדער זײַנען גרויסע אַקטיאָרן געוואָרן פֿאַרפּירט פֿונעם סטאַריזם[1], זײַנען אַזעלכע מערקווירדיקע קונסט־טוער, ווי דאַלסקי, טשעכאָוו, זאַסלאַווסקי, געפֿאַלן אַ קאָרבן פֿון זייער גלײַכגילטיקײַט צו די גראַנדיִעזע נײַע געזעלשאַפֿטלעכע פּראָצעסן. מעגלעך, אַז דאַלסקיס און טשעכאָווס באַגאַבונג איז געווען ניט שוואַכער, ווי סטאַניסלאַווסקיס און מיכאָעלסעס, אָבער די לעצטע זײַנען ניט געבליבן טויב צו דעם רוף פֿון דער נײַער צײַט, צו דער נײַער ווענדונג אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהײַט, צום רוף פֿון דער רעוואָליוציע. זיי האָבן פֿרײַ געאָטעמט אין דער אָפּגעפֿרישטער אַטמאָספֿער און פּרעכטיק אין איר זיך פֿאַנאַנדערגעבליט.

דאָך וואָלט געווען ניט ריכטיק צו באַהויפּטן, אַז רודאָלף זאַסלאַווסקי האָט געלאָזט אַ שוואַכן שפּור אין דער געשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער.

---

[1] סטאַריזם איז אַזאַ מין דערשײַנונג אין דער סוויווע פֿון סצענישע טוער, ווען אַ זייער באַגאַבטער אַקטיאָר (אָדער אַקטריסע) טיילט זיך באַזונדערס אויס אין זײַן טרופּע און ווערט פֿאַקטיש אַ דיקטאַטאָר אינעם קאָלעקטיוו. סטאַר באַטײַט אין ענגליש אַ שטערן, אַ ליכט־קוואַל.

ווילהעלם לעוויק

אַלעקסאַנדער גלוסקין

פארשיידענע קינסטלער פאסן אוף די וועלט אַף פארשיידענע אויפאַנים. גראפיקער, לעמאָשל, זעען אַלץ אין ליניעס — גלײַכע אָדער כאַאָטישע, שארפע אָדער פלאכע. אנדערע קינסטלער קוקן אַף דער וועלט ווי אַף א קאַלײדאָסקאָפּ פון פאָרמען און מאָסן — דער פארנעם, די לענג, די טיף, דער רוים אאַוו. בא די מאָלער איז דער ארום אַן אײביקע שפּיל פון פארבן. אָבער דעם קינסטלערס אינדיווידואַליטעט, זײַן פּאָנעם אַנטפּלעקט זיך קוידעמקאָל אין דעם אידײַשן און עמאָציאָנעלן אינהאַלט פון זײַנע ווערק. לויט אָט די צוויי סימאָנים פארנעמט דאָס קונסטווערק אַן אַנטשפּרעכיק אָרט אין דער געשיכטע פון דער קולטור.

דער פופציקיאָריקער שעפערישער וועג פון אַלעקסאַנדער גלוסקין איז געווען א וועג פון אופאסן די וועלט דורך פארבן. ניט לאַנג פאר זײַן טויט איז אין לאָקאַל פונעם פארבאַנד פון די קינסטלער דעמאָנסטרירט געוואָרן א גרויסע אויסשטעלונג פון זײַנע ווערק. ווען די באַזוכער זײַנען ארײַן אין זאַל, האָט זיך זיי געדוכט, אַז זיי געפינען זיך אַף א פעלד, וואָס איז דאָס געפין־אָרט פון אײדלשטיינער, וועלכע שעמערירן מיט זייערע פארבן, ווי א רעגנבויגן. מע האָט געמוזט אויסוואַרטן א שטיקל צײַט, ביז די אויגן האָבן זיך צוגעוווינט צו די פארבן, און ערשט דאַן האָט מען געקאָנט זען פאר זיך רעאַלע בילדער.

אַלעקסאַנדער גלוסקינס ביאָגראַפיע קאָן מען לייענען לויט זײַנע בילדער. דער קינסטלער האָט שוין געהאַלטן באַם אויסבײַטן דעם זיבעטן צענדליק, ער איז געווען געפערלעך קראַנק, נאָר די ארבעט אַף די בילדער האָט ער ניט פארלאָזט. ער האָט געמאָלט מיט יוגנטלעכן טעמפּעראַמענט און היץ. אין דאָרף, אַף דער נאַטור, פלעגט ער אָפּזיצן באַם מאָלברעט פון קאַיאָר ביז שפּעטן אָוונט.

גלוסקין האָט זײַן שאַפונגס־וועג אָנגעהויבן פון קלענערע זשאַנער־בילדער — פּאָרטרעטן, פּײזאַזשן, זײַן טיפּאַזש און די סוזשעטן האָט ער געשעפּט פונעם פאָלקסלעבן אין די פארוואָרפנסטע ווינקלען פון ווײַסרוסלאַנד.

זײַן שאַפונג איז געווען פול מיט אופריכטיקן הומאָר, הארציקײַט און וואַרעמקײַט.

א געבוירענער אין אָדעס, האָט גלוסקין זיך אויסגעפורעמט אַלס קינסטלער אין דער צײַט, ווען זײַן געבורטשטאָט האָט געיוירט מיט ליטעראַרישע און קינסטלערישע טאַלאַנטן. גלוסקינס פרײַנט אין יענער צײַט זײַנען געווען באַגריצקי, אילף, אָליעשא. זײַן לערער — דער גרויסער קינסטלער קאָסטאַנדי. אין יענע שטורמישע יאָרן האָבן צו אונדז אין לאַנד א פלייץ געטאָן פון פראַנקרײַך די פארשיידענע לינקע סטילן און שטרעמונגען — קוביזם, סופּרעמאַטיזם, סירעאַליזם. גלוסקין איז ארויסגעטראָטן אַלס פאָרשטייער פון דער גרופּע „נאָזש“ (נאָוואָיע אָבשטשעסטוואָ זשיוואָפּיסצעוו — נײַע מאָלער־געזעלשאַפט). די דאָזיקע גרופּע האָט דעקלאַרירט די פּרינציפּן פון רעאַליזם אין דער קונסט.

גלוסקינס בילדער האָבן קײנמאָל ניט געליטן פון פאָטאָגראַפיזם. די פּינקטלעכקײַט פון דער צייכענונג, איר טרײַהײַט צום אָריגינאַל האָט אים ווייניק אינטערעסירט. פארקערט, ער פלעגט באַטאָנען די פּלאַסטישע אייגנשאַפטן פון דער נאַטור, איר קאָמפּאָזיציאָנעלן געבוי, די רײַכקײַט פון אירע פארבן. ער פלעגט אפילע אין דער צייכענונג ארײַנטראָגן אייניקע עלעמענטן, וועלכע האָבן דעם אָריגינאַל ניט אַנטשפּראָכן. אַזוי, לעמאָשל, פלעגט ער אינעם פּײזאַזש צומאָל ענדערן די קאָנפיגוראַציע פון די הײַזער, ביימער, דעם רעליעף פון באָדן אדג. דעם פּאָרטרעט פלעגט ער ניט זעלטן דערפירן ביז גראָטעסק, קעדיי פולקומער באַווײַזן דעם כאַראַקטער פונעם אָריגינאַל. אנדערע פּאָרטרעטן זײַנע מאַכן דעם אײַנדרוק פון קאַריקאַטורן אָדער שאַרזשן. ווען אָבער די קאַריקאַטורישע עלעמענטן האָבן געבראַכט שאָדן דעם קינסטלערישן עפעקט, האָט ער געקאָנט צוימען די פאַנטאַזיע און מאָלן לויטן אָריגינאַל.

מיר ברענגען הײַנט אייניקע רעפּראָדוקציעס פון א. גלוסקינס קונסט־ווערק.

קינסטלער אלעקסאנדער גלוסקין

דער באלעגאָלע



א ייִנגל

א דאָרפס־ייִד

א קלויסטער אין ראָסטאָוו



א שטוב

א פרוי אין גרינעם

זעגל־שיפלעך באם ברעג

ביבליאָגראַפֿיע

ביכער פֿון פּערעץ מאַרקיש

מיר ברענגען דאָ אין אַ כראָנאָלאָגישן סיידער די ביכער פֿון פּערעץ מאַרקיש, דערשינענע אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד אין די יאָרן 1919—1969 אין ייִדיש און אין רוסיש.

I. ביכער, דערשינענע אין ייִדיש

1. שטיפֿעריש. לידער. יעקאַטערינאָסלאַוו, „נאַטור און מענטש“, 1919, 48 ז.
2. נאָכן טעלערל פֿון הימל. (אַ מייַסעלע) [אין פֿערזן], יעקאַטערינאָסלאַוו, „נאַטור און מענטש“, 1919, 48 ז.
3. אינמיטן וועג. לידער. יעקאַטערינאָסלאַוו, „מאַיאַק“, 1919, 61 ז.
4. פּוסט און פּאַס. לידער. צייכענונג — ד. סאָקאָלאָווסקי. יעקאַטערינאָסלאַוו, „וויסנשאַפֿט“, 1919, 165 ז., אילוסטרירט.
5. שוועלן. לידער. הילע, שאַרבלאַט און צייכ. — י. טשייַקאָוו, קיִעוו, „ייִדישער פֿאָלקס־פֿאַרלאַג“, 1919, 166 ז., איל.
6. סטאַם. לידער. יעקאַטערינאָסלאַוו, „וויסנשאַפֿט“ — „קולטור־ליגע“, 1921, 192 ז.
7. די קופּע. פּאָעמע. קיִעוו, „קולטור־ליגע“, 1922, 35 ז.
8. נאַכט־רויב. לידער. מ., „ליריק“, 1922, 31 ז. (קליינע ביבליאָטעק „ליריק“).
9. אַזריִעל און שלוימע־בער. פּאָעמע. קיִעוו, „קולטור־ליגע“, 1927, 58 ז.
10. ברידער [פּאָעמע]. קיִעוו, „קולטור־ליגע“, 1929, 270 ז. (ביבליאָטעק „ייִדישע שרייַבער“ נומ. 4).
11. דאָר־אויס, דאָר־איַין. ראָמאַן. ערשטער בוך. כאַרקאָוו, מעלוכע־פֿאַרלאַג פֿון אוססר, 1929, 300 ז.
12. פֿאַרקלעפּטע ציפּערבלאַטן. לידער. כאַרקאָוו, מעלוכע־פֿאַרלאַג פֿון אוססר, 1929, 300 ז.
13. ברידער. פּאָעמע (צווייטע אויפֿלאַגע). כאַרקאָוו, צענטרפֿאַרלאַג, 1930, 364 ז.
14. ניט געדייַגעט. פּאָעמע. כאַרקאָוו, צענטרפֿאַרלאַג, 1931, 278 ז. (ביבליאָטעק „ייִדישע שרייַבער“).
15. וואָכנטעג. פּאָעמעס און לידער. כאַרקאָוו — קיִעוו, צענטרפֿאַרלאַג, 1931, 347 ז.
16. ברידער. פּאָעמע (דריטע אויפֿלאַגע). מ., צענטרפֿאַרלאַג, 1931, 274 ז.
17. געזאַמלטע ווערק. ב. 1. לידער. מ., „עמעס“, 1933, 374 ז.
18. געזאַמלטע ווערק. ב. 6. פּיעסן. מ., „עמעס“, 1933, 283 ז. אינהאַלט: ערד (דראַמאַטישער וואַריִאַנט פֿון דער פּאָעמע „ניט געדייַגעט“). — דער פֿינפֿטער האָריזאָנט. — ווער וועמען.
19. איינס אויף איינס. ראָמאַן. כאַרקאָוו — קיִעוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפֿאַרלאַג, 1934, 282 ז.
20. דעם באַלעגופֿס טויט (אַנשל דער זאַליאַדניק). מ., „עמעס“, 1935, 232 ז.
21. שטעלט אייַך פֿאָר און מאָלט אייַך אויס (דערציילונגען אין פֿערזן) [פֿאַר קינדער]. מ., „עמעס“, 1936, 32 ז. איל.
22. אויפֿגאַנג אויפֿן דניעפּער. פּאָעמע. מ., „עמעס“, 1937, 320 ז.
23. געזאַמלטע ווערק. ב. 2. פּאָעמעס. מינסק, מעלוכע־פֿאַרלאַג פֿון ווססר (נאַצסעקטאָר), 1937, 286 ז.
24. אונדזער קאָנסטיטוציע (ליד). אַ זון פֿון פֿאָלק (דערציילונג). מ., „עמעס“, 1938, 20 ז.
25. דאָר־אויס, דאָר־איַין. ראָמאַן [ערשטער בוך. צווייטע אויפֿלאַגע]. מ., „עמעס“, 1938, 376 ז.
26. די מעלקערן מאַרפֿע. ליד. מ., „עמעס“, 1938, 13 ז. („מאַסן־ביבליאָטעק“).
27. ברידער. פּאָעמע (פֿערטע אויפֿלאַגע). מ., „עמעס“, 1938, 298 ז.
28. לידער וועגן שפּאַניע. מ., „עמעס“, 1938, 38 ז. („מאַסן־ביבליאָטעק“ נומ. 91).
29. פֿאָטערלעכע ערד. לידער. קיִעוו, אוקרמעלוכענאַצמינדפֿאַרלאַג, 1938, 392 ז.
30. מיכאָעלס מ., „דער עמעס“, 1939, 56 ז.
31. דערציילונגען. מ., „דער עמעס“, 1939, 116 ז.
32. ניט געדייַגעט. פּאָעמע (צווייטע אויפֿלאַגע). מ., „דער עמעס“, 1939, 256 ז.
33. די נייַע מישפּאָכע [אַ ליד און צוויי דערציילונגען]. מ., „דער עמעס“, 31 ז.

34. רויטארמייִשע באלאדעס. מ., „דער עמעס“, 1940, 48 ז. („מאסן־ביבליִאָטעק“).

35. דאָר־אויס, דאָר־אײַן. ראָמאן (צווייטער בוך). מ., „דער עמעס“, 1941, 528 ז.

36. א טויט די קאניבאלן. לידער. מ., „דער עמעס“, 1941, 69 ז.

37. פארן פאָלק און היימלאנד. מילכאָמע־לידער, מ., „דער עמעס“, 1943, 128 ז.

38. מילכאָמע. פּאָעמע. מ., „דער עמעס“, 1948, 667 ז.

39. טראָט פון דוירעס. ראָמאן. פאָרוואָרט פון עסטער מארקיש־לאזעבניקאָווא, שימען און דאָוויד מארקיש. נאָכוואָרט פון הערש רעמעניק. צייכ. — ס. טעלינגאטער. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“, 1966, 690 ז. פראכט־אויסגאבע).

II. ביכער, דערשינענע אין רוסיש

40. ערד. פּיעסע אין 4 אקטן, פון ייִדיש — י. קרוטי. מ., „פעדעראציע“, 1931, 99 ז. (דראמאטישער וואַריִאנט פון דער פּאָעמע „ניט געדייַגעט“).

41. שוועלן. אויסגעווײלטע לידער. פון ייִדיש — פּאַוועל אנטאָקאָלסקי, עדוארד באגריצקי, ל. בראָדסקי, אָ. קאָליטשעוו, ל. פּענקאָווסקי. מ., גאָסליטיזדאט („גיכל“), 1933, 144 ז.

42. נייטן בעקער פאָרט אהיים. דערציילונג. פון ייִדיש — מ. א. שאמבאדאל. מ., „סאָוועטסקאיא ליטעראטורא“, 1934, 235 ז.

43.ברידער. פּאָעמע. פון ייִדיש — ד. בראָדסקי, וו. בוגאיעווסקי, ס. ליפּקין אא. קינסטלער — ג. קראוועצאָוו. מ., גאָסליטיזדאט, 1935, 260 ז.

44. די מישפּאָכע אָוואדיס. פּיעסע אין 3 אקטן, 7 בילדער. פון ייִדיש — מ. שאמבאדאל. מאָסקווע — לענינגראד, „איסקוסטוואָ“, 1938, 80 ז.

45. פּאָטערלעכע ערד. לידער (פון ייִדיש), מ., גאָסליטיזדאט, 1938, 184 ז.

46. דעם פארטיזאנס מוטער. פּאָעמע. פון ייִדיש — ל. רוסט. מ., „דער עמעס“, 1938, 16 ז.

47. די מישפּאָכע אָוואדיס. פּיעסע אין 3 אקטן, 7 בילדער. פון ייִדיש — מ. שאמבאדאל. מ., „איסקוסטוואָ“, 1938. 107 ז. (צווייטע אופלאגע).

48. די סאָוועטישע גרענעצלער. מ., אלפאַרבאנדישער ראדיאָ־קאָמיטעט, 1938, 13 ז.

49. די מישפּאָכע אָוואדיס. פּיעסע אין 3 אקטן, 7 בילדער. פון ייִדיש — מ. שאמבאדאל. מאָסקווע — לענינגראד, „איסקוסטוואָ“, 1940, 112 ז. (דריטע אופלאגע).

50. מאָלצײַט. פּיעסע אין 3 אקטן, 8 בילדער. פון ייִדיש — מ. שאמבאדאל. מאָסקווע — לענינגראד, „איסקוסטוואָ“, 1941, 96 ז.

51. טראָט פון דוירעס. לידער. פון ייִדיש — ש. לעוומאן און ל. רוסט. מ., גאָסליטיזדאט, 1941, 39 ז.

52. שווארציאמישע באלאדעס. מ., „וואָיענמאָריזדאט“, 1942, 32 ז. איל.

53. לידער און פּאָעמעס. מ., גאָסליטיזדאט, 1945, 320 ז.

54. אויסגעווײלטע לידער און פּאָעמעס. אריינפיר־ארטיקל — ב. לאווּרעניאָוו. צונויפשטעלער — ע. לאזעבניקאָווא־מארקיש און א. ווערגעליס. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל“, 1957, 416 ז.
אויסגעווײלטע ווערק אין 2 בענדער. אריינפיר־ארטיקל — ה. רעמעניק. צונויפשטעלער — ע. לאזעבניקאָווא־מארקיש און א. ווערגעליס. מ., גאָסליטיזדאט, 1960.

55. ב. 1. לידער. 303 ז.

56. ב. 2. פּאָעמעס. 319 ז.

57. לידער. פאָרוואָרט. — ב. לאווּרעניאָוו. צונויפשטעלער. — ע. לאזעבניקאָווא־מארקיש. מ., „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“, 1968, 223 ז. (ביבליִאָטעק סאָוועטישע פּאָעזיע), 10.000 עקז.

58. לידער און פּאָעמעס. פאָרוואָרט — ס. נאַראָווטשאטאָוו. צונויפשטעלער און אָנמערקונגען — ע. לאזעבניקאָווא־מארקיש. רעדאקטאָר פון די איבערזעצונגען — וו. לעוויק. לענינגראד, „סאָוועטסקי פּיסאטעל“, לענינגראדער אָפּטיילונג, 1969, 702 ז. (ביבליִאָטעק פון דיכטער. גרויסע סעריע), 25.000 עקז.

59. פּערעץ מארקיש און ד. כ. טשערניאק. די ייִדישע ליריק פון דער סאָוועטישער עפּאָכע. מ., 1935.

60. פּערעץ מארקישעס פּאָרטרעט. 18×24 סמ. מ., „דער עמעס“, 1939.

אבע פינקעלשטיין

כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַס

נײַע קולטור־אַנשטאַלטן

פאַר די לעצטע פיר יאָר זײַנען אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט אויסגעבויט געוואָרן 16 נײַע קולטור־אַנשטאַלטן. צווישן זיי — די קולטור־הײַזער אין טעפּלאָאָזיאָרסק, לענינסק, סטעפּנאָיע, ביראָפעלד, יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק, קאַמישקאָווקע.

הײַנט־צו־טאָג פונקציאָנירן אין דער געגנט 112 קלובן און קולטור־הײַזער, העכער הונדערט ביבליאָטעקן, זעקס מוזיק־שולן, דרײַ פאָלקס־טעאַטערס, 220 קינאָ־אײַנריכטונגען.

פאַר פינף יאָר האָט זיך די צאָל אַבאָנענטן אין די ביבליאָטעקן פאַרגרעסערט אַף 14 טויזנט. בלויז פאַרן 1969 יאָר האָבן די ביבליאָטעקן פון דער געגנט אויסגעטוישט 1 מיליאָן 270 טויזנט ביכער.

בא די קלובן און קולטור־הײַזער אַרבעטן 50 לעקטאָריעס.

א פריידיקע געשעעניש אינעם קולטור־לעבן פון דער געגנט איז געווען דער פעסטיוואַל פון קונסט, געווידמעט וו. אי. לענינס 100־טן געבורטסטאָג. אין אַלע ראַיאָנען און אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן זײַנען פאָרגעקומען קאָנצערטן פון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקייט, אין וועלכע עס האָבן אָנטיילגענומען מער פון 9 טויזנט מענטשן.

א פאָלקס־מוזיי אין וואַלדהיים

אין וואַלדהיים איז געעפנט געוואָרן א פאָלקס־מוזיי. די עקספּאָזיציעס דערציילן וועגן דעם וועג, וואָס עס האָבן דורכגעמאַכט דער יישעוו און דער קאָלווירט „איליטשס געבאָטן" פאַר העכער פערציק יאָר פון זייער עקזיסטענץ.

אַף פיל פאָטאָגראַפיעס זעט מען די ערשטע איבערוואַנדערער, וועלכע האָבן געקאָרטשעוועט די טײַגע, געבויט די ערשטע הײַזער. איינער פון די סטענדן איז געווידמעט די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. עס זײַנען אויסגעהאַנגען די פאָרטרעטן פון פראָנטאָוויקעס: פון דעם איצטיקן פאָרזיצער פון קאָלווירט וולאַדימיר פעלער, וואָס איז באַלוינט מיטן אָרדען פון „רום" פון אַלע דרײַ שטופעס, פונעם מעכאַניזאַטאָר סעמיאָן ווישטשיניקין, פאַרדינסטפולן אַגראָנאָם ראָכל פריידקינע, זאָאָטעכניקער שמואל פײַן אאַ.

געשאַפן א טעאַטראַלע סטודיע

באַם אָרטיקן שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ איז געשאַפן געוואָרן א טעאַטראַלע סטודיע, וואָס שטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע צו דערציִען נײַע אַרטיסטישע קאַדרען פאַרן ביראָבידזשאַנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער.

דער פאָלקס־טעאַטער, וועלכער עקזיסטירט שוין קימאַט פינף יאָר, האָט געשאַפן א ברייטן שאָלעם־אַלייכעם־רעפּערטואַר, וואָס איז באַליבט בא די צושויער פון דער געגנט. פּאָפּולער זײַנען אויך די ספּעקטאַקלען „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" און „זיאַמקע קאָפּאַטש".

איצט אַרבעט דער טעאַטער איבער גאָלדפאַדנס „צוויי קוני־לעמלעך", גלײַכצײַטיק גרייט ער א גרויסע קאָנצערט־פּראָגראַם פון מאָנאָלאָגן, אינסצענירונגען, פאָלקס־מעלאָדיעס און הײַנטצײַטיקע זינג־לידער.

א קאָנקורס אַף דער בעסטער פאַרצייכענונג

די ביוראָ פון דער געגנטלעכער אָרגאַניזאַציע פונעם זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד האָט געמאָלדן א קאָנקורס אַף דער בעסטער קינסטלערישער פאַרצייכענונג וועגן דער מי פון די אַרבעטנדיקע פון דער געגנט.

עס וועלן זיך פאַרמעסטן די פאַרצייכענונגען, וועלכע זײַנען פאַרעפנטלעכט אין דער ראַיאָנישער פּרעסע אָדער זײַנען איבערגעגעבן דורך דער ראַדיאָ, אָנהייבנדיק פונעם 15 אָקטיאַבער 1970 און ביז 1 מאַרט 1971.

מוזיקאַלער לעקטאָרי פאַר קינדער

אינעם ביראָבידזשאַנער שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ האָט אָנגעהויבן אַרבעטן א מוזיקאַלער לעקטאָרי פאַר קינדער, וועלכן עס האָט אָרגאַניזירט די כאַבאַראָווסקער קאַנטישע פילהאַרמאָניע.

אינעם לעקטאָרי איז שוין פאָרגעקומען די ערשטע לעקציע, געווידמעט דער קעגנזײַטיקער ווירקונג צווישן ליטעראַטור און מוזיק.

דער מוזיקאַלער לעקטאָרי איז אויסגערעכנט אַף זיבן לעקציעס־קאָנצערטן. אַף דער ערשטער לעקציע זײַנען בײַגעווען העכער 600 יונגע צוהערער.

ערע זײַן אָנדענק

פון קיִעוו איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיִעה, אַז אין עלטער פון 59 יאָר איז פּלוצעם געשטאָרבן דער זשורנאַליסט און קולטור־טוער יעכיִעל כירמאַן.

שוין אין די דרײַסיקער יאָרן איז י. כירמאַן געווען צווישן די אַקטיווע מיטאַרבעטער פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּרעסע אַף דער אוקראַיִנע. בײַס דער בויונג פונעם כאַרקאָווער טראַקטאָר־זאַוואָד — דעם ערשטלינג פון דער סאָציִאַליסטישער אינדוסטריִאַליזאַציע — איז ער דער רעדאַקטאָר פון דער ייִדישער זאַוואָדישער פּילטיראַזשקע „טעמפּ". שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין דער קאָמיוגישער צײַטונג „יונגע גוואַרדיע".

א טרײַער זון פון אונדזער היימלאַנד, איז יעכיִעל כירמאַן מוטיק דורכגעגאַנגען דורך אַלע ניסיוינעס פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ער איז באַלוינט געוואָרן מיט פיל שלאַכט־אָרדענס און מעדאַלן.

ס'איז אוועק פון אונדז א מענטש מיט א פילבאַר און ערלעך האַרץ, אַן אַקטיווער מיטשאַפער פון דער ייִדישער סאָוועטישער קולטור.

ערע זײַן אָנדענק.

פאַרשיידנס

מעמוארן פון ארטור רובינשטיין

דער באַרימטער פּיאַניסט, דער 83־יאָריקער ארטור רובינשטיין האָט אין אַן אינטערוויו דערציילט וועגן די מעמוארן, וואָס ער שרייַבט:

— די עסטרייַכיש־אונגארישע אימפּעריע, דאָס ענגלאַנד פון עדוארד דעם 7־טן, דאָס צארישע רוסלאַנד — דאָס אַלץ האָב איך געקענט, — דערציילט רובינשטיין, — און איך דערצייל וועגן דעם, וואָס איז פאָרגעקומען ארום מיר ביז מייַנע דרייַסיק יאָר, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן מייַן קאַריערע אַלס אנערקענטער מוזיקער. אָט דער טייל וועט זייַן א בוך פון 400 זייַטן מיט א טויזנט אנעקדאָטן און טשיקאַווע געשיכטעס.

דער דאָזיקער באַנד דאַרף נאָך הייַנטיקס יאָר דערשייַנען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. א סאַך פאַרלאַגן האָבן שוין געבעטן דאָס רעכט איבערזעצן דעם בוך אין פאַרשיידענע שפּראַכן.

א פּערסאָנעלע ליד

אינטערעסאַנט איז דער מינהעג פון די קליינע פּעלקערשאַפטן, וואָס לעבן אויף טשוקאָטקע: בא יעדן אַבאָריגען פונעם קאַנט (און זייער צאָל באַטרעפט דאָ העכער דרייַצן טויזנט) איז פאַראַן א פּערסאָנעלע ליד, וואָס די עלטערן האָבן פאַר אים געשאַפן. דאָס איז א מין מוזיקאַלישער פּאַספּאָרט פונעם מענטשן, וואָס באַגלייט אים דאָס גאַנצע לעבן.

טויזנטער אַזעלכע לידער, הונדערטער ניגונים וועגן דער פאַרגאַנגענהייַט, איצטיקער צייַט און צוקונפט פון טשוקאָטקע פאַרהיט זאָרגזאַם דער זיקאָרן פון די דערציילער. אָבער דער מוזיקאַלישער געזעלשאַפטלעכקייַט פונעם לאַנד איז די לידער־שאַפונג פון די אַבאָריגענע פעלקערשאַפטן פון טשוקאָטקע ווייניק באַוווּסט. אין מוזיקאַלישן פאָנד פון פּסר, אין מאַגאַדאַנער און אַנאַדירער קלובן פאַר פאָלקס־שאַפונג זייַנען פאַראַן ניט קיין גרויסע קאָלעקציעס פון טשוקאָטישע פאָלקלאָר־ווערק. דערפולן אָט די קאָלעקציע דאַרף די מוזיקאַליש־פאָלקלאָרישע עקספּעדיציע פונעם קאָמפּאָזיטאָרן־פאַרבאַנד פון רספּסר, וועלכע איז ניט לאַנג צוריק געקומען קיין טשוקאָטקע.

די מוזיקאַלישע עקספּעדיציע וועט איבערגעבן אין רעשוס פון דער פאָלקלאָר־קאָמיסיע פונעם קאָמפּאָזיטאָרן־פאַרבאַנד פון רספּסר די בעסטע מוסטערן פון מינדלעכער פאָלקס־שאַפונג פון די טשוקטשן, עסקימאָסן, טשוואַנצעס, עווענקן און אַפילו פון די סאַמע קליינצאָליקע עטנישע גרופּעס פונעם האַלבאינדזל — פון די יוקאַגירן, קערעקן. א טייל פון די פאַרנאָטירונגען וועט אַרייַנגיין אין זאַמלונגען, א טייל וועט אויסגענוצט ווערן אין דער עטנאָגראַפישער סעריע פון גראַמפּלאַטן.

וו. גאַווריש („איזוועסטיא“)

העמינגוועיס ניט־פּובליקירטער ראָמאַן

ערנעסט העמינגוועי האָט איבערגעלאָזט בא דרייַ טויזנט זייַטן ניט־פּובליקירטע מאַנוסקריפּטן. אין 1964 איז פון אָט דער ירושע פאַרעפנטלעכט געוואָרן די עלעגישע דערציילונג „דער יאָמטעוו, וואָס איז שטענדיק מיט דיר“. איצט ווערט געגרייט א צווייטע גרויסע פּובליקאַציע: דער ניו־יאָרקער פאַרלאַג „טשאַרלס סקריבנערס סאַנז“ לאָזט ארויס העמינגוועיס ראָמאַן „די אינדזלען אויף דער האַסטיקער שטרעמונג“.

דאָס ווערק טראָגט אַן אויטאָבּיאָגראַפישן כאַראַקטער, עס ווערן דאָ אָפּגעשפּיגלט די געשעענישן, וועלכע דער שרייַבער, וואָס האָט זיך דאַן באַזעצט אין קובא, האָט איבערגעלעבט בייַס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע. אויף זייַן יאַכטע „על פּילאַר“ פלעגט ער אויסשפּירן די דייַטשישע אונטערוואַסער־שיפן. וועגן אָט דעם פּעריאָד פון זייַן לעבן האָט העמינגוועי ניט איין מאָל באַטאָנט, אַז ער האָט דאַן זיך באַשעפטיקט מיט אַן „איניען, וואָס האָט אָן שום צווייפל דאָס פאַרדינט“.

אין דער מערהייַט העמינגוועיס ביִאָגראַפיעס ווערט דערמאָנט זייַן „יאַם־ראָמאַן“. א טייל פון אָט דעם פאַרטראַכטן עפּאָס וועגן יאַם איז אויסגענוצט געוואָרן אין דער דערציילונג „דער זאָקן און דער יאַם“, פאַר וועלכער דער אויטאָר האָט באַקומען אין 1954 די נאָבעל־פּרעמיע. דעם צווייטן טייל, „דאָס געיעג אין יאַם“, האָט איבערגעלייענט פאַר די לאָרעאַטן פון דער נאָבעל־פּרעמיע אויף אַן אופנעם אין ווייַסן הויז דער אַקטיאָר פרעדעריק מאַרטש.

די פאָרשער פון העמינגוועיס שאַפונג האַלטן, אַז דאָס דאָזיקע ווערק איז דאָס בעסטע פון זייַנע ניט־פאַרעפנטלעכטע טעקסטן, און „די אינדזלען אויף דער האַסטיקער שטרעמונג“ רופן זיך, זעט אויס, אין א געוויסער מאָס איבער מיט אָט דעם ראָמאַן.

דער פאָרשער פון העמינגוועיס שאַפונג קאַרלאָס בעקער טיילט מיט אין דער ביִאָגראַפיע פונעם שרייַבער די מיינונג פונעם „פּאַפּע“ גופע (אַזוי האָבן גערופן דעם שרייַבער זייַנע פרייַנט) וועגן דעם איניען: העמינגוועי איז געווען בא דער מיינונג, אַז „דאָס געיעג אין יאַם“ וועט אויסהאַלטן יעטווידע קריטיק און וועט אָפּלייקענען די באַהויפּטונגען פון יענע רעצענזענטן, וואָס טייַנען, אַז העמינגוועי איז „פאַרעלטערט“.

(„זאַ רובעזשאָם“)

אַ ראָמאַנס פֿונעם פֿופֿצנטן יאָרהונדערט

בײַ אַן עקספּעדיציע אויף דער וויאַטקע האָבן די אַרכעאָגראַפֿן פֿון דער לענינגראַדער ביבליאָטעק פֿון דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע פֿון פּסקר געפֿונען אַ פּראָסט אָפּגעבליאַקעוועט בלעטל מיט אַ לידער־טעקסט. אויף די שורעס זײַנען געווען אָנגעמאָלט אַלטער־טימלעכע נאָטן־צייכנס. נאָך דעם ווי ספּעציאַליסטן האָבן דעשיפֿרירט דעם קלאַנגען־באַטײַט פֿון די צייכנס, — טיילט מיט די צײַטונג „וועטשערני לענינגראַד“, — איז קלאָר געוואָרן, אַז דער געפֿינס איז אַ וועלטלעכער ראָמאַנס פֿון פֿופֿצנטן יאָרהונדערט.

די סאַמע ערשטע רוסישע לידער, וואָס זײַנען אונדז באַוווּסט, געהערן צום אָנהייב פֿונעם זיבעצנטן יאָרהונדערט. אָבער דער אומבאַוווּסטער פּאָעט, וואָס האָט אָנגעשריבן די שורעס פֿון אָט דעם ראָמאַנס, האָט געלעבט ניט ווייניקער ווי מיט פֿינף יאָרהונדערטן צוריק. דאָס וויאַטקער בלעטל איז אַרויסגענומען געוואָרן פֿון אַן אַלטערטימלעכער זאַמלונג פֿון קלויסטער־געזאַנג. נאָר לויט דער פֿאָרם, שפּראַך, בילדערישקייט פֿון אויסדרוק שיידט זיך אָט דער טעקסט באַדײַטנדיק אונטער פֿון די געוויינלעכע טפֿילעס.

דער אייגנאַרטיקער סטיל דערמאָנט אין אייניקע ערטער די בעסטע מוסטערן פֿון די אַלט־רוסישע כראָניקעס.

אויפֿן בלעטל איז פֿאַראַן אַ וואַסער־צייכן אין דער פֿאָרם פֿון אַ ציילעם, וואָס איז אַרומגעוויקלט מיט רינגען פֿון אַ שלאַנג, דאָס העלפֿט מיט צו דאַטירן דעם געפֿינס: ער געהערט, זעט אויס, צו די 80—90־ער יאָרן פֿונעם פֿופֿצנטן יאָרהונדערט. אַז דאָס איז טאַקע אָט דער פּעריאָד, זאָגן אויך אײדעס די האַנטשריפֿט און די גרויסע מאָס פֿונעם שריפֿט.

(„טרוד“)

ביבליאָגראַפֿיע פֿון איבערגעזעצטער ליטעראַטור

די אָרגאַניזאַציע פֿון די פֿאַראייניקטע נאַציעס איבער פֿראַגן פֿון בילדונג, וויסנשאַפֿט און קולטור (יונעסקאָ) האָט אַרויסגעלאָזט אַ נײַע אויסגאַבע פֿון דער ביבליאָגראַפֿיע פֿון איבערגעזעצטער ליטעראַטור. לויט די אָנגאַבן פֿאַרן 1968 יאָר, שטייט דער סאָוועטנפֿאַרבאַנד אויפֿן ערשטן אָרט לויט דער צאָל פּובליקירטע איבערזעצונגען. פֿון 36 809 איבערגעזעצטע ביכער, וואָס זײַנען אַרויסגעלאָזט געוואָרן אין 66 לענדער, פֿאַלט אויפֿן סאָוועטנפֿאַרבאַנד 3607 נעמען. די גרעסטע צאָל איבערגעזעצטע וויסנשאַפֿטלעכע ליטעראַטור ווערט אויך אַרויסגעגעבן אינעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. דער אויטאָר, וועמעס ווערק עס ווערן מער פֿון אַלע איבערגעזעצט אויף אַנדערע שפּראַכן פֿון דער וועלט, איז לענין. נאָך לענינס ווערק גייען לויט דער צאָל אויסגאַבעס אויף אויסלענדישע שפּראַכן די ווערק פֿון מאַרקסן — 112 איבערזעצונגען און פֿון ענגעלסן — 94.

„אָ, קאַלקוטע!“ מיט קאָמענטאַרן

קיין לאָנדאָן איז דער ספּעקטאַקל „אָ, קאַלקוטע!“ אַראָפּגעקומען פֿון פּשאַ, פֿון בראָדוויי, גאָר ניט לאַנג. די לאָנדאָנער צושויער האָבן אַרויסגעוויזן צו אָט דעם עראָטישן מײַכל, וואָס איז געבראַכט געוואָרן פֿון יענער זײַט אָקעאַן, ניט קיין קליינעם אינטערעס, וועלכער איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך דער ראַשיקער רעקלאַמע. אַ געוויסע לעדי בערדוווּד האָט באַשטימט מיט די אייגענע אויגן אַ קוק טאָן, וואָס זשע איז דאָס אַזוינס, וואָס שטעלט דאָס מיט זיך פֿאָר. און ווי נאָר זי האָט אַ קוק געטאָן, האָט זי זיך טייקעף אַוועקגעלאָזט אין שטאָטישן געריכט. „איך בין שרעקלעך אופּגעוראָדערט פֿון אָט דער פּאָרנאָגראַפֿיע, — האָט זי געמאָלדן דעם פֿאָרזיצער פֿונעם געריכט, — ווײַל איך האָב זייער ליב מענטשן“. דער געריכט האָט אָבער אָפּגעוואָרפֿן איר הישטאַדלעס — ס'זײַנען ניט געווען קיין באַווײַזן קעגן די אַרטיסטן, וועלכע זײַנען ניט לויט זייער ווילן, נאָר לויטן ווילן פֿונעם רעזשיסער אַרומגעלאָפֿן נאַקעטע איבער דער סצענע און דערמיט אײַנגעשאָפֿן דעם דירעקטאָר פֿון דער טרופּע ניט קיין קליינע האַכנאָסע.

די לעדי בערדוווּד האָט זיך אָבער ניט באַרויִקט, אירע פּאַטריאָטישע געפֿילן האָבן זי ניט געלאָזט רוען: „דער ספּעקטאַקל „אָ, קאַלקוטע!“ איז אַן אָרדנטלעכע קאָמוניסטישע פֿאַרשווערונג!“ — האָט געמאָלדן לעדי בערדוווּד. „אײַער האַשאָרע אַנטשפּרעכט פֿולשטענדיק מײַנער, — האָט זי אונטערגעהאַלטן מיסטער סטיוּאַרט־סמיט. — דעם באַפֿעל וועגן פֿאַרשפּרייטן פּאָרנאָגראַפֿיע האָבן אָפּגעגעבן די קאָמוניסטן, כּדי מאָראַליש צעלייגן דעם מײַרעוו“.

„אַ האַשאָרע? — האָט געפֿײַערט לעדי בערדוווּד. — דאָס איז ניט קיין האַשאָרע. אַלעמען איז באַוווּסט, אַז „אָ, קאַלקוטע!“ איז אינספּירירט דורך די קאָמוניסטן...“

אַזאַ איז די אַנטדעקונג פֿון לעדי בערדוווּד, און אָט איז אַ קורצע ספּראַווקע וועגן דעם אויטאָר פֿון „אָ, קאַלקוטע!“: „מיסיס בערדוווּד — פּרעזידענט פֿון דער אָרגאַניזאַציע „פֿאָרין אַפֿערז סערקל“, דער פֿאַרלעגער פֿון אַן אַנטיקאָמוניסטישן זשורנאַל „איסט־אַלעסט דײַדזשעס“, וואָס ווערט רעדאַגירט דורך דזשאָפֿרי סטיוּאַרט־סמיט“.

די ספּראַווקע איז גענומען פֿון דער ענגלישער צײַטונג „סאַנדי־טײַמס“.

(„ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“)

שרײַבער און ווערק

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

מיט 140 יאָר צוריק, דעם 7 דעקאַבער 1830, איז אין ווילנע געבוירן געוואָרן דער העברעיִשער שרײַבער און מאַסקיל יעהודע־לייב גאָרדאָן.



זײַנע ערשטע ווערק אין העברעיִש — די פּאָעמע „אהבת דוד ומיכל“ (די ליבע פון דאָוויד און מיכאל), 1856, און די זאמלונגען „משלי יהודה“ (די פאבלען פון יעהודע), 1860, „שירה יהודה“ (די לידער פון יעהודע), 1866, האָבן אים ארויסגערוקט אין פאָדערגרונט פון דער העברעיִשער ליטעראטור. צום 25־טן יאָרטאָג פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקײַט איז צונויפגעשטעלט געוואָרן די פירבענדיקע אויסגאבע „כל כתבי יל״ג“ (אלע ווערק פון יעהודע־לייב גאָרדאָן). נאָך זײַן טויט זײַנען דערשינען צוויי צוגאָבלעכע בענדער.

יעהודע־לייב גאָרדאָן איז געווען א קענער פון ייִדיש־לאָשן. ער האָט אפילע אויסגעדריקט זײַן כידעש, וואָס שאָלעם־אלייכעם, א קענער פון רוסיש און העברעיִש, שרײַבט גאָר אין „זשארגאָן“. און דאָך האָט ער פון צײַט צו צײַט אליין געשריבן לידער אין ייִדיש. די דאָזיקע לידער זײַנען אריין אין דער זאמלונג „שיחת חולין — לידער אין דער פאָלקסשפּראכע“. די ערשטע אופלאגע איז דערשינען אין ווארשע, אין 1886. דאָס בוך האָט אויסגעהאלטן פיר אופלאגעס. אין זײַנע ייִדישע לידער האָט ער אויסגעלאכט די אלטפרענקישע ייִדישע מינהאָגים. ער איז דער אווטאָר פונעם באפליגלטן ווערטל, וואָס איז אין יענער צײַט געווען ברייט פארשפרייט: „היה אדם בצאתיך ויהודי באהליך“ (זײַ א מענטש אין גאס און א ייִד אין שטוב).

אייניקע ווערק פון י.־ל. גאָרדאָן זײַנען איבערגעזעצט אין ייִדיש, דערונטער זײַן בארימטע פּאָעמע „קוצו של יוד“ (איבער א פינטעלע), ווו ער שילדערט דעם טרויעריקן גוירל פון דער ייִדישער פרוי. די פּאָעמע האָט איבערגעזעצט ייִצכאָק־יויעל לינעצקי.

יעהודע־לייב גאָרדאָן איז געשטאָרבן דעם 16 סענטיאבער 1892 אין פּעטערבורג.

דעם 28 דעקאבער 1890, מיט 80 יאָר צוריק, איז אין קעלץ (פּוילן) געבוירן געוואָרן דער נאָוועליסט און דראמאטורג פישל בימקאָ.

פ. בימקאָ איז אין דער יוגנט צוגעשטאנען צו דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. נאָך א ייִנגל פון 15 יאָר, איז ער אָפּגעזעסן 6 כאדאָשים אין דער קעלצער טפיסע. שרײַבן האָט ער אָנגעהויבן אין עלטער פון 12 יאָר. אין 1909 האָט ער דעביוטירט אין „לאָדזער טאגעבלאט“ מיט דער דערציילונג „א מײַל וועגס“. אין 1912 איז אין לאָדזש דערשינען זײַן ביכל „די אוויירע“. א שטארקן אײַנדרוק האָט געמאכט פ. בימקאָס בוך דערציילונגען „רעקרוטן“, ווו עס האָט זיך צום ערשטן מאָל אנטפּלעקט די כאראקטעריסטישע פאר אים קרעפטיקע שפּראך און רעאליסטישע שילדערונג. דאָס בוך איז ארויס אין ווארשע, אין 1916, די צווייטע אופלאגע אין 1921. אין 1914 האָט דער בארימטער ארטיסט יוליוס אדלער אופגעפירט אין לאָדזש בימקאָס דראמע „אפן ברעג ווײַסל“. זײַן דראמע אין 3 אקטן „גאנאָווים“ איז געשטעלט געוואָרן אין פיל ייִדישע טעאטערס פון דער וועלט.

אין 1921 האָט פישל בימקאָ אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע, ווו ער האָט לאנגע יאָרן געארבעט אלס א קאמאשנשטעפער. אין 1938 האָט ער באקומען די ליטעראטור־פּרעמיע פונעם ניו־יאָרקער „איקוף“.

אין א בוכפאָרם זײַנען, אויסער די אויבנדערמאָנטע ווערק זײַנע, דערשינען: „די אינטריגע“ (טראגיקאָמעדיע), „פון קריג און פרידן“ (דערציילונגען), „פארבאראגענע קויכעס“, „דאָס געוויין פון בלוט“ (דראמען) און פיל אנדערע גרעסערע און קלענערע דערציילונגען און דראמאטישע ווערק.

פישל בימקאָ איז געשטאָרבן דעם 7 אפּרעל 1965 אין טשיקאגאָ.

עס ווערט 150 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער בארימטער רוסישער דיכטער אפאנאסי אפאנאסיעוויטש פעט (שענשין).

א. א. פעט איז געבוירן געוואָרן דעם 5 דעקאבער (23 נאָיאבער לויטן אלטן סטיל) 1820. זײַן פאָטער איז געווען א גוטבאזיצער. דער דיכטער האָט געטראָגן די פאמיליע פון זײַן מוטער שארלאָטא פעט.

די ערשטע לידער־זאמלונג פון א. א. פעט איז דערשינען אין 1840. די רעוואָליוציאָנערע דעמאָקראַטן, וועלכע האָבן הויך געשעצט פעטס



טאַלאַנט, האָבן אָבער שאַרף קריטיקירט די שמאָלקייט פון דער טעמאַטיק אין זײַנע ווערק, דעם עסטעטיזם, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין דער ביטל־באַציִונג צו דער „נידעריקער פּראָזע" פונעם סאָציאַלן קאַמף. זעענדיק, אז ער איז געוואָרן א ציל־ברעט פאר עפּיגראַמען און סאַטירישע פּאַראָדיעס, איז א. פעט אַף א לאַנגער צײַט אוועק פון דער ליטעראַרישער סוויווע און אונטערגעהאַלטן פאַרבינדונגען בלויז מיט ל. נ. טאָלסטאָי.

א סאך פון פעטס לידער זײַנען איבערגעלייגט אַף מוזיק מיצאַד די גרויסע רוסישע קאָמפּאָזיטאָרן רימסקי־קאָרסאַקאָוו, טאַנייעוו, ראַכמאַנינאָוו. פעט האָט איבערגעזעצט אין רוסיש די ווערק פון פיל פּאָעטן פון דער אנטיק, געטעס „פאוסט" און אנד.

אין 1890 זײַנען אין מאָסקווע ארויסגעגעבן געוואָרן צוויי טיילן פון פעטס ווערק „מײַנע דערינערונגען".

אין 1937 איז אין לענינגראד דערשינען א פולע זאמלונג פון פעטס לידער. אין 1959 איז ארויס א צווייטע אופלאגע פון דער דאָזיקער זאמלונג.

אין די פופציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט (בערערך מיט 120 יאָר צוריק) איז אין לונע, גראָדנער גובערניע, געבוירן געוואָרן איינער פון די ערשטע סאָציאַליסטן אין דער ייִדישער סוויווע אַרן־שמואל ליבערמאַן.

לערנענדיק אין דער ווילנער ראַבינער־שול, האָט א. ליבערמאַן געלייענט פאר זײַנע שול־כאַווײרים לעקציעס וועגן ליטעראַטור. אונטער דער השפּעה פון די רוסישע שרײַבער פון די 60־ער יאָרן האָט ער אַליין אויך געפּרוּווט זײַן פען. אין 1869 איז ער געוואָרן א סטודענט פונעם פּעטערבורגער פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און אײַנגעשטעלט פאַרבינדונגען מיט די ראַדיקאַלע קרײַזן פון דער סטודענטשאַפט — די פּאַרגייער פון די „נאַראָדאָוואָלצעס".

אין 1874 איז ליבערמאַן געווען געצוווּנגען צו איבעררײַסן זײַן שטודיום. אומגעקערט זיך קיין ווילנע, איז ער געוואָרן אן אקטיווער מיטגליד פונעם ערשטן קרײַזל פון סאָציאַליסטן אַף דער ייִדישער גאס, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט ארן זונדעלעוויטש. אלס אגענט פון א סטראַכיר־געזעלשאַפט האָט ליבערמאַן אָפּט

באזוכט די דערפער און פריצישע הויפן. בײַס זײַנע באַגעגענישן מיט די פויערים פלעגט ער צווישן זיי פּראָפּאַגאַנדירן די אידייען פון סאָציאַליזם.

אין 1875 האָט א. ליבערמאַן עמיגרירט. אין א יאָר ארום האָט ער געגרינדעט אין לאָנדאָן די ערשטע ייִדישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע און אָנגעשריבן פאר איר דעם סטאַטוט אין העברעיִש און אין ייִדיש. ער האָט אויך געגרינדעט דעם ערשטן ייִדישן ארבעטער־פאַריין.

אין מײַ 1877 האָט ליבערמאַן ארויסגעגעבן אין ווין דעם סאָציאַליסטישן זשורנאַל — „האמת" (אין העברעיִש). עס זײַנען דערשינען פיר נומערן פונעם זשורנאַל.

דעם 18 נאָיאַבער 1880 איז א.־ש. ליבערמאַן באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין דער אמעריקאַנער שטאָט סיראַקוז.

דאָס פֿײַפֿל

ווערטער פון ארן ווערגעליס

מוזיק פון לייב יאמפאלסקי





קער מיר אום צוריק מײַן פֿײַפֿל,
ליפּן האָב איך, לונגען פֿולע,
און א הארץ מיט לידער רײַפֿע,
און דער הימל, פֿול מיט שטערן,
וויל מיך הערן, וויל מיך הערן.
ניט פֿארלוירן כ'האָב דײַן בראָכע,
ניט צעטרענצלט, ניט פֿארשווענדעט,
אין דעם גאָרגל שטעקט דער ניגן,
וואָס איך האָב אים ניט פֿארענדיקט.

אָדער זינגען, אָדער שטארבן! —
שרײַט ארויס פֿון מיר דער פֿויגל, —
טו א קוק, מײַן נעסט איז ווארעם,
איך בין ניט אוועקגעפֿלויגן.
נעם מײַן הארץ מיט די געזאנגען,
הייס מיר לעבן, הייס מיר פֿליִען,
הייס מיר זינגען און זיך ראנגלען,
ווײַל דער הימל, פֿול מיט שטערן,
וויל מיך הערן, וויל מיך הערן.

2. Письменно переведите отрывок на русский язык.

3. Дайте письменно полные ответы на следующие вопросы (ответы, как и вопросы — на еврейском языке):

1) ווי האָט אויסגעזען בליומקע צו זעקס יאָר? 2) פאַרוואָס האָבן מוירע געהאַט פאַר איר די דאָרפישע ייִנגלעך? 3) פון וואָס איז צו זען, אז זי איז געווען זייער א פייִקע? 4) ווי האָט אויסגעזען בליומקע צו זיבעצן יאָר?

4. Выпишите из отрывка сочетания прилагательных с существительными. Укажите форму числа прилагательных, а в ед. числе — также род и падеж.

5. Выпишите из отрывка все глаголы прошедшего времени. Укажите (устно) их состав (с вспомогательным глаголом זײַן или האָבן? с партиципом на ן(ע)- или на ־ט?). Запишите форму инфинитива этих глаголов. Какие из этих глаголов имеют ударную приставку, какие — безударную? Обратите внимание на форму партиципа в составе всех этих глаголов прошедшего времени: у каких из них партицип имеет приставку גע־ в начале слова, у каких — в середине (после ударной приставки) и у каких партицип лишён приставки גע־? Сравните эти наблюдения с содержанием гл. IX (в № 10 за 1969 год).

6. Найдите в отрывке три перифрастических глагола и выпишите их в форме инфинитива (два с глаголом האָבן, один с глаголом זײַן).

Вниманию читателей

В этом номере даны повторительные упражнения для самопроверки — без перевода слов и без всяких указаний грамматического характера. О степени усвоения вами всего проработанного материала (начиная с № 1 за 1969 год) вы должны судить по тому, насколько вам легко было выполнить эти упражнения.

Повторительные упражнения

А. Переведите на еврейский язык:

1. Мне 23 года. Я работаю слесарем на электромеханическом заводе имени Владимира Ильича. Вечером я посещаю курсы иностранных языков. Изучаю английский язык.

Моему отцу 50 лет. Он работает библиотекарем в одной из средних школ. Мать уже ушла на пенсию, и теперь она занята домашним хозяйством.

У меня один брат. Ему 32 года. Он живет в Одессе. Он работает шофером. У него жена и двое детей — двенадцатилетний мальчик и девятилетняя девочка. Жена его работает закройщицей на швейной фабрике. Мальчик учится в шестом классе средней школы.

В конце декабря брат и его жена взяли отпуск, и на дни школьных каникул они приехали вместе с детьми в Москву — в гости к нам. В дни отдыха я водил наших маленьких гостей, племянничка и племянничку, по Москве. Я был с ними в цирке, в театре кукол, в кинотеатре „Россия", а также в Оружейной палате. Брат с женой посещали театры, музеи и выставки. 9 января наши гости вылетели на самолете ИЛ-18 в Одессу, так как кончались школьные каникулы.

2. Мы **выходим** на работу в 7-30. Мы **вышли** сегодня из дому в 7-15. Завтра мы **выйдем** на работу в 7-00. Если бы мы вышли на работу на полчаса раньше, мы бы немного погуляли и подышали бы свежим утренним воздухом.

Б. Дайте письменные ответы на следующие вопросы:

1) וועלכע שפּראַכן באַהערשט איר? 2) אין וועלכע שפּראַכן לייענט איר קינסטלערישע ליטעראַטור? 3) ווער זײַנען אײַערע באַליבטע שרײַבער? 4) וועלכע ווערק פֿון אויסלענדישע שרײַבער האָט איר געלייענט אין אַ רוסישער איבערזעצונג? 5) צי לייענט איר שוין יידישע קינסטלערישע ווערק? 6) רופֿט אָן אייניקע יידישע סאָוועטישע שרײַבער. 7) וועלכע קלאַסיקער פֿון דער יידישער ליטעראַטור זײַנען אײַך באַוווּסט? 8) וועלכע ווערק זייערע ווייסט איר? 9) וועלכע ווערק פֿון יידישע שרײַבער האָט איר געלייענט אין אַ רוסישער איבערזעצונג?

В. Прочтите следующие пословицы. К каждой из них приведите соответствующую по содержанию русскую пословицу. Отметьте все различия между еврейскими и русскими пословицами:

а) по составу слов, б) по грамматическому оформлению:

1) וואָס מע זיי(ע)ט, דאָס שנײַדט מען. 2) אַז מע זיי(ע)ט ווינט, שנײַדט מען שטורעם. 3) שפּײַ ניט אין ברונעם, ווּעסט נאָך פֿון אים דאַרפֿן וואַסער טרינקען. 4) בעסער אַ האָן אין האַנט, איידער אַן אָדלער אין הימל. 5) איין שוואַלב קען קיין זומער ניט מאַכן. 6) איינער אין פֿעלד איז ניט קיין העלד. 7) אַ געשענקטן פֿערד קוקט מען ניט אין די ציין. 8) צוויי מאָל שטאַרבט מען ניט.

Г. Прочтите в номере 8 за 1970 г. на стр. 8 начало заметок адвоката Ильи Брауде под заглавием „Роковая встреча"— от первой строки (вверху) до черного квадратика (внизу). Выпишите:

а) все сложные слова; уясните себе их образование; б) все прилагательные; при помощи каких суффиксов они образованы? в) все существительные, образованные при помощи суффиксов; каких именно? г) глаголы прошедшего времени с указанием формы инфинитива.

Д. Следующий текст спишите, употребляя прошедшее время вместо настоящего:

איך שטיי אויף זיבן אַזייגער. איך מאַך פֿיזקולטור־געניטונגען. דערנאָך וואַש איך זיך אַרום און טו זיך אָן. האַלב אַכט זעץ איך זיך צום טיש און עס אָפּ מײַן פֿרישטיק. פּונקט אַכט אַזייגער גיי איך אַרויס פֿון דער שטוב. איך פֿאָר מיטן טראָלייבוס. אַ פֿערטל אַף נײַן בין איך שוין אין אינסטיטוט. איך הער דאָרט צו לעקציעס און מאַך דורך פֿאַרשיידענע פּראַקטישע אַרבעטן. דרײַ פֿערטל אַף צוויי ענדיקן זיך די לימודים. מיטיק עס איך אין דער גאָרקיך פֿונעם אינסטיטוט. נאָכן מיטיק שפּאַציר איך אַ ביסל צוזאַמען מיט מײַנעם אַ קורס־כאַווער איבער דער גאַס. אַרום פֿיר אַזייגער קערן מיר זיך אום אין אינסטיטוט. דאָרט אַרבעטן מיר אין ביבליאָטעק איבער די טעמעס פֿון אונדזערע דיפּלאָם־פּראָיעקטן.

Е. Прочтите один из рассказов Иосифа Рабина под заглавием „זיבן טעג פֿון דער וואָך" (в № 5 нашего журнала за 1970 год, сс. 68—72). О значениях непонятных слов и выражений спрашивайте у знающих идиш. Первые две записи (за понедельник и вторник — сс. 68—69) переведите на русский язык, не заглядывая в печатный текст. Сделайте обратный перевод на еврейский и сравните его с печатным оригиналом.

Ж. В целях более прочного усвоения лексического материала просмотрите все примеры и тексты в наших беседах и ваших упражнениях за годы 1969 и 1970 и составьте по ним тематические словарики. Примеры тем: Учеба. Пища и питье. Передвижение. Жилье. Чувства. По каждой теме дополняйте словарик своим лексическим материалом.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

אינהאַלט פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ פאַרן יאָר 1970

ראָמאַנען, דערציילונגען, נאָוועלן, פּיעסן, פאַרצייכענונגען

מוישע אלטמאַן (צום 80־טן געבורטסטאָג). צוויי נאָוועלן פונעם ציקל „אמאָל איז געווען“. נומ. 5, ז. 53.

סאַלוואַדאָר באָרזשעס (צום 70־טן געבורטסטאָג). צוויי דערציילונגען (אַרײַנפיר פון בוזי מילער). נומ. 6, ז. 65.

סערגיי באָראָדין. אַבאַכיי און איסמאַעל. ייִדיש — א. ציר לין. נומ. 7, ז. 3.

יויסעף בורג. אַלעקסע; פאַרטאָג (נאָוועלן). נומ. 8, ז. 55.

שירע גאָרשמאַן. דערציילונגען. נומ. 2, ז. 58; נומ. 6, ז. 14.

אלעקסאַנדער גובניצקי. שאָפערן (דערציילונג). איליוסטרירט פון ה. אינגער. נומ. 2, ז. 23; נומ. 3, ז. 81; נומ. 10, ז. 99.

טעוויע גען. אונדזערע צײַטן (ראָמאַן). צווייטער טייל. איליוסטרירט ג. פּאַנדאַפּולאָ. נומ. 3, ז. 14.

ז. וונדראַף. א שווייצאַרישער אונטערטאַנער (א בלעטל פון מײַן ביִאָגראַפיע). נומ. 1, ז. 31.

נאַטאַן זאַבאַרע. אין די לעצטע טעג. א בינע־שטיק אין 5 בילדער. איליוסטרירט פון מ. קליִאַנסקי. נומ. 10, ז. 40.

כאַסקל טאַבאַטשניקאָוו. באַרשעווער מאָטיוון (דערציילונג). איליוסטרירט פון ה. אינגער. נומ. 8, ז. 3; נומ. 9, ז. 77.

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. הייסע הערצער (ראָמאַן). איליוסטרירט פון ה. אינגער. נומ. 11, ז. 20; נומ. 12, ז. 58.

מייער יעלין. בלוט און וואָפן. דאָקומענטאַלע נאָוועלן (סאָף). נומ. 1, ז. 59; פינף נאָוועלן. נומ. 7, ז. 59; דורך פײַער און וואַסער (פאַרצייכענונג. אַרײַנפיר פון ש. גאָרדאָן צו מ. יעלינס 60־טן געבורטסטאָג). נומ. 10, ז. 81.

אלעקסאַנדער ליזען. א סאָלדאַט אין פּאָמפּייע (פאַרצייכענונג). נומ. 5, ז. 122.

כאַנע לעווין (צום 70־טן געבורטסטאָג). צוריק אהיים (נאָוועלע). נומ. 6, ז. 67.

אלעקסאַנדער לעס. נאָוועלן. ייִדיש — י. שוסטער. נומ. 11, ז. 139.

בוזי מילער. מענטשן גייען אינדערפרי צו דער אַרבעט (פאַרצייכענונג). נומ. 2, ז. 50; דער אָטעם פון מײַן געליבטער (פּיעסע). נומ. 7, ז. 11.

כאַיִם מעלאַמוד. א וועלט מיט וועלטעלעך (דערציילונג). נומ. 12, ז. 16.

וויקטאָר נעקראַסאָוו. קליינינקע פּאָרטרעטן (לונאַטשאַרסקי, וואַסילי גראָסמאַן, זשאַק סטעפען אַלעקסיס). ייִדיש — מ. שולמאַן. נומ. 2, ז. 83.

פּײַוול סיטאָ. פייגעלע (א קאַפּיטל פונעם ראָמאַן „די באַסלעווער“, אַרײַנפיר — א. גאָנטאַר). נומ. 1, ז. 89.

יעכיִעל פאַליקמאַן. צוויי דערציילונגען. נומ. 11, ז. 78.

אַווראָם קאַהאַן (צום 70־טן געבורטסטאָג). פיר נאָוועלן. נומ. 12, ז. 106.

וואַלענטין קאַטײַעוו. Отче наш (דערציילונג). ייִדיש — ט. גען. נומ. 12, ז. 120.

מאָזי קאָבריאַנסקי. די זאַוועריוכעס (דערציילונג). איליוסטרירט פון ג. פּאַנדאַפּולאָ. נומ. 10, ז. 3; נומ. 11, ז. 101.

יויסעף ראַבין (צום 70־טן געבורטסטאָג). דערציילונגען, וועלכע געפעלן מיר. נומ. 5, ז. 61.

הערשל ראַבינקאָוו. אפן ווײַטן מיזרעך (נאָוועלן). נומ. 1, ז. 37.

מאַרק ראַזומני. נאָוועלעטן. נומ. 3, ז. 106.

יאַשע רוביאַן. פיר הומאָרעסקעס. נומ. 2, ז. 97.

יעכיִעל שרײַבמאַן. דאָס מיידל פון שעפּעטאָווקע און אנד. דערציילונגען. נומ. 7, ז. 88.

לידער און פּאָעמעס

פון דער ליטווישער פּאָעזיע (ייִדיש — ה. אָשעראָוויטש). יוסטינאַס מאַרצינקיאַוויטשיוס. פּרעלודיע; וויטאַוטאַס בלאַזשע. איך וויל ניט טיילן מיט זיי!; אַלגימאַנטאַס באַלטאַקיס. מעטאַל־גאַמע. נומ. 9, ז. 145.

ווערק פון אונדזערע פרײַנט. לידער פון אַבדולאַ אַריפּאָוו, גאַפור גוליאַם, ראַיִם פאַרכאַדי (ייִדיש — א. ווערגעליס און א. גאָנטאַר). נומ. 7, ז. 9; לידער פון קײַסין קוליִעוו (ייִדיש — א. ווערגעליס) און באָריס סלוצקי (ייִדיש — אי. באָרוכאָוויטש). נומ. 8, ז. 127.

פון דער אויסלענדישער ייִדישער דיכטונג. יאָסל גאָלדבערג (בוענאָס־אײַרעס). זײַ מויכל, פאַרברענט פּאָלק; דאָרע טייטלבוים (פּאַריזש). דרײַ לידער. נומ. 11, ז. 98.

יויסעף איצקאָוו. צוויי לידער. נומ. 1, ז. 88.

הירש אָשעראָוויטש. מענטשלעכער נוסעך (לידער). נומ. 3, ז. 10; אינעם גאָרטן פון מײַן בענקשאַפט (לידער). נומ. 9, ז. 73.

ריווע באַליאַסנע. זעקס לידער. נומ. 1, ז. 87; ווערטער וועלן זיך אין שורעס קייטלען (לידער. צום 60־טן געבורטסטאָג). נומ. 3, ז. 101.

איטשע באָרוכאָוויטש. באַם שײַטער פון די יאָרן (לידער). נומ. 7, ז. 103; מײַן קלאָרע דײַגע (לידער). נומ. 12, ז. 102.

יאָסל בוכבינדער. זעקס לידער. נומ. 8, ז. 71.

כאַיִם ביידער (צום 50־טן געבורטסטאָג). אף אַלע שפּראַכן און אנד. לידער. נומ. 5, ז. 120.

אלעקסאנדער בלאָק. **צוועלף** (פראגמענט פון דער פּאָעמע. ייִדיש — מ. ב ר אָ ד ע ר ז אָ ן). **נומ. 11, ז. 160.**

הירש בלאָשטיין (**צום 75־טן געבורטסטאָג**). **לידער און יאָרן. נומ. 12, ז. 52.**

אלעקסאנדער בעלאָוסאָוו. **לירישע לידער. נומ. 2, ז. 81.**

שימען גאָלדענבערג (**צום 60־טן געבורטסטאָג**). **א רײַזע צו דער אָזערע ריצא און אנד. לידער. נומ. 2, ז. 56.**

אווראָם גאָנטאר. **מײַן אלטער זיקאָרן** (לירישע פּאָעמע). **נומ. 2, ז. 46; זאנגען אף שטיינער** (לידער). **נומ. 6, ז. 70; מיט אלע כושים** (לידער). **נומ. 12, ז. 12.**

מאָטל גרוביאן. **דיכטערישע זוימען** (לידער). **נומ. 6, ז. 59; פרישע בינטלעך זאנגען** (לידער). **נומ. 10, ז. 78.**

שיקע דריז. **פאר קליין און גרויס** (לידער). **נומ. 1, ז. 34; גייט אין שטאָט א זייגער** (לידער). **נומ. 9, ז. 106.**

שמועל העלמאָנד. **א ציקל לידער. נומ. 10, ז. 116.**

כאָנע ווײַנערמאן. **צו הויכע הימלען** (לידער). **נומ. 2, ז. 95; דרײַ לידער. נומ. 10, ז. 97.**

אווראָם וועלעדניצקי. **אינמיטן פעלד** (לידער). **נומ. 6, ז. 129.**

ארן ווערגעליס. **א געזאנג צו בירא‌ָבידזשאן** (לירישער רעפּאָרטאזש). **נומ. 11, ז. 15.**

שלוימע טשערניאווסקי. **דער הימל איז לויטער** (לידער). **נומ. 1, ז. 102.**

שיפרע כאָלאָדענקאָ. **די וועגן, וואָס דו האָסט באטראָטן** (לידער). **נומ. 8, ז. 52.**

דאָרע כײַקינע. **פון נײַעם דיכטערישן העפט** (לידער). **נומ. 8, ז. 60.**

מענדל ליפשיץ. **ווײַל איך וויל א יונגער זײַן...** (לידער). **נומ. 1, ז. 99; זוכן אן אייגענעם ניגן** (לידער). **נומ. 10, ז. 38.**

כאַים לעווין (**צום 70־טן געבורטסטאָג**). **פינף לידער. ארײַנפיר פון י ִ ס ר אָ ע ל ס ע ר ע ב ר י א נ י. נומ. 3, ז. 111.**

כאַים מאלטינסקי. **מײַנע בראָכעס דעם וועוריקל** (לידער). **נומ. 6, ז. 87; אין ליכטיקן שפּיגל** (לידער. **צום 60־טן געבורטסטאָג**). **נומ. 8, ז. 33.**

הישע מאָגילעוויטש (**צום 50־טן געבורטסטאָג**). **צוויט און זון** (לידער). **נומ. 3, ז. 104.**

מאָטל סאקציִער. **ווי טאָמיד, הערלעך...** (לידער). **נומ. 1, ז. 57.**

מישע סעספּעל. **דאָס אקער־פעלד פונעם נײַעם טאָג** (ליד). **ייִדיש — א ר ן ו ו ע ר ג ע ל י ס. ארײַנפיר פון פ ע ד ע ר כ ו ז א נ ג ײַ** (פּאָלקס־דיכטער פון טשוּוואשיע). **נומ. 3, ז. 125.**

אווראָם קאצעוו. **בא דעם לויטערן פענצטער** (לידער). **נומ. 3, ז. 78.**

יוסעף קאָטליאר. **פאר די קליינע קינדערסוועגן** (לידער). **נומ. 7, ז. 118.**

ארן קושניראָוו (**צום 80־טן געבורטסטאָג**). **לידער פון פארשיידענע יאָרן** (ארײַנפיר פון סערגיי נאראָווטשאטאָוו — **„דער דיכטער פון יוגנט פארשײַטער“. ייִדיש — מ. ב ר ײַ נ ע ס**). **נומ. 1, ז. 24.**

פיניע קיריטשאנסקי. **צוויי לידער. נומ. 11, ז. 144.**

שלוימע רויטמאן. **דער פריילעכער פעטער ניסל** (פּאָעמע). **נומ. 7, ז. 78.**

הירש רעלעס. **גאָלד צעגאָסן האָט די זון** (לידער). **נומ. 11, ז. 75.**

מאָטל שטורמאן. **נײַע לידער. נומ. 5, ז. 124.**

עליִעזער שטיינבארג (**צום 90־טן געבורטסטאָג**). **מעשאָלים. נומ. 5, ז. 90.**

יאנקעוו שטערנבערג (**צום 80־טן געבורטסטאָג**). **פארשיידענע לידער. נומ. 5, ז. 47.**

צום הונדערטסטן געבורטסטאָג
פון וו. אי. לענין

פ ר אָ ז ע (דערציילונגען, פּיעסן): א. ווערגעליס. **צום ווידערזען אין פריידן, א כאָלעם בא די קוראנטן** (דראמאטישע נאָוועלן) (נומ. 2 און 4); מ. אלטמאן. **אינטימע נאָטיצן**; י. בורג. **צום ערשטן מאָל**; מ. טאלאלאיעווסקי. **א מאטאָנע**; כ. מעלאמוד. **אף דאָר־דוירעס**; ה. פּאָליאנקער. **בא דער גרענעץ**; י. פאליקמאן. **ברויט**; מ. קאָבריאנסקי. **שווארצער שניי**; אי. קיפּניס. **קווייטן, מאָטיק**; י. שרײַבמאן. **דאָס קינד** (נומ. 4).

ל י ד ע ר: א באלטאקיס (ליטע, ייִדיש — **ה. אָשעראָוויטש**), **ר. באליאסנע, אי. באָרוכאָוויטש, ה. בלאָשטיין, דעמיאן בעדני** (ייִדיש — **א. גאָנטאר**), **א. גאָנטאר, מ. גרוביאן, י. גרישאשווילי** (גרוזיע, ייִדיש — **א. גאָנטאר**), **ש. האלקין, כ. ווײַנערמאן, פּ. זאדניפּרו** (מאָלדאוויע, ייִדיש — **מ. סאקציִער**), **א. טווארדאָווסקי** (ייִדיש — **א. ווערגעליס**), **ע. טשארענץ** (ארמעניע, ייִדיש — **א. ווערגעליס**), **אי. כאריק, ש. כאָלאָדענקאָ, וו. מאיאקאָווסקי** (ייִדיש — **עמ. קאזאקעוויטש**), **א. מאלישקאָ** (אוקראיִנע, ייִדיש — **מ. טאלאלאיעווסקי**), **פּ. מארקיש, מ. מאָגילעוויטש, מ. סאקציִער, אי. פעפער, א. קאצעוו, א. קולעשאָוו** (ווײַסרוסלאנד, ייִדיש — **כ. מאלטינסקי**), **פּ. קיריטשאנסקי** (נומ. 4).

ז י נ ג ל י ד. „אפן לענין־פּלאץ“. ווערטער פון **ל. וואסערמאן**, מוזיק פון **א. גערשקאָוו** (נומ. 1).

ל י ד ע ר פ ו ן א ו י ס ל ע נ ד י ש ע ד י כ ט ע ר: אווי־שאול (ייִסראָעל. ייִדיש — **א. שאָלייעס**), **פּ. אנטעאָס** (גריכנלאנד, ייִדיש — **י. בוכבינדער**), **ל. אראגאָן** (פראנקרײַך, ייִדיש — **י. שטערנבערג**), **פּ. בינעצקי** (ייִסראָעל), **י. גאָלדבערג** (ארגענטינע), **מ. דאצצי** (איטאליע, ייִדיש — **כ. לויצקער**), **טאופיק זאיאד** (ייִסראָעל, ייִדיש — **אמשין**), **טען דאָן או** (קאָרייע, ייִדיש — **ד. כײַקינע**), **טים טשאנג** (דאָרעם־וויעטנאם, ייִדיש — **א. זינגער**), **ט. פאָן יעגערספעלד** (שוועדן, ייִדיש — **מ. גרוביאן**), **נ. כיקמעט** (טערקײַ, ייִדיש — **י. שטערנבערג**), **מ. מײַעראָווא** (טשעכאָסלאָוואקיע, ייִדיש — **ד. כײַקינע**), **מ. נאדיר** (פּשא), **ד. סעלצער** (פּשא), **ס. פעל־יעלין** (פּשא), **ג. קודוס** (בענגאליע, ייִדיש — **א. זינגער**), **ע. ראָמעראָ** (פּאראגווײַ, ייִדיש — **י. בוכבינדער**), **י.־א. ראָנטש** (פּשא) (נומ. 4).

פ א ר צ ײ כ ע נ ו נ ג ע ן: **נ. אלטמאן, ב. ביאליק, ש. גאָרדאָן** (נומ. 4), **ז. דיטשאראָוו** (נומ. 2), **דער ניסטער** (נומ. 4), **וו. סאָפּינסקי** (נומ. 2), **א. פורסענקאָ, ז. קאהאן, ש. ראבינאָוויטש, פּ. רעוווזין, י. רעזניק, י. שטערנבערג** (נומ. 4).

ש ר ײַ ב ע ר װ ע ג ן ל ע נ י נ ע ן: ארויסזאָגונגען פון **מ. אָלגין, ט. דרײַזער, ל. פויכטוואנגער, ק. פעדין, ב. שאָו** (נומ. 1).

א ו נ ד ז ע ר ע פ ּ ו ב ל י ק א צ י ע ס: ארטיקל פון **וו. אי. לענין „צו די ייִדישע ארבעטער“** (קאָמענטארן פון **א. פּריבלודע, ר. פיש**); **איינמאָליקע צײַטונג פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, דערשינען אין טאָג פון לענינס לעווײַע** (נומ. 4).

פ ּ ו ב ל י צ י ס ט י ק. ה. רעמעניק (נומ. 3 און 4), **מ. שאפּיראָ** (נומ. 4).

א י נ פ אָ ר מ א צ י ע: **אילייטשס אָרדענס, לענינס פּסעוודאָנימען** (נומ. 4).

25־טער יאָרטאָג פונעם זיג איבערן פאשיסטישן דײַטשלאנד. ה. פּלאסקאָוו. **דער פריידיקער יאָמטעוו פון זיג**; באָריס פּאָלעוואָי. **נירנבערגער טאָגביכער**; פּ. פּלאָטקין. **פיר לידער**; א. פּריבלודע **און** י. ברעגמאן. **ייִדן — העלדן פון סאָוועטנפארבאנד. נומ. 5, ז. 3—43**; א. פּריבלודע **און** י. ברעגמאן. **א בריוו אין רעדאקציע. נומ. 8, ז. 140.**

צום 80־טן געבורטסטאָג פון שלוימע מיכאָעלס. דאָוויד בערגעלסאָן. **מיכאָעלס** (עטיודן); גריגאָרי ראָשאל. **ער לעבט אין זײַן קונסט**; מוישע גאָלדבלאט. **פרײַנטשאפט פון קינסטלער. נומ. 3, ז. 126—141.**

צום 80־טן געבורטסטאָג פון ליפּע רעזניק. ארן ווערגעליס. **דער וועג צום לויטערן פארטאָג**; ליפּע רעזניק. **זאָל געבענטשט זײַן דײַן קומען** (לידער). **נומ. 7, ז. 52—58.**

צום 80־טן געבורטסטאָג פון שמועל ראָסין. ארן ווערגעליס. **פון ליטערן, פון פֿולן קרוג;** שמועל ראָסין. **רוסלאנד** (ליד). **נום. 8, ז. 73—78.**

צום 70־טן געבורטסטאָג פון איציק פעפער. איציק פעפער. **לירישע לידער;** ארן ווערגעליס. **טעג פון פראָסטן ווּגדער;** אווראָם גאָנטאר. **איציק פעפער צווישן פרײַנט און כאווײרים. נום. 9, ז. 48—72.**

צום 80־טן געבורטסטאָג פון לייב קוויטקאָ. **פארשיידענע לידער;** הערש רעמעניק. **דיכטונג פון רעוואַליוציאָנערן אומרו. נום. 11, ז. 64—74.**

צום 70־טן געבורטסטאָג פון פערעץ מארקיש. **עסיי פון** פערעץ מארקיש **„אף די וועגן פון דער ייִדישער דיכטונג“, געדרוקט אין זאמלבוך** „טרעפ“ (קאטערינאָסלאוו, **1921**). **נום. 12, ז. 3—11.**

קעגן דער מילכאָמע, פאר פרײַנטשאפט צווישן די פעלקער פונעם נאָענטן מיזרעך

ארײַנפיר־ארטיקל. **ארטיקלען פון** ס. ייִזהאר (סמיליאנסקי). **וועגן די באַזיגער פון אנעקסיע.** מייער וויזלטיר. **וויאַזוי מיר האָבן פארשפילט די זעקסטאָגיקע מילכאָמע** (ייִדיש — **ז. גליקמאן**); **דערציילונג פון** רוט לעווין. **בא דעם טויער פון** אײַזנברוך (ייִדיש — **ל. פּאָדריאטשיק**); **לידער פון** סאמיַאך על קאסעם. **דאָס קינד;** אלעקסאנדער פען. **א באַרויבט דאָרף;** מאכמוד דארוויש. **דער ענטפער** (ייִדיש — **מ. גרוביאן**); יעווי. **גענוג;** איטאָן פערעץ. **פון פרידן די טויבן** (ייִדיש — **א. זינגער**); כאנויך לעווין. **איך און דו און די קומענדיקע** מילכאָמע (ייִדיש — **מ. גרוביאן**). **נום. 6, זז. 3—13.**

די צווייטע טרעפונג פון פארשטענדעניש פון ייִדישע **און** אראבישע שרײַבער פון ייִסראָעל (**רעפּאָרטאזש**); **לידער פון** אריע סיוואן **און** מיראל סנוניט (**ייִדיש — א. גאָנטאר**); **דערציילונג פון** ייִצכאָק אָרפּאז. **דאָס גע‌יעג נאָך דער הירשן** (פון איווריט — **מ. סאקציִער**). **נום. 8, זז. 37—51.**

צו די ייִדישע שרײַבער פון דער וועלט. נום. 9, ז. 118.

פּובליציסטיק

הילעל אלעקסאנדראָוו. **וועגן איינער א היסטאָרישער רעטעניש. נום. 8, ז. 129.**

סערגיי בארוזדין. **פיר טויזנט קילאָמעטער איבער עגיפּעט. נום. 8, ז. 96.**

ס. ביילין. **דער עמעסער טײַטש פון די ציִעניסטישע „אידענטיפיצירונגען“. נום. 12, ז. 149.**

איליא בראודע. **צוויי נאָוועלן. נום. 8, ז. 80.**

שלוימע ראבינאָוויטש. **„דזשויִש דעפענס ליג“ — וואָס איז עס? נום. 12, ז. 152.**

דאָוויד דראגונסקי. **דער וועג פון אונדזער רום. נום. 5, ז. 126; זיבן הונדערט בריוו. נום. 7, ז. 114.**

הענריך זימאנאס. **אן ענטפער מײַנעם א לאנדסמאן, וואָס לעבט אף יענער זײַט אָקעאן. נום. 7, ז. 107.**

האנט לעברעכט (ייִסראָעל). **דרײַ כאדאָשים פײַער־אָפּשטעל נאָך אכט און דרײַסיק כאדאָשים מילכאָמע. נום. 10, ז. 134.**

אווראָם מעלאמעד **און** מיכאיִל סטראָגאָוויטש. **צו דער** פארשע **„ווער איז א ייִד?“. נום. 9, ז. 135.**

פרעסע־קאָנפערענץ **וועגן פראגן, וואָס האָבן א שײַכעס צו דער לאגע אפן נאָענטן מיזרעך; פארזאמלונג פונעם** אקטיוו **פון די ארבעטנדיקע פון דער ייִדישער נאציאָנאליטעט פון דער** באלוינטער **מיט א לענין־אָרדען ייִדישער אווטאָנאָמער** געגנט (**בײַלאגע צום נום. 3**).

צוויי צײַטונגס־מאטעריאלן **אף אייִן און דער זעלבער** טעמע (פאַוועל ריאבאָוו. **טעג, פולע מיט אײַנדרוקן — „ביראָבידזשאנער שטערן“**; מארק דייווידאָוו. **ביראָבידזשאנער רעפּאָרטאזש** — „**דיילי וואָרלד**“). **נום. 12, ז. 142.**

איגאָר קאָן. **די לעניניִשע טעאָריע פון נאציעס און דער הײַנטצײַטיקער** קאפּיטאליזם. **ייִדיש — מ. איטקאָוויטש. נום. 9, ז. 119.**

איליא קאָנסטאנטינאָווסקי. **אף אייגעָר א בערלינער גאס.** פון רוסיש — **מ. שולמאן. נום. 8, ז. 87.**

מוישע שאפּיראָ. **א פּאָר באמערקונגען צו איינעם א שטרײַט. נום. 9, ז. 138.**

טריבונע פון לעבן

שמועל גאָרדאָן. **פון דער סעריע „שטעטלעך“. נום. 1, ז. 104; נום. 9, ז. 14.**

שלוימע ראבינאָוויטש. **ראָשאל. נום. 1, ז. 111; א פילם וועגן אונדזער נעכטן און אונדזער הײַנט. נום. 6, ז. 126.**

טעוויע גען. **א כוידעש אף קוראָרט. נום. 6, ז. 109.**

בוזי מילער. **ווען מענטשן זײַנען מענטשן. נום. 9, ז. 3.**

כאיִם מעלאמוד. **באגעגענישן. נום. 6, ז. 91.**

הירש רעלעס. **צוגאסט אין מײַן שטעטעלע. נום. 2, ז. 104.**

יויסעף שוסטער. **קיִעוו. הארבסט־69. נום. 1, ז. 117.**

אף די שפּורן פון געשעענעם

נום. 1, ז. 13—23. הירש פלאסקאָוו, **גוואַרדיע־גענעראל־לייטענאנט** (**צום 70־טן געבורטסטאָג**). **איך האָב דיך ניט פארשעמט, מאמע!..**

נום. 5, ז. 134—140. אלעקסאנדער פּעטשערסקי. **זיבן זײַנען מיר...;** יעכיִעל כירמאן. **דער קאוואלער פון אלע דרײַ „רום“־אָרדענס;** יעווסיי ווײַנרוב. **שלאכטן אין בערלין;** אי. פּאַלושין. **די פופציק שוועסטער פון מירע סינעלניקאָווא.**

נום. 6, ז. 73—86. יויסעף צײַטענבערג. **די אלטע מאמע;** מענאשע רוטמאן. **צוויי שוועסטער;** א. סימאָנאָווא. **קינדער אף די וועגן;** נינא סאיעוויטש־גוליוק. **וויאַזוי מײַן כאווערטע האָט זיך געראטעוועט;** זינאיִדא סטעפאנענקאָ. **דאָס אייביקע פײַער;** אשיר נאזאראָוו. **דאָס לעבעדיקע הארץ פון פאָלק;** עלישעווע קאנצעדיק. **לייענענדיק סאָלדאטישע בריוו.**

נום. 11, ז. 3—14. ד.קאָראָטקי, מ. סטאווניצער. **דער העלד פון סאארעמאא;** מ. לאזארים. **דער גווארדייִשער עקיפּאזש;** כ. גארמיזע. **העניע די סנײַפּערן שפּילט אפן וויאָלאָנטשעל;** נ. אײַזמאן. **בריוו, וואָס ווערן ניט אלט;** מ. קאָזאטשענקאָ, וו. פּעטראשאָווא. **דער ערשטער סאָוועטן־צוזאמענפאָר פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.**

ליטעראטור־קריטיק

וולאדימיר אָגניעוו. **ליטעראַרישער טאָגבוך. ייִדיש — י. טשיטשעלניצקי. נום. 7, ז. 131; נום. 8, ז. 123; נום. 9, ז. 141; נום. 10, ז. 144; א שמועס וועגן** אלעקסאנדער **בלאָק. ייִדיש — מ. איטקאָוויטש. נום. 11, ז. 156.**

מ. בערעגאָווסקי **און** ר. לערנער. **ייִדישע פאָלקס־שאַפונג בײַס דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. נום. 5, ז. 143.**

ייִסראָעל סערעבריאני (**צום 70־טן געבורטסטאָג**). **שאָלעם־אלייכעם וועגן קינסטלערישע איבערזעצונגען. נום. 12, ז. 164.**

יעכיִעל פאליקמאן. **העלדן און פּראָטאָטיפּן. נום. 6. ז. 133.**

ארן ראסקין (**צום 60־טן געבורטסטאָג**). **זשורנאל „מאָזנים“: פּראָבלעמען פון דער שאפונג פון ייִסראָעלדיקע שרײַבער. נום. 12, ז. 156.**

יאנקעוו שטערנבערג. ווידעראמאָל י.־ל. פּערעץ. נום. 8, ז. 115.

ליטעראַרישע פּאָרטרעטן. זיכרוינעס. פּובליקאַציעס

ה. בעריאָזקין. די פרייד, וואָס באַהערשט אונדז (צו איַיזיק פלאַטנערס 75־טן געבורטסטאָג). נום. 11, ז. 161.

א י ר מ ע דרוקער. דער זיידע מענדעלע און מיכאָעל־יויסעף גוזיקאָוו. נום. 10, ז. 118.

שמועל האלקין. אופשריפטן און ווידמונגען. נום. 9, ז. 113.

נאָטע לוריע. פון מיַינע העפטן. נום. 3, ז. 120.

כאַיִם מעלאמוד. מיט מייער אלבערטאָנען. נום. 8, ז. 108.

אמשיי ניורענבערג. דער ערשטער פּאָרטרעט. נום. 11, ז. 145.

ייִסראָעל סערעבריאַני. ער האָט געקענט די שווערסטע שאָ פארגרינגערן (צו א. גורשטיינס 75־טן געבורטסטאָג). נום. 11, ז. 152.

לייב פּולווער. עפּיזאָדן פון מיַין לעבן. נום. 2, ז. 113.

ז. קאַהאַן. א לעבן, פול מיט שעפערישער מי (צום 80־טן געבורטסטאָג פון הילעל אלעקסאנדראָוו). נום. 8, ז. 130.

מארק ראזומני. א לעבן פון שעפערישער באַפליגלט־קיַיט (צו מ. שאַץ־אַנינס 85־טן געבורטסטאָג). נום. 6, ז. 131.

אַרן ראַסקין. דער שעפערישער וועג פון א קריטיקער (צו י. נוסינאָווס 80־טן געבורטסטאָג). נום. 2, ז. 123.

שלוימע ראָזענבערג. שאָלעם אש פון דער נאָענט. נום. 3, ז. 114.

מוישע שאפּיראָ. עליע ספּיוואַקס ביַיטראָג צו דער ייִדישער שפּראַך־וויסנשאפט. נום. 10, ז. 138.

טעאַטער און עסטראַדע

לעאָניד אוטיאָסאָוו. און נאָכאמאָל קאָלין... נום. 10, ז. 154.

מוישע גאָלדבלאט. א וואָרט וועגן זוסקינען (צו זיַין 70־טן געבורטסטאָג). נום. 1, ז. 120; א לעבן אין זוכע־ניש (צום 80־טן געבורטסטאָג פון עפראַיִם לויטער). נום. 7, ז. 135.

יעשוע ליובאָמירסקי. דער רעפּערטואַר און זיַין סצע־נישע פארקערפּערונג. נום. 7, ז. 122; זיכרוינעס וועגן דעם אקטיאָר רודאָלף זאסלאַווסקי. נום. 12, ז. 171.

מוישע נאַכימאָווסקי. ייִדישע סאָוועטישע קאָמפּאָזי־טאָרן. לייב קאָגאן. נום. 6, ז. 145.

כאַיִם סלאָוועס (פּאריזש). די טראַגישע סטירע. נום. 2, ז. 132.

י. שוסטער. פּרעמיערעס אין לאָקאַל פון רעדאַקציע. נום. 1, ז. 103; נום. 2, ז. 147; א פרישער שטראָם (וועגן עטל קאָוואַנסקאַיא). נום. 6, ז. 150.

ביבליאָגראַפיע און רעצענזיעס

מ. איטקאָוויטש. דער זשורנאל און זיַינע לייענער. נום. 1, ז. 141.

א. פריבלודע, מ. ראָזענהויז, י. סערעבריאַני. לענינס ווערק און די ליטעראַטור וועגן לענינען אין ייִדיש. נום. 4, ז. 153.

א. פינקעלשטיין, מ. ראָזענהויז. דעם ניסטערס ווערק. נום. 1, ז. 150.

א. פינקעלשטיין. ביכער פון ייִדישע שרײַבער, דערשי־נענע אין די יאָרן 1965—1969. נום. 11, ז. 177; ביכער פון פּערעץ מארקיש. נום. 12, ז. 177.

מ. ראָזענהויז. ש. ראָסינס ווערק (ביבליאָגראַפישע רע־שימע). נום. 8, ז. 78.

ה. רעמעניק. א בריוו אין רעדאַקציע. נום. 1, ז. 153.

קורצע נאָטיצן. א וו ר אָ ם ר ו ב י נ ש ט ײ ן. א וועטע־ראַן פון דער ייִדישער סאָוועטישער בינע; ג. קאָמאַראָוו. אַן אוניקאַלער דענקמאָל. נום. 7, ז. 153.

קורצע רעצענזיעס. נום. 1, ז. 133—137. מ. גרוביאַן. אווראָם גאָנטאַרס בוך „טויבן אפן דאך"; מ. גלייזער. שיקע דריזס „די פערטע סטרונע"; י. סערעבריאַני. מוישע קישס „די וועלט איז מיַין ליד".

נום. 9, ז. 147—149. מ. גלייזער. הירש אָשעראָוויטשעס „זונענגאַנג"; יאנקעוו לוואָווסקי. ריווקע רובינס „עס שפּינט זיך א פאָדעם".

נום. 10, ז. 149—151. ייִסראָעל סערעבריאַני. דערציילונ־גען פון יעשוע אורבאַס; נאָרמאַן באַראָדין. דריַי ביכער אין אמעריקע וועגן אנטיסעמיטיזם.

בלעטערנדיק זשורנאלן און ציַיטונגען

בלעטערנדיק זשורנאלן און ציַיטונגען. אַן עפּיזאָד אין לעבן פונעם קאָסמאָנאַווט שאָנין („פּראַוודאַ", אַרטיקל פון וו. מינאַסיאַן). נום. 1.

א בליק אף פויכטוואַנגערס שאפונג („זאַ רובעזשאָם"); פיליפּ באָנאָסקי. דער טויט־גײַסט, וואָס איז ארויסגעלאָזט געוואָרן אין האָליוווד („קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ"); דער וועג צו פּאָפּוליאַריטעט („זאַ רובעזשאָם"). נום. 2.

וואָס האָט געשריבן די ציַיטונג „אייניקיַיט" אין די טעג פון ניצאָכן מיט 25 יאָר צוריק. נום. 5.

א נומער פון דער ציַיטונג „ביראָבידזשאַנסקאַיאַ זוועז־דאַ". נום. 8, ז. 149.

אונדזערע מיטיילונגען

די שלאַכט פאַר הײַנריך הײַנע; ראַדזשיי אמאַנאָוו. דער מינדלעכער פאָלקס־קוואַל אין דער טאַדזשיקישער פּאָעזיע. נום. 1, ז. 139.

ייִסראָעל קאָוועלמאַן. פּושקינס פינגערל; א. פריבלודע. צו דער געשיכטע פון ייִדישע פאַמיליע־נעמען. נום. 2, ז. 142.

ק. פ. מאַטווייעוו (באַר־מאַטײַ). פונעם פאָלקלאָר פון די אשורישע ייִדן. ייִדיש — מ. א י ט ק אָ וו י ט ש; ייִסראָעל קאָוועלמאַן. וועגן די קומראַנער קסאָווים. נום. 7, ז. 148.

א. פריבלודע. שאָלעם־אַלײכעמס צוויי ניט פאַרעפנט־לעכטע בריוו.

נאַטאַן אלטמאַן — מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פון דער דיַיטשישער קונסט־אקאַדעמיע. נום. 11, ז. 167.

אונדזערע פּובליקאַציעס

נויעך לוריע. ווידערשטאַנד (פּיעסע). אילוסטרירט פון ה. א י נ ג ע ר. נום. 5, ז. 93.

הערש־לייב קאַזשבער. גימנאַזיע (פראַגמענטן פונעם בוך). א וואָרט וועגן אווטאָר — מ. כ א ר א ץ. אילוסט־רירט — מ. ק ל ײַ אָ נ ס ק י. נום. 8, ז. 63.

פארגעסענע בלעטער. י.־ל. גאַמזו. פון מיַינע זיכרוי־נעס וועגן שאָלעם־אַלײכעמען; בריוו צו י.־ל. גאַמזו פון שאָלעם־אַלײכעם, י. דינעזאָן, א. רייזען. (ל. פּאָדריאַטשיק. יעהודע־לייב גאַמזו). נום. 12, ז. 127.

וואָס שרײַבט מען אין אויסלאַנד וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. נום. 1, 6.

אין שפּיגל פון „סאָוועטיש היימלאַנד". נום. 1, ז. 130.

נאָטיצן פון א ייִדישן בוקיניסט — נום. 1, 3, 5—11.

אַפּקלאַנגען, רעפּליקעס, מיינונגען — **נום. 2, 7.**

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע — **נום. 1, 3, 5, 6, 8, 9, 10, 11.**

פאַרשיידנס — **נום. 1—3, 5—9, 11, 12.**

די ייִדישע פּרעסע מיט 50 יאָר צוריק האָט געשריבן — **נום. 2, 3.**

אונדזער פּאָטאָ־אינפאָרמאַציע — **נום. 6.**

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו — **נום. 11.**

לאָמיר זינגען נײַע לידער. **שיר־האשירים. ווערטער פון** ארן ווערגעליס, **מוזיק פון** לייב יאַמפּאָלסקי (נום. 1); **וואָס וועט זײַן מיט מיר? ווערטער פון** ריווע באַליאַסנע, **מוזיק פון** לייב קאָגאַן (נום. 2); **ווי כ'וואָלט א יאַם אַרי־בער. ווערטער פון** ארן ווערגעליס, **מוזיק פון** לייב יאַמ־פּאָלסקי (נום. 3); **שטיי אויף, מײַן שטעטעלע. ווערטער פון** ארן ווערגעליס, **מוזיק פון** לייב יאַמפּאָלסקי (נום. 5); **די באַלאַדע וועגן א ייִנגעלע און זײַן פידל. ווערטער פון** באָריס דובראָווין (ייִדיש — **א. ווערגעליס**), **מוזיק פון** לייב קאָגאַן (נום. 6); **וואַרעמע ווינטן. ווערטער פון** ארן ווערגעליס, **מוזיק פון** זינאָווי קאָמפּאַנייעץ (נום. 7); **דער פּאָעט. ווערטער פון** מאָטל גרוביאַן, **מוזיק פון** לייב יאַמפּאָלסקי (נום. 8); **א קאַראַהאָד. ווערטער פון** ארן ווערגעליס, **מוזיק פון** לייב יאַמפּאָלסקי (נום. 9); **זאָגט ניט קאַדיש נאָך מײַן שטעטל. ווערטער פון** ארן ווערגעליס, **מוזיק פון** זינאָווי קאָמפּאַנייעץ (נום. 10); **די ליד פון א שנײַדער. ווערטער פון** א. גאָנטאַר, **מוזיק פון** לייב יאַמ־פּאָלסקי (נום. 11); **דאָס פײַפל. ווערטער פון** ארן ווער־געליס, **מוזיק פון** לייב יאַמפּאָלסקי (**נום. 12**).

כראָניק. **נום. 1—3, 5—12.**

מוישע שאַפּיראָ. **שמועסן וועגן ייִדיש — 1—3, 5—12.**

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר. **יובילייען פון פּייסעך בינעצקי, קאַרעל טשאַפּעק** (נום. 1); **אווראָם מערעזשין, מאַלקע ליפּ־שיץ (עסטער פרומקין), כאַווער־פּאַווער (גערשן אײַנבינ־דער)** (נום. 2); **כאַיִם־זעליק סלאָנימסקי, לעאָניד אוטיאָ־סאָוו** (נום. 3); **באָריס קלעצקין, ייִצכאָק (יעכיִעל) קאַצענעל־סאָן** (נום. 5); **יעהויאָש, לייב בראָווארניק** (נום. 6); **ראָכל פייגענבערג, נ. שאַצקי, סאָרע רייזען** (נום. 7); **מוישע גאָלדשטיין, שאָול טשערניכאָווסקי, גי דע מאָפּאַסאַן** (נום. 8); **שימען דובנאָוו, מוישע דובינסקי** (נום. 9); **עליאָ־קום צונזער, אי. א. בונין** (נום. 10); **מוישע בראָדערזאָן, עמאַנועל** (מענאַכעם) **רינגעלבלום, אַלפרעד לאַנדוי** (נום. 11); **יעהודע־לייב גאָרדאָן, פישל בימקאָ, ארן־שמועל ליבערמאַן, א. א. פּעט (שענשין)** (נום. 12).

קינסטלערישע בײַלאַגעס. **ווערק פונעם סקולפּטאָר מוי־שע ווײַנמאַן** (לענינגראַד) **און קינסטלער שימען גאַרמיזע** (אָדעס). נום. 1; **קינסטלער הערש אינגער** (נום. 2); **ליטאָגראַפיעס און גראַווירן פון שײַע בראָנשטיין** (אַרײַנ־פיר פונעם קאַנדידאַט פון קונסטקענטעניש ל. וואַרשאַוו־סקי). נום. 3; **צייכענונגען צום לענין־יובילײ פון וו. איוואַ־נאָוו, מ. קליִאָנסקי, א. אַצמאַנטשוק, ס. געראַסימאָוו** (נום. 4); **צייכענונגען צום 25־טן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד פון א. ליסענקאָ, פּ. לאָ־גינאָוו, וו. פּאַמפּילאָוו, מ. קליִאָנסקי, נ. טאָלקונאָוו, וו. באָ־גאַטקין, וו. קאַסטעצקי, א. ניקיטש** (נום. 5); **סקולפּטאָר פּייסעך קריוואָרוצקי** (זע אף ז. 144 **די נאָטיץ פון מ. כאַ־נעס „א באַגײַסטערטער קינסטלער“**). נום. 6; **קינסטלער טאַנכום קאַפּלאַן** (זע אף ז. 144 **די נאָטיץ פון ב. סמירנאָוו „נײַע שאַפונגען פונעם קינסטלער טאַנכום קאַפּלאַן“**). נום. 7; **קינסטלער מייער אַקסעלראָד** (זע אף ז. 142 **דאָס אַרטיקל פון א. קאַמענסקי „וועגן מייער אַקסעלראָדס שאַ־פונג“**). נום. 8; **קינסטלער נאַטאַן אַלטמאַן** (זע אף ז. 109 **דאָס אַרטיקל פון ז. קאַהאַן „באַגײַסטערט פון דער רעוואָ־ליוציע“**). נום. 9; **סקולפּטאָר נאָכעם מאָגילעווסקי און קינסטלער הערש אינגער** (נום. 10); **פון דער אויסשטע־לונג אין „סאָוועטיש היימלאַנד“** (זע אף ז. 170 **דאָס אַר־טיקל פון ל. וואַרשאַווסקי. „אויסשטעלונגען פון די ווערק פון ייִדישע מאָלער“**): **מאַרק מידלער. א ראַבפּאַקאָווקע, פאַרנאַכט; מיכאַיִל גורעוויטש. אַלט־מאָסקווע; בערטאַ טאַרנאָפּאָלסקאַיאַ. ווינטער הינטער מאָסקווע; גערשן קראַוו־צאָוו. ייִדישער שריפט; ווילהעלם לעוויק. א פּאָרטרעט פון א מיידל, טאַרוסאַ** (נום. 11); **קינסטלער אַלעקסאַנדער גלוסקין** (זע אף ז. 176 **דאָס אַרטיקל פון וו. לעוויק „אַלעקסאַנדער גלוסקין“**). (**נום. 12**).

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Год издания десятый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректор Х. Поташник

Подписано к печати 16/XI-1970 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 2851.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома
Комитета по печати при Совете Министров СССР
Пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА
№ 12
1 9 7 0

В НОМЕРЕ:

П. Маркиш. Пути развития еврейской поэзии.

Рассказы Х. Меламуда, А. Кагана, В. Катаева.

М. Талалаевский. Горячие сердца (роман. Окончание).

Стихи А. Гонтаря, Г. Блоштейна, И. Боруховича.

Публицистика

Два репортажа о Биробиджане П. Рябова (Хабаровск) и Майка Дейвидова (США).

Обзор печати. С. Бейлин. Истинный смысл сионистских «идентификаций».

«Джуиш дефенс лиг» — что это такое?

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

А. Раскин. Проблемы творчества израильских писателей (обзор журнала «Мознаим»).

И. Серебряный. Шолом-Алейхем о переводах художественной литературы.

Наши сообщения. Хроника. Заметки на календаре.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.